אַלס אַ וויכטיקער מקור פאַר דער דאָזיקער אַרבעט האָבן מיר געדינט די מאָנאָגראַפיעס וועגן לאַנצוט פון סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי *, דעם געוועזענעם בירגערמייסטער פון לאַנצוט און פון דעם היסטאָריקער זענאָן שוסט **, וועלכע האָבן נישט געשפּאָרט קיין מי און אַרבעט, כדי צו שילדערן די געשיכטע פון דער שטאָט לאַנצוט אין אַלע אירע אַנטוויקלונגס־תקופות. אַ סך צו פאַרדאַנקען האָבן מיר אויך דעם לאַנצוטער פאָלקסטימלעכן דאָקטער וו. באַליצקי, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר זיין אויפגאַבע צונויפצוזאַמלען אַלע דאָקומענטן און אַקטן, וועלכע קענען האָבן אַ באַדייטונג פאַר דער געשיכטע פון דער שטאָט ווי אויך די, וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן לעבן אין לאַנצוט.

* Miasto Łańcut — Z dziejów i z własnych wspomnien. 1937.

** Sredniowiecze Łańcuta. 1957.
Łańcut i okolice — 1959.

.1

דער שטח, וועלכן עס פאַרנעמט לאַנצוט, געהערט צו דער נידעריקסטער טעראַסע פון קאַרפּאַטישן פאָרבאַרג, וואָס ציט זיך עטלעכע הונדערט מעטער צו דער צפון־זייט פון צענטער פון דער שטאָט ביז צו דעם טאָל ביים טייך ווייסלאָק. דער דרומדיקער, בערגיקער שטח איז געווען דורכגעשניטן אין די אוראַלטע צייטן מיט פאַרטיפונגען, וואָס האָבן געזאָלט דינען פאַר פאַרטיידיקונגס־צוועקן, און די וואַסערן וואָס זענען געפלאָסן פון די דרומדיקע הויכקייטן, פלעגן פאַרפלייצן גרויסע שטיקער וואַלדיקע ערד און שאַפן זומפן און בלאָטעס, וואָס האָבן כמעט אוממעגלעך געמאַכט דעם צוגאַנג אַהינצו.

אינמיטן פון די דאָזיקע זומפן איז געשטאַנען אַ באַרג, וועלכן מען האָט פון די עלטסטע צייטן גערופן Łysa góra (דער גאָלער באַרג). דער דאָזיקער באַרג, אויף וועלכן עס איז שוין אין דער צווייטער העלפט פון 14־טן יאָרהונדערט געשטאַנען דער שלאָס פון דער מאַגנאַטן־משפחה פילעצקי — איז געווען דער אָביעקט, אַרום וועלכן עס האָבן זיך קאָנצענטרירט קאָלאָניסטן, געפינענדיק דאָ באַדינגונגען פאַר עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן.

אין 12־טן, 13־טן און אין אָנהויב 14־טן יאָרהונדערט איז לאַנצוט געווען אַ פוסטער, נישט באַוווינטער שטח מיט געדיכטע זומפּיקע וועלדער, פול מיט ווילדע חיות. אינמיטן די דאָזיקע וועלדער האָט זיך געצויגן אַן אַרומגעצוימטער וועג, מיט עטלעכע שמאָלע טויערן. פאַרן שוץ פון די טויערן זענען אויפגעשטעלט געוואָרן וואַכטורעמס. פון דאַנען זאָלן שטאַמען די נעמען פון פאַרשידענע ערטער, ווי למשל „Strażnica". לויט דער השערה פונעם היסטאָריקער זענאָן שוסט, זאָל טאַקע דער נאָמען לאַנצוט שטאַמען פון אַזאַ וואַכטורעם: „לאַנדעסהוט (Landeshut). הגם מער באַגרינדעט און אָנגענומען איז די צווייטע השערה, אַז דער נאָמען לאַנצוט שטאַמט פון דער בייערישער אָרטשאַפט „לאַנדסהוט" (Landshut), פון וואַנען עס זענען געקומען די ערשטע דייטשע קאָלאָניסטן.

.2

אַזוי אַרום איז דער שטח אַרום דער שטאָט געווען זומפּיק און שווער צו דערגרייכן פון דער מזרח־זייט, ווי אויך פון מערב און פון צפון. נאָר פון דרום האָט לאַנצוט נישט פאַרמאָגט קיין נאַטירלעכע פאַרטיידיקונגס־מעגלעכקייטן. דערפאַר איז דאָ אויפן פלאַכיקן באָדן אויפגעשיט געוואָרן אַ וואַל פון ערד, און אין דעם דרום־מזרחדיקן ווינקל פון די דאָזיקע שטעטישע באַפעסטיקונגען איז געווען איינגעמויערט אַ טויער, וועלכן מען האָט גערופן „פשעוואָרסקער טויער". קעגנאיבער איז געווען באַפעסטיקט אַ צווייטער, הילצערנער טויער.

הגם לאַנצוט איז געלעגן נישט ווייט פון שלאָס אויף דעם „גאָלן באַרג", האָט די שטאָט, אין וועלכער עס זענען געשטאַנען בלויז הילצערנע הייזלעך, נישט געקענט זיך פאַרטיידיקן קעגן די אָפטע אָנפאַלן פון פיינטלעכע כוחות, וועלכע האָבן איר חרוב געמאַכט, גערויבט און געפּלינדערט די באַפעלקערונג. אַזעלכע אָנפאַלן, זענען פאָרגעקומען אין די יאָרן 1498, 1502, 1523, 1624, און 1657. בלויז דער שלאָס אויפן „גאָלן באַרג" פלעגט אָפּשלאָגן אַלע אָנפאַלן מצד די שונאים.

די היסטאָריקער פון לאַנצוט האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אין דער ערשטער תקופה פון איר אַנטשטייאונג, האָט די שטאָט פאַרנומען דעם שטח פון אַלטן מאַרק, וועלכן מען האָט אין יאָר 1883, לכבוד דעם 200־יאָריקן יובל פונ׳ם נצחון אונטער ווין, אַ נאָמען געגעבן „סאָביעסקי־פּלאַץ". ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז ביי דער גרינדונג פון לאַנצוט און ביים אָרגאַניזירן דאָס שטאָטישע לעבן טעטיק געווען אַ גרופּע דייטשע קאָלאָניסטן פון דער בייערישער אָרטשאַפט „לאַנדסהוט", וועלכע האָבן באַקומען פּריווילעגיעס לויט דעם אַזוי גערופענעם מאַגדעבורגער רעכט. אַ סטאַטוט פון שטאָט האָט לאַנצוט באַקומען פון פּוילישן קעניג קאַזימיעזש דעם גרויסן אין די יאָרן צווישן 1350 און 1360. לויט די קירכלעכע אנגאַבן איז די שטאָט לאַנצוט געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1349, ווייל אין דעם יאָר איז דאָרט אַנטשטאַנען די לאַטיין־קאַטוילישע פּאַראַפיע.

3

אַרום דעם שלאָס אויפן „גאָלן־באַרג" האָט זיך בלי שום ספק געשאַפן אַ מאַרק, וועלכער האָט פאַרזאָרגט די אַדמיניסטראַטיווע און מיליטערישע כוחות פון שלאָס מיט שפּייזפּראָדוקטן, מיט אויסאַרבעטונגען פון בעלי־מלאכהס און מיט פּרימיטיווע געברויכס־אַרטיקלען. אַרום דעם דאָזיקן מאַרק נעבן דעם שלאָס איז אַנטשטאַנען לאַנצוט, צוערשט ווי אַ קליינער ישוב און דערנאָך ווי אַ שטאָט אויף יסודות פון דייטשן רעכט. אויפן שטח צווישן דעם „גאָלן־באַרג" און דער אַלטער שטאָט (אַלטן מאַרק) איז באַשטימט געוואָרן אַ ברייטער מאַרק און פון יעדן ווינקל פון דעם נייעם מאַרק האָט זיך געצויגן אַ גאַס. אינמיטן נייעם מאַרק איז אויפגעבויט געוואָרן דאָס ראַטהויז.

צוערשט האָבן אין לאַנצוט געוווינט מענטשן, וועלכע זענען געווען פאַרזענלעך אָדער ווירטשאַפטלעך אָפּהענגיק פון שלאָס־אייגנטימער, צו וועלכן עס האָט אויך געהערט די שטאָט גופא. דער ערשטער, געשיכטלעך נאָכגעוויזענער הערשער איבער דעם לאַנצוטער שטח איז געווען אָטטאָ פּילעצקי, וועלכער האָט שוין אין יאָר 1381 דערלויבט דעם דייטש האַנזעל לאַנג צו גרינדן דרומדיק פון לאַנצוט אַ דאָרף לאַנגין־אוו, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען „האַנדז־לוווקאַ".

נאָכן טויט פון אָטטאָ פּילעצקי אין יאָר 1382 איז לאַנצוט אַריבער אין ירושה צו זיין טאָכטער עלזשביעטאַ, וועלכע האָט שפּעטער, אין יאָר 1417, שוין ווי אַן אלמנה נאָך איר מאַן ווינצענטי גראַנאָווסקי, חתונה געהאַט מיט דעם פּוילישן קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגעללאָ. אַלע גיטער, וואָס האָבן געהערט צו עלזשביעטאַ, האָט יאַגעללאָ געשענקט איר זון יאַן פּילעצקי. באַלד אָבער אין 2 יאָר אַרום נאָך דער חתונה מיט יאַגעללאָ איז עלזשביעטאַ קראַנק געוואָרן און האָט זיך מייסטנס אויפגעהאַלטן אין לאַנצוט, וואו עס פלעגט זי עפּטערס באַזוכן איר מאַן, דער קעניג יאַגעללאָ, ביז זי איז געשטאָרבן אין יאָר 1420.

אויף דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט האָט אַ סך משפּיע געווען די קאָמוניקאַציע ליניע, וואָס האָט פאַרבונדן דורך לאַנצוט זייט יאָרהונדערטער דעם מערב מיטן רייסן. דעם דאָזיקן וועג האָט מען גערופן „דער ראַפּשיצער שליאַך", ווייל אין ראָפּשיץ האָט זיך געפונען די קעניגלעכע צאָלקאַמער. די שטאָט האָט זיך אויסגעבויט לענגאויס דער היינטיקער דאָמיניקאַנער־גאַס, וועלכע איז געווען די הויפּט קאָמוניקאַציע־ליניע און דערנאָך לענגאויס דעם וועג, וואָס האָט פאַרבונדן לאַנצוט מיט קזשעמיניץ, וואו עס האָבן זיך באַזעצט ס׳רוב דייטשע קאָלאָניסטן. די ווייטערדיקע אויסברייטערונג פון דער שטאָט איז געגאַנגען לענגאויס דעם וועג, וואָס האָט געפירט דורך לאַנצוט פון לעזשאַיסקער, סאָקאָלאָווער ריכטונג קיין קאַנטשוגע און צום סוף ווייטער נאָך צפון פון דער שטאָט, וואו עס האָט זיך באַזעצט ס׳רוב דער היימישער, פּוילישער עלעמענט.

אין דער העלפט פונ׳ם 15־טן יאָרהונדערט איז לאַנצוט געווען שוין אַ וויכטיקער ווירטשאַפטלעכער צענטער לויט די דעמאָלטיקע פאַרהעלטענישן. אין די יאָרן 1458, 1464 און 1465 זענען אין לאַנצוט פאָרגעקומען וויכטיקע צוזאַמענפאָרן פון פאָרשטייער פון די גרעסטע דעמאָלטיקע שטעט, כדי צו באַראָטן זיך אין ווירטשאַפטלעכע, און בפרט אין סוחרישע ענינים לויטן מוסטער פון די שטאָטישע פאַרבאַנדן אין דייטשלאַנד.

אין יאָר 1447 האָט יאַן פּילעצקי באַקומען פונ׳ם קעניג קאַזשימיעזש יאַגעלאָנטשיק דאָס רעכט איינצואָרדענען אין לאַנצוט יעדעס יאָר אין אַ באַשטימטן טאָג אַ וועכנטלעכן יריד. די ירידים זענען דאַן געווען אַ וויכטיקער מקור פון הכנסה פאַר דער באַפעלקערונג, ווי אויך פאַרן אייגנטימער פון דער שטאָט און צוליב דעם איז טאַקע אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן די הערשער פון דער שכנותדיקער ריישע און צווישן די אייגנטימער פון לאַנצוט, און יעדער צד האָט געמאַכט באַמיאונגען צו ליקווידירן דעם יריד אין דער שכנותדיקער שטאָט.

נאָך דעם טויט פון יאַן פּילעצקי איז לאַנצוט איבערגעגאַנגען צו איינעם פון זיינע 3 זין, סטאַניסלאַוו, וועלכער האָט

אין יאָר 1488 אויפגעבויט אין לאַנצוט אַ קירכע און שפּעטער אין יאָר 1491 אַ צווייטע קירכע און אַ קלויסטער פאַר די דאָמיניקאַנער.

אין דער העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט איז לאַנצוט באַרימט געוואָרן דערמיט, וואָס דער דעמאָלטיקער אייגנטימער פון דער שטאָט, קשישטאָף פּילעצקי, איז צוגעשטאַנען צו דער רעפאָרמיסטישער, לוטעראַנער רעליגיעזער באַוועגונג און האָט מיט זיך מיטגעריסן אַ גרויסן טייל פון דער לאַנצוטער באַפעלקערונג. לאַנצוט איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקע דיסידענטישע צענטערס אין פּוילן. קשישטאָף פּילעצקי האָט פאַרטריבן פון לאַנצוטער קלויסטער די דאָמיניקאַנער, ווי אויך דעם גלח פון דער קאַטוילישער פּאַראַפיע, פאַרוואַנדלענדיק די קאַטוילישע קירכע אין אַ לוטעראַנישע. די קאַטוילישע איינוווינער פון לאַנצוט האָבן במשך 80 יאָר אָפּגעהאַלטן זייערע תּפילות אין אַ הילצערנעם, קליינעם געבעט־הייזל, אינם שכנותדיקן דאָרף סאָנינאָ. אין לאַנצוט זענען אויך אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יאָר 1565 און 1567 צוויי וויכטיקע פּראָטעסטאַנטישע סינאָדן.

דער ערשטער היסטאָרישער דאָקומענט, אין וועלכן עס ווערט דערמאָנט די שטאָט לאַנצוט איז די פּויפּסטלעכע בוללע פון יאָר 1378, וועלכע באַרופט זיך אויפן דאָמיניקאַנער קלויסטער אין לאַנצוט, פון וואָס עס איז אויך געדרונגען אַז לאַנצוט האָט שוין אין דעם יאָר באַדאַרפט זיין אַ שטאָט מיט אַ געוויסער באַדייטונג און אַז זי האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ לענגערע אַנטוויקלונגס תּקופה.

עס איז אויך פאַראַן אַן אַקט, אַרויסגעגעבן דורך אָטאָ פּילעצקי אין יאָר 1381, לויט וועלכן די אָרטשאַפט „לאַנגין־אוו", וואָס איז געלעגן אין לאַנצוטער קרייז, און עקזיסטירט שוין נישט היינט, האָט באַקומען אַ רעכטלעכן סטאַטוס. עדות ביים צונויפשטעלן דעם דאָזיקן אַקט זענען געווען דער סאָלטיס פונעם דאָרף קשעמיניץ, דעם גרעסטן אין לאַנצוטער קרייז, דער וואָיט און 4 לאַווניקעס פון דער שטאָט לאַנצוט. דער אַקט באַווייזט אויך, אַז לאַנצוט האָט שוין צום סוף פון 14־טן יאָרהונדערט פאַרמאָגט אַ גאַנץ אַנטוויקלטע מוניציפּאַלע אָרדענונג.

ווייטערע ידיעות וועגן לאַנצוט אַנטהאַלטן די דאָקומענטן פון'ם קאַרדינאַל דעמעטריוס פון יאָר 1384, אין וועלכן ער באַשטעטיקט דעם מעשר אָפּצאָל פאַר דער פּשעמישלער דיעצעזיע פון דעם לאַנצוטער קירכלעכן דיסטריקט. דער דאָזיקער אַקט, ווי אויך דער דאָקומענט וועגן דער אָרטשאַפט לאַנגין־אוו זענען צוויי וויכטיקע מקורות פאַר דער געשיכטע פונעם לאַנצוטער קרייז, און פון דער שטאָט לאַנצוט גופא, ווייל זיי זאָגן עדות, אַז דער לאַנצוטער דיסטריקט איז שוין אין דער צווייטער העלפט פון 14־טן יאָרהונדערט געווען גוט אַנטוויקלט און אַז די באַפעלקערונג פון לאַנצוט און די איינוואוינער פון די אַרומיקע דערפער זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע פעדים און בשותּפותדיקע עקאָנאָמישע אינטערעסן, וואָס האָבן געפונען דעם בולטסטן אויסדרוק אין דער אינסטיטוציע פון מערק און ירידים.

צווישן לאַנצוט און די שכנותדיקע שטעט, בפרט מיט דער נאָענטער ריישע האָבן געהערשט ענגע, ווירטשאַפטלעכע באַציאונגען, וועלכע האָבן זיך נאָך מער פאַרצווייגט אין דער שפּעטערדיקער תּקופה, ווען ריישע און לאַנצוט האָבן געהערט צו איין און דערזעלבער מאַגנאַטישער משפּחה פון די לובאָ־מירסקיס. ענלעכע באַציאונגען האָבן אויך געהערשט צווישן לאַנצוט און טיטשין, ווייל ביידע שטעט זענען במשך עטלעכע הונדערט יאָר געווען אַן אייגנטום פון די פּילעצקיס. אַ חוץ דעם איז לאַנצוט אויך געווען פאַרבונדן מיט לעזשאַיסק און דאָס נאָר ביז צו דער צייט, ווען אין לאַנצוט האָט געהערשט סטאַדניצקי, וועלכער האָט במשך עטלעכע יאָר געפירט אַ מלחמה מיט דעם מאַגנאַט לוקאַש אָפּאַלינסקי, וואָס האָט געהאַט זיין רעזידענץ אין לעזשאַיסק.

דערפאַר זענען גאָר ענג געווען די באַציאונגען צווישן לאַנצוט און די שכנותדיקע פּשעוואָרסק פון מזרח־זייט און ווי עס אונטערשטרייכט זענאָן שוסט *, האָבן זיך די אַקטן פון דער פיליאַלע פונעם פּשעמישלער לאַנדעס־געריכט אין פּשעוואָרסק אָנגעהויבן אין יאָר 1437 און זינט דאַן איז לאַנצוט געשטאַנען מיט פּשעוואָרסק אין שטענדיקן קאָנטאַקט.

לאַנצוט האָט ביז דער ערשטער טיילונג פון פּוילן געהערט פאָרמעל און אַדמיניסטראַטיוו צו רייסן און צוזאַמען מיט די שכנותדיקע שטעט ריישע, פּשעוואָרסק און יאַראָסלאַוו, אין דער העלפט פון 14־טן יאָרהונדערט, צו דער טעריטאָריע אויף די קרעסן, וועלכע האָט זיך געפונען אונטער אַ ספּעציעלער השגחה פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן. זענען דאָך דאָס געווען די טויערן צום רויטרייסן, ווייטער קיין מזרח און קאַזשימיעזש דער גרויסער האָט געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו פאַר־אייניקן דאָס גאַנצע רייסן־לאַנד מיט פּוילן.

אין דער ערשטער אַנטוויקלונגס־תּקופה זענען די דייטשע קאָלאָניסטן געווען דער דאָמינירנדיקער עלעמענט אין דער שטאָט. עדות דערויף זענען — ווי עס גיט איבער זענאָן שוסט — די שטאָטישע פּנקסים פון לאַנצוט פון די יאָרן 1539—1559 און פון 1575—1591, אין וועלכע עס זענען הויפּט־זאַכלעך רעגיסטרירט פאַרמעגנס־טראַנזאַקציעס, וועלכע עס האָבן געשלאָסן דייטשע קאָלאָניסטן. דער ווירטשאַפטלעכער מצב אין דער תּקופה פון איבערגאַנג פון 14־טן צום 15־טן יאָרהונדערט איז געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה. אין די אַרכיוון געפינט זיך נאָך היינט דער סטאַטוט פון לאַנצוטער לייוונט־האַנטווערקער־צעך פון יאָר 1406, געשריבן אין דייטש אויף פּערגאַמין. דער פאַקט אַליין, וואָס דער דאָזיקער סטאַטוט האָט אין יאָר 1469 געדינט ווי אַ מוסטער פאַר די לעמבערגער וועבער, באַווייזט, אַז לאַנצוט איז שוין דאַן געווען אַ וויכטי־קער ווירטשאַפטלעכער צענטער און אַז אין דער דאָזיקער תּקופה איז די וועבעריי־בראַנזשע אין לאַנצוט געווען שטאַרק אַנטוויקלט. לאַנצוט האָט שוין אין 15־טן יאָרהונדערט אָנגע־האַלטן מיט לעמבערג אַ ריירעוודיקן האַנדלס־קאָנטאַקט, ווייל פון לעמבערג האָט מען געליפערט קיין לאַנצוט בשמים, הערינג, וואָל און פאַרשידענע שפּייז־אַרטיקלען. אויך דער

פאַקט, אַז אין לאַנצוט זענען אין דער העלפט פון 15־טן יאָרהונדערט פאָרגעקומען צוזאַמענפאָרן פון דעפוטירטע פון גרעסערע שטעט, כדי צו באַראָטן זיך בנוגע בשותפותדיקע ווירטשאַפטלעכע האַנדלס־ענינים, באַווייזט די וויכטיקע באַדייטונג פון לאַנצוט פאַרן דעמאָלטיקן ווירטשאַפטלעכן לעבן.

אויפן סמך פון די געבראַכטע פאַקטן, קען מען בלי שום ספק פעסטשטעלן, אַז לאַנצוט איז אין דער דערמאָנטער תקופה (14־טער און 15־טער יאָרהונדערט) געווען אַ שטאָט, וואָס האָט געהאַט אַ געוויסע באַדייטונג פאַר דעמאָלטיקן האַנדל. אין לאַנצוט האָט צום סוף פון 14־טן און אין דער ערשטער העלפט פון 15־טן יאָרהונדערט שוין געלעבט און געווירקט אַ באַדייטנדער קרייז פון סוחרים.

.4

אין יאָר 1578 האָט איבערגענומען לאַנצוט דער זון פון קשישטאָף פילעצקי, וועלכער האָט אויך געהייסן קשישטאָף, וואָס האָט פאַרשריבן די שטאָט מיט די לאַנצוטער גיטער זיין פרוי אננא, און נאָכן טויט פון איר מאַן אין יאָר 1586 האָט זי אָפּגעטרעטן לאַנצוט מיט די אַרומיקע דערפער — סטאַניסלאַוו סטאַדניצקין, דעם אַזוי גערופענעם „לאַנצוטער טייוול", וועמענס הערשאַפט איז געווען אַן אומגליק פאַר דער שטאָט און האָט צוריקגעהאַלטן אויף לאַנגע יאָרן איר אַנטוויקלונג.

זיין פיינטלעכע שטעלונג לגבי דער קאַטוילישער קירך, איז נישט געווען קיין נייעס, ווייל אין דעם פרט האָט ער נאָר פאָרגעזעצט די אַנטי־קאַטוילישע האַלטונג פון די פריערדיקע לעצטע הערשער פון לאַנצוט, קשישטאָף פילעצקי און זיינע זין, וועלכע האָבן באַרימט געמאַכט לאַנצוט אין דער פּראָטעסטאַנטישער וועלט. סטאַדניצקי האָט זיך קונה שם געווען אַלס איינער פון די געפערליכסטע אַוואַנטוריסטן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף דער פּאָליטישער אַרענע אין פוילן פאַר איר טיילונג און דערפאַר האָט מען אים גערופן „דער לאַנצוטער טייוול".

מיט זיינע אכזריותדיקע מעשים און ווילדע אויסגעלאַסנקייטן האָט ער אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די איינוואוינער פון לאַנצוט און אַרומיקע ערטער. ער האָט זיך באַנוצט מיט אַלע מיטלען אַפילו מיט געוואַלט, כדי צו פאַרגרעסערן די הכנסות פון זיינע לאַנצוטער גיטער. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט אַן ענין פון אַ יריד, וועלכער פלעגט אין די צייטן פון אטטא פילעצקי פאָרקומען אין לאַנצוט יעדעס יאָר דעם 23־סטן אַפּריל און איז שפּעטער דורך די פוילישע מלכים פאַרבאָטן געוואָרן, אַ דאַנק די באַמיאונגען פון די אייגנטימער פון דער שכנותדיקער ריישע, וואו דער יריד פלעגט אָפּגעהאַלטן ווערן יאָרערלעך 2 טעג שפּעטער, דאָס הייסט דעם 25־סטן אַפּריל. סטאַדניצקי האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער דאָזיקער החלטה פון פוילישן קעניג און פאַראָרדנט, אַז דער יערלעכער יריד זאָל צוריק אָפּגעהאַלטן ווערן אין לאַנצוט אַזוי ווי פריער, דאָס הייסט דעם 23־סטן אַפּריל. זייט דעם יאָר 1600 פלעגט ער אויפן וועג קיין ריישע באַפאַלן אַלע סוחרים און נעמען ביי זיי גרויסע אָפּצאָלונגען. דאָס האָט געפירט צו אַ באַוואָפנטן שטרייט צווישן סטאַדניצקי און דעם אייגנטימער פון ריישע, ליגעזא, וואָס האָט געדויערט יאָרן און זיך געענדיקט טראַגיש פאַר סטאַדניצקין.

ער האָט אויך אָנטיילגענומען אין באַוואָפנטן בונט קעגן דעם פוילישן קעניג זיגמונט דעם דריטן און ווען די דאָזיקע אַוואַנטורע האָט זיך פאַר אים אויך נישט גוט פאַרענדיקט, איז ער ווידער אַריין אין אַ מחלוקה מיט דעם סטאַראָסטע פונעם שכנותדיקן לעזשאַיסק, לוקאש אָפּאַלינסקי. דער קאַמף צווישן די צוויי קעגנער איז געווען אַ בלוטיקער און לאַנגער. נאָך עטלעכע קליינע נצחונות פון סטאַדניצקין, איז אין יאָר 1608 געקומען אויפן וועג צווישן לעזשאַיסק און פּשעמישל צו אַ גרעסערער שלאַכט, און ווען די חיילות פון סטאַדניצקי האָבן פלוצים אָנגעהויבן צו אַנטלויפן — זענען די קעמפער פון אָפּאַלינסקי, נאָכיאָגנדיק סטאַדניצקיס מענטשן, אַריינגעפאַלן קיין לאַנצוט און זיך נוקם געווען איבער די איינוווינער, וועלכע זיי האָבן באַראַבעוועט און אויסגעמאָרדעט. עס איז דאַן פאַרברענט געוואָרן אַ טייל פון דער שטאָט, עס זענען פאַרניכטעט געוואָרן די שטאָטישע פנקסים און דאָקומענטן פון שטאָטישע פּריווילעגיעס, עס זענען אויסגערויבט געוואָרן די קירכעס, און די שלאָס אויף „גאָלן־באַרג" איז צורויבט און פאַרברענט געוואָרן.

סטאַדניצקין איז געלונגען זיך צו ראַטעווען און ער איז באַלד צוריקגעקומען קיין לאַנצוט, וואו ער האָט זיך נוקם געווען איבער יעדן, אויף וועמען עס איז נאָר געפאַלן אַ חשד, אַז ער האָט אָנטיילגענומען אינעם רויב אויפן שלאָס.

אין יאָר 1610 איז ענדלעך געקומען צו אַן אַנטשיידנדיקער שלאַכט צווישן אָפּאַלינסקי און סטאַדניצקי, וועלכער איז געפאַלן אינעם קאַמף מיט אָפּאַלינסקיס מיליטער, איבערלאָזנדיק דריי זין. דער יינגסטער פון זיי, סטאַניסלאַוו, ווען ער איז פאַרבליבן אַליין און האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט די חובות פונעם פאָטער און זיינע צוויי ברידער, האָט אין יאָר 1629 אָפּגעטרעטן לאַנצוט פאַר אַ סכום פון 250.000 פוילישע זלאָטעס דעם פירשט סטאַניסלאַוו לובאָמירסקי, דעם רייסישן וואָיעוואָדע.

אין סטאַדניצקיס צייט איז די צאָל פון דער שטאָטישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט אין יאָר 1589, ווי עס גיט איבער זענאן שוסט באַטראָפן 1785 נפשות, געפאַלן אויף אַ דריטל און האָט זיך געפונען אין מצב פון אַ פולשטענדיקער ירידה.

.5

דער נייער אייגנטימער פון דער שטאָט, סטאַניסלאַוו לובאָמירסקי, האָט צוריקגעגעבן דער שטאָט איר קאַטוילישן כאַראַקטער, ער האָט פאַרטריבן פון לאַנצוט די דיסידענטן, צוריקגערופן די דאָמיניקאַנער און צוריקגעגעבן זיי דעם קלויסטער מיט די גיטער.

שוין אין יאָר 1629 האָט לובאָמירסקי אָנגעהויבן בויען אַ הערלעכן באַפעסטיקטן פּאַלאַץ, אויפן שטח פון דאָרף סאָבינא, וועלכער איז פערטיק געוואָרן ערשט אין יאָר 1641. לובאָמירסקי האָט אויך געזאָרגט פאַר דער זיכערקייט פון דער שטאָט גופא און געווידמעט פיל אויפמערקזאַמקייט דער אַנטוויקלונג פון האַנדל און מלאכה אין דער שטאָט. עס האָט זיך דאַן פאַרגרעסערט די צאָל איינוואוינער, און אויסגעברייטערט

דער שטח פון דער שטאָט. שוין פריער האָבן די איינוואוינער פון לאַנצוט נישט געוואוינט בלויז אינערהאַלב פון די שטאָטישע באַפעסטיקונגען; זיי האָבן זיך געשאַפן וואוינונגען מחוץ די פאָרטיפיקאַציעס וועלכע האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט.

סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי אונטערשטרייכט אין זיין אויבן ציטירטן בוך דעם דאָזיקן פאַקט מיט דער באַמערקונג, אַז אין אַ געוויסן מרחק פון דער גרענעץ פון דער שטאָט האָט זיך געפונען דער שפּיטאָל, אָדער אייגנטלעך אַן אַזיל פאַר אָרעמע זקנים, ווי אויך אַ קליינע קירכע גלייך ביים וועג, וואָס פירט קיין ריישע און טראָגט היינט דעם נאָמען דאָמיניקאַנסקאַ־גאַס.

צעטנאַרסקי ווייזט אויך אָן, אַז נאָך היינט זענען פאַראַן דאָקומענטן, פון וועלכע מיר דערוויסן זיך, אַז אויף האַנטווערקער, וואָס האָבן געאַרבעט אין די פאָרשטעט פון לאַנצוט ווי אויך אויף די איינוואוינער פון דער שטאָט גופא האָבן די שטאָט אייגנטימער אַרויפגעלייגט פאַרשידענע התחיבותן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער פליכט צו באַשיצן די שטאָט. די דאָזיקע עקספּאַנזיע האָט זיך, לויט צעטנאַרסקין געצייגן ווייטער, אין דער ריכטונג פון דער היינטיקער גרונוואַלדזקאַ־און קאָנאָפּניצקאַ־גאַס און אין דער געגענט פון דער היינטיקער פאָרשטאָט (פשעדמיעשציע), ווייל דער דאָזיקער שטח איז געווען אַממייסטן נאָענט צו דער הויפּט־קאָמוניקאַציע־ליניע.

ווען דער שטח אין לאַנצוט איז געוואָרן ענג, האָט מען אָנגעהויבן בויען אין „פשעדמיעשציע" און „פּאָדוויעזשיניעץ", וועלכע זענען פון אָנהויב געווען נאָר אַ פאַרלענגערונג פון דער שטאָטישער טעריטאָריע און האָבן אַ לאַנגע צייט נישט געבילדעט קיין באַזונדערע געמיינדעס. ערשט אין די שפּעטערע יאָרן, ווען אין גאַליציע האָבן שוין געהערשט די האַבסבורגער, האָבן זיך די „פּאָדוויעזשיניעץ" און פשעדמיעשציע" קאָנסטיטואירט אַלס זעלבסשטענדיקע געמיינדעס.

.6

נאָך דעם טויט פון סטאַניסלאַוו לובאָמירסקי אין יאָר 1649 האָט די לאַנצוטער ירושה איבערגענומען זיין זון, יעזשי סעבאַסטיאַן, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט בעת די שוועדישע איבערפאַלן אויף פּוילן.

נאָכן נצחון איבער די פרעמדע אָקופּאַנטן, האָט זיך דער קעניג יאַן קאַזימיעזש אויפגעהאַלטן אין חודש יאַנואַר 1656 אין לאַנצוט אַלס גאַסט ביים פירשט יעזשי סעבאַסטיאַן, וועמענס שלאָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צייטווייליקע רעזידענץ פאַרן קעניג און זיינע אָנהענגער.

פון די שלאַכטן מיט די פרעמדע חיילות האָט לאַנצוט זייער שטאַרק געליטן. ווען דער פירשט פון זיבענבירגען, ראַקאָטשי, האָט זיך אין יאָר 1657 אַריינגעריסן קיין פּוילן, פאַרנומען גאַנצע שטחים פּוילישע ערד און חרוב געמאַכט אַלץ, וואָס איז אים געשטאַנען אין וועג, איז ער אָנגעקומען ביז צו די מויערן פון לאַנצוטער שלאָס, וועלכן ער האָט אָבער טראָץ אַלע באַמיאונגען נישט געקאָנט דעראָבערן. די שטאָט לאַנצוט איז אָבער געפאַלן, און ווען זיינע צעווילדעטע חיילות האָבן איר פאַרנומען איז זי אָפּגעבערנט געוואָרן צוזאַמען מיטן אַלטן פּילעצקי־שלאָס, וועלכער איז פון דאַן אָן מער נישט אויפגעבויט געוואָרן. עס זענען פאַרברענט געוואָרן ביידע קירכעס, דער אַלטער ראַטהויז און די הייזער, וואָס האָבן זיך געפונען אַרום דעם לאַנצוטער מאַרק.

אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער שטאָט האָט געהאַט די אַדמיניסטראַטיווע און ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון די דערמאָנטע ביידע לובאָמירסקיס, סטאַניסלאַוו, און זיין זון יעזשי. אין דער דאָזיקער תקופה איז געשטיגן די באַדייטונג פון די לאַנצוטער צעכן און עס האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט די מלאכה, אָן צווייפל אַ דאַנק דעם גוט איינגעאָרדענטן און צאָלרייך באַוואוינטן שלאָס.

דער עלטסטער און שטאַרקסטער צעך איז געווען דאַן אין לאַנצוט דער וועבער־צעך, וועמענס תקנות זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן נאָך אין דעם דאָקומענט פון יאָר 1406. לויט דער החלטה פון סטאַניסלאַוו לובאָמירסקי זענען פאַרפאַסט געוואָרן פאַר דעם דאָזיקן צעך נייע תקנות לויטן מוסטער פון דער צעך־אָרדענונג אין פשעוואָרסק מיט דעם אונטערשייד, וואָס די לאַנצוטער צעך־סטאַטוטן האָבן אָנגעהאַלטן אַ ספּעציעלע פאָרשריפט בנוגע דער מיליטערפליכט פון די בעלי־מלאכה׳ס בעת אַן אָנפאַל אויף לאַנצוט, וואָס איז דאַן געווען אַ באַפעסטיקטע שטאָט. אַ נייעס איז נאָר געווען וואָס דער דאָזיקער צעך־דאָקומענט איז געשריבן געוואָרן אין דער פּוילישער שפּראַך, אַ זאַך וואָס באַווייזט, אַז דער דייטשער עלעמענט, וועלכער איז אין 14־טן יאָרהונדערט געווען אַ וויכטיקער גורם פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט, האָט זיך שוין אַסימילירט אין 17־טן יאָרהונדערט דורך די שטענדיקע ווירטשאַפטלעכע און פאַמיליערע פאַרבינדונגען מיט דעם פּוילישן עלעמענט. מיט דער דייטשער שפּראַך האָט מען זיך ביז צום אָנהויב פון 17־טן יאָרהונדערט באַנוצט נאָר אין די שטאָטישע אַמטלעכע אַקטן פון לאַנצוט.

עס זענען אויך איצט אַנטשטאַנען נייע לוקסוס־מלאכות ווי גיסעריי־אויסאַרבעטונג פון מנורות און קלענערע גלאָקן, אָבער אַמייסטן אַנטוויקלט איז געווען די וועבעריי.

פון זענאָן שוסט׳ס מאָנאָגראַפיע „לאַנצוט און די סביבה" (וואַרשע 1959) דערוויסן מיר זיך, אַז לויט די חשבונות פון הכנסות און הוצאות פון דער שטאָט לאַנצוט פאַר די יאָרן 1563 — 1607 איז אין יאָר 1579 אויף 115 באַשטייערטע האַנטווערקער אויסגעקומען 37 וועבער, דאָס הייסט 30% פון דער אַלגעמיינער צאָל האַנטווערקער.

עס האָט זיך אויך דאַן אַנטוויקלט אין לאַנצוט דער האַנדל, דערצו האָבן אַ סך געהאָלפן די אָפטע ירידים. דעם 1656.1.28 בעת דעם אויפנטהאַלט פון קעניג יאַן קאַזשימיעזש אין לאַנצוט, האָט די שטאָט באַקומען די פּריווילעגיע אָפּצוהאַלטן ירידים.

דער פּראָצעס פון כסדרדיקער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט איז אָבער אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט, ווען דער פירשט יעזשי לובאָמירסקי האָט פאַרנומען אַ פיינטלעכע שטעלונג לגבי דעם פּוילישן קעניג און האָט זיך געשטעלט בראש פון אַן אויפ־

שטאַנד. דער פּוילישער סיים האָט אים פאַרמשפּט אויף פאַרטרייבונג פון לאַנד. ער איז געשטאָרבן אין ווראצלאַוו אין יאָר 1667.

7.

יעזשי לובאָמירסקי האָט איבערגעלאָזט 5 זין, וועלכע האָבן געירשנט די לאַנצוטער גיטער, אָבער פּאַקטיש האָט געהערשט אויפן שלאָס די אלמנה באַרבאַראַ, וועלכע האָט געלייגט גרויס געוויכט אויף דער אַנטוויקלונג פון די שטאָטישע צעכן. אין איינער פון אירע פּריווילעגיעס האָט זי געשענקט דעם וועבער־צעך אַ גרעסערן שטח ערד אין מערבדיקן טייל פון דער שטאָט, כדי אויפצובויען דאָרט וואוינהייזער פאַר די מיטגלידער פונעם צעך.

גאָר שווער און קריטיש איז געווען דער מצב פון לאַנצוט, ווען איינער פון יעזשי לובאָמירסקיס זין, היעראָנים אויגוסטין, איז אַריבער צום לאַגער פון דער וואַרשעווער קאָנפעדעראַציע, וועלכע איז געווען קעגנעריש איינגעשטעלט לגבי דעם פּוילישן קעניג אויגוסט דעם צווייטן. ערשט ווען אויגוסט דער צווייטער האָט איינגענומען לאַנצוט, וואו ער האָט זיך אויף אַ קורצע צייט אַליין אויפגעהאַלטן, האָט זיך דער פירשט היעראָנים אונטערגעגעבן און איז אַריבער אויף דער זייט פון קעניגלעכן לאַגער.

אין יאָר 1699 האָט איבערגענומען לאַנצוט מיטן שלאָס זיין עלטערער ברודער, סטאַניסלאַוו העראקליוש, אַ האַרציקער פריינט פון קעניג יאַן סאָביעסקי, אַ באַדייטנדער מלוכה־מאַן און געלערנטער, וועלכער האָט זיך קודם כל גענומען צום ווידעראויפבוי פון דעם טיילווייז אָפּגעברענטן שלאָס. נאָך זיין טויט אין יאָר 1702 האָט די לאַנצוטער ירושה איבערגענומען זיין זון פראַנצישעק, וועלכער האָט 2 יאָר שפּעטער איבערגעגעבן די שטאָט מיט די לאַנצוטער גיטער דעם יינגערן ברודער טעאָדאָר, אַ פּעאיקער און אויסגעצייכנטער אַדמיניסטראַטאָר. זיין עיקרדיקע דאגה איז געווען צו הייבן דעם וואוילשטאַנד פון די איינוואוינער פון דער שטאָט און אַרומיקע אָרטשאַפטן, אַרויסווייזנדיק אַ ספּעציעלע פאַראינטערעסירונג פאַר די שטאָטישע צעכן, וועלכע ער האָט באַשאַנקען מיט מתנות און פּריווילעגיעס.

זיינע יורשים האָבן אויפן סמך פון אַ פּשרה אין יאָר 1745 פאַרטיילט צווישן זיך די איבערגעבליבענע ירושה אויף אַזאַ אופן, אַז לאַנצוט מיטן שלאָס איז צוגעפאַלן דעם פירשט סטאַניסלאַוו, און פּשעוואָרסק און די איבעריקע גיטער האָט באַקומען דער פירשט אַנטאָני לובאָמירסקי. דער פירשט סטאַניסלאַוו לובאָמירסקי (דער דריטער) איז געווען דער לעצטער קעניגלעכער מאַרשאַלעק פון פּוילן און ער האָט זיך קונה שם געווען אַלס פאַרדינסטפולער, אָנגעזעענער מלוכה־מאַן, לכבוד וועמען דער פּוילישער קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט האָט באַפוילן אַרויסצוגעבן אַן אויסצייכנונגס־מעדאַל צוליב זיינע גרויסע פּאָליטישע פאַרדינסטן פאַר פּוילן. דערביי האָט ער נישט פאַרגעסן דעם לאַנצוטער שלאָס ווי אויך די שטאָט גופא. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער גרעפין עליזשביעטא טשאַרטאָריסקאַ, וואָס האָט צו יענער צייט געגאָלטן אַלס די רייכסטע גרעפין אין אייראָפּע. צום שטענדיקן וואוינאָרט האָט די גרעפין אויסגעקליבן לאַנצוט, וואו זי האָט איבערגעבויט דעם שלאָס מיט דער פעסטונג און אים געמאַכט צו אַ הערלעכן באַקוועמען פּאַלאַץ, וואָס זיינע סאַלאָנען זענען אויסמעבלירט געוואָרן מיט זייער טייערע קונסטפולע מעבל, בילדער און גאַלעריעס פון פּרעכטיקע סטאַטועס.

דאָס באַזעצן זיך פון דער גרעפין עליזשביעטא אין לאַנצוט האָט אין אַ גרויסער מאָס בייגעטראָגן צו דער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ פון דער שטאָט, ווייל פון דאַן אָן איז די לאַנצוטער באַפעלקערונג געשטאַנען אין אַן ענגן ווירטשאַפטלעכן קאָנטאַקט מיט די איינוואוינער פונעם שלאָס. אַ סך הילף און שטיצע האָבן איצט באַקומען פון די שלאָס־אייגנטימער פאַרשידענע שטאָטישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, דערביי האָבן די שטאָט־איינוואוינער באַקומען מער פאַרדינסט־מעגלעכקייטן סיי פון מסחר, סיי פון מלאכות.

נאָכן טויט פון דעם פירשט סטאַניסלאַוו איז די גרעפין עליזשביעטא אַוועק אויף אַ לענגערן אויפנטהאַלט קיין פּאַריז. דער אויסברוך פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט געצוואונגען די פירשטין צו פאַרלאָזן פראַנקרייך און זיך צוריקקערן קיין לאַנצוט, וואו עס זענען צוזאַמען מיט איר געקומען מערערע פּאָליטישע פראַנצויזישע עמיגראַנטן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען דער גראַף אַנטאַני דע בורבאָן, דער שפּעטערדיקער פראַנצויזישער קעניג, לודוויק דער 18־טער, ווי אויך די באַרימטע שריפטשטעלערין מאַדאַם דע סטעל. אין דער דאָזיקער תקופה האָבן זיך אויפגעהאַלטן אויפן לאַנצוטער שלאָס אַזעלכע געסט, ווי קאָשציושקאָ, קאָללאָנטאַי, יאַן שניאַדעצקי און אַנדערע באַרימטע פּערזענלעכקייטן.

די גרעפין עליזשביעטא האָט אין לאַנצוטער שלאָס אַדורכגעלעבט די גאַנצע טראַגעדיע און כאַאָס פון דער פּוילישער מלוכה בעת די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. און ווען עס זענען זיך נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה צונויפגעקומען אין ווין די זיגרייכע פאַרטרעטער פון די אייראָפּעאישע מלוכות, איז די פירשטין עליזשביעטא טראָץ איר הויכן עלטער געפאָרן קיין ווין, וואו זי האָט אויפן גרויסן שלום־קאָנגרעס פון 1815 אויסגענוצט אַלע אירע באַציאונגען פון אַמאָליקע צייטן, כדי צו העלפן די פּוילישע פּאַטריאָטן אין זייערע פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען. זי איז געשטאָרבן אין יאָר 1816 אין ווין און ערשט אַ דאַנק איר אוראייניקל דעם גראַף אַלפרעד יוזעף פּאָטאָצקי,* זענען אירע ביינער איבערגעפירט געוואָרן קיין לאַנצוט, צו דעם געמיינזאַמען משפּחה־קבר.**

---

* עליזשביעטאס טאָכטער יוליא האָט חתונה געהאַט מיט דעם באַרימטן פּוילישן וויסנשאַפטלער יאַן פּאָטאָצקי. זייער זון איז געווען אלפרעד יוזעף פּאטאצקי.

**אין חודש מערץ, 1960, האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער פּרעסע אין ישראל („לעצטע נייעס”) אַ ידיעה, אַז אין עסטרייך האָט זיך מגייר געווען דער 65־יעריקער גראַף אסקאר לובאָמירסקי, פון דער לאַנצוטער פירשטן־משפּחה לובאמירסקי. דער גראַף אסקאר לובאמירסקי האָט מיט 40 יאָר צוריק חתונה געהאַט מיט אַ יידישער פרוי, איז איר געבליבן געטריי אַפילו בעת דעם נאַצי־רעזשים און האָט אויף זיך מקבל באהבה געווען אַלע צרות און דערנידעריקונגען מצד די נאַציס. די טיראָלער יידן זענען שטאָלץ מיטן גר אברהם לובאמירסקי און האָבן באַשלאָסן אים אויסצוּוויילן אַלס פאָרזיצער פון זייער קהילה. דער גראַף איז באַקאַנט ווי אַ גרויסער פריינט פון מדינת ישראל, פאַר וועלכע ער האָט שוין נישט איינמאָל געשפּענדעט באַדייטנדע געלט־סומען.

.8

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט האָט די גרעפין עלזשביעטא איבערגעלעבט די ערשטע טיילונג פון פוילן. זומער, 1772, איז לאַנצוט אַריבער צו דער עסטרייכישער מאַכט. די נייע פאָליטישע פאַרהעלטענישן האָבן געהאַט אַ גאָר שלעכטע ווירקונג אויפן ווירטשאַפטלעכן מצב פון דער שטאָט לאַנצוט. די עסטרייכישע רעגירונג האָט פאַרשיט גאַליציע מיט נייע דעקרעטן, באַפעלן און אַדמיניסטראַטיווע פאַראָרדענונגען, כדי וואָס מער ווירטשאַפטלעך אָפּהענגיק צו מאַכן דאָס אָקופּירטע לאַנד פון די דייטש־עסטרייכישע צענטראַלע פּראָווינצן.

לאַנצוט איז אַראָפּגעפאַלן צו דער מדרגה פון אַ צווייטראַנגיק שטעטל. עס איז געפאַלן די צאָל איינוואוינער, און ווי עס גיט איבער סטאַניסלאַוו צעטנארסקי, האָט די שטאָט במשך די נעכסטע עטלעכע יאָר געציילט נישט מער ווי צוויי און אַ האַלב טויזנט נפשות.

אויף די איינוואוינער פון דער שטאָט האָט געדריקט אַ געוואַלטיקע שטייערלאַסט, וואָס האָט איבערגעשטיגן זייערע באַגרענעצטע פאַרדינסט־מעגלעכקייטן, בפרט, אַז די ביליקערע אויסאַרבעטונגען פון דער גרויסער עסטרייכישער און טשעכישער אינדוסטריע האָבן פאַרפלייצט גאַליציע און דערמיט אַוועקגענומען ביי די לאַנצוטער האַנטווערקער די אַרבעט און פּרנסה.

אַ גרויסע ענדערונג איז איצט פאָרגעקומען אין פאַרהעלטעניש צווישן די איינוואוינער פון לאַנצוט און אייגנטימער פון שלאָס. עס האָט זיך פאַרענדיקט די מאַטעריעלע און פערזענלעכע אָפּהענגיקייט פון דער שטאָט פון דעם שלאָס־האַר — לאַנצוט איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע אַדמיניסטראַטיווע איינהייט. עס זענען אָפּגעשאַפן געוואָרן די באַפעסטיקונגס־מויערן, וואָס האָבן אַרומגענומען די שטאָט, די וואַלעס זענען אויסגעגליכן געוואָרן, ווייל זיי האָבן איצט פאַרלוירן זייער באַדייטונג.

אַ גרויסע באַדייטונג פאַר לאַנצוט האָט געהאַט דער וועג קראָקע־לעמבערג, וועלכער איז אויסגעבויט געוואָרן אין די יאָרן 1795—1810. דער דאָזיקער, אַזויגערופענער „קייזער־וועג" האָט געשאַפן אַ פיל קירצערע און באַקוועמערע פאַרבינדונג מיט ריישע פון איין זייט, און מיט פשעוואָרסק און יאַראסלאוו, פון דער צווייטער זייט, דורך גלאָכעוו און קאָשין. לאַנצוט האָט ווירטשאַפטלעך געליטן דערפון, ווייל די איינוואוינער פון די אַרומיקע ערטער און אַפילו פון לאַנצוט גופא האָבן געזוכט סחורות אין די גרעסערע געשעפטן אין ריישע. עס זענען טאַקע געפאַלן איצט עטלעכע בראַנזשעס, וואָס האָבן פריער געהאַט אַזאַ גרויסע באַדייטונג אין לאַנצוט, ווי, למשל, די וועבעריי פון וואָל און לייוונט־אויסאַרבעטונגען, ווי אויך די אַזוי אַנטוויקלטע אין לאַנצוט בראַנפן־אויסאַרבעטונג — אַלץ באַשעפטיקונג, וואָס האָבן זייט דורות געשפּייזט אַ גרויסן טייל פון דער לאַנצוטער באַפעלקערונג.

.9

אין די לאַנצוטער גיטער איז נאָכן טויט פון דער גרעפין עלזשביעטא לובאמירסקא איינגעפירט געוואָרן אַ געריכטלעכע אַדמיניסטראַציע (מאַיאָראַט), לויט וועלכער די גאַנצע פירשטלעכע ירושה איז צעטיילט געוואָרן אויף דריי גלייכע טיילן, פון וועלכע אַלפרעד פאָטאָצקי האָט באַקומען די לאַנצוטער גיטער. דער גראַף אַלפרעד האָט זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן פון די פוילישע לעגיאָנען, אין נאַפּאָלעאָנס אַרמיי. נאָך דער אומגליקלעכער שלאַכט ביי באָראָדין, איז אַלפרעד פאָטאָצקי אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ קאָזאַקן פּאַטראָל און אָפּגעשיקט געוואָרן קיין סיביר, וואו ער איז פאַרבליבן ביז צום יאָר 1814. ערשט נאָך דער אַנטגילטיקער מפּלה פון נאַפּאָלעאָנען, ווען עס זענען צעריבן געוואָרן פוילנס באַפרייאונגס־חלומות, האָט דער צאַר אַלעקסאַנדער באַגנעדיקט אַלע פוילישע פאַרשיקטע און דערלויבט זיי זיך צוריקצוקערן אין זייערע היימען.

אויך דער גראַף אלפרעד פאָטאָצקי האָט זיך צוריקגעקערט קיין לאַנצוט. זיין פאַראינטערעסירונג און זאָרג פאַר דער שטאָט און שלאָס האָט פיל געהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט.

קוים אָבער האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן די ערשטע סימנים פון אַ פאַרבעסערונג אין עקאָנאָמישן מצב אין לאַנצוט, וואָס איז אַזוי געפאַלן נאָך דער טיילונג פון פוילן, האָט אין יאָר 1820 אַ שריפה פאַרניכטעט כמעט די גאַנצע שטאָט. דאָס פייער האָט זיך אָנגעהויבן אין די קאָשאַרן, אין דער אַזוי גערופענער „שטערמערוווקע" (שטערמער איז געווען דער נאָמען פון שלאָס־פאַרוואַלטער). עס זענען אַוועק מיטן פייער אַלע הילצערנע הייזער, צווישן זיי אויך אַלע אַלטערטימלעכקייטן און היסטאָרישע דאָקומענטן. אַ לענגערע צייט האָט זיך די אַנטוויקלונג פון דער שטאָט צוריקגעהאַלטן און גלייכצייטיק האָט זיך איבערגעאַנדערשט איר אויסזען.

לויט דעם, ווי סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי באַשרייבט די שטאָט פון פאַר דער שריפה, זענען געשטאַנען אַרום די עפנטלעכע פלעצער און גאַסן כמעט בלויז הילצערנע פאַרטער־הייזלעך אין אַלטן פוילישן סטיל, אַ חוץ עטלעכע גרעסערע בנינים ווי די שול, די קירכן, דער קלויסטער, דער שלאָס און דאָס ראטהויז. אַרום דעם מאַרק זענען געשטאַנען ברייטע „פאַדציעניעס" וואו עס האָבן זיך געפונען קראָמען, וואָס האָבן געהערט צו יידישע סוחרים, זענען דאַן פאַרברענט געוואָרן, און נאָכן יאָר 1820 איז פאַרבאָטן געוואָרן אין לאַנצוט אויפצושטעלן הילצערנע קראָמען אויף פלעצער און גאַסן. יעדע בראַנזשע האָט זיך קאָנצענטרירט אויף אַן אַנדער גאַס, אַזוי, למשל, האָבן זיך אויף דער גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן פון מאַרק צו דער טאַרגאָוויצע (וואו עס שטייט היינט די געביידע פון דער „גוויאזדא"), קאָנצענטרירט די קצבים, אין דער שכנותדיקער גאַס — די שמידן און אין אַן אַנדערער גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן הינטער די וואַלעס, האָבן געוואוינט די וועבער, וועלכע האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אויף די שכנותדיקע פעלדער ביים טייכל צו בליכעווען זייערע לייוונטן. פון דער דאָזיקער גאַס איז אַנטשטאַנען די היינטיקע „טקאַצקא" און די יאַן צעטנאַרסקי־גאַס.

נאָך דער שריפה זענען פאַרשוואונדן די „פאַדציענעס", וואָס זענען געשטאַנען אַרום דעם מאַרק און געבליבן זענען

נאָר די קעלערן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער זיי. די דאָזיקע קעלערס האָט מען איצט צוגעדעקט און אויסגעבויט אויף זיי טראָטואַרן. אויפן אָרט פון פאַרטער־הייזלעך, וואָס זענען געשטאַנען אויפן מאַרק, זענען נאָך דער שריפה אויפגעבויט געוואָרן שטאָקיגע געמויערטע הייזער.

.10

ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט האָט לאַנצוט גובר געווען די אַלע שוועריקייטן, וואָס זענען אַנטשטאַנען נאָך דער שריפה אין יאָר 1820 און די באַמיאונגען צוריק אויפצובויען די רואינירטע שטאָט האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן פּירות. אַ סך האָבן געהאָלפן צום אויפבוי פון שטאָט די אייגנטימער פון שלאָס, די פּאָטאָצקיס, וועלכע האָבן נאָך אין יאָר 1853 באַשעפטיקט אין זייערע צוויי אונטערנעמונגען — אין דער ליקער און צוקער־פאַבריק — אַן ערך 500 אַרבעטער.

דאָס אָפּשאַפן פון דער לייב־אייגנשאַפט אין יאָר 1848 האָט אויך משפיע געווען אויף דער פאַרבעסערונג פון די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אין דער שטאָט, ווייל דער פויער איז געוואָרן אַ בעסערער פאַרברויכער. עס האָבן זיך דערפאַר באַדייטנד אויסגעברייטערט די קעגנזייטיקע ווירטשאַפטלעכע באַציאונגען צווישן לאַנצוט און די אַרומיקע דערפער.

צו דער אַנטוויקלונג פון עקאָנאָמישן און קולטורעלן מצב האָט אויך מיטגעהאָלפן די אויסגעפערטיקטע באַנליניע ווין—לעמבערג, אין יאָר 1859.

אין יאָר 1862 איז געשטאָרבן דער גראַף אלפרעד פּאָטאצקי, איבערלאָזנדיק צוויי זין און צוויי טעכטער. די מאַיאָראַטס־גיטער פון לאַנצוט האָט איבערגענומען דער יינגסטער — אלפרעד יוזעף פּאָטאצקי. נאָך דעם באַענדיקן די אוניווערזיטעט־סטודיען, האָט ער עטלעכע יאָר געדינט אַלס עסטרייכישער דיפּלאָמאַט און דערנאָך צוריקגעקומען קיין לאַנצוט, וואו ער האָט זיך אָפּגעגעבן דער ווירטשאַפט מיט די לאַנצוטער משפחה־גיטער. אָבער שוין אין יאָר 1868 קערט ער זיך אום ווידער צו זיין פּאָליטישע טעטיקייט און ווערט צוערשט אַגראַר־מיניסטער אין דער עסטרייכישער רעגירונג, און שפּעטער, אין יאָר 1870, ווערט ער פּרעמיער־מיניסטער אין עסטרייכישן קאַבינעט. צום סוף איז ער נאָמינירט געוואָרן אין יאָר 1873 אַלס קייזערלעכער נאַמיעסטניק אין גאַליציע, און פאַרבליבן אויף דעם פּאָסטן ביז צום יאָר 1883. דער עסטרייכישער קייזער האָט אים דאַן באַשטימט אַלס וויצע־פּראָטעקטאָר פון דער וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע אין קראָקע. ער איז געשטאָרבן אין פּאַריז אין יאָר 1889, איבערגעלאָזט 2 זין, פון וועלכע ראָמאַן, וואָס האָט פאַרנומען וויכטיקע פּאָליטישע פּאָסטנס אין דער עסטרייכישער אַדמיניסטראַציע, האָט זיך באַזעצט אויף שטענדיק אין לעמבערג מיט דער גאַנצער פאַרוואַלטונג פון די לאַנצוטער גיטער. דאָס פאַרהעלטעניש פון פּירשטלעכן הויף צו דער שטאָט לאַנצוט איז שוואַכער געוואָרן, בפרט, ווען ראָמאַן פּאָטאצקי האָט באַפוילן צו שליסן דעם פּאַרק פאַר דער לאַנצוטער באַפעלקערונג, וועלכע פלעגט זומער דאָרט אַרומשפּאַצירן אין שאָטן פון די גרויסע צעצווייגטע ביימער. אָבער טראָץ דעם, האָט דער פּירשט נישט איבערגעריסן די פאַרבינדונג מיט דער שטאָט און האָט מיט אַ ברייטער האַנט געהאָלפן די אָרעמע קרייזן פון דער לאַנצוטער באַפעלקערונג. ראָמאַן פּאָטאָצקי האָט פאַרבונדן די שטאָט מיט דער וואַסערלייטונג אין לאַנצוטער שלאָס.

דער פּירשט ראָמאַן איז געשטאָרבן אין לאַנצוט אין יאָר 1915, און די לאַנצוטער גיטער האָט איבערגענומען זיין עלטערער זון אלפרעד דער דריטער, וועלכער האָט זיך מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט און פאַראינטערעסירונג באַצויגן צו דער לאַנצוטער באַפעלקערונג, און איז אַפילו געווען טעטיק אין אירע פאַרשידענע סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. אַזוי האָט ער די אינוואַלידן פון דעם לאַנצוטער קרייז געשענקט אַ שטח בערך 400 מאָרג פּרוכטבאַרע ערד, דער שטאָט האָט ער אָפּגעטרעטן אַ פּלאַץ פאַר דער אויסברייטערונג פון שחיטה־הויז א. אַ. וו.

די גאַנצע אַדמיניסטראַציע און ווירטשאַפט אויפן שלאָס איז געלעגן אין די הענט פון דער אַלטער גרעפין עלזשביעטאַ.

.11

אין יאָר 1867 האָט גאַליציע באַקומען אַ ברייטע אויטאָנאָמיע, וואָס האָט געגעבן דער פּוילישער געזעלשאַפטלעכקייט גרעסערע מעגלעכקייטן צו פאַרפעסטיקן די פּוילישע מאַכטפּאָזיציעס אין גאַליציע און פאַרטיפן די השפעה פונעם פּוילישן נאַציאָנאַליזם אויף דעם קולטורעלן און ווירטשאַפטלעכן לעבן אין לאַנד.

אַזוי ווי אין גאַנצן לאַנד, האָבן זיך אויך אין לאַנצוט געלאָזט מערקן גרויסע ענדערונגען אויף אַלע געביטן פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. די אָנפירערשאַפט מיט דער שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אין יאָר 1879 איבערגענומען דער אינזשעניער יאַן צעטנאַרסקי, אַן ענערגישער רעפּרעזענטאַט פון דער שטאָטישער אינטעליגענץ, וועלכער איז פאַרבליבן אַן איבערייס אויף דעם אַמט פון בירגערמייסטער פון דער שטאָט לאַנצוט 35 יאָר, ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1914.

אין דער תקופה פון יאַן צעטנאַרסקיס פאַרוואַלטונג, האָט זיך שטאַרק פאַרבעסערט דער עקאָנאָמישער מצב אין שטאָט און עס האָט זיך אויך אַ סך געענדערט איר אויסערלעכער אויסזען. אַן אינטענסיווע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט איצט אַנטוויקלט די פּוילישע אינטעליגענץ. דער שטאָטישער דאָקטער קראַוטשינסקי האָט געהאָלפן דער קולטור־אינסטיטוציע „מרוּווקאַ“, וועלכער ער האָט געשענקט זיין גאַנצע פּריוואַטע רייכע ביבליאָטעק און אויף אַזאַ אופן געלייגט דעם יסוד פאַר אַ באַדייטנדן קולטורצענטער אין לאַנצוט. אין דערזעלבער צייט זענען געגרינדעט געוואָרן צוויי אַנדערע ביבליאָטעקן, איינע ביי דעם „בעאַמטן־קאַסינאַ“ און די צווייטע ביי דעם פאַראיין „גוויאַזדאַ“, וואו עס האָט זיך קאָנצענטרירט דער פּוילישער קליינבירגערלעכער עלעמענט. אַלע דריי ביבליאָטעקן זענען פאַרניכטעט געוואָרן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַ חוץ אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס האָבן זיך אין לאַנצוט אין דער איבערגאַנגס־תקופה פון 19־טן אויפן

20־סטן יאָר־הונדערט שטאַרק אַנטוויקלט מערערע פינאַנציעלע אוןווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, און דאָס הויפּטזאַכלעך אַ דאַנק דעם פּוילישן געזעלשאַפטלעכן טוער און אָרגאַניזאַטאָר, דעם דעפּוטאַט פון לאַנצוטער קרייז צום פּוילישן לאַנדטאָג, באַלעסלאַוו זשאַרדעצקי. די דאָזיקע אינסטיטוציעס, האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה ניט בלויז אין לאַנצוט, נאָר אויך אין אַנדערע ערטער, וואו עס האָבן אַפילו עקזיסטירט פיליאַלן פון די לאַנצוטער קרעדיט־אַנשטאַלטן. זשאַרדעצקי איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון דער גרויסער לייוונט־פאַבריק און וועבער־שול אין שכנותדיקן ראַקשיווע.

אַזוי האָט זיך לאַנצוט אַנטוויקלט אין די ערשטע יאָרן פון 20־סטן יאָרהונדערט אין אַ שנעלן טעמפּאָ. אין יאָר 1907 איז דאָרט געעפנט געוואָרן דאָס הומאַניסטישע גימנאַזיום, און אין אַ יאָר שפּעטער האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג אָנגעהויבן אַדורכפירן די עלעקטריפיקאַציע פון דער שטאָט, אין וועלכער עס האָבן שוין איצט געלעבט אַן ערך 5,000 נפשות. די דאָזיקע אַנטוויקלונג פון דער שטאָט האָט אויך געהאַט אַן השפעה אויף איר אויסערלעכן אויסזען. די גאַסן האָבן באַקומען באַקוועמע טראָטואַרן און אַ דאַנק דער פאַרענדיקונג פון דער קאַנאַליזאַציע אין דער שטאָט, האָבן זיך באַדייטנד געבעסערט אירע סאַניטאַרישע פאַרהעלטענישן. אין יאָר 1911 האָט די שטאָט באַקומען אַן אייגענע עלעקטריציטעט־אַנשטאַלט, וועלכע האָט באַזאָרגט גאַנץ לאַנצוט און די סביבה מיט עלעקטרישן שטראָם.

.12

דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט איבערגעריסן די דאָזיקע כסדרדיקע אַנטוויקלונג פון דער שטאָט. באַלד אין די ערשטע מלחמה־וואָכן איז לאַנצוט פאַרנומען געוואָרן דורך די רוסן, וועלכע זענען פאַרבליבן אין דער שטאָט ביז צום חודש אָקטאָבער 1914. בעת דער דאָזיקער ערשטער רוסישער אינוואַזיע אין אין לאַנצוט געשאַפן געוואָרן אַ צייטווייליקע שטאָטפאַרוואַלטונג, וואָס האָט געטראָגן א ריין פּראָ־רוסישן, ענדעקישן (פון דער נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי) כאַראַקטער, מיט דעם אַדוואָקאַט ד"ר שפּונאַר בראש. וועלכן די עסטרייכישע מאַכטאָרגאַנען האָבן אינטערנירט נאָך דעם באַפרייען די שטאָט פון די רוסן.

די ערשטע רוסישע אינוואַזיע האָט געבראַכט דער שטאָט אַ גרויסן שאָדן. אַ חוץ דער ספּירט־פאַבריק זענען פאַרברענט געוואָרן דאָס הויז פון דער משפחה טענענבױם און עטלעכע קלענערע הייזער.

דעם 6־טן נאָוועמבער 1914 האָבן די רוסן פאַרנומען לאַנצוט צום צווייטן מאָל. די דאָזיקע צווייטע רוסישע אינוואַזיע האָט שוין געדויערט ביז צום 12־טן מאַי 1915. מיט דער שטאָטפאַרוואַלטונג האָט אָנגעפירט סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי, וועלכער איז שוין דערנאָך עטלעכע יאָר פאַרבליבן אַלס בירגערמייסטער אין לאַנצוט, אויך נאָכדעם, ווען די רוסן האָבן צום צווייטן מאָל פאַרלאָזט די שטאָט און עס האָבן זיך צוריקגעקערט די עסטרייכישע מאַכטאָרגאַנען.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דער צייט פון דער מלחמה האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט דער ווירטשאַפטלעכער מצב פון דער שטאָט. עס זענען געבליבן אָן אַרבעט די בעלי־מלאכהס, און די עטלעכע אינדוסטריעלע אַנשטאַלטן זענען שטיין געבליבן. טעטיק זענען נאָר געווען די צוויי גרעסערע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געהערט צו דעם גראַף אַלפרעד פּאָטאָצקי — די ליקער־פאַבריק, וועלכע איז נאָך דער שריפה בעת דער ערשטער רוסישער אינוואַזיע איבערגעפירט געוואָרן אויפן שטח פון „פּאָדוויעזשיניעץ" און די ספּירט־ראַפינעריע.

.13

אין אָקטאָבער 1918 איז געפאַלן די עסטרייכישע אימפּעריע. אויף די חורבות פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער מאָנאַרכיע איז צווישן אַנדערע אויך אַנטשטאַנען די פּוילישע מדינה, וועלכע האָט אַרומגענומען חוץ קרוינפּוילן אויך גאַליציע. אין די ערשטע חדשים פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט האָבן די גאַליצישע ייִדן פיל געליטן, זייער פיזישע און עקאָנאָמישע עקזיסטענץ איז איצט באַדראָט געוואָרן דורך עקסצעסן און פּאָגראָמען, בפרט אין די קלענערע שטעטלעך.

די כוואַליע האָט ניט פאַרמיטן לאַנצוט. פריערישע מאַסן פון די אַרומיקע דערפער אונטערגעהעצטע דורך די ענדעקישע קרייזן און די צוריקגעקערטע סאָלדאַטן האָבן זיך געוואָרפן אויף די ייִדישע קראָמען און קלייטן אין לאַנצוט. נאָר אַ דאַנק דער מוטיקער שטעלונג פון שנעל אָרגאַניזירטן ייִדישן זעלבסשוץ איז ניט געקומען צו אַ בלוט־פאַרגיסונג און צו אַ גרעסערן רויב פון ייִדיש פאַרמעגן.

דאָס געזעלשאַפטלעכע און ווירטשאַפטלעכע לעבן אין לאַנצוט, האָט איצט אָנגעטראָפן אויף שטאַרקע שטערונגען, דערביי האָט די נאָענטקייט פון רײשע שלעכט געווירקט אויף אַ ברייטערע אַנטוויקלונג פון דער שטאָט און די שלאָסבאַזיצער, די פּאָטאָצקיס, האָבן ניט געהאָלפן פאַרשטאַרקן די אינדוסטריע אין דער שטאָט. די פריערישע באַפעלקערונג פון די אַרומיקע דערפער, האָט געלעבט פון אירע מאָגערע שטיקלעך פעלד אין דוחק און נויט. דעריבער האָבן זיך די פריערים פון דעם לאַנצוטער באַצירק אין די יאָרן 1932—1936 שטאַרק ראַדיקאַליזירט און געפאָדערט אין מאַסן־מאַניפעסטאַציעס ערד און אַרבעט. אין דעם דאָרף גראַדזיסקאָ, ניט ווייט פון לאַנצוט, איז אַפילו געקומען צו בלוטיקע אַרויסטרעטונגען און קאַמפן צווישן די פריערים און דער מלוכהשער פּאָליציי.

ביז צו דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט לאַנצוט ניט דורכגעמאַכט קיין גרעסערע אַנטוויקלונג און איז ניט אַרויס פון די ראַמען פון אַ פּראָווינציעלער שטאָט.

.14

די היטלעריסטישע אָקופּאַציע האָט זיך בלוטיק איינגעשריבן אין דער געשיכטע פון לאַנצוט, אַזוי ווי אין גאַנצן פּוילן. וועגן דער דאָזיקער תקופה אין לאַנצוט שרייבט דער היסטאָריקער זענאָן שוסט אין זיין אויבן ציטירטער מאָנאָגראַפיע („לאַנצוט און די סביבה") אָט וואָס:

„דאָס דאָזיקע וועגעטירן פון דער פּראָווינציעלער שטאָט האָט איבערגעריסן דער ברוטאַלער איבערפאַל פון די היטלעריסטישע חיילות. שווערע נסיונות פון דער אָקופּאַציע דריקן אויף דער באַפעלקערונג, און די פּוילישע איינוואוינער לעבן אונטער דער שטענדיקער אימה פון „לאַפּאַנקעס” און טראַנספּאָרטן אין די טויטנלאַגערס”.

די אייגנטימער פונעם שלאָס, די פּאָטאָצקיס האָבן כמעט גאָרנישט געליטן, ווייל בעת דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה האָט זיך אין די סאַלאָנען פון שלאָס אויפגעהאַלטן דער היטלעריסטישער שטאַב.

דער לעצטער אָרדינאַט פון די פּאָטאָצקיס, אַלפרעד דער דריטער, האָט אין יאָר 1944 פאַרלאָזן לאַנצוט ערב דער באַפרייאונג פון דער שטאָט דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי, און אַרויסגעפירט קיין אויסלאַנד 11 וואַגאָנען מיט די טייערסטע קולטור־אוצרות און זעלטענע בילדער און פּאָרצעלאַן־אויסאַרבעטונגען. ער איז געשטאָרבן אין דער שווייץ און האָט איבערגעלאָזט זכרונות וועלכע זענען דערשינען אין לאָנדאָן אין יאָר 1959 אונטערן טיטל: — ”Master of Lancut The Memoirs of Count Alfred Potocki”.*

אין אויגוסט 1944 האָבן די סאָוויעטישע חיילות באַפרייט לאַנצוט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. פאַר דער שטאָט, אין וועלכער די היטלעריסטישע רוצחים האָבן אומגעבראַכט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, האָט זיך אָנגעהויבן אַ תקופה פון אַ נייעם רעזשים אין דעם נייעם פּוילן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ קאַפּיטל פון דער געשיכטע פון דער שטאָט לאַנצוט, וואָס האָט נישט קיין שייכות מער צו אונדזער אַרבעט.

יידן אין לאַנצוט

פון די עלטסטע צייטן ביז צו דער ערשטער טיילונג פון פוילן (1772)

1

מיר האָבן זיך ברייט און אויספירלעך באַשעפטיקט מיט דער געשיכטע פון דער שטאָט לאַנצוט גופא, כדי אויף דער קאַנווע פון די היסטאָרישע אַנטוויקלונגען, וואָס די שטאָט האָט דורכגעמאַכט, געבן אַ פול בילד פון יידישן ישוב אין לאַנצוט זינט זיין אַנטשטייאונג ביז צו זיין אונטערגאַנג.

די היסטאָריקער פון דער שטאָט לאַנצוט, זענאָן שוסט און סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי, שרייבנדיק די געשיכטע פון לאַנצוט און איר אַנטוויקלונג, האָבן אָדער אינגאַנצן פאַרשוויגן (זענאָן שוסט) — אָדער נאָר דרך אגב דערמאָנט די יידן און זייער ראָל און טעטיקייט אין לאַנצוט, ווי דאָס האָט געטאָן סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי, וועלכער דערמאָנענדיק שוין יאָ אין זיין אויבן ציטירטן בוך* די יידן אין לאַנצוט, האָט אָבער פאַרגעשטעלט אויף אַן ענג סוביעקטיוון אופן זייער ראָל און באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט.

עס לעבט אָבער אין לאַנצוט אַ היסטאָריקער־אַמאַטאָר און קולטור־טוער, ד״ר וולאַדיסלאַוו באַליצקי, דער פּאָפּולערסטער דאָקטער אין לאַנצוט און איר סביבה, וועלכער האָט זינט יאָרן לאַנג געזאַמלט ביכער, אַלטע דאָקומענטן און היסטאָרישע אַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער שטאָט אין אומגעבונג. דער דאָזיקער בכבודיקער דאָקטער, (איצט פאָרזיצער פון צוגרייטונגס־קאָמיטעט פון 600־יעריקן יובילעאום פון לאַנצוט), באַשעפטיקט זיך נאָך עד היום מיט זאַמלען און אָרדנען אַלע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון לאַנצוט. אין אַ בריוו צום יידישן היסטאָריקער ד״ר געלבער, פון 1958.12.28 שרייבט ד״ר באַליצקי, אַז אין פאַרשידענע ביבליאָטעקן געפינען זיך 10 שטאָטראַט־פּנקסים פון 16־טן ביז צום 19־טן יאָר־הונדערט, וועלכע זענען וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון לאַנצוט, און אַז בשייכות מיטן 1.000 יאָריקן יובילעאום פון פוילן, וויל דער יובל־קאָמיטעט אַרויסגעבן עטלעכע פון די דערמאָנטע פּנקסים. ערשט נאָכן דורכשטודירן די דאָזיקע פּנקסים, אונטערשטרייכט ד״ר באַליצקי אין דעם דאָזיקן בריוו, וועט מעגלעך זיין צו געפונען אַ סך מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון יידן אין לאַנצוט. בקרוב דאַרף אויך אין לאַנצוט פאָרקומען אַ צוזאַמענפאָר פון היסטאָריקער, כדי צו באַאַרבעטן און אַרויסגעבן עטלעכע שטאָטישע לאַנצוטער פּנקסים. אַ גאָר דאַנקבאַרע אויפגאַבע וועט דערפילן דער יידישער היסטאָריקער, וועלכער וועט זיך נאָכן פאַרעפנטלעכן די דערמאָנטע פּנקסים און דאָקומענטן, געבן די מי אויסצופאָרשן און צונויפזאַמלען אַלע איינצלהייטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון יידן אין לאַנצוט.

דערווייל מוזן מיר זיך באַגניגן מיטן מאַטעריאַל, וועלכן מיר האָבן געקאָנט דערגרייכן, פאַרשטייט זיך, אַז צוליב דעם

* Miasto Łancut — 1937

* מיט דער פריצישער משפחה פּאָטאָצקי איז פאַרבונדן אַ לעגענדע, וועלכע דערציילט וועגן דעם „גר צדק”, דעם גראף וואַלענטין פּאָטאָצקי, וואָס האָט זיך מגייר געווען און צוליב דעם זייער שווער געליטן. מען האָט אים חושד געווען, אַז ער זוכט אָנהענגער צווישן קריסטן, כדי זיי איבערצורעדן זיך מגייר צו זיין, און ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צוריקצוקערן צום קריסטלעכן גלויבן איז ער אין יאָר 1746 פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אויף אַ שייטערהויפן. אַ דאַנק די באַמיאונגען פון אַ ווילנער ייד, זענען די רעשטלעך פון אַש פון פאַרברענטן „גר צדק” געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויף דעם ווילנער בית עלמין. אויף דעם אָרט פונעם קבר איז מיט דער צייט אַרויסגעוואַקסן אַ גרויסער בוים. וועלכן די ווילנער יידן פלעגן מאַסנווייז באַזוכן. אַ בייזע האַנט האָט שפּעטער אָפּגעזעגט דעם לעגענדאַרן בוים. די געשיכטלעכע פאָרשונגען בנוגע דער דאָזיקער לעגענדע האָבן אָבער נישט געפונען קיין פאַקטישע באַווייזן. דער דיכטער און דראַמאַטורג אַלטער קאַציזנע האָט די דאָזיקע לעגענדע באַאַרבעט אין אַ דראַמע „דער דוכס” (וואַרשע 1926).

וועט דער קווערשניט פון דער געשיכטע פון יידן אין לאַנצוט נישט זיין קיין פולער און עס וועלן בלי שום ספק אַנטשטיין בלויזן, וועלכע מיר וועלן זיין געצוואונגען אויסצופילן מיט השערות, וואָס זייערע מקורות שטיצן זיך אויף די אַלגעמיינע הנחות און פאַקטן בנוגע דעם יידישן לעבן אין פוילן, און נאָך דער טיילונג פון פוילן — אין גאַליציע.

2

כדי צו געבן אַ תשובה אויף דער פראַגע, ווען האָבן זיך די ערשטע יידן באַזעצט אין לאַנצוט, דאַרפן מיר נעמען אין באַטראַכט צוויי פאַקטן: ערשטנס, אַז ביים גרינדן די שטאָט און איינאָרדנען דאָס שטאָטישע געמיינדע־לעבן, זענען געווען טעטיק דייטשע קאָלאָניסטן, און צווייטנס, אַז לאַנצוט מיט די אַרומיקע דערפער האָבן געהערט צו אַ פעאָדאַלן מאַגנאַט, וואָס האָט דעצידירט וועגן דעם געזעלשאַפטלעך־ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די איינוואוינער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף זיין ערד. ער איז געווען דער הערשער און אין אַ געוויסער הינזיכט אויך דער געזעצגעבער פון דער אָרטשאַפט, אַזוי, אַז ער האָט געהאַט אַ פולע השפעה אויף אַלע שטאָטישע ענינים און פון אים איז די באַפעלקערונג געווען מאָראַליש און מאַטעריעל אָפּהענגיק.

דאָס באַזעצן זיך פון די דייטשע קאָלאָניסטן פון „לאַנדסהוט" אין לאַנצוט אין דער העלפט פון 14־טן יאָר־הונדערט איז נישט געווען קיין אָפּגעזונדערטער פאַל. די דייטשע קאָלאָניזאַציע אין פוילן איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ טיפער דערשיטערונג, וואָס פוילן האָט איבערגעלעבט אין שייכות מיט דער אינוואַזיע פון די טאַטאַרישע האָרדן אין די מזרח־קרעסן פון לאַנד. שוין אין יאָר 1241 און דערנאָך אין 1278 זענען די טאַטאַרן אַריינגעדרינגען קיין רייסן און פוילן און חרוב געמאַכט גאַנצע שטעט און דערפער. גאַנצע ישובים זענען אָפּגעוויסט געוואָרן פון דער ערד. כדי צוריק אויפבויען די חרוב־געוואָרענע אָרטשאַפטן, האָבן די פוילישע הערשער געעפנט די טויערן פון פוילן פאַר אויסלענדישע קאָלאָניסטן, בפרט פון דייטשלאַנד און טשעכיע. גרויסע מאַסן דייטשע קאָלאָניסטן האָבן אָנגעהויבן איינצווואַנדערן קיין פוילן, וואו זיי האָבן באַקומען די רעכט איינצואָרדענען זייערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן אויפן יסוד פון אַזוי גערופענעם מאגדעבורגער רעכט און דאָס האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו באַשעפטיקן זיך מיט לאַנדווירטשאַפט און צו גרינדן שטאָטישע ישובים. דערפאַר זענען זיי געווען מחויב צו צאָלן די פאַכטגעבער פונעם קאָלאָניזירטן שטח אַן אָפּצאָל אין געלט אָדער פראָדוקטן.

צוזאַמען מיט די דייטשע קאָלאָניסטן פלעגן פון דייטשלאַנד אָנקומען קיין פוילן אויך יידן. די דאָזיקע איינוואַנדערונג פון דייטשע יידן קיין פוילן האָט געהאַט אין 13־טן יאָר־הונדערט אַ ריין ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער, ווייל צו דער צייט האָבן זיך געעפנט אין פוילן גרויסע פאַרדינסט־מעגלעכקייטן, וואָס האָבן באַוואויגן דייטשע יידן צו באַזעצן זיך אין פוילן, בפרט, ווען די פריווילעגיע פון פוילישן דעמאָלטיקן הערשער באָלעסלאַוו פון קאַליש האָט אין יאָר 1264 געגעבן די יידן די מעגלעכקייט צו פירן אין פוילן אַ פרייען האַנדל מיט כל מיני סחורות, און ווי עס שטרייכט אונטער ד״ר באלאבאן אין זיין געשיכטע פון יידן (באַנד 2), איז דער יידישער סוחר אין פוילן געווען דעמאָלט דער איינציקער פאַרמיטלער צווישן פראָדוצענט און קאָנסומענט.

אויך די פוילישע פעאָדאַלע מאַגנאַטן האָבן נאָך דער מאָנגאָלישער אינוואַזיע גערן אויפגענומען די יידן פון דייטשלאַנד, קודם כל דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען ס׳רוב אַ שטעטישער עלעמענט, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך אַ גרויסע דערפאַרונג אין האַנדל, מלאכה און בפרט האָט דער יידישער איינוואַנדערער אַריינגעבראַכט קיין פוילן אַ נייעם פאַקטאָר אינעם פוילישן ווירטשאַפטלעכן לעבן: דעם קרעדיט וועזן.

אין העלפט פון 14־טן יאָר־הונדערט האָבן זיך באַזעצט אין פוילן דייטשע קאָלאָניסטן פון דער בייערישער שטאָט „לאַנדסהוט" אויפן שטח, וואָס איז געווען דאָס אייגנטום פון דער מאַגנאַטישער, פעאָדאַלער משפחה פילעצקי. דער דאָזיקער שטח, וועלכן מען האָט שפּעטער גערופן לאַנצוט, האָט באַקומען אין יאָר 1349 פון דעם קעניג קאַזשימיעזש דעם גרויסן אַ סטאַטוס פון אַ שטאָט.

מען דאַרף אָננעמען, אַז צוזאַמען מיט די דייטשע קאָלאָניסטן פון „לאַנדסהוט" זענען אויך געקומען קיין לאַנצוט יידישע קאָלאָניסטן פון דייטשלאַנד און זיך דאָרט באַזעצט.*

3

ווי באַוואוסט האָבן צוגלייך מיט דייטשע קאָלאָניסטן געשטראָמט קיין מזרח אויך די דייטשע יידן. די גרעסטע כוואַליע פון יידן איז געגאַנגען קיין מזרח אין די יאָרן 1348, 1349 בעת דעם „שוואַרצן טויט".

דער פאַקט, וואָס די צייט פון דער גרינדונג פון דער שטאָט לאַנצוט (1349) איז בלי שום ספק פאַרבונדן מיט דער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן, וועלכער האָט אונטערשטיצט דאָס באַזעצן זיך פון יידן אין פוילן, דינט אונז אַלס אַ וויכטיקער באַווייז, אַז אויף דער לאַנצוטער ערד האָבן זיך צוזאַמען מיט די דייטשע קאָלאָניסטן אויך באַזעצט די דייטשע יידן, וועלכע זענען צו דער צייט געטריבן געוואָרן פון דייטשלאַנד.*

לאַנצוט איז געווען אַן אָביעקט פון באַזונדערער פאַראינטערעסירונג מצד דעם פוילישן קעניג קאַזשימיעזש דעם גרויסן, וועלכער האָט אין יאָר 1349 געשענקט לאַנצוט דעם סטאַטוס פון אַ שטאָט. נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דער דאָזיקער קעניג האָט געלייגט גרויס געוויכט אויף דער אַנטוויקלונג פון האַנדל אין פוילן און אָנערקענט די ווירטשאַפטלעכע פעאיקייטן און נוצלעכקייט פון די יידישע איינוואַנדערער פאַרן פוילישן האַנדל, און גלייכצייטיק באַשטעטיקט די פריערדיקע פריווילעגיע פון באָלעסלאַוו פון קאַליש, וועלכע יידן האָבן

• הרב יהוסף שווארץ דערמאָנט אין זיין ספר „דברי יוסף" (תקנ״ח—1798) — וועגן אַ יידישן ישוב — ניישטעטל — אין בייערן, וועמענס יידישע איינוואוינער זענען געווען די שארית הפליטה פון יידן, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנדסהוט.

• די דאָזיקע ידיעה איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם מחבר דורך מיכאל וואלצער.

באַקומען פון אים אין יאָר 1264 — קומען מיר צום אויספיר, אַז אין דערזעלבער צייט, ווען לאַנצוט איז פאַרמירט געוואָרן צו אַ שטאָט, האָבן זיך אויך דאָרט באַזעצט יידן, וואָס זענען אָנגעקומען פון דייטשלאַנד.

אַ חוץ דעם איז אויך וויכטיק פאַר דער באַגרינדונג פון אונזער השערה דער פאַקט, וואָס לאַנצוט איז צו יענער צייט געלעגן אויפן שליאַך, וואָס האָט געפירט פון ריישא איבער לאַנצוט, יאַראָסלאַוו און פשעמישל קיין לעמבערג און אין מיטלאַלטער איז דאָס געווען דער איינציקער וועג (דער „ראַפּשיצער שליאַך"), אויף וועלכן עס איז געגאַנגען דער מסחר פון מזרח קיין מערב.

הגם, ווי עס גיט איבער ד"ר שיפּער * ווערט דערמאָנט ביזן יאָר 1400 אין די היסטאָרישע מקורות נאָר דער יידישער ישוב אין לעמבערג, און דער ישוב אין פשעמישל ווערט ערשט דערמאָנט אין דער צייט צווישן 1400—1450 און אין די שפּעטערע יאָרן פון 1450—1500 זענען פאַראַן באַמערקונגען נאָר וועגן אַ יידישן ישוב אין יאַראָסלאַוו — אונטערשטרייכט אָבער ב. מאַרק **, אַז „מען קען נישט אָננעמען, אַז בלויז אין די שטעט, וואו עס ווערט אין די דאָקומענטן אָדער לויט דער דאַטע פון בית עולם פעסטגעשטעלט די עקזיסטענץ פון אַ יידישן ישוב — האָט שוין אין 14־טן יאָר־הונדערט געוואוינט אַ געוויסע צאָל יידן. נישט אַלע יידישע שטאָטישע ישובים ווערן דערמאָנט פון זייערע פריערסטע צייטן אָן, אין דאָקומענטן".

ביי ב. מאַרק געפינען מיר אויך ידיעות וועגן דער עקזיסטענץ פון יידישע ישובים אין קליינפּוילן און אין רייסן נאָך אינעם 11־טן יאָר־הונדערט. אַזוי, למשל, באַהויפּטעט ב. מאַרק, אַז פון 11־טן יאָר־הונדערט אָן זענען שוין פאַראַן מער גענויע ידיעות וועגן אַ יידישן ישוב אין פשעמישל, וואו עס האָבן זיך געקרייצט צוויי וויכטיקע האַנדלסוועגן: טשעכיע, קליינפּוילן־רייסן און אונגאַרן־רייסן, און אַז עס זענען פאַראַן פון דער צייט שפּורן וועגן אַ יידישן ישוב אין יאַראָסלאַוו.

וויכטיק פאַר אונז איז אויך דער פאַקט, אַז אין דער העלפט פון 14־טן יאָר־הונדערט האָט שוין עקזיסטירט אַ יידישער ישוב אין ריישע, און אַז צווישן לאַנצוט און די אַלע דאָ דערמאָנטע שטעט, וואָס ליגן אַזוי נאָענט צו לאַנצוט, האָבן עקזיסטירט ווירטשאַפטלעכע און בפרט האַנדלס־באַציאונגען. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אין לאַנצוט, וואָס איז געלעגן אין אַזאַ נאָענטער שכנות צו די דערמאָנטע שטעט, אין וועלכע עס האָבן שוין אין 14־טן יאָרהונדערט עקזיסטירט יידישע ישובים — זאָלן צו דער צייט נישט האָבן באַזעצט זיך יידישע איינוואַנדערער, וואָס האָבן בלי שום ספק, געהאַלפן אָנהאַלטן די האַנדלס־באַציאונגען צווישן איינצלנע שטעט אויף דעם גאַנצן שליאַך פון מזרח קיין מערב, פון לעמבערג איבער פשעמישל, יאראסלאוו, לאַנצוט, ריישע — ביז קיין קראקע און ווייטער, ביז ווראצלאוו.

* יידישע געשיכטע — ווירטשאַפטסגעשיכטע — 1930.

** די געשיכטע פון יידן אין פּוילן — פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1957.

4

עס זענען פאַראַן אויך געוויסע דאָקומענטאַרישע סימנים, וואָס באַשטעטיקן אונזערע השערה, אַז יידן האָבן געלעבט אין לאַנצוט שוין אין דער צייט, ווען דאָרט האָבן געהערשט די פּילעצקיס.

דער יידישער היסטאָריקער ד"ר געלבער ברענגט אין זיין מאמר (אין העברעאישן טייל פון דאָזיקן יזכור־בוך), די ידיעה, אַז אין אַרכיוו אין וואַרשע פון יאָר 1563 געפינט זיך אַ דאָקומענט, וואָס אַנטהאַלט אַ באַמערקונג וועגן יידן אין לאַנצוט. עס רעדט זיך דאָרט וועגן אַ לאַנצוטער יידן אליעזר פעלדמאַן — נאָר אָן שום פּרטים. ווי מיר זעען, האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ תקופה, אין וועלכער לאַנצוט האָט געהערט צו די פּילעצקיס.

אַ וויכטיקער ביישטייער צו דער אויפקלערונג פונעם פּראָבלעם, ווען עס האָבן זיך באַזעצט די ערשטע יידן אין לאַנצוט, איז דער אינווענטאַר פון די באַזיצטימער אין לאַנצוט און אין די דערפער, וואָס האָבן געהערט צו די לאַנצוטער גיטער במשך די יאָרן 1775, 1776, און 1777. די קאָפּיע פון אָריגינאַל, וואָס געפינט זיך אין פּוילישן מלוכהשן אַרכיוו אין וואַרשע, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם חשובן זאַמלער פון לאַנצוטער אַלטערטימלעכקייטן, דעם ד"ר וולאַדיסלאַוו באַליצקי. מיט דער אויספירלעכער באַהאַנדלונג פון דאָזיקן אינווענטאַר וועלן מיר זיך פאַרנעמען אין די שפּעטערדיקע קאַפּיטלען, דערווייל וועלן מיר ציטירן די „פּאָזיציע 51" פונעם דאָזיקן אינווענטאַר, אונטער וועלכער עס פיגורירט „אַ קאָלומנע מיט אַ צלם אויפן אָרט פון דער צעשטערטער יידישער שול", דערביי מוזן מיר נאָך צוגעבן, אַז אין אינווענטאַר איז די שטאָט איינגעטיילט לויט קוואַרטאַלן און אַז די „פּאָזיציע 51" מיט דער דערמאָנטער קאָלומנע האָט געהערט צו דעם טייל פון דער שטאָט, וועלכן דער אינווענטאַר באַצייכנט אַלס דעם שטח פונעם „סאַקאַלאָווער טויער ביז צו דער יידישער שול" (זשידאָווסקאַ שקאָלאַ).

לאָמיר אַנאַליזירן גענויער די דאָזיקע „פּאָזיציע 51". מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַז די וויג פון לאַנצוט איז געווען דער שטח אַרום דעם „גאָלן באַרג", אויף וועלכן עס איז געשטאַנען דער שלאָס פון דער מאַגנאַטן־משפחה פּילעצקי, די ערשטע הערשער פון לאַנצוט. מיר ווייסן אויך, אַז אין דער סביבה פון דעם דאָזיקן באַרג האָבן זיך קאָנצענטרירט די ערשטע איינוואוינער פון דעם אָרט, וואָס האָט זיך גערופן לאַנצוט. עס איז כדאי נאָך צו דערמאָנען, אַז נאָכן דערהויבן דעם דערמאָנטן אָרט צו דער מדרגה פון אַ שטאָט און נאָכן אויסברייטערן זיך פון דער דאָזיקער קאָלאָניע ווייטער קיין דרום, האָט מען דעם שטח אויף אַ מרחק פון איבער 200 מעטער פון דעם „גאָלן באַרג" גערופן „די אַלטע שטאָט", דעם שפּעטערדיקן סאָביעסקי־פּלאַץ. צו דער צפון־זייט פון דער אַלטער־שטאָט, אַ ביסל ווייטער, לענגאויס דעם וועג, וואָס טראָגט היינט דעם נאָמען גרונוואַלדסקאַ גאַס, איז געווען דער בית־עולם, וועלכער איז אין דער העלפט 19־טן יאָר־הונדערט פאַרמאַכט געוואָרן. אויפן דאָזיקן בית־עולם, פון וועלכן עס איז נאָך דער היטלעריסטישער אינוואַזיע נישט

געבליבן קיין זכר. האָט זיך געפונען דער קבר פון באַרימטן רב, הגאון ר' נפתלי הארוויץ זצ"ל, וועלכער האָט געשטאַמט פון ראָפּשיץ און איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1829. טויזנטער יידן פון די ווייטסטע מקומות פלעגן צו זיין יאָרצייט קומען קיין לאַנצוט באַזוכן זיין קבר.

דער לאַנצוטער לאַנדסמאַן, מ. וואלצער, וואָס וואוינט אין ישראל, האָט אָנגעוויזן, אַז קעגנאיבער דעם דערמאָנטן בית־עולם איז געלעגן אַ שטח, וועלכן די לאַנצוטער יידן האָבן גערופן „דער שוואַרצער גאָרטן" און אַז דער עלטערער דור פון לאַנצוטער יידן פלעגן דערציילן וועגן אַ פּאָגראָם, וואָס האָט געזאָלט אַמאָל פּאָרקומען אין דער דאָזיקער געגנט. וויכטיקער איז אָבער פאַר אונז די ידיעה, וועלכע עס האָט אונז איבערגעגעבן דערזעלבער פריינט וואלצער, אַז אויפן שטח פון דעם „שוואַרצן גאָרטן" איז נאָך פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה געשטאַנען אַ קאָלומנע מיט אַ צלם.

אויך דער צווייטער לאַנצוטער לאַנדסמאַן, וואָס וואוינט אין ישראל, נחמן קעסטנבאום, באַשרייבנדיק פאַרשידענע עפּיזאָדן פונעם יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין אַמאָליקן לאַנצוט, — דערציילט, אַז שבת פלעגט די לאַנצוטער יידישע יוגנט זיך טרעפן ביים אַלטן בית־עולם, דאָרט האָט מען זיך געזעצט אויף די מויערן פון דעם „שוואַרצן גאָרטן", אָדער אויפן באַרג, קעגנאיבער דעם בית־עולם. קעסטנבוים מיינט, אַז בנוגע דעם דערמאָנטן „שוואַרצן גאָרטן" קורסירן פאַרשידענע לעגענדעס, וואָס האָבן דערציילט וועגן שדים, וועלכע האָבן געזאָלט זיך דאָרט באַווייזן יעדן פרייטיק צו נאַכטס.

לויט די אַלע ביז איצט ציטירטע דאָקומענטן און ידיעות לאָזט זיך אויפקלערן דער ענין מיט דער „קאָלומנע מיטן צלם אויפן אָרט פון דער צעשטערטער שול", וואָס פיגורירט אונטער דער „פּאָזיציע 51" פון אינווענטאַר פון די באַזיצטומער אין לאַנצוט אין יאָר 1775.

אַזוי ווי מיר ווייסן, אַז די דאָזיקע קאָלומנע שטייט אויפן שטח פון „שוואַרצן גאָרטן", וועלכער האָט זיך, פונקט ווי דער אַלטער בית הקברות געפונען נישט ווייט פון באַרג מיט פּילעצקיס שלאָס, — איז שוין קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט דעם אָרט, וואו עס האָבן זיך באַזעצט די ערשטע יידן, וואָס זענען, ווי מיר פּרוּוון דאָס צו באַווייזן, געקומען קיין לאַנצוט אין דער העלפט פונעם 14־טן יאָר־הונדערט. דאָ — אויף דעם אָרט, איז געווען דער בראשית פונעם יידישן ישוב אין לאַנצוט. דאָ האָבן די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן אין לאַנצוט אויפגעשטעלט זייער בית־כנסת מיטן בית־עולם.

5

כדי אָבער נאָך בולטער אָנצוגעבן דעם צייטפּונקט פון דער אַנטשטייאונג פונעם יידישן ישוב אין לאַנצוט, וועלן מיר פּרוּוון פעסטצושטעלן, ווען עס האָט געקאָנט פאָרקומען די צעשטערונג פון בית־כנסת, אויף וועמענס אָרט מען האָט אויפגעשטעלט אַ קאָלומנע מיט אַ צלם.

פריער אָבער איז וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז אויפן סמך פון די פאַראַנענע דאָקומענטן, האָבן מיר ידיעות ביז צו דער צווייטער העלפט פונעם 18־טן יאָר־הונדערט וועגן דריי בתי־כנסת אין לאַנצוט:

איין בית־כנסת ווערט דערמאָנט אונטער דער „פּאָזיציע 51" פון דער רשימה פון באַזיצטומער אין לאַנצוט פון יאָר 1775, וועלכער — ווי עס ווערט דאָרט ציטירט — איז פאַרניכטעט געוואָרן און אויף זיין אָרט איז שוין אין יאָר 1775 געשטאַנען אַ קאָלומנע מיט אַ צלם. דאָס איז געווען, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט דער בית־כנסת, וואָס איז אַמאָל געשטאַנען אויפן שטח פון „שוואַרצן גאָרטן", נישט ווייט פונעם „גאָלן באַרג".

דער צווייטער איז געווען די אַלטע הילצערנע שול, וועגן וועלכער עס באַהויפּטעט דער היסטאָריקער פון לאַנצוט, סטאַניסלאַוו צעטנארסקי,* אַז זי איז געשטאַנען אין מזרח־דרומדיקן ווינקל פון אַלטן מאַרק, נעבן דעם אַמאָליקן פשעמישלער טויער, און אַז זי איז, לויט זיין מיינונג, פאַרברענט געוואָרן. צעטנארסקי גיט נאָך צו, אַז אויפן אָרט פון דער דאָזיקער הילצערנער שול איז נאָך פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה געשטאַנען דאָס הויז פון לאַנצוטער איינוואוינער וואגשאל.

דער דריטער בית־כנסת — די נייע שול, וועגן וועלכער עס זענען שוין פאַראַן גענויע ידיעות, אַז זי איז אויפגעבויט געוואָרן אינעם יאָר 1761 נעבן דער דערמאָנטער אַלטער הילצערנער שול, און אַז זי געהערט היינט צו די אַלטערטימלעכסטע געביידעס אין לאַנצוט.

איצט קומט אונז אויס נאָר צו באַהאַנדלען די פראַגע, ווען האָט געקענט פאָרקומען די צעשטערונג פון דער שול אויפן „שוואַרצן גאָרטן". די תשובה אויף דער דאָזיקער פראַגע וועט אונז דערלויבן אָנגעבן די צייט פון באַזעצן זיך פון די ערשטע יידן אין לאַנצוט. וויכטיק פאַר אונזערע ווייטערע אויספירונגען איז אונטערצושטרייכן, אַז די שול אויפן שטח פון „שוואַרצן גאָרטן" איז פאַרניכטעט געוואָרן — אַזוי לייענען מיר אין דער אָפיציעלער רשימה פון די באַזיצטומער („פּאָשיאַדלאָשצי") אין לאַנצוט פון יאָר 1775. אויב מען האָט אויף אַ פלאַץ, וואו עס איז געשטאַנען אַ בית־כנסת אויפגעשטעלט אַ קאָלומנע מיט אַ צלם, איז דאָס בלי שום ספק געווען אַ רעזולטאַט פון אַן אַנטיסעמיטישער אַקציע, וואָס האָט געמוזט אַדורגעפירט ווערן אין דער סביבה פון דעם דאָזיקן שטח. מיר מוזן נאָך צוגעבן, אַז די שול אויפן שטח פון „שוואַרצן גאָרטן" האָט געמוזט צעשטערט ווערן נאָך אַ סך פריער פאַר דעם יאָר 1761, ווייל פאַר דעם יאָר איז דאָך געשטאַנען נעבן פשעמישלער טויער די הילצערנע שול, און אַזאַ קליינע קהילה ווי לאַנצוט האָט געקענט דאַן האָבן נאָר איין שול. אַזוי, אַז אין דער דאָזיקער תקופה, ווען עס איז שוין געשטאַנען די הילצערנע שול, איז שוין געווען צעשטערט די שול אויפן „שוואַרצן גאָרטן" און עס איז שוין דעמאָלט בלי שום ספק אויפן אָרט פון דער צעשטערטער שול געשטאַנען די קאָלומנע מיטן צלם.

ווען האָט געקענט פאָרקומען די דאָזיקע פיינטלעכע אַקציע

* Miasto Łańcut (1937)

קעגן דעם לאַנצוטער יידישן ישוב אַרום דער סביבה פון „שוואַרצן גאָרטן"? ווען האָט געקענט אויסגעפירט ווערן די צעשטערונג פון דער שול אויפן שטח פון „שוואַרצן גאָרטן"?

פון דער געשיכטע פון לאַנצוט ווייסן מיר שוין, אַז די ערשטע ידיעות וועגן לאַנצוט פאַלן צונויף מיט דער צוגעהעריקייט פון דער שטאָט צו דער מאַגנאַטן־משפחה פּילעצקי, וועלכע האָט דאָרט געהערשט ביז צו יאָר 1586. די דאָזיקע ערשטע מאַגנאַטן, וואָס האָבן פאַרנומען אין אַמאָליקן פעאָדאַלן פּוילן די העכסטע מלוכה־אַמטן, האָבן אָפּגעהיטן די אָרדנונג און רו אין דער שטאָט לאַנצוט, וואָס איז דאָך געווען פאַר זיי אַ קוואַל פון הכנסות. מיר ווייסן אויך, אַז די פּוילישע פעאָדאַלע מאַגנאַטן זענען נישט געווען פיינטלעך געשטימט צו די יידן, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן דווקא פאַר אַ נוצלעכן עלעמענט. דערפאַר מוזן מיר אָננעמען, אַז אין דער תקופה, ווען אין לאַנצוט האָבן געהערשט די פּילעצקיס, זענען דאָרט נישט פאָרגעקומען קיין אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען אָדער עקסצעסן און זיכער האָבן די אייגנטימער פון לאַנצוט נישט צוגעלאָזט אויך צו דער פאַרניכטונג פון אַ יידישן בית־כנסת.

אַ באַזונדערער קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פאָר די תקופה, ווען דער לעצטער פון די פּילעצקיס, קשישטאָף, האָט אין יאָר 1549 אָנגענומען דעם פּראָטעסטאַנטישן גלויבן און האָט פאַרטריבן פון לאַנצוט די דאָמיניקאַנער ווי אויך די קאַטוילישע גל'חים. לאַנצוט איז אין דער צייט געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע צענטערס פון די דיסידענטן, און אין די יאָרן 1565 און 1567 זענען אַפילו אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאַנצוט צוויי פּראָטעסטאַנטישע סינאָדן. און ווען אין יאָר 1586 האָט לאַנצוט איבערגענומען סטאַניסלאַוו סטאַדניצקי, וועלכער איז געווען אַן הייסער אָנהענגער פון די פּראָטעסטאַנטן, האָט ער מיט נאָך דראַסטישערע מיטלען גערודפט די קאַטוילישע באַפעלקערונג. ערשט אין יאָר 1629, ווען לאַנצוט האָט איבערגענומען דער רייסישער וואָיעוואָדע, סטאַניסלאַוו לובאָמירסקי, האָט זיך אין לאַנצוט פאַרענדיקט די תקופה פון פּראָטעסטאַנטיזם. איצט זענען פון לאַנצוט פאַרטריבן געוואָרן אַלע פּראָטעסטאַנטישע סעקטאַנטן, עס האָבן זיך צוריקגעקערט די דאָמיניקאַנער, וועלכע האָבן צוריקבאַקומען זייער קלויסטער און עס איז צוריק אויפגעבויט געוואָרן די קירכע.

שטעלט זיך איצט די פראַגע: צו האָט געקאָנט אין דער דאָזיקער תקופה צעשטערט ווערן דער בית־כנסת אויפן „שוואַרצן גאָרטן?".

עס זענען פאַראַן צוויי מעגלעכקייטן: אָדער דער בית־כנסת אויפן „שוואַרצן גאָרטן" איז פאַרניכטעט געוואָרן אין דער צייט, ווען לאַנצוט איז געווען באַהערשט פון די פּראָטעסטאַנטישע סעקטן, דאָס הייסט צווישן די יאָרן 1549 און 1629 — אָדער די פאַרניכטונג איז פאָרגעקומען נאָכן יאָר 1629.

לאָמיר קודם כל אָננעמען די מעגלעכקייט אַז דער בית־כנסת איז פאַרניכטעט געוואָרן אין דער צייט, ווען לאַנצוט איז געווען אַ צענטער פון פּראָטעסטאַנטישן גלויבן, דאָס הייסט אין דער ערשטער פון די אויבן אָנגעפירטע תקופות. צו דעם צוועק זענען נויטיק עטלעכע ווערטער וועגן דער באַציאונג פון די פּראָטעסטאַנטישע סעקטן אין פּוילן לגבי די יידן.

די הערעטישע שטרעמונגען און רעפאָרמאַטאָרישע סעקטן אין דער קאַטוילישער קירכע האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אין פּוילן נאָך אין 14־טן און אין 15־טן יאָר־הונדערט. אין דער העלפט פון 16־טן יאָר־הונדערט האָבן שוין אין פּוילן עקזיסטירט פאַרשידענע דיסידענטישע סעקטן, און א חוץ הוסיטן און אַנדערע פּראָטעסטאַנטישע ריכטונגען זענען געווען זייער אַנטוויקלט די אַריאַנער, די אַזוי גערופענע אוניטאַריאַנער, אָדער אַנטי־קריסטיאַנער, ווייל זיי האָבן נישט אָנערקענט די געטלעכע דריי־אייניקייטן וואָס איז דאָך דער יסוד פונעם קאַטוילישן גלויבן. מען האָט זיי אויך גערופן סאָציאַנער, נאָכן רעפאָרמאַטאָר סאָצין, וועלכער האָט פאַראייניקט אין פּוילן אַלע קעגנער פון גלויבן אין דער הייליקער דריי־אייניקייט אין איין סעקטע. מען האָט זיי אויך גערופן „פּוילישע ברידער" און זענען אויך באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען יודאַיזאַנטן, אָדער אריאַנער, ווייל פּונקט ווי דער רעפאָרמאַטאָרישער בישאָף אריאַן, זענען זיי געשטאַנען צווישן יידישן און קאַטוילישן גלויבן. די דאָזיקע סעקטאַנטן האָט מען אין פּוילן אומברחמנותדיק פאַרפאָלגט און געפייניקט, דערביי האָט זיך דער כעס פון קאַטוילישן קלער געווענדעט אויך קעגן די יידן, וועלכע זיי האָבן חושד געווען, אַז זיי רעדן אָן די קריסטן זיך מגייר צו זיין. די אריאנער האָבן זיך צו די יידן נישט פאַרהאַלטן פיינטלעך, בפרט, אַז צוגלייך מיטן אויסראָטונגס־קאַמף קעגן די אַנטי־קריסטלעכע כופרים, האָבן די קאַטוילישע אינקוויזיטאָרן נישט געשוינט אויך די יידן. דערפאַר טאַקע שליסן מיר אויס די מעגלעכקייט, אַז דער בית־כנסת אויפן „שוואַרצן גאָרטן" איז פאַרניכטעט געוואָרן בעת אין לאַנצוט האָבן געהערשט די אָנהענגער פונעם פּראָטעסטאַנטישן גלויבן.

אויב מיר וועלן אָננעמען די צווייטע מעגלעכקייט אַז דער בית־כנסת איז פאַרניכטעט געוואָרן אין דער תקופה, ווען לאַנצוט האָט געהערט צו די לובאמירסקיס (1629), מוזן מיר קודם כל אונטערשטרייכן, אַז צו דער צייט האָט שוין אין פּוילן פאַרפליכטעט די קאָנסטיטוציע פון יאָר 1539, וועלכע האָט איבערגעגעבן די יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין שטעט און דערפער, אַלס אַ פּריוואַט אייגנטום פון די פעאָדאַלע מאַגנאַטן, אונטער זייער פאַקטישן און רעכטלעכן רשות.

דער ערשטער פון די לובאמירסקיס, סטאַניסלאַוו, איבערנעמענדיק לאַנצוט, האָט קודם כל אָפּגערייניקט די שטאָט פון די פּראָטעסטאַנטן, צוריקגערופן די דאָמיניקאַנער און קאַטוילישע גלחים און באַמיט זיך צו אַנטוויקלען די שטאָט און צו הייבן זי ווירטשאַפטלעך, דערביי האָט ער גענומען אין שוץ די יידישע איינוואוינער. היות ווי אַלע מיטגלידער פון דער דאָזיקער מאַגנאַטן־משפחה האָבן זיך תמיד פריינטלעך באַצויגן צו די יידישע תושבים פון דער שטאָט לאַנצוט און באַשאָנקען זיי מיט פּריווילעגיעס, איז אָנצונעמען, אַז אין דער תקופה פון דער לובאָמירסקי־הערשאַפט אין לאַנצוט זענען דאָרט נישט פאָרגעקומען קיין אַנטי־יידישע עקסצעסן אָדער אַנטי־סעמיטישע אַרויסטרעטונגען, וואָס האָבן געזאָלט זיך ענדיקן מיט דער צעשטערונג פון אַ יידישן בית־כנסת.

עס איז טאַקע דאַן געווען אַ צייט, ווען יידן אין פוילן האָבן אין זייער קאַמף פאַר רעכט צו וואוינען און צו האַנדלען געהאַט שוין קעגן זיך די קריסטלעכע שטאָטישע איינוואוינער און דעם קאַטוילישן קלער — זענען אָבער די יידן אין לאַנצוט געווען אין אַ בעסערער לאַגע, געפינענדיק שוץ און אפוטרופסות מצד די לובאמירסקיס, וואָס האָבן שטרענג אַכטונג געגעבן, אַז יידן אין לאַנצוט זאָלן קענען פריי זיך באַשעפטיקן מיט האַנדל און מלאכה.

עס וואָלט געקאָנט אַנטשטיין אַ מעגלעכקייט אָנצונעמען, אַז דער בית־כנסת איז פאַרניכטעט געוואָרן בעת דער פירשט פון זיבענבירגען, יעזשי ראַקאָטשי איז אין יאָר 1657 איבערגעפאַלן פוילן, חרוב געמאַכט גאַנצע שטעט און דערפער, און האָט אויך איינגענומען לאַנצוט און פאַרברענט די שטאָט. קעגן דער דאָזיקער מעגלעכקייט זענען אָבער פאַראַן פאָלגנדע פאַקטן: ראשית כל איז באַקאַנט, אַז אין יאָר 1657, ווען ראַקאָטשי איז באַפאַלן לאַנצוט, האָבן די יידן זיך דאָרט קאָנצענטרירט אַרום דער געגנט פון דער היינטיקער שול, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1761, נעבן דער אַלטער הילצערנער שול, וואָס איז געשטאַנען אינעם מזרח־דרומדיקן ווינקל פון אַלטן מאַרק. און אויב מיר וועלן אַפילו אָננעמען, אַז די הילצערנע אַלטע שול איז פאַרברענט געוואָרן בעת ראַקאָטשיס אָנפאַל אויף לאַנצוט, אינפאָרמירט אונז סטאַניסלאַוו צעטנארסקי, אַז טעאָדאָר לובאָמירסקי, וועלכער האָט איבערגענומען לאַנצוט אין יאָר 1702, האָט געהאָלפן די יידן צוריק אויפבויען די דאָזיקע הילצערנע שול, אַזוי, אַז עס קאָן נישט זיין קיין רייד דערפון, אַז נאָכדעם, ווי די שול איז פאַרברענט געוואָרן האָט מען געזאָלט אויף איר אָרט אויפשטעלן אַ קאָלומנע מיט אַ צלם. להיפך — דערזעלבער טעאָדאָר לובאָמירסקי האָט שפּעטער איבערגעגעבן די לאַנצוטער יידן אַ פּלאַץ נעבן דער דערמאָנטער הילצערנער שול, דערלויבענדיק זיי דאָרט צוצוגרייטן ציגל כדי צו אויפבויען אַ נייע שול, וועלכע איז פאַרענדיקט געוואָרן אין יאָר 1761, און ווי מיר ווייסן דאָך שוין, איז אויפן פּלאַץ פון דער אַלטער הילצערנער שול געשטאַנען אַ וואוינהויז, וואָס האָט נאָך ביז פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געהערט צו וואגשאלן.

באַקענענדיק זיך מיט דער געשיכטע פן לאַנצוט, האָבן מיר געפונען געוויסע שפּורן, וואָס פירן אונז צו דעם צייטפּונקט, ווען דער בית־כנסת אויפן „שוואַרצן גאָרטן" האָט געקענט פאַרניכטעט ווערן און וואָס קלערן אונז אויף, ווער עס האָט געקענט אויפשטעלן אויפן אָרט פון אַ בית־כנסת אַ קאָלומנע מיט אַ צלם.

מיר געדענקען, אַז בעת דעם קאַמף צווישן סטאַניסלאַוו סטאַדניצקי (דעם „לאַנצוטער טייוול") און דער פירשט אָפּאַלינסקי איז אין יאָר 1610 געקומען צו אַן אַנטשיידנדער שלאַכט, אין וועלכער די חיילות פון אָפּאַלינסקי זענען אַריינגעפאַלן קיין לאַנצוט און חרוב געמאַכט די שטאָט, דערביי איז אַ גרויסער טייל פון דער שטאָט פאַרברענט געוואָרן. אויסגערויבט האָבן אָפּאַלינסקיס מענטשן אין דער ערשטער ריי דעם שלאָס אויפן „גאָלן באַרג" און בלי ספק האָבן זיי ביי דער געלעגנהייט פאַרניכטעט דעם יידישן בית־כנסת, וואָס האָט זיך געפונען אין דער סביבה פון סטאַדניצקיס שלאָס אויף דעם דערמאָנטן „גאָלן באַרג".

ווען די דאָמיניקאַנער זענען צוריקגעקומען קיין לאַנצוט (1629), האָבן זיי שוין אויפן אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דער בית־כנסת, אָנגעטראָפן בלויז חורבות. די דאָמיניקאַנער האָבן איבערגענומען אין לאַנצוט די ראָל פון אינקוויזיטאָרן, וואָס האָבן פאַרטריבן פון דער שטאָט די אַריאַנישע דיסידענטן און פאַרפאָלגנדיק כל מיני יודאאיזאַנטן, האָבן זיי אויך נישט געשוינט די יידן. די דאָמיניקאַנער אינקוויזיטאָרן האָבן זיך נישט געקענט אַנדערש נוקם זיין איבער די יידן אין לאַנצוט פאַר די זינד פון די פּראָטעסטאַנטישע כופרים ווי נאָר דורך אויפשטעלן אויפן אָרט פון דעם צעשטערטן בית־כנסת דורך אָפּאַלינסקיס סאָלדאַטן, אַ קאָלומנע מיט אַ צלם.

נאָר אויף אַזאַ אופן קאָנען מיר פאַרשטיין דעם שייכות פון דעם צעשטערטן בית־כנסת מיט דער קאָלומנע מיטן צלם.

6

וואָס פאַראַ מסקנות קאָנען מיר אַלזאָ אַרויסציען פון דער השערה, אַז אין יאָר 1610 איז אין לאַנצוט אין דער סביבה פון אַלטן פּילעצקי־שלאָס פאַרניכטעט געוואָרן אַ בית־כנסת, אויף וועמענס חורבות עס איז שפּעטער אויפגעשטעלט געוואָרן אַ קאָלומנע מיט אַ צלם?

פון דעם דאָזיקן פאַקט קאָנען מיר אָנגעבן בערך די צייט, ווען עס האָט שוין אין לאַנצוט עקזיסטירט אַ יידישער ישוב, וואָס האָט אָנגענומען געוויסע פאָרמען פון אַן אויטאָנאָמער קהילה. ווייל די קליינע יידישע ישובים האָבן נישט באַקומען אַזוי שנעל דאָס רעכט אויפצושטעלן אַ בית־כנסת, איינצואָרדענען אַ בית־עלמין, אויפצונעמען אַ רב און אַ. וו. — אַזאַ קליינער ישוב האָט נישט געקענט אין דער ערשטער צייט פון זיין אַנטוויקלונג דעקן די אַלע הוצאות, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער אויסהאַלטונג פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס, דערצו נאָך איז פאַר אַלע די אינסטיטוציעס נויטיק געווען אַ דערלויבעניש פונעם פעאָדאַלן האַר, צו וועמען די אָרטשאַפט האָט געהערט. דערפאַר איז אַזאַ ישוב אַ לאַנגע צייט געווען צוגעהעריק צו אַ גרעסערער שכנותדיקער קהילה, פון וועלכער ער איז געווען אָפּהענגיק בנוגע פאַרשיידענע קהילהשע ענינים. אַזאַ גרעסערע קהילה האָט ביי די פון איר אָפּהענגיקע שכנותדיקע יידישע ישובים („פּשי־קאהאלקעס") איינקאַסירט די מלוכהשע שטייערן. די הויפּט־קהילה און אירע פיליאַלן האָבן געהאַט אַ בשותפותדיקן רב און בית־דין, אַ געמיינזאַמען בית־כנסת און בית־עלמין. בפרט אַן אייגענעם בית־הקברות האָבן אין יענער תקופה געקענט האָבן בלויז רייכע קהילות און די יידן אין קליינע קהילות האָבן געפירט זייערע מתים אין די גרעסערע קהילות פון די שטעט, וואו עס זענען שוין געווען בית־עלמינס.

און ווען אַזאַ אָפּהענגיקע קהילה האָט זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט, האָט זי קודם כל געמאַכט באַמיאונגען צו באַקומען דאָס רעכט אויפצושטעלן אַן אייגענעם בית־כנסת, אויפצונעמען אַן אייגענעם רב און דערנאָך ערשט איינצואָרדענען אַן אייגענעם בית־עלמין. צום סוף האָט זיך אַזאַ פיליאַלע

אָפּגעריסן פון איר הויפּט־קהילה און זיך קאָנסטיטואירט ווי אַ זעלבסשטענדיקע קהילה. די ייִדישע קהילה אין לאַנצוט איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ פיליאַלע פון דער פּשעמישלער קהילה.*

דער ייִדישער ישוב אין לאַנצוט, האָט שוין אין 16־טן יאָר־הונדערט געמוזט זיין גענוג שטאַרק, ווייל לויט אונזערע השערות האָבן לאַנצוטער ייִדן שוין דעמאָלט פאַרמאָגט אַן אייגענעם בית־כנסת און אַן אייגענעם בית־עלמין.**

וועגן דאָקומענטאַרישע באַווייזן, אַז אין דער צווייטער העלפט פון 16־טן יאָר־הונדערט האָבן שוין געלעבט אין לאַנצוט ייִדן, האָבן מיר שוין דערמאָנט אין די פריערדיקע קאַפּיטלען. דער היסטאָריקער פון לאַנצוט זענאָן שוסט, האָט אין זיין מאָנאָגראַפיע, „דער מיטלאַלטער פון לאַנצוט", פאַרעפנטלעכט אַ רשימה פון פערזאָנען, וואָס האָבן אין די יאָרן 1559—1539 דורכגעפירט טראַנזאַקציעס מיט שטאָטישע גרונטשטיקער אין לאַנצוט. די רשימה, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן פון אַ לאַנצוטער שטאָטישן פּנקס פון די ערשט ציטירטע יאָרן, אַנטהאַלט אַן ערך 90 דייטשע נעמען און אַן ערך 170 פּוילישע נעמען. אָבער נאָך אַ גענויערער אונטערזוכונג געפינען מיר דאָרט צוויי נעמען, וואָס זענען בלי שום ספק ייִדישע, דהיינו: איין נאָמען „שמיאלעק", וואָס באַדייט זיכער שמואל און דער צווייטער נאָמען „זידקאָווא", וואָס באַדייט אַוודאי די פרוי פון אַ „זשידעק".

איבעריקנס אונטערשטרייכט דערזעלבער זענאָן שוסט אין שייכות מיט דער דאָזיקער רשימה, אַז די סטאַטיסטישע ציפערן בנוגע דער צאָל באַפעלקערונג פון דער דאָזיקער תקופה, וואָס שטיצט זיך אויף די שטאָטישע פּנקסים, גיבן נישט קיין געטריי בילד פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין דער דאָזיקער צייט. און וואָס שייך די דייטשע נעמען פון דער דאָזיקער רשימה, איז אויך נאָך נישט קיין פולער באַווייז, אַז צווישן די דאָזיקע נעמען געפינען זיך נישט קיין ייִדן, ווייל, ווי עס קלערט אונז אויף דער באַקאַנטער ייִדישער היסטאָריקער ב. מארק אין זיין בוך „די געשיכטע פון ייִדן אין פוילן" (זייט 336)—האָבן די ייִדיש־דייטשע היסטאָריקער אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אַז אין דייטשלאַנד האָבן ייִדן אין 13־טן און אין 14־טן יאָר־הונדערט געטראָגן דייטשישע אָדער פון דייטש שטאַמיקע נעמען — אַזוי, אַז עס איז שווער פעסטצושטעלן, אויב די נעמען, וואָס פיגורירן אויף דער דערמאָנטער רשימה, זענען נישט טיילווייז קיין ייִדישע, הגם זיי קלינגען דייטשיש.

די ביז איצט געבראַכטע פאַקטן באַפעסטיקן אונזערע השערות, אַז די ערשטע ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין לאַנצוט שוין אין דער העלפט פון 14־טן יאָר־הונדערט, אַז אין 15־טן און אין דער העלפט פון 16־טן יאָר־הונדערט האָט שוין אין לאַנצוט עקזיסטירט אַ ייִדישע קהילה, וואָס איז אמת טאַקע געווען נאָך אָפּהענגיק פון דער הויפּט־קהילה אין פּשעמישל, אָבער זי האָט שוין פאַרמאָגט אַן אייגן בית־כנסת מיט אַן אייגענעם בית־עלמין.

7

לאָמיר איצט פרוּוון ענטפערן אויף די פראַגע: ווי אַזוי האָבן געלעבט די ייִדן אין לאַנצוט אין דער תקופה פון דער צווייטער העלפט פון 14־טן ביז צום אָנהויב פונעם 17־טן יאָר־הונדערט?

מיר האָבן שוין פריער באַמערקט, אַז ביים באַזעצן זיך פון די ייִדן אין לאַנצוט, האָט אַ גרויסע ראָל געשפּילט דער קאָמוניקאַציע־מאָמענט. דער לאַנצוטער היסטאָריקער, זענאָן שוסט, באַהויפּטעט אין זיין מאָנאָגראַפיע, — „דער מיטלאַלטער פון לאַנצוט", — אַז צום סוף פון 14־טן יאָר־הונדערט האָט שוין לאַנצוט געהאַט הינטער זיך אַ לענגערע אַנטוויקלונגס־תקופה, ווייל אין לאַנצוט זענען שוין דאַן פאָרגעקומען ירידים און מערק, אויף וועלכע די תושבים פון די שכנותדיקע אָרטשאַפטן פלעגן אַרויסשטעלן זייערע פּראָדוקטן צום פאַרקויף. צו די לאַנצוטער גיטער האָבן דעמאָלט געהערט 12 דערפער, אַזוי, אַז לאַנצוט מיט די אַרומיקע דערפער האָט שוין דאַן פאָרגעשטעלט אַ גענוג גרויסע טעריטאָריאַלע איינהייט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט בשותפותדיקע עקאָנאָמישע אינטערעסן.

פון דער געשיכטע פון ייִדן אין פוילן אין 14־טן און אין 15־טן יאָר־הונדערט ווייסן מיר, אַז אין דער דאָזיקער תקופה זענען די ייִדן געווען כמעט דער איינציקער עלעמענט, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל. די ייִדישע סוחרים פלעגן פאַרזאָרגן די מאַגנאַטן־משפחות, ווי אויך די איינוואוינער פון די אָרטשאַפטן, וואָס זענען געלעגן אויף דער קאָמוניקאַציע־ליניע פון רייסן קיין מערב, מיט אַזעלכע אַרטיקלען — ווי הערינג, געווירצן און וואל, דערביי פלעגן די דאָזיקע סוחרים אויסשטעלן די דאָזיקע סחורות אויף די ירידים, וואָס זענען פאָרגעקומען אין פאַרשידענע צייטן אין די שטעט און שטעטלעך.

עס איז דערפאַר אָנצונעמען, אַז לאַנצוטער ייִדישע סוחרים האָבן אין 15־טן יאָר־הונדערט געליפערט פאַרשידענע סחורות און לוקסוס־אַרטיקלען פאַר דעם הויף פון די פּילעצקיס, וועלכע האָבן דאַן געהערט צו די רייכסטע מאַגנאַטן־משפחות אין דעמאָלטיקן פוילן, דערביי איז כדאי צו דערמאָנען, אַז דער פּוילישער קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגיעללאָ, וואָס פלעגט אָפט ווילן ביי זיין צווייטער פרוי (די טאָכטער פון אָטטאָ פּילעצקי, אַן אלמנה נאָך דעם קאַשטעלאַן גראַנאָווסקי) אין לאַנצוט, איז געשטאַנען אין ענגע פינאַנציעלע באַציאונגען מיטן ייִדישן באַנקיר וואָלטשקאָ, וועלכער וואוינענדיק אַליין אין לעמבערג, האָט זיך אָן ספק אין זיינע קרעדיט־טראַנזאַקציעס מיטן קעניגלעכן הויף ווי אויך מיט די פּילעצקיס, באַנוצט מיט ייִדישע פאַרמיטלער, וואָס האָבן געוואוינט אין לאַנצוט.

אויך אַלע די ווירטשאַפטלעכע קאָנטאַקטן פון 14־טן און אָנהויב 15־טן יאָר־הונדערט, צווישן לאַנצוט און די שכנותדיקע שטעט ווי ריישע, טישטשין, פּשעוואָרסק, וועגן וועלכע עס דער־

* גענויערע ידיעות וועגן דעם ברענגען מיר אין די נעכסטע קאַפּיטלען.

** לאַנצוטער ייִדן, וואָס לעבן אין ישראל דערציילן, אַז נאָך פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה האָבן זיי געזען אויפן לאַנצוטער אַלטן בית־הקברות מצבות פון פאַר 300 יאָר.

מאַנט זעגאַן שוסט, האָבן געקענט אָנגעהאַלטן ווערן נאָר דורך די דעמאָלטיקע יידישע סוחרים, וואָס האָבן געוואוינט אין לאַנצוט, ווייל נאָר זיי האָבן אין דער דאָזיקער תקופה אָנגע־האַלטן מיט יידישע הענדלער פון אַנדערע שטעט און שטעט־לעך אַן אָרגאַניזירטן ענגן האַנדלס־קאָנטאַקט.

אַזאַ איז בלי שום ספק געווען דער ווירטשאַפטלעכער מצב פון די יידן אין לאַנצוט ביז צום יאָר 1586, ווען די שטאָט האָט געהערט צו די פּילעצקיס.

און אין וואָס פאַרא ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן האָבן זיך געפינען די לאַנצוטער יידן, בעת די שטאָט האָט געהערט צו די סטאַדניצקיס?

שוין דער פריער ציטירטער היסטאָריקער צעטנארסקי שילדערט די לאַגע אין לאַנצוט, זינט די שטאָט האָט איבערגע־נומען סטאַניסלאַוו סטאַדניצקי, מיט פאָלגנדע ווערטער: „זינט דעם באַזעצן זיך דאָ פון סטאַדניצקי, האָט זיך דער גורל פון לאַנצוט ענג פאַרבונדן מיט די מערקווירדיקע איבערלעבענישן פון אַ גוואַלד־מענטש, וואָס איז געווען אומדערזעטיקט אין זיינע תאוות און ליידנשאַפטן, וואָס האָט זיך נישט גערעכנט מיט קיין געזעץ אָדער עטיק, אַ מענטש וואָס האָט במשך אַ פערטל יאָר־הונדערט באַאומרואיקט די נאָענטע און ווייטע סביבה פון דער שטאָט, און וואָס האָט געפירט מיט די שכנים שטענדיקע מלחמות און אומבאַשטראָפט געראַבעוועט, פאַר־ניכטעט און געמאָרדעט".

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן לאַנצו־טער יידן נישט געקענט פירן וועלכן ס'איז האַנדל און עס האָט געמוזט איבערגעריסן ווערן יעדער ווירטשאַפטלעכער קאָנטאַקט, וועלכן זיי האָבן אָנגעהאַלטן מיט די סוחרים פון די שכנותדיקע שטעט, בפרט מיט די סוחרים פון ריישע.

זעגאַן שוסט ברענגט אונז די ידיעה, אַז סטאַדניצקי האָט אין חודש אַפּריל פונעם יאָר 1600 מיט גוואַלד צוריקגעהאַלטן אַלע לאַנצוטער סוחרים, וועלכע ער האָט אָנגעטראָפן אויפן וועג קיין ריישע צום דאָרטיקן יריד און האָט אונטער דראָאונגען אויסגעפּרעסט ביי זיי אויסלייז־געלט. עס אונטער־ליגט נישט קיין ספק, אַז די סוחרים, וואָס זענען פון לאַנצוט געגאַנגען אויפן יריד קיין ריישע, זענען דאַן געווען יידן. איז קלאָר, אַז אין אַזעלכע באַדינגונגען, ביי אַ שטענדיקער אומזיכערקייט פון פאַרמעגן און לעבן, האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן יעדער האַנדל און עס איז דערפאַר לייכט זיך פאַרצושטעלן, אין וואָס פאַרא פאַרהעלטענישן איז אויסגע־קומען צו לעבן דעם נאָך שוואַכן יידישן ישוב אין לאַנצוט. און שפּעטער, ווען די חיילות פון לוקאַש אָפּאַלינסקי, דעם סטאַראָסטע פון שכנותדיקן לעזשאַיסק, סטאַדניצקיס פאַרבי־סענער קעגנער, זענען אין יאָר 1608 אַריינגעפאַלן קיין לאַנצוט, האָבן זיי, ווי עס באַשרייבט זעגאַן שוסט, פאַרגוואַל־טיקט פרויען, געמאָרדעט און באַרויבט די איינוואוינער פון דער שטאָט, פאַרברענט אַ טייל פון דער שטאָט און פאַרניכ־טעט אַלע שטאָטישע פּנקסים און פּריווילעגיעס. פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען נישט געשוינט געבליבן די יידן אין לאַנצוט און זייערע הילצערנע הייזלעך מיט זייער גאַנץ האָב און גוטס איז דעמאָלט אַוועק מיטן רויך.

דער קאַמף צווישן אָפּאַלינסקי און סטאַדניצקי האָט נאָך געדויערט 2 יאָר און ווי מיר ווייסן פון פריער, איז סטאַדניצקי געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד אין יאָר 1610. פון דעם לאַנגיעריקן קאַמף צווישן אָפּאַלינסקי און סטאַדניצקי האָט די שטאָט לאַנצוט שרעקלעך געליטן און עס זענען געבליבן פון איר חורבות. פון דער תקופה, ווען לאַנצוט האָט געהערט צו די פּילעצקיס און סטאַדניצקיס, זענען נישט געבליבן קיין שום דאָקומענטן אָדער פּנקסים, פון וועלכע מיר וואָלטן געקענט באַקומען וועלכע עס איז ידיעות וועגן דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די יידן אין דעמאָלטיקן לאַנצוט. ליידער האָבן מיר נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט די פּנקסים פון דער שטאָט לאַנצוט פון 16־טן ביז צום 19־טן יאָר־הונדערט און מיט די 20 לאַנצוטער פּערגאַמין־דאָקומענטן פון 14־טן ביז צום 19־טן יאָר־הונדערט, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין דער־מאָנט אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, און וועלכע, ווי עס באַריכטעט ד"ר באַליצקי, געפינען זיך אין פאַרשידענע פּוילישע ביבליאָטעקן.

דער היסטאָריקער פון דער שטאָט לאַנצוט, זעגאַן שוסט, באַרופנדיק זיך אויף די שטאָטישע פּנקסים פון די יאָרן 1539—1559 און 1575—1597, האָט בלויז פעסטגעשטעלט אַז אין דער תקופה, וועלכע נעמט אַרום די יאָרן פון די דער־מאָנטע פּנקסים, דאָס הייסט אין דער צייט, ווען אין לאַנצוט האָבן געהערשט די פּילעצקיס, זענען אין לאַנצוט דער דאָמי־נירנדיקער, ווירטשאַפטלעכער עלעמענט געווען די דייטשע מיעשטשאַנעס, ווייל זיי — באַהויפּטעט שוסט — האָבן דורכ־געפירט די אַלע פינאַנציעלע טראַנזאַקציעס, וועלכע זענען רעגיסטרירט געוואָרן אין די אויבן ציטירטע שטאָטישע פּנקסים. דער היסטאָריקער זעגאַן שוסט פאַרגעסט אָבער איין וויכטיקע זאַך, אַז אין די דערמאָנטע פּנקסים רעדט זיך נאָר וועגן טראַנזאַקציעס מיט הייזער אָדער פעלצער און זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום שייכות צום האַנדל און מלאכה אָדער צו קרעדיטגעשעפטן. די רייכע פּאַטריציער, די וואָס האָבן ס'רוב דורכגעפירט די טראַנזאַקציעס מיט הייזער און אָפּגע־היטן, אַז די דאָזיקע טראַנזאַקציעס זאָלן אַריינגעטראָגן ווערן אין די שטאָטישע פּנקסים, אָט די דייטשע מיעשטשאַנעס, האָבן טאַקע צו יענער צייט רעגירט אין לאַנצוט, אָבער אַ טייל איינוואוינער פון דער שטאָט איז באַשטאַנען פון בעלי־מלאכות און הענדלער און זיי זענען געווען דער דאָמינירנדיקער ווירטשאַפטלעכער עלעמענט, הגם אין שטאָטראָט האָבן רע־גירט די רייכע לאַוניקעס.

זעגאַן שוסט האָט זיך בכלל נישט אינטערעסירט מיט וועלכן ס'איז יידישן פּראָבלעם אין מיטלאַלטערלעכן לאַנצוט. אין ערשטן טייל פון זיין מאָנאָגראַפיע „דער מיטלאַלטער פון לאַנצוט" דערמאָנט ער איבערהויפּט נישט יידן אין לאַנצוט פון דער תקופה. ער באַגנוגנט זיך נאָר מיט דער געוואַגטער און נישט־באַגרינדעטער פעסטשטעלונג, אַז אין מיטלאַלטער האָט אין לאַנצוט געלעבט אַ פּויליש־קאַטוילישע באַפעלקע־רונג, פאַרגעסנדיק, וואָס ער האָט באַהויפּטעט אויף אַן אַנדער אָרט, אַז אין דער צייט ווען לאַנצוט האָט געהערט צו די פּי־לעצקיס, דאָס הייסט אין מיטלאַלטער, איז דער ווירטשאַפטלע־

כער דאָמינירנדער עלעמענט אין לאַנצוט געווען די דייטשע פּאַטריציער, וועלכע זענען דאַן נאָך נישט געווען פּאָלאָניזירט.

פון דעמזעלבן מקור, דערוויסן מיר זיך נאָך, אַז צום סוף פון 14־טן און אָנהויב 15־טן יאָר־הונדערט איז לאַנצוט געשטאַנען אויף אַ הויכע מדרגה פוןווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג און אַז שוין דעמאָלט זענען אין לאַנצוט פּאָרגעקומען ירידים און מערק. און ווי מיר האָבן שוין דאָס פריער אונטערגעשטראָכן — אויב לאַנצוט האָט זיך אין מיטלאַלטער געפונען אין אַזאַ הויך אַנטוויקלטן עקאָנאָמישן מצב, איז דאָס בלי שום ספק געווען דער פאַרדינסט פון לאַנצוטער יידן.

פון דער געשיכטע פון יידן אין מיטלאַלטערלעכן פּוילן ווייסן מיר, אַז צום סוף פון 14־טן און אָנהויב 15־טן יאָר־הונדערט איז די קרעדיט־ און האַנדלס־טעטיקייט אין די פּוילישע שטעט, וואָס זענען געלעגן אויפן ראָפּטשיצער שליאַך, פון לעמבערג ביז איבער קראָקע און ווייטער קיין מערב הויפּטזעכלעך געלעגן אין יידישע הענט.

און ווען אַפילו עס האָט זיך אין לאַנצוט אין אָנהויב פון 15־טן יאָר־הונדערט אַנטוויקלט אין גרעסערן מאַסשטאַב אַ וועבעריי־הויזאינדוסטריע, האָבן נאָר די יידישע לאַנצוטער סוחרים, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן אַ געשעפטלעכן קאָנטאַקט מיט יידישע הענדלער פון אַנדערע אָרטשאַפטן, געקענט זיין מסוגל אָפּצונעמען פון די לאַנצוטער וועבער זייערע אויסאַרבעטונגען און אַריבערפירן זיי צום פאַרקויף אין אַנדערע שטעט אָדער אויף ירידים און מערק, ווייל דאַן האָט נאָך נישט עקזיסטירט קיין פּוילישער האַנדלס־עלעמענט.

8

גענויערע, אויף דאָקומענטאַרישע מקורות געשטיצטע ידיעות וועגן יידישן לעבן אוןווירקן אין לאַנצוט, באַזיצן מיר ערשט פון דער תקופה, ווען סטאַניסלאַוו לובאָמירסקי האָט איבערגענומען לאַנצוט, אין יאָר 1629.

זענאָן שוסט באַגנוגנט זיך אין זיין לעצטער מאָנאָגראַפיע: „לאַנצוט און זיין סביבה", נאָר מיט דער באַמערקונג וועגן יידן אין דער העלפט פון 18־טן יאָר־הונדערט מיט דער פעסטשטעלונג, אַז פון די מערערע פּריווילעגיעס, וועלכע עס האָט אַרויסגעגעבן דער לעצטער פון די לובאָמירסקיס, סטאַניסלאַוו, וועלכער האָט איבערגענומען לאַנצוט אין יאָר 1745, איז בולט די זאָרג וועגן די יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין לאַנצוט.

מער ידיעות וועגן יידן געפינען מיר ביי צעטנאַרסקין אין זיין דערמאָנטער מאָנאָגראַפיע, אין וועלכער ער באַשעפטיקט זיך מיט דער ראָל פון יידן אין לאַנצוט אין דער תקופה, ווען לאַנצוט האָט געהערט צו די לובאָמירסקיס. אַזוי לייענען מיר דאָרט, אַז „דער יידישער עלעמענט האָט אין דער צייט פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט גענאָסן פון דער אונטערשטיצונג פון די האַרן פון לאַנצוט" און אַז „דער דאָזיקער עלעמענט האָט זיך שוין פריער היימיש געמאַכט אין לאַנצוט, הגם אין באַגרענעצטן מאַסשטאַב" — „ווייל די מאַפּעס און ציילונגען פון דער באַפעלקערונג אין לאַנצוט פון 18־טן יאָר־הונדערט ווייזן אויף קיום עטלעכע יידישע משפחות", און אַז „צום סוף פון 18־טן יאָר־הונדערט, שוין אונטער דער אַפּוטרופּסות פון עסטרייך זענען יידן אַריינגעדרונגען אין מאַרק אַריין, וואו זיי האָבן דערוואָרבן עטלעכע הייזער".

סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי גיט אונדז נאָך איבער, אַז טעאָדאָר לובאָמירסקי, וועלכער האָט איבערגענומען לאַנצוט אין יאָר 1702, האָט דערלויבט יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין לאַנצוט בויען הייזער, באַשעפטיקן זיך מיט מסחר און מלאכה אַ חוץ זאָטלעריי, קירשנעריי, שוסטעריי, גאַרבעריי און שמידעריי.

ווי מיר זעען, איז צעטנאַרסקיס שטעלונג לגבי דער ראָל פון יידן אין לאַנצוט נישט זייער אָביעקטיוו, און דערפאַר האַלטן מיר פאַר נויטיק גענויער צו אַנאַליזירן די ראָל און די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון די יידן אין לאַנצוט אין דער תקופה, ווען לאַנצוט האָט געהערט צו די לובאמירסקיס.

נאָך דער הערשאַפט פון די סטאַדניצקיס אין לאַנצוט, האָט אין יאָר 1629 איבערגענומען לאַנצוט סטאַניסלאַוו לובאמירסקי, וועלכער האָט קודם כל זיך גענומען צום ווידעראויפבוי פון דער שטאָט, וואָס איז צעשטערט געוואָרן אין די שטענדיקע קאַמפן צווישן דעם „לאַנצוטער טייוול" און זיינע קעגנער. כדי ווירטשאַפטלעך צו הייבן די שטאָט, האָט לובאָמירסקי געלייגט גרויס געוויכט אויף דער אַנטוויקלונג פון האַנדל און צו דעם צוועק האָט ער דערהאַלטן פון דעם פּוילישן קעניג וולאַדיסלאַוו לאַקיעטעק אין יאָר 1635 דאָס רעכט צו עפענען אין לאַנצוט אַ „סקלאַד פאַר פיש און וויין", וואָס האָט אַריינגעבראַכט דער שטאָט גרעסערע הכנסות.

בנוגע דער שטעלונג פון די לובאָמירסקיס צו די יידן אין לאַנצוט, מוזן מיר געדענקען, אַז די פּוילישע מאַגנאַטן האָבן בכלל אין זייערע פּריוואַטע באַזיצטומער געזאָרגט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג און גענומען זי אין שוץ קעגן די אָנפאַלן מצד דער קריסטלעכער שטאָטישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געזען אין די יידישע איינוואוינער קאָנקורענטן, בפרט, אַז קעגן יידן האָט געהעצט דער קאַטוילישער קלער. עס איז כדאי אין דעם פּרט צו באַקענען זיך מיט די אויספירונגען פונעם היסטאָריקער ד"ר מאיר באלאבאן בנוגע דער פאַרהעלטעניש פון די פּוילישע מאַגנאַטן צו די יידן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין די פּריוואַטע שטעט, וואָס האָבן געהערט צו די דאָזיקע מאַגנאַטן.

„שוין אין דער צווייטער העלפט פון 16־טן יאָר־הונדערט, שרייבט ד"ר באלאבאן אין דריטן באַנד פון זיין „יידישע געשיכטע און ליטעראַטור" — „אַנטשטייען, בפרט אויף די מזרח־קרעסן פון דער פּוילישער רעפּובליק, נייע שטעט און תיכף זעען מיר דאָרט יידישע קהילות. מיד פון שטענדיקן קאַמף מיט די מיעשטשאַנעס, עמיגרירן די יידן פון איבערבאַפעלקערטע קעניגלעכע שטעט אין די נייע אָרטשאַפטן און דערהאַלטן פון זייערע אייגנטימער האַנדלס־און מלאכה־פּריווילעגיעס. דאָ איז זיי דערלויבט צו באַזעצן זיך אויפן מאַרק, דאָ באַקומען זיי הייזער און גערטנער, האָלץ און ציגל צום בוי פון אַ שול, און אַ חוץ דעם — פּריווילעגיעס לויטן מוסטער פון די אַלגעמיינע פּריווילעגיעס פון די פּוילישע מלכים. און אַזוי זעען מיר צום סוף פון 16־טן יאָר־הונדערט

אַ יידישע קהילה אין זשולקיעוו, ווי אַ פיליאַלע פון לעמבערג און אויך פון פשעמישל הייבט זיך אָן אַן עמיגראַציע אין די שכנותדיקע שטעטלעך". „איינע פון די גרעסטע פשעמישלער זידלונגען" — שרייבט ווייטער באלאבאן — „וואו די לובאָמירסקיס נעמען אין שוץ די יידן און האָבן זיי גלייכצייטיק מחיב געווען צו באַשיצן די שטאָט איז געווען ריישע". אין דער אָנזידלונגס־פּריווילעגיע פון ריישע געפינט זיך אַן אָפּשניט: „יעדער בעל־הבית דאַרף האָבן אַזוי פיל ביקסן, וויפיל עס זענען פאַראַן מענער, אַ קופּע קוילן צום לאָדענען און צו דריי פונט פראָך פאַר דער ביקס, און די יידן דאַרפן האָבן דריי שטיינער פון טרוקענעם פראָך, אַ קאָפּע קוילן צו די האקאָווניצעס * און אַ האַלבע קאָפּע פאַר אַ קאַנאָן און אויך 4 האקאָווניצעס פאַר זייער בית־כנסת, און אויך איין ייד, וועלכער זאָל די כלים באַדינען און פון זיי שיסן".

פאַרשטייט זיך, אַז סטאַניסלאַוו לובאָמירסקי, וועלכער איז געווען דער מאַגנאַט, וואָס האָט גענומען אין שוץ די יידן אין ריישע, וואָס איז געווען זיין באַזיצטום — און וועלכער האָט כמעט אין דערזעלבער צייט (1629) איבערגענומען אין זיין באַזיץ די שטאָט לאַנצוט פון סטאַדניצקיס יורשים — האָט אויך אין דער דאָזיקער אָרטשאַפט גענומען אין שוץ די יידן, וואָס האָבן געוואוינט שוין איצט ביי דעם פשעמישלער טויער, אין דער סביבה פון לובאָמירסקיס שלאָס. און אַזוי ווי אין ריישע, האָט לובאָמירסקי אויך אין לאַנצוט אַרויסגעגעבן פאַראָרדענונגען מיטן צוועק בעסער צו באַשיצן די שטאָט, וועגן וואָס עס שרייבט צעטנאַרסקי ** אַז „די זאָרג פון סטאַניסלאַוו לובאָמירסקי און זיינע נאָכפאָלגער פאַר דער זיכערקייט פון דער שטאָט, זעט מען פון דעם אינהאַלט פון די שטאָטישע און צעך־פּריווילעגיעס", ווייל „וואָס אָפטער געפינען זיך אין די דאָזיקע פּריווילעגיעס פאָרשריפטן וועגן דעם פליכט צו ליפערן קריגסמאַטעריאַל ווי פראָך, קוילן א.אַ.וו. ווי אויך וועגן דער פליכט פון די שטאָט־איינוואוינער צו באַזיצן געווער."

און הגם סטאַניסלאַוו צעטנארסקי דערמאָנט נישט מיט קיין וואָרט, אַז די דאָזיקע פאַראָרדענונגען פון סטאַניסלאַוו לובאָמירסקין און זיינע יורשים האָבן אויך פאַרפליכטעט די לאַנצוטער יידן, אונטערליגט נישט קיין שום צווייפל, אַז פונקט ווי אין שכנותדיקע ריישע, ווערט אין די דאָזיקע פּריווילעגיעס פאַר לאַנצוט אַרויפגעלייגט דער חוב צו באַזיצן געווער אויך אויף די לאַנצוטער יידן אין וועלכע האָבן דאָך, ווי עס גיט איבער צעטנארסקי, געוואוינט נעבן דעם פשעמישלער טויער, דעם געפערלעכסטן און אַמלייכטסטנס צו באַפאַלן.

9

נאָך סטאַניסלאַוו לובאמירסקי האָט די לאַנצוטער ירושה איבערגענומען זיין זון יעזשי סעבאַסטיאַן, וועלכער האָט פאַרנומען דעם הויכן אַמט פון קעניגלעכן מאַרשאַלעק און העטמאַן. דער נייער בעל הבית פון דער שטאָט האָט געווידמעט פיל אויפמערקזאַמקייט דער אַנטוויקלונג פון האַנדל אין שטאָט, און ווען דער פּוילישער קעניג יאַן קאַזשימיעזש האָט זיך אויפגעהאַלטן אין לאַנצוט, האָט די שטאָט באַקומען דעם 1656.1.28 די פּריווילעגיע אויף איינצואָרדנען אין שטאָט ירידים. שפּעטער אין יאָר 1671 האָט לאַנצוט באַקומען אַזאַ פּריווילעגיע אויף ירידים פון היעראַנים לובאָמירסקי.

עס האָבן אָבער נישט קיין סך געהאָלפן די באַמיאונגען פון יעזשי לובאמירסקי צו הייבן דעם עקאָנאָמישן מצב פון דער שטאָט, ווייל די אינערלעכע סכסוכים אַרום דער קעניגלעכער קרוין און אַלס פועל יוצא דערפון די מלחמות מיט די פרעמדע אקופּאַנטן האָבן חרוב געמאַכט גאַנצע טיילן פון פּוילן. זייער פיל געליטן פון די מלחמות האָט לאַנצוט, און, ווי מיר האָבן שוין וועגן דעם דערמאָנט פריער, איז לאַנצוט אין יאָר 1657 פאַרברענט געוואָרן, בעת דער פירשט פון זיבענבירגען, יעזשי ראקאטשי, איז איבערגעפאַלן פּוילן.

פאַרשטייט זיך, אַז שטענדיקע אינוואַזיעס און איבערפאַלן פון פרעמדע מיליטערישע כוחות האָבן געווירקט שעדלעך אויף דער אַנטוויקלונג פון לאַנצוט, וואָס האָט אין 16־טן יאָרהונדערט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אַנטוויקלונגס־טענדענצן, און עס זענען נויטיק געווען גרויסע אָנשטרענגונגען, כדי צו באַקעמפן די עקאָנאָמישע ירידה פון דער שטאָט. די אלמנה פון יעזשי לובאָמירסקי, באַרבאַראַ, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דער אייגנטלעכער ווירטשאַפט אין לאַנצוט, הגם די ירושה איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן יעזשיס 5 זין, האָט זיך פיל אינטערעסירט מיט דער אַנטוויקלונג פון די צעכן, וועלכע זענען שוין פון פריער געווען אין לאַנצוט שטאַרק אַנטוויקלט.

ס'רוב צעכן אין לאַנצוט זענען געווען באַשעפטיקט מיט וועבעריי, דערביי האָט דער וועבעריי־צעך אין לאַנצוט געהאַט שוין זיין אייגענעם סטאַטוט נאָך אין יאָר 1406. ווי עס גיט איבער זענאָן שוסט, זענען לויט דעם אויסווייז אין די שטאָטישע הכנסות־און הוצאות־ביכער פון לאַנצוט פאַר די יאָרן 1563—1607 אויף 115 באַשטייערטע בעלי־מלאכות אין לאַנצוט, געווען 37 וועבער, דאָס הייסט איבער 30% פון דער אַלגעמיינער צאָל האַנטווערקער, דערביי שטרייכט אונטער זענאָן שוסט, אַז דער האַנדל מיט גאַרן איז געווען אין לאַנצוט געשיצט דורך באַזונדערע תקנות און שטראָפן.

וועגן דער באַדייטונג פון דער וועבעריי־מלאכה אין לאַנצוט באַווייזט אויך דער פאַקט, אַז די וועבער אין לאַנצוט האָבן באַקומען צוגעטיילט אין מערבדיקן טייל פון דער שטאָט אַ גרעסערן שטח ערד כדי אויפצובויען אייגענע וווינונגס־הייזער. ווינטער פלעגן די וועבער אַרבעטן ביי וועבעריי און זומער האָבן זיי זיך באַשעפטיקט מיט בוי־אַרבעט און שוסטעריי.

צו האָבן די לאַנצוטער יידן אָנטייל גענומען אין דער דאָזיקער אַזוי ברייט פאַרצווייגטער אין לאַנצוט וועבעריי־מלאכה?

נעמענדיק אין באַטראַכט די סטרוקטור פון די צעכן אין אַלטן פעאָדאַלן פּוילן, ווי אויך דעם קאַמף פון די פּוילישע יידן פאַר רעכט אויף האַנדל און מלאכה — מוזן מיר אויף אונזער שאלה געבן אַ נעגאַטיווע תשובה.

צום שוץ פון זייערע אינטערעסן און כדי אוממעגלעך צו

* קוילנוואַרפער.

** Miasto Łańcut 1937

מאַכן יעדע פאָרם פון קאָנקורענץ, האָבן די קריסטלעכע האַנטווערקער שוין אין אָנהויב פון 14־טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן זיך אין צעכן און לויט די סטאַטוטן, וואָס פלעגן געשאַפן ווערן פאַר יעדן צעך באַזונדער, האָט זיך מיט אַ מלאכה געקענט באַשעפטיקן נאָר דער, וואָס האָט געהערט צו אַ צעך פון געגעבענעם פאַך, אין וועלכן ער האָט געוואָלט אַרבעטן. ווער עס האָט נישט געהערט צום צעך פון באַטרעפנדיקן פאַך, האָט נישט געקענט אַרבעטן אין דער בראַנזש, דערביי איז דער צעך געווען גלייכצייטיק אַ קירכלעכע אָרגאַניזאַציע מיט אַן אייגענער קאַפּליצע אין דער קירכע, מיט אַן אייגענעם באַזונדערן הייליקן פּאַטראָן און אַן אייגענער פאָן. עס איז דערפאַר קלאָר, אַז אַ ייד האָט נישט געקענט געהערן צו די דאָזיקע צעכן און ווי אַ פּועל יוצא דערפון, איז אויך דער ייד נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו דער מלאכה, וועלכע האָט געהאַט אַן אייגענעם צעך. און דערפאַר האָבן יידן אין לאַנצוט נישט געקענט געהערן צום קריסטלעכן וועבער־צעך, וועלכער האָט זיך געשטיצט אויפן סטאַטוס פון יאָר 1406.

פונדעסטוועגן ווייסן מיר אָבער, אַז יידן האָבן אין פּוילן פון די פריעסטע צייטן אָן זיך באַשעפטיקט מיט געוויסע מלאכה־צווייגן און צוויי פון זיי, קצבות און שניידעריי זענען אויך צוליב ריין רעליגיעזע סיבות גלעגן אין יידישע הענט. די ערשטע, קצבות צוליב די רעליגיעזע דינים ביים שעכטן בהמות און די צווייטע — שניידעריי, צוליב דעם פאַרבאָט צו טראָגן ...

בייען וואָלענע קליידער מיט פלאַקסענע פאָדעמס (שעטנז).

אין דער זעלבער צייט, דאָס איז צום אָנהויב פון 16־טן יאָרהונדערט, הייבן זיך אָן צו אָרגאַניזירן אויך יידישע האַנטווערקער־צעכן, וועלכע האָבן זיך געשטיצט אויף פאַרשידענע פּריווילעגיעס, וועלכע זיי פלעגן באַקומען פון די פּוילישע מלכים אין די קעניגלעכע שטעט און פון די מאַגנאַטן אין די פּריוואַטע שטעט.

אין לאַנצוט איז די צעך־אינסטיטוציע געווען גוט אַנטוויקלט, אָבער זי איז געווען אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון די אייגנטימער פון דער שטאָט. טעאָדאָר לובאָמירסקי, וועלכער האָט איבערגענומען לאַנצוט נאָכן טויט פון סטאַניסלאַוו הערקליוש לובאָמירסקי אין יאָר 1702, האָט געגעבן די צעכן, וואָס האָבן עקזיסטירט אין לאַנצוט פאַרשידענע מתנות און פּריווילעגיעס, און די יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין לאַנצוט האָט ער אין אַ ספּעציעלער פּריווילעגיע,* וואָס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין אַמטלעכן קאָפּיר־בוך דעם 1.9.1722, דערלויבט צו בויען הייזער, צו באַשעפטיקן זיך מיט האַנדל און מלאכה מיטן אויסנאַם פון זאָטלעריי, קירזשנעריי, שוסטעריי, גאַרבעריי און שמידעריי. אַזוי, אַז אין דער תקופה פון טעאָדאָר לובאָמירסקיס הערשאַפט אין לאַנצוט, האָבן לאַנצוטער יידן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו אַרבעטן אין די וויכטיקסטע פאַכן, ווייל קודם כל האָט דער לאַנצוטער מאַגנאַט גענומען אין שוץ די קריסטלעכע האַנטווערקער, וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט אין די קריסטלעכע צעכן. און די פּריווילעגיעס האָבן לאַנצוטער יידן באַקומען פון די לובאָמירסקיס נאָר אַ דאַנק זייער נוצלעכער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט, וואָס האָט בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט, האָט געהויבן איר באַדייטונג און בעיקר אַריינגעטראָגן הכנסות דעם מאַגנאַטישן הויף. עס זענען געווען אויסנאַמפאַלן, ווען מען האָט דערלויבט יידישע האַנטווערקער צו אַרבעטן אָבער נאָר אין פאַכן, אין וועלכע קריסטלעכע בעלי־מלאכות זענען נישט געווען באַשעפטיקט. אַזוי, למשל, האָט טעאָדאָר לובאָמירסקי פון איין זייט נישט דערלויבט די יידן אין לאַנצוט צו באַשעפטיקן זיך אין די אויבן אויסגערעכנטע פאַכן, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט ער צוליב דעם מאַנגל פון קריסטלעכע גאָלדשמידן, צוגעגעבן אין דער פּריווילעגיע פון 25.7.1720 פאַר די שמידן, שלאָסער און גאָלדשמידן אין לאַנצוט אַ ספּעציעלן פּאַראַגראַף, וועלכער זאָגט: * „צו דעם צעך געהערן אויך די גאָלדשמידן. אַזוי ווי זיי זענען נישט פאַראַן אין דער שטאָט, איז דער צעך באַרעכטיקט אויפצונעמען אַ גאָלדשמיד, אויב ער איז אַ פּאָליאַק, אָבער אין פאַל, ווען דער גאָלדשמיד וועט זיין אַ ייד, דאַרף ער אַריינטראָגן אין צעך אַריין יעדן קוואַרטל אַ ליטער וואַקס אָדער אַ ליטער פּראָך צום שיסן".

אָט־דאָס איז געווען דער איינציקער אויסנאַם־פאַל, אַז אַ יידישער בעל־מלאכה אין לאַנצוט האָט געקענט געהערן צו אַ קאַטוילישן צעך.

10

זייער קאַרג זענען די ידיעות וועגן דער צאָל יידן אין לאַנצוט אין דער תקופה ביז צו דער ערשטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט. ד"ר געלבער באַמערקט אין דער דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג וועגן די יידן אין לאַנצוט, אַז לויט דער רשימה פון לאָקאַטאָרן, וואָס האָבן געוואוינט אין יאָר 1679 אין דירות, וואָס זענען געווען איינגעריכטעט אין די טויערן און אין די באַפעסטיקונגען פון לאַנצוט און האָבן געצאָלט שכר־דירה, — האָט די צאָל פון אַזעלכע לאָקאַטאָרן באַטראָפן 37 קריסטן און 8 יידן.

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע ציפערן גיבן אונז נישט אָן די פאַקטישע צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט אין דער דערמאָנטער תקופה, ווייל יידן האָבן זיך קאָנצענטרירט אין לאַנצוט נישט נאָר אין די דערמאָנטע טויערן און באַפעסטיקונגען פון דער שטאָט, נאָר אויך אין דעם יידישן קוואַרטל, וואָס האָט זיך געפונען ביים אַלטן מאַרק און אין דער סביבה פון דער אַלטער און שפּעטער פון דער געמויערטער שול נעבן דעם אַמאָליקן פּשעמישלער טויער.

אין די דאָזיקע טויערן און באַפעסטיקונגען האָבן געקענט וואוינען נאָר יידן, וואָס זענען געווען בכוח צו צאָלן אַ הויכע דירה־געלט, און אַזעלכע זענען געווען גאָר ווייניק. אין ד"ר באַלאַבאַנס „יידישע געשיכטע" געפינען מיר אַן אויפקלערונג בנוגע די דאָזיקע לאָקאַטאָרן פון די באַפעסטיקונגען. אין דער ערשטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט — קלערט אונז אויף ד"ר באַלאַבאַן — האָט יעדער פּוילישער מאַגנאַט געהאַט אין זיין פּאַלאַץ, וואָס איז געווענטלעך געשטאַנען נישט וויט

* וועגן דער דאָזיקער פּריווילעגיע דערמאָנט ד"ר געלבער אין זיין העברעאישן מאמר וועגן דער געשיכטע פון יידן אין לאַנצוט — אויפן סמך פון אַ ידיעה פון ד"ר באַליצקי.

* צעסנאַרסקי: Miasto Łańcut.

פון דער אייגענטלעכער שטאָט, עטלעכע דירות אין דער הויך אויפן שטאָק, פאַר זיין אייגענעם געברויך, און דעם רעשט פון דער געביידע — פלעגט ער פאַרדינגען פאַר קלייטן, מאַגאַזינען און וואוינונגען. אַזעלכע געביידעס זענען לויטן געזעץ אַרויסגענומען געוואָרן פון דער שטאָטישער יוריסדיקציע און פּאָליציי, אַזוי, אַז מען האָט די געביידעס באַטראַכט ווי אַ באַזונדערן שטח, וואָס איז געווען אָפּהענגיק נאָר פון דער הערשאַפט פון געביידע־אייגנטימער. אין די דאָזיקע פּאַלאַצן פלעגן יידן דינגען לאָקאַלן פאַר זייערע קלייטן, צאָלנדיק הויכע דירה־געלטער. מיט דער צייט זענען אַזעלכע פּאַלאַצן געוואָרן אַן אויפהאַלט־אָרט פאַר יידן, וואָס האָבן נישט געפונען קיין פּלאַץ אין דער שטאָטישער יידישער גאַס אָדער ווען עס איז געווען פאַרבאָטן יידן צו וואוינען אין דער דאָזיקער שטאָט.

אין לאַנצוט האָט אַזאַ אויפהאַלט־אָרט אין די פעסטונגמויערן געגעבן שוץ און זיכערקייט קעגן רויב און שטענדיקע אָנפאַלן מצד די אויסערלעכע שונאים, דערביי זענען יידן געווען דאָרטן געשיצט קעגן פיינטלעכע אַרויסטרעטונגען מצד די מיעשטשאַנעס וועלכע זענען געהעצט געוואָרן דורך די דאָמיניקאַנער. ערשט אין די יאָרן 1822—1862, ווען דער פּאַלאַץ איז איבערגעבויט געוואָרן און עס זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן די באַפעסטיקונגען, זענען אויך פאַרשוואונדן די דאָזיקע קלייטן אין די מויערן פון דער פעסטונג.

מער אויספירלעכע ידיעות וועגן דער צאָל יידישע איינוואוינער אין לאַנצוט פון דער באַהאַנדלטער תקופה, געפינען מיר אין דער זעלבער אָפּהאַנדלונג פון ד״ר געלבער, וועלכער באַרופנדיק זיך אויף דער ציילונג פון דער באַפעלקערונג אין גאַנץ פוילן אין יאָר 1765 — גיט אָן די צאָל 829 פון די יידן אין לאַנצוט און איר סביבה.

די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער פאָלקסציילונג זענען אָבער זייער צווייפלהאַפט און קענען נישט דינען אַלס אַ יסוד פעסטצושטעלן די אמתע צאָל יידן אינעם דעמאָלטיקן לאַנצוט.

זייער אינטערעסאַנטע אויפקלערונגען בנוגע דעם אופן און תנאים, אין וועלכע עס איז דורכגעפירט געוואָרן די דאָזיקע ציילונג פון דער באַפעלקערונג אין פוילן אין יאָר 1765 — געפינען מיר אין דער אויספירלעכער אַרבעט פון ד״ר רפאל מאהלער א. ט. „יידן אין אַמאָליקן פוילן אין ליכט פון ציפערן״ *.

דער מחבר אונטערשטרייכט די גרויסע באַדייטונג פון דער פאָלקסציילונג פון יאָר 1765, ווייל דאָס איז געווען די ערשטע ציילונג, וועלכע איז אין פוילן דורכגעפירט געוואָרן זינט דעם יאָר 1550, באַמערקנדיק אָבער צוגלייך אויפן יסוד פון אַ גאַנצער ריי פאַקטן, אַז די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער ציילונג מוזן מיר אָננעמען מיט גרויסע באַוואָרענישן.

וויכטיק פאַר אונז איז ד״ר מאהלערס פעסטשטעלונג, אַז בעת ער האָט נאָך פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה געפאָרשט די רשימות פון דער ציילונג אין יאָר 1765 (צוזאַמען מיט וואַרשע זענען אויך בעת דער דייטשער אינוואַזיע פאַרברענט געוואָרן אַלע רשימות), האָבן שוין דעמאָלט געפעלט די רשימות פון אַ טייל פון דער רייסישער וואָיעוואָדשאַפט, דאָס הייסט פון דעם פשעמישלער און סאַנאָקער באַצירק, און אַזוי אַרום האָבן אויך געפעלט שוין דעמאָלט סטאַטיסטישע ציפערן בנוגע לאַנצוט, וואָס האָט אין אַמאָליקן אַלטן פוילן געהערט צום פשעמישלער באַצירק. מוזן מיר זיך דערפאַר באַגנוגענען מיט די ציפערן, וועלכע עס גיט אָן פאַר דער דאָזיקער תקופה ד״ר געלבער. אויב מען וועט אַלזאָ אָננעמען אַז לויט דער ציילונג פון יאָר 1765 האָבן אין לאַנצוט און אין דער סביבה געלעבט דעמאָלט 829 יידישע נפשות, איז דאָס געווען שוין פאַר די דעמאָלטיקע פאַרהעלטענישן אַ גענוג גרויסער יידישער ישוב, וואָס האָט זיך שוין אָן צווייפל פאָרמירט צו אַ זעלבשטענדיקער יידישער קהילה.

די קהילה אין לאַנצוט איז געווען פון אָנפאַנג אָן אַ פיליאַלע, אַ „פשיקאהאלעק״ פון דער פשעמישלער קהילה. אַלע קהילות אין די שטעט, וואָס זענען געלעגן אויף דעם וועג פון לעמבערג ביז פשעמישל, דאָס אַזוי גערופענע רויט־רייסן, האָבן פריער געהערט צו דער רייסישער פּראָווינץ, וואָס האָט לכתחילה אַרומגענומען די וואָיעוואָדשאַפטן: רייסן, פּאָדאָליען, בראַצלאַוו און קיעוו מיט דער צענטראַלע אין לעמבערג. צום סוף פון 17־טן יאָרהונדערט האָט זיך אָפּגעריסן פּאָדאָליע און זיך קאָנסטיטויִרט אַלס אַ סעפּעראַטער גליל מיט סטאַניסלאַוו בראש.

די רוסישע פּראָווינץ האָט זיך ווייטער געברעקלט פון מערב־זייט, און בערך אין יאָר 1700 האָט זיך ווידער אָפּגעריסן די פשעמישלער קהילה מיט אַ ריי „פשיקאהאלקעס״ און געשאַפן אַ באַזונדערן גליל. לאַנצוט האָט טאַקע געהערט צו דער דאָזיקער נייגעשאַפענער פשעמישלער קהילה־אָרגאַניזאַציע. שפּעטער, ווען עס האָבן זיך געמערט די סכסוכים אין פשעמישלער גליל, האָט זיך פון אים אָפּגעריסן ריישע מיט די אַרומיקע שטעטלעך, און פשעמישל איז געבליבן אַ זעלבשטענדיקער גליל. לאַנצוט איז פאַרבליבן אין דעם פשעמישלער גליל שוין אָן ריישע און זיין סביבה און האָט דעם קאָפּשטייער פון די לאַנצוטער יידן אָפּגעליפערט דער פשעמישלער קהילה.

ווי עס גיט אָן ד״ר געלבער אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דער געשיכטע פון יידן אין לאַנצוט, האָט די לאַנצוטער קהילה געהאַט צו באַצאָלן אין יאָר 1716 פאַר קאָפּשטייער 1300 פוילישע זלאָטעס און 12 גראָשן און אין יאָר 1725 — 250 פוילישע זלאָטעס און אין יאָר 1731—1733 300 פוילישע זלאָטעס יערלעך.

צו דער צייט, ווען די לאַנצוטער קהילה האָט נאָך געהערט צום פשעמישלער גליל, האָט לאַנצוט געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָל אין דעם „ועד ארבע ארצות״, ווייל אָנגעהויבן פון יאָר 1750 האָט זיך אין לאַנצוט געפונען די צענטראַלע פאַרוואַלטונג פון פאָנד פאַר די יידן אין ארץ־ישראל, וועלכן עס האָט געזאַמלט דער „ועד ארבע ארצות״.*

עס זענען פאַראַן היסטאָרישע דאָקומענטן, וועלכע באַ־

* דערשינען אין יאָר 1958 אין וואַרשע אין פאַרלאַג „יידיש בוך״.

* ד״ר געלבער — וועגן דער געשיכטע פון יידן אין לאַנצוט.

ווייזן, אַז אין דער ערשטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט איז שוין אין לאַנצוט געווען אַ קהילה וועלכע איז געווען אומאָפּהענגיק פון פשעמישל. עס האַנדלט זיך וועגן אַ פּנקס פון דער לאַנצוטער קהילה, וואָס איז געפירט געוואָרן זינט דעם יאָר 1730 און האָט זיך נאָך פאַרן לעצטן חורבן פונעם לאַנצוטער יידנטום געפונען אין אַרכיוו פון דער לאַנצוטער קהילה. אין פּנקס איז געווען אַ פּראָטאָקאָל פון אַ זיצונג פון דער לאַנצוטער קהילה־פאַרוואַלטונג מיט אַן אָנווייזונג צו באַצאָלן שטייערן, און עס זענען איבערגעגעבן געוואָרן די אינערלעכע געשעענישן אין דער קהילה מיט אַ רשימה פון פּלעצער און מתפּללים אין דער שול. אויסער דעם זענען דאָרט געווען אָפּשריפטן אין דער פּוילישער שפּראַך בנוגע דערלויבענישן אויף אַרויסצוגעבן צייגנישן. לויט ד״ר געלבער האָט זיך דער דאָזיקער פּנקס געפונען פאַר דער פאַרניכטונג פון דער לאַנצוטער קהילה אין באַזיץ פון הרב ר׳ אליעזר שפּירא ז״ל, וועלכער האָט געהאַלטן דעם פּנקס ווי אַ משכון פאַר זיינע חובות קעגן דער לאַנצוטער קהילה־פאַרוואַלטונג. דער פּנקס איז געווען 40 צענטימעטער לאַנג און 15 צענטימעטער ברייט, די ערשטע זייטן האָבן געפעלט, געשריבן אויף שלעכטע גראָבע פּאַפּיר. צום סוף פון פּנקס זענען געווען צוגענייט זייטן פון אַ סך אַ שפּעטערער תקופה. בעת־דער היטלעריסטישער אינוואַזיע האָט זיך דער פּנקס געפונען אין לאָדזש, וואו ער איז אויך פאַרלוירן געגאַנגען. אָבער ווי עס אינפאָרמירט אונז ווייטער ד״ר געלבער האָט ד״ר יצחק לוין, אין יאָר 1931 אָפּגעדרוקט אין היסטאָריש־יורידישן וועג־ווייזער, וואָס איז דערשינען אין לעמבערג, קאָפּיעס פון פּנקסים פון 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט פון עטלעכע שטעט אין מיטל־גאַליציע, דערונטער אויך פון לאַנצוט. אַ דאַנק דעם ווייסן מיר, אַז צו דער קהילה אין לאַנצוט האָבן דאַן (ערשטע העלפט 18־טער יאָרהונדערט) געהערט יידן פון 80 דערפער, וואָס זענען געלעגן אין דער סביבה פון לאַנצוט און אַז פון די דאָזיקע יידן האָט די לאַנצוטער קהילה איינקאַסירט דעם קאָפּשטייער, פון וואָס עס איז געדרונגען, אַז אין יאָר 1730 איז שוין לאַנצוט געווען אַ זעלבשטענדיקע אומאָפּהענגיקע קהילה, וואָס האָט קאַסירט קאָפּשטייער פון אירע „סביבות״.

די קהילה אין לאַנצוט — ווי עס אינפאָרמירט אונז נאָך ד״ר געלבער אויפן סמך פונעם דערמאָנטן פּנקס — איז געווען מחויב פאָרצולייגן דעם האַר פון דער שטאָט אַלע החלטות צו דער באַשטעטיקונג און אַז אַלע די באַשטעטיקונגען האָבן געמוזט פאַרעפנטלעכט ווערן אין קהל־פּנקס. ד״ר געלבער ציטירט אַזאַ באַשטעטיקונג, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין לאַנצוטער פּנקס אין יאָר 1751: „די דאָזיקע החלטות פון קהל־ראַט אין אַלע פּונקטן און קלאַוזולן — אויף תמיד זאָלן זיי פאַרבלייבן — אַפּראָביר איך. געשען איז דאָס אויפן לאַנצוטער שלאָס דעם 26 אַפּריל 1751. יאַן זשימיערסקי״.*

אַזעלכע ענלעכע באַשטעטיקונגען זענען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 22.4.1754 ד״ר געלבער ציטירט נאָך אַ קאַפּיטל פון פּנקס, לויט וועלכן יעדער קהל־פּרנס, וועלכער האָט רעזיגנירט פון זיין אַמט, איז געווען פאַרפליכטעט אָפּצוגעבן אַ פינאַנציעלן באַריכט און נאָכן רעגולירן די רעכנונגען, איז ער געווען מחויב פאָרצולייגן דעם האַר פון דער שטאָט די באַשטעטיקונגען. ווער עס האָט דאָס נישט געטאָן, האָט געמוזט באַצאָלן קנס 90 גריבנעס. ווי מיר זעען, האָבן די לובאָמירסקיס שטרענג קאָנטראָלירט די ווירטשאַפט פון דער לאַנצוטער קהילה, בעת אַנדערע קהילה־פאַרוואַלטונגען אין אַנדערע שטעט האָבן בנוגע דער קהילה־ווירטשאַפט אַ סך געזינדיקט.

אונטער עסטרייכישער הערשאַפט

אין יאָר 1772 איז פּוילן צעטיילט געוואָרן. עסטרייך האָט באַקומען דעם דרומדיקן טייל פון קליינפּוילן (חוץ קראָקע) און רויט־רייסן.ביידע פּראָווינצן, וואָס זענען צוגעפאַלן צו עסטרייך, האָט מען באַצייכנט מיטן נאָמען: גאַליציע. און צוזאַמען מיט אַנדערע שטעט פון רויט־רייסן האָט זיך אויך לאַנצוט געפונען אונטער דער עסטרייכישער הערשאַפט. זומער 1772 — האָבן עסטרייכישע מיליטער־אָפּטיילונגען אקופּירט לאַנצוט.

מיט דער נייער פּאָליטישער ממשלה זענען אויך פאָרגעקומען גרינטלעכע ענדערונגען אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער באַפעלקערונג אין לאַנצוט און בפרט אַן עיקרדיקע ענדערונג אין דעם פאַרהעלטעניש צווישן די פּריוואַטע אייגנטימער פון דער שטאָט און די שטאָט־איינוואוינער. עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס רעכט פונעם האַר פון דער שטאָט אַרויסצוגעבן פיסקאַלישע, פּאָליצייאישע, אַדמיניסטראַטיווע און געריכטלעכע פאַראָרדענונגען. די שטאָטפאַרוואַלטונג איז איצט געוואָרן אומאָפּהענגיק פונעם אייגנטימער פון דער שטאָט.

בנוגע די ענדערונגען אינעם עקאָנאָמישן מצב פון דער שטאָט איז כדאי איבערצוגעבן די אויספירונגען פון סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי וועלכער שרייבט אין דער שוין דערמאָנטער מאָנאָגראַפיע: * „דער פאַרענדיקטער בוי פון דעם אַזוי גערופענעם „קייזער־וועג״, וויך־לעמבערג, דעם גרויסן קאָמוניקאַציע־טראַקט, וואָס האָט דורכגעקוועטשט די שטאָט לאַנצוט (אין די יאָרן 1795—1810), האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער שטאָט, און הגם ער האָט געראַטעוועט די פאַרערעמטע שטאָט פון דער גענצלעכער ירידה, האָט ער דאָך נישט געבראַכט דער שטאָט קיין וואוילשטאַנד און רווחה. אַפילו דאָס אָפּשאַפן פון דער מאַטעריעלער און פּערזענלעכער אָפּהענגיקייט פונעם פעאָדאַלן האַר פון דער שטאָט, האָט נישט געהויבן דעם מאַטעריעלן מצב פונעם שטעטל. ווירטשאַפטלעך אָרעם, באַלאַסטעט איבער די כוחות דורך דער אָקופּאַנטישער מאַכט מיט שטייערן, גערודפט דורך דייטשע און טשעכישע באַאַמטע, שטיפמוטערלעך באַהאַנדלט דורך די צענטראַלע מאַכטאָרגאַנען, האָט די שטאָט נישט געהאַט פאַר זיך קיין שום אויסזיכט אויף ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג, בפרט, אַז די ביליקע אויסאַרבעטונגען פון דער גרויסער, עסטרייכישער

* פרייע איבערזעצונג פון פוילישן טעקסט.

* Miasto Łańcut

און טשעכישער אינדוסטריע, האָבן ביי צאָלרייכע לאַנצוטער בעלי־מלאכות צוגענומען דעם מקור פון אַרבעט און פרנסה. דאָס ביסל מלאכה, וואָס האָט נאָך עקזיסטירט, ווי לייוונט און וואָל־וועבעריי ווי אויך די בראָנז־אויסאַרבעטונג איז אויך געפאַלן. ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט הויבט זיך אָן צו פאַרבעסערן דער מצב פון דער שטאָט, צו וואָס עס האָט אויך בייגעטראָגן דער בוי פון דער באַן, וואָס איז געגאַנגען אויך דורך לאַנצוט".

אַזוי שילדערט צעטנאַרסקי דעם אַלגעמיינעם ווירטשאַפט־לעכן מצב אין לאַנצוט נאָך דער טיילונג פון פוילן, דערביי אונטערשיידט ער, ווי מיר זעען, צוויי תקופות: די ערשטע ביז צו דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט צייכנט זיך אויס מיט אַ געוואַלדיקער עקאָנאָמישער ירידה אין לאַנצוט און די צווייטע זינט דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָר־הונדערט הויבט זיך אָן מיט אַן עקאָנאָמישער שטייגערונג.

אָבער צעטנאַרסקי שילדערט אונז נאָך אַן אַנדערע ענדע־רונג פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן אין לאַנצוט:

„ווען נאָך דער ירידה פון דער מלאכה איז אַ טייל פון דער באַפעלקערונג אַריבער צו ערדאַרבעט, דרינגט צו גליי־כער צייט אין דער שטאָט אַריין דער יידישער עלעמענט, וואָס איז געשטיצט געוואָרן דורך די מאַכטאָרגאַנען, וועלכער האָט שוין פון פריער אין אַ גענוג געמעסיקטער צאָל איינגעבירגערט זיך אין לאַנצוט". דערביי אונטערשטרייכט נאָך צעטנאַרסקי „איז דער יידישער עלעמענט געשטיצט געוואָרן דורך די האַרן פון לאַנצוט נאָך אין דער תקופה פון אומאָפּהענגיקן פוילן". און שטיצנדיק זיך אויף דעם פאַקט, אַז איינער פון די לובאָמירסקיס, ווי מיר ווייסן שוין דאָס פון פריער, האָט געשענקט די לאַנצוטער יידן בוימאַטעריאַל פאַרן בוי פון דער היינטיקער אַלטער שול, שרייבט צעטנאַרסקי צום סוף אַזוי: „די יידן אין יענער תקופה* האָבן נאָך אין אַ קליינער צאָל געוואוינט אויסשליסלעך אין דער געגנט פון דער היינטיקער שול" און „די מאַפּעס און רשימות פון דער באַפעלקערונג פון 18־טן יאָרהונדערט אַנטהאַלטן נעמען קוים פון עטלעכע יידישע משפחות" און „ערשט צום סוף פון 18־טן יאָרהונדערט שוין אונטער דער הערשאַפט פון עסטרייך דרינגען אַריין יידן אין מאַרק, דערווערבן עטלעכע הייזער און במשך דעם 19־טן יאָרהונדערט דעראָבערן די יידן אַ הויז נאָך אַ הויז, כמעט דעם גאַנצן מאַרק, אויסקויפנדיק אויך אין די ווייטערדיקע גאַסן אַ ריי הייזער".

ווי מיר זעען פון די ביז איצט ציטירטע „היסטאָרישע" באַטראַכטונגען פון סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי, איז ער אין זיינע שילדערונגען איבער דער ראָל פון יידן אין לאַנצוט, נישט פריי געווען פון דער אַנטיסעמיטיש־ענדעקישער אידעאָלאָגיע און דערפאַר זענען זיינע אויספירונגען פול מיט סתירות און פאַלשע מסקנות. לאַנצוטער יידן האָבן נישט נויטיק געהאַט „אַריינצודרינגען" אין מאַרק, ווייל אויפן סמך פון די פריווילעגיעס, וועלכע זיי האָבן באַקומען נאָך אין אומאָפּהענגיקן פוילן סיי פון די פוילישע מלכים, סיי פון די לובאָמירסקיס, האָבן זיי געהאַט דאָס פולע רעכט צו וואוינען, צו קויפן און בויען הייזער אין לאַנצוט, צוגלייך מיט די לאַנצוטער מיעש־טשאַנעס, אָפּשטאַמיקע פון די דייטשע קאָלאָניסטן פון „לאַנדסהוט" און שפּעטער, צום סוף פון 18־טן יאָרהונדערט, אונטער דער עסטרייכישער מאַכט האָבן די יידן געהאַט גלייכע רעכט מיט אַלע אַנדערע איינוואוינער פון לאַנצוט צו וואוינען, צו בויען און צו קויפן הייזער אין לאַנצוט אין מאַרק ווי אויך אין אַלע אַנדערע גאַסן פון דער שטאָט.

פון צעטנאַרסקיס שילדערונגען בנוגע דעם עקאָנאָמישן מצב אין לאַנצוט אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָר־הונדערט, ווערט קלאָר, אַז דער איינציקער פאַקטאָר, וואָס האָט גורם געווען די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון דער שטאָט, זענען געווען נאָר די לאַנצוטער יידן.

אָט, וואָס עס שרייבט ווייטער צעטנאַרסקי וועגן דער ראָל פון יידן אין לאַנצוט זינט דער עסטרייכישער הערשאַפט: „לאַנצוט, איינע פון די וויכטיקסטע שטעט אין מזרח־קליין־פוילן, געפינט זיך אין אַ שרעקלעכער ירידה און ווערט אַן אומבאַדייטנדיק שטעטל. די צאָל איינוואוינער האָט זיך פאַר־קלענערט און האָט במשך עטלעכע צענדליק יאָר באַטראָפן קוים צוויי און האַלב טויזנט נפשות. דער צושטראָם פון יידן, וועלכע האָבן געהאַט אויף זייער זייט דאָס פאַרטרויען פון די עסטרייכישע מאַכטאָרגאַנען, איז וואָס אַ מאָל מער געשטיגן. קלוג, ראַפינירט און צופרידנשטעלנדיק זיך מיט ווייניק, אונטערגעשטיצט דורך דער רעגירונג, האָבן די יידן פאַרכאַפּט אין זייערע הענט דעם האַנדל ווי אויך דאָס קרעדיטוועזן אונטער דער לאָזונג: אַלץ נעמען — גאָרנישט געבן. די קאַטוילישע באַפעלקערונג ווערט מיט יעדעס יאָר אָרע־מער, טרעט אָפּ פון איר באַזיצשטאַנד בפרט אין צענטער פון שטאָט. דער דאָזיקער פּראָצעס דויערט במשך מערערע צענד־ליק יאָר און הויבט זיך אָן מיט דער קאַטאַסטראָפאַלער שריפה, וואָס האָט געטראָפן די שטאָט אין יאָר 1820".

און שילדערנדיק דעם חורבן, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך דער שריפה, שרייבט ווייטער צעטנאַרסקי: „אויף דעם פאַר־אָרעמטן שטעטל וואַרפן זיך די יידן פון פשעוואָרסק, ריישע און אַנדערע שכנותדיקע שטעט, וואו עס האָבן שוין פון לאַנג געוואוינט מער יידן און אויפקויפנדיק ביי די רואינירטע אייגנטימער זייערע אָפּגעברענטע הייזלעך, מייסטנס בחצי חינם, בויען זיי זי ווידער אויף, אויף אַ טאַנדעטנעם און נאַכ־לעסיקן אופן".

„דאָס איז די שווערסטע תקופה פאַר דער שטאָט", — לייענען מיר ווייטער ביי דעמזעלבן צעטנאַרסקי, — „עס פאַלט די מלאכה, עס האַלטן זיך נאָר די בויאַרבעטער. עס הייבט זיך אַ ביסל די גרעסערע אינדוסטריע אין די הענט פון די פּאָטאָצ־קיס, אָבער אָן באַדייטונג פאַר דער שטאָט, וואָס לעבט נאָר פון די באַאַמטע און פון מיליטער. די שטאָטישע באַפעלקע־רונג געפינט באַשעפטיקונג נאָר אין די שטאָטישע אַמטן, אָבער אויך דאָ זענען זיי באַגרענעצט נאָר צו די שטאָטישע ענינים אין האָבן נישט קיין פרייע הענט אויך ביי אַנגעמען וועלכע עס איז החלטות".

דאָ איז נישט דער אָרט פאָלעמיזירן מיט דעם איבריגנס

* דאָס הייסט אין אומאָפּהענגיקן פוילן.

זייער פאַרדינסטפולן געזעלשאַפטלעכן טוער אין לאַנצוט, סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי. מיר ווילן דאָ שילדערן די געשיכטע פון יידן אין לאַנצוט זינט דער עלטסטער תקופה פון פוילנס עקזיסטענץ ביז צו דער צייט פון זייער אומקום לויטן היסטאָרישן אמת און דאָרט, וואו עס פעלן אונז היסטאָרישע דאָקומענטן, שטיצן מיר אונזערע השערות אויף די היסטאָרישע אַנטוויקלונגס־טענדענצן און לעבנסבאַדינגונגען פון יידן אין איינצעלנע תקופות פונעם אומאָפּהענגיקן ווי אין אָפּהענגיקן פון פרעמדער הערשאַפט פוילן. עס איז אָבער אונזער חוב אויפצווייזן די סתירות און די פאַלשע מסקנות, צו וועלכע עס זענען געקומען מאַנכע היסטאָריקער פון לאַנצוט.

וועגן דער באַדייטנדער פאַרבעסערונג פון עקאָנאָמישן מצב אין לאַנצוט אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, שרייבט אויך דער צווייטער היסטאָריקער פון לאַנצוט, זענאָן שוסט, וועלכער אונטערשטרייכט, אַז אין דער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט איז צו באַמערקן אַ כסדרדיקע בעסערונג פון מצב אין לאַנצוט, און הגם די צאָל 2500 נפשות, איז שוין אין 7־טן צענדליק פון 19־טן יאָרהונדערט געוואָקסן די צאָל איינוואוינער ביז בערך 2800 נפשות, דערביי האָט לויט זענאָן שוסט אויך צום וואוקס און צו דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט בייגעטראָגן די אויפגעבויטע באַן־ליניע ווין—לעמבערג (1859), וועלכע איז דורכגעגאַנגען ביי לאַנצוט. און צום סוף באַמערקט נאָך זענאָן שוסט, אַז צום אָנהויב פון 20־סטן יאָרהונדערט האָט די שטאָט זיך אַנטוויקלט אין שנעלן טעמפּאָ און די צאָל איינוואוינער איז איצט געשטיגן ביז צו 5000 נפשות, דערין בערך 2000 יידן.

ווי אַנדערש און מיט וויפיל וואַרעמקייט און פאַרשטענדעניש האָט אָפּגעשאַצט די ראָל און באַדייטונג פון יידן אין לאַנצוט דער אויבן דערמאָנטער ד״ר וולאַדיסלאַוו באַליצקי.

12

אַ ביסל פּרטים וועגן ווירטשאַפטלעכן מצב פון די יידן אין לאַנצוט אין די ערשטע יאָרן נאָך דער טיילונג פון פוילן, געפינען מיר אין דעם אויבן ציטירטן אינווענטאַר פון די אומבאַוועגלעכע גיטער פון דער שטאָט לאַנצוט און דערפער, וואָס האָבן געהערט צו דעם לאַנצוטער באַצירק. דער דאָזיקער אינווענטאַר איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין די יאָרן 1775 און 1776—1777 און די אָפּשריפט פון אָריגינאַל, וואָס געפינט זיך אין מלוכהשן אַרכיוו אין וואַרשע, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם פאַרדינסטפולן, נאָר וואָס דערמאָנטן ד״ר וולאַדיסלאַוו באַליצקי. אין דער דאָזיקער אָפּשריפט געפינען זיך 112 פּאָזיציעס, וואָס אַנטהאַלטן די נעמען פון די אייגנטימער פון די אָנגעצייכנטע דאָרט רעאַליטעטן (מגרשים און הייזער) אָדער די רעאַליטעט אַליין, אויב עס איז נישט באַקאַנט דער אייגנטימער. פון די דאָזיקע 112 פּאָזיציעס פאַלן אויס 59 אויף יידישע אייגנטימער, דערביי פיגורירן אויף באַזונדערע פּאָזיציעס, די „ניי אויפגעבויטע שול״, די „קאָלומנע מיטן צלם אויפן אָרט פון פאַרניכטעטן יידישן בית־כנסת״, די „כשרה יידישע מקוה״, „דאָס יידישע שפּיטאָל״ און „דער אַלטער חדר״. ביי אַ סך נעמען פון די יידישע אייגנטימער זענען אויך אָנגעגעבן זייערע פאַכן: אַזוי פיגורירן אין דער רשימה: 1 רב, 2 אַרענדאַרן, 1 פעלדשער, 1 זייפנזידער, 3 בעקערס, 3 שניידערס, 1 פאַרבער, 1 קצב, 1 גאָלדשמיד, און 1 מלמד. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע רשימה אַנטהאַלט נאָר נעמען פון יידן, וואָס זענען געווען דעמאָלט אייגנטימער פון רעאַליטעטן, דערביי קען מען זען וועלכע באַשעפטיקונג אין לאַנצוט האָט אין יענער תקופה געבראַכט מער הכנסות, אויב פונעם דאָזיקן פאַך האָט מען זיך געקאָנט קויפן אָדער אויפבויען אַ הויז, וואָס האָט זיכער דעמאָלט נישט געהערט צו די לייכטע זאַכן. אויף יעדן פאַל איז קלאָר פון דער דאָזיקער רשימה, אַז אין דער צווייטער העלפט פון 18 טן יאָרהונדערט, אין די ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער טיילונג פון פוילן, האָבן די יידן אין לאַנצוט שוין פאַרנומען אַ גענוג וואָגיקע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציע, אויב אויף 112 אומבאַוועגלעכע גיטער, וואָס האָבן פיגורירט אויף דער דערמאָנטער רשימה, זענען בערך 59 אויסגעפאַלן אויף יידישע אייגנטימער. פון דעם דערמאָנטן אינווענטאַר, איז קלאָר, אַז די יידישע קהילה אין לאַנצוט איז געשטאַנען אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט אויף אַ גענוג הויכער מדרגה, אויב זי האָט שוין דעמאָלט פאַרמאָגט אַ חוץ אַ געמויערטע שול, אַן אייגן יידיש שפּיטאָל.

די עטלעכע צענדליק יידישע הויזבאַזיצער אין לאַנצוט פון דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט גיבן אונז אָבער נאָך נישט קיין גענוי בילד פון דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן מצב פון דעם רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער דאָזיקער שטאָט, נאָך דער טיילונג פון פוילן.

אַוודאי זענען דאַן געווען אין לאַנצוט יידישע סוחרים, וואָס האָבן אָפּגענומען ביי די אייגנטימער פון די לאַנצוטער גיטער זייערע פּראָדוקטן, ווי האָלץ, פלאַקס, האָניג, אייער און תבואה און פאַרקויפט די דאָזיקע סחורות אין די עסטרייכישע קרוינלענדער, געבראַכט פון דאָרט קאָלאָניאַל־און גאַלאַנטעריע־אַרטיקלען און נישט שלעכט דערביי פאַרדינט. אָבער די צאָל פון אַזעלכע עקספּאָרטערן איז אין לאַנצוט געווען אַ קליינע. ס׳רוב יידישע איינוואוינער אין לאַנצוט האָט טאַקע געלעבט פון האַנדל און מלאכה — אָבער דאָס איז געווען אַ שווער ראַנגלען זיך מיט די נייע באַדינגונגען און פאַרהעלטענישן, אין וועלכע עס איז זיי אויסגעקומען צו פירן דעם טאָגטעגלעכן קאַמף פאַר פּרנסה.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט איז נאָך דער טיילונג פון פוילן נישט געווען אַנדערש, ווי אין אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין דעמאָלטיקן גאַליציע. דאָס לאַנד איז געווען ווירטשאַפטלעך שוואַך אַנטוויקלט, די פעאָדאַל־פּריצישע השפעה איז נאָך דעמאָלט געווען גענוג שטאַרק. די אָרעמקייט און צוריקגעשטאַנענקייט האָט טאַקע באַוואויגן דעם קייזער יאָזעף דעם צווייטן צו פּרווון אינדוסטריאַליזירן גאַליציע, אָבער אָן דערפאָלג, ווייל אין לאַנד גופא האָט געפעלט דער אָפּזאַצמאַרק פאַר די אויסאַרבעטונגען פון דער היימישער אינדוסטריע, צוליב דער שוואַכער קויפקראַפט פון דער באַפעלקערונג. דערצו נאָך האָבן די דאָזיקע אויסאַרבעטונגען נישט געקענט קאָנקורירן מיט דער ביליקער פּראָדוקציע פון די עסטרייכישע לענדער.

עס זענען דערפאַר טאַקע באַלד פאַרמאַכט געוואָרן די עטלעכע געגרינדעטע פאַבריקן דאָ און דאָרט אין גאַליציע, און נאָר צוויי מלוכהשע טאַבאַק־פאַבריקן און עטלעכע ספּירט־ראַפּי־נעריעס און ליקער־פאַבריקן זענען געבליבן טעטיק.

די עסטרייכישע רעגירונג האָט אָנגענומען פאַרשידענע מיטלען, כדי צו הייבן דעם עקאָנאָמישן מצב פון גאַליציע, אָבער לגבי די יידן האָט זי אָנגעווענדט אַ סיסטעם פון דעק־רעטן, וואָס זייער צוועק איז געווען פון איין זייט צו פאַרקלע־נערן די צאָל יידן אין גאַליציע און צוגלייך פאַרגרעסערן די באַשטייערונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אין יאָר 1776 איז באַשטימט געוואָרן אַ יידישע לאַנד־דירעקציע, וואָס איז באַשטאַנען פון 6 לאַנד־עלטעסטע. דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַרטיילט געוואָרן אין 6 באַצירקן און 59 קרייזן. די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער גענעראַל־דירעקציע, וואָס איז געקליבן געוואָרן אויף 6 יאָר לויט אַ זייער קאָמפּלי־צירטן וואַל־סיסטעם, איז געווען פאַנאַנדערצוטיילן די שטייערן אויף די קהילות. דער וויכטיקסטער שטייער איז געווען דער פריערדיקער קאָפּשטייער, וואָס האָט איצט געטראָגן דעם נאָמען: „טאָלעראַנץ־שטייער", און די אָרעמע לייט, וואָס האָבן דעם שטייער נישט געקאָנט צאָלן, האָט מען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

איינע פון די שווערסטע גזירות קעגן יידן איז געווען דער קייזערלעכער פאַטענט פון יאָר 1784, לויט וועלכן אַלע יידן האָבן געדאַרפט במשך 3 יאָר באַזייטיקט ווערן פון ארענדעס פון ברויערייען און שענק, אין די שטעט ווי אויך אין די דערפער. אַ יאָר שפּעטער איז אַרויס אַ באַפעל צו באַזייטיקן די יידן פון אַרענדעס בכלל, דערין אויך אַרענדעס פון מלוכה־הכנסות, יאַטקעס, עקספּאָרט פון זאַלץ וכדומה, פּרנסות פון וועלכע עס האָט געלעבט אַ דריטל פון גאַליצישע יידן. די דאָזיקע גזירה האָט קייזער יאָזעף דער צווייטער באַטראַכט ווי אַ רעפאָרם, וואָס האָט געדאַרפט צווינגען די יידן זיך עקאָנאָמיש איבערשיכטן, ער האָט אָבער נישט געזאָרגט פאַר נייע פּרנסות פאַר די יידן, וועלכע זענען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע באַשעפטיקונגען.

נישט אַלע פּוילישע גוטבאַזיצער, וואָס האָבן באַשעפטיקט יידישע ארענדאַרן האָבן געפאָלגט דעם דאָזיקן דעקרעט און אָפּגעשאַפט די יידן פון זייערע באַשעפטיקונגען. אַזוי, למשל, האָט דער לאַנצוטער פירשט אלפרעד פּאָטאָצקי, טראָץ דעם דעקרעט פון יאָר 1784 ווייטער באַשעפטיקט יידישע אַרענדאַרן אין זיינע לאַנצוטער גיטער און דערפאַר איז ער אויך באַ־שטראָפט געוואָרן צו באַצאָלן קנס און צו פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע שטראָף.*

יאָזעף דער צווייטער האָט אַפילו אין יאָר 1785 אַרויס־געגעבן אַ דעקרעט, וועלכער האָט באַצוועקט צו באַזעצן יידן אויף מלוכהשער ערד, נעבן די גאַליצישע שטעטלעך. עס האָבן געזאָלט קאָלאָניזירט ווערן 1500 יידישע משפחות, פאַקטיש אָבער האָט מען אין יאָר 1826 אָנגעציילט קוים 724 „אַקער־יידן", דערביי איז אויך לויטן דאָזיקן פּלאַן באַשלאָסן געווען

* רפאל מאהלער — דברי ימי ישראל, דורות אחרונים, ספר שלישי ע' 31.

צו קאָלאָניזירן פון לאַנצוט 8 יידישע משפחות אויף 8 ערד־חלקים, אָבער אין דער אמתן האָט מען אין דער לאַנצוטער אומגעבונג קאָלאָניזירט קוים 4 יידישע משפחות (12 מענער און 11 פרויען, און 8 קינדער אונטער 18 יאָר). פון גאַנצן ריישער קרייז האָט מען אנשטאָט 98 — קאָלאָניזירט נאָר 60 יידישע משפחות.*

אַ גרויסע מהומה האָט צווישן גאַליצישע יידן אַרויסגערופן דער קייזערלעכער דעקרעט פון יאָר 1788, וואָס האָט איינגע־פירט פאַר גאַליצישע יידן דעם מיליטער־דינסט.

נאָך דער רעפאָרם פון איינפירן נעמען פאַר די יידן אין גאַליציע, האָט די עסטרייכישע רעגירונג אין יאָר 1785 אָפּ־געשאַפט די יידישע דירעקציע צוזאַמען מיט די קהילות, ווייל לויט דער מיינונג פון קיסר יאָזעף דעם צווייטן, האָט דאָס נאָר פאַרשטאַרקט דעם סעפּאַראַטיזם. און כדי צו גערמאַ־ניזירן די יידישע באַפעלקערונג האָט ער אין יאָר 1787 אָנגע־הויבן צו עפענען דייטשע שולן פאַר יידישע קינדער. מיט דער אָרגאַניזאַציע פון די דאָזיקע שולן האָט זיך באַשעפטיקט אַ טשעכישער ייד, הערץ האמבערג, צו וועלכן די יידן האָבן אָבער נישט געהאַט קיין פאַרטרויען. אין יאָר 1788 איז אויך אין לאַנצוט ** געעפנט געוואָרן אַזאַ יידיש־דייטשע נאָרמאַל־שול, אין וועלכער עס האָט געלערנט אַ געוויסער שלמה עסטרייכער. די דאָזיקע שול איז טעטיק געווען נאָר ביז צום יאָר 1792.

די קרוין פון קיסר יאָזעפס רעפאָרמאַטאָרישער טעטיקייט לגבי די יידן אין גאַליציע איז געווען דער באַרימטער „טאָלע־ראַנץ־פּאַטענט" פון יאָר 1789, וועלכער האָט אין 64 פּאַראַ־גראַפן געשאַפן די יסודות פון אַ מין קאָנסטיטוציע פאַר די גאַליצישע יידן. דער פּאַטענט האָט קודם כל דעפינירט די יידישע רעליגיע, די אויפגאַבע פון די קרייז־ראַבינער אין די גרויסע קהילות און פון „שול־זינגערס" (חזנים) אין די קלע־נערע קהילות. באַזונדערע פּאַראַגראַפן האָבן פאָרמולירט די קאָמפּעטענצן פון די יידישע קהילות, דערביי האָט בראש פון דער קהילה געדאַרפט שטיין אַ פּרעזידיום פון דריי פאָר־שטייער. וויכטיק זענען געווען די פּאַראַגראַפן, וואָס האָבן באַהאַנדלט דעם ענין פון יידישע פּרנסות. עס איז דערלויבט געוואָרן פאַר יידן אַ פרייער מסחר און מלאכה. עס איז אָבער פאַרבאָטן געוואָרן צו האַלטן שענקן אין די דערפער און צו אַרענדירן פּויערישע ערד, מילן, א.אַ. וו. פון איצט אָן זענען די יידן אין גאַליציע געווען דירעקט אָפּהענגיק פון די מלוכהשע מאַכטאָרגאַנען. פון איצט אָן האָבן יידישע בעלי מלאכות געקענט געהערן צו די צעך־אָרגאַניזאַציעס, יידן האָבן געמעגט איצט קויפן הייזער אין די שטעט פון קריסטלעכע אייגנטימער, בכלל זענען יידן געוואָרן גלייכבאַרעכטיקטע בירגער אין די שטעט און עס זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע בירגערלעכע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַגרענעצונגען.

דער דאָזיקער פּאַטענט האָט מיט זיינע לעבעראַלע באַשטי־מונגען געדאַרפט עפענען דעם וועג פאַר אַ גענצלעכער גער־מאַניזירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע. אין

* ד"ר געלבער: תולדות היהודים בלאנצוט.
** דאָרטן.

אַ סך פּרטים האָט אָבער דער פּאַטענט נישט געענדערט דעם פּאַקטישן מצב, אין וועלכן עס האָבן געלעבט די גאַליצישע יידן נאָך אין אומאָפּהענגיקן פּוילן. אַזוי, למשל, אונטערשטרייכט רפאל מאהלער (אין זיין ציטירטער שוין פריער „דברי ימי ישראל — דורות אחרונים" — זייט 73), אַז דאָס פּאַרזיכערן די יידן די פולע בירגערלעכע רעכט אין די גאַליצישע שטעט איז אין אַ סך פאַלן נישט געווען קיין נייעס, ווייל שוין פריער, נאָך אין אומאָפּהענגיקן פּוילן האָבן יידן אין מאַנכע שטעט פאַרמאָגט דאָס רעכט אַנטיילצונעמען אין די וואַלן צום שטאָטראַט. דערביי דערמאָנט ד"ר מאהלער צווישן אַזעלכע שטעט אויך לאַנצוט.

13

נאָך די אַלע עקספּערימענטן פון קיסר יאָזעף דעם צווייטן, איז די יידישע באַפעלקערונג אין די גאַליצישע שטעט און שטעטלעך נאָך מער פאַראָרעמט געוואָרן. אין די שווערסטע באַדינגונגען האָבן גאַליצישע יידן נישט געשפּאָרט קיין אָנשטרענגונגען, כדי צו שאַפן נייע באַשעפטיקונגען און אַרבעטס־וואַרשטאַטן.

אויך די לאַנצוטער יידן האָבן זיך שנעל צוגעפּאַסט צו די פאַרענדערטע באַדינגונגען. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז אין דער צייט, ווען עס האָט זיך אין לאַנצוט ליקווידירט דער אַמאָל אַזוי מעכטיקער קריסטלעכער וועבער־צעך, האָבן לאַנצוטער יידן נישט געלאָזט פאַלן די וועבעריי־בראַנזשע און געשאַפן פאַר זיך און פאַר די קריסטלעכע וועבער־אַרבעטער נייע פאַרדינסטמעגלעכקייטן. יידן האָבן געליפערט פאַר די קריסטלעכע וועבער רוי־מאַטעריאַל און דערנאָך אָפּגענומען פון זיי זייערע אויסאַרבעטונגען, וועלכע זיי האָבן אויסגעפּערטיקט ביי זיך אין דער היים. מיטן פאַרקויף פון דער דאָזיקער היימישער פּראָדוקציע האָבן זיך באַשעפטיקט די יידישע סוחרים.

אין אַ גרויסער מאָס האָבן זיך לאַנצוטער יידן צו דער צייט באַשעפטיקט מיט דער אויסאַרבעטונג פון זייד־אַרטיקלען, ווי זיידענע בענדער און גירטלען. לאַנצוטער יידישע שניידער, האָבן געאַרבעט נישט בלויז אויף באַשטעלונג, זייערע טאַנדעט־אויסאַרבעטונגען האָבן יידישע סוחרים פאַרקויפט אויף די ירידים אין לאַנצוט און אין אַנדערע שטעט.

בכלל איז אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט נאָך נישט געווען אין גאַליציע קיין יידישע אינדוסטריע. דאָס ביסל „אינדוסטריע" אונטערנעמונגען, וואָס האָבן אין לאַנצוט, ווי איבעריקנס אין דער גאַנצער ריישער סביבה, אַנטוויקלט די וועבעריי־הויז אינדוסטריע, האָבן געגעבן באַשעפטיקונג קוים אַ קליינער צאָל יידן, ווייל אין דעם דאָזיקן פאַך זענען אויך באַשעפטיקט געווען קריסטלעכע אַרבעטער.

איז געבליבן פאַר די יידן נאָר דער האַנדל, די אַרענדע, שענקעריי און אין אַ באַגרענעצטער מאָס קרעדיט־געשעפטן. און אַזוי ווי די דעקרעטן פון יאָזעף דעם צווייטן האָבן נישט צוגעלאָזט יידן צו די אַרענדעס און שענקעריי, האָבן גאַליצישע יידן געמוזט טעטיק זיין ווירטשאַפטלעך אויף די געביטן, וועלכע זענען פאַר זיי אָפן געשטאַנען און אין וועלכע זיי האָבן נישט געהאַט קיין קריסטלעכע קאָנקורענטן.

אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט איז נאָך די צאָל קריסטלעכע הענדלער געווען גאָר נישטיק און אָן שום באַדייטונג. אַזוי, למשל, גיט אָן רפאל מאהלער,* אַז לויט דער ציילונג פון דער עסטרייכישער רעגירונג אין יאָר 1777, זענען אין גאַנץ גאַליציע געווען טעטיק 315 קריסטלעכע סוחרים, אַזוי, אַז דער גאַנצער האַנדל אין גאַליציע איז כמעט דעמאָלט געלעגן אין יידישע הענט.

אין לאַנצוט האָבן זיך איצט געשאַפן געוויסע מעגלעכקייטן פאַר הורט־הענדלער. ווען עס איז געפאַלן דער אויסלענדישער האַנדל מיט די פּראָדוקטן פון די לאַנצוטער גיטער — ווייל דאַנציק, וואוהין מען האָט געשיקט די תבואה און דאָס האָלץ פון לאַנצוט כדי צו טראַנספּאָרטירן ווייטער אין די מערב־לענדער, איז אין יאָר 1772 אַריבער צו פּרייסן, וואָס האָט אויף די דאָזיקע סחורות איינגעפירט אַ גרויסן צאָל־אָפּצאָל — האָבן לאַנצוטער יידן אָנגעקניפּט נייע האַנדלס־קאָנטאַקטן מיט יידן אין אַלע ערטער, לענגאויס דער באַן־ליניע, ווין—לעמבערג, פּשעמישל, יאַראָסלאַוו, ריישע, טאַרנע, קראַקע א. אַ. וו. און האָבן אַנטייל גענומען אין דעם גרויסן הורט־האַנדל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן גאַליציע און די עסטרייכישע קרוינלענדער, וואוהין יידישע סוחרים האָבן איצט געפירט אַגראַר־פּראָדוקטן און פון דאָרט געבראַכט פּערטיקע אינדוסטריע־אויסאַרבעטונגען.

עס איז אויך איצט אין לאַנצוט געשטיגן די צאָל קרעמער און מאַרק־הענדלער, וואָס האָבן פאַר זייערע סחורות געזוכט קונים אויף די ירידים אין לאַנצוט און אין די שכנותדיקע שטעט. צום לאַנצוטער קרייז האָבן געהערט איבער 80 דערפער, און דערפאַר האָבן אין לאַנצוט אַ וויכטיקע ווירטשאַפטלעכע ראָל געשפּילט די ירידים, וואָס זענען אין לאַנצוט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַ גרעסערער צאָל, ווי אין אַ סך גרעסערע שטעט אין גאַליציע. (מיר ווייסן למשל, אַז אין יאָר 1856 ** זענען אין לאַנצוט פאָרגעקומען 9 ירידים, דעם 7/1, 3/2, 15/3, 16/5, 17/6, 10/7, 25/8, 6/10, 11/11).

דער אַלגעמיינער, עקאָנאָמישער מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט איז אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט געווען אַ שווערער. צוליב די באַשרענקטע פאַרדינסט־מעגלעכקייטן האָט אויף דער יידישער גאַס געהערשט אַן אָרעמקייט. די קליינע צאָל פאַרמעגלעכע יידן אין לאַנצוט, וואָס האָבן קאָנצענטרירט אין זייערע הענט דעם אימפּאָרט פון טאָגטעגלעכע געברויכסאַרטיקלען, אָדער פאַרמיטלט ביים פּריץ ביים עקספּאָרט פון נאַטורפּראָדוקטן פון די לאַנצוטער גיטער, אָדער גאָר באַשעפטיקט זיך מיט קרעדיט־טראַנזאַקציעס, האָט נישט געענדערט דאָס אַלגעמיינע בילד פונעם עקאָנאָמישן מצב פונעם רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט. אָבער טראָץ די דאָזיקע שווערע באַדינגונגען האָבן זיך לאַנצוטער יידן געשאַפן נייע אַרבעטס־וואַרשטאַטן, האָבן באַלעבט אין לאַנצוט דעם האַנדל און אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען נייע מלאכה־צווייגן. אַזוי האָט עס אָנגע־

* „די יידן אין גאַליציע" — דערשינען אין דער אויסגאַבע „יידן אין פּוילן" — ניו־יאָרק, 1946.

** Jahrbuch für Israeliten Wien — 1856—1857.

האַלטן ביז דער שריפה אין יאָר 1820, וואָס האָט חרוב געמאַכט די שטאָט. עס זענען דאַן פאַרברענט געוואָרן אין לאַנצוט די הייזער, די קראָמען און קלייטן, אין וועלכע יידישע הענדלער און האַנטווערקער האָבן שווער געהאָרעוועט אויף פּרנסה פאַר זיך און זייערע משפּחות.

עס איז פאַרברענט געוואָרן כמעט די גאַנצע שטאָט. לאַנצוטער יידן זענען פאַראָרעמט געוואָרן און געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

דער פאַראָרעמטער יידישער ישוב אין לאַנצוט איז געשטאַנען פאַר אַ נייער און שווערער אויפגאַבע. אָנצוהייבן אויפסניי דעם קאַמף פאַר אַרבעט און וואוינונג.

14

ערב דער מערץ־רעוואָלוציע פון 1848 האָבן די גאַליצישע יידן אָנגעהויבן צו זוכן וועגן און מיטלען צו רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן. אין יאָר 1847 איז אין לעמבערג פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון רעפּרעזענטאַנטן פון די גרעסטע קהילות אין גאַליציע, כדי צו באַראַטן זיך מכוח דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן. לויט די באַריכטן אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ איז די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די יידן אין גאַליציע געווען זייער טרויעריק. באַשטייערט איבער זייערע פינאַנציעלע כוחות, נישט צוגעלאָזט צו די פרייע פּראָפעסיעס און צו דער אַרבעט אין די מלוכהשע און אין אַנדערע אַמטלעכע אינסטיטוציעס, האָבן זיך די יידן אין גאַליציע קאָנצענטרירט הויפּטזעכלעך אין האַנדל, וווּ זיי האָבן פּונקט ווי אין דער אינדוסטריע אָנגעטראָפן אויף פיל שטערונגען. דערצו נאָך די גרויסע צאָל קליינע קרעמער, וואָס האָבן פון זייערע קראָמען נישט געקאָנט ציען קיין חיונה.

אַלע פּלענער און פּרוּוון צו ענדערן דעם יידישן לעבנסשטייגער אין גאַליציע, האָבן זיך איצט געשטיצט אויף האָפנונגען, אַז די רעוואָלוציע, וואָס איז אויסגעבראָכן אין עסטרייך אין מערץ 1848 וועט עפענען אַ נייע תקופה פאַר די יידן אין גאַליציע. יידן האָבן אָנטיילגענומען אַפילו אין פּויליש נאַציאָנאַל־ראָט און זענען אויך אַריין אין די דעלעגאַציעס קיין ווין, וווּ זיי האָבן געפאָדערט ענדערונגען לטובת דער יידישער באַפעלקערונג, בפרט דאָס אָפּשאַפן פון כשר־פלייש־שטייערן און שבת־ליכט־אָפּצאָל. צו דעם ערשטן דעמאָקראַטישן פאַרלאַמענט האָט גאַליציע אַרויסגעשיקט קיין ווין 108 דעפּוטאַטן און דערונטער קוים 3 יידישע פאַרטרעטער, פון וועלכע דער ווינער ראַבינער מאַנהיימער איז געוויילט געוואָרן פון בראָד און דער רב מייזעלש פון קראָקע. זיי האָבן דאָס אויפגענומען אין דעם נייעם עסטרייכישן פּאַרלאַמענט אַ מוטיקן קאַמף פאַר פולער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג און אין אָקטאָבער 1848 איז נאָך אַ גלענצנדער רעדע פון הרב מאַנהיימער אָנגענומען געוואָרן אין פּאַרלאַמענט אַ געזעץ, וואָס האָט אָפּגעשאַפט די ספּעציפישע יידישע שטייערן.

דער „פרילינג פון די פעלקער" אין עסטרייך אין יאָר 1848 האָט נישט לאַנג געדויערט. די רעאַקציאָנערע כוחות האָבן בטל געמאַכט אַלע דערגרייכונגען פון דער מערץ־רעוואָלוציע, פון וואָס עס האָבן אַמייסטן געליטן די גאַליצישע יידן. ערשט אין דער קאָנסטיטוציע פון דעצעמבער 1867 זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע באַגרענעצונגען לגבי די יידן אין גאַליציע און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די גענצלעכע בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די יידן. אין אַלע גאַליצישע שטעט און שטעטלעך האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן די צאָל יידן אין פאַרשידענע צווייגן פון עקאָנאָמישער טעטיקייט. דערצו האָבן גורם געווען די סאָציאַל־עקאָנאָמישע שינויים אין גאַליציע און קודם כל דאָס אָפּשאַפן די פּויערים־קנעכטשאַפט אין יאָר 1848. אַזוי אַז עס איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן די גאַנצע פריצישע פעאָדאַלע סטרוקטור.

אויף דעם אויפשטייג פון עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן אין גאַליציע האָט אויך זייער געווירקט דער בוי פון דער אייזנבאַן־ליניע ווין—לעמבערג אין יאָר 1859, וואָס האָט פאַרבונדן גאַליציע מיט די אַנדערע קרוינלענדער פון עסטרייך און פאַרשטאַרקט דעם האַנדלס־קאָנטאַקט צווישן די גאַליצישע יידן און די אַנדערע לענדער פון דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע. עס האָבן זיך איצט אין דער נייער עקאָנאָמישער קאָניונקטור אויסגעברייטערט פאַר די גאַליצישע יידן די פּרנסה־מעגלעכקייטן, וועלכע זיי האָבן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען נאָך אין דער יאָזעפינישער תקופה. דער ייד איז איצט געוואָרן דער האַנדלס־פאַרמיטלער אין גאַנץ גאַליציע. דער עקספּאָרט פון תבואה, בהמות, אייער און פעדערן איז געלעגן אויסשליסלעך אין יידישע הענט. כמעט דער גאַנצער עקספּאָרט פון גאַליציע איז געווען קאָנטראָלירט דורך יידן. אויך דער אימפּאָרט קיין גאַליציע איז געווען אין יידישע הענט.

די אינדוסטריע אין גאַליציע איז געווען שוואַך אַנטוויקלט און יידן זענען געווען מיינסטנס פאַרמיטלער פון ווינער באַנקן און פון עסטרייכישע פאַבריקן.

אויפן פאָן פון אָט די דאָזיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן, וועט אונז לייכטער זיין צו שאַפן זיך אַ בילד פון יידישן ישוב אין לאַנצוט אין דער דאָזיקער תקופה.

קודם כל עטלעכע ווערטער בנוגע דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן מצב אין לאַנצוט אין דער דאָזיקער תקופה. מיר וועלן זיך באַנוגן מיט איבערגעבן די פעסטשטעלונגען פון ביידע היסטאָריקער פון לאַנצוט, סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי און זענאָן שוסט, וועלכע האָבן אָנגעוויזן אויף אַ באַדייטנדיקן אויפשטייג פון דער שטאָט לאַנצוט אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט.

סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי באַהויפּטעט, אַז די ירידה פון לאַנצוט, וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרן דורך דער שריפה אין יאָר 1820, האָט געדויערט ביז צו דער פאַרעפנטלעכונג פון דער קאָנסטיטוציע אין עסטרייך אין יאָר 1867, לויט וועלכער גאַליציע האָט באַקומען די לאַנדעס־אויטאָנאָמיע. דערביי אונטערשטרייכט צעטנאַרסקי, אַז די דאָזיקע קאָנסטיטוציע „האָט דערוועקט ביי דער באַפעלקערונג דאָס נאַציאָנאַלע און בירגערלעכע זעלבסט־באַוואוסטזיין און איז געוואָרן דער גורם פון אַ שטאַרקער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, אַזוי אויפן קולטורעלן ווי אויך אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט".

די תקופה פון יאָר 1867 ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1914, אונטערשטרייכט צעטנאַרסקי, „האָט זיך

אויסגעצייכנט מיט אַ שטאַרקער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט לאַנצוט״.

די דאָזיקע אַנטוויקלונגס־טענדענץ באַשטעטיקט זונאָן שוסט אין זיין בוך: „לאַנצוט און די סביבה״, אונטער־שטרייכנדיק אויך די גרויסע באַדייטונג פון דער קאָנסטיטוציע פון יאָר 1867 פאַר דעם עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן אויפשטייג פון לאַנצוט.

15

וואָס זאָגן אונז די סטאַטיסטישע ציפערן, וועלכע מיר באַזיצן בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט אין דער דאָזיקער תקופה?

בן ציון רובשטיין האָט אין זיין סטאַטיסטישער אָפּהאַנדלונג: „גאַליציע און איר באַפעלקערונג״ (יידן, פּאָליאַקן און רוטענער אונטער דער הערשאַפט פון די האַבסבורגער) * אָנגעגעבן די צאָל איינוואוינער לויט דער נאַציאָנאַליטעט אין די גאַליצישע פּאָוויאַטן (באַצירקסהויפּטמאַנשאַפטן) לויט די פאָלקס־ציילונגען, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין די יאָרן: 1880, 1890, 1900 און 1910.*

דער פּאָוויאַט לאַנצוט, וואָס האָט אַרומגענומען די שטאָט לאַנצוט און די אַרומיקע אָרטשאַפטן,** האָט לויט די 4 פאָלקס־ציילונגען געציילט נפשות — ווי אין דער טאַבעלע נומ. 1.

טאַבעלע נומ. 1

אבסאָלוטע צאָל

1880		1890		1900		1910	
אַלגעמיינע	דערונטער יידן	אַלגעמיינע	דערונטער יידן	אַלגעמיינע	דערונטער יידן	אַלגעמיינע	דערונטער יידן
119242	10003	129531	10225	92691	7236	94053	7032

דעם פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוטער פּאָוויאַט לגבי דער אַלגעמיינער צאָל איינוואוינער גיבן מיר איבער אין דער טאַבעלע נומ. 2.

טאַבעלע נומ. 2

1880	1890	1900	1910
8.4%	7.8%	7.8%	7.5%

די אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער באַפעלקערונג אין לאַנצוטער פּאָוויאַט דערקלערט זיך דערמיט, וואָס צו דער פאָלקסציילונג אין יאָר 1900 איז פון איר אויסגעטיילט געוואָרן דער געריכטס־באַצירק פשעוואָרסק, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זעלבסשטענדיקן פּאָוויאַט — פשעוואָרסק.

ווי מיר זעען, איז אין יאָרצענדליק 1900—1910 אויך פאָרגעקומען אַן אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוטער פּאָוויאַט וואָס האָט באַטראָפן 2.8% — דערפאַר קענען מיר פעסטשטעלן אין דער שטאָט לאַנצוט גופא אַ געוויסע שטייגערונג פון דער אַבסאָלוטער צאָל יידישע איינוואוינער אין דער דאָזיקער תקופה, אָבער צוגלייך אַ רעלאַטיווע ירידה לגבי דער אַלגעמיינער צאָל באַפעלקערונג, וואָס איז פון 3853 נפשות אין יאָר 1880 געשטיגן אויף 5378 אין יאָר 1910.

אין די טאַבעלן 3, 4, 5, גיבן מיר אָן די צאָל איינוואוינער אין דער שטאָט לאַנצוט גופא אָן די צוגעהעריקע אָרטשאַפטן לויט דער רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט.

טאַבעלע נומ. 3 *

די אַלגעמיינע צאָל איינוואוינער אין לאַנצוט

יאָרן	1880	1890	1900	1910
צאָל	3483	4486	4850	5378

* די ציפערן האָבן מיר גענומען פון:
Materjały do kwestyj żydowskiej w Galicji Lwów 1910. Dr. Stanisław Gruzinski.

טאַבעלע נומ. 4

די צאָל איינוואוינער אין לאַנצוט לויט דער רעליגיע

אין די יאָרן	קאַטוילישע פּאָליאַקן	קאַטוילישע רוטענער	יידן	אַנדערע רעליגיעס
1880	1837	149	1587	10
1890	2445	339	1669	33
1900	2853	39	1940	18
1910	3084	69	1880	345

טאַבעלע נומ. 5

די רעלאַטיווע צאָל יידן אין לאַנצוט אין פּראָצענטן

אין די יאָרן	1880	1890	1900	1910
	45.6%	37.2%	40%	35%

פון די דאָזיקע ציפערן איז קלאָר, אַז הגם עס איז געשטיגן אַזוי אין לאַנצוטער פּאָוויאַט ווי אויך אין דער שטאָט לאַנצוט גופא די אַלגעמיינע צאָל איינוואוינער, האָט זיך אין יאָר 1910 אַרויסגעוויזן אַ באַדייטנדיקע רעלאַטיווע פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער שטאָט לאַנצוט, ווייל בעת אין יאָר 1910 האָט די אַלגעמיינע צאָל איינוואוינער אין לאַנצוט באַטראָפן 5378 נפשות (מיט 528 נפשות מער ווי אין יאָר 1900) — האָט די צאָל יידן אין לאַנצוט אין יאָר 1910 באַטראָפן 1880 נפשות (מיט 60 נפשות ווייניקער ווי אין יאָר 1900) — אַזוי, אַז אויב אין יאָר 1900 האָט די רעלאַטיווע צאָל יידן אין לאַנצוט באַטראָפן 40%, האָט זי אין יאָר 1910 באַטראָפן 35%.

* דערשינען אין וואַרשע 1923.

** קאַנטשוגע, לעזשאַיסק, פשעוואָרסק (ביז 1900) און זשאַלין.

טאַבעלע נומ. 6

די יידישע דאָרפישע באַפעלקערונג אין דעם פּאָוויאַט לאַנצוט אין די יאָרן — 1880, 1890, 1900

לאַנצוט פּאָוויאַט	די צאָל אדמיניסטראַטיווע דאָרפישע ישובים אין די יאָרן			די יידישע דאָרפישע באַפעלקערונג אין פּאָוויאַט לאַנצוט אין די יאָרן:					
	1880	1890	1900	1880		1890		1900	
				די אַבסאָלוטע צאָל	פּראָצענט לגבי דער אַלגעמיי־נער צאָל יידן אין פּאָוויאַט לאַנצוט	די אַבסאָלוטע צאָל	פּראָצענט לגבי דער אַלגעמיי־נער צאָל יידן אין פּאָוויאַט לאַנצוט	די אַבסאָלוטע צאָל	פּראָצענט לגבי דער אַלגעמיי־נער צאָל יידן אין פּאָוויאַט לאַנצוט
	103	103	103	3105	31,0	3418	33,4	3644	33,6

ווי עס ווייזט די פאָלגנדע טאַבעלע נומער 6 איז די צאָל דאָרפסיידן אין לאַנצוטער פּאָוויאַט אין דער תקופה 1880—1900 געשטיגן מיט 539 נפשות, דאָס איז מיט עפּעס מער ווי 2,5%.

16.

אין דער תקופה פון סוף 19־טן יאָרהונדערט און אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט האָבן יידן אין לאַנצוט געפירט שוין אַ שווערן עקזיסטענץ־קאַמף בפרט אינעם האַנדל, וועלכער איז ביז איצט געלעגן אויסשליסלעך אין יידישע הענט. אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט האָט דער דאָזיקער מסחר אָנגעטראָפן אויף גרויסע שוועריקייטן, ווייל די נייע באַן־ליניע, וואָס האָט דערנענטערט די לאַנצוטער באַפעלקע־רונג צו דעם שכנותדיקן ריישע, וואָס איז געווען קוים 17 קילאָמעטער ווייט פון לאַנצוט, האָט געבראַכט דערצו, אַז וועגן יעדער זאַך איז מען פון לאַנצוט און אַפילו פון דער אומגעבונג געפאָרן קיין ריישע.

טראָצדעם האָבן די לאַנצוטער יידן צו דער צייט נאָך אויפגעהאַלטן זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, דעראָבערנדיק אַ דאַנק זייער אומדערמידלעכער אַרבעט און אויסדויער אַ גענוג גרויסע השפעה אויפןווירטשאַפטלעכן ווי אויפן מוני־ציפּאַלן געביט, בפרט אויף דער לייטונג פון דער שטאָט. איבעריקנס האָבן לאַנצוטער יידן, ווי מיר האָבן שוין דאָס פריער דערמאָנט, פאַרמאָגט נאָך אין דער צייט פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט אַקטיווע און פּאַסיווע וואַלרעכט צו דעם לאַנצוטער שטאָטראַט און האָבן זיך דערפאַר שוין פון צענד־ליקער יאָרן פריער באַטייליקט אין פאַרוואַלטונג מיט דער שטאָטישער ווירטשאַפט און דערמיט פיל מיטגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט, וועלכע האָט צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט אַרויסגעוויזן אַ באַדייטנדיקן עקאָנאָמישן אויפשטייג.

די דאָזיקע פאַרדינסטן פון דער לאַנצוטער יידישער באַפעלקערונג און איר באַדייטונג און ראָל פאַר דער אַנט־וויקלונג פון דער שטאָט, זענען געווען זאַלץ אין די אויגן פון דעם געוועזענעם בירגערמייסטער סטאַניסלאַוו צעטנארסקי, וועלכער דערמאָנענדיק די פאַרניכטונג פון אַלטן ראַטהויז אויפן נייען לאַנצוטער מאַרק אין יאָר 1913, — שרייבט צו די שולד פאַר דעם דאָזיקן באַשלוס פון דעמאָלטיקן לאַנצוטער שטאָטראַט דעם „אַנגעלאָפענעם עלעמענט" אין לאַנצוט. און הגם ער ווייזט נישט אָן דירעקט אויף יידן, פאַרשטייען מיר זייער גוט, וועמען ער מיינט, ווען ער שרייבט, אַז „דער גורל פון דער שטאָט איז תמיד געלעגן אין די הענט פון איינזעסיקן זייט יאָרהונדערט, בירגערטום, וואָס האָט זיך צונויפגעלעבט מיט דער שטאָט, איז אַמבעסטן באַקאַנט געווען מיט אירע באַדערפענישן און אינטערסען און האָט תמיד פאַרשטאַנען מיט איבערלעגונג און ווירטשאַפטלעכער פאַרזיכט צו אָנפירן מיט די ענינים פון דער שטאָט".

אָבער אין עטלעכע שורות ווייטער שרייבט סטאַניסלאַוו צעטנארסקי, אַז „די מערהייט פון שטאָטראַט, אונטערשטיצט דורך דעם יידישן טייל פון שטאָטראַט האָט דורכגעפירט די צעשטערונג פון ראַטהויז. אַלזאָ נישט די „אָנגעלאָפענע עלעמענטן" נאָר די קאַטוילישע מערהייט פון לאַנצוטער שטאָטראַט האָט דעצידירט וועגן דער פאַרניכטונג פונעם ראַטהויז.

וועגן די פאַרהעלטענישן אין לאַנצוט אין דער דאָזיקער תקופה דערוויסן מיר זיך פון דעם צווייטן היסטאָריקער פון לאַנצוט, זענאָן שוסט, וועלכער שרייבט, אַז די דאָזיקע תקופה, דאָס הייסט דער אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט „צייכנט זיך אויס מיט אַ שטאַרקער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט, מיט דער אויסערלעכער פאַרענדערונג פון זיין אויסזען און מיטן אויפשטייג פון קולטור און בילדונג", באַמערקנדיק נאָר, אַז די צעשטערונג פון ראַטהויז איז געווען אַ פעלער.

דער דאָזיקער ווירטשאַפטלעכער אויפשטייג, וועגן וועלכן עס שרייבט זענאָן שוסט, איז אָבער גלייכצייטיק געווען פאַר־בונדן מיט אַן עקאָנאָמישער ירידה פון דער יידישער באַפעל־קערונג אין לאַנצוט. אַ גרויסער טייל פון לאַנצוטער יידן האָבן זיך שוין געפונען אין שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, ווייל די זעלבע סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע כוחות, וואָס האָבן אין גאַליציע אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן צו זוכן וועגן און מיטלען פאַר ווירטשאַפטלעכער עקספּאַנסיע, האָבן זיך אונטערן דרוק פון נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען קודם כל געוואָרפן אויף דעם שוואַכן ייד, אויפן יידישן הענדלער, בעל־מלאכה און קרעמער און באַדראָט אים זיין עקזיסטענץ.

נאָכן דערהאַלטן די לאַנדעס־אויטאָנאָמיע אין יאָר 1867 האָט זיך אין גאַליציע אויסקריסטאַליזירט אַ פּוילישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וואָס איינע פון אירע לאָזונגען איז געווען אַנטיסעמיטיזם, בעיקר דער ווירטשאַפטלעכער. אין דעם לעצטן צענדליק פון 19־טן יאָרהונדערט און אין אָנהויב פון 20־סטן יאָרהונדערט האָט דער דאָזיקער אַנטיסעמיטיזם אָנגענומען אָרגאַניזאַטאָרישע פאָרמען. דער גלח סטאַיאַלאַווסקי, וואָס איז געשטאַנען בראש פון דער קריסטלעך־סאָציאַלער באַוועגונג אין גאַליציע, האָט געפּרעדיקט אַקטיוון אַנטיסעמיטיזם. אין פעברואַר 1906 איז פאָרגעקומען אין קראָקע אַ צוזאַמענפאָר פון דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער פּאַרטיי, וואו עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן נישט צו קויפן ביי יידן, נישט צו לייען ביי זיי קיין געלט, נישט צו דינען און נישט צו אַרבעטן פאַר יידן. דער קאָנגרעס האָט אויפגעפאָדערט די קריסטלעכע פּאָליאַקן צו גרינדן אייגענע געשעפטן.

די דאָזיקע לאָזונגען האָבן אויך געפונען אַ גינסטיקן באָדן אין לאַנצוט. פון זענאַן שוסט דערוויסן מיר זיך, אַז אין דער איבערגאַנגס־תקופה פון 19־טן אויפן 20־טן יאָרהונדערט האָבן זיך אין לאַנצוט און אין דער סביבה געגרינדעט און אַנטוויקלט מערערע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, און דאָס אַ דאַנק דער מי און אַרבעט פון דעם פּוילישן סיים־דעפּוטאַט פון לאַנצוטער קרייז, באָלעסלאַוו זשאַרדעצקי, דעם „מענטש פון דער השגחה עליונה״ — פאַר דער שטאָט לאַנצוט, ווי עס רופט אים זענאַן שוסט.

באָלעסלאַוו זשאַרדעצקי האָט דאָס אומגעוואַנדלט — דערציילט אונז זענאַן שוסט, די „באַשיידענע ליי־קאַסע אין לאַנצוט אין אַן ערנסטע פינאַנץ־אינסטיטוציע״, ער האָט געגרינדעט אין לאַנצוט די שפּאָר־קאַסע, דעם „באַנק זיעמסקי״ פאַר די קרעסן, ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער גרויסער וועבעריי־פאַבריק און פון דער וועבעריי־שול אין ראַקשעווע און פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול אין אַלביגאָווע און דאָס וויכטיקסטע אונטערשטרייכט זענאַן שוסט: אַז „אין די שכנותדיקע אָרטשאַפטן אַלביגאָווע און האַנדזלאָווקע האָבן זיך די דאָרטיקע אונטערנעמונגס־פעאיקע לאַנדבאַזיצער קאָנצענטרירט אַרום די באַרימטע לאַנדווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס״.

פאַרשטייט זיך, אַז פון אַלע די דאָזיקע אינסטיטוציעס, וועמענס צוועק איז געווען אומאָפּהענגיק צו מאַכן דעם פּוילישן ערדבאַזיצער פון יידישן האַנדל און קרעדיט, האָט קיינמאָל נישט גענאָסן קיין איין איינציקער ייד פון לאַנצוט און אומגעבונג און לויט דער באַשריבענער פריער אָפיציעלער קריסטלעך נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, זענען די דאָזיקע פּוילישע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנצוט און אין דער סביבה געוויס געווען דער אָנהויב פון די עקסטערמינאַציע־שטרעמונגען קעגן דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט, וועלכע האָט אין די שווערסטע ציטן צוריק אויפגעבויט די שטאָט, נאָכדעם ווי זי איז פאַרברענט געוואָרן אין יאָר 1820 און וועלכע האָט מיט איר אַרבעט און ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט געשאַפן די יסודות פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט.

איצט זענען די לאַנצוטער יידן שוין נישט געווען נויטיק, איצט האָט וועגן זיי באַהויפּטעט סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי, אַז זיי האָבן אין דער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט „פאַרכאַפּט דעם האַנדל אין לאַנצוט״ און „אַריינגעדרונגען אין לאַנצוטער מאַרק אַריין״.

17.

און ווי אַזוי האָט אויף די דאָזיקע עקסטערמינאַציע־טענדענצן רעאַגירט די יידישע באַפעלקערונג אין די גאַליצישע שטעט און שטעטלעך? ווי אַזוי האָט זיך פאַרהאַלטן דער יידישער ישוב אין לאַנצוט, וואו דער אַרויסשטויסונגס־פּראָצעס האָט אָנגענומען פאָרמען פון אַן אינטענסיווער, אונטער מכלומרשט נאַציאָנאַלע לאָזונגען דורכגעפירטער עקאָנאָמישער טעטיקייט, וואָס האָט געהאַט איר אויסדרוק אין דער שאַפונג און אַנטוויקלונג פון אַ גאַנצער נעץ פון פּוילישע ווירטשאַפטלעכע און פינאַנציעלע אינסטיטוציעס?

די יידישע באַפעלקערונג איז אין דעמאָלטיקן גאַליציע געווען נאָך ווייט פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און פון אַן אומאָפּהענגיקער יידישער פּאָליטיק, וואָס האָט געזאָלט שטיין אויף דער וואַך פון יידישע אינטערעסן אין לאַנד. דערפאַר איז נישט קיין וואונדער, וואָס קודם כל זענען געקומען צו הילף אויסלענדישע יידישע פילאַנטראָפּישע קרייזן, וואָס האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ כוואַליע פון יידישע עמיגראַנטן פון גאַליציע, וואָס האָבן געזוכט אַרבעט און פּרנסה אין ווין, און אין אַזעלכע לענדער ווי בעמען, אונגאַרן, רומעניע, דערביי איז שוין אַ גרויסע צאָל גאַליצישע יידן געפאָרן קיין אַמעריקע, אַזוי, אַז די יידישע עמיגראַציע פון גאַליציע האָט שוין אין די יאָרן 1891—1900 באַטראָפן 70.000 נפשות.

כדי צו לינדערן די נויט אויף דער יידישער גאַס, האָט די „אַליאַנס איזראַעליט״ געגרינדעט אין גאַליציע ליי־און שפּאָר־קאַסן, וואָס זייער צאָל האָט אין יאָר 1913 באַטראָפן קנאַפּע 30, — אָבער דאָס איז געווען אַ טראָפּן אין ים.

עס האָט אויך נישט געהאָלפן דאָס עפענען פון אַן האַנטווערקער־שול, ווייל די פון טאָג צו טאָג זיך אַנטוויקלנדיקע מאַשין־פּראָדוקציע האָט קודם כל באַשעפטיקט די פּוילישע ביליקע אַרבעטסקראַפט, וואָס האָט געשטראָמט פון דאָרף אין שטאָט אַריין.

און עס האָט אויך נישט געהאָלפן די אַקציע פון דער גרויסער פונדאַציע פון באַראָן הירש, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1888 און האָט אין יאָר 1891 געגרינדעט אין גאַליצישע שטעט און שטעטלעך שולן פאַר יידישע קינדער, אין וועלכע מען האָט אויך געלערנט מלאכה.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין אויסוועג פון דער פאַרצווייפלטער לאַגע אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די יידן אין גאַליציע אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט. עקאָנאָמיש אָפּגעשוואַכט, פּאָליטיש נישט אָרגאַניזירט — איז אויף דער יידישער גאַס נישט געווען לעת עתה קיין שום געזעלשאַפטלעכער כוח, וועלכער האָט געזאָלט אָרגאַניזירן די יידישע מאַסן צו אַ פאַרטיידיקונגס־קאַמף קעגן די אַרויסשטויסונגס־טענדענץ.

אין לאַנצוט איז ביז צו דער צווייטער העלפט פון 19־טן

יאָרהונדערט דער ווילכטיקסטער כוח אין יידישן ישוב געווען דער ברייטער קרייז פון חסידים מיט באַדייטנדע רבנים אָן דער שפּיץ. די לאַנצוטער ייִדן האָבן געלעבט אָפּגעשלאָסן אין אַ וועלט פון פרומקייט און יידישקייט.

צו דעם פאַרשטאַרקן פון חסידות אין לאַנצוט איז אַ סך צו פאַרדאַנקען דעם לאַנצוטער צדיק ר׳ יעקב יצחק הורוביץ זצ״ל, וועלכער איז אַפילו פרי אַוועק פון לאַנצוט קיין לובלין, אָבער אין לאַנצוט האָט ער געלייגט די גרונט־יסודות פון זיין אייגנאַרטיקן פאָלקס־חסידיזם. אויף די פעלדער, נישט ווייט פון דער אַמאָליקער פילעצקי־פעסטונג, קעגנאיבער דעם אַלטן בית־עולם, — פלעגט דער באַרימטער למדן און גדול התורה שפּאַצירן מיט זיינע חסידים און לערנען מיט זיי תורה. גלייכ־צייטיק האָט ער איינגעפלאַנצט אין זייערע הערצער אַ טיפע שנאה צו דער השכלה־באַוועגונג, וואָס האָט שוין צו יענער צייט אָנגעהויבן צו שלאָגן אין לאַנצוט די ערשטע וואָרצלען.

דער איינציקער אָרט, וואו עס האָבן זיך דעמאָלט באַוויזן געוויסע סימנים פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנצוט, איז געווען דער בית־המדרש. דאָרט האָבן בחורים געלייענט געהיים אַ העברעאישע צייטונג, וועלכע זיי האָבן באַקומען פון די ערשטע פּיאָנערן פון דער השכלה אין לאַנצוט, פון יצחק ווייסמאַן אָדער מרדכי סאלק, אַרום וועלכע עס האָט זיך קאָנצענטרירט אַ קליינער קרייז פון מוטיקערע און וויסנס־דורשטיקע בחורים. יצחק ווייסמאַן, אַ געבילדעטער סוחר, האָט פאַרעפנטלעכט פאַרשידענע מאמרים אין דער דעמאָלטיקער העברעאישער השכלה־פּרעסע. אַרום זיין פּערזאָן און זיין רייכער ביבליאָטעק אין זיין פריוואַט־וואוינונג, האָבן זיך גע־זאַמלט יונגע בחורים, אויף וועלכע ער האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה, פאַרשפּרייטנדיק צווישן זיי בילדונג און אויפקלערונג. אונטער זיין אָנפירונג האָט זיך געשאַפן אַן אַקטיווע גרופּע פון אויפגעקלערטע יונגע געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע האָבן די ערשטע אויפגענומען אַ קאַמף קעגן די אומטאָלעראַנטע אָרטאָ־דאָקסישע הערשער אין דער לאַנצוטער קהילה. דערפאַר טאַקע האָבן די חסידישע קרייזן געפירט אַ העפטיקן קאַמף קעגן בײדע מוטיקע קולטורטרעגער אין לאַנצוט, בפרט קעגן ווייס־מאַנען, וועלכן מען האָט פאַרפאָלגט אָן רחמנות, נישט שווינענדיק אַפילו זיין פּרנסה.

דער קאַמף קעגן ווייסמאַנען האָט זיך הילכיק אָפּגערופן אין דער ז׳עמאָלטיקער העברעאישער פּרעסע אויסערהאַלב לאַנצוט, און ווייסמאַן אַליין האָט אין יאָר 1876 פאַרעפנטלעכט אין „השחר״ אַ גרעסערן אַרטיקל, וואו ער האָט זיך אָפּגערעכנט מיט זיינע קעגנער. טראָץ אַלע שטערונגען און שוועריקייטן האָט זיך וואָס אַמאָל מער פאַרגרעסערט דער קרייז פון אָנהענ־גער פון דער השכלה־באַוועגונג, און ווען אין לאַנצוט איז שוין געוואָרן צו געפערלעך צו לייענען דעם „המליץ״ אָדער דעם „השחר״ אין בית־המדרש, האָבן זיך די בחורים אַרויס־געלאָזט אויף אַ שפּאַציר אויפן סאַנינער וועג אָדער אַריינ־געכאַפּט זיך אין „שוואַרצן גאָרטן״ אָדער גאָר נאָך ווייטער אויף דעם באַרג אַקעגן דעם אַלטן בית־עולם, וואו מען פלעגט אַרומרעדן אַלץ, וואָס מען האָט געלייענט אין די צייטונגען. ווען אָבער ווייסמאַן איז אין יאָר 1881 אַוועק קיין ווין און סאלק האָט איבערגענומען אַ פּאָסטן פון אַ לערער אין פּשעמישל, איז די יונגע קעמפערישע משכילים־גרופּע אין לאַנצוט געבליבן אָן אַ פירער.

דערווייל אָבער זענען צו די בחורים פון בית־המדרש צוגעשטאַנען אויך אַנדערע קרייזן, וואָס האָבן געזוכט בילדונג און אַ קאָנטאַקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט. אין דער לאַנצוטער שול און אין דזשיקעווער קלויז האָט מען זיך שוין נישט געדאַרפט אויסבאַהאַלטן. דאָרט האָט מען שוין געטראָפן אָנגעזעענע בעלי־בתים, וואָס האָבן געלייענט אַ בוך פון דייטשע קלאַסיקער אָדער די דעמאָלט פּאָפּולערע ווינער „נייע פרייע פּרעסע״.

אַ גרויסע שטיצע פאַר די פּיאָנערן פון דער השכלה־באַוועגונג אין לאַנצוט איז געווען דער דעמאָלטיקער לאַנצוטער ראש־הקהילה, ר׳ דוד, אָדער ווי מען האָט אים גערופן דוזשע טאַנענבאום, וועלכער האָט זיך שוין דעמאָלט דערלויבט איינצולאַדן קיין לאַנצוט דעם באַרימטן יידישן קלאַסיקער שלום־עליכם אויף אַ ליטעראַרישן אָונט פאַר אַ היימישן קרייז אין זיין פריוואַט־וואוינונג.

ר׳ דוזשע טאַנענבאום, דער לאַנגיעריקער ראש הקהילה אין לאַנצוט, אַ רייכער, געבילדעטער, ווייט פון פאַנאַטיזם רעלי־גיעזער ייד, האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע פאַר די נייע שטרעמונגען אויף דער יידישער גאַס. אַרום אים האָבן זיך קאָנצענטרירט ייִנגערע יידישע, אָנגעזעענע בעלי־בתים אין לאַנצוט, און פון דעם דאָזיקן קרייז האָבן זיך במשך אַ סך יאָרן רעקרוטירט די מיטגלידער פון דער לאַנצוטער קהילה־פאַרוואַלטונג. פון זיי האָבן אויך געשטאַמט די ערשטע ציוניסטן אין לאַנצוט נאָך פאַר דער הערצל־תקופה.

די ערשטע ציוניסטישע לאָזונגען האָט געבראַכט קיין לאַנצוט דער יונגער סטודענט ד״ר לאַנעס, וועלכער האָט זיך שוין אין יאָר 1884 באַקענט אין ווין מיט דעם ערשטן ציוניס־טישן אַקאַדעמיקער־פאַראיין „קדימה״. קומענדיק קיין לאַנצוט אויף די פעריען, פלעגט ער אויסנוצן די פרייע צייט פאַר ציוניסטישער אַגיטאַציע צווישן די לאַנצוטער יידן. אין יאָר 1894 האָט ער טאַקע געגרינדעט אין לאַנצוט דעם פאַראיין „אהבת־ציון״ טראָץ דעם איסור, וועלכן עס האָט אַרויסגערופן קעגן דעם פאַראיין דער דעמאָלטיקער לאַנצוטער רב ר׳ שמחה שפירא.

אויף דער זייט פון די ערשטע לאַנצוטער ציוניסטן האָט זיך געשטעלט דער ראש הקהילה ר׳ דוד טאַנענבאום און אַ דאַנק דעם זענען צום פאַראיין צוגעשטאַנען אָנגעזעענע יידן, וועלכע האָבן פאַרברייטערט דעם ציוניסטישן־פאַראיין. אין ערשטן יאָר איז שוין די צאָל מיטגלידער געשטיגן צו 45 געטרייע אָנהענגער:* פּרעזעס פון פאַראיין איז געווען אלימלך פּערלמוטער, פאַרטרעטער: חיים וואַלקענפעלד, ביבליאָטעקאַר: שלום ראָזמאַרין און סעקרעטאַר: דוד פאַסטערנאַק. אין יאָר 1895 האָבן מיטן פאַראיין אָנגעפירט חיים וואַלקענפעלד און

*פרקי גליציה. התנועה הציונית בגליציה — מרדכי אהרנפרייז, „עם עובד״, תל־אביב תשי״ז.

געצל דרוקער אַלס זיין פאַרטרעטער, דערביי איז געשאַפן געוואָרן אַ ציוניסטישע יוגנט־גרופּע אונטער דער לייטונג פון משה שפּירא, געצל דרוקער מיט די אַקטיווע חברים פריד, העגריק ראמער און מרדכי היטער.

דאָס זענען געווען די ערשטע פּיאָנירן פון דער יידישער רענעסאַנס־באַוועגונג, וועלכע האָט גאָר פרי געשלאָגן אירע וואָרצלען אין דעם יידישן ישוב אין לאַנצוט, וואו די חסידישע קרייזן האָבן נאָך פאַרמאָגט גענוג כוח, כדי צו אונטערדריקן יעדן פּרווו צו פאַרשפּרייטן דעם ציוניסטישן געדאַנק.

נישט לייכט איז געווען דער דאָזיקער קאַמף. חרם, מסירות, געזעלשאַפטלעכער באָיקאָט, און אַפילו עקאָנאָמישע סאַנקציעס — דאָס זענען געווען די מיטלען, מיט וועלכע עס פלעגן זיך באַנוצן די קעגנער פון יונגן ציוניסטישן לאַגער. נאָר אַ דאַנק דער הייסער איבערגעבנקייט און טריישאַפט צום ציוניזם מצד די ערשטע מוטיקע קעמפער אין לאַנצוט, אַ דאַנק דער קרבנותפולער גרייטקייט צו ליידן און צו קעמפן פאַרן ציוניסטישן אידעאַל, וואָס האָט בכלל געשטעלט די ערשטע טריט אויף דער יידישער גאַס אין גאַליציע, — האָט זיך אויסגעברייטערט און פאַרפעסטיקט די ציוניסטישע השפעה אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן אין לאַנצוט.

און ווען עס איז אין עטלעכע יאָר אַרום אויפן צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס געפאַלן די לאָזונג צו דעראָבערן די קהילות, האָבן די דאָזיקע לאָזונגען אויפגעכאַפּט די לאַנצוטער ציוניסטן און גוט פאַרשטאַנען די גרויסע אויפגאַבן, וואָס לאַסטן אויף דער יידישער קהילה. מיטן גאַנצן ברען פון איבערגעבענע אידעאַליסטן, האָבן זיך די לאַנצוטער יונגע ציוניסטישע מנהיגים געוואָרפן אין קאַמף פאַר דעמאָקראַטיזירן די לאַנצוטער קהילה, צו וועלכער עס האָבן נישט געהאַט קיין צוטריט די ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט.

דער שטאַרקסטער וואָפן אין די הענט פון די אַלטע קהילה־פאַרוואַלטונגען, איז געווען די דעמאָלטיקע, פאַראַלטערטע, נישט דעמאָקראַטישע וואַל־אָרדינאַציע, וואָס האָט לכתחילה אויסגעשלאָסן כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון אָנטייל אין די וואַלן.

די לאַנצוטער קהילה איז נאָך אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט געווען באַהערשט פון אַ כלומרשטער פאַרוואַלטונג, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי מענטשן און דעם רב. פאַקטיש האָט געהערשט אין דער קהילה צו דער צייט ר׳ דוד טאַנענבאום, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר דער נויטווענדיקייט צו עפענען די טויערן פון דער קהילה פאַר דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט. מיטן כוח פון דעם אַלטן לאַנצוטער קהילה־סטאַטוט (וואָס האָט איבעריקנס עקזיסטירט אויך אין אַלע אַנדערע גאַליצישע קהילות), לויט וועלכן יעדער ייד אין לאַנצוט, וואָס האָט באַקומען אַ מאָל אַן אונטערשטיצונג פון דער קהילה־קאַסע, האָט פאַרלוירן דאָס וואַלרעכט צו דער קהילה — פלעגט די אַלטע פאַרוואַלטונג יעדעס מאָל לויט איר איינזען צונויפשטעלן אַ ווילער־רשימה, אַזוי, אַז די וואַלן צו דער קהילה־פאַרוואַלטונג זענען געווען אַ פּשוטע קאָמעדיע און דער אויסגאַנג פון אַזעלכע וואַלן איז תמיד שוין געווען געזיכערט פון פאָראויס.

די דאָזיקע וואַל־קאָמבינאַציע איז געווען מעגלעך נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס אויף יעדן פּסח פלעגט די לאַנצוטער קהילה־פאַרוואַלטונג פאַרקויפן מצות מיט אַ 5־פּראָצענטיקער הנחה און יעדער לאַנצוטער ייד, וועמען די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט ביים איינקויפן די מצות געגעבן די הנחה פון 5% — איז נאָטירט געוואָרן אין די קהילה־ביכער ווי אַלס איינער וואָס געניסט פון אונטערשטיצונג פון דער קהילה און ער איז אויסגעמעקט געוואָרן פון דער ווילער־רשימה בעת וואַלן צו דער קהילה־פאַרוואַלטונג. על פּי רוב זענען דאָס געווען נישט זיכערע ווילער פאַר דער הערשנדיקער קהילה־פאַרוואַלטונג.

אַרום דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט איז די פאַרוואַלטונג פון דער לאַנצוטער קהילה געווען באַהערשט פון שטרענג אָרטאָדאָקסישע קרייזן, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם דעמאָלט באַרימטן צדיק און גרויסן למדן ר׳ נפתלי צבי הורוביץ זצ״ל פון ראָפּשיץ, דעם זון פון ליסקער רב ר׳ מענדל זצ״ל. פון דעם דאָזיקן קרייז זענען אַרויסגעקומען די עקסטרעמע לאָזונגען אומברחמנותדיק צו באַקעמפן יעדן סימן פון השכלה אויף דער יידישער גאַס. אין די ערשטע צענדליק יאָרן פון דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט איז די משכילים־גרופּע אין לאַנצוט געווען נאָך זייער קליין און זי האָט טאַקע אַ סך געליטן פון די פאַרפאָלגונגען מצד די חסידישע הערשער אין דער שטאָט.

באַזונדערס באַפעסטיקט איז געווען די הערשאַפט פון דער קעמפנדיקער אָרטאָדאָקסיע אין דער לאַנצוטער קהילה אין די יאָרן 1816—1865, ווען רב אין לאַנצוט איז געווען ר׳ אליעזר בן צבי אלימלך שפּירא זצ״ל, וועלכער האָט געהאַט די הויפּט־דעה אין אַלע קהילה־ענינים און אויף שריט און טריט פאַרפאָלגט יעדע שפּור פון וועלכער ס׳איז משכילישער ריכטונג.

נאָך זיין פּטירה האָט זיך מיט דער זעלבער שנאה צו דער השכלה באַצויגן זיין זון הרב ר׳ שמחה זצ״ל.

אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט איז שוין — ווי מיר האָבן שוין דאָס פריער דערמאָנט — אין לאַנצוט טעטיק געווען די גרופּע פון משכילישע געזעלשאַפטלעכע טוער און אָן דער דער שפּיץ פון דער קהילה איז אין יאָר 1897־98 געשטאַנען ר׳ דוד טאַנענבאום, וואָס הגם ער איז געשטאַנען נאָענט צו דער משכילישער באַוועגונג, איז אים נאָך פרעמד געווען דער באַגריף פון אַ דעמאָקראַטישער קהילה. צוזאַמען מיט אים האָבן צו דער קהילה־פאַרוואַלטונג אין דעם דאָזיקן בודזשעט־יאָר געהערט נאָך משה פריד און הערש מילראַד.* אין די הענט פון די דריי לאַנצוטער קהילה־פאַרוואַלטער איז געלעגן די גאַנצע וויר־

* Kalendar für Israeliten fuer das jahr 1897/98 und Führer durch die isr. Cultusgemeinden der Osterreichisch Ung. Monarchie. Herausgegebn vom Verein O'st. Isr. Union in Wien.

טשאַפט פון דער לאַנצוטער קהילה, וואָס האָט זיך באַגרע־
נעצט נאָר צו ריין רעליגיעזע ענינים. רב אין לאַנצוט איז אין
דעם יאָר געווען ר׳ מענדל שפּירא זצ״ל. עס זענען געווען
דעמאָלט טעטיק אין לאַנצוט צוויי פילאַנטראָפּישע פאַר־
איינען: דער „תומכי עניים״ און דער פאַראיין „ביקור
חולים״.

18.

די אויפקלערונגס־אַרבעט פון די ערשטע משכילים אין
לאַנצוט האָט שוין געגעבן פירות אויף אַזוי פיל, אַז די
ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן פאַר־
שטאַנען, אַז איינס פון די אַמיינסטנס אָנגעווייטיקטע פּראָב־
לעמען פון יידישן לעבן איז אַריינצוברענגען ליכט אין דער
יידישער קהילה.

און כדי אַ סוף צו מאַכן צו דעם שענדלעכן סיסטעם
פון שטרייכן פון די וויילער־רשימות צו דער קהילה אַלע
בירגער, וואָס האָבן באַקומען די 5־פּראָצענטיקע הנחות ביים
איינקויפן מצות אויף פּסח, — האָבן אייניקע ערנסטע יידישע
כלל־־טוער אין לאַנצוט געגרינדעט אין יאָר 1888 דעם פי־
לאַנטראָפּישן פאַראיין „תומכי עניים״ מיט דעם אַדוואָקאַט
ד״ר אַלעקסאַנדער הערבסט בראש, וועמענס הויפּטאויפגאַבע
איז געווען פאַרטיילן אונטערשטיצונג אָרעמע לאַנצוטער
יידן, אַזוי, אַז מען האָט שוין נישט געדאַרפט אָנקומען צו דער
קהלה וועגן הנחות ביים קויפן מצות, ממילא האָבן אויפגע־
געהערט די מאַכינאַציעס מיט די וויילער־רשימות, און די
קהילה־מושלים האָבן געמוזט צולאָזן צו די וואַלן צו דער
קהילה־פאַרוואַלטונג ברייטערע שיכטן פון דער יידישער
באַפעלקערונג אין לאַנצוט.

דערווייל האָט זיך באַפעסטיקט אין לאַנצוט די ציוניס־
טישע באַוועגונג און דער פאַראיין „אהבת ציון״ איז געוואָרן
דאָרט אַ וויכטיקער פאַקטאָר. עס איז אָבער נישט לייכט
געווען צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט קומען צו לאַנ־
צוטער יידן מיט לאָזונגען וועגן אַ יידישן רענעסאַנס און וועגן
פּאָזיטיווער אַרבעט פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל. די
דריי לאַנצוטער יידן: ר׳ הערש טאַנענבאַום, געצל דרוקער
און חיים וואַלקענפעלד האָבן צוזאַמען מיט אַ גרופּע יונגע
אידעאַליסטן גענומען אויף זיך די דאָזיקע שווערע אויפ־
גאַבע. מיט מסירת נפש, מיט קרבנותפולער איבערגעבנקייט
האָבן זיי דורכגעבראָכן אין לאַנצוט, אין דער שטאָט פון
חסידישער תקיפות, די וואַנט פון צוריק געשטאַנענקייט און
פּאָליטישן אינדיפערענטיזם. אַרום די דאָזיקע אָנגעזעענע
געזעלשאַפטלעכע טוער, האָבן זיך אָנגעהויבן צו קאָנצענט־
רירן ברייטערע קרייזן פון יידישע סוחרים און האַנטווערקער,
און די גאַנצע לאַנצוטער יידישע יוגנט כמעט איז צוגע־
שטאַנען צום ציוניסטישן לאַגער. עס האָט זיך דאַן אין לאַנ־
צוט פאָרמירט אַ לאָקאַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער
אָרגאַניזאַציע מיט הערש טאַנענבאַום בראש.

דאָס יידישע לעבן אין לאַנצוט איז איצט אַרויף אויף
נייע רעלסן. ציוניסטן האָבן אַנטוויקלט אַן אומדערמיד־
לעכע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן. אַ דאַנק
דער מי און אַרבעט פון דעם אַקטיוון געזעלשאַפטלעכן טוער,
געצל דרוקער ז״ל, איז געגרינדעט געוואָרן אַ העברעאישע
שול, וועלכע האָט פיל בייגעטראָגן צו דער אויפקלערונגס־
אַרבעט צווישן דער יידישער יוגנט אין לאַנצוט.

אַ גרויס געוויכט האָבן די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע
טוער אין לאַנצוט געלייגט קודם כל אויף דער סאָציאַלער
הילפסטעטיקייט לטובת דער אָרעמער יידישער באַפעל־
קערונג, און צו דעם צוועק זענען געגרינדעט געוואָרן אייניקע
פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, ווי ביקור חולים א.אַ.

אויך די קהילה אין לאַנצוט האָט באַקומען איצט אַן
אַנדער אויסזען, ווייל זינט עס איז אַנטשטאַנען די חברה
„תומכי עניים״ האָט מען שוין נישט געקענט אויסמעקן די
וויילער פון דער רשימה פון וואַל־באַרעכטיקטע צו דער
קהילה־פאַרוואַלטונג. אין בודזשעט־יאָר פון דער לאַנצוטער
קהילה 1909־10 * זענען שוין געווען 580 קהילה־שטייער
צאָלער אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון בערך 1500 יידן
אין לאַנצוט.** עס האָבן שוין דאַן אין דער לאַנצוטער קהי־
לה־פאַרוואַלטונג מיטגעאַרבעט אַקטיווע ציוניסטן, וועלכע
האָבן זיך באַצויגן מיט פאַרטרויען צום פריערדיקן ראש
הקהילה ר׳ דוד טאַנענבאַום, איבערלאָזנדיק ווייטער אין
זיינע הענט די לייטונג מיט דער לאַנצוטער קהילה. זיין פאַר־
טרעטער איז אין דעם יאָר געווען ר׳ מלך פערלמוטער, דער
פרעזעס פון „אהבת ציון״ אין יאָר 1894.

די קהילה אין לאַנצוט איז דעמאָלט באַשטאַנען פון צוויי
קערפּערשאַפטן: פון אַן ענגערער און פון אַ ברייטערער
קהילה־פאַרוואַלטונג. צו דער ענגערער פאַרוואַלטונג האָבן
אין 1909־10 אַ חוץ דעם אויבן שוין דערמאָנטן פּרע־
זידיום געהערט: הערש עסטליין, יהושע גלאַנצבערג, חיים
וואַלקענפעלד (פּרעזעס פון „אהבת ציון״ אין יאָר 1895),
וואָס האָבן שוין געהאַט הינטער זיך יאָרן פון פאַראַנט־
וואָרטלעכער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

צו דער ברייטערער פאַרוואַלטונג (דער שפּעטערדיקער
קהילה־ראַט) האָבן אין דעם יאָר געהערט: לייב צינס, ישראל
ראָזענבלום, דוד פּאַסטערנאַק (פון „אהבת ציון״), יוסף מאיר
ראָזמאַרין (פון אהבת ציון״), אליעזר קרעש, יצחק זאַוואַדע,
לוי טראָמפּעטער, הערש מילראַד, משה שפּירא, יואל ליפשיץ.
רב איז געווען אין דעם יאָר אין לאַנצוט ר׳ שמחה שפּירא
און סעקרעטאַר אין דער קהילה איז געווען מאַרקוס היטער.

אין 1909־10 האָבן עקזיסטירט אין לאַנצוט פאָלגנדע
סאָציאַל־פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס: אַן אַזיל פאַר אָרע־
מע קראַנקע, דער פילאַנטראָפּישער פאַראיין „תומכי עניים״,
די „חברה קדישא״ מיט חיים וואַלקענפעלד אַן דער שפּיץ,
אַ „ביקור חולים״ פאַראיין מיט משה באגען אַלס פּרעזעס, די
חברה „לינת הצדק״ מיט לייזער שלעכטערמאַן בראש. אַ חוץ
דער אַלטער שול איז געווען נאָך דעמאָלט אין לאַנצוט דער
בית־המדרש און אַ קלויז. אין דעם דאָזיקן יאָר איז שוין אין
לאַנצוט טעטיק געווען אויך אַ פרויען־פאַראיין.

אַן אָפּשפּיגלונג פון דער קהילה־טעטיקייט אין 1909־10
גיט אונז דער קהילה־בודזשעט פאַר דעם דאָזיקן טעטיקייטס־

* Kalendar fuer Israeliten 1909/10

** די דאָזיקע צאָל איז נישט קיין גענויע.

יאָר פון דער לאַנצוטער קהילה * די הכנסות פון דער לאַנצוטער קהילה האָבן דאַן באַטראָפן 11.760 עסטרייכישע קראָנען און די הוצאות 12.670 קראָנען — אַ גאַנץ גרויסע סומע אויף די דעמאָלטיקע פאַרהעלטענישן, אַ סימן, אַז די יידישע קהילה אין לאַנצוט האָט אַנטוויקלט אַ באַדייטנדע טעטיקייט.

די צוזאַמענאַרבעט מיט די ציוניסטן אויפן געביט פון דער לאַנצוטער קהילה האָט געגעבן גוטע פּירות. דערפאַר טאַקע איז די לאַנצוטער קהילה געווען איינע פון די ווינציקע אויסנאַמען מיט איר ערלעכער און נוצלעכער ווירטשאַפט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט. אין ערשטן צענדליק יאָר פונעם 20־טן יאָרהונדערט זענען ס׳רוב יידישע קהילות אין די גאַליצישע שטעט און שטעטלעך געלעגן אין די הענט פון איינצלנע תקיפים, וואָס האָבן נישט געוואָלט עפענען די טירן פון דער קהילה פאַר געוויילטע פאָלקס־רעפּרעזענטאַנטן. די ציוניסטן זענען דעמאָלט ערשט געשטאַנען אין אַ שווערן קאַמף פאַר דער דעראָבערונג פון די קהילות. דאַקעגן אין לאַנצוט זענען שוין אין יאָר 1909־10 די ציוניסטן געווען דער דעצידירנדיקער, אַקטיווער כוח אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג, הגם בראש פון דער קהילה איז געשטאַנען דער פיליאָריקער ראש־הקהילה ר׳ דוד טאַנענבאום, אַ כלל־טוער פון אַלטן שטייגער, וועלכער האָט אָבער שוין געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר די נאַציאָנאַלע שטרעמונגען אויף דער יידישער גאַס. זיין זון הערש טאַנענבאום איז שוין געווען אַן אַקטיווער ציוניסט, וואָס איז אין יאָר 1904 געשטאַנען בראש פון „אהבת ציון" אין לאַנצוט.

19.

נישט אָן השפּעה אויף דעם יידישן ישוב אין לאַנצוט איז געווען די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פון לאַנצוט אינעם ערשטן צענדליק פון 20־טן יאָרהונדערט. די שטאָט האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ שנעלן טעמפּאָ, עס זענען דעמאָלט דורכגעפירט געוואָרן די קאַנאַליזאַציע און עלעקטריפיקאַציע פון דער שטאָט און אין יאָר 1907 איז געעפנט געוואָרן אַ הומאַניסטיש גימנאַזיום, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער באַפעלקערונג אין דער שטאָט און אומגעבונג, ווייל אויך קינדער פון נישט פאַרמעגלעכע עלטערן האָבן איצט געקענט באַקומען מיטלשול־בילדונג. צוגלייך מיט דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט, מיט וועלכער עס האָט דעמאָלט אָנגעפירט דער בירגערמייסטער יאַן צעטנאַרסקי, זענען אָבער אויך געוואָקסן די אַרויסשטויסונגס־טענדענצן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט. אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט אין דער דאָזיקער שטאָט געפונען פּרנסה אַרום דעם שלאָס פון די פּאָטאָצקיס, אַלס אַרענדאַרן פון זייערע פאָלוואַרקן און אַלס ליפעראַנטן פון כל מיני געברויך־אַרטיקלען פאַרן הויף און זיין ווירטשאַפט. מיט דעם וואוקס פון דער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע האָבן די פּאָטאָצקיס, אָפּט קעגן זייער ווילן און איבערצייגונג, געמוזט דערווייטערן יידן און אויפהערן זיי צו באַשעפטיקן.

* Kalendar fuer Israeliten fuer das jahr 1909—10 (Union)..

טראָץ די באַמיאונגען מצד די פּוילישע קלעריקאַל־נאַציאָנאַליסטישע קרייזן אין גאַליציע, האָבן די דאָזיקע אַרויסשטויסונגס־טענדענצן ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה נישט געהאַט קיין פולן דערפאָלג, און הגם זיי האָבן דערשיטערט דאָס יידישע ווירטשאַפטלעכע לעבן אין גאַליציע, האָבן יידן אינעם שווערן געראַנגל מיט די כלערליי שטערונגען און אויסערלעכע שוועריקייטן נאָך געהאַלטן זיך אויף זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

אין לאַנצוט איז דער האַנדל נאָך דעמאָלט געלעגן אויסשליסלעך אין יידישע הענט. עס זענען דאָרט געווען מערערע יידישע שפּייז־געשעפטן, אייניקע שניט־געשעפטן מיט ביליקע סחורות פאַר פּויערים. לאַנצוטער יידן זענען נאָך געפאָרן מיט סחורות אויף ירידים אין די נאָענטע שטעטלעך און אויפן דאָרף פלעגן זיי אויפקויפן הינער און אייער און ברענגען זיי צום פאַרקויף אין די שטעט אַריין. עס איז נאָך געווען דאַן אין לאַנצוט אַ גרעסערע צאָל תבואה־סוחרים און די גאַנצע אייער־בראַנזשע, בפרט דער עקספּאָרט פון אייער איז נאָך געלעגן אויסשליסלעך אין יידישע הענט. עס פלעגן וואָכנטלעך אוועקגיין פון לאַנצוט וואַגאָנען מיט אייער קיין דייטשלאַנד, ענגלאַנד, און אַפילו ביז קיין שפּאַניע. פאַרשטייט זיך, אַז אַרום די עטלעכע אייער־עקספּאָרטערן האָבן געלעבט אַ 50 אייער־פּאַקער און קעסטלעך־קלאַפּער און דערביי האָבן אויך געהאַט פּרנסה אַ גרעסערע צאָל אייער־אויפקויפער.

אין יאָר 1908 האָבן אין גאַליציע עקזיסטירט 154 קרעדיט־פאַראיינען און דערונטער 83 יידישע. בלויז אין לאַנצוטער פּאָוויאַט זענען געווען טעטיק אין דעם יאָר 16 קרעדיט־פאַראיינען און דערונטער זענען 12 געווען יידישע.*

אין יידישע הענט איז אין לאַנצוט דאַן געלעגן נאָך דער האַנדל מיט בהמות און ביי דעם דאָזיקן עקספּאָרט האָבן ווידער געפונען זייער ברויט יידן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן אין די דערפער, כדי דאָרט אויפצוקויפן בהמות פאַר דעם עקספּאָרט.

גענוג גרויס איז אויך געווען דעמאָלט אין לאַנצוט די צאָל יידישע שוסטער, שניידער, בעקער, מאָלער, בלעכער, שלאָסער, דראָזשקאַזשעס און אַנדערע בעלי־מלאכות, בפרט באַשעפטיקונגען, וואָס זענען געווען פאַרבינדן מיט די רעליגיעזע הצטרכותן.

גאָר ווינציק איז אין לאַנצוט געווען דעמאָלט די צאָל פון באַרופס־אינטעליגענץ. דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן איז אין ערשטן צענדליק פון 20־טן יאָרהונדערט און אין די עטלעכע יאָר ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געשטאַנען אויף גאָר אַ הויכער מדרגה. אין לאַנצוטער שטאָטראַט זענען געווען טעטיק עטלעכע יידישע ראַטמענער מיט געצל דרוקער בראש. אַוודאַי האָבן געמוזט זיין גרויס זיינע פאַרדינסטן פאַר דער שטאָט, אויב דער שטאָטראַט האָט, טראָץ דער אַנטיסעמיטישער אַטמאָספער,


* Materyały do kwestyj żydowskiej w Galicji — Dr. Stanisław Gruinski Lwów, 1910.

באַשלאָסן נאָך זיין טויט אָנרופן די לאזיענגאַ־גאַס (באָד־גאַס) אויף זיין נאָמען.

אין יאָר 1912־13 איז בראש פון דער לאַנצוטער קהילה געשטאַנען דער פּאָפּולערער דוד טאַנענבאום און זיין פאַר־טרעטער מלך פערלמוטער. צו דער ענגער פאַרוואַלטונג האָבן איצט געהערט: הערש עסטליין, יהושע גלאַנצבערג, חיים וואלקענפעלד, און צו דער ברייטערער פאַרוואַלטונג האָבן געהערט: לייב צינס, ישראל ראָזענבלום, דוד פּאַסטערנאַק, משה שפירא, יצחק זאוואדע, לוי טראַמפעטער, יואל ליפשיץ, שלמה שפּרונג, בנימין לארבערפעלד און חיים צעלנער. רב איז געווען אין דעם יאָר ווייטער ר' שמחה שפירא און סעקרעטאר פון דער קהילה איז געווען מאַרקוס היטער. אַלס רעליגיאָנס־לערער אין די עפנטלעכע שולן איז געווען באַשעפטיקט יצחק עבנער. פון די פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אין דעם יאָר עקזיסטירט אין לאַנצוט, איז כדאי אויסצורעכענען: דעם אַזיל פאַר אָרעמע קראַנקע, די פאַראיינען „גמילת חס־דים" און „הכנסת אורחים" מיט ניסן זיסאַפּעל בראש, דער „ביקור־חולים" פאַראיין און די חברה „לינת הצדק" אויך מיט ניסן זיסאַפּעל אַלס פּרעזעס.

אַ חוץ דעם איז נאָך געווען טעטיק דעמאָלט אין דער „חברה קדישא" חיים וואלקענפעלד און געצל דרוקער אין דער „תלמוד תורה". פּרעזעס פונעם ציוניסטישן פאַראיין „אהבת ציון" איז געווען הערש טאַנענבאום. אין דעם פרויען־פאַראיין איז איצט טעטיק געווען די פרוי רבקה פערלמוטער.

אַ קלאָר בילד פון דער קהילה־טעטיקייט אין לאַנצוט אין 1912־13 באַקומען מיר פון דעם בודזשעט פון דער לאַנצו־טער קהילה פאַר דעם דאָזיקן יאָר.*



שטעמפּל פון (חותמת של): תומכי־עניים, נושאי־המיטה ולימוד משניות.

אויב די הוצאות פון דער יידישער קהילה אין לאַנצוט פאַר דעם דאָזיקן יאָר האָבן באַטראָפן 29.643.14 עסטרייכישע קראָנען און די הכנסות האָבן באַטראָפן 29.854.62 — מער ווי דאָפּלט, ווי אינעם יאָר 1909־10 — איז דאָס אַ בולטער באַווייז, אַז די לאַנצוטער קהילה האָט באַדייטנד אויסגעברייטערט איר טעטיקייט נישט בלויז אויפן רעליגיעזן, נאָר אויך אויפן סאָציאַלן געביט.

אין יאָר 1913־14 איז געווען טעטיק אין דער ברייטע־רער קהילה־פאַרוואַלטונג ישראל שיקלער און אויפן אָרט

פון רב ר' שמחה שפירא זצ"ל, וועלכער איז אין דעם יאָר נפטר געוואָרן, איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב ר' חיים ראובן וואַגשאַל.

איבער די רבנות אין לאַנצוט איז נאָך דער פּטירה פון ר' שמחה שפירא זצ"ל אויסגעבראָכן אין דער לאַנצוטער קהילה אַ מחלוקת, וואָס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט. אַ טייל פון די לאַנצוטער חסידים האָט באַשלאָסן איבערצוגעבן די רב־נות דעם זון פון ר' שמחה שפירא, ר' לאָזער פון בזשעזשאַן. די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט אָבער נישט געוואָלט אָנערקענען דעם זון פון ר' שמחה שפירא אַלס רב פון לאַנצוט. די מח־לוקת האָט געטיילט אין צוויי לאַגערן די יידישע באַפעלקע־רונג אין לאַנצוט. אַזוי ווי די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט נישט אויסגעצאָלט דעם חודשלעכן געהאַלט דעם חסידישן רב, ר' לאָזער שפּירא, האָבן זיינע אָנהענגער אַריינגעשטעלט אין די קליינטן כלן די לאַנצוטער קצבים באַזונדערע פּושקעס פאַר דעם רב, וועלכער האָט אויף אַזאַ אופן באַקומען זיין חודש־לעכן לוין קעגן דעם ווילן פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג.

די מחלוקת האָט געדויערט ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווען די רוסן האָבן זיך דערנענטערט צו לאַנצוט, זענען פאַרמעגלעכערע יידן פון לאַנצוט געפאָרן קיין ווין און זיך געטראָפן דאָרט מיטן רב ר' לאָזער, וועלכן זיי האָבן אין לאַנצוט נישט געוואָלט אָנערקענען. דער רב ר' לאָזער שפירא האָט דאַן באַקומען הילף אין געלט און שפּייז־פּאַקעטן פון זיינע פריינט און פון רעליגיעזע אינ־סטיטוציעס. זיינע קעגנער, די מיטגלידער פון דער לאַנ־צוטער קהילה־פאַרוואַלטונג, האָבן זיך געפונען דאַן אין אַ גרויסער נויט. הגם ער האָט אין לאַנצוט געגנוג פון זיי גע־ליטן, האָט ער דאָך אויסגעהאַלטן זיינע לאַנצוטער מיטביר־גער. דערפאַר, ווען עס האָט זיך פאַרענדיקט די רוסישע אינוואַזיע אין לאַנצוט און די פּליטים זענען צוריק אַהיים געקומען פון ווין, זענען זיי געוואָרן הייסע אָנהענגער פון ר' לאָזער שפירא, וועלכער איז איצט געוואָרן אָנערקענט אָפּי־ציעל פון דער קהילה אַלס רב אין לאַנצוט. איצט האָבן זיך פון אים אָפּגעווענדעט זיינע פריערדיקע חסידים, וואָס האָבן אים נישט געקאָנט מוחל זיין, הלמאי ער האָט שלום געמאַכט מיט דער „ציוניסטישער" קהילה־פאַרוואַלטונג.

ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען שוין נישט פאַר־געקומען קיין שום ענדערונגען אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג אין לאַנצוט. דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין אויגוסט 1914 האָט איבערגעריסן איר טעטיקייט ווי אויך פון כמעט אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַר־איינען און אינסטיטוציעס. ס'רוב יידישע בירגער און בפרט די אַקטיווע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן פאַר דער אינוואַזיע פון די רוסישע חיילות פאַרלאָזט לאַנצוט, זוכנדיק אַ מקום מקלט אין ווין אָדער אין אַנדערע עסטרייכיש־אונגאַרישע ערטער. די וואָס זענען געבליבן אין לאַנצוט, זע־נען געשטאַנען פאַר שווערע אויפגאַבן צו שיצן די איבער־געבליבענע יידישע באַפעלקערונג, קעגן די אכזריותדיקייטן מצד די רוסישע אָקופּאַנטן און צו לינדערן די נויט פון די לאַנצוטער יידן, וואָס זענען געבליבן איצט אָן פּרנסה.

* Kalendar fuer Israeliten 1911/13.

20.

אונטער דער רוסישער אָקופּאַציע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה

אין חודש אויגוסט 1914 האָבן די רוסישע חיילות פאַרנומען לאַנצוט, וואו זיי זענען פאַרבליבן צום ערשטן מאָל ביז צו דער העלפט פון חודש אָקטאָבער 1914. בעת דער דאָזיקער קורצער תקופה איז געשאַפן געוואָרן אין דער שטאָט אַ צייטווייליקע שטאָט־פאַרוואַלטונג, צו וועלכער עס האָבן געהערט ס׳רוב אָנהענגער פון דער פוילישער רוסאָפּילישער נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי מיט דעם ענדיקישן אַדוואָקאַט ד״ר שפונאַר בראש.

די באַציאונג פון די רוסישע אָקופּאַנטן צו דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט איז געווען — פונקט ווי אין אַלע אַנדערע פאַרנומענע שטעט אין גאַליציע — אַ פיינטלעכע. יעדע יידישע סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. עס האָט געהערשט אַ שרעקלעכע נויט. די יידן האָבן געלעבט אין שטענדיקן פּחד, ווייל די קאָזאַקן האָבן באַלד אין די ערשטע טעג אָנגעהויבן צו ווילדעווען און ראַבירן אין די יידישע גאַסן. זיי האָבן אונטערגעצונדן די ספּירט־פאַבריק, דאָס הויז פון טענענבוימען אין מאַרק און עטלעכע קליינע הייזער, אָבער די עקסצעסן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט האָבן נישט אָנגענומען, ווי אין אַנדערע גאַליצישע שטעט, געפערלעכע פאָרמען צוליב דער נאָענטקייט פון דער גרעפישער משפחה פּאָטאָצקי, מיט וועלכער די רוסישע הערשנדיקע קרייזן האָבן זיך שטאַרק גערעכנט. ווען די עסטרייכישע אַרמיי האָט אין אָקטאָבער 1914 באַפרייט לאַנצוט — זענען די ענדעקישע מיטגלידער פון דער צייטווייליקער שטאָט־פאַרוואַלטונג פאַרשיקט געוואָרן אין אַן עסטרייכישן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין טאַלערהאָף.

אָבער באַלד נאָך עטלעכע וואָכן, דעם 16־טן נאָוועמבער 1914, האָט דאָס רוסישע מיליטער צום צווייטן מאָל אָקופּירט לאַנצוט. די דאָזיקע צווייטע אינוואַזיע האָט שוין געדויערט ביז צום 12־טן מאַי 1915. די אָנפירונג מיט דער שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט בעת דער צווייטער רוסישער אָקופּאַציע איבערגענומען דער לאַנצוטער פוילישער געזעלשאַפטלעכער טוער סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי, וועלכער איז שוין אויך שפּעטער מיט קליינע הפסקות פאַרבליבן אויף דעם פּאָסטן פון בירגערמייסטער אין לאַנצוט.

אין זיין בוך „מיאַסטאָ לאַנצוט" (די שטאָט לאַנצוט) — וואָס איז דערשינען אין יאָר 1937 און איז שוין דערמאָנט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, דערציילט אונדז צעטנאַרסקי געוויסע פּרטים וועגן דעם מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט אונטער דער רוסישער אָקופּאַציע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין זיינע זכרונות באַמערקט זיך אָבער אַ שטרעבונג נישט אָנצורופן ביים ריכטיקן נאָמען די עוולות און צרות, וואָס לאַנצוטער יידן האָבן געליטן אין דער דאָזיקער תקופה — און ער שילדערט אין גאָר אַ מילדער פאָרם די רדיפות קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, שווינענדיק די רוסישע אָקופּאַנטן און די היימישע גזלנים.

אַזוי גיט אונז איבער סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי, אַז צוליבן מאַנגל אין געלט איז די שטאָט־פאַרוואַלטונג נישט געווען בכוח צו אָרגאַניזירן דעם שוץ איבער די פאַרמעגנס, וואָס האָבן געהערט צו די בירגער, ווייל די רוסישע פּויערים פון דער סביבה האָבן גערויבט אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט און עס איז שווער געווען אָפּצוהיטן די ברייטע שטחים פון דער שטאָט, וואָס זענען מייסטנס פאַרלאָזט געוואָרן דורך אירע איינוווינער.

פאַרשטייט זיך — און דאָס פאַרשווייגט סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי — אַז גערויבט האָבן אוקראַאינישע און פּוילישע פּויערים פון דער סביבה און נישט קיין רוסישע און בעיקר — אַז פאַרלאָזט די שטאָט האָבן כמעט אויסשליסלעך די יידישע איינוווינער און אַז די „רוסישע פּויערים" פון דער סביבה האָבן אויסגערויבט די וואוינונגען פון די יידן, וואָס האָבן פאַרלאָזט לאַנצוט פאַר דער אינוואַזיע.

ווייטער דערציילט אונדז סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי, אַז די רוסישע אָקופּאַנטן האָבן זיך זייער טאָלעראַנט פאַרהאַלטן לגבי דער לאַנצוטער שטאָט־פאַרוואַלטונג און האָבן אַפילו אַ סך געהאָלפן דער באַפעלקערונג — נאָר איין קלייניקייט איז געשען... „די רוסישע מאַכט־אָרגאַנען" — שרייבט צעטנאַרסקי — „האָבן פאַרלאַנגט ריינקייט אין דער שטאָט און האָבן געטריבן די איינוווינער — בפרט די יידן מיט נאַגייקעס צו אַרבעט, נישט רעכנענדיק זיך מיט זייער עלטער אָדער געזעלשאַפטלעכער פּאָזיציע". און ערשט אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון דער לאַנצוטער שטאָט־פאַרוואַלטונג — דערציילט אונדז ווייטער צעטנאַרסקי — זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן די דאָזיקע „אומקולטורעלע האַנדלונגען", ווייל די שטאָט האָט זיך פאַרפליכטעט אַליין צו זאָרגן וועגן דער געהעריקער ריינקייט אין דער שטאָט.

בכלל — שטרייכט אונטער סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי — האָט זיך אין דער שטאָט בעת דער רוסישער אָקופּאַציע געלעבט רואיק און הגם עס האָבן געפעלט אַ סך וויכטיקע זאַכן, ווי, למשל, עלעקטרישער שטראָם און אַפילו נאַפט און ליכט — האָט צווישן די איינוואוינער פון פאַרשידענע שיכטן, באַשעפטיקונגען און אַפילו פון פאַרשידענע רעליגיעס — געהערשט אַזאַ אחדות און ברידערלעכקייט, וועגן וועלכער עס איז אין נאָרמאַלע באַדינגונגען אוממעגלעך געווען צו חלומען...

אמת, לאַנצוט האָט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע ערטער אין גאַליציע ווייניקער געליטן פון דער מלחמה, און די רוסישע אָקופּאַנטן האָבן באַלד אין עטלעכע וואָכן נאָכן פאַרנעמען די שטאָט אָפּגעשטעלט די רדיפות קעגן דער יידישער לאַנצוטער באַפעלקערונג. אָבער די נויט אויף דער יידישער גאַס איז געווען גרויס, ווייל דער האַנדל איז אָפּגעשטאַנען, די בעלי־מלאכות זענען געבליבן אָן אַרבעט און עס האָבן אין די יידישע היימען פשוט געפעלט מיטלען צום לעבן.

אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן דעם מצב פון די יידן

אין די שטעט און שטעטלעך פון דעם טייל גאַליציע, וואָס איז פאַרנומען געוואָרן דורך דער רוסישער אַרמיי בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה — געפינען מיר בײַ ש. אַנ־סקי (שלמה ראַפּאָפּאָרט) אין זײַנע זכרונות, וואָס זענען דערשינען אין דעם בוך: „חורבן גאַליציע" (1914—1915).

אַנ־סקי איז בעת דער רוסישער אינוואַזיע אין גאַליציע געווען דעלעגירט קיין גאַליציע דורך דעם יידישן רעטונגס־קאָמיטעט אין רוסלאַנד און איז געווען אין ראַנג פון אַן אָפיציר — אַ מיטגליד פון דער אָפיציעלער רוסישער הילפס־דעלעגאַציע; ער האָט באַרייזט כמעט אַלע שטעט און שטעטלעך אין דעם אָקופּירטן דורך די רוסן גאַליציע.

„די יידישע באַפעלקערונג אין די באַזיגטע געביטן" — שרייבט אַנ־סקי אין זײַנע זכרונות — „רואינירט און אָפּגעשניטן אי פון אייגענעם לאַנד אי פון רוסלאַנד איז לחלוטין געשטאָרבן פון הונגער".

„אַ גרויסער יידישער קאַנט מיט אַ באַפעלקערונג פון אַ מיליאָן יידן, וועלכע האָבן נאָך נעכטן געהאַט אַלע מענטשלעכע און בירגערלעכע רעכט" — אונטערשטרײַכט אַנ־סקי — „איז אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ פײַערדיקן רינג פון בלוט און אײַזן, אָפּגעשניטן פון דער וועלט און איבערגעגעבן אין דער פולער מאַכט פון צורייצטע, ווי ווילדע חיות, קאָזאַקן און סאָלדאַטן".

„בעת דער אָקופּאַציע, ווען עס האָבן זיך אויסגעשעפּט אַלע זאַפּאַסן פון תבואה און סחורות" — לייענען מיר ווײַטער בײַ אַנ־סקי — „האָט זיך געשאַפן אַ נידערגעשלאָגענע, פּעסימיסטישע שטימונג. די מענטשן זענען געווען אָפּגעריסן פון יעדער קולטור, פון אַ צײַטונג, פון אַ בוך, טעאַטער אָדער קאָנצערט. די אַפּאַטיע האָט שלעכט געווירקט אויף די קינדער, וואָס זענען געבליבן אָן שולן און האָבן זיך געפונען אויף דער גאַס".

ערשט נאָך דער דייטש־עסטרייכישער אָפענסיווע בײַ גאָרליץ אין חודש מאַי 1915 האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער ריקצוג פון דער רוסישער אַרמיי, און אַ גרויסער שטח פון אָקופּירטן גאַליציע איז שוין אין די ערשטע טעג פון חודש מאַי 1915 באַפרייט געוואָרן פון דער רוסישער אינוואַזיע. דעם 12־טן מאַי 1915 איז אַריין קיין לאַנצוט דאָס דייטש־עסטרייכישע מיליטער און באַלד דערנאָך זענען צוריק אַנגעקומען די עסטרייכישע אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען און האָבן איבערגענומען די מאַכט אין דער שטאָט.

לויט אַ פאַראָרדענונג פון דעם עסטרייכישן סטאַראָסטע אַדאַם באַל האָט סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי ווייטער אָנגעפירט מיט די שטאָט־ענינים מיט דער הילף פון אַ נאָמינירטן בײַראַט, און ווי צעטנאַרסקי גיט איבער אין זײַן ציטירט פריער בוך, איז ער במשך די דרײַ ווייטערע מלחמה־יאָרן געשטאַנען פאַר אַ שווערן נסיון צו פירן די שטאָטישע ווירטשאַפט אין אַ תקופה פון דוחק און מלחמה־באַגרענעצונגען מיט שטענדיקע רעקוויזיציעס, ווען אַלע וויכטיקע געברויכס־אַרטיקלען זענען געווען ראַציאָנירט לויט קאַרטן אויף ברויט, צוקער און אַנדערע נויטווענדיקע שפּייז־אַרטיקלען, וואָס זענען מיט יעדן טאָג געוואָרן זעלטענער.




ר' יצחק זאַוואַדאַ עם שלושת בניו, חיילים בצבא האוסטרי במלחמת העולם הראשונה 1917. — ר' יצחק זאַוואַדע מיט זײַנע דרײַ זין אין עסטרייכישן מיליטער בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה 1917.
זיצט פון לינקס (יושב משמאל): ר' יצחק זאַוואַדע; שטייען פון לינקס (עומדים משמאל): שמואל והרב אברהם; זיצט פון רעכטס (יושב מימין): הערש.

צוגלייך מיטן עסטרייכישן מיליטער זענען אויך אָנגעקומען קיין לאַנצוט מערערע יידישע סאָלדאַטן און אָפיצירן, צו וועלכע די יידישע אײַנוואוינער האָבן זיך זייער וואַרעם באַצויגן. צווישן די דאָזיקע יידישע מיליטערלייט זענען געווען עטלעכע ציוניסטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צוזאַמען מיט די יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער אין לאַנצוט באַנײַען דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין דער שטאָט און אויפלעבן די ציוניסטישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן מיטן אויסברוך פון דער מלחמה אָפּגעשטעלט זייער טעטיקייט.

דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן אין לאַנצוט האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי צו נאָרמאַליזירן.

אין אומאָפּהענגיקן פּוילן



ד״ר אברהם כאָמעט (חומט)

21.

אין חודש נאָוועמבער 1918, נאָכן צוזאַמענבראָך פון די דייטש־עסטרייכישע מיליטערישע כוחות, איז אַנטשטאַנען דאָס נייע אומאָפּהענגיקע פּוילן. גאַליציע איז געוואָרן אַן אינטעגראַלער באַשטאַנד־טייל פון דער נייער פּוילישער מדינה.

די יידישע באַפעלקערונג אין גאַליציע, וואָס האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דער אַנטשטייאונג פון דעם נייעם אומאָפּהענגיקן פּוילן, האָט זיך באַלד שווער אַנטוישט אין איר גלויבן אין אַ פריי יושרדיק פּוילן. אַ כוואַליע פון עקסצעסן, פּאָגראָמען און רויבאָנפאַלן האָט זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן לאַנד. געהעצט דורך די ענדעקישע אַנטיסעמיטישע אָנפירער און אויסנוצנדיק דעם תוהו־ובוהו, וועלכער האָט געהערשט אין דער ערשטער תקופה פון פּוילנס באַפרייאונג, האָבן זיך אין דערפער, וואָס האָבן געגרענעצט מיט די שטעט, אָרגאַניזירט כנופיות פון דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן, וואָס זענען צוזאַמען מיט מחנות פויערישע עלעמענטן באַפאַלן די יידישע איינוואוינער אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, און געראַובט זייער האָב און גוטס.

דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט אין קראָקע, אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר יהושע טהאָן ז״ל, האָט תיכף אין די ערשטע טעג נאָכן צוזאַמענבראָך פון דער עסטרייכישער אימפּעריע געשטעלט פאַר זיין אויפגאַבע רופן די יידישע מאַסן אין מערב־גאַליציע (אין מזרח־גאַליציע האָט זיך צעפלאַקערט די פּויליש־אוקראַאינישע מלחמה) צו זעלבסשוץ, כדי אָפּצושלאָגן יעדן אָנפאַל אויף יידיש לעבן און פאַרמעגן.

אין לאַנצוט איז מיטן סוף פון דער מלחמה געקומען אַן ענדערונג אין דער שטימונג און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס צורקקערן זיך פון יידישע סאָלדאַטן און אָפיצירן פון די פראָנטן און צווישן זיי מערערע פריערדיקע אַקטיווע מיטגלידער פון ציוניסטישן „אהבת ציון״ — האָט אַריינגעבראַכט ניי לעבן אויף דער יידישער גאַס. אונטער דער אָנפירונג פון דעם איבערגעגעבענעם ציוניסטישן עסקן שלמה גרינבאום איז געשאַפן געוואָרן אין לאַנצוט אַ יידישער נאַציאָנאַל־ראַט, צו וועלכן עס האָבן געהערט די אַקטיווסטע נאַציאָנאַלע מנהיגים פונעם לאַנצוטער יידנטום, פאַרטרעטער פון אַלע געזעלשאַפטלעכע קרייזן מיט די פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע בראש.

פאַר דריי אויפגאַבן איז געשטאַנען דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט אין לאַנצוט: 1) גרינדן אַ שטאַרקן זעלבסשוץ, וואָס זאָל שטיין אויף דער וואַך פון דער פיזישער און עקאָנאָמישער עקזיסטענץ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער שטאָט; 2) איינפירן ענדערונגען אין דער אַלטער קהילה־פאַרוואַלטונג וועלכע האָט אין די נייע באַדינגונגען נישט געקאָנט גילטן ווי אַן אמתע רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט; 3) אָנהויבן אַ ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט, מיטן ציל צו העלפן דער פאַראָרעמטער יידישער באַפעלקערונג און גלייכצייטיק זאָרגן פאַר דער פאַרזיכערונג פון די ביז איצטיקע עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן און שאַפונג פון נייע.

די העלדישע האַלטונג פון דער יידישער מיליץ אין לאַנצוט, וואָס האָט אונטער דער לייטונג פון מוטיקן יידישן אָפיציר און געזעלשאַפטלעכן טוער, הענריק ראַמער, באַוויזן צו פאַרטיידיקן דאָס לעבן און פאַרמעגן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט — שילדערט אונדז אויספירלעך אין דעם דאָזיקן יזכור־בוך נחמן קעסטענבאום אין זיין אַרטיקל „דער זעלבסשוץ״, וואו ער באַשרייבט די גורלדיקע טעג אין לאַנצוט, ווען דאָרפישע עלעמענטן פון די אַרומיקע דערפער האָבן צוזאַמען מיט דער אָרטיקער אונטערוועלט און פוילישע דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן — געפּרוווט אַרויסצורופן ערנסטע אומרוען און ראַבירן יידישע געשעפטן און וואוינונגען. אַ דאַנק דער אַנטשלאָסענער האַלטונג פון דעם יידישן זעלבסשוץ אונטער דער אָנפירונג פון הענריק ראַמער זענען דערדריקט געוואָרן די דאָזיקע פּרוּוון. עס מוז דערביי אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די פוילישע בירגערלעכע ווירטשאַפטלעכע קרייזן אין לאַנצוט האָבן אַ סך צוגעהאָלפן ביי די באַמיאונגען צו אונטערדריקן די אַנטי־יידישע עקסצעסן און ראַבירונגען.

דער דעמאָלטיקער בירגערמייסטער פון דער שטאָט, סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי, דערמאָנט נישט בכלל אין דעם ציטירטן שוין בוך זיינעם די באַדראָטע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער שטאָט. ער באַמערקט נאָר, אַז: „אין סעפּטעמבער 1918 האָט זיך אָנגעהויבן דער צעפאַל פון דער עסטרייכישער אַרמיי, אַז עס איז אַנטשטאַנען דאָס אומאָפּהענגיקע פּוילן, אַז פון די חורבות און פון דעם תהו ובהו איז אַנטשטאַנען בהדרגה אַ נייע אָרדנונג. אָך אַז פון אָנפאַנג גייט דאָס שווער, ווייל — ווי צערטנאַרסקי שרייבט „די אָרעמע קרייזן פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג דערנענטערן זיך צו דער שטאָט מיט דער כוונה צו ראַבירן, דערביי קומען פין אַלע וועגן די שרידים פון דער שרעקלעכער מלחמה״.

ביי סטאַניסלאַוו צעטנאַרסקי, דעם היסטאָריקער פון דער שטאָט לאַנצוט, הייסן די מחנות רויבערישע עלעמענטן און פּאָגראָמטשיקעס „אָרעמע פּויערים" און די דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן, וואָס זענען געקומען פון די דערפער מיט זעק און קוישן, כדי אָנצופילן זיי מיט צוגערויבטע זאַכן ביי פאַראָרעמע יידן, הייסן נאָר „שרידים פון דער מלחמה"...

די צווייטע אויפגאַבע, פאַר וועלכע עס איז געשטאַנען דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט אין לאַנצוט, איז געווען די נויטווענדיקייט איינצופירן גרונט־ענדערונגען אין דער יידישער קהילה, וואָס איר אָנפירונג, אויסגעוויילט לויט דער אַלטער נישט דעמאָקראַטישער וואַל־אָרדנונג, האָט נישט אַנטשפּראָכן די נייע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָט זיך איצט געפונען די יידישע באַפעלקערונג אין דער שטאָט.

מיר האָבן שוין פריער אויף אַן אַנדער אָרט באַמערקט, אַז די לאַנצוטער קהילה איז געווען אַ יוצא מן הכלל, ווייל שוין אין ערשטן צענדליק יאָר פונעם 20־טן יאָרהונדערט, ווען בראש פון דער לאַנצוטער קהילה איז געשטאַנען ר׳ דוד טאַנענבאום און שפּעטער נאָך דער רוסישער אינוואַזיע אין לאַנצוט, הערש עסטליין מיט דעם סעקרעטאַר, דעם רעליגיאָנסלערער עבנער, האָבן די ציוניסטן געהאַט אין דער קהילה פאַרוואַלטונג אַ נישט קליינע השפּעה און האָבן אָנגעפירט מיט די קהילה־ענינים מיט דער הילף פון דעם רב ר׳ לאזער שפּירא און זיינע אָנהענגער. אין דערזעלבער צייט איז דאָס רוב קהילות אין די גאַליצישע שטעט און שטעטלעך געווען באַהערשט פון עקסטרעם־פאַנאַטישע אָרטאָדאָקסישע קרייזן, וואָס האָבן מיט דער הילף פון איינצעלנע אַסימילאַטאָרישע אינטעליגענטן נישט גערעכנט זיך לגמרי מיט די נאַציאָנאַל־קולטורעלע און סאָציאַלע באַדערפענישן פון די ברייטסטע יידישע מאַסן, באַגרענעצנדיק זייער טעטיקייט בלויז צו ריין רעליגיעזע הצטרכותן. דערצו איז דאָס פאַרנעמען אַ זיץ אין דער קהילה געווען אַ ירושה־זאַך צווישן עטלעכע איינפלוסרייכע בעלי־בתים.

דערפאַר האָט די אַקציע פון לאַנצוטער יידישן נאַציאָנאַל־ראַט צו פאָרמירן אין דער קהילה אַ נייע פאַרוואַלטונג, וואָס זאָל באַשטיין פון פאַרטרעטער פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, געטראָגן אַן אַנדערן כאַראַקטער. עס איז נישט געווען נויטיק אין לאַנצוט צו שטורמען די טויערן פון דער קהילה, וואו עס זענען געזעסן רעפּרעזענטאַנטן פון עלטערן ציוניסטישן דור, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז די ביזאיצטיקע קהילה־פאַרוואַלטונג איז געוויילט געוואָרן אויפן סמך פון אַן אַלטער נישט־דעמאָקראַטישער וואַל־אָרדינאַציע און אַז עס איז נויטיק אויסצובררייטערן די קהילה־רעפּרעזענטאַנץ מיט פאָרשטייער פון די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. צום שבח פון דעמאָלטיקן פאָרשטייער פון דער לאַנצוטער קהילה־פאַרוואַלטונג הערש עסטליין, מוז דערמאָנט ווערן, אַז ער האָט פאַרשטאַנען דעם גייסט פון דער צייט, און ווען די דעלעגאַציע פונעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט האָט אים פאָרגעלייגט די פאָדערונגען וועגן דעמאָקראַטיזירונג און איסברייטערונג פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג, האָט ער אויסגעדריקט זיין גרייטקייט דורכצופירן נייע וואַלן צו די קהילה־אינסטאַנצן און עס איז באַשלאָסן געוואָרן ביז צו די נייע וואַלן איבערצולאָזן אים אין זיין אַמט אַלס פאָרזיצער פון קהילה־פאַרוואַלטונג אין לאַנצוט.

אָבער די אַלטע וואַל־אָרדינאַציע צו דער קהילה־פאַרוואַלטונג האָט געשטעלט די ציוניסטישע עסקנים אין לאַנצוט פאַר אַ שווערע אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אַ ברייטן נאַציאָנאַלן פראָנט פון אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטן אויף דער יידישער גאַס, כדי צו שאַפן אַ פעסטע מערהייט אין דער קהילה, וואָס זאָל זיין בכוח אָנצופירן מיט דער קהילה־ווירטשאַפט לטובת דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין דער שטאָט.

אַזאַ פראָנט איז ערשט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן בעת די וואַלן צו דער קהילה אין לאַנצוט אין יאָר 1924. ווי מיר דערוויסן זיך פון דעם קראָקעווער „נאָווי דזיענניק" פון 13־טן אויגוסט 1924 — זענען דעם 3־טן אויגוסט 1924 פאָרגעקומען אין לאַנצוט וואַלן צו דער קהילה, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולן נצחון פון דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן בלאָק, וואָס האָט אַרומגענומען די ציוניסטן, מזרחי, קליינע סוחרים און האַנטווערקער. די קעגנערישע ליסטע וואָס האָט רעפּרעזענטירט אַלע קעגנער פון דעמאָקראַטישער, נאַציאָנאַל־יידישער קהילה־פאַרוואַלטונג, האָט געליטן אַ פולשטענדיקע מפּלה, ווייל אויף 15 פּלעצער אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג, האָט דער ציוניסטישער בלאָק באַקומען 13 מאַנדאַטן און אַלע 5 פאַרטרעטער זענען געוויילט געוואָרן פון דער נאַציאָנאַלער ליסטע.

אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט האָט דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע טעטיקייט, גרינדנדיק מיט דער הילף פון „דזשוינט" אַ פאַרבראויכס־קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האָט פאַרשאַפט פאַר אירע מיטגלידער שפּייז־אַרטיקלען צו ביליקע פרייזן. עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ סטאָלעריי־וואַרשטאַט אונטער דער פאַכמענישער לייטונג פון מרדכי פאסטער, וועלכער האָט אַ סך אויפגעטון אויף דעם געביט פון צוגרייטן יידישע יוגנטלעכע צו פּראָדוקטיווער אַרבעט.

אַ באַזונדערע באַדייטונג האָט געהאַט פאַרן לאַנצוטער יידנטום אין נייעם פּוילן די הילף פון די אַמעריקאַנישע יידן. די ווירטשאַפטלעכע פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונג האָט אין די ערשטע יאָרן פון פּוילנס עקזיסטענץ דורכגעמאַכט שווערע דערשיטערונגען, אַרויסווייזנדיק דערביי תיכף פון אָנפאַנג עקסטערמינאַציע־טענדענצן לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. אין שווערן גראַנגל מיט דער אינפלאַציע האָט דאָס נייע אומאָפּהענגיקע פּוילן געזוכט אַן אויסוועג דורך איינפירן מלוכהשע מאָנאָפּאָלן אויף אַ גאַנצע ריי געברויכס־אַרטיקלען, וואָס האָבן צוגענומען ביי דער יידישער באַפעלקערונג אירע פּרנסות, אינטערשטיצנדיק דערביי די גרויסע קאַרטעלן און די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אויפן דאָרף. דערצו זענען צוגעקומען באַגרענעצונגען ביים עקספּאָרט, נישט רעאַלע באַשטייערונג פון יידישן האַנדל און מלאכה, דאָס שטאַרקן דורך ביליקע קרעדיטן דעם אויפשטייג פון אַ קריסטלעכן סוחרטום. דאָס אַלץ האָט גורם געווען דעם וווקס פון פּאופּעריזאַציע פון די יידישע מאַסן אין די שטעט און שטעטלעך אין גאַליציע. נעמט מען נאָך אין באַטראַכט די באַגרע־

נעצטע מעגלעכקייטן פון עמיגראַציע און די אַנטיסעמיטישע באָיקאָט־אַגיטאַציע מצד דער מערהייט פון די פּוילישע פּאָליטישע פאַקטאָרן (אַחוץ דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי), איז לייכט זיך פאָרצושטעלן אין וואָס פאַר אַ שווערן מצב עס האָט זיך געפונען די ייִדישע באַפעלקערונג באַלד אין די ערשטע יאָרן פונעם אומאָפּהענגיקן פּוילן.

22.

אַזאַ איז אויך געווען דער מצב פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט. נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס דער לאַנצוטער ייִדישער ישוב איז געשטאַנען אויף אַ הויכער געזעלשאַפטלעכער מדרגה, איז מעגלעך געווען צו אַנטוויקלען און צו שאַפן אין לאַנצוט נייע ווירטשאַפטלעכע זעלבסטהילף־אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אָפּגעשטעלט דעם וואוקס פון אָרעמקייט ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג. די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוער אין לאַנצוט האָבן מיט איבערגעבנקייט דערפילט זייערע אויפגאַבן, שטייענדיק אויף יעדער פּאָזיציע אויף דער וואַך פון דער באַדראָטער ייִדישער באַפעלקערונג. ווען אין יאָר 1923 זענען פאָרגעקומען אין לאַנצוט וואַלן צום שטאָטראַט, האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן מיט די „פּועלי ציון" אַדורכגעפירט אין דער 4־טער קוריע צוויי ייִדישע ראַטמענער: געצל דרוקער און חיים וואָלקענפעלד, ביידע אויסגעפּרוּווטע, ענערגישע געזעלשאַפטלעכע עסקנים, וואָס האָבן נישט געשפּאָרט קיין מי און כוח אין זייערע באַמיאונגען און באַשטרעבונגען צו שיצן די אינטערעסן פונעם לאַנצוטער ייִדנטום.

בעת איינער פון די זיצונגען פון שטאָטראַט אינעם יאָר 1924 איז דער ראַטמאַן חיים וואָלקענפעלד פּלוצלינג געשטאָרבן. חיים וואָלקענפעל ז"ל איז נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען טעטיק אַלס מיטגליד פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג אין לאַנצוט. ער האָט געהערט צו די ערשטע גרינדער און אָנפירער פון דער יונגער ציוניסטישער באַוועגונג אין לאַנצוט נאָך אין דער פאַר־הערצליאַנישער תקופה און האָט ביז צו דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן געטריי געדינט דעם ציוניסטישן אידעאַל. דאָס לאַנצוטער ייִדנטום האָט מיט גרויס צער און ווייטיק באַוויינט דעם שווערן פאַרלוסט.

דער היסטאָריקער פון לאַנצוט, זענאָן שוסט, באַמערקט, אַז די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אָפּגעשטעלט די אַנטוויקלונג פון דער שטאָט און אַז דער ברוטאַלער איבערפאַל פון דער היטלעריסטישער אַרמיי האָט איבערגעריסן די „וועגעטאַציע פון דער פּראָווינציעלער שטאָט * (געמיינט לאַנצוט). זענאָן שוסט, וואָס איז גוט באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון לאַנצוט, האָט אָבער פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז די ייִדן אין לאַנצוט האָבן געפירט אַ ריירעווודיקע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט אויך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען זיי האָבן אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטן האַנדל אין גאָר גרויסן מאַסשטאַב מיט תבואה, אייער, בהמות און אויבסט, און אַז דער עקספּאָרט פון די דאָזיקע אַרטיקלען האָט געבראַכט גרויס נוצן סיי דער אַרומיקער דאָרפס־באַפעלקערונג, סיי דער שטאָט און מדינה, — פאַרשטייט זיך ביז צו דער צייט, ווען אין גאַנץ פּוילן האָט אָנגעהויבן צו ווירקן די אַנטיסעמיטישע באָיקאָט־אַגיטאַציע קעגן ייִדישע פּרנסות מיט דער אָפיציעלער אונטערשטיצונג פון די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען. ביז צו דער דאָזיקער תקופה האָט אין לאַנצוט געלאָזט זיך מערקן אַ ווירטשאַפטלעכער אויפשטייג, פון וועלכן עס האָבן גענאָסן אַלע שיכטן פון דער שטאָטישער איינוואוינערשאַפט. די דעמאָלטיקע דעמאָקראַטישע קרייזן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט האָבן דאָס פאַרשטאַנען, בפרט די דעמאָקראַטיש געשטימטע פּוילישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט אָנערקענט די פאַרדינסטן פון די ייִדן פאַר דער שטאָט, אונטערשטרייכנדיק די נויטווענדיקייט און נוצלעכקייט פון אַ פרידלעך צוזאַמענלעבן צווישן דער קריסטלעכער און ייִדישער באַפעלקערונג.

23.

אַ בולטן אויסדרוק האָבן די דאָזיקע ייִדיש־פּוילישע באַציאונגען אין לאַנצוט געפונען בעת די וואַלן צום לאַנצוטער שטאָטראַט, וואָס זענען פאָרגעקומען אין חודש פעברואַר 1928.

דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער בלאָק, אָנגעפירט דורך די ציוניסטן האָט אַרויסגעשטעלט אָפן און מוטיק ייִדיש־נאַציאָנאַלע לאָזונגען, שטרעבנדיק צו שאַפן אַ פעסטן יסוד פאַר אַ פרידלעך צוזאַמענלעבן צווישן די ייִדישע און קריסטלעכע איינוואוינער. די אָנפירער פון דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער ליסטע מיט געצל דרוקער און הערש עסטליין בראש, זענען מיט זייערע לאָזונגען וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ זעלבסטשטענדיקער ייִדיש־נאַציאָנאַלער פּאָליטיק — אַרויסגעטראָטן אפילו אויף וואַל־פאַרזאַמלונגען פון פּוילישע וויילער, פאַר וועלכע זיי האָבן דרייסט אויפגעוויקלט די ייִדיש־נאַציאָנאַלע וואַל־פּלאַטפאָרם. אויף איינער אַזאַ פאַרזאַמלונג, צונויפגערופן דורך דעם דעמאָקראַטישן קריסטלעכן קאַנדידאַט, דעם דעמאָלטיקן בירגערמייסטער יאַן יאַנושעווסקי, צו וועלכער ער האָט אויך איינגעלאַדן ייִדישע בירגער, איז מיט אַ גלענצענדע רעדע אַרויסגעטראָטן ד"ר דרוקער, אַרויסרופנדיק אַלגעמיינע אָנערקענונג מצד די פּוילישע בירגער.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער אַרויסטרעטונג פון ד"ר דרוקער, האָט דער בירגערמייסטער יאַנושעווסקי צוגעשיקט אים אַ בריוו, וועלכער איז צוליב זיין אינטערעסאַנטן אינהאַלט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון לאַנצוט, וואָס איז דערשינען אין קראָקעווער „נאָווי־דזיענניק" פון 10.2.1928, נומ׳ 41, פון וועלכער מיר ברענגען אין ייִדישער איבערזעצונג אייניקע אינטערעסאַנטע שטעלן: „דיינע ווערטער — שרייבט יאַנושעווסקי צו ד"ר דרוקער — זענען אַן אויסדרוק פון די באַשטרעבונגען פון דעם אינטעליגענטן יונגן ייִדישן דור און עס קומט אייך אַ ייִדישער מאַנדאַט. די רעגירונג, — איך וויפיל מיר איז באַקאַנט, אונטערשטיצט די דאָזיקע שטרעבונג. איך וויל מיר נישט מאַכן קיין אילוזיעס, אַז ייִדן וועלן שטימען פאַר נישט ייִדישע ליסטן און אַזוי, ווי מיר ביידע זענען אין דער זעלבער מיינונג, איז געבליבן אויפצוקלערן נאָר צוויי פונקטן: 1) פאַרוואָס איך האָב איינגעלאַדן

* Lancut i Okolice — Warszawa, 1959.

יידישע בירגער אויף מיין פאַרזאַמלונג. 2) ווענן מיין מיינונג, אַז איך באַטראַכט די יידן ווי פּאָליאַקן, נישט רעכנדיק זיך מיט זייערע שטרעבונגען איינצוהאַלטן זייערע רעליגיעזע קולטור".

„בנוגע די דאָזיקע פראַגן — האָט ווייטער דערקלערט יאַנושעווסקי אין זיין בריוו — איז מיין מיינונג, אַז די רעגירונג־קרייזן דאַרפן זיך באַציען צו די יידן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך פילן אין דער מדינה ווי פּאָליאַקן (געמיינט אינעם מלוכהשן באַגריף), דאָס הייסט, אַז מען דאַרף די יידן געבן די רעכט, וועלכע קומען זיי לויט דער קאָנסטיטוציע. דאָס איז בנוגע דער מדינה — און בנוגע דעם שטאָט־ראָט איז נישט פאַראַן צווישן אונז קיין מיינונגס־פאַרשידנהייטן" — האָט דערקלערט יאַנושעווסקי. אין המשך פונעם בריוו דערמאָנט יאַנושעווסקי דעם קריזיס אין ארץ־ישראל, אויסדריקנדיק זיין איבערצייגונג, אַז די יידן זענען פעאיק צו זיין ערדאַרבעטער און „איך קען אַ סך אַזעלכע יידן — ענדיקט ער זיין בריוו — און איך אינטערשטרייך מיט פרייד, אַז די יידן האָבן אויף דעם געביט דערגרייכט צו אַ גרויסן שטייגער, וואָס האָט דערפירט צו אַן ענדערונג פון זייער כאַראַקטער".

די וואַלן צום שטאָט־ראַט אין לאַנצוט האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ נצחון פון יידיש־נאַציאָנאַלן בלאָק, וועלכער האָט אַדורכגעפירט צוויי מאַנדאַטן און עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן געצל דרוקער און הערש עסטליין.

באַלד נאָכדעם זענען אין גאַנצן לאַנד פאָרגעקומען וואַלן צום פוילישן סיים.

די ציוניסטישע אויפקלערונגס־אַקציע אין לאַנצוט, וואָס האָט — ווי מיר האָבן שוין דאָס אָנגעוויזן ביי די שטאָט־ראַט־וואַלן — אַלס איר עיקר־לאָזונג אַרויסגעשטעלט די נויטווענדיקייט צו פירן אַן אומאָפּהענגיק יידיש־נאַציאָנאַלע פּאָליטיק — האָט אויך ביי די איצטיקע סיים־וואַלן געבראַכט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.

די שטעט ריישע—לאַנצוט—יאַראָסלאַוו—פּשעווארסק און ניסקא האָבן געבילדעט דעם וואַל־קרייז נומ. 47, אין וועלכן בראש פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער ליסטע נומ. 17 איז געשטאַנען דער באַקאַנטער, אָנגעזעענער ציוניסטישער עסקן אין קראָקע ד"ר בולווא. מיט מסירות נפש און התלהבות האָבן די לאַנצוטער ציוניסטישע אָנפירער געוואָרפן זיך אין וואַלקאַמף, רופנדיק די לאַנצוטער יידן צו אייניקייט און געשלאָסנקייט, כדי צו העלפן צום נצחון פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער ליסטע. דער קאַמף איז דאָסמאָל געווען אַ שווערער און העפטיקער, ווייל יידישע שטימען האָבן אויך ווערבירט די אָנפירער פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי, פון דער סאַנאַציע מיט איר קאַנדידאַט, דעם ריישער בירגערמייסטער ד"ר קראַגולסקי בראש, פאַר וועלכן עס האָבן אויף דער יידישער גאַס אַגיטירט געוויסע עקסטרעמע אַסימילאַטאָריש־אָרטאָדאָקסישע קרייזן.

די וואַל־קאַמפּאַניע צום סיים איז אין לאַנצוט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גראַנדיעזע אויפקלערונגס־אַקציע פאַרן יידיש־נאַציאָנאַלן און ציוניסטישן געדאַנק. עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין בית־המדרש, אין קלויז און אונטערן פרייען הימל, אויף וועלכע עס זענען אַרויסגעטרעטן די פּאָפּולערע פאָלקסרעדנער: דער קאַנדידאַט ד"ר בולווא, דער רב משולם קליגער פון קראקע און די אָרטיקע רעדנער, וועלכע האָבן, באַקעמפנדיק די לעצטע מאהיקאַנער פון דער באַנקראָטירטער אַסימילאַציע און די שעדלעכע פּאָליטיק פון אַ קליינער גרופּע אָרטאָדאָקסישע שתדלנים, פּראָקלאַמירט דעם ציוניסטישן אמת.

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז דערשינען אין קראָקעווער „נאָווי דזיעננִיק" פון 29.2.1928 (נומ. 59) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער אויסגאַנג פון די סיים־וואַלן אין ריישער וואַל־קרייז. די יידישע־נאַציאָנאַלע ליסטע האָט אין גאַנצן ריישער קרייז באַקומען 12.765 שטימען און צו אַ מנאַדאַט האָט געפעלט קוים 1267 שטימען. אינטערעסאַנט זענען די ציפערן בנוגע די רעזולטאַטן פון די וואַלן צום סיים אין לאַנצוטער באַצירק, וועלכער האָט אַרומגענומען 89000 איינוואוינער, דערין 6408 יידן דאָס איז 7.2%. וואַלבאַרעכטיקטע זענען געווען אין באַצירק לאַנצוט 41.218 בירגער, דערפון 2.968 יידן. אויף דער יידיש־נאַציאָנאַלער ליסטע זענען אינעם דאָזיקן לאַנצוטער באַצירק געפאַלן 2689 שטימען, דאָס איז 90.6%, דערביי זענען אין אַנדערע באַצירקן פון ריישער וואַלקרייז אויף דער יידיש־נאַציאָנאַלער ליסטע געפאַלן נאָר 73.33% שטימען (פון דער צאָל באַרעכטיקטע צום שטימען יידישע וויילער).

די לאַנצוטער יידן האָבן בעת די דאָזיקע וואַלן אַרויסגעוויזן אַ גאָר הויכע מדרגה פון פּאָליטישער רייפקייט, נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, איבערגעבנקייט און טריישאַפט צום ציוניסטישן אידעאַל.

24.

אין דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער פוילישער מלוכה זענען דערווייל פאָרגעקומען גורלדיקע געשעענישן. אין גאַנץ פוילן האָט זיך צעפלאַקערט אַ ביטערער קאַמף צווישן דעם האַלב־פאַשיסטישן רעגירונגס־בלאָק, דעם אַזוי גערופענעם „בלאָק פון מיטאַרבעטער מיט דער רעגירונג (בלאָק וואספּולפּראַצי ז'רזשאָנדעם)", וואָס האָט געפּרעדיקט די נויטווענדיקייט צו פאַרפעסטיקן די מאַכט פון דער רעגירונג דורך איינפירן קאָנסטיטוציאָנעלע ענדערונגען, ביי דער איינהאַלטונג פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער פאָרם — און דעם לאַגער, וואָס האָט געקעמפט פאַר איינהאַלטן די דעמאָקראַטיש־פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונגס־יסודות און צו וועלכן עס האָבן געהערט כמעט אַלע פאָלקס־ריכטונגען אין דער פוילישער רעפּובליק.

עס איז פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן דער דריטער פוילישער סיים און איז חודש נאָוועמבער 1930 זענען באַשטימט געוואָרן



שטעמפּל פון שטאָט־ראָט — חותמת העיריה.

נייע וואַלן צום סיים און סענאַט. און אַזוי ווי די נייע פּאַרלאַמענטאַרישע קערפּערשאַפטן האָבן געדאַרפט ענדערן די קאָנסטיטוציע און באַשטימען אַ נייע וואַל־אָרדינאַציע — צוויי ענינים פון אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקער באַדייטונג פאַרן פּוילישן יידנטום — האָט די רעגירונג אומברחמנותדיק און מיט דער גאַנצער שאַרפקייט באַקעמפט אַלע קעגנערישע כוחות אינעם לאַנד, כדי צו פאַרזיכערן דעם נצחון פון די רעגירונגס־קאַנדידאַטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון טעראָר און רדיפות און אַרעסטן פון פּוילישע אָפּאָזיציאָנעלע פירער מיטן באַרימטן פּראָצעס אין ברעסט־ליטאָווסק (בריסק) אין אָקטאָבער 1930, אַלס הויפּטגעשעעניש.

אויף דער יידישער גאַס האָבן די יידיש־נאַציאָנאַלע גרופּירונגען מיט די ציוניסטן בראש געשטרעבט צו אַ קאָנסאָלידאַציע פון די יידישע כוחות און צו דער שאַפונג פון אַן איינהייטלעכן אַלגעמיין־יידישן בלאָק. די דאָזיקע שטרעבונגען זענען נאָר טיילווייז רעאַליזירט געוואָרן און עס איז צושטאַנד געקומען אַ געמיינזאַמער וואַל־בלאָק פון די ציוניסטישע לאַנדעס־פאַרבאַנדן פון מערב־און מזרח־גאַליציע.

די ציוניסטישע קאַנדידאַטן־רשימה אין ריישער קרייז, צו וועלכן עס האָט געהערט דער לאַנצוטער באַצירק, איז פון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט געפּסלט געוואָרן. דער פּועל יוצא דערפון איז געווען, אַז די יידישע וויילער אין דעם דאָזיקן וואַל־קרייז זענען געווען דעזאָריענטירט און האָבן נישט געשטימט סאָלידאַריש. אין לאַנצוט גופא האָבן די רעגירונגס־קרייזן באַנוצט זיך מיט כלערליי מיטלען, כדי אָנצוּוואַרפן אַ פּחד אויף די יידישע בירגער, דערביי האָבן די דאָזיקע רעגירונגס־אָרגאַנען גענאָסן פון דער הילף פון אַ טייל פון אַרטאָדאָקסישע קרייזן, וואָס האָבן גערופן די יידן צו שטימען פאַר דער רעגירונגס־ליסטע.


ערשט ביי די וואַלן צום סענאַט האָבן זיך אין לאַנצוט צונויפגענומען די ציוניסטישע און יידיש־נאַציאָנאַלע כוחות און אַדורכגעפירט אַ מוטיקן און שווערן קאַמף פאַר דער ציוניסטישער ליסטע צום סענאַט מיט דעם קאַנדידאַט ד״ר שרייבער בראש. די לאַנצוטער מאַכט־אָרגאַנען האָבן אָנגעווענדעט טעראָר און רעפּרעסיעס קעגן די ציוניסטישע אַגיטאַטאָרן, וואָס האָבן גערופן די יידישע וויילער צו שטאַנדהאַפטיקייט און סאָלידאַרישער דעמאָנסטראַציע פאַרן ציוניסטישן אידעאַל און פאַר די יידיש־נאַציאָנאַלע לאָזונגען. צו הילף דעם לאַנצוטער סטאַראָסטע, וואָס האָט מיט זיין גאַנצער אויטאָריטעט געשטעלט זיך אויף דער זייט פון דער רעגירונגס־ליסטע — זענען געקומען צוריקגעשטאַנענע עלעמענטן פון די עקסטרעם־אָרטאָדאָקסישע קרייזן, וועלכע האָבן אָפּגעטראָטן דער פּוילישער סאַנאַציע דעם בית־המדרש פאַר אַגיטאַציע־צוועקן לטובת דער פּוילישער ליסטע, וואָס האָט שוין איצט נישט אויסבאַהאַלטן זיך מיט אירע אַנטי־יידישע ווירטשאַפטלעכע לאָזונגען.

לויט אַ בריוו פון 11.1.1931 וואָס האָט געשריבן לייזער פּאַס, איינער פון די אַקטיווע אָנפירער מיט דער דעמאָלטיקער וואַל־אַקציע אין לאַנצוט, האָבן דער דעמאָלטיקער לאַנצוטער סטאַראָסטע און דער בירגערמייסטער איינגעאָרדנט עטלעכע טעג פאַר די וואַלן צום סענאַט אַ וואַל־פאַרזאַמלונג אין לאַנצוטער בית־המדרש. די ציוניסטישע יוגנט האָט אָבער פריער באַזעצט אַלע פּלעצער אין בית־המדרש און ווען עס זענען אָנגעקומען די צוויי פאָרשטייער פון דער אָרטיקער מאַכט, כדי צו האַלטן זייערע אַגיטאַציע־רעדעס, איז אַנטשטאַנען אַ שרעקלעכער טומל און געשריי, אַזוי, אַז דער סטאַראָסטע האָט נישט געקענט קומען צום וואָרט. עס האָבן נישט געהאָלפן די דראָאונגען פון סטאַראָסטע, אַז ער וועט אַרעסטירן די ציוניסטישע יוגנט... די פאַרזאַמלונג איז געשטערט געוואָרן. אין טאָג פון די וואַלן האָט די פּאָליציי מיט שיקאַנען און אַפילו אַרעסטן פאַרפאָלגט די ציוניסטישע יונגע אַגיטאַטאָרן, וועלכע האָבן מיט מסירות נפש געטון זייער אַרבעט, דערביי האָבן זיי עטלעכע מאָל אין טאָג געמוזט איבערטראָגן דאָס וואַל־ביוראָ פון איין אָרט אויפן אַנדערע, כדי אויסצומיידן די אויפזיכט מצד דער פּאָליציי. ווי ס׳שרייבט לייזער פּאָס — זענען אין דער דעמאָלטיקער וואַל־אַקציע פאַר דער ציוניסטישער ליסטע צום סענאַט — צווישן אַנדערע טעטיק געווען און זיך אויסגעצייכנט מיט זייער התלהבות און איבערגעבנקייט די יונגע ציוניסטישע אַקטיוויסטן : יוסף צעלנער, מנחם בוימעל, גרייזמאַן שמואל, ד״ר קנעפּל, לייזער פּאָס.

די ציוניסטישע ליסטע צום סענאַט האָט דעמאָלט אָנגעצויגן אַ גרויסע צאָל שטימען, אָבער צוליב דער ספּעציעלער וואַל־געאָגראַפיע איז דער ריישער וואַלקרייז געוואָרן צוגעשניטן מיט דער בפירושער כוונה אַוועקצונעמען דער יידישער באַפעלקערונג די שאַנסן אויסצוקעמפן אַן אייגענע יידישע פאַרטרעטערשאַפט. די דאָזיקע וואַלן האָבן אָבער געשטאַרקט די ציוניסטישע רייען אין לאַנצוט און האָבן אויך אַרויסגעוויזן די נויטווענדיקייט צו פאַרשטאַרקן אויף דער יידישער גאַס די אויפקלערונגס־אַרבעט פאַר דעם נצחון פון פּרינציפּ פון אַ זעלבסטשטענדיקער נאַציאָנאַל־יידישער פּאָליטיק, ווייל בעת די דאָזיקע וואַלן האָבן זיך געוויזן בולטע סימנים, אַז די פּוילישע מאַכט־פאַקטאָרן האָבן אויפן אַלטן פּריצישן שטייגער באַמיט זיך צו געווינען יידישע שטימען מיט בקשות און דראָאונגען.

25.

דערווייל האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרערגערט די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון פּוילישן יידנטום. דער עקאָנאָמישער קריזיס אין לאַנד, די אַלגעמיינע נויט און קאַטאַסטראָפאַלע



הויז פון דער סטאַראָסטווע — בניין מושל המחוז

לאַגע פון גאַנצן האַנדל און אינדוסטריע — האָט קודם כל געטראָפן דעם יידישן סוחר און אַרבעטער, דעם יידישן האַנט־ווערקער און יידישן אינטעליגענט. די סיטואַציע פונעם פוילישן יידנטום איז געוואָרן ממש אַ מרה־שחורהדיקע. דער עטאַטיזם, די שטייער־שרויף, די עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, דאָס נישט צולאָזן יידן צו מלוכהשע אַמטן — דאָס אַלץ האָט גורם געווען דערצו, אַז דער אַלגעמיינער ווירטשאַפטלעכער קריזיס אין לאַנד האָט אַמשווערסטן געטראָפן די יידישע פּרנסות.

אין אַזאַ מצב האָט זיך אויך געפונען דאָס יידנטום אין לאַנצוט. די דאָזיקע שטאָט, וואו דאָס פּויליש־יידישע צוזאַמענלעבן איז אַ סך יאָרן געווען באַזירט אויף אַ האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבעט פון די קריסטלעכע און יידישע איינוואוינער לטובת דער שטאָט און איר באַפעלקערונג, איז פון יאָר צו יאָר וואָס אַמאָל מער פאַרפּלייצט געוואָרן מיט ענדעקישע יידן־פרעסערישע לאָזונגען, וואָס האָבן געהעצט צו באָיקאָט־אַקציעס קעגן יידישע אונטערנעמונגען.

די דאָזיקע שווערע לאַגע איז נאָך פאַרשאַרפט געוואָרן צוליב דער שרעקלעכער שטייער־לאַסט, וואָס האָט געדריקט דעם יידישן סוחר און בעל־מלאכה, דערביי האָבן די מלוכהשע שטייער־אָרגאַנען פון זייער זייט געטון אַלץ, כדי נישט צו דערלאָזן וועלכע ס'איז מעגלעכקייט צו נעמען אין שוץ דעם יידישן שטייער־צאָלער. דער שטייער־אַמט אין לאַנצוט האָט גוט פאַרשטאַנען די אַנטיסעמיטישע טענדענצן פון דער מלוכהשער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי די יידן, און כדי צו דערשטיקן יעדע מעגלעכקייט פון פּראָטעסט קעגן די בפירושע עוולות ביי דער באַשטייערונג פון יידישע סוחרים און האַנט־ווערקער, האָט ער נישט צוגעלאָזט צו דער שטייער־קאָמיסיע, וואָס איז טעטיק געווען ביים לאַנצוטער שטייער־אַמט, קיין איינציקן פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג. וועגן דער דאָזיקער ווילקירלעכער האַנדלונג קעגן דעם יידישן שטייער־צאָלער האָט בשעתו געמאָלדן דער קראָקעווער „נאָווי דזיענניק" אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון לאַנצוט, וואָס איז דערשינען דעם 1.4.1932 און אין וועלכער מיר לייענען, אַז: „די היגע* יידישע סוחרים זענען אויפגערעגט צוליבן גענצלעכן דערווייטערן די יידן פון דער שאַצונגס־קאָמיסיע ביים שטייער־אַמט. „ביז איצט זענען תמיד געזעסן — אין דער דאָזיקער קאָמיסיע" — לייענען מיר ווייטער אין דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ — „צוויי רעפּרעזענטאַנטן פון יידישן סוחרטום און איצט זענען זיי דערווייטערט געוואָרן, אַזוי, אַז קיין איין יידישער סוחר איז דאָרט נישט אָנוועזנד, הגם 85% פון היגן האַנדל ליגן אין יידישע הענט".

און ווען דער מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט האָט זיך נאָך מער פאַרערגערט און נויט און הונגער האָבן אַרומגעכאַפּט ברייטערע שיכטן פונעם לאַנצוטער יידנטום, האָט זיך אין לאַנצוט, — ווי מיר דערוויסן זיך פון אַ קאָרעספּאָנדענץ אין קראָקעווער „נאָווי דזיענניק" פונעם 25.1.1933: — „קאָנסטיטואירט אַ יידישער בירגערלעכער קאָמיטעט מיטן צוועק צו ברענגען הילף געפאַלענע סוחרים און קרבנות פונעם קריזיס דורך פאַרטיילן ברויט".

„עס איז כאַראַקטעריסטיש" — לייענען מיר ווייטער אין דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ — „אַז פון 350 יידישע משפחות אין לאַנצוט האָבן בערך 150 משפחות גענאָסן פון דער דאָזיקער וואָהילטאַט". — „אָבער דער שטייעראַמט — אונטערשטרייכט צום סוף דער קאָרעספּאָנדענט פון לאַנצוט — „נעמט נישט אין באַטראַכט די טרויעריקע פאַרהעלטענישן און שיקט טאָג־טעגלעך זיינע ענערגישע עקזעקוטאָרן, וועלכע פּלעגן קאָנפיסקירן שבת־לייכטער און ענלעכע זאַכן".

ביי אַזאַ שווערער לאַגע פונעם לאַנצוטער יידנטום — האָט די קהילה־פאַרוואַלטונג געמוזט איצט אויסברייטערן איר סאָציאַלע טעטיקייט. צום גליק פון לאַנצוטער יידנטום האָט נאָך פריער אין יאָר 1929 איבערגענומען די אָנפירונג מיט די קהילה־ענינים אין לאַנצוט דער פעאיקער און איבערגעגעבענער ציוניסטישער עסקן, אינזש. שפּאָץ, וועלכער האָט נישט געשפּאָרט קיין מי און אַרבעט, כדי צו לינדערן די נויט אויף דער יידישער גאַס אין לאַנצוט.

26.

אָבער נישט בלויז אין דער קהילה זענען די יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, בפרט די ציוניסטישע רעפּרעזענטאַנטן, געשטאַנען פאַר שווערע אויפגאַבן. עס איז נישט געווען לייכט טאָג טעגלעך צו שטיין אויף דער וואַך פון די באַדראָטע יידישע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס, וואָס האָבן געליטן נישט בלויז פון דעם אַלגעמיינעם ווירטשאַפטלעכן קריזיס אין פּוילן, נאָר אין אַ גרויסער מאָס פון עטאַטיזם, פון דער שטייער־שרויף, פון דער פּוילישער אָפיציעלער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק.

ווען צום סוף יאָר 1933 זענען פאַראָרדנט געוואָרן וואַלן צום לאַנצוטער שטאָטראַט, זענען די יידיש־נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטלעכע קרייזן מיט די ציוניסטן פון אַלע שאַטירונגען בראש — אַרויס מיט דער לאָזונג צו שאַפן אַ שטאַרקן, איינהייטלעכן פראָנט פון אַלע שעפערישע כוחות אויף דער יידישער גאַס, כדי צו זיכערן דער יידישער באַפעלקערונג אַ געהעריקע רעפּרעזענטאַנץ פון מענטשן, וואָס יועלן פאַרשטיין און באַזיצן דעם נויטיקן מוט צו פאַרטיידיקן די יידישע אינטערעסן אין דער שטאָט, — ביי דער פולער פאַרשטענדעניש אויפצוהאַלטן די בשותפותדיקע פּויליש־יידישע צוזאַמענאַרבעט פאַר דעם וואויל פון דער שטאָט.

דאָס איז געווען די צייט, ווען אין פּוילן איז ביי דער מאַכט געווען די סאַנאַציע, דער אַזוי גערופענער „בלאָק פון צוזאַמענאַרבעט מיט דער רעגירונג" און אויף דער יידישער גאַס איז אַנטשטאַנען אַן אָפּצווייגונג פון דעם דאָזיקן רעגירונגס־בלאָק. צו וועלכער עס האָבן געהערט רעשטלעך פון דער באַנקראָטירטער אַסימילאַציע בשותפות מיט ווינציקע טיילן פון אָרטאָדאָקסישע קרייזן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען מוז אונטערשטיצן יעדע רעגירונג, אַפילו, ווען זי איז אַנטיסעמיטיש איינגעשטעלט און אַפילו, ווען די פאַראָרדענונגען פון דער מלוכהשער אַדמיניסטראַציע טרעפן די לעבנס־אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

* דאָס הייסט — די לאַנצוטער.

אין יאָר 1933 איז שוין באַקאַנט געווען דער „אָוושעם"־שטאַנדפּונקט פון די אָפיציעלע פּוילישע רעגירונגס־קרייזן לגבי דער ייִדישער באַפעלקערונג, וועלכן עס האָט קאָנקרעטיזירט דער דעמאָלטיקער פּוילישער פּרעמיער גענעראַל סקלאַד־קאָווסקי, דערקלערנדיק פון דער פּוילישער סיים־טריבונע: „עקאָנאָמישער קאַמף (קעגן ייִדן) — אָוושעם" — (אדרבא)!

אויך אין לאַנצוט האָט די סאַנאַציע פאַר יעדן פּרייז געשטרעבט צו דעראָבערן די שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונג און צו דעם צוועק האָט די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט אַזוי צוגעשניטן אין דער 4־טער קוריע (וואו עס האָבן געשטימט כמעט אַלע פּוליצ־יקע בירגער) דריי וואַלקרייזן, אַזוי אַז נאָר אַ ייִדיש־סאָלידאַרישער פראָנט האָט געקאָנט דערמעגלעכן די אויסוואַל פון אַ געהעריקער פאַרטרעטערשאַפט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין לאַנצוטער שטאָטראַט. עס איז טאַקע געשאַפן געוואָרן אין לאַנצוט אַ בירגערלעכער ייִדישער וואַל־קאָמיטעט, וואָס האָט אַרומגענומען, — ווי עס מעלדעט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון לאַנצוט אין קראָקעווער „נאָווי דזיענניק" פון 17.11.1933 — אַלע ציוניסטישע און נישט ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס מיטן עסקן אינזש. שפּאַץ (אַלגעמיינער ציוניסט) אַלס פאָרזיצער, — א. כץ (מזרחי) אַלס וויצע־פאָרזיצער, — פּ. עבנער (אומפּאַרטייאישער) אַלס סעקרעטאַר און לייב קראַנצלער (אומפּאַרטייאישער)' אַלס קאַסירער און מיט נאָך 8 רעפּרעזענטאַנטן פון פאַרשידענע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן אין דער שטאָט.

דעם 10.12.1933 זענען פאָרגעקומען די וואַלן אין דער 4־טער קוריע צום לאַנצוטער שטאָטראַט און לויט דעם וואַלבאַריכט, וואָס איז דערשינען אין „נאָווי־דזיענניק" דעם 16.12.1933 זענען געוויילט געוואָרן אין דער גאַנצער קוריע 16 ראַטמענער, דערפון האָט די סאַנאַציע באַקומען 10 מאַנדאַטן, אומפּאַרטייאישע פּוילישע ליסטע 1 מאַנדאַט, פּ.פּ.ס. (פּוילישע סאָציאַליסטן) 1 מאַנדאַט, דער אַלגעמיין ייִדישער בלאָק 3 מאַנדאַטן און די אָרטאָדאָקסישע ליסטע (אגודה) — 1 מאַנדאַט.

נעמענדיק אין באַטראַכט די גרויסע השפּעה און דעם שטאַרקן דרוק פון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט, וואָס האָט אָפן געשטיצט די סענאַטאָרישע ליסטע, — האָט דער אַלגעמיין ייִדישער בלאָק, אָנגעפירט דורך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, געהאַט צו פאַרצייכנען אַ באַדייטנדיקן נצחון, דערבײַ זענען אין שטאָטראַט נאָך אַרײַן 4 ייִדן פון דער ערשטער, צווייטער און דריטער קוריע, וואו עס איז צוליב דער קליינער צאָל ווײַלער (אינטעליגענץ, הויז־באַזיצער און הויך־באַשטייערטע) צושטאַנדגעקומען אַ פאַרשטענדיקונג מיט די קריסטלעכע ווײַלער און עס זענען דערפאַר אין די דאָזיקע קוריעס נישט פאָרגעקומען קיין וואַלן. עס זענען אַזוי אַרום חוץ די 4 ייִדן פון דער פערטער קוריע נאָך אַרײַן אין שטאָטראַט 4 ייִדן פון די ערשטע דרײַ קוריעס — נעמלעך: אינזש. שפּאַץ, ד"ר מאַרקעל (בײדע ציוניסטן); יחיאל נוסבאום (מזרחי) און שמחה סאַפּיר (אומפּאַרטייאישע). אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג (מאַגיסטראַט) האָבן די ייִדן באַקומען איין לאַווניק (אַסעסאָר).

27.

פאַר שווערע אויפגאַבן זענען איצט געשטאַנען די ייִדישע ראַטמענער אינעם לאַנצוטער שטאָטראַט. דאָס איז געווען שוין אַ תקופה, ווען עס איז אין פּוילן פון טאָג צו טאָג געוואָקסן די השפּעה פון דער היטלעריסטישער מגפה און דער אַנטיסעמיטיזם האָט אָנגענומען אוממענטשלעכע, בעסטיאַלישע פאָרמען. אין אַזאַ שטאָט ווי לאַנצוט, וואו אַפילו די ענדעציע האָט זיך תמיד באַצויגן מיט אָנערקענונג און דרך ארץ צו דער ייִדישער באַפעלקערונג פון דער שטאָט, האָבן איצט באַקומען די אויבערהאַנט אַגרעסיווע ענדעקישע כוחות און דערמוטיקט פון דער אָפיציעלער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי די ייִדן אויפן עקאָנאָמישן געביט, האָבן די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע עלעמענטן אָנגעהויבן צו פּיקעטירן ייִדישע געשעפטן, אָפּשרעקנדיק פּוילישע קונים פון צו קויפן בײַ ייִדן.

די דאָזיקע באָיקאָט־אַקציע, פאַרבונדן מיט אַ ברייט פאַרצווייגטער אַנטי־ייִדישער העץ־אַגיטאַציע אין שטאָט און אין די אַרומיקע דערפער, האָט שווער געטראָפן קודם כל דעם קליינעם און מיטלערן ייִדישן סוחר, בײַ וועלכע עס זענען דערווײַל נאָך געבליבן נאָר די קריסטלעכע קונים, וואָס האָבן געקויפט אויף קרעדיט. די באַמיאונגען מצד די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע קרייזן צו טרעפן אויך דעם ייִדישן עקספּאָרט־האַנדל אין לאַנצוט, האָבן זיך דערווײַל נישט אײַנגעגעבן. די ייִדישע אייער־עקספּאָרטערן אין לאַנצוט זענען נאָך פעסט געשטאַנען אויף זייערע פּאָזיציעס און קעגן זיי איז די באָיקאָט־אַקציע געווען נאָך אַלץ אָן דערפאָלג, הגם עס זענען געמאַכט געוואָרן אָפיציעלע און אומאָפיציעלע באַמיאונגען צו באַשווערן די ייִדן דאָס אויפקויפן אייער בײַ די פּויערים אויפן דאָרף. דער אייער־עקספּאָרט אין לאַנצוט איז דערווײַל נאָך געבליבן אינגאַנצן אין ייִדישע הענט און אַזעלכע ייִדישע עקספּאָרטערן, ווי שלמה גרינבאום, ווייסמאַן, אברהם כץ און אַנדערע האָבן פאַרנומען אין אַלגעמיינעם פּוילישן עקספּאָרט אַ באַדייטנדיקן פּלאַץ, ליפערנדיק וואָך־וועכנטלעך אַ גרעסערע צאָל וואַגאָנען מיט אייער קיין ענגלאַנד, דײַטשלאַנד, קיין שפּאַניע און אַנדערע לענדער. בײַ דער דאָזיקער בראַנזשע זענען געווען באַשעפטיקט אין לאַנצוט מערערע ייִדישע משפּחות, דערבײַ האָבן בײַ דעם דאָזיקן עקספּאָרט געפונען אַרבעט מער ווי 30 ייִדישע פּאַקערס און קעסטל־קלאַפּערס, וועלכע האָבן אַפילו געגרינדעט אין לאַנצוט אַ באַזונדערע פּראָפעסיאָנעלע סעקציע בײַ דעם פּוילישן־פּראָפעסיאָנעלן פאַרבאַנד אין דער שטאָט.

געהאַלטן האָבן זיך נאָך אויך די אויבסט־עקספּאָרטערן און די ליפעראַנטן פון בהמות און דערמיט האָבן אויך בײַ די דאָזיקע בראַנזשן געפונען באַשעפטיקונג אַ גרעסערע צאָל ייִדישע משפּחות.

אָבער דאָס רוב ייִדישע פּרנסות, ייִדישע הענדלער, בעלי־מלאכות, קרעמער און ייִדן, וואָס פלעגן פאַרקויפן זייערע סחורות אויף צענדליקער ירידים אין לאַנצוט און אין דער סביבה — האָט זיך שוין געמוזט ראַנגלען מיט ערנסטע שוועריקייטן, פון איין זײַט צוליב דעם פאַרשטאַרקטן אַנטיסעמיטיזם, און פון דער צווייטער זײַט צוליב דער פּוילישער

אַדמיניסטראַציע מיט די שטייער־אַמטן וואָס האָבן מיט פאַרשידענע פאַראָרדענונגען און איבערגעטריבענע שטייער־באַלאַסטונגען ממש געשטויסן די יידישע באַפעלקערונג אין אַ האָפענונגסלאָזע לאַגע.

דער בולטסטער אויסדרוק פון דעם דאָזיקן טרויעריקן מצב, אין וועלכן עס האָט זיך שוין אין יאָר 1937 געפונען די יידישע באַפעלקערונג אין לאַנצוט, איז געווען די ברוטאַלע האַנדלונג פון פוילישן האַנטווערקער־צעך אין לאַנצוט, וועלכער האָט זיך דערלויבט אויף אַן אומגעזעצלעכן אופן אויסצושליסן די יידישע בעלי־מלאכות אין לאַנצוט פון דער צעך־אָרגאַניזאַציע און זיך אָפּגעזאָגט צו רעגיסטרירן יידישע לערנייינגלעך, וואָס האָבן געאַרבעט ביי יידישע מייסטערס, כדי אויף אַזאַ אופן נישט צו דערלאָזן, אַז יידישע פראַקטיקאַנטן זאָלן מיט דער צייט באַקומען די נויטיקע געזעלן־און מייסטער־צייגענישן.

די יידישע האַנטווערקער אין לאַנצוט האָבן באַלד געגרינדעט אַן אייגענעם יידישן צעך, וואָס האָט אַרומגענומען די יידישע זייגערמאַכערס, סטאָלאַרעס, שניידערס, שוסטערס, בלעכערס, בעקערס און איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַזעלכע ענערגישע און איבערגעגעבענע געזעלשאַפטלעכע טוער פון צווישן די יידישע האַנטווערקער־קרייזן אין לאַנצוט — ווי עמנואל סאַנדאַור, דוד יוסט, משה פלאשען, לייב אנמוט, שמואל קעשטעכער (דער עלטערער). און ווען דער סטאַטוט פונעם דאָזיקן יידישן צעך איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט, האָט דער צעך זיינע זיצונגען אָפּגעהאַלטן אין לאָקאַל פון דער יידישער קהילה אין לאַנצוט.

28.

זינט עס איז אויפן סמך פונעם נייעם געזעץ וועגן רעליגיעזע קהילות אין פוילן פון 18־טן יאַנואַר 1928 פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער נייער וואַל־רעגולאַמין צו די יידישע קהילה־פאַרוואַלטונגען, לויט וועלכן עס זענען איינגעפירט געוואָרן גלייכע, געהיימע, דירעקטע און פראָפּאָרציאָנעלע וואַלן צו די קהילה־אָרגאַנען און עס האָבן דאָס אַקטיווע וואַלרעכט באַקומען אַלע יידן אין עלטער פון 25 יאָר אָן, אָן אונטערשייד צי ער האָט געצאָלט קהילה־שטייער־צי־נישט — זענען באַדייטנדיק אויסגעברייטערט געוואָרן די ווירקונגס־מעגלעכקייטן פון דער קהילה און עס איז געמאַכט געוואָרן אַ גרויסער שריט פאָראויס אין די באַמיאונגען צו דעמאָקראַטיזירן די קהילה, וואָס איר אויפגאַבע האָט געדאַרפט זיין צו באַפרידיקן די רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַדערפענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אַ דאַנק דעם נייעם קהילה־סטאַטוט איז נאָך אין יאָר 1929 געוויילט געוואָרן אַ נייע קהילה־פאַרוואַלטונג אין לאַנצוט מיטן ציוניסטישן עסקן ד״ר דוד לאטרינגער בראש. די דאָזיקע נייע קהילה־פאַרוואַלטונג האָט זיך באַמיט צו לינדערן די נויט פון אַ גרויסן טייל פון לאַנצוטער יידן, הגם די הכנסות פון דער קהילה האָבן קוים געדעקט די לויפנדיקע אויסגאַבן.

אין יאָר 1937 זענען ווידער דורכגעפירט געוואָרן וואַלן צו דער קהילה אין לאַנצוט און עס זענען אויך דאָסמאָל אויסגעוויילט געוואָרן אַלע ביזאיצטיקע מיטגלידער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג — ס׳רוב ציוניסטן — מיט אינזש. שפּאָץ אַלס ראש הקהילה, דערביי איז איצט אויך די פועלי־ציון פאַרטיי אין לאַנצוט אַרויסגעטראָטן מיט אַן אייגענער ליסטע און עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן צוויי רעפּרעזענטאַנטן פון דער דאָזיקער פאַרטיי : לייזער פאפיול און ישראל קעשטעכער.

29.

אַ שווערן קאַמף האָבן געהאַט איצט אויסצושטיין די יידישע רעפּרעזענטאַנטן אין לאַנצוטער שטאָטראַט, וואו עס האָט זיך שוין געלאָזט שטאַרק מערקן די השפעה פון דער אָפיציעלער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. לאַנצוט האָט אַ סך געליטן בעת דער גרויסער כוואַליע פון פויערים־שטרייקן, וואָס זענען אויסגעבראָכן אין די מזרח־קאַנטן פון דער פּוילישער מדינה און האָבן אויך אויסגעברייטערט זיך אויף די דערפער אין דעם לאַנצוטער קרייז. באַלד זענען די דאָזיקע שטרייקן דערשטיקט געוואָרן דורך די פּוילישע מאַכטאָרגאַנען מיט דער הילף פון אַ בלוטיקער פּאַציפיקאַציע, דערביי זענען אָנגעזעענע פירער פון די ראַדיקאַלע פּוילישע און אוקראַאינישע פויערים־פּאַרטייען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

די ענדעקישע פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס האָבן זיך איצט קאָנצענטרירט אַרום פאַרשידענע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן געוואָרפן די שולד פאַר די געשעענישן אויפן דאָרף — אויף די יידן, רופנדיק די פּוילישע באַפעלקערונג צום קאַמף קעגן דעם יידישן סוחר, יידישן בעל־מלאכה, און יידישן קרעמער.

עס ליגט פאַר אונז אַ בריוו, וועלכן עס האָט דעם 18.7.1938 געשריבן אין לאַנצוט דער יונגער חלוץ פון „השומר הצעיר", שמעון וואלצער צו זיין ברודער אין ארץ־ישראל, מיכאל וואלצער, — אַ בריוו, וועלכן מיכאל וואלצער היט אָפּ ווי אַ שריד קדוש, ווי אַ הייליקע רעליקוויע פון זיין אַמאָליקער היים, פון זיין טייערן איינציקן ברודער, פון זיינע עלטערן און קרובים אין לאַנצוט, וואָס זענען אַלע אומגעקומען על קידוש־השם.

און אָט לייענען מיר אין דעם דאָזיקן בריוו אין אַן אָפּשניט, וואָס שילדערט דעם מצב אין לאַנצוט נאָך די פויערים־שטרייקן : „נאָך דעם שטרייק זענען אַוועק אַ פּאָר וואָכן... האָט די רעגירונג געגעבן דער באַפעלקערונג אַ שפּילצייג... עס האָט זיך אויפגעוועקט פון דעם לעטאַרגישן שלאָף די ענדעקישע פּאַרטיי, וועלכע האָט געשריען, אַז אין אַלץ איז שולדיק דער ייד... מען האָט געוואָרפן אין די יידישע יאַטקעס אַריין שטינק־באָמבעס, כדי קאַליע צו מאַכן דאָס פלייש... טאָג טעגלעך געשלעגן מיט ענדעקישע באָיוווקעס... עס איז אַריין אין קראַפט אַ פריש געזעץ, וואָס נעמט צו ביי טויזנטער יידן דאָס ברויט פון מויל... דאָס איז דאָס שחיטה־געזעץ... אויך דאַרף דער ייד נישט קומען אין דאָרף קויפן... דאָס כשר פלייש איז געשטיגן אויף דאָפּלט... איין קילאָ פלייש קאָסט 180 זלאָטעס... די לאַגע אין דער יידישער גאַס איז זייער טרויע־

ריק... ווען מען שטייט אין געשעפט, מאַכט זיך די טיר נישט צו פון אָרעמע לייט".



שמעון וואַלצער

דערציילנדיק וועגן דעם בהלה אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם מאַרש פון גענעראַל זשעליגאָווסקי אויף ליטע — שרייבט דער יונגער וואַלצער הי"ד: „צו דער צייט האָבן פריש אָנגע־הויבן צו הוליען אין די גאַסן די ענדעקישע באָיוווקעס... פיקעטן זענען געשטאַנען פאַר די געשעפטן און נישט אַריינגעלאָזט קיין קונה אין אַ יידיש געשעפט... עס האָט זיך פאַרווירקלעכט דעם פרעמיערס חלום „אָוושעם"...

„דו קאָנסט זיך פאָרשטעלן" — שרייבט ווייטער שמעון וואַלצער צו זיין ברודער — די אויפרעגונג ביי די יידישע מאַסן. אויף דער הויפטגאַס אין רינג האָט מען אויפגעהאַנגען אויף אַ לייטער אַ טראַנספּאַראַנט מיט דער אויפשריפט:

"Zdrajcą kraju jest ten, co kupuje nie u Polaka".

(אַ פאַררעטער פונעם לאַנד איז דער וואָס קויפט נישט ביי אַ פּאָליאַק).

שילדערנדיק דעם פחד און די פּאָגראָם־שטימונג אין דער שטאָט, דערציילט ווייטער שמעון וואַלצער: „עס גייט נישט אַרויס פון זכרון דער שבת צו נאַכטס, ווען מען האָט קאַליע געמאַכט אין דער שטאָט די עלעקטריע, און מען האָט געוואָרפן אין די יידישע הייזער שטיינער, אין די גאַסן האָט מען גע־שריען פאַרשידענע אויסרופן צו די וועלכע קויפן ביי אַ ייד... עס איז נישט געבליבן קיין איין שויב אין בית־המדרש... און אין קלויז האָט מען טאָג טעגלעך געהאַקט די שויבן... מען האָט געמוזט בעטן דעם גלח, וואָס איז נאָך נישט געווען אַזוי איינגעזאַפּט מיט אַנטיסעמיטיזם... מען האָט גערעדט צו זיין געוויסן און עס האָט עפּעס געהאָלפן..."

עס האָט עפּעס געהאָלפן... אָבער ווי עס שרייבט אין זיין בריוו שמעון וואַלצער האָט אין דער יידישער גאַס אין לאַנצוט אין יאָר 1938 געהערשט אַ שרעקלעכע נויט, ווייל כמעט צוויי דריטל פון אַלע לאַנצוטער יידן האָבן גענומען אין דעם דאָ־זיקן יאָר פון דער קהילה מצות אויף פסח און די איינציקע האָפענונג איז געווען צו באַקומען הילף פון די קרובים אין אַמעריקע.

אַזאַ איז געווען דער טרויעריקער און טראַגישער מצב פון די יידן אין לאַנצוט אין יאָר 1938 — אַ יאָר פאַר דער קאַ־טאַסטראָפע.

30.

אָבער נאָך האָבן לאַנצוטער יידן נישט אויפגעגעבן דעם קאַמף און זענען נישט געפאַלן ביי זיך, אויסנוצנדיק יעדע געלעגנהייט, כדי צו זאַמלען די כוחות און זיך צו שטאַרקן אין געראַנגל פאַר דער פאַרטיידיקונג קעגן דער „אָוושעם" פּאָליטיק פון דער סאַנאַציע און קעגן דער ענדעקישער יידן־פרעסערישער אַגיטאַציע. אַזאַ געלעגנהייט איז אַנטשטאַנען בעת די וואַלן צום שטאָטראַט אין לאַנצוט, וואָס זענען פאַר־געקומען אין חודש יאַנואַר 1939 אויפן סמך פון דער נייער פאַראָרדענונג וועגן שטאָטראַט־וואַלן פונעם 16.8.1938.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט איז אַרויס מיט דער לאָזונג צו שאַפן אַ שטאַרקן, איינהייטלעכן יידישן פראָנט פון אַלע שעפערישע כוחות אין דער שטאָט, ווייל נאָר אַזאַ געאייניקטער פראָנט האָט געקאָנט פאַרזיכערן אַ אַנטשפּרעכנ־דיקע יידישע רעפּרעזענטאַנץ הן אין צאָל און הן אין איכות. אונטער דער אָנפירונג פון אינזש. שפּאַץ איז געשאַפן געוואָרן אַן איינהייטלעכער יידישער וואַלבלאָק, צו וועלכן עס זענען צוגעשטאַנען די אַלגעמיינע ציוניסטן, די „פועלי ציון", די ליגע פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל און די אָרטאָדאָקסישע קרייזן. דערביי זענען צום קאָמיטעט פון דעם איינהייטלעכן בלאָק געווילט געוואָרן אַ חוץ דער פאָרזיצער אינזש. שפּאַץ — ד"ר דוד דרוקער, ד"ר לעאָן מאַרקעל, יחיאל נוסבאַום, מאיר עסטליין, שמחה סאַפיר, לייזער פּאַפּיול, לייביש ווינער און נחמן קעסטענבאַום.

אַ ריס אינעם יידישן געאייניקטן פראָנט האָט געמאַכט אַ קליינע גרופּע יידן מיט פּראָפעסאָר פּאַביאַן עבנער בראָש, וועלכע זענען אַרויס מיט אַן אייגענער ליסטע. זיי האָבן אָבער געליטן אַ פולשטענדיקן דורכפאַל, הגם זיי האָבן אָפּגעצויגן אַ געוויסע צאָל שטימען פון איינהייטלעכן יידישן בלאָק.

ווי עס גיט אונז איבער איינער פון די אַקטיווע מיט־גלידער פונעם דערמאָנטן דעמאָלטיקן וואַל־קאָמיטעט צום שטאָטראַט אין לאַנצוט, דער פועלי־ציוניסטישער עסקן לייביש ווינער (היינט אין ישראל) — זענען ביי די דאָזיקע לעצטע וואַלן צום שטאָטראַט אויסגעווילט געוואָרן: יחיאל נוסבאַום, מאיר עסטליין, שמחה סאַפיר, און אַלס פאַרטרעטער: אינזש. שפּאַץ, ד"ר דרוקער און לייביש ווינער. דאָס איז געווען דער לעצטער אַקט פון דער יידישער פּאָליטישער אַקטיוויטעט אין לאַנצוט. נאָך האָבן די יידישע ראַטמענער און די יידישע איינוואוינער אין לאַנצוט געלעבט מיט אילוזיעס און האָפע־נונגען, אויף אַ מעגלעכקייט צו קעמפן מיט פרישן מוט פאַר די לעבנס־אינטערעסן פון לאַנצוטער פאַראָרעמטן יידנטום.

נאָך האָט קיינער נישט געגלויבט אין אַזאַ שנעלן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

און ווען עס האָט זיך דערנענטערט די קאַטאַסטראָפע, ווען די היטלעריסטישע בעסטיע האָט דעם 1־טן סעפטעמבער 1939 באַפאַלן פוילן, האָט זיך אָנגעהויבן דער טראַגישער אומקום פונעם פוילישן יידנטום...

עס האָט זיך פאַרענדיקט די געשיכטע פון יידן אין לאַנצוט! אין פיין און ליידן איז פאַרטיליקט געוואָרן דאָס לאַנצוטער יידנטום... אָפגעמעקט און אָפגעווישט איז געוואָרן דער לאַנצוטער יידישער ישוב, איינער פון די עלטסטע יידישע קיבוצים אין פוילן, וואָס האָט שטאָלצירט מיט זיינע לומדים און גדולי התורה, מיט זיינע מוטיקע משכילים און איבערגעגעבענע ציוניסטישע קעמפער, אָדורכגעדרונגען מיט חלוצישן גייסט... עס איז צעריבן געוואָרן אַ קליינער אָבער וואָגיקער רינג אין דער גאָלדענער קייט פון הערלעכן יידישן ישוב אין פוילן, פון וועלכן עס איז נישט געבליבן קיין זכר.

ביבליאָגראַפיע

ד"ר רפאל מאהלער: יידן אין אַמאָליקן פוילן און ליטע אין ציפערן. וואַרשע, „יידיש בוך", 1958.

ד"ר רפאל מאהלער: די יידן אין אַמאָליקן פוילן — אָפהאַנדלונג דערשינען אין דער אויסגאַבע: די יידן אין פוילן, ניו־יאָרק, 1946. ערשטער באַנד.

ד"ר רפאל מאַהלער: דברי ימי ישראל — דורות אחרונים. ספר שלישי.

ב. מאַרק: די געשיכטע פון יידן אין פוילן. פאַרלאַג „יידיש בוך" וואַרשע, 1957.

ש. אנ־סקי: דער יידישער חורבן אין פוילן, גאַליציע און ביקאווינע. ערשטער טייל: חורבן גאַליציע — 1917—1914.

בן ציון רובשטיין: גאַליציע און איר באַפעלקערונג, וואַרשע, 1923.

מרדכי ארנפרייז: התנועה הציונית בגליציה. — פרקי גליציה. „עם עובד", תל־אביב, תשי"ז.

ד"ר נ. מ. גלבר: תולדות היהודים בלאנצוט. אָפהאַנדלונג געדרוקט אין דעם דאָזיקן יזכור בוך.

אַ חוץ דעם זענען אַלע צייטונגס־קאָרעספּאָנדענצן, זכרונות, בריוו פון לאַנצוטער לאַנדסלייט און דאָקומענטן פון אַרכיוו פון דער לאַנצוטער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס האָבן געדינט דעם מחבר אַלס מקור פאַר זיין אָפהאַנדלונג אויספירלעך איבערגעגעבן אין טעקסט.

Stanisław Cetnarski: Miasto Łańcut. Z dziejów i z własnych wspomień — 1937.

Zenon Szust: Średniowiecze Łańcuta.

Zenon Szust: Łańcut i okolice, Warszawa, 1959.

Roman Wojciechowski: Łańcut. — Tygodnik "Świat", Nr. 17 z 28.4.1957.

Marian Brandys: Łańcucka etiuda. "Nowa Kultura". Warszawa, Nr. 14, 15. Kwiecień, 1958.

Dr. Majer Bałaban: Historja i Literatura Żydowska, tom II. i III.

Jűdisches Lexikon. Band IV. Juedischer Verlag, Berlin, 1930. s. 1073.

Master of Lancut. The Memoire of Gount Alfred Potocki, London, 1959.

Jahrbuch fuer Israeliten. Wien 1856—1857.

Kalender fuer Israeliten fuer die Jahren — 1879—98, 1909—10, — 1912—13.

Fuehrer durch die Isr. Cultusgemeinden der Oestr. Ung. Monarchie, herausgegeben von Verein Oestrreichisch Israelitische Union in Wien.

Dr. Stanisław Gruiński — Materyały do kwestyj Żydowskiej w Galicyj. Lwów, 1910.



דער אַריינגאַנגס־טויער צום פּאַלאַץ פון רעכטס היטער־טורעם.
שער הכניסה לארמון, מימין — מגדל־שמירה.

ב. תורה און חסידות

משה קנעלער אַנטווערפּן

מיין שטעטל לאַנצוט



ביים ברעג פון טייך ווי‌סלאַק האָט זינט הונדערטער יאָרן עקזיסטירט דאָס שטעטל לאַנצוט, אין וועלכן עס האָבן געלעבט בערך זעקס הונדערט יידישע משפּחות.

לאַנצוט איז געלעגן אויף די גרענעץ צווישן דעם אַמאָליקן עסטרייכישן גאַליציע און מזרח־אוקראַאינע און פאַראייניקט אין זיך אַ פאַרביק יידיש לעבן פון ביידע קולטורן. פון איין זייט האָט געהערשט אַ רעליגיעז־חסידישע אַטמאָספער און פון דער אַנדערער זייט איז אַנטשטאַנען אַ השכלהדיק־ציוניסטישע באַוועגונג. עס איז אויסגעוואָקסן אַ שיינע יידישע יוגנט מיט חלוצישע אידעען, און יידישע קולטור אָרגאַניזאַציעס האָבן אַנטוויקלט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט.

דאָס שטעטל איז געווען זייער שיין געבויט. זויבער און עסטעטיש זענען געווען די הייזער און גאַסן. דער צענטראַלער פונקט אין שטעטל איז געווען דער מאַרק (רינעק). דער „רינעק" האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער קוואַדראַט, אַרומגע־רינגלט מיט שטאָקיקע יידישע הייזער און געוועלבער. דאָ האָט געקלאַפּט דער לעבעדיקער פּולס פון שטעטל. צו דעם איז נאָך צוגעקומען די חשיבות, וואָס אינגאַנצן עטלעכע צענדליק מעטער פון „רינעק" איז געווען דער פּאַראַדנער אַריינגאַנג צום שלאָס פון גראַף פּאָטאָצקי. דאָס האָט צוגעגעבן דעם שטעטל אַ זעלטענעם חן — האָט דאָך דעם גראַף פּאָטאָצקיס לאַנצוטער־שלאָס געהאַט אַ שם אין גאַנץ פּוילן.

צום יונגן גראַף אַלפרעד פּאָטאָצקי זענען געקומען קעניגן און פּרינצן. די טראַדיציאָנעלע יאַגדן, וואָס דער גראַף האָט איינ־געאָרדנט, זענען פאַררעכנט געווען ווי נאַציאָנאַלע פאַרוויי־לונגען און זענען פאַראייביקט געוואָרן אין דער פּוילישער ליטעראַטור. דער גראַף אַליין איז תמיד דערשינען מיט אַ קעניגלעכן פּאַראַד. ער פלעגט אַרויספאָרן אין זיין לוקסוס־קאַרעטע, געשפּאַנט מיט 4 פּאָר ראַסאָווע פערד, און באַגלייט פון אַ לייב־וואַך אין גאַלאַ־אוניפאָרמס. ביי דער קאַרעטע האָט געריטן אַ רייטער און מיט אַ טראָמפּייטער אָנגעזאָגט, אַז דער גרויסער פירשט קומט אָן! וועגן גראַף פּאָטאָצקי איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ רייכע ליטעראַטור. די איינוואוינער פון לאַנצוט. סיי יידן און נישט־יידן, זענען געווען שטאָלץ מיט דער נאָענטער קרובהשאַפט פון גראַפס פּאַלאַץ און גיטער.

לאַנצוטער מיוחסים

צוליבן גראַף פּאָטאָצקי איז דאָס שטעטל געווען באַקאַנט אין פּוילן און אויך אויסער די פּוילישע גרענעצן. עס איז אַ סברא, אַז די שכנותדיקע שטעטלעך האָבן לאַנצוט מקנא געווען, און די לאַנצוטער יידן האָבן באַקומען אַ צונאָמען „לאַנצוטער מיוחסים". אָבער דער לאַנצוטער יחוס האָט זיך באַזירט, נישט נאָר אויף גראַף פּאָטאָצקיס וואוין־אָרט. דאָס שטעטל האָט געהאַט אַ גרויסן זכות צו האָבן יידישע צדיקים און אַנשי שם. לאַנצוט האָט זיך געגרויסט דערמיט, וואָס איינער פון די גרויסע זיילן פון חסידות און צדקות דער חוזה פון לובלין איז געווען אַ לאַנגע צייט דער תושב פון לאַנצוט. נעבן דער גרויסער שול האָט דער חוזה געהאַט אַ קליין שולעכל עקסטראַ פאַר זיך. דאָרטן איז געווען זיין פּלאַץ פאַר תורה און תפילה. נאָך דעם ווי ער איז נתגלה געוואָרן

אַלס חוזה פון לובלין, איז דאָס קליינע שולעכל געוואָרן אַן אָרט פאַר עולה רגלניקעס. עס זענען דאָרטן געקומען באַזוכן חסידים, געלערנטע און פאַרשער פון חסידיזם. דער שטראָם פון די באַזוכער האָט נישט אויפגעהערט ביז דעם חורבן.

נאָך אַ געשעעניש וואָס האָט לאַנצוט פאַרבונדן מיט דער רביש־חסידישער תקופה, איז, וואָס דער אוהל פון ר׳ נפתלי זצ״ל פון ראָפּטשיץ געפינט זיך אין לאַנצוט. וועגן דעם, ווי אַזוי דער ראָפּשיצער צדיק איז נפטר געוואָרן אין לאַנצוט איז פאַראַן אַזאַ לעגענדע:

מיט אַן ערך 130 יאָר צוריק (תקפ״ז) איז דער רבי ר׳ נפתלי ראָפּטשיצער געקומען אויף אַ באַזוך קיין לאַנצוט. געפאָרן איז ער אין דער באַגלייטונג פון זיינע נאָענטע חסי־דים. פון שטאָט זענען אים אַקעגנגעגאַנגען פיל נכבדים מקבל פנים צו זיין דעם רבין. דער ראָפּטשיצער רבי איז שוין געווען נאָענט פון דער שטאָט. אָבער ווען ער איז אַדורכגעפאָרן דעם אַלטן בית החיים, האָט ער פּלוצים געהייסן אָפּשטעלן דעם וואָגן און אַ זאָג געטאָן: „עס שמעקט דאָ דער ריח גן־עדן״. און ווי נאָר ער האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער, האָט ער זיך באַלד אָנגעהויבן שלעכט פילן, און נפטר געוואָרן אין שטעטל, י״א אייר תקפ״ז. ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה טאַקע אויפן אַלטן בית החיים, וואו ס׳איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן „אוהל״. פון דאַמאָלט אָן האָבן געשטראָמט טויזנטער באַזוכער אויף זיין קבר. צו זיין יאָרצייט איז דאָס שטעטל איבערפולט געוואָרן מיט רבנים, רביים און חסידים. קיין שום שכנותדיק שטעטל האָט אַזויפיל עולה־רגלניקעס נישט געזען.

לאַנצוט די פעסטונג פון בעלזער חסידות

מ׳קען דרייסט זאָגן, אַז דאָס יידישע לעבן אין לאַנצוט האָט געצויגן איר יניקה פון תורה און חסידות. כאָטש עס זענען געווען אין שטעטל גוט אָרגאַניזירטע ציוניסטישע גרו־פּירונגען, איז אָבער דאָס רוב מנין ובנין, סיי פון עלטערן דור און סיי פון דער יוגנט, געווען אין אַ טיף־עקסטרעמען יידיש־קייט. קיין מתנגדים זענען נישט געווען. דער עולם האָט געהערט צו פאַרשידענע רבישע דינאַסטיעס, אָבער צוזאַמען איז דאָס חסידות געווען אַ שטאַרקע און פאַרבונדענע מאַכט, וואָס האָט זיך אַפילו נישט גערעכנט מיט דער לאָקאַלער רבנישער אָנפירונג. בראש איז געשטאַנען דאָס בעלזער חסידות, מיט זיינע פייערדיקע חסידים, ראש־ישיבהס און לומדים. אין די לעצטע צייטן האָבן די בעלזער חסידים זיך אָרגאַניזירט אין אַן אגודה פון „מחזיקי הדת״. די אָנפירער זענען געווען באַקאַנטע תלמידי חכמים, יראי שמים, וואָס האָבן נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק פון קאָמפּראָמיס אין שולחן־ערוך. צווישן אָט־די רעליגיעזע מנהיגים האָט זיך אויסגע־צייכנט ר׳ בנימין בראַנד. אַ קליין־געוויקסיקער אין קער־פּער, אָבער גרויס אין חסידישן גייסט. ער איז געווען אַן איידעם פון ר׳ יואל לינדענבליט. פון די יינגערע זענען געווען ר׳ אפרים צוויבל (לעבט אין בעלגיע), אָבער אַלס גייסטיקער עמוד התווך, האָט זיך גערעכנט ר׳ וואָלף קנעללער (אַ ברודער פונעם שרייבער פון די שורות), וועלכער איז אומגעקומען דורך די דייטשן עטלעכע חדשים פאַר דער



ר׳ וואָלף קנעלער הי״ד

באַפרייאונג, בעת זיי האָבן אַנטדעקט זיין באַהעלטעניש אין אַ בונקער. ר׳ וואָלף איז געווען דער יושב־ראש פון די „מחזיקי הדת״. מיט זיין לומדות און בילדונג האָט ער געהאַט אַ גרויסע השפעה אויפן חסידישן לעבן אין שטאָט.

די כסא הרבנות פון די „בני יששכר״

אין לאַנצוט איז זינט לאַנגע דורות דאָס כסא הרבנות איבערגעגאַנגען בירושה, אַ זון נאָך אַ זון, צו די קינדער פון דעם גרויסן רבין און צדיק פון דינאָוו, דעם „בני יששכר״. דער ערשטער יורש פון לאַנצוטער כסא הרבנות איז געווען אַ זון פון דעם גאון און צדיק, דער רבי ר׳ אליעזר זצ״ל. נאָך אים האָט דאָס לאַנצוטער כסא הרבנות פאַרנומען זיין זון דער צדיק ר׳ שמחהלע זצ״ל, און דער לעצטער מרא־דאתרא איז געווען הרב ר׳ אליעזר זצ״ל, וועלכער האָט פאַר־נומען דעם כסא הרבנות ביז 1938.

פריש אין זכרון איז נאָך ביי אונדז דאָס שיינע געשטאַלט פון ר׳ אליעזר, דעם לעצטן לאַנצוטער רב פון דער „בני יששכר דינאַסטיע. דאָס איז געווען אַ פּאַטריאַרכאַלישע פיגור מיט אַריסטאָקראַטישע זיטן. אַ גרויסער למדן און פיקח. ער האָט געשפּרודלט מיט חכמה און פאָלקסטימלעכקייט. זיין וואַרעמע באַציאונג צו „עמך״, זיין ליבע צום פאָלקס־מענטש האָט אים באַליבט געמאַכט ביי אַלעמען. ער איז געווען באַקאַנט מיט זיינע פאָלקס־מעשהלעך און נפלאותדיקע דער־ציילונגען, וואָס האָבן צוגעצויגן פיל איבערגעגעבענע אָנ־הענגער. מיט טיפן גלויבן האָט אויך דער עולם געהערט זיינע רבישע תורות. זיין שטוב איז געווען אַ בית ועד לחכמים און אַ צוזאַמענבונד פון תורה, יראה און דרך ארץ. די טירן זענען געווען אָפן פאַר יעדן מענטשן. יעדער האָט געקענט געפינען ביי אים הילף.

זיינע זין ר׳ לייבוש (אין אַמעריקע), ר׳ יוסף (אין יש־ראל), ווייבדלו לחיים, ר׳ חיים און ר׳ וועלוועלע, האָבן זיך

אָבער נישט געפּלייסט איבערצונעמען דאָס כסא הרבנות. זיי זענען אַלע געווען פּאָלקס־מענטשן, וועלכע עס האָט נישט געלאַקט קיין כבוד אָדער אַמביציע, און דעריבער האָבן זיי נישט געהאַט קיין חשק איינצורייסן מיט אַן אָפּאָזיציע, מצד דעם שטאָטישן דיין ר׳ חיים ראובן ז״ל, וואָס האָט געשטאַמט פון דעם סאַנדזער גזע. און שפּעטער מיט זיין זון ר׳ אלתר חיים וואגשאל (היינט אין אַמעריקע). און כאַטש די זין פון לעצטן לאַנצוטער רב פון די „בני יששכר״ האָבן אָפּגעלאָזט דאָס כסא רבנות, האָט אָבער דער גורל געוואָלט אַז די ירושה זאָל אומדירעקט איבערגיין צו די טעכטער. די עלטסטע טאָכטער פון הרב ר׳ אלעזר — שבע׳לע האָט חתונה געהאַט מיטן קראָסנער רב׳ס זון, ר׳ דוד פיהרער ז״ל (אַ זון פון גרויסן גאון און בעל הוראה דעם מחבר פון ספר „הר שפר״). ר׳ דוד פיהרער ז״ל האָט איבערגענומען דאָס רבנות אין לאַנצוט און האָט באַקומען גרויס אָנזען. זיין שטוב איז געווען אַ מקום פון תורה וגדולה. די יינגערע טאָכטער צפורה האָט חתונה געהאַט מיט דעם רב ר׳ אורי קליגהויפּט פון טאַרנאָפּאָל, וועלכער האָט שפּעטער פאַרנומען דאָס רבנות אין לובראַניעץ. (ביי וולאָצלאַוועק). ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם און ירא שמים (דער שרייבער פון די שורות איז געווען זיין תלמיד אין לובראַניעץ). ער איז טראַגיש אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין שטעטל יידן בעתן לעצטן חורבן, און מיט אים איז פאַרשניטן געוואָרן איינע פון די גלאַרייכע רבישע דינאַסטיעס.

די בתי תפילות

אויסער דעם פּאַראַדנעם גרויסן מאַרק, דעם „רינעק״, איז אין דער צווייטער זייט פון שטעטל געווען נאָך אַ מאַרק, אַ קלענערער, וואָס איז געווען באַוואוינט נאָר פון יידן. דאָרט, אין די זעלבע געסלעך און וועגן, וואָס האָבן געפירט צום שלאָס פון גראַף פּאָטאָצקי, האָבן זיך געפונען די בתי תפילות פון שטאָט: די שול און דאָס גרויסע בית המדרש, די בעלזער קלויז און בית המדרש זענען געווען אין איין גרויסן בנין. אַ ביסל ווייטער איז נאָך געשטאַנען דער בנין פון דער אַמאָליקער דזיקאָווער קלויז, לעצטנס די מזרחי־קלויז, וואָס איז געווען אין הויז פון דער קהילה.

די גרויסע שול איז געבויט געוואָרן אין 18־טן יאָרהונדערט און רעסטאַווירט געוואָרן מיט בערך 50 יאָר צוריק, דורך דער קהילה מיט ר׳ מנחם מאַנדל שטערנהיים ז״ל בראש. די שול איז געווען געבויט לויט אַן אייגענאַרטיקע אַרכיטעקטור פון יענער צייט, גרויס און הויך, און אינעווייניק באַפּוצט מיט שיינע קונסט־מאָלערייען. אויפן סופיט און די ווענט זענען געווען אויסגעמאָלן די מזלות פון די חדשים. אין מיטן דער מזרח־וואַנט איז געווען דער צוגאַנג צום ארון הקודש. ווען מען איז אַרויסגעגאַנגען אויף די עטלעכע טרעפּן איז געווען אַ קליינע פּלאַטפאָרמע, וואו דורות לאַנג האָבן די לאַנצוטער רבנים געהאַלטן זייערע דרשות, און נאַציאָנאַלע מנהיגים זענען אויפגעטראָטן ביי פאַרשידענע פייערלעכקייטן.

אין יאָר 1932 האָט לאַנצוט באַזוכט דער פירער פון נאַציאָנאַל־רעליגיעזן יידנטום, הרב פישמאַן (מימון). ער איז דעמאָלט אַרומגעפאָרן מיט אַ ציקל דרשות איבער שטעט פון פוילן. מיט פּאַטאָס פון אַ נביא האָט הרב פישמאַן גערופן, אַז עם ישראל זאָל זיך פעסט האַלטן אין תורת ישראל און אין ארץ־ישראל. די דאָזיקע דרשה האָט הרב פישמאַן געהאַלטן טאַקע דאָ ביים בעלעמערל, נעבן דעם ארון הקודש. ווען דער עולם איז געשטאַנען פאַרגאַפט און געשלונגען די רייד פון גרויסן רעליגיעזן פירער — האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ קנאַל, ווי אַ באָמבע וואָלט אויפגעריסן. אַ שווערער שטיין איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן דורך אַ פענצטער אין שול אַריין. די גרויסע שויב האָט געפּלאַצט און די גלאָז שפּליטער זענען צעשפּרונגען אינעווייניק. דער שטיין איז געוואָרפן געוואָרן דורך די בעלזער חסידים פאַנאַטיקער. ווי דורך אַ נס איז דער שטיין געפאַלן אַ צענטימעטער ווייט פון הרב מימונס קאָפּ. הרב מימון האָט רואיק אויפגעהויבן דעם שטיין און אים באַהאַלטן צווישן זיינע אַרכיוו־שטיינער, וואָס זענען קעגן אים געוואָרפן געוואָרן, פאַר זיין קעמפן פאַר ישוב ארץ־ישראל. היינט זעען מיר ערשט, ווי ווייט מען דאַרף באַדויערן, וואָס ווייניק האָבן אים דאַמאָלט פאַרשטאַנען, און נאָך ווייניקער זענען געגאַנגען אין זיינע וועגן, וואָס האָבן געפירט קיין ארץ־ישראל.

אין דער גרויסער שול האָבן געדאַוונט די מאָדערנע יידן, אַמיינסטן מיט געשוירענע בערד, און די אינטעליגענץ. אין די ימים־טובים און ימים־נוראים איז די שול געווען פול געפּראָפּט. אָבער אויך יעדן שבת נאָך מיטאָג האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ גרויסער עולם צום תהילים־זאָגן. געזאָגט תהילים האָט ר׳ עוזר בעקער. זיין שטימע האָט אָפּגעהילכט אין גאַס און דער תהילים־ניגון האָט זיך צעגאָסן איבערן שטעטל מיט אַ שבתדיקער רואיקייט. מען האָט געפילט, ווי דער ניגון קומט פון דער שול, וואו ביים אַריינגאַנג קוקן אַראָפּ די גאָלדענע ווערטער: „מה נורא המקום הזה״!

ווי אויבן דערמאָנט איז ביי דער שול געווען אַ קליין חדר, וואָס מ׳האָט גערופן „דאָס לובלינער שולעכל״, דאָס בית המדרש פון חוזה פון לובלין זצ״ל. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז גראָד אין דעם שולעכל, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרהייליקט, האָבן געדאַוונט בעלי מלאכות און פּשוטע יידן. אָבער אויך אין אָט די פּשוטע לאַנצוטער יידן איז געווען פיל קדושה און זיי האָבן זיך געקענט פילן היימיש אין דעם פאַרהייליקטן חדר פון חוזה פון לובלין.

ווי באַוואוסט האָבן די דייטשע רוצחים פאַרניכטעט אַלע שולן אין פוילן. איז טאַקע נישט צו פאַרשטיין דאָס, וואָס דעם בית הכנסת פון לאַנצוט האָבן די הענקער נישט געהאַט קיין שליטה צו פאַרברענען, און די שול איז געבליבן שטיין. אפשר איז דאָס געווען אין זכות פון לובלינער שולעכל.

דער גרויסער שטאָטישער בית־המדרש

דער אייזערנער פּאַרקן פון דער שול האָט אויך אַרומגערינגלט דעם גרויסן בית המדרש, וועלכער איז געווען דער אַקטיווסטער און לעבעדיקסטער רעליגיעזער צענטער פון דער שטאָט. דער בית המדרש איז געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון שטאָטישן רב ר׳ אלעזר שפּירא זצ״ל און

געווען דאָס שענסטע אָרט פון תורה און תפילה. געהערשט האָט דאָרט אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישער גייסט. ווען מען איז דאָרט אַריינגעקומען זענען געזעסן ישיבה־בחורים און געלערנט, זיי האָבן מקיים געווען פּראַקטיש דעם „והגית בו יומם ולילה". דאָס רוב בחורים זענען געווען בעלזער חסידים. שוין דריי אַזייגער פאַרטאָג — האָט דער פראָסט געמעגט זיין ווי שטאַרק — זענען די ישיבה־בחורים געלאָפן לערנען אין בית המדרש אַריין. און געלערנט האָט מען נישט סתם יוצא צו זיין — נאָר מיט דביקות און חסידישן ברען! אַזוי האָבן זיך פון דאָרט געטראָגן די זיסע גמרא ניגונים ביז שפּעט נאָך חצות. דאָס לערנען איז צוגעגאַנגען לויט אַ סדר. די תלמידים זענען געווען איינגעטיילט אין גרופּן. די עלטערע בחורים, וואָס זענען שוין געווען תלמידי חכמים, יראים ושלמים, האָבן געלערנט מיט די יינגערע בחורים די שיעורים מיט פלפולים. די יינגערע בחורים זענען אויך געווען פול מיט דביקות און געלערנט לשם שמים. איינער פון די עלטערע בחורים איז געווען שלמה פעלדשטיין, אַן אָשפּיצינער תלמיד, אַ גרויסער חריף און עלוי. (ער וואוינט איצט אין אַמעריקע). ר' פסח לאַנגזאַם האָט געלערנט מיט אַ טיש תלמידים. ביי די איבעריקע טישן האָבן געלערנט מיט תלמידים: אפרים צויבל (לעבט אין בעלגיע), ר' יצחק ווינער, אהרן קאַלישער. פון די יינגערע גענעראַציע: ר' דוד קנאָבליך, דוד רייף, און ועל כולם דער שטאָטישער חריף און בקי, וואָס האָט געשמט ווייט איבער די גרענעצן פון שטאָט — ר' וואָלף קנעלער. דער בעסטער תלמיד פון טאַרנאָפּאָלער רב, דער מחבר פון „חבצלת השרון", ער איז געווען דער רבי און מורה דרך פון עטלעכע רבים פון בית המדרש.

אויסער די שטענדיקע לערנער האָבן זיך אויסגעלעבט אין בית המדרש די פאַרצייטישע חסידישע יידן, וואָס האָבן דאָרט פאַרבראַכט אין תורה און תפילה. עס געדענקט זיך דאָס געשטאַלט פון דעם אַלטן ר' שלום עסטליין, וועלכער האָט געהאַט אַ חזקה צו עפענען דעם בית המדרש דריי אַזייגער פאַרטאָג, און באַלד אָנהויבן זאָגן תהילים. ר' יעקב פעטער־זייל איז אויך געווען פון די ערשטע צו קומען פאַרטאָג. דער גרייז־גרויער זקן ר' יאַנטשע יואלישנס אַ סאַנדזער חסיד, וואָס איז נאָך געפאָרן צום סאַנדזער רבין „דברי חיים" אַליין, איז געווען פאַררעכנט פאַרן ערלעכסטן חסידישן יידן. ער איז געווען אָפּגעהיט נישט נאָר אין דברי קדושה, נאָר אויך אין מסחר. ער האָט שטאַרק מחמיר געווען ביים געבן אַ גוטע וואָג זיינע קונים אין געוועלבל. ער האָט געציטערט, עס זאָל חס־ושלום נישט זיין אַ האָר ווייניקער, ווי עס קומט. פאַר זיין גרעסטן זכות האָט מען געהאַלטן זיין טאָג טעגלעך לערנען מיט אַ חברה משניות. אַזוי האָט ער זיך געפירט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. ער איז אָנגעגאַנגען ווי אַ מוסטער־מענטש פון צדקות און לומדות. צום גוטן זאָל אויך דערמאָנט ווערן ר' זעליג פערטיג, אַ שטורמישע נאַטור פון סאַנדזער חסידות, תורה און יראה

אַזוי האָט אויסגעזען דער בית המדרש אין דעם יידישן שטעטל לאַנצוט. ווען מען איז אַריינגעקומען, איז ער געווען פול מיט גוטע יידן. עס האָבן דאָרט געהערשט גוטע זיטן און גוטע מחשבות. איין דור האָט אין צווייטן איינגעפלאַנצט מקורותדיקע יידישקייט.

היינט איז דאָרט פוסט. דער בית המדרש איז פאַרשטומט געוואָרן. מען הערט מער נישט קיין יידישן ניגון. קיין יידיש קינד זעט מען מער נישט אין די גאַסן. נאָר די הויכע ווערבע־ביימער הינטערן שטעטל זענען געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע צווייגן — און זיי זענען די איינציקע דאָרטן, וואָס באַוויינען לאַנצוט, מיין פאַרשניטן שטעטעלע!




אויסזען פון לאַנצוטער הייליקן־אָרט אין יאָר 1945, — מראה בית־העלמין בלאנצוט, בשנת 1945.

צבי שמחה לעדער וואשינגטאן

דער לאַנצוטער רבי

(ר׳ יעקב יצחק הורוויץ – דער חוזה פון לובלין)



צבי ש. לעדער מחבר ספר „ריישער־יידן"

די שטאָט ריישע איז געלעגן צווישן מזרח און מערב גאַליציע. די ערשטע שטאָט אין מזרח זייט פון ריישע, איז געווען לאַנצוט. איך שרייב „שטאָט", ווייל כאָטש לאַנצוט איז געווען אַ שטעטל, האָט עס אָבער געהאַט דעם גלאַנץ פון אַ „שטאָט".

חוץ לאַנצוט, זענען אין דער סביבה פון ריישע געווען אַ צאָל קליינע שטעטלעך, ווי טיטשין, בלוזשעוו, סאקאלעוו, קאָלב־שעוו, גלאָגעוו, סטריזשעוו, פריסטיק, שענדישעוו און אַנדערע שטעטלעך, אין וועלכע די מערהייט יידן זענען געווען עקסטרעמע חסידים. אַ ייד אָן אַ באָרד מיט פיאות אָדער אַ פרוי אָן אַ שטערן־טיכל אָדער שייטל, האָט מען דאָרט זעלטן ווען געזען, אין אָט די שטעטלעך איז געווען דער זיץ פון באַוואוסטע חסידישע רביים, צו וועלכע עס פלעגן פאָרן פיל חסידים.

לאַנצוט, איז געווען פונקט דער היפך. אין 19־טן און אין אָנהויב פון 20־סטן יאָרהונדערט, איז לאַנצוט ניט געווען באַוואוסט אַלס אַ חסידישע שטאָט. די לאַנצוטער יידישע באַפעלקערונג איז געווען פון מאָדערנעם שניט. עס פאַרשטייט זיך, אַז עס איז צווישן זיי אויך געווען אַ צאָל חסידים, אָבער מיטן פאַרגלייך צו די צאָל חסידים פון די אַנדערע קליינע שטעטלעך, קען לאַנצוט ניט פאַררעכנט ווערן ווי אַ חסידישע שטאָט.

אין די לעצטע יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט, ווען אין גאַליציע האָט אָנגעהויבן בליען דער חסידיזם, איז אויך לאַנצוט געווען אַ חסידישע שטאָט. אין לאַנצוט האָט אין יענער צייט געוואוינט דער באַרימטער חסידישער רבי, ר׳ יעקב יצחק הורוויץ. גערופן האָט מען אים „דער רבי ר׳ איציקל לאַנצוטער". ער איז שפּעטער אויך באַוואוסט געוואָרן אַלס דער „לובלינער חוזה", נאָכדעם ווען ער איז אַוועק פון לאַנצוט און זיך באַזעצט אין לובלין צוליב אַ מחלוקת מיטן ליזשענסקער רבין ר׳ אלימלך. דער לאַנצוטער רבי ר׳ איציקל, איז איינער פון די רביים וואָס האָבן פאַרשפּרייט דאָס חסידות צווישן די יידישע מאַסן אין פוילן און גאַליציע.

דער לאַנצוטער רבי איז געבוירן אין יאָר תק״ה (1745). ער איז אַלט געווען 15 יאָר ווען דער בעל־שם־טוב איז נסתלק געוואָרן. ער האָט דעם בעל־שם־טוב נישט געזען. זיין רבי איז געווען דער ליזשענסקער רבי אלימלך, וואָס איז אין יענער צייט געווען באַוואוסט אַלס איינער פון די גרויסע צדיקי הדור און צו וועלכן עס פלעגן פאָרן אַ סך חסידים. ר׳ איציקל, איז געווען אַן איבערגעגעבענער חסיד בלב ובנפש צום ליזשענסקער רבין. אָבער מיט עטלעכע יאָר שפּעטער ווען ר׳ איציקל האָט געמאַכט שבת פאַר זיך, ווען ער האָט פאַרלאָזט דעם ליזשענסקער רבין און האָט אָנגעהויבן פירן חסידות אין לאַנצוט, ניט ווייט פון ליזשענסק, האָט ער דערמיט דעם ליזשענסקער רבין גורם געווען אַ גרויסן חולשת הדעת. לויט ווי עס דערציילן חסידישע סופרים, איז דער טראַגישער טויט פון לאַנצוטער רבין אין לובלין געקומען פון דער הקפדה פון ליזשענסקער רבין, ווי איך וועל ווייטער שרייבן.

ליזשענסק איז געווען אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון לאַנצוט. דער ליזשענסקער רבי ר׳ אלימלך, ווי איך האָב פריער געשריבן, איז געווען איינער פון די גרויסע רביים אין זיין דור. ר׳ איציקל איז געווען אַן איבערגעגעבענער חסיד פון ליזשענסקער רבין. ער איז אָבער אויך געפאָרן צום רבין ר׳ בער, דער ממלא מקומו פון בעל שם טוב. דער רבי ר׳ בער האָט אים טאַקע געגעבן סמיכה צו ווערן אַ רבי. ר׳ איציקל האָט באַלד אָנגעהויבן ציען צו זיך חסידים און זיך פירן ווי אַ גוטער ייד אין לאַנצוט.

כאָטש ר׳ איציקל איז שוין געווען מפורסם אַלס רבי אין לאַנצוט, איז ער דאָך, פון צייט־צו־צייט, געפאָרן צום ליזשענסקער רבין, אַלס זיין תלמיד און חסיד. ווען ער איז געקומען קיין ליזשענסק, האָט דער רבי ר׳ אלימלך פאַרבויגן זיין כבוד און איז געקומען באַזוכן דעם לאַנצוטער רבין אין זיין אכסניה. דער ליזשענסקער רבי האָט עס געטון, נישט קוקענדיק אויפן פּראָטעסט פון זיינע קינדער, וואָס האָבן דאָס באַטראַכט פאַר אַ פחיתות כבוד פאַר זייער פאָטער. דער ליזשענסקער רבי האָט אָבער געזאָגט „אַז די שכינה הקדושה שעמט זיך ניט מיט אים צו גיין וואו ער שטייט און גייט, פאַרוואָס זאָל איך זיך שעמען צו קומען אים זען אין זיין אכסניה?" דער ליזשענסקער רבי האָט אויך געשיקט צו אים אַ סך חסידים, מחמת ער אַליין איז שוין געווען אַ זקן, האָט ער אַלע קראַנקע און געבראָכענע געשיקט קיין לאַנצוט צום יינגן רבין ר׳ איציקל. ער האָט אויך געגעבן זיין הסכמה, אַז ביי ר׳ איציקלן, קאָן מען גיכער האָבן אַ ישועה ווי ביי אים אַליין. אַזוי אַרום איז לאַנצוט דעמאָלט געוואָרן אַ באַוואוסטע חסידישע שטאָט. די ליזשענסקער חסידים זענען צו ביסלעך

אַוועק פון אַלטן ליזשענסקער רבין און זענען אַריבער צום נייעם יונגן לאַנצוטער רבין, וואָס האָט צו זיך צוגעצויגן חסידים, ווי אַ מאַגנעט. צום יום־טוב שבועות, איז לאַנצוט געוועזן איבערגעפּאַקט מיט חסידים, זיי האָבן זיך געפילט ביי זייער רבין ר׳ איציקל, פונקט ווי זיי וואָלטן געשטאַנען ביים הר סיני צו קבלת התורה.

דער אַלטער ליזשענסקער רבי, זעענדיק אַז ער פאַרלירט אַ סך חסידים, האָט אָנגעהויבן צו האָבן הקפדה אויף די חסידים וואָס פאָרן קיין לאַנצוט. זיין חולשת הדעת איז געוועזן גרויס, און ער איז געוואָרן קראַנק פון יסורים. זיין זון ר׳ אליעזר האָט צו אים געזאָגט: „דו האָסט אים דאָך אַליין געמאַכט פאַר אַ רבי, ווערזשע איז שולדיק אין דעם?״ דאַרויף האָט דער פאָטער אים געענטפערט: „איך האָב געטאָן דאָס וואָס איך האָב באַדאַרפט טאָן. איך האָב אָבער פאַרגעסן אַז אין מלכות נוגעת בחברתה אַפילו כמלוא נימא... אַז ווי באַלד ער נעמט איבער די ממשלה, האָב איך שוין נישט מער דאָ וואָס צו טאָן. עס ווילט זיך מיר אָבער נאָך לעבן״.

זיין זון, ר׳ אליעזר, איז תיכף געפאָרן קיין לאַנצוט בעטן ר׳ איציקל, ער זאָל נישט פירן קיין גוט־יידישקייט מיט חסידים אין לאַנצוט, כל זמן זיין פאָטער, דער רבי ר׳ אלימלך, לעבט, מחמת עס איז סכנת נפשות פאַרן אַלטן צדיק. דאַרויף האָט דער לאַנצוטער רבי אים געענטפערט: „גמירנא מיהב יהבי, משקל לא שקל...״ מיר האָבן אַ קבלה, אַז וויבאַלד מ׳האָט שוין געגעבן, קאָן מען נישט צוריקנעמען. אייער טאַטע האָט מיך געמאַכט פאַר אַ רבי פון חסידים, קאָן איך נישט מער צוריקגיין. מאן מלכי רבנן... אַ חסידישער רבי איז דומה למלך... מלך שמחל על כבודו, אין כבודו מחול. איך קאָן נישט אויפגעבן מיין כבוד, ווייל עס געהערט נישט צו מיר נאָר צו מיינע חסידים״...

דער לאַנצוטער רבי האָט פאַרלאָזט דעם ליזשענסקער, ווייל ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ נייעם דרך אין חסידות. דער ליזשענסקער דרך איז געווען „וחטאתי לנגדי תמיד״, אַז דער חסיד מוז שטענדיק זען פאַר זיך זיינע חטאים, כדי ער זאָל זיך מצער זיין, האָבן חרטה און טאָן תשובה. אָבער זיין תלמיד, דער לאַנצוטער רבי, האָט געזאָגט פונקט פאַרקערט, „הרהורי דעבירה קשין מעבירה, דאָס נאָכדענקען פון אַן עבירה איז ערגער ווי טאָן די עבירה. דאָס איז דערפאַר ווייל צער און עצבות איז אַ גרויסע שטערונג צו עבודת הבורא. אויב אַ ייד טוט אַן עבירה, דאַרף ער עס פאַרגעסן. ער דאַרף טאָן תשובה בשמחה. די שמחהדיקע מצוות וואָס ער וועט טאָן, וועלן במילא העלפן, אַז ער זאָל מער נישט נכשל ווערן אין אַן עבירה...״

די קנאה פון ליזשענסקער רבין אויף זיין תלמיד אין לאַנצוט, וואָס האָט ביי אים צוגענומען כמעט אַלע חסידים, איז געווען אין לשער. ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און איז געזעסן אָפּגעזונדערט, ער האָט צו זיך נישט צוגעלאָזט אַפילו זיינע נאָענטע מקורבים. ער האָט אויפגעהערט פירן חסידישע טישן און האָט אַרויסגעוויזן סימנים פון צורודערטקייט. אַפילו די ראשי החסידים, זיינע געטרייע אָנהענגער, האָבן עפענטלעך מודה געווען, אַז דער אַלטער צדיק איז אַ ביסל גערירט פון דעת. זיי האָבן אין דער שטיל זיך אַרויסגעדרייט פון ליזשענסק און זענען געפאָרן קיין לאַנצוט צו׳ם רבין ר׳ איציקל, וואו זיי האָבן געפונען אַ פרישע רוחניותדיקע אַטמאָספערע, וואָס האָט דערקוויקט זייערע חסידישע נפשות. אָבער נישט אַלע חסידים איז עס לייכט אָנגעקומען. אַ טייל פון זיי האָבן געהאַט אַן עונש פון ליזשענסקער רבין.

ווען דער ליזשענסקער רבי האָט אַמאָל זיך דערוואוסט אַז זיינער אַ חסיד מובהק, ר׳ דודל מלמד פון זשילין, אַ שטעטל צווישן ליזשענסק און לאַנצוט, איז געפאָרן אויף שבת צום לאַנצוטער רבין, איז דער ליזשענסקער רבי אַרויס פון קראַנקן בעט, געהייסן איינשפּאַנען פערד און וואָגן און באַלד נאָך הבדלה אַוועקגעפאָרן קיין זשילין, כדי געוואויר ווערן, אויב ס׳איז אמת אַז ר׳ דודל איז געפאָרן צום לאַנצוטער רבין.

קומענדיק קיין זשילין אַרום 12 אַזייגער ביינאַכט, איז דער רבי גלייך צוגעפאָרן צו ר׳ דודלס דירה. דעם מלמדס ווייב, דערזעענדיק דעם אַלטן צדיק, האָט זיך זייער דערשראָקן. זי האָט מורא געהאַט, ער זאָל ניט מעניש זיין איר מאַן פאַר דעם פחיתות הכבוד, וואָס ער האָט אים גורם געווען און געפאָרן קיין לאַנצוט.

„וואו איז דיין מאַן?״ — האָט דער אַלטער צדיק זי אַ פרעג געטאָן... „ער וועט באַלד אַריינקומען״ — האָט זי דעם רבין געענטפערט. „כ׳גיי אים אַריינרופן״... און תוך כדי דיבור, איז זי אַרויס פון דער דירה און שנעל געלאָפן זיך אָפּשטעלן אויפן וועג וואָס קומט פון לאַנצוט, וויסנדיק אַז איר מאַן דאַרף באַלד אָנקומען, וועט זי אים דערציילן אַז דער אַלטער רבי איז דאָ.

ר׳ דודל האָט אָבער נישט געוואָלט זאָגן קיין ליגן דעם רבין. אַזוי ווי דער רבי האָט אים געפרעגט וואו ער איז געווען שבת, האָט ער געענטפערט כהאי לישנא: „דער רבי זיצט אין הימל, מ׳קען אים נישט דערגרייכן. אין לאַנצוט איז פאַראַן אַ לייטער, דורך וועלכן מ׳קען אַרויפגיין צו דערגרייכן דעם רבין...״

„פּאַק דיך״..! האָט דער רבי ר׳ אלימלך אויסגעשריגן. „ס׳איז פאַר דיר דאָ אַ וועג צום הימל אָן אַ לייטער...״

דער רבי ר׳ אלימלך איז תיכף אַרויס פון ר׳ דודל׳ס שטוב, זיך אויפגעזעצט אויפן וואָגן און אַהיים געפאָרן קיין ליזשענסק. די זעלבע וואָך, איז ר׳ דודל מלמד נפטר געוואָרן.

ווען דער לאַנצוטער רבי האָט זיך דערוואוסט פון דעם, האָט ער אויסגערופן מיטן פסוק פון תהילים: „הלמתים תעשה פלא? אם רפאים יקומו יודוך סלה...״ צו ווייזן מופתים מיט ממיתן מענטשן איז נישט קיין מופת. אַ דאַנק קומט דעם צדיק וואָס קאָן היילן קראַנקע און „אָפּהאַלטן״ דאָס לעבן פון מענטשן...״

דער לאַנצוטער רבי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. ער איז אָנגעגאַנגען ווייטער מיט זיין דרך החסידות. די צאָל פון זיינע חסידים איז געוואָרן גרעסער און גרעסער. זיין פּאָפּולאַריטעט אין דער חסידישער וועלט האָט זיך שנעל אויסגעשפּרייט.

דער אַלטער ליזשענסקער רבי האָט אויך נישט גערוט. ער האָט באַשטראָפט די חסידים, וואָס זענען געפאָרן קיין לאַנצוט און איז עפענטלעך אַרויסגעטרעטן קעגן דעם לאַנצו־

טער רבין. דאָס האָט דעם לאַנצוטער רבין שטאַרק באַאומרואיקט. ער האָט מורא געהאַט אַז עס וועט, חלילה, קומען צו אַן עפּנטלעכן קאַמף צווישן ליזשענסק און לאַנצוט. האָט דער לאַנצוטער רבי באַשלאָסן צו פאַרלאָזן לאַנצוט אויף דערווייל, ביז עס וועט זיך איינשטילן דער כעס פון ליזשענסקער רבין, ער וועט זיך באַרואיקן און אויפהערן אים צו פאַרפאָלגן. ער איז טאַקע געפאָרן קיין ראָזוואַדאָוו, אַ שטעטל נישט ווייט פון לאַנצוט און זיך דאָרט באַזעצט אויף דערווייל. דאָס האָט געמאַכט אַ גרויסן טומל צווישן די חסידים אין לאַנצוט. ביי זיי איז דער רבי ר׳ איציקל געווען דער צדיק הדור. זיין וואוינען אין לאַנצוט האָט באַשיינט די שטאָט און דאָס יידישע לעבן. אָבער דער לאַנצוטער רבי האָט זיך געהאַלטן ביי זיין באַשלוס נישט צו בלייבן אין לאַנצוט.

ביים אָנקומען אין ראָזוואַדאָוו, האָט ער געזאָגט צו זיינע חסידים: „איך קען באין אופן נישט פאַרשטיין פאַרוואָס דער רבי איז אַזוי אין כעס אויף מיר... ער ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז יפתח בדורו כשמואל בדורו... יעדער צדיק האָט זיך זיין צייט און זיין תקופה... ווען שמואל וואָלט געלעבט אין דער צייט פון יפתח, וואָלט ער זיך אונטערגעוואָרפן אונטער יפתחס פירערשאַפט...״

דער לאַנצוטער רבי האָט אין ראָזוואַדאָוו אויך נישט געהאַט קיין מנוחה. דער ראָזוואַדאָווער ראש הקהל און זיינע אַרויסהעלפער פון דער קהילה זענען געווען איבערגעגעבענע חסידים פון ליזשענסקער רבין. האָבן זיי אָנגעהויבן שטאַרק צו רודפן און מצער זיין דעם לאַנצוטער רבין.

דער ראש הקהל האָט געהאַט אַ בת יחידה. זי איז פלוצים קראַנק געוואָרן. די חסידים אין ראָזוואַדאָוו האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז אַן עונש דערפאַר וויייל ער איז מצער דעם לאַנצוטער רבין. דער פאָטער פון דער קראַנקער טאָכטער איז שנעל געפאָרן קיין ליזשענסק צום רבין ר׳ אלימלך און אים געבעטן רחמים, ער זאָל ראַטעווען זיין איינציקע טאָכטער וואָס איז אין אַ גרויסע סכנה. דאַרויף האָט דער רבי ר׳ אלימלך אים געזאָגט: „האָסט נישט געדאַרפט קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין פייער אַריין. דו ווייסט דאָך אַז „כל דבריהם כגחלי אש״, אַ צדיקס הקפדה ברענט ווי פייער.. איך קען מיר מיין שטעטל באַשטיין. איך דאַרף נישט דיין הילף. פאָר אַ היים תיכף ומיד, בעט איבער ר׳ איצקלען, ער איז אַ גוטער, ער וועט דיר מוחל זיין״.

דער ראש הקהל איז תיכף אַהיים געפאָרן און האָט געטראָפן זיין טאָכטער אין אַ מסוכן׳דיקן צושטאַנד. ער איז תיכף געלאָפן צום רבין ר׳ איציקל, אים געבעטן מחילה, וויינענדיק מיט ביטערע טרערן, דער רבי זאָל אים מוחל זיין, זיין טאָכטער זאָל ווערן געזונט.

דאַרויף האָט אים דער לאַנצוטער רבי געענטפערט: „גלויב מיר באמונה שלמה, אַז דיין טאָכטערס חולאת איז נישט דערפאַר ווייל דו האָסט מיך מצער געווען. עס קומט דיר איבערהויפּט נישט קיין עונש דערפאַר, מחמת דיין כוונה איז דאָך געווען לשם שמים. דו האָסט דאָך פאַרטיידיקט דעם כבוד פון מיין רבין אין ליזשענסק. צווייטנס, האָב איך געפועלט ביים רבונו של עולם ער זאָל קיינעם נישט מעניש זיין צוליב מיר...״

דער רבי איז צוגעגאַנגן צום פענצטער. קוקנדיק צום הימל, האָט ער מתפלל געווען און געזאָגט: „רבונו של עולם, איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דאָס חולאת פון שרה בת רעכיל איז נישט געקומען צוליב דעם חילול פון מיין כבוד, כי חוטא ופושע אני... איך בין נישט ווערט אַז אַ יידיש נפש זאָל צוליב מיר ליידן. אָבער די חסידים גלייבן אַז איך בין אַ צדיק און איך האָב זי קראַנק געמאַכט, בעט איך דיך, רבונו של עולם, מאַך זי געזונט. זאָל שרה בת בעריל האָבן אַ רפואה שלמה אין אַלע רמ״ח אברים און זאָל די וועלט וויסן אַז יעקב יצחק בן מייטעל וויל נישט און קאָן נישט מעניש זיין״...

בשעת דער לאַנצוטער רבי האָט מתפלל געווען, איז גראָד דער ראָפּטשיצער רבי ר׳ נפתלי געווען מיט אים אין חדר און האָט באַמערקט ווי דער לאַנצוטער רבי האָט בשעת דער תפילה פאַרן חולה, געקוקט אויף דער פלאַכע זייט פון זיין לינקע האַנט און געזאָגט צום ראָזוואַדאָווער ראש הקהל: „דיין טאָכטער שרה בת רעכיל וועט האָבן אַ רפואה שלמה, זי וועט אויך דאָס יאָר געהאָלפן ווערן מיט אַ בן זכר, זאָלסט אים אַ נאָמען געבן „פינחס״, ווי עס שטייט געשריבן אין דער סדרה: „הנני נותן לו את בריתי שלום״, איך האָב צו אייך קיין תרעומות נישט...״

ווען דער ראש הקהל האָט פאַרלאָזט דעם רבי׳ס חדר, האָט דער ראָפּטשיצער רבי געפרעגט דעם לאַנצוטער צדיק, פאַרוואָס ער האָט געקוקט אויף דער פלאַכער לינקער האַנט, בשעת ער האָט מבטיח געווען דעם ראש הקהל אַז זיין טאָכטער וועט האָבן אַ רפואה? דאַרויף האָט אים דער לאַנצוטער רבי געענטפערט: „ועל ידי עבדיך הנביאים כתוב לאמור״, אויף די האַנט פון נביא איז געשריבן וואָס ער זאָל זאָגן...

אָט די מעשה האָט אָפּגעשטעלט די אַקטיווע קעגנערשאַפט פון די ליזשענסקער חסידים צום לאַנצוטער רבין אין ראָזוואַדאָוו.

דער לאַנצוטער רבי איז אין ראָזוואַדאָוו נישט לאַנג געבליבן און איז צוריק געפאָרן קיין לאַנצוט. ער האָט געזאָגט „איך וויל נישט וואוינען אין אַ שטאָט וואָס דער נאָמען אַליין מיינט מחלוקת (ראָזוואַדאָוו אין פויליש, מיינט אַ גט).

באַלד נאָכדעם ווען דער רבי איז צוריק געקומען קיין לאַנצוט, האָט די שטאָט אויפגעלעבט. צווישן די לאַנצוטער שטאָטישע חסידים איז געווען ששון ושמחה. עס זענען געקומען קיין לאַנצוט הונדערטער חסידים פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. צווישן די אָנגעקומענע חסידים זענען אויך געווען צוויי רביים, דער פריסטיקער רבי ר׳ מענדעלע און דער אפטער צדיק, וואָס איז דעמאָלט געווען רבי אין שטעטל קאָלבוסאָוו. חסידים האָבן גערעדט בסוד, אַז דער רבי ר׳ אלימלך האָט זיי געשיקט צום לאַנצוטער רבין, פועלן ביי אים ער זאָל קומען צו אים אויף שבת קיין ליזשענסק. דער ליזשענסקער רבי האָט צו זיי געזאָגט: „אויב ער וועט מיר נישט פאָלגן, וועט ער אויף די עלטער פילן מיין טעם...״

דער לאַנצוטער רבי האָט אים נישט געפאָלגט און האָט טאַקע אויף דער עלטער געפילט דעם זעלבן טעם פון זיין רבינס צרות, ווען זיין תלמיד, דער פשיסכער רבי, האָט אים איבערגעלאָזט און געמאַכט שבת פאַר זיך און איז געוואָרן אַליין אַ רבי.

אין דער צייט ווען די צוויי גרויסע צדיקים, דער רימאַנאווער און דער אפטער זענען געווען אין לאַנצוט, איז די שטאָט געווען איבערגעפילט מיט טויזנטער חסידים, וואָס זענען געקומען קיין לאַנצוט אויף שבת, כדי צו זען די דריי גרויסע צדיקים צוזאַמען. דאָס האָט נישט געשמעקט דעם ריישער רב הרב בלומענפעלד, וואָס איז געווען אַ גרויסער מתנגד. ער האָט פאַרמסרט ביים ריישער קרייז־געריכט, אַז די דריי רביים אין לאַנצוט פאַרפירן דאָס פאָלק מיט זייערע שווינדלערייען. דאָס האָט געבראַכט דערצו אַז מוצאי שבת, ווען די דריי צדיקים זענען געזעסן ביי סעודת מלוה־מלכה, זענען זיי אַרעסטירט געוואָרן פון זשאַנדאַרמען, מ׳האָט זיי אַוועקגעפירט קיין ריישע און אַריינגעזעצט אין תפיסה.

די ריישער יידן, צווישן זיי אַ היפשע צאָל חסידים, האָבן נישט געשוויגן. זיי האָבן באַטראַכט דעם אַקט פון הרב בלומענפעלד אַלס אַ גרויסן חילול השם. זונטיק פרי, זענען זיי באַפאַלן הרב בלומענפעלדס הויז און געוואָלט אים ממיתן. דער רב האָט חרטה געהאַט, ער האָט אָבער גאָר נישט געקאָנט העלפן, ווייל זונטיק איז דער געריכט געשלאָסן. זענען טאַקע די דריי צדיקים געזעסן אין קרימינאַל ביז מאָנטיק אין דער פרי ווען מ׳האָט זיי באַפרייט מיט דער הילף פון הרב בלומענפעלד. זיי זענען צוריקגעפאָרן יעדער צו זיין היים און שטעטל.

די פאָפולאַריטעט פון לאַנצוטער רבין איז געוואָקסן פון טאָג צו טאָג. ער האָט זיך אין גאַנצן פורש געווען פון ליזשענסקער רבין און האָט צו זיך צוגעצויגן אַלע זיינע תלמידים און חסידים. עס האָט נישט געהאָלפן די בקשות פון ליזשענסקער רבין אַז ער זאָל צו אים קומען.

נאָך דער באַפרייאונג פון די דריי רביים פון ריישער געריכט, האָט דער ליזשענסקער רבי געשריבן צום לאַנצוטער רבין: „האָב רחמנות אויף מיר און מיינע אַלטע יאָרן און קום צו מיר. מיר דאַרפן ביידע איינער דעם צווייטן. מ׳האָט מיר פון הימל צוגענומען צוויי גרויסע מדרגות, גילוי אליהו אין ברכת שלום פון מתיבתא דרקיע. דו דאַרפסט דאָך האָבן מיין טובה, ווי באַלד דו וועסט ניט קומען צו מיר, וועסט דו חרטה האָבן...״

דער לאַנצוטער רבי האָט באין אופן נישט געוואָלט זיין אַ נכנע צום ליזשענסקער רבין. ער האָט באַשלאָסן אַוועקפאָרן פין לאַנצוט, נישט צו זיין נאָענט צום אַלטן רבין. ער האָט נאָר געוואַרט די צייט זאָל קומען.

אין לאַנצוט האָט געוואוינט דעמאָלט אַ ייד, ר׳ וואָלף תהילים־זאָגער, ווייל אַלס אַ פשוטער נישט געלערנטער ייד, איז ער געזעסן יומם ולילה און געזאָגט תהילים. אָט דער פראָסטער ייד האָט זוכה געווען, אַז עס האָט זיך צו אים אָפט באַוויזן אַ מלאך אין חלום און אים געזאָגט וואָס עס וועט מיט דער צייט געשען.

אין אַ געווינלעכן פרי־מאָרגן איז ר׳ וואָלף תהילים־זאָגער אַריינגעקומען צום לאַנצוטער רבין און אים דערציילט, אַז די לעצטע נאַכט האָט זיך צו אים באַוויזן דער מלאך און אים געזאָגט ער זאָל תיכף אין דער פרי גיין צום רבין ר׳ איציקל, אים מודיע זיין אַז ער מוז תיכף ומיד פאַרלאָזן לאַנצוט און אַוועקפאָרן מיט זיין בני־בית קיין ווינאַווי, אַ שטעטל לעבן לובלין.

די זעלבע נאַכט האָט אויך דער לאַנצוטער רבי געהאַט אַ חלום, ער איז געזעסן אין בית המדרש, איז פלוצים אַריינגעקומען אַן אַלטער ייד מיט אַ הדרת־פנים. ווען ער האָט דעם אַלטן געגעבן שלום, האָט דער אַלטער צו אים געזאָגט: „איך בין אברהם אבינו, כ׳בין געקומען דיר זאָגן דאָס זעלבע וואָס השי״ת האָט צו מיר געזאָגט, לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך...״ פון דעם חלום, האָט דער רבי ר׳ איציקל פאַרשטאַנען, אַז עס איז אַ גזירה מן השמים אַז ער זאָל תיכף פאַרלאָזן לאַנצוט, אַז ר׳ וואָלף תהילים־זאָגערס נביאות איז אמת. ער איז צוערשט געפאָרן קיין טשעכאוו, וואָס מ׳האָט אויך גערופן „ווינאַווי״, אַ שטעטל לעבן לובלין. און פון דאָרט איז ער געפאָרן קיין לובלין און זיך דאָרט באַזעצט. ער איז דאָרט אויך געווען באַוואוסט ווי איבער דער גרויסער חסידישער וועלט, מ׳האָט אים טאַקע באַלד גערופן „דער לובלינער חוזה״. אַ סך גרויסע חסידישע רביים פון יענער צייט זענען צו אים געקומען. זיין גרויסקייט איז געוואָקסן, אַז אַפילו די גרויסע לובלינער מתנגדים פון יענער צייט האָבן אויפגעגעבן דעם קאַמף קעגן דעם רבין ר׳ איציקל וואָס האָט דערגרייכט זיין גרויסקייט אין שטעטל לאַנצוט.

דער איינציקער פון וועמען דער לובלינער רבי האָט געהאַט אויסצושטיין צרות, איז געווען דער לובלינער שטאָט־רב ר׳ עזריאל הלוי הורוויץ, וועלכן, מ׳האָט גערופן „דער אייזערנער קאָפ״, צוליב זיין גאונות. ער איז געווען אַ גרויסער מתנגד און האָט שטאַרק גערודפט חסידישע רביים. ער איז געווען אַ תקיף בדעתו און האָט געטון אַלץ וואָס ער האָט געקענט צו דערנידעריקן דעם כבוד פון נייעם לובלינער רבין ר׳ איציקל. יעדעס מאָל ווען זיי האָבן זיך געטראָפן ערגעץ וואו, האָט ער דעם רבין באַליידיקט מיט שטעכווערטער. ער האָט אים אַפילו נישט גערופן „רבי״. ער האָט אים פשוט גערופן „איציקל״. דער רבי איז געווען פונקט דער היפך. ער האָט צום לובלינער רב גערעדט מיט הכנעה.

ווען זיי זענען אַמאָל ביידע געווען צוזאַמען, האָט דער לובלינער גאון געפרעגט דעם רבין: „פאַרוואָס נעמסטו געלט ביי די חסידים? פאַרוואָס מוז דער חסיד דיר באַצאָלן כדי דו זאָלסט פאַר אים מתפלל זיין?.. דאַרויף האָט דער רבי אים געענטפערט, אַז דער אמתער צדיק איז אַ מכיר את ערכו. ער ווייסט אַז ער איז נישט ראוי מתפלל צו זיין פאַרן חסיד. דערפאַר נעמט ער ביים חסיד אַ פדיון מיטן קוויטל און זאָגט צום רבונו של עולם: „אמת, כ׳בין נישט ווערט מתפלל צו זיין פאַר אַן אַנדערן מענטש, אָבער עס איז דאָך מיין פרנסה, מ׳באַצאָלט דאָך מיר דערפאַר, בעט איך דיך, רבונו של עולם העלף די מענטשן וואָס קומען צו מיר און נעם נישט צו מיין פרנסה...״

האָט אים דער לובלינער גאון ווידער געפרעגט: „אויב דו ווייסט אַז דו ביסט נישט ווערט צו זיין אַ רבי, פאַרוואָסזשע נעמסט דו אויף חסידים?..״ דאַרויף האָט דער רבי ר׳ איציקל געענטפערט: „וואָס זאָל איך טון אַז זיי לויפן מיר נאָך און ווילן דווקא איך זאָל זיי מדריך זיין אין עבודת השם״...

האָט אים דער גאון געגעבן אַן עצה: „דערציייל זיי דעם אמת... אַז דו ביסט נישט קיין רבי, אַז דו ביסט אַ גאָרנישט, אַ פּראָסטער בן אדם...״

„גוט״ האָט דער רבי ר׳ איציקל געזאָגט „איך וועל אייך פאָלגן...״ שבת ביים טיש בשעת דער לאַנצוטער רבי האָט געדאַרפט זאָגן תורה, האָט ער פּלוצים אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן. ער האָט געפרעגט די חסידים, פאַרוואָס זיי קומען צו אים, אַז ער איז אַ שפל שבשפלים, אַ פּראָסטע זינדיקע בריאה... די חסידים וואָס זענען געזעסן אַרום טיש, זענען געוואָרן טיף גערירט פון דעם צדיקס עניוות און אַלע האָבן באַקומען אַ הרהור תשובה און האָבן מיטגעוויינט. דער צדיק איז ביי זיי געוואָרן פיל גרעסער און העכער ווי פריער.

ווען דער לובלינער רב האָט זיך שפּעטער ווידער באַגעגנט מיטן לאַנצוטער רבין, האָט דער רבי געזאָגט צום רב: „איך האָב אייך געפאָלגט, אָבער אייער עצה האָט נישט געהאָלפן. די חסידים ווילן פון מיר נישט אָפּטרעטן...״

דאַרויף האָט דער גאון אים געענטפערט: „דאָס איז דערפאַר ווייל חסידים האָבן ליב אַן עניו. אויב דו ווילסט באמת אַז די חסידים זאָלן פון דיר אַוועק, זאָלסטו שבת ביים טיש זאָגן, אַז דו ביזט דער צדיק הדור, אַז אין דיין זכות שטייט די וועלט און נאָך אַזעלכע שבחים. איך פאַר־זיכער דיר אַז ווען זיי וועלן דאָס הערן, וועלן זיי דיך תיכף פאַרלאָזן...״

דאַרויף האָט דער רבי אים געענטפערט: „קיין צדיק בין איך נישט, קיין רבי אוודאי נישט, אָבער קיין ליגנער בין איך אויך נישט...״

דאָס האָט דעם גאון נישט אָפּגעהאַלטן. ער האָט דעם רבין ר׳ איציקל מבזה געווען און אים דערגאַנגען די יאָרן אויף שריט און טריט, ווען און וואו זיי האָבן זיך באַגעגנט. אַמאָל האָבן זיי זיך געטראָפן ביי אַ ברית, וואו דער רבי ר׳ איציקל איז געווען דער סנדק און דער גאון איז געווען דער מוהל.

אַזוי ווי דער רבי ר׳ איציקל האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן כסא של אליהו מיטן קינד אין די הענט, האָט ער פּלוצים אָנגעהויבן ציטערן פון דבקות מיט פאַרשידענע העויות. דער גאון האָט עס ניט געקאָנט פאַרנעמען, ווייל אים האָט געפעלט די חסידישע השגה, האָט ער פּלוצים הויך אויסגעשריגן: וואָס ציטערסטו דו? וואָס זעסט דו אַזוינס וואָס איך זע נישט?..

דער רבי ר׳ איציקל איז באַלד געקומען צו זיך. ער האָט זיך באַרואיקט. אָבער דעם גאון האָט ער קיין וואָרט נישט געענטפערט. דער גאון האָט אָנגעהויבן זאָגן די ברכה מיטן מוהל־מעסער אין האַנט כדי מל זיין דאָס קינד. אָבער בשעת דעם שניט, איז ער פּלוצים מבולבל געוואָרן און האָט מיטן מעסער אַ שניט געטון דעם קינד אין בייכל. דער גאון האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און אויסגעשריגן הויך: „געוואַלד, איציקל, וואָס האָסט דו מיר געטון? האָסט מיך מעניש געווען מיט שפיכת דמים פאַרן חטא פון הלבנת פנים...? מדה כנגד מדה?..״

„שרעקט אייך ניט לובלינער רב״... האָט אים דער רבי ר׳ איציקל געענטפערט „דעם קינד וועט גאָר נישט געשען... ער וועט אויפוואַקסן, זיין אַן עושר, וועט האָבן פינף קינדער און וועט לעבן צוויי און זעכציק יאָר...״

זייט דעמאָלט, האָט דער גאון דעם רבין מער ניט מצער געווען.

ווי איך האָב פריער געשריבן, האָט דער ליזשענסקער רבי געהאַט גרויסע תרעומות צום לאַנצוטער רבין דערפאַר וואָס ער האָט צו זיך צוגעצויגן כמעט אַלע ליזשענסקער חסידים. דער ליזשענסקער רבי האָט דערפון שטאַרק געליטן אויף דער עלטער. ער האָט דעמאָלט געזאָגט צו זיינע מקורבים: „ער זאָל נאָר פילן מיין טעם״... דעם ליזשענסקער ווערטער זענען מקויים געוואָרן. דער לאַנצוטער רבי האָט אויף דער עלטער געפילט דעם ביטערן טעם. דאָס איז געשען ווען זיין תלמיד דער באַרימטער גאון און צדיק, דער פשיסכער רבי ר׳ יעקב יצחק, וועלכן מען האָט גערופן דער „ייד הקדוש״, אויף וועמען דער רבי ר׳ איציקל האָט געזאָגט אַז ער וועט זיין „היושב על כסאו״, זיין ממלא מקומו. אָט דער גרויסער חסי־דישער תלמיד און אָנהענגער פון לאַנצוטער לובלינער רבין, האָט נישט געוואַרט אויפן רבינס פטירה, נאָר טאַקע ביי זיין לעבן איז ער געוואָרן אַ גרויסער רבי, טאַקע מיטן לובלינערס הסכמה, ווי דער לובלינער איז געוואָרן אַ רבי מיטן ליזשענס־קערס הסכמה. עס האָט נישט לאַנג גענומען און דער פשיסכער רבי איז אַריבערגעוואָקסן דעם רבין ר׳ איציקל און דורך קנאה און לשון הרע צווישן די חסידים, איז צווישן די צוויי רביים אויסגעבראָכן אַ שטאַרקע מחלוקה. דער רבי ר׳ איציקל איז נפטר געוואָרן תשעה באב, תקע״ה (1815). ער האָט קיין איינציקן פון זיינע קינדער נישט מסמיך געווען צו זיין דער ממלא מקומו. דאָס איז די געשיכטע בקיצור, פון איינעם פון די גרויסע חסידישע רביים און גאוני הדור, דער לאַנצוטער רבי.

מיכאל וואלצער הדר רמתיים

די גרויסע שול אין לאנצוט

לעגענדע אוןווירקלעכקייט ארום דעם בית הכנסת

צום אָנדענק מיין פאָטער נחמן וואלצער און
מיין מוטער מלכה (פון דער היים פּאָס) הי״ד.

דער אַלטער בנין פונעם לאַנצוטער בית־הכנסת, וועלכער איז איבערגעבליבן נאָכן גרויסן חורבן פונעם יידנטום אין פוילן, איז אַרומגענומען מיט אַ הילע פון לעגענדעס, געמישט מיט ווירקלעכע געשעענישן, וועלכע מיר אַלע געדענקען נאָך. דער לאַנצוטער בית־הכנסת וועלכער האָט זיך שטענדיק גערעכנט צווישן די אינטערעסאַנטע בתי־כנסת אין פוילן, איז געבויט אין סטיל פון באראק. דער בנין איז אַ צייגניש פון יידישער געשיכטע אין לאַנצוט; ער איז אויך אַ צייגניש ווי די יידן האָבן מיט הונדערטער יאָרן צוריק געפפלעגט און אַרייגעלייגט קונסט און קראַפט אין די מאָנומענטאַלע שאַפונגען, פון די יידישע צענטערן.

עס איז פאַראַן אַ לעגענדע אין לאַנצוט וועגן דעם בית־הכנסת, אַז דער בנין איז געשיצט פון די השגחה קעגן פאַרניכטונג און חורבן. און אַז אַלץ וואָס ווערט געשאַפן אין דער געביידע בלייבט אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן. אַז מיר זעען יעצט אין אונזער טרוים פון דערווייטנס די געביידע אַן איינזאַמע, טרויעריקע, אַזוי ווי זי וואָלט געטרויערט אויף די קינדער פון לאַנצוט, וועלכע זענען אַזוי שרעקלעך אומגעקומען — ווערט די לעגענדע פאַרשטאַרקט נאָך מער ביי אונז אין האַרצן.

לויט ווי מען גיט איבער זאָל דער בית־הכנסת אין לאַנצוט פאַרוואַנדלט ווערן אַלס אַ מוזעאום פון רעליגיעזע איבערבלייבענישן אין פוילן; אַ מוזעאום פון קולטורעלער יידישער שאַפונג אין פוילן און ספּעציעל פון די שאַפונגען פון די יידן אין לאַנצוטער ראַיאָן.

די פּוילישע געמיינדע אין לאַנצוט האָט באַהאַנדלט די פראַגע פון דעם איבערגעבליבענעם בית־כנסת, ווען זי האָט זיך געגרייט אין 1956 צו די פייערונגען פון דער שטאָט צו איר 600 יאָריקן יובילעאום. די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען, אַז מ׳דאַרף דעם בנין צוואַרפן, ווייל וואָס דאַרף די שטאָט אַ בית־כנסת, ווען קיין יידן זענען נישט פאַראַנען מער. אָבער ד״ר וולאדיסלאוו באליצקי האָט זיך קעגנגעשטעלט דער מיינונג און האָט דאָס געבראַכט צו דער רעזאָלוציע צו פאַרוואַנדלען דעם בנין אין אַ יידישן מוזעאום. ער האָט נאָך דורכגעפירט אַ רעזאָלוציע, אַז דווקא אין בית־כנסת זאָל מען מאַכן אַ טייל פון דער אויסשטעלונג אַרום דעם 600־יאָריקן עקזיסטענץ פון דער שטאָט.

געשיכטע פון בית־כנסת

דער בית־כנסת אין לאַנצוט, וועלכער איז געבויט געוואָרן אין 17־טן יאָרהונדערט אינם סטיל פון יענע יאָרן, איז נישט איינמאָל געראַטעוועט געוואָרן פון פאַרניכטונג. ווען די נאַציס זענען אַריין אין שטאָט אין יאָר 1939 האָבן זיי אונטערגעצונדן דעם בנין. זיי האָבן צוזאַמענגענומען די הילצערנע בענק אויף איין פּלאַץ, כדי דאָס פייער זאָל בעסער ווירקן. אָבער דאָס האָט אַלעס נישט געהאָלפן: דער בנין איז געבליבן גאַנץ. מען דערציילט, אַז 2 נאַצישע אָפיצירן האָבן צום סוף געהאָלפן ראַטעווען דעם בנין פון פייער און מ׳זאָגט אַז גראַף פּאָטאָצקי איז געווען, דער, וואָס האָט אינטערוועניִרט, אַז מ׳זאָל ראַטעווען די געביידע.

פון אַמאָליקע יאָרן דערציילט מען: ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די גרויסע שריפה אין לאַנצוט אין יאָר 1820 אין דעם מיליטערישן ראַיאָן שטערמערובקי. האָט דאָס פייער זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט. די הילצערנע הייזער זענען אַלע אַוועק מיטן רויך און אַפילו די ציגל געביידעס זענען פאַרניכטעט געוואָרן. אָבער דער בית־כנסת איז געבליבן גאַנץ.

ביי אונז איז דער בית־כנסת פאַרבונדן מיט דעם נאַציאָנאַלן לעבן פון אונזערע עלטערן אין שטאָט. פרייד און טרויער אין יידישן לעבן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט צווישן די פיר ווענט פון דעם הייליקן הויז, מיט זיין הויכן סופיט, וועלכער איז געווען אַזוי ווי אָנגעלעגט אויף ווינקלדיקע זיילן. די יידישע יום־טובים מיט זייער פריילעכן דאַווענען און זינגען; די ימים נוראים מיט דעם געבעט צו גאָט אויף אַ ניי גוט־יאָר, און די יידישע טרויער טעג — זיי אַלע שטייען פאַר אונז ווי זיי האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם בית־כנסת, דאָרט וואו די יידן זענען געקומען אויסגיסן זייער האַרץ פאַר גאָט.

דער לאַנצוטער בית־כנסת איז געבויט פיר־קאַנטיק, מיט ברייטע און פעסטע ווענט, זייער ענלעך להבדיל, צו דער לאַנצוטער קירכע (פאַר דער באַנייאונג אין יאָר 1896) און אויך ענלעך צו דער געביידע פון דער לאַנצוטער געמיינדע, וועלכע איז חרוב געוואָרן אין 1913.

דער דמיון צווישן די געביידעס ברענגט אונז צו דער מיינונג, אַז די זעלבע אַרכיטעקטן און די זעלבע בוימייסטערס האָבן געבויט די אַלע דריי געביידעס. די לענג פון בית־הכנסת איז 18 מעטער און די ברייט — 15 מעטער, בערך. די אויסערלעכע ווענט זענען איינפאַך, אָן ספּעציעלע קונסט־זאַכן. נאָר אין די פיר ווינקלען, זעט מען די פילאַסטערן. דער איינגאַנג פון מערב זייט — איז אַן אינטערעסאַנטער צוליב דעם געבוי וועלכער שטייגט אַרויס. פון צפון און מערב זייט זענען פאַראַן צוויי איינגענג, וועלכע זענען פאַרקיילעכט פון דער הייך. דאָרט גייט מען אַראָפּ אין „פּאָליש״ מיט פיר טרעפּלעך. און אין דרויסן פירן ווייטער טרעפּ צום אויבערשטן טייל פון דער געביידע און צו דער טעראַסע, וואָס איז אַרומ־

געגומען מיט אַ פאַרענץ. פון דאָרט גייט מען אַריין אין דער ווייבער־שול. אין די וואַנט פון טרעפּן־צימער איז פאַראַן אַ פענצטער געבויט קיילעכיק. אונטער די טרעפּ איז פאַראַן אַ קליין צימער.

אין „פּאָליש" איז דאָ אַן־אַלטער כיור פון קופּער צו וואַשן די הענט און אויך אַ „קונעק" — דאָס איז דער שאַנד־עמוד וואו מ׳פלעגט אַמאָל צובינדן די זינדיקע אָדער ערב־יום־כיפור ווען אַ סך פלעגן זיך אַזוי אַליין הייסן צובינדן צום שאַנד־עמוד פאַר זייערע זינד. אין די דרום וואַנט איז דאָ אַן איינגאַנג צום שולעכל פון ר׳ איציקל לאַנצוטער, דער „חוזה פון לובלין". אין דער צפון וואַנט איז פאַראַן נאָך אַ פענצטער.

די טיר וואָס פירט אַריין אין בית־הכנסת איז אַ טאָפּלט שווערע, און פון איר דאַרף מען אַראָפּגיין פיר טרעפּ, אַזוי אַז דער וואָס קומט אַריין בויגט זיך אויטאָמאַטיש איין און קומט נישט אַריין אין בית־כנסת מיט גאווה.

דער זאַל פון בית־הכנסת איז געווען איינגעטיילט אין ניין גלייכע טיילן. אין צענטער פון זאַל — פיר עמודים מיט דער בימה, צו וועלכע מען גייט אַרויף פון צפון און דרום מיט זיבן טרעפּ צו קריאת התורה און צו הקפות פון שמחת תורה. דער ארון קודש איז געווען, פאַרשטענדלעך, אויף מזרח זייט, צו וועלכן עס האָבן געפירט אַ פּאָר טרעפּ, און דערנעבן דער עמוד צום דאַווענען. אין דער מערב וואַנט איז געווען אַ ספּעציעלער פּלאַץ פאַרן נר־תמיד, וועלכער האָט געברענט לויט ווי מ׳דערציילט אָן אויפהער זייט פון „לובלינער חוזה".


אַ שטאָט אין שול

דער באַקאַנטער יידישער פילאָזאָף מאַרטין בובער דערציילט אין איינעם פון זיינע ווערק אַ מעשה מיט אַ ייד אין לאַנצוט, וואָס ביי אים איז די טייערסטע זאַך אין לעבן געווען אַ שטאָט אין מזרח אין לאַנצוטער שול. דער ייד איז געווען פריער אַן אָרעמאַן. און ווען ער איז רייך געוואָרן, האָט ער די ערשטע זאַך געקויפט זיך אַ שטאָט אויף מזרח אין די לאַנצוטער שול — וועלכע איז אים טייער געווען פון אַלעם. מאַכט זיך, אַז דער ייד איז געוואָרן אַ יורד, אַן אָרעמאַן און ער האָט אַלץ פאַרקויפט, אָבער די שטאָט האָט ער געהיטן. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ הייזער־גייער, אָבער די שטאָט האָט ער נישט פאַרקויפט. בקיצור: דער מאַן איז אַזוי אַראָפּ, אַז ער איז געוואָרן אַ שיכור, און די מענטשן האָבן זיך געשעמט זיצן לעבן אים אין שול. איינמאָל, יום־כיפור ביינאַכט, איז געקומען דעם יידס אַ בעל־חוב און האָט געפּרווט מיט כוח צונעמען ביי יענעם דעם פּלאַץ אויף מזרח. דער ייד האָט געמאַכט אַזאַ געוואַלד, אַז ס׳איז געוואָרן אַ מהומה אין שול און די ליכט האָבן זיך פאַרלאָשן. דאָס איז געווען אין דער צייט פון „לובלינער חוזה", וועלכער האָט זיך געוואָנדן צום קהל און האָט געזאָגט: „אין הימל ווערט געמאַכט אַ משפּט אויף אייך, און איר פירט זיך אַזוי אויף". דער עולם איז אַריין אין התלהבות און האָט תשובה געטאָן און געדאַוונט אַזוי ווי מ׳האָט שוין לאַנג נישט געזען אין לאַנצוט. נאָכן דאַווענען האָט דער רבי געזאָגט: „אייער תשובה איז זייער גרויס. איר זענט אַלע געבענטשט מיט אַ גוט יאָר". און מען דערציילט אַז דעם יאָר איז קיין מענטש נישט געשטאָרבן אין לאַנצוט. און פון דאַנען נעמט זיך אויך די לעגענדע, אַז דער בית־הכנסת איז געבענטשט מיט אַ סך יאָרן.

✶

איך געדענק אין 1918, ווען פּוילן איז געוואָרן זעלבשטענדיק. די פּאָליאַקן האָבן „געפייערט" זייער באַפרייאונג מיט פּאָגראָמען אויף יידן. ס׳איז געווען פאַרנאַכט; די זון האָט געוואָרפן אַ רויטן בלאַסק אויף די שויבן פונם בית־הכנסת, ווען די יידן זענען זיך צוזאַמענגעקומען הערן די רייד פון דעם ציוניסטישן רעדנער ר׳ נתן מילייקובסקי. דער רעדנער מיט זיין לאַנגער באָרד איז געשטאַנען נעבן ארון הקודש און אין זיינע רייד געפונען אַ צוזאַמענהאַנג צווישן דער פּוילישער באַפרייאונג און די האָפנונג פון יידישער באַפרייאונג אין ארץ־ישראל. אין מיטן דער רעדע זענען אַריינגעפאַלן שטיינער אין שול, וועלכע שקצים האָבן דאָרטן אַריינגעוואָרפן. ר׳ נתן מילייקובסקי האָט דאַן אויסגערופן: „מאָטל מיט די קוליעס גייט נאָך אַרום אין גאַס..." געמיינט האָט ער די יידישע אינוואַלידן פון דער מלחמה, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר די פּאָליאַקן. דער רעדנער האָט דאַן אַנאַליזירט די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק, וואָס די גרעסטע העלדישקייטן העלפן אים נישט צו באַליבן זיך אויף די גויים. נאָר די ארץ־ישראל אויסלייזונג וועט ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק — האָט ער געזאָגט.

און אָט שטייט פאַר מיר אַ צווייט בילדל: 10 יאָר נאָך דער פּוילישער באַפרייאונג. דער העברעאישער שריפטשטעלער דניאל פּערסקי באַזוכט אין 1928 אין לאַנצוט. ס׳איז



פון שול אַהיים — בדרך מבית־הכנסת
ר׳ מלך מילראַד און זיין אייניקל (ונכדו) ד"ר נתן קודיש.

תשעה באב. מיר זענען אַלע אין דער גרויסער שול. די בענק זענען איבערגעקערט. אויף די טרעפּ, װעלכע פירן צום ארון הקודש, זיצט ר׳ געצל דרוקער און זאָגט קינות. פריער לייענט ער „איכה״ אין נאַכהער פאַרשידענע פרקים װעגן חורבן בית־המקדש. די קינדער אַרום װאַרפן שטעכעץ לויטן מנהג פון תשעה באב. אונזער גאַסט זיצט נעבן מיר און װיינט, טרערן גיסן זיך פון זיינע אויגן. אויף װאָס װיינט ער? צי װיינט ער אויף דעם חורבן בית־המקדש צי אויפן טרויעריקן בילד פונם יידישן גלות?..

און אָט איז „כל נדרי״ נאַכט. יום כיפּור. גרויסע ליכט זענען אַריינגעשטעקט אין קעסטלעך זאַמד. די פייערלעך פון די ליכט זענען אַזוי רויטלעך און װאַרפן זיך אַרויף און אַראָפּ. די שטימונג איז אַן ערנסטע. דער בית־הכנסת איז פול מיט מתפללים. יידן אָנגעטאָן אין װייסע קיטלען און געלבלעכע טליתים שטייען און שאָקלען זיך. אַלץ איז פאַרטיפט אין דאַוורנען, אין בעטן צו גאָט. אין רוים פון בית־הכנסת קלינגען די תפילות פון חזן און דאָס געװיין פון אַ סך עלטערע מענטשן. עס איז דער יום הדין.

און אָט איז שמחת־תורה. גאָר אַן אַנדערע שטימונג: פון אַלע װינקלען און עקן אין בית־הכנסת קלינגט דאָס געזאַנג פון קינדער, גרויסע און אַלטע. אָט גייען די הקפות מיט די ספרי־תורה: „אנא השם הושיעה נא״. אַלץ גייט אין אַ ראָד מיט די ספרי תורה אין די הענט; ס׳איז פריילעך אויפן האַרצן. די קינדער גייען נאָך די ספרי תורה מיט די פענדלעך אין די הענט; די פּנימער פון די גרויסע שטראַלן פאַר פרייד. דער גאַנצער בית־כנסת זעט אויס װי ער װאָלט זיך באַטייליקט אין דער שמחה.

און אָט גייט מיר אַדורך פאַר די אויגן דאָס בילד אין בית־כנסת ביי נאַציאָנאַלע ציוניסטישע פייערליכקייטן: ביי דער עפענונג פון די ירושלימער אוניװוערסיטעט, אָדער ביי די אַלגעמיינע פּוילישע פייערלעכקייטן. דאַן פלעגן פאָרקומען רעפעראַטן פון דער בימה, און דער אָרקעסטער פון „הזמיר״ פלעגט שפּילן.

יאָרן זענען פאַריבער, אַ דור גייט אַװעק און אַ דור קומט און דער אַלטער בית־הכנסת אין לאַנצוט שטייט אויפן זעלבן פּלאַץ. די יידן אין לאַנצוט זענען אַװעק אויפן טרויעריקן װעג פון אַלע יידן אין פּוילן. געציילטע, איינצעלנע זענען אָנגעקומען אַהער, קיין ארץ־ישראל. איינמאָל װען כ׳האָב באַזוכט אין קונסט־שולע „בצלאל״ אין ירושלים, האָט מען מיר געװיזן אַ רעפּראָדוקציע פון אַן אייל־בילד פון לאַנצוטער בית־הכנסת, און דאַן זענען פאַר מיינע אויגן אויפגעשװוּמען די אַלע בילדער פון לאַנצוטער לעבן אין דער אַלטער שול.

אַ ביסל היסטאָריע

דעם גענויעם דאַטום װען מ׳האָט געבויט די שול אין לאַנצוט — װייסט מען נישט. עס איז נאָר באַקאַנט, אַז מ׳האָט דעם בנין געבויט אין 17־טן יאָרהונדערט, נאָך דעם אָנפאַל פון קראַשיצקי, דעם סטאַראָסטע פון פּשעמישל, אויף לאַנצוט. קראַשיצקי איז אַריין אין לאַנצוט אין יאָר 1624 און האָט חרוב געמאַכט דעם פּלאַץ און דאָס הויז פון דער געמיינדע.

צעטנאַרסקי אין זיין בוך „די שטאָט לאַנצוט״ שרייבט פיל װעגן דעם בית־הכנסת. ער דערציילט דאָרט, אַז אין יאָר 1761 האָבן די יידן באַקומען אַ דערלויבעניש פונם דוכס צו מאַכן ציגל אין זיין ציגעלניע. דער דוכס האָט געשענקט האָלץ אויף צו בויען דעם בית־הכנסת און האָט אויך דערלויבט צו בויען אַ געביידע פון ציגל אַנשטאָט די הילצערנע געביידע פון בית־המדרש.

דער מחבר דערציילט אויך אַז די צאָל יידן אין לאַנצוט איז געװען קליין און זיי האָבן דאָרט געװאוינט פון לאַנג. ער דערציילט אויך אַז דער דוכס לובאָמירסקי האָט געהאָלפן פאַרשענערן און רעמאָנטירן די שול.

איך קען נאָך צוגעבן אַז ס׳איז שװער זיך צו שטיצן אויף די רייד פון צעטנאַרסקי, װייל עס זענען דאָ גרויסע סתירות אין זיינע רייד: פון איין זייט, שרייבט ער אַז עס זענען געװען װייניק יידן אין לאַנצוט, פון דער צװייטער זייט, אַז זיי האָבן אַזש באַדאַרפן צװיי גרויסע בתי־כנסת. ער דערמאָנט אויך צװיי בנינים, אַנשטאָט דעם איינציקן בנין װעלכער, איז אונז באַקאַנט.

פון די דאָקומענטן װייזט זיך אַרויס, אַז מ׳האָט אָנגעפאַנגען בויען דעם בית־הכנסת אין יאָר 1626. אין זעלבן יאָר איז אויפגעשטעלט געװאָרן דער בית־הכנסת אין פּריװואַרסק. און אין ריישע איז דער בית־כנסת אויפגעשטעלט געװאָרן אַ שפּאָר ביסל יאָרן צוריק און צוזאַמען זענען עס געװען דריי גרויסע װיכטיקע בתי־כנסת, דריי פעסטונגען װעלכע האָבן געשיצט לובאָמירסקיס פּאַלאַץ אין לאַנצוט.

אין 1909—10, שוין אין אונזערע צייטן, האָט דער גבאי ר׳ מאַנדל שטערנהיים פאַריכט דעם בית־כנסת. ער האָט געמאַכט אַ בעטאָנענע פּאָדלאָגע אַנשטאָט די הילצערנע. ער האָט איינגעלאַדן קונסט מאָלערס פון פּשעמישל און פון ריישע, זיי זאָלן מאָלן די װענט און דעם סופיט.

צװישן די מאָלער זיינען געװען יעקב לאנגזאם פון לאַנצוט און קונסטרייך פון ריישע. זיי האָבן אויסגעמאָלן אין בית־הכנסת די 12 מזלות פון יאָר, די לוחות און פאַרשידענע געזאַנג־אינסטרומענטן, װאָס זיינען דערמאָנט אין תהילים, װעלכע עס האָבן באַנוצט די לוויים אין בית־המקדש.

אין בית־הכנסת זענען געװען פאַרשידענע היסטאָרישע חפצים. די קרוין פון דער תורה װאָס איז געװען פון זילבער; די הענטלעך פון די ספרי תורה זענען אויך געװען פון אַ היסטאָרישן װערט. די מענטעלעך פון די ספרי תורה און דער פּרוכת פון ארון הקודש זענען געװען קינסטלעך אויסגעאַרבעט. דער כיור איז געװען פון 18־טן יאָרהונדערט. די הענגלייכטער זענען געװען שיין געמאַכט דורך אומבאַקאַנטע יידישע קינסטלער. און דער כסא של אליהו הנביא איז געװען פון די צייטן פון ר׳ אריה לייבוש, אויך פון 18־טן יאָרהונדערט.

די גבאים פון בית־הכנסת אויף װיפיל איך געדענק פון אונזערע צייטן זענען געװען: מנחם מנדל שטערנהיים, חיים ישראל מאַנד, יוסף מאיר ראָזמאַרין, ישראל קישינער (קעשטעכער), יצחק זװערהאַפט, נפתלי גאָלדשטיין, שלמה מאַנגהיים און מרדכי מיט יהושע פלאַשין.

✡

אָט אַזוי קומט מיר פאַר די געשיכטע פון אונזער לאַנצוטער בית־הכנסת; לעגענדעס און ווירקליכקייט. און ווען איך נעם אַוועק מיינע אויגן פון פּאַפּיר, בשעת איך שרייב אַריין מיינע זכרונות וועגן דעם בית־הכנסת.

דאַכט זיך מיר, ווי פון דערווייטנס הער איך די שטימען, וועלכן גייען אַרויס פון די פיר ווענט. שטימען פון אונזערע ברידער, אונזערע עלטערן. שטימען פון קינדער, פון פרויען שטימען פון דאַוונען, פון געזאַנג פון טרויער. די שטימע קלינגען אַרום דעם בית־הכנסת, פאַרשפּרייטן זיך איבער פעלדער און וועלדער און קומען צו אונז זוכן אַ היימישן פלאַץ זוכן אַ ברודער. אַזוי קלינגען די שטימען אין מיינע אויערן

פנחס גאלדמאַן פתח־תקוה

דער גרויסער בית־המדרש

דער לאַנצוטער גרויסער בית־המדרש איז געווען אַן איינשטאָקיקער הויכער בנין. פון דרום זייט זענען געווען ווי צוויי שטאָק: אין דער הויך די „עזרת נשים"; און לענג אויס איז געווען אַ טעראַסע מיט שטאַכעטן און אונטן — די בעלזער קלויז.

אויפן סופיט פונעם בית־המדרש זענען געהאַנגען עלעקטרישע לייכטערס און מעשענע הענגלייכטערס אויף ליכט צינדן. יעדן פרייטיק פאַרנאַכט האָט שמערל דער שמש אָנגעצונדן די ליכט, וועלכע האָבן דערוועקט ביי אונז אַ געפיל פון פרייד, פון יום־טוב. אָבער די הענגלייכטערס זענען געוואָרן באַלויכטן מיט ליכט נישט בלויז לכבוד שבת און יום־טוב: אַז אין אַ משפחה איז געווען אַ שווער קראַנקער, זענען די בני המשפחה געקומען אין בית־המדרש מיט אַ געוויין און אָנגעצונדן ליכט אין די הענגלייכטערס. די ליכט האָבן אויף אונז דאַן געוואָרפן אַ טרויער, און מיר זענען געווען שותפים צום געבעט פאַר דעם געזונט פונעם קראַנקן.

קיין „שטענדערס" זענען אין בית־המדרש נישט געווען. לאַנגע טישן זענען געשטאַנען אַרום די ווענט, און אויף זיי זענען געווען פאַרשידענע קריצערייען פון די לאַנצוטער קינדער. אַרום די טישן זענען געשטאַנען לאַנגע בענק; איבער די בענק זענען געהאַנגען אָפּענע שאַפעס פול מיט ספרים: אַלטע ש"סן וועלכע זענען געווען אַזוי צוריסן, אַז די בחורים וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט „תיקון ספרים" האָבן מיט זיי זיך נישט מטפל געווען. און פון דער אַנדערער זייט זענען געווען נייע ש"סן און פאַרשידענע ספרי פוסקים, מוסר־ספרים, אין וועלכע די יידן האָבן געלערנט טאָג און נאַכט. דער ארון קודש און דער טיש אויף וועלכן מ'האָט געלייענט די תורה זענען געווען איינפאַך, אָבער אין אונזערע אויגן זענען זיי געווען הייליק נישט ווייניקער ווי דער טייערסטער ארון.

אין ווינקל פון בית־המדרש איז געשטאַנען אַ גרויסער אויוון, געבויט פון ציגל און איינפאַך געקאַלכט. אַרום אים זענען געשטאַנען און געלערנט די עלטערע יידן, האַלטנדיק די הענט פון הינטן און וואַרעמענדיק זיך ביים אויוון. יעדער איינער האָט זיך געהאַט זיין פלאַץ אין בית־המדרש, וועלכער איז געווען פאַרשריבן אין אַ ספּעציעלן בוך און וועלכע זענען אַריבער בירושה צו די קינדער און אייניקלעך. אַזוי ווי די בענק זענען געווען לאַנגע, זענען די „פלעצער" נישט געווען באַגרענעצט, אַזוי אַז יעדער איינער האָט געבראַכט אויף „זיין" פלאַץ די קרובים וועלכע האָבן זיך שוין געפונען אַ פלאַץ נעבן דעם בעל־הבית. מיין זיידע ר' יואליש לינדנבליט ז"ל, ווען ער פלעגט חתונה מאַכן אַ טאָכטער, פלעגט ער צוזאָגן „קעסט" און אויך אַ פלאַץ אין בית־המדרש נעבן זיך. ווען דער נייער איידעם פלעגט קומען אין בית־המדרש און אַוועקזעצן זיך אויף זיין פלאַץ, פלעגט מען זיך אַביסל שטופּן און ווי ס'זאָל נישט זיין, פלעגט שוין זיך שאַפן אַ פלאַץ פאַר דעם נייעם גאַסט. ווען ס'האָט זיך געענדיקט די צייט פונעם חתנ'ס „קעסט", פלעגט ער אַליין פאַרלאָזן דעם פלאַץ אין בית־המדרש נעבן שווער און זוכן זיך אַליין אַ פלאַץ.

צווישן די מתפללים אין בית־המדרש זענען געווען די חשובסטע בעלי־בתים פונעם שטאָט: דער רב ר' אליעזר שפירא זצ"ל, יידן תלמידי חכמים און אַזעלכע, וואָס האָבן ליב געהאַט אַריינקוקן אין אַ הייליקן ספר, און סתם „עמך".

דער בית־המדרש האָט נישט געהאַט קיין ספּעציעלן כאַראַקטער פון אַ געוויסן רבי'ן, ווייל דאָרט האָבן געדאַווענט חסידים פון פאַרשידענע רביים. אין אַלגעמיין איז די ליניע געווען פין די חסידי דינוב, דער מחבר פון „בני יששכר", ווייל דער רב פון לאַנצוט איז געווען פון זיינע אייניקלעך. צווישן אַנדערע זענען דאָרט געווען חסידים פון בעלז, שיניווע, דזיקאָוו, צ'אָרטקאָוו, סטוטשין, בלוזשעוו און קאַלישיץ.

אַזוי ווי יעדער בית־המדרש אין יענע צייטן, איז אונזער בית־המדרש אויך געווען אַ פלאַץ פאַר פאַרשידענע אָרעמעלייט, וועלכע פלעגן שלאָפן ביים אויוון; פאַרשידענע דורכוואַנדערער, וועלכע פלעגן מאַכן דעם בית־המדרש פאַר זייער היים, ביז זיי האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. צווישן אַנדערע פלעגן קומען די „מוכרי ספרים" וועלכע פלעגן אויסשטעלן זייערע סחורה אויף די טישן: סידורים, מחזורים, גמרות, הבדלה ליכט, ציציות, טליתים און אַנדערע תשמישי קדושה.

דער בית־המדרש פלעגט אייביק זיין אָפן. די שלעסער זענען געוואָרן פאַרזשאַווערט, ווייל מ'האָט זיי נישט גענוצט. דער בית־המדרש פלעגט זיין אַ מקום מקלט פאַר די לאַנצוטער קליינע גאַסן סוחרים, וועלכע פלעגן דאָ געפינען אַן אָנגענעמען פלאַץ — ווינטער קעגן די קעלט און זומער קעגן די היצן.

דאַוונען פלעגט מען דאָ אַ גאַנצן פרימאָרגן: אין מנינים

און ביחידות. אויך פלעגן יידן קומען פרימאָרגנס אַביסל לערנען אָדער מעיין זיין אין אַ ספר. אַזוי האָבן זיך אויסגעמישט די קולות פון די דאַוונער מיט די קולות פון די לערנער, און איינער האָט נישט געשטערט דעם צווייטן ווייל יעדער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע זאַכן. ס׳איז אויך געווען אַ דריטער סוג פון יידן וועלכע זענען געקומען אין בית־המדרש שמועסן, רעדן פאָליטיק, מסחר אָדער קהל זאַכן.

אַנדערע סוחרים האָבן דאָ געפונען אַ פּלאַץ צו מאַכן פּרנסה. דער עפּל סוחר פלעגט ברענגען עפּל פון צווייטן סאָרט און פאַרקויפן זיי די בחורים ביליק. אַנדערע פלעגן אַריינברענגען צו פאַרקויפן אַ טעפּל טיי מיט אַ שטיקל צוקער די בחורים, וועלכע האָבן געלערנט אַ גאַנצן טאָג. איך געדענק אַז ר׳ עוזר דער בעקער פלעגט האָבן זיין מצווה צו ברענגען אַ קעסל טיי מיט שטיקלעך צוקער, ספּעציעל אין די פרימאָרגן שעה׳ן, פאַר די וועלכע זענען געגאַנגען אין מקווה און געזעצט זיך לערנען גאַנץ פרי.

דער ערשטער אין בית־המדרש יעדן פרימאָרגן פלעגט זיין ר׳ שלום לאַנגזאַם (אסטליין). דאָס איז געווען אַ ייד אַן ענו מיט אַ גוט האַרץ. אַן אייזן סוחר וועלכער האָט געהאַט אַ זייטיק פאַך, לשם מצווה — אַ מוהל. ער פלעגט אויפשטיין 2—3 ביינאַכט און מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט פלעגט ער פאַמעלעך שפּרייזן אין בית־המדרש. אין בית־המדרש פלעגט ער זיך אַוועקזעצן אין אַ זייט, כדי נישט אויפצוועקן די אָרעמעלייט, און אָנפאַנגען מיט תיקון „חצות" און נאָך דעם זאָגן אַ ביסל תהילים, ביז ס׳פלעגן זיך צוזאַמענקומען אַביסל יידן און מ׳פלעגט מאַכן אַ „מנין". מיין פאָטער ז״ל ר׳ מנחם גאָלדמאַן, פלעגט אויך זיין פון די פריקומערס אין בית־המדרש. ער פלעגט אויך אָפּריכטן „חצות" אין די פאַרמאָרגן שעה׳ן און פאַרענדיקן מיט לערנען אין „חוק לישראל" און נאָך דעם זיין גרייט זיך צו שטעלן דאַוונען.

צווישן די פאַרשידענע „חבורות" אין בית־המדרש פלעגט זיין די „חברת ש״ס". דאָס איז נישט געווען קיין חברה לויט היינטיקע השגות, ווייל זיי פלעגן יעדן יאָר איינטיילן דעם ש״ס צו לערנען. יעדער איינער האָט געלערנט אַ צווייטע מסכתא אוןביים סוף יאָר האָט מען געמאַכט אַ „סיום" מיט אַ גרויסער סעודה און ווייטער איינטיילן דעם ש״ס. ווער ס׳האָט געלערנט יענעם יאָר אַ געוויסע מסכתא האָט אויף זיך גענומען אַן אַנדערע מסכתא.

אַ סך לאַנצוטער יידן האָבן אין דעם בית־המדרש געלעבט זייער תורה לעבן און דאָרטן האָט זיך געבויט זייער גייסט און זייער וועלט־אַנשויאונג. מיט האַרץ ווייטיק האָב איך זיך געשיידט פון דער שיינער וועלט אין מיין לאַנצוטער בית־המדרש, וועלכער האָט פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל אינהאַלט, אַזוי פיל גייסטיקן גלאַנץ. ס׳איז צום סוף חרוב געוואָרן דער לאַנצוטער בית־המדרש, וועלכער איז געווען דער פונדאַמענט פונעם נאַציאָנאַלן גייסט אין לאַנצוט.

בנימין איינהורן

חברת קנין ותיקון ספרים אין לאנצוט

צווישן די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן עקזיסטירט אין לאַנצוט, איז געווען אַ חברה „קנין ותיקון ספרים". איר אויפגאַבע איז געווען קויפן נייע ספרים און צורעכט מאַכן די געניצטע פאַר די בתי מדרשים און ישיבות פון שטאָט.

די לאַנצוטער יידן, וואָס זענען געקומען אין גרויסן בית המדרש אַריין לערנען און אפילו די, וואָס זענען נאָר געקר־מען דאַוונען, האָבן געהאַט אַ גרויסן נחת רוח זעענדיק די גרויסע קאָמפּלעטירטע ספרים שענק, מיט די נייע ווילנער ש״סן און טויזנטער ספרי קודש. די ספרים זענען אָבער נישט געשטאַנען אויף די פּאָליצעס, סתם ווי אַ צירונג, נאָר מען האָט אין זיי געלערנט בייטאָג און ביינאַכט. און וואָס מער מען האָט געלערנט אַלץ מער ספרים האָט מען באַדאַרפט און דאָס איז טאַקע געווען, ווי געזאָגט, די אויפגאַבע פון „תיקון ספרים", ווי מ׳האָט פאַרקירצט גערופן אונזער חברה.

איך האַלט מיר פאַר אַ גרויסן זכות, וואָס איך בין געווען אַ לענגערע צייט איינער פון די גבאים פון „קנין ותיקון ספרים". איך האָב זיך פאַרנומען מיט דער בוכהאַלטעריע, און אַ דאַנק דעם, וואָס דער פנקס פון דער חברה איז געווען אין מיין רשות קאָן איך אָנגעבן וועגן איר אַ סך פּרטים.

די חברה „תיקון ספרים" איז געגרינדעט געוואָרן מיט בערך 150 יאָר פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה. איר גרינדער איז געווען איינער פון די דאַמאָלטיקע צדיקי הדור, דער רבי ר׳ אלימלך מליזאַנסק זצ״ל. פון דאַמאָלט אָן האָט מען אָנגעהויבן אין שטעטל צוזאַמענעמען נדבות פאַר „קנין ותיקון ספרים". עס האָבן געצאָלט אָרעם און רייך, אָן אונטערשיד סיי די וואָס האָבן געלערנט אין בית המדרש אָדער נישט. קיינער האָט נישט אָפּגעזאָגט. יעדער לאַנצוטער ייד האָט אַרויסגעוויזן אַ ליבשאַפט צו די ספרי הקודש. אונזער חברה איז אויך געווען לעגאַליזירט ביי די מאַכט־אָרגאַנען, און מען האָט געמעגט פריי זאַמלען געלט אויף שמחות און עפנטלעכע אימפּרעזעס. אַחוץ דעם איז געווען אַ מנהג, אַז ביי קריאת התורה האָט מען מנדר געווען פאַר „תיקון ספרים". כ׳דערמאָן זיך, אַז בעת איך האָב איבערגענומען די ביכער איז געווען אין דער קאַסע בערך טויזנט זלאָטעס מזומן. די יערלעכע הכנסה איז געווען בערך 600 זלאָטעס. אין יענער צייט איז אַ זלאָטע געווען אַ פיינע מטבע, און ווי פאַר אַ חברה אין אַ קליין שטעטל איז דאָס געווען אַ באַדייטנדע

געלט־סומע. פון אט די ציפערן אליין קען מען זיך שאפן א באגריף וועגן דער באציאונג און ליבשאפט פון די לאנצוטער יידן צו די ספרים.

צווישן די ספרי הקודש פון לאנצוטער גרויסן בית המדרש האבן זיך געפונען זעלטענע אנטיקן און גאר אלטע עקזעמפלארן. צוליב איינעם אזא עקזעמפלאר איז שיער־נישט אויסגעבראכן א ברוגז מיט דער אדמיניסטראציע פון גראף פאטאצקי.

אין לאנצוטער בית המדרש האט זיך געפונען א שולחן־ערוך מיט אן איבערשריפט אויפן שער־בלאט. „קארו חי" (ווי באוואוסט איז ר' יוסף קארו געווען דער מחבר פון שולחן ערוך). דאס האט באטייט, אז דער שולחן ערוך איז געווען געדרוקט אין יאר 1565. וועגן דעם ספר האט זיך דערוואוסט, דער פארוואלטער פון גראף פאטאצקיס ביבליאטעק, א גרויסער ליבהאבער און זאמלער פון אלטע ספרים. ער האט זיך געווענדעט צו אונזער חברה, מען זאל אים דעם ספר פארקויפן, און ער איז גרייט צו באצאלן פאר אים א סך געלט. אבער טראץ דעם רעספעקט, וואס מיר האבן געהאט צום גראף פאטאצקי, און וויסנדיק, אז נישט איינמאל דארף מען האבן דעם גראפס א טובה — האבן מיר באשלאסן אפצוזאגן די בקשה און נישט געוואלט אוועקגעבן דאס ספר פאר קיין פרייז. אונזער אפזאג האט ביי יעדן אויסגעזען נאטירלעך, ווייל אזא איז געווען אונזער באציאונג צו די ספרים.

אויף מיינעם א פארשלאג האט די חברה אנגענומען א באשלוס, אז מ'טאר נישט האלטן אין דער קאסע מער קיין געלט, נאר קויפן דערפאר ספרים. מיט דער צייט איז אלץ צוגעקומען נייע ספרים. כדי צו געפינען א ספר האט מען געמוזט זיין גוט באקאנט מיט די ביכער־שענק. דעמאלט איז גראד געקומען קיין לאנצוט אויף א לענגערן אויפהאלט ר' פנחס ראזמארין פון ראפטשיץ, וועלכער האט זיך אויפגעהאלטן ביי זיינעם א פעטער, ר' יעקב חיים ראזמארין. באלד ביי זיין ערשטן באזוך אין בית המדרש איז דער גאסט נתפעל געווארן פון גרויסן ספרים אוצר. אבער ווען ער האט געוואלט געפינען א ספר, האט ער געמוזט זוכן א לענגערע צייט. ר' פנחס ראזמארין האט אין פארלויף פון א קורצער צייט אויסגעארבעט א מוסטערהאפטן קאטאלאג פאר די ספרים. אלע ספרים זענען געווען איינגעטיילט לויט די סוגים (ש"ס, פוסקים, מוסר ספרים, חסידישע ספרים) און נאמען פון ספר. אויף דער צפון־וואנט האט זיך געפונען א גרויסער לוח, ווי א וועגווייזער צו די ספרים שענק. ר' פנחס ראזמארין האט אויך איינגעפירט א סיסטעם ווי צו פירן די עווידענץ פון די ספרים. מ'האט פארשריבן, ווען יעדער ספר איז געקויפט געווארן, ווען מ'דארף אים קאנטראלירן, אדער געבן צו פארריכטן.

די ספרים זענען נישט געשטאנען סתם אויף די פאליצעס, נאר מען האט אין זיי געלערנט. די לומדי תורה, זענען באשטאנען פון צוויי הויפטגרופן: די ישיבה־בחורים און די זקנים פון שטאט. איבער הונדערט ישיבה בחורים און פופציק יונגע־לייט האבן יעדן טאג געלערנט זייערע שעורים. אנגעהויבן לערנען האבן זיי פארטאג. די עלטערע האבן געלערנט מיט די יינגערע. אין דער צווייטער גרויסער גרופע זענען געווען די זקנים, מיט וועלכע עס האבן יעדן פאר טאג געלערנט א שעור ר' יעקב (יענטשי יואלישענס) פעטערזייל. ער איז געווען א תלמיד חכם מובהק און א גרויסער ירא שמים. ר' יעקב פעטערזייל האט געהאט א זעלטענעם כוח הסברה. אפילו יידן סוחרים האבן אפגעריסן א שעה, צוויי, און געקומען הערן זיין תורה. צווישן מנחה — מעריב האט ער אויך געלערנט משניות מיט בערך א 200 בעלי בתים. עס האבן אויך צענדליקער בחורים געלערנט אין דער בעלזער קלויז. חוץ דעם זענען אויך טאג־טעגלעך אריינגעקומען פארשידענע יידן כאפן א בליק אין א ספר. אין לאנצוט האט מען זיך נישט געהאט צו באקלאגן, אז די ספרים־שענק שטייען חלילה איינזאם. ווי לאנג דאס שטעטל האט עקזיסטירט זענען די יידן געווען פארבונדן מיט זייערע ספרים.

און פונקט אזוי, ווי עס איז זיך נישט געווען צו באקלאגן אויף דער צאל לערנער, אזוי אויך האט זיך נישט געפילט קיין מאנגל אין ספרים. אויף דער צפון־וואנט פון בית המדרש האבן זיך איבער א לענג פון פינף מעטער געפונען צוויי פאליצעס מיט ספרים. אויף דער אויבערשטער פאליצע זענען געווען ש"ס'ן און פוסקים, און אויף דער אונטערשטער: תנ"ך, מוסר־ספרים און חסידישע ליטעראטור. דעם ערשטן טייל פון דער מזרח־וואנט האט פארנומען דער ארון הקודש, אין וועלכן עס זענען געשטאנען ספרי תורה'ס. שמחת תורה צו די הקפות, פלעגט דער לאנצוטער רב ר' אליעזר שפירא זצ"ל אויך מיטברענגען זיין אייגענע ספר תורה, וואס איז באזונדערס פארהייליקט געווארן צוליב דער אפשטאמונג פון די „בני יששכר", פונעם רבין ר' צבי אלימלך מדינאוו. און כאטש די מזרח וואנט איז געווען פארנומען — האט מען נאך איןביידע ווינקלען אריינגעפאסט עטלעכע ספרים־פאליצעס. דארט זענען געשטאנען צוויי אלטע ש"ס'ן, וועלכע זענען געדרוקט געווען איינער אין סלאוויטא, אין יאר תרמ"ז, און דער צווייטער אין ווארשע, תרס"ד. אויסער די אלטע ש"ס'ן זענען אויך דארט געווען עטלעכע קלענערע, אין וועלכע עס האבן ליב געהאט צו לערנען יונגע בחורים. אויף דער דרום־וואנט, איז צווישן די פענצטער אויך געווען עטלעכע פאליצעס, און עס זענען געשטאנען גרויסע רמב"מס פון א ווינער אויסגאבע — תרצ"א, שולחן ערוך'ס, יורה דעה'ס, און הונדערטער אנדערע הלכה ספרים. די מערב־וואנט, וועלכע איז געווען פארנומען מיט די „שטעט" פון די בעלי הבתים, איז אויך נישט געווען ליידיק פון ספרים. די בעלי הבתים האבן מוותר געווען אויף באקוועמלעכקייטן און מ'האט דארטן אוועקגעשטעלט א שיין־פאלירטע ספרים־שאנק מיט לוקסוס גרויסע ווילנער ש"ס'ן.

און זאל דא פארשריבן ווערן, אז בזמן חורבן לאנצוט, ווען דאס שטעטלע יידן איז אכזריות'דיק אויסגעמארדעט געווארן דורך די דייטשע בעסטיעס — זענען צוזאמען מיט זיי אויך פארניכטעט געווארן די ספרי קודש פון לאנצוטער גרויסן בית המדרש. ספרים, אויף וועלכע עס זענען אויסגעוואקסן דורות, און וואס זענען געווען, הייליק ביי די יידן פון קהילת הקודש לאנצוט.

ג. פאַר און צווישן ביידע וועלט מלחמות

נחמן קעסטנבאום

פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין לאַנצוט

1

די פאַר הערצליאַנישע תקופה

די השכלה־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך שוין געהאַט פאַרפעסטיקט אין אַנדערע שטעט אין גאַליציע, איז דערשינען אין לאַנצוט ערשט אין לעצטן צענדליק פון 19־טן יאָרהונדערט.

דער פּיאָנער פון דער השכלה באַוועגונג אין לאַנצוט איז געווען דער באַוואוסטער משכיל יצחק ווייסמאַן, אַרום וועלכן עס האָבן זיך מיט דער צייט קאָנצענטרירט אייניקע וויסנסדאָרשטיקע בחורים, וועלכע האָבן געהאַט דעם מוט דורכצוברעכן די וואַנט פון אָפּגעשטאַנענקייט און געזעלשאַפטלעכע פאַרגליווערונג אין דער יידישער גאַס.

די דאָזיקע בחורים האָבן געהאַט אויסצושטיין אַ שווערן געראַנגל, ווייל דאָס חסידישע לאַנצוט מיט דעם פּאָפּולערן און איינפלוסרייכן אָרטאָדאָקסישן רב, ר׳ שמחה שפּירא זצ״ל בראש, האָט געפירט אַן עקשנותדיקן קאַמף, זעענדיק אין דער השכלה די גרעסטע סכנה פאַר דעם קיום פון דת און חסידישן שטייגער.

אין דער וואוינונג פון יצחק ווייסמאַן, וואו עס האָט זיך געפונען אַ רייכע ביבליאָטעק מיט די ווערק פון די השכלה־שרייבער, פלעגן בחורים פון בית־המדרש זיך צונויפקומען אין געהיים, כדי צו לייענען אַ בוך אָדער הערן נייעס פון דער יידישער וועלט, פון דער השכלה־באַוועגונג אין אַנדערע לענדער.

מען האָט באַדאַרפט האָבן אַ סך מוט און אַנטשלאָסנקייט, כדי אָנטיילנעמען אין די דיסקוסיעס און שמועסן אין יצחק ווייסמאַנס וואוינונג, און נישט איינער פון די דאָזיקע חסידישע בחורים פלעגט אויסמיידן זיין געזעלשאַפט, מורא האָבנדיק פאַר די אָרטאָדאָקסן.

ער אַליין, יצחק ווייסמאַן, האָט זיך געהאַלטן מוטיק און האָט נישט אָפּגעשטעלט זיין אויפקלערונגס־טעטיקייט. מיט זיינע מאמרים, וואָס זענען דערשינען אין די דעמאָלטיקע השכלה־צייטשריפטן, האָט ער זיך דערוואָרבן אָנערקענונג און אַ נאָמען מחוץ די גרענעצן פון לאַנצוט, און זיין אַרויסטרעטונג אין דער צייטשריפט „השחר״ אין יאָר 1876, אין וועלכער ער האָט זיך שאַרף אָפּגערעכנט מיט זיינע קעגנער, האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין די דעמאָלטיקע בירגערלעכע קרייזן.

טראָץ אַלע די שוועריקייטן און שטערונגען איז געוואָקסן אין לאַנצוט דער קרייז פון די אָנהענגער פון די השכלה־לאָזונגען און אַפילו אין בית־המדרש, אין דער פעסטונג פון די פאַרביסנסטע קעגנער פון יעדער אויפקלערונגס־טעטיקייט, האָבן זיך שוין געפונען בחורים, וואָס האָבן פון צייט צו צייט אַריינגעשמוגלט אַ העברעאישע צייטשריפט, ווי דעם „השחר״, דעם „המליץ״, אָדער דעם ספר „התועה בדרכי החיים״ פון פרץ סמאָלענסקין און זיי געלייענט בהסתר, אויסבאַהאַלטנדיק זיך פאַר די מלמדים און אַפילו פאַר די אייגענע עלטערן, און בעת שפּאַצירגענג הינטער דער שטאָט האָבן זיי געפירט לאַנגע און הייסע דיסקוסיעס.

אַ געוויסע שטיצע האָבן די דאָזיקע מוטיקע בחורים פון בית־המדרש געפונען ביי אַ קרייז פון זין פון רייכע אָרטאָדאָקסישע עלטערן, וואָס זייער אויסערלעכער לבוש איז נאָך געווען א חסידישער, אָבער זיי זענען שוין געווען ווייט פון דער השפעה פון בית־המדרש. די דאָזיקע יונגעלייט האָבן געדאַוונט אין דער שול און אין דער דזשיקעווער קלויז, האָבן געלייענט שוין גאַנץ אָפט דייטשע קלאַסיקער אָדער אַ דייטשע צייטונג, בפרט די דעמאָלטיקע פּאָפּולערע ווינער „נייע פרייע פּרעסע״.

וויכטיק פאַר די השכלה־אָנהענגער איז שפּעטער געווען די שטיצע, וועלכע זיי האָבן געפונען אין הויז פון קהילה־פאָרשטייער, ר׳ דוד (אָדער ווי מען האָט אים גערופן דוזשע) טאַנענבאום, וועלכער האָט זיך שוין דעמאָלט דערלויבט צו ברענגען קיין לאַנצוט שלום־עליכמען אויף אַ פאָרלעזונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין זיין וואוינונג פאַר אַ היימישן קרייז פון צוהערער.

2

פון דער דאָזיקער סביבה זענען געקומען די ערשטע ציוניסטן אין לאַנצוט, און דאָס נאָך פאַרן דערשיינען פון ד״ר טעאָדאָר הערצלס „יודנשטאַט״. שוין אין יאָר 1884 האָט אין ווין שטודירט אַ לאַנצוטער סטודענט, לאַנעס, וועלכער האָט געהערט צו דער ווינער ציוניסטישער אַקאַדעמישער אָרגאַניזאַציע „קדימה״, און קומענדיק בעת די פעריען קיין

לאַנצוט צו זיין משפּחה, צו די טאַנענבאַומס, האָט ער געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַרן ציוניסטישן געדאַנק. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט, איז אַנטשטאַנען ערשט אין יאָר 1894, ווען ד״ר לאַנעס האָט געגרינדעט דעם ציוניסטישן פאַראיין „ציון״, טראָץ דעם איסור מצד דעם דעמאָלטיקן רב ר׳ שמחה.

אָבער אַ דאַנק דער הילף, וועלכע ד״ר לאַנעס האָט באַקומען פון זיין צוקונפטיקן שווער ר׳ דוזשע טאַנענבאַום, זענען צום ציוניסטישן פאַראיין צוגעשטאַנען אַ סך אָנגעזעענע בעלי־בתים און יונגע, שוין מער אויפגעקלערטע בחורים, ווי אלימלך פּערלמוטער, פּאַסטערנאַק, א. ראָזמאַרין און אַנדערע. און ווען אין דעם זעלבן יאָר 1894 האָבן די יונגע אָנפירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווי ד״ר אברהם זאַלץ פון טאַרנע, אַדאָלף שטאַנד און אברהם קאַרקיס פון לעמבערג, אַנטוויקלט אַ ברייט פאַרצווייגטע פּראָפּאַגאַנדע און געשאַפן ציוניסטישע פאַראיינען אין אַ ריי שטעט, איז אויך אין לאַנצוט* געגרינדעט געוואָרן דער פאַראיין „אהבת ציון״, וואָס האָט געציילט באַלד צום אָנהויב, ווי עס איז שוין דערמאָנט אין דעם דאָזיקן יזכור־בוך אויף אַן אַנדער אָרט — 45 מיטגלידער. אין לאַנצוט האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער יונגער ציוניסטישער באַוועגונג געהאַט אַ לייכטע אַרבעט, ווייל עס האָט דאָך שוין פון דעם זעלבן יאָר עקזיסטירט דער ציוניסטישער פאַראיין „ציון״ אַזוי, אַז עס איז נאָר געענדערט געוואָרן דער נאָמען פונעם פריערדיקן פאַראיין.

פון איצט אָן האָט זיך די ציוניסטישע טעטיקייט אין לאַנצוט שוין געשטיצט אויף אַ קלאָרן איינהייטלעכן פּראָגראַם, וואָס איז ענדגילטיק פאָרמולירט געוואָרן אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון די „אהבת־ציון״ פאַראיינען, וועלכער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין טאַרנע דעם 19־טן און 20־סטן מאַי 1897. אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ, צו וועלכער עס זענען געקומען 48 דעלעגאַטן פון פאַרשידענע גאַליצישע שטעט, האָט אויך אָנטיילגענומען אַ דעלעגאַט פון לאַנצוט, א. ראָזמאַרין, וועלכער איז אויך געוויילט געוואָרן צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט „אהבת־ציון״.*

צו דער לייטונג פון „אהבת־ציון״ אין לאַנצוט האָבן אין יאָר 1894 געהערט: אלימלך פּערלמוטער (פּרעזעס), חיים וואָלקענפעלד (וויצעפּרעזעס), א. ראָזמאַרין (ביבליאָטעקאַר) און דוד פּאַסטערנאַק (סעקרעטאַר).

אַ יאָר שפּעטער איז אַלס פּרעזעס פון פאַראיין געוויילט געוואָרן חיים וואָלקענפעלד און אַלס זיין פאַרטרעטער — געצל דרוקער. אין דער זעלבער צייט איז אויך געשאַפן געוואָרן אין לאַנצוט אַ ציוניסטישע יוגנט־גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון משה שפּירא און געצל דרוקער, צוויי ענערגישע בחורים, וועלכע האָבן אַנטוויקלט אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעטיקייט צווישן דעם יונגן דור, וואָס האָט זיך נאָך געפונען אונטער דער השפּעה פון דער ערטאָדאָקס־שער סביבה. צו דער דאָזיקער אַקטיווער ציוניסטישער יוגנט־גרופּע האָבן אויך געהערט אַנדערע חברים ווי פריד, הענריק ראַמער, מרדכי היטער.

די אינטענסיווע ציוניסטישע אויפקלערונג־אַרבעט האָט טאַקע געגעבן גוטע רעזולטאַטן, און פון יאָר צו יאָר האָט זיך געשטאַרקט די השפּעה פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט און עס זענען געוואָקסן די רייען פון ציוניסטישע אָנהענגער און סימפּאַטיקער, וואָס האָבן שוין נישט מורא געהאַט אָפן זיך צו אָנערקענען צום ציוניסטישן אידעאַל.

3

דער וואוקס פון דער ציוניסטישער השפּעה אין לאַנצוט

(פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — 1914)

נאָך דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס (1896), וועלכער האָט פּראָקלאַמירט די שאַפונג פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָט די פאַרוואַלטונג פון „אהבת־ציון״ אין לאַנצוט דערפילט אויך די אויפגאַבן פון דעם אָרטיקן קאָמיטעט פון דעם ציוניסטישן לאַנדעס־פאַרבאַנד, וואָס איז געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. פון איצט אָן האָט מען דעם לאָקאַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט געוויילט אויף פאַרזאַמלונגען פון שקל־באַזיצער.

אין דער דאָזיקער ערשטער תקופה האָט זיך דער לאָקאַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט באַשעפטיקט קודם כל מיט פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט, וועלכע איז נישט געווען דעמאָלט קיין לייכטע. די השפּעה פון די אָרטאָדאָקסישע מנהיגים איז נאָך געווען גרויס, און אין דעם קאַמף קעגן דעם ציוניזם זענען זיי געווען קאָמפּראָמיסלאָז. די פּראָפעסיאָנעלע יידישע אינטעליגענץ — נאָך גאָר שוואַך אין צאָל — האָט זיך גלייכגילטיק באַצויגן צו יידישע געזעלשאַפטלעכע ענינים אַרויסווייזנדיק מער אַסימילאַטאָרישע טענדענצן.

דערפאַר האָט דער ציוניסטישער געדאַנק אָנגעהויבן צו דעראָבערן וואָס אַמאָל מער אָנהענגער אין בית־המדרש. פון דאָרט זענען אַרויס די ערשטע בחורים, וואָס האָבן שוין נישט מורא געהאַט אָפן צו מאַניפעסטירן זייער ציוניסטישן גלויבן און האָבן זייער צוגעבונדנקייט צום ציוניסטישן אידעאַל אויסגעדריקט אין אַן אינטענסיווער, טאָגטעגלעכער ציוניסטישער אַרבעט, וואָס איז אין דער ערשטער תקופה פון הערצליאַנישן ציוניזם באַשטאַנען אין איינאָרדנען פאַרזאַמלונגען און פאָרלעזונגען, כדי צו געווינען וואָס מער אָנהענגער פאַרן ציוניזם, אין פאַרקויפן שקלים און אַקציעס פאַר דער באַנק פאַר קאָלאָניזאַציע און די הויפּטזאַך — זאַמלען געלט פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. צו יענער צייט זענען נאָך אין לאַנצוט נישט געווען קיין ציוניסטישע פראַקציעס, אַזוי, אַז דער לאָקאַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (די אַזוי גערופענע סתם־ציוניסטן) האָט אַליין דערפילט אַלע אויפגאַבן און אָנווייזונגען פון די צענטראַלע ציוניסטישע אינסטאַנצן. אין

* זכרונות פון ד״ר אברהם זאַלץ, דעם וויצעפּרעזידענט פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, געדרוקט אין יובל־בוך „50 יאָר ציוניזם אין טאַרנע״, אַרויסגעגעבן דורכן לאָקאַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין טאַרנע 1934.

יאָר 1904, ווען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט האָט זיך שוין ברייטער פונאַנדערגעוואָקסן און האָט שוין געהאַט אַ גענוג שטאַרקע השפעה אויף דער לאַנצוטער יידישער באַפעלקערונג, איז אין שפיץ פון לאָקאַל־קאָמיטעט געשטאַנען הערש טאַנענבאום, דער זון פון דעמאָלטיקן ראש הקהל דוד טאַנענבאום, און צו זיינע טעטיקסטע מיטאַרבעטער האָבן געהערט: געצל דרוקער, יהושע טאַנענבאום, געצל גלאַנצבערג און דער ענערגישער און איבערגעגעבענער ציוניסטישער טוער יוסף מאיר ראזמארין — אַלע טייערע, אומדערמידלעכע טוער. און ווען אייניקע ציוניסטישע מנהיגים האָבן זיך שפּעטער געמוזט פאַרנעמען מיט לאקאלער יידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, בפרט מיט דער אַרבעט אין דער לאַנצוטער קהילה, האָט יוסף מאיר ראזמארין אויף קיין רגע נישט אָפּגעשוואַכט זיין ציוניסטישע טעטיקייט. ער איז געווען דער „רוח החיה" פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ער האָט אַגיטירט, דיסקוטירט, און אויף אַלע פאַרזאַמלונגען פלעגט ער אַרויסטרעטן מיט ציוניסטישע רעדעס. ער איז געווען דער שטענדיקער דעלעגאַט פון לאַנצוט אויף אַלע ציוניסטישע לאַנדס־און קרייז־צוזאַמענפאָרן, וואו ער האָט שטענדיק אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט פאַר זיינע באַמערקונגען און אויספירונגען. אין אַלע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט האָט מען זיך מיט כבוד באַצויגן צו ר' יוסף מאיר ראזמארין, דעם שטאָלצן און ערלעכן ייד, דעם מוטיקן קעמפער פאַרן ציוניסטישן אמת.

לאַנצוטער ציוניסטן האָבן אַרויסגעוויזן די פולסטע אַקטיוויטעט נישט בלויז ביים דערפילן די ציוניסטישע אויפגאַבן. ווען עס איז אויף דער קראָקעווער קאָנפערענץ פון גאַליצישע ציוניסטן (יולי 1906) אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס צו באַטייליקן זיך אין די וואַלן צום עסטרייכישן פאַרלאַמענט אַלס באַזונדערע נאַציאָנאַל־יידישע פאַרטיי, האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט מיטן גאַנצן ברען, אַדורכגעפירט אין יאָר 1907 די וואַל־אַקציע לטובת דעם יידיש־נאַציאָנאַלן קאַנדידאַט. מען האָט אַראָפּגעבראַכט קיין לאַנצוט ציוניסטישע רעדנער, און ווען עס איז נישט מעגלעך געווען אָפּצוהאַלטן אַזאַ אַגיטאַציע־פאַרזאַמלונג אין בית־המדרש, האָט מען זיך באַנוצט מיט דער דזשיקעווער קלויז, וואו עס האָבן געדאַוונט שוין מער אויפגעקלערטע יידן.

אָבער נישט בלויז בעת וואַלן האָבן לאַנצוטער ציוניסטן אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע אַקטיוויטעט. אויך אַנדערע אַלגעמיין־יידישע דערשיינונגען אין יידישן נאַציאָנאַלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט. ווען אין יאָר 1910 איז אין גאַליציע דורכגעפירט געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאָלקסציילונג, און לויט דער פאַראָרדענונג פון די עסטרייכישע מאַכט־אָרגאַנען איז פאַרבאָטן געווען אָנצוגעבן יידיש אָדער העברעאיש אַלס מוטער־שפּראַך, האָבן לאַנצוטער ציוניסטן געפירט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר אָנגעבן יידיש אָדער העברעאיש אין די אַנקעטן־בויגנס אויף דער פראַגע וועגן דער מוטער־שפּראַך. הגם דאָס האָט געדראָט מיט אַרעסט און געלט־שטראָף, האָט די דאָזיקע אַגיטאַציע געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט.

צו אַ שטאַרקן אויפבלי פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט איז געקומען, ווען אַלס פרעזעס פון לאָקאַל־קאָמיטעט איז געוויילט געוואָרן דער ענערגישער און איבערגעגעבענער ציוניסט, יהושע טאַנענבאום. עס זענען געוואַקסן די רייען פון דער ציוניסטישער מחנה און עס איז שוין געווען נויטיק צו דינגען איצט אַן אייגן לאָקאַל. אָבער אויך דאָס איז אין דער לאַנצוטער אָרטאָדאָקסישער סביבה געווען אַ שווער פּראָבלעם, ווייל עס איז נישט לייכט געווען אין דעם ערשטן צענדליק יאָר פונעם 20־טן יאָרהונדערט צו געפינען אין לאַנצוט אַ ייד, וואָס וואָלט וואַגן צו פאַרדינגען אַ לאָקאַל פאַר ציוניסטישע אפיקורסים... האָט מען דערפאַר געדונגען אַ לאָקאַל ביי אַ קריסט, הינטער דער שטאָט. אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זענען שוין איצט אָפטער פאָרגעקומען חברים־שמועסן, רעפעראַטן פון דעלעגאַטן פון דער ציוניסטישער צענטראַלע און מען האָט געלייענט ציוניסטישע צייטונגען.

צו דער צייט האָבן צו די טעטיקסטע חברים געהערט: שלמה גרינבוים, מרדכי היטער, גדליהו עסטליין, שרוטער, יצחק אַדלער, בערל זיסאַפעל און אברהם זאַוואַדע, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אונטערן טיטל „מקיץ נרדמים", פאַרזען מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון אַ באַקאַנטן רב, וועלכער האָט עדות געזאָגט אויף דעם מחברס פרומקייט. אין דער דאָזיקער בראָשור האָט אברהם זאַוואַדע געפּרוּווט אויפווייזן, אַז שיבת ציון איז אַ מצוה מן התורה און האָט דאָרט פאָלעמיזירט מיט די פרומע, וואָס זענען געווען קעגן דעם ציוניסטישן געדאַנק.

מיט דעם וווּקס פון דער צאָל מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז אויך פאַרשוווּנדן די מורא פאַר די אָרטאָדאָקסישע קעגנער און מען האָט געדונגען אַ לאָקאַל אין צענטער פון שטאָט ביי דעם ציוניסטיש געשטימטן יוסף קאַלטער, ווו מען האָט זיך שוין דערלויבט אויף עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, נישט רעכנדיק זיך מיט דער מיינונג פון די אַנטי ציוניסטישע קרייזן פון בית המדרש.

אין נייעם לאָקאַל איז טעטיק געווען אַן אַמאַטאָרן קרייז, וואָס האָט אויפגעפירט ערנסטע יידישע דראַמען, צו וועלכע ס'פלעגט קומען אַ גרויסער עולם. (נישט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז פרומע עלטערן זענען געקומען אין לאָקאַל בעת אַ פאָרשטעלונג, כדי מיט כוח אַרויסצופירן זייער זון אָדער טאָכטער און צוגלייך שטערן די פאָרשטעלונג). אַ חוץ דעם איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַראיין־ביבליאָטעק מיט העברעאישע און יידישע ביכער.

אויך אין בית המדרש איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. דער ציוניזם האָט שוין דאָרט דערגרייכט אַ גרעסערער צאָל בחורים, און מען האָט זיך שוין דאָרט דערלויבט גאַנץ אָפן צו לייענען צייטונגען ווי דעם לעמבערגער „טאָגבלאַט" אָדער די קראָקעווער „המצפה". עס זענען שוין דאָרט געווען בחורים, וואָס האָבן געלערנט עברית פון וואָלקאָווסקיס בריוו. זייער באַרימט איז געווען ביי די בית המדרש בחורים

דער דערמאָנטער אומדערמידלעכער ציוניסט אברהם זאַוואָדע, וועמענס אַרויסטרעטונגען האָבן תמיד צוגעצויגן אַ גרעסערע צאָל צוהערער. נעבן אים האָט זיך תמיד געפונען זיין געטרייער חבר בערל זיסאַפּעל, וועלכער האָט אים געהאָלפן אין אַ שווערן וויכוח מיט די אָרטאָדאָקסישע קעגנער.

אין פאַראיין־לאָקאַל האָט צו דער צייט אָנגעפירט מיט דער קולטור־אַרבעט לייבטשע ראָזמאַרין, וועלכער האָט פאָרגעזעצט די טעטיקייט פון זיינע פעטערס, יוסף מאיר און דוד שלום ראָזמאַרין, וואָס האָבן זיינערצייט געהערט צו די אַקטיווסטע ציוניסטן אין לאַנצוט.

באַזונדערס לעבעדיק און רירעווודיק איז געווען אין לאָקאַל פון „אהבת ציון”, ווען עס פלעגן אַראָפּקומען אויף די פעריען יידישע לאַנצוטער סטודענטן, וואָס האָבן שטודירט אין אַנדערע שטעט נאָך איידער עס איז אין יאָר 1907 געעפנט געוואָרן אין לאַנצוט אַ גימנאַזיום. די דאָזיקע שטודירנדיקע יוגנט, וואָס איז שוין דערצויגן געוואָרן אין ציוניסטישע היימען, האָט געהערט צו די אַקטיווסטע ציוניסטישע טוער. אַזוי האָט דער יונגער, ענערגישער גימנאַזיסט ראובן ראָזענבליט, אַ זון פון יחיאל ראָזענבליט, געגרינדעט אין טאָרנע, וואו ער האָט געלערנט, אין יאָר 1909 אַ סטודענטישן ציוניסטישן קרייז, און ביז צום יאָר 1912, ווען ער האָט באַלייגט מאַטורע אין טאָרנער גימנאַזיע, געשטאַנען אין שפּיץ פון דאָזיקן קרייז, וועלכער האָט דערצויגן אַ גאַנצן דור ציוניסטישע טוער און שפּעטערדיקע געזעלשאַפטלעכע מנהיגים. נישט לייכט איז געווען צו יענער צייט צו פירן אַ ציוניסטישע אַגיטאַציע צווישן יידישע גימנאַזיסטן, ווען יעדע ציוניסטישע טעטיקייט איז געווען פאַרבונדן מיט דער סכנה דערווייטערט צו ווערן פון דער גימנאַזיע. ווען ער האָט פאַרענדיקט דאָס טאָרנער גימנאַזיום, האָט ער ווייטער אַקטיוו זיך באַטייליקט אין ציוניסטישער טעטיקייט. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ראובן ראָזענבליט געוווינט מיט זיין פרוי און צוויי קינדער אין יאַראָסלאַוו ווו ער האָט געפירט אַן אַדוואָקאַטן־קאַנצעלאַריע און האָט געהערט צו די פּאָפּולערסטע אָנפירנדיקע פערזענלעכקייטן אויף דער יידישער גאַס. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה — פאַרטריבן פון יאַראָסלאַוו דורך די היטלעריסטישע רוצחים — האָט ער זיך ביז צום יאָר 1942 אויפגעהאַלטן אין לעמבערג, ווו ער איז צוזאַמען מיט זיין משפחה אומגעקומען פאַרפייניקט דורך די נאַצישע מערדער.

אין ריישע (רזשעשאָוו) ווידער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ציוניסטישער טעטיקייט צווישן די יידישע גימנאַזיסטן אַ צווייטער לאַנצוטער סטודענט, דאָלעק דרוקער, דער זון פונעם פאַרדינסטפולן געצל דרוקער, איינער פון די ערשטע ציוניסטישע עסקנים אין לאַנצוט. שוין אין די דאָזיקע יאָרן, ווען ער האָט געלעבט אין ריישע אַלס גימנאַזיסט, האָט דאָלעק דרוקער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין רעדנער־טאַלענט און צוזאַמען מיט זיין חבר אהרן היטער, אויך אַ לאַנצוטער, איינער פון פעיקסטע שילער אין גימנאַזיע, האָבן זיי ביידע געפירט אַן אַגיטאַציע און װערבירונגס־אַקציע פאַר דעם ציוניסטישן אידעאַל, בפרט צווישן דער חסידישער יוגנט אין לאַנצוט, ווען זיי פלעגן אַהיימקומען אויף די פעריען.

אַזוי איז געוואַקסן אין לאַנצוט דער כוח און השפעה פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און ווען מען האָט געדונגען אַ נייעם לאָקאַל אין שלמה װענגערס הויז אין צענטער פון דער שטאָט, האָט מען זיך שוין נישט געמוזט רעכענען מיט דער נאָענטקייט פון בית המדרש און עס איז שוין איצט געפירט געוואָרן אַן אינטענסיווע, ברייט פאַרצווייגטע ציוניסטישע טעטיקייט. אַ סך געהאָלפן דערביי האָט דער פאַקט, וואָס איצט האָבן זיך אין אים באַטייליקט אַ באַדייטנדע גרופּע פון פרויען, וואָס האָבן געהאָלפן אין דער ציוניסטישער אַרבעט זאַמלענדיק פאַרן ק.ק.ל., ווי אויך דורכפירנדיק פאַרשיידענע פאַראַנשטאַלטונגען, בפרט ביי די פאָרשטעלונגען פונעם דראַמאַטישן קרייז, וועלכער איז אַנטשטאַנען ביים פאַראיין. צו די טעטיקסטע אין דאָזיקן פרויען־קרייז האָבן געהערט: דרעזשע מילראַד, רויזע און מינע פערלמוטער, פערל מילראַד, טוני און שיינדל עסטליין און רבקה שפּיראָ.

ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט שוין פאַרנומען אַ גאָר וויכטיקן פּלאַץ אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דער שטאָט. אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די ראָמאַנטישע תקופה פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין לאַנצוט, ווייל נאָך אַ צייט־אָפּשניט פון איבער 20 יאָר — זינט עס האָט זיך באַוויזן אין לאַנצוט דער ערשטער שטראַל פונעם ציוניסטישן געדאַנק — איז אויסגעוואַקסן אין לאַנצוט אַ שטאַרקער לאַגער פון איבערגעגעבענע ציוניסטישע קעמפער, וואָס האָבן זיך איצט באַמיט צו באַקענען די ברייטסטע שיכטן פון דער לאַנצוטער יידישער באַפעלקערונג מיט די יסודות פונעם הערצליאַנישן ציוניזם און פאַראינטערעסירן זיי מיט די פּראָבלעמען פון קאָנקרעטע מעשים, וואָס האָבן געפירט צו דער רעאַליזירונג פונעם ציוניסטישן פּראָגראַם.

אַ לעבהאַפטע ציוניסטיש לעבן האָט אויפגעבליט אין נייעם פאַראיינס־לאָקאַל. טאָג־טעגלעך כמעט זענען דאָרט פאָרגעקומען איצט פאַרשידענע פאַראַנשטאַלטונגען, ווי רעפעראַטן, פאַרזאַמלונגען און דיסקוסיעס. אַלע דערשיינונגען אין יידישן לעבן אין לאַנצוט זענען איצט געוואָרן אַן אָביעקט פון פאַראינטערעסירונג מצד דער ציוניסטישער עפנטלעכקייט אין לאַנצוט.

אין דעם דאָזיקן לאָקאַל האָט אויך דער ענערגישער געזעלשאַפטלעכער טוער היינריך ראמער געשאַפן און אַנטוויקלט דעם מויזיקאַלישן קלוב „הזמיר” מיט זיין אויסגעצייכנטן אָרקעסטער. דער ציוניסטישער לאָקאַל איז געוואָרן איצט דער זאַמלפּונקט פאַרן אַלטן און יונגן דור ציוניסטן, אַ צענטער פאַר אומדערמידלעכער טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון ציוניסטישער טעטיקייט און יידישן קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנצוט.

.4

באַגרענעצטע ציוניסטישע טעטיקייט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1914, האָט זיך צוגלייך מיט יעדער סאָציאַלער און קול־

טורעלער טעטיקייט אָפּגעשטעלט אין לאַנצוט אויך די ציוניסטישע אַרבעט. כמעט אַלע אָנפירנדע חברים ווי אויך אַ גרויסער צאָל מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זענען מאָביליזירט געוואָרן צו דער עסטרייכישער אַרמיי און ווען די רוסן האָבן באַלד נאָכן אָנהייב פון דער מלחמה אָקופּירט לאַנצוט, איז אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אַנטלאָפן אַלס פּליטים אין די ווייטערע עסטרייכישע קרוינלענדער. די ווילדע מעשים פון די קאָזאַקישע אָפּטיילונגען האָבן גורם געווען, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין לאַנצוט האָט געלעבט אין שטענדיקן פּחד. אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן וועלכער ס'איז געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

ערשט נאָך דער מפלה פון דער רוסישער אַרמיי הינטער גאָרליץ, איז לאַנצוט באַפרייט געוואָרן פון דער רוסישער אינוואַזיע און עס האָבן זיך צוריקגעקערט די עסטרייכישע מיליטערישע און אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען. אין מיליטער האָבן זיך געפונען יידישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט פאַרבליבענע יונגע ציוניסטן, וואָס זענען נאָך פריי געווען פון מיליטער־דינסט, געפּרוּווט צוריק אויפלעבן די ציוניסטישע טעטיקייט אין לאַנצוט.

פון פריערדיקן ציוניסטישן לאָקאַל איז בעת דער רוסישער אינוואַזיע, אַלץ פאַרשוווּנדן. מען האָט געדונגען אַ קליינעם לאָקאַל ביי יחיאל ראָזענבליט. דאָרט האָבן ציוניסטן יעדן אָוונט געלייענט צייטונגען און פאַרבראַכט די צייט מיט שמועסן וועגן דער לאַגע אין ציוניזם און וועגן נייע האָפענונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט די ידיעות וועגן אַ יידישן לעגיאָן, וואָס קעמפט ביי דער זייט פון די ענגלענדער, וועלכן גרייטן זיך צו פאַרטרייבן די טערקן פון ארץ־ישראל. אַזעלכע ידיעות האָבן געהויבן די שטימונג און דערמוטיקט צו נייע אָנשטרענגונגען פאַר ציוניסטישער טעטיקייט.

ביי דעם פאַראיין „אהבת־ציון" איז פאַר דער מלחמה געווען טעטיק אַ רייכע ביבליאָטעק, פון וועלכער עס איז גאָר ווייניק געבליבן. איצט זענען צוריק צונויפגעזאַמלט געוואָרן די ביכער און דערגענצט מיט נייע ביכער־שפּענדונגען, איז די ביבליאָטעק ווידער געעפנט געוואָרן אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. זייער אַקטיוו זענען דעמאָלט געווען ביי דער דאָזיקער אַרבעט די חברים: יוסף ראָזענבאַך און יעקב פאַסט, ביידע עסטרייכישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן צייטווייליק געדינט אין לאַנצוט.

אַן אַנדערער יידישער סאָלדאַט אין דער ראַנג פון אַן אונטעראָפיציר אין דער עסטרייכישער אַרמיי, וואָס האָט אויך געדינט אין לאַנצוט, מיטן נאָמען מאָרגענשטערן, האָט זיין גאַנצע פרייע צייט געווידמעט דער ציוניסטישער אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן דער יידישער יוגנט, וועלכע ער האָט מיט זיינע פאָרלעזונגען פאַראינטערעסירט פאַר ציוניסטישע פּראָבלעמען, און מקרב געווען צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיט דער צייט האָבן זיך אַרום דעם דאָזיקן קרייז פון יוגנטלעכע ציוניסטן קאָנצענטרירט די יידישע גימנאַזיסטן, און בעת עס האָבן זיך אין גאַליציע באַוויזן די ערשטע שפּראָצונגען פון דער ציוניסטישער „השומר הצעיר" באַוועגונג, איז אויך אין לאַנצוט נאָך בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אונטער דער אָנפירונג פון צוויי יידישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געדינט אין אַן עסטרייכישער מיליטער־אָפּטיילונג אין לאַנצוט — מונדעק לאנדאו און יהושע קעסטין — אַנטשטאַנען אַ קבוצה פון „השומר הצעיר".

צום אויפלעבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין לאַנצוט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט פיל בייגעטראָגן די אַנוועזנהייט פון מערערע יידישע אָפיצירן, וואָס האָבן אין זייערע שטעט און שטעטלעך פאַר דער מלחמה געהערט צו די אַקטיווע ציוניסטישע טוערס. עס איז גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי ד"ר ראָזענטאַל און ד"ר ליכטגאַרטן, ביידע דאָקטוירים אין מיליטער־דינסט, וואָס האָבן אַ סך בייגעטראָגן צום אויפבלי פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט, אפילו אין די שווערע מלחמה באַדינגונגען. זיי איז דאָס געלונגען צו באַקומען פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דעם פּרעכטיקן זאַל פון דעם באַאַמטן־קאַסינאָ אין לאַנצוט, צו וועלכן יידן האָבן פריער נישט געהאַט קיין צוטריט. און טאַקע אַ דאַנק דעם איז איצט מעגלעך געווען אין דעם דאָזיקן זאַל איינצואָרדנען גרעסערע פאַראַנשטאַלטונגען, וועלכע פלעגן תמיד צוציען אַ גרויסן עולם. צו דער הערלעכסטער און גאָר געלונגענער פאַראַנשטאַלטונג פון דער דאָזיקער תקופה געהערט בלי ספק דער פעסטלעכער מכבי־אָוונט מיט אַ רייכן מוזיקאַליש־וואָקאַלישן פּראָגראַם, דערביי האָט אַ שטאַרקן רושם געמאַכט די פעסט־רעדע פון ד"ר משה וואַלד פון ריישע.

אויף אַזאַ אופן איז צוריק אויפגעבויט געוואָרן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט. דער פאַראיינס־לאָקאַל ביי יחיאל ראָזענבליט איז שוין געווען צו קליין און מען האָט געדינגען אַ גרעסערן לאָקאַל אין הויז פון דער משפחה שיפער. איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעגולערע ציוניסטישע טעטיקייט. עס איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן דער ציוניסטישער לאָקאַל־קאָמיטעט ווי אויך די ק.ק.ל. קאָמיסיע. פאָרזיצער פון לאָקאַל קאָמיטעט איז געווען איצט דער חבר מנחם רייך, וועלכער האָט צוגלייך מיט גרויס דערפאָלג אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פאַרן ק. ק. ל. און צו זיין הילף האָט ער געהאַט אַ גרופּע פון איבערגעגעבענע, געטרייע חברים. צו דעם דאָזיקן אַקטיוו האָבן דעמאָלט געהערט די חברים: יוסף זייפערט, שמואל זאַוואַדע, אליעזר סטעמפעל, חיים לוקסענבורג, קלמן טראַמפּעטער, דב גאָלדשטיין, צבי קעשטעכער — אַ דיסציפּלינירטע גרופּע פון באַוווּסטע ציוניסטישע טוער, וואָס האָבן מיט זייער התלהבותדיקער און קרבנות־פולער ציוניסטישער טעטיקייט פיל בייגעטראָגן צום ווידעראויפבוי און וווּקס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט.

אויך דער יונגער ציוניסטישער דור האָט אויסגעפילט די ציוניסטישע רייען אונטער דער אָנפירונג פון מנחם סטעמפּעל, חיים העבענשטרייט, שמעון וואָלקענפעלד, מנחם בוימאייל, מנחם זאָנענשיין און דעם שרייבער פון די שורות.

עס איז אויך אַקטיוויזירט געוואָרן די פרויען־גרופּע ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און מיט דער הילף פון דער ענערגישער פרוי פערל שיפער איז אָרגאַניזירט געוואָרן די

סעקציע פון ציוניסטישע פרויען, וועלכע האָבן פיל מיטגעהאָלפן אויף אַלע געביטן פון ציוניסטיש־קולטורעלער, ווי אויך זאַמלונגס־און ווערבירונגס־טעטיקייט. מיט דער פרויען־גרופּע ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעפירט די פרוי רויזע פערלמוטער און מיט דער מיטווירקונג פון אַזעלכע אַרבעטסזאַמע און איבערגעגעבענע חברות ווי די פרויען שיפּער, אַפּטער, ראָזמארין, מילראד, שפירא, פערלמוטער, עסטליין — האָט דער ציוניסטישער פרויענקרייז פיל בייגעטראָגן צו דער פאַרשטאַרקונג און וווקס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט.

עס זענען געקומען די טעג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. די שטימונג אויף דער יידישער גאַס אין לאַנצוט איז געווען אַ דערהויבענע און עס זענען געוואַקסן די ציוניסטישע רייען. גאָר אָפט זענען שוין איצט פאָרגעקומען ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען אין בית המדרש ווי אויך אין דער שול, אויף וועלכע עס פלעגן שוין אָפן אַרויסטרעטן מיט ציוניסטישע רעפעראַטן דעלעגאַטן פון דער ציוניסטישער צענטראַלע אין קראָקע אָדער פון אַנדערע גרעסערע שטעט. צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט שוין פאַרנומען אַ שטאַרקע פּאָזיציע אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן אין דער שטאָט.

.5

פאַרשטאַרקטע ציוניסטישע טעטיקייט אין לאַנצוט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

אין אָקטאָבער 1918 האָבן קאַפּיטולירט די צענטראַלע מלוכות און עס איז זיך צעפאַלן די עסטרייך־אונגאַרישע מאָנאַרכיע. עס איז אַנטשטאַנען דאָס נייע אומאָפּהענגיקע פּוילן, וואָס האָט אויך אַרומגענומען גאַליציע. לויט דעם באַשלוס פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע, זענען אויפן 14־טן אָקטאָבער 1918 גערופן געוואָרן אין גאַנץ גאַליציע גרויסע מאַניפעסטאַציעס פון דער יידישער באַפעלקערונג, אויף וועלכע עס זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן די נאַציאָנאַל־יידישע פאָדערונגען — מיט דעם אַפּעל צום פּוילישן פאָלק וועגן אָנערקענען די היסטאָרישע רעכט פון יידישן פאָלק אויף ארץ־ישראל, דערביי זענען אויך אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאָדערונגען וועגן דעמאָקראַטיזירן די יידישע קהילות אַלס די נאַציאָנאַל־יידישע פאָלקס־פאַרטרעטערשאַפט.

אויך אין לאַנצוט איז איצט איינגעטראָטן אַן ענדערונג אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. די האָפענונגען, וואָס זענען געקומען מיט דער פּראָקלאַמירונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָבן געשטאַרקט דעם גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון דער באַלדיקער רעאַליזאַציע פונעם ציוניסטישן אידעאַל, און יידן, וואָס האָבן זיך פריער פאַרהאַלטן גלייכגילטיק אָדער אפילו פיינטלעך צום ציוניזם, האָבן זיך איצט דערנענטערט צו דער ציוניסטישער פאָן. און ווען עס האָבן זיך פון פראָנט צוריקגעקערט קיין לאַנצוט יידישע סאָלדאַטן — צווישן זיי מערערע פון די פריערדיקע אַקטיווע מיטגלידער פון „אהבת ציון" פאַראיין, האָט ווידער אויפגעלעבט אין אונדזער שטאָט די ציוניסישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז איצט געשטאַנען פאַר וויכטיקע און גרויסע אויפגאַבן.

באַלד אָבער זענען צערינען די געהויבענע שטימונגען און האָפענונגען, מיט וועלכע עס איז אויף דער יידישער גאַס באַגריסט געוואָרן די נייע תקופה פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט. איבערן גאַנצן לאַנד איז אַדורך אַ כוואַליע פון אומרוען און איבערפאַלן אויף דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע איז באַדראָט געוואָרן אין איר פיזישער עקזיסטענץ, נישט רעדנדיק שוין וועגן די אָפטע רויבפאַלן פון יידישע פאַרמעגנס. לויטן רוף פון דער קראָקעווער ציוניסטישער עקזעקוטיווע איז אויך אין לאַנצוט געשאַפן געוואָרן אונטער דער אָנפירונג פון ענערגישן ציוניסטישן טוער שלמה גרינבאום אַ יידישער נאַציאָנאַל־ראַט, אין וועלכן עס זענען אַריין רעפּרעזענטאַנטן פון אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע גרופּן און שיכטן בתוכם מיט די ציוניסטישע אַקטיוויסטן. אַזוי ווי אין לאַנצוט האָט דעמאָלט אַ חוץ דער ציוניסטישער פאַרטיי נישט עקזיסטירט קיין שום אַנדערע יידישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, האָט דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט פאָרגעשטעלט מיט זיך די אמתע רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט.

אַ חוץ דער אַקציע קעגן דער אַלטער קהילה־פאַרוואַלטונג, האָט זיך די הויפּט־טעטיקייט פון נאַציאָנאַל־ראַט קאָנצענטרירט אַרום דער שאַפונג פון יידישן זעלבסטשוץ, וועלכער האָט מוטיק פאַרטיידיקט דאָס לעבן און דאָס האָב און גוטס פון דער באַדראָטער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט און פאַרשריבן איינס פון די שענסטע בלעטער אין דער געשיכטע פון לאַנצוטער יידנטום.

פאַר גאָר גרויסע אויפגאַבן איז איצט געשטאַנען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט. די נייע מעגלעכקייטן פאַר ציוניסטישער אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל האָבן געפאָדערט די שאַפונג פון אַן ענערגישער שטאַרקער אָנפירערשאַפט, וועלכע עס האָט איבערגענומען דער שוין פון פריער פאַרדינסטפולער ציוניסטישער עסקן, דער אינזש. שפּאַץ, נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען אַלס עסטרייכישער אָפיציר פון פראָנט און האָט זיך באַזעצט אין לאַנצוט. צוזאַמען מיט עטלעכע יונגע אַקאַדעמיקער, וואָס זענען אויפגעוואַקסן אין אַקטיווער ציוניסטישער אַרבעט און זענען איצט געקומען פון עסטרייכישן מיליטער — ווי אַברהם דרוקער, ראובן ראָזענבליט (וועלכער איז באַלד אַוועק פון לאַנצוט און איבערגענומען די לייטונג פון ארץ־ישראל־אַמט אין קראָקע), אהרון היטער, שלמה גרינבאום, ד״ר מארקעל, ליאון דישע, משה עסטליין, חיים טרוירינג, ווי אויך די פרויען רויזע פערלמוטער, רבקה שפּירא און הדס מילראד, — האָט אינזש. שפּאַץ דערפירט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט צו אַן אַקטיוון און דעצידירנדיקן פאַקטאָר אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנצוט. זיין ערלעכער ענטוזיאַזם און אומאונטערבראָכענער גלויבן אין ציוניסטישן אידעאַל האָט דער גאַנצער ציוניסטישער אַקטיווער מחנה אין לאַנצוט צוגעגבן מוט אין זייער ציוניסטישער אַרבעט.

אין דעם נייעם גרויסן פאַראיין־לאָקאַל ביי דער משפחה

שיפּער, זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן צאָלרייכע עפנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע עס פֿלעגן אָפט אַרויסטרעטן באַקאַנטע ציוניסטישע רעדנער פֿון דער ציוניסטישער צענטראַלע אין קראָקע. בעת איינער אַזאַ פֿאַרזאַמלונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אינעם פֿאַראיין־לאָקאַל, איז דערשינען די פּאָליציי און ווען ס'איז נישט געלונגען אַרויסצושפּרינגען דורך אַ פֿענצטער, איז אַרעסטירט און אַוועקגעפֿירט געוואָרן צו דער פּאָליציי־קאָמענדאַנטור אונטער דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט אָנטיילגענומען אין אַן אומלעגאַלער פֿאַרזאַמלונג. ערשט נאָך אַן אינטערווענץ מצד פֿאַרשידענע איינפֿלוסרייכע בירגער, איז געלונגען צו באַפֿרייען די אַרעסטירטע און צו אַנולירן די אָנקלאַגע וועגן אָפּהאַלטן אַן אומלעגאַלע פֿאַרזאַמלונג.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער אינצידענט האָט נישט אויפֿגעהאַלטן דעם כסדרדיקן וווּקס פֿון דער טעטיקייט פֿונעם ציוניסטישן לאָקאַל־קאָמיטעט אויף אַלע געביטן פֿון ציוניסטישן לעבן אין אונדזער שטאָט. אין יאָר 1919 — ווען די עקזעקוטיווע פֿון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע האָט אַדורכגעפֿירט אַ רעאָרגאַניזאַציע פֿון אַלע ציוניסטישע לאָקאַל־קאָמיטעטן אין מערבֿ־גאַליציע, איז אויך אין לאַנצוט באַשלאָסן געוואָרן אויסצוברייטערן דעם אָרטיקן לאָקאַל־קאָמיטעט און אַריינצוציִען צו דער אַרבעט אַקטיוויסטן פֿון דער יוגנט. צו דעם צוועק איז סוף 1919 פֿאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט, אויף וועלכער עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייער לאָקאַל־קאָמיטעט אין פֿאָלגנדן צוזאַמענשטעל: אינזש. שפּאַץ, היטער אַהרון, גרינבאום שלמה, דרוקער דאָלעק, ד"ר מאַרקעל לעאָן, דישע לעאָן, עסטליין משה, טרווירינג חיים, נוסבאום יחיאל, זאוואַדע שמואל, קעשטעכער הערש, דרעזשע מילראַד, רויזע פּערלמוטער, רבקה שפּירא, מלכה אַפּטער, שיפּער און אַלס פֿאַרטרעטער פֿון דער יוגנט אליעזר סטעמפּל און נחמן קעסטענבאום. אַלס פּרעזעס פֿון לאָקאַל־קאָמיטעט איז געוויילט געוואָרן אינזש. שפּאַץ אברהם און אַלס זיינע פֿאַרטרעטער שלמה גרינבאום און דאָלעק דרוקער. אַלס סעקרעטאַר איז באַשטימט געוואָרן אליעזר סטעמפּעל. דאָס זענען געווען איבערגעגעבענע, געטרייע און אומדערמידלעכע דינער פֿונעם ציוניסטישן אידעאַל, וואָס האָבן אין אַ גאָר קורצער צייט דערפֿירט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע צו אַנטוויקלונג און אויפֿשטייג. די אָנפֿירנדיקע חברים, דער אינזש. שפּאַץ, אברהם דרוקער און שלמה גרינבאום — ענטוזיאַסטישע ציוניסטישע טוער, האָבן זיך ממש מקריב געווען אין זייער התלהבות און איבערגעבנקייט צום ציוניסטישן אידעאַל במשך לאַנגע יאָרן. זיי האָבן זיך מיט גאָלדענע אותיות פֿאַרשריבן אין דער געשיכטע פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין לאַנצוט. אויך די אַנדערע מיטגלידער פֿונעם דאָזיקן לאָקאַל־קאָמיטעט האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אומבאַצווינגלעכן ווילן און קרבנותפֿולער איבערגעבנקייט ביים דערפֿילן אַלע אויפֿגאַבן, וואָס זענען געווען פֿאַרבונדן מיט דער טאָגטעגלעכער ציוניסטישער אַרבעט. אַלע, מוטיקע ציוניסטישע קעמפֿער, וואָס האָבן אין משך פֿון לאַנגע יאָרן געדינט אַלס מוסטער מיט זייער טיפֿער טרייַשאַפֿט און גלויבן צום ציוניזם. ווייניק וועג פֿון די דאָזיקע ליבע, טייערע פֿריינט איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט... כמעט אַלע זענען שפּעטער בעת דעם חורבן פֿונעם פּוילישן יידנטום פֿאַרפֿייניקט געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים... צוזאַמען מיטן גאַנצן לאַנצוטער יידנטום זענען זיי געפֿאַלן על קדוש השם.

.6
די פֿאַרשטאַרקטע טעטיקייט פֿאַרן ק.ק.ל.

דער דערמאָנטער נייער לאָקאַל־קאָמיטעט איז צוגעטראָטן צו אַן אינטענסיווער טעטיקייט, קודם כל פֿאַרן קרן קימת לישראל. אָן דער שפּיץ פֿון דער רעאָרגאַניזירטער ק.ק.ל.־קאָמיסיע איז געשטאַנען דער ענערגישער דאָלעק דרוקער מיט דעם אַרבעטזאַמען אליעזר סטעמפּל אַלס סעקרעטאַר. די פֿאַרשטאַרקטע טעטיקייט פֿון דער ק.ק.ל.־קאָמיסיע האָט אינגיכן געבראַכט גוטע רעזולטאַטן.

נאָכן אָפּפֿאָרן פֿון אליעזר סטעמפּעל מיט דער ערשטער חלוצישער גרופּע קיין ארץ־ישראל און באַלד דערנאָך, ווען דאָלעק דרוקער איז אַוועק קיין אויסלאַנד, כדי צו ענדיקן זיינע אוניווערזיטעטס־סטודיען, האָט מיט דער אַרבעט פֿאַר ק.ק.ל. אָנגעפֿירט מנחם רייך אַלס פֿאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע און פּנחס צוויבל אַלס סעקרעטאַר. צו דער צייט האָבן צו דער ק.ק.ל. קאָמיסיע געהערט נאָר די חברים פֿון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און די יוגנטלעכע פֿון „השומר הצעיר". ערשט אָנהייב 1925 איז אין דער אָנוועזנהייט פֿונעם דירעקטאָר פֿון קראָקעווער ק.ק.ל. צענטראַלע משה ווייזנפֿעלד אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייע ק. ק. ל. קאָמיסיע, צו וועלכער עס האָבן שוין געהערט די דעלעגאַטן פֿון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי, און די לייטונג מיט דער ק.ק.ל. קאָמיסיע האָבן איבערגענומען ד"ר מאַרקעל לעאָן אַלס פֿאָרזיצער און צבי קעשטעכער, אַלס סעקרעטאַר, וועלכע האָבן אָנגעפֿירט מיט דער אַרבעט פֿאַרן ק.ק.ל. אויך שפּעטער, ווען אין דער קאָמיסיע האָבן אָנטיילגענומען דעלעגירטע פֿון אַנדערע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אינצווישן אַנטשטאַנען אין לאַנצוט. אַ דאַנק דער פֿרוכטבאַרער און אָפּפֿערווייליקער אַרבעט פֿון דער דאָזיקער קאָמיסיע זענען שטענדיק געוואַקסן די הכנסות פֿון ק.ק.ל., און אויף דעם געביט האָט לאַנצוט פֿאַרנומען אין מערבֿ־גאַליציע אַ בכבודיקן אָרט. וועגן דער דערפֿאָלגרייכער טעטיקייט פֿון דער דאָזיקער ק.ק.ל. קאָמיסיע זאָגן עדות די רעזולטאַטן פֿון די פֿאַרשידענע אַקציעס פֿאַר די ארץ־ישראלדיקע פֿאָנדן, וועלכע זענען אין דער דאָזיקער תקופֿה — ביז צום אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה — דורכגעפֿירט געוואָרן אין לאַנצוט. אַזוי לייענען מיר, למשל, אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פֿון לאַנצוט, וואָס איז דערשינען אינעם קראָקאָווער „נאָווי דזיענניק" פֿון 2.2.1929, אַז בעת דער אַקציע פֿאַרן אויסקויפֿן 160 דונאַם ארץ־ישראל באָדן אין עמק איז געזאַמלט געוואָרן אַ באַדייטנדע — ווי פֿאַר די לאַנצוטער באַפֿעלקערונג — סומע פֿון 228 זל.

נאָכן יאָר 1930, ווען עס זענען אין לאַנצוט טעטיק געווען נאָך אַנדערע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און בפרט ווען עס זענען געוואַקסן די רייען פון ציוניסטישער יוגנט, וואָס איז געווען אָרגאַניזירט אין פאַרשידענע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, האָט די אַרבעט פאַר די ארץ־ישראלדיקע פאָנדן — ק.ק.ל. און קרן היסוד ארויסגעוויזן אַ כסדרדיקן וווּקס און דאָס אַ דאַנק דער האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבעט פון די אַלע ציוניסטישע ריכטונגען, וועלכע זענען אין די לעצטע יאָרן פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה טעטיק געווען אויף דער יידישער גאַס אין לאַנצוט.

אַזוי זענען אין דער דאָזיקער תקופה טעטיק געווען אין דער ק.ק.ל. קאָמיסיע די רעפּרעזענטאַנטן פון דער אַלגעמיין ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פון דער פועלי ציון פּאַרטיי, פון מזרחי, וויצא און רעוויזיאָנסיטן ביז צו זייער אַרויסטריט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אין איבערגעבנקייט און פרוכטבאַרער אַרבעט פאַרן ק.ק.ל. האָבן ריוואַליזירט צווישן זיך אַלע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן שוין דעמאָלט עקזיסטירט אין לאַנצוט, ווי „עקיבא“, „השומר הצעיר“, „פרייהייט“, „הנוער הציוני“ און אַ געוויסע צייט אויך „בית״ר“. צו די אַקטיווסטע טוער פאַרן ק.ק.ל. האָבן דעמאָלט געהערט קודם כל די אַלגעמיינע ציוניסטן, וועלכע זענען געווען אָרגאַניזירט אין פאַראיין „השחר“, ווי חיים לוקסענבורג, קלמן טראָמפּעטער, שמואל און צבי זאַוואַדע, מנחם סטעמפּל, בערל גאָלדשטיין און יוסף זייפערט. שפּעטער אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך אין דער אַרבעט פאַרן ק.ק.ל. אויסגעצייכנט די חברים פון „השחר“: חיים העבענשטרייט, געצל עסטליין, שמעון וואָלקענפעלד, לייזער פאַס, צבי זאַווערהאַפט, מיכאל וואָלצער, משה ראָזענבליט, העניה גרייזמאַן, יוסף טוכפעלד, דוד טראָמפּעטער, ישראל בירנבוים, יעקב מילראַד, דוד בומאייל, משה כץ, משה גאָלדשטיין, שלמה רעגענבויגן, און שמואל גרייזמאַן. עס מוזן אויך דערמאָנט ווערן די פרויען פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער פרויען־גרופּע, וואָס זענען ביי יעדער געלעגנהייט בייהילפיק געווען ביי דער אַרבעט פאַר זאַמלען פאָנדן אָדער איינאָרדנען פאַראַנשטאַלטונגען, כדי צו פאַרגרעסערן די הכנסות פונם ק.ק.ל. דאָס זענען געווען די פרויען: שיינדל מילראַד, די שוועסטערן אַפּטער, חיה שיפער, חוה שטעלצער, גיטל שענמאַן, חוה פלאַשען, בערטאַ פלאַשען, שיינדל סטעמפּל, רבקה באַט און נאָך אַ סך אַ סך אַנדערע אַקטיווע חברות און חברים פון דער ציוניסטישער מחנה אין לאַנצוט, וואָס האָבן אין די שווערסטע באַדינגונגען און ביי יעדער געלעגנהייט געוועקט און גערופן לאַנצוטער יידן צו שפּענדן פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל. אַ דאַנק דער איבערגעגעבנער און מיפּולער אַרבעט פון דעם גרויסן קרייז אַקטיווע ציוניסטן איז די טעטיקייט פאַרן ק.ק.ל. אין לאַנצוט געשטאַנען אויף אַ געהעריקער מדרגה און האָט אַ דאַנק די גוטע רעזולטאַטן געפונען די פולע אָנערקענונג ביי דער צענטראַלע אין קראָקע. אין דער דאָזיקער דערפאָלגרייכער טעטיקייט פאַרן ק.ק.ל. האָבן אויך אַ גרויסן אנטייל גענומען אַלע אַנדערע ציוניסטישע פראַקציעס און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן עקזיסטירט אין לאַנצוט.

7.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פאַר נייע אויפגאַבן

אָבער אויך אויף אַנדערע געביטן פון ציוניסטישער טעטיקייט האָט דער לאָקאַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט אַרויסגעוויזן אַ שטענדיקע זאָרג און אַקטיוויטעט. עס זענען געוואַקסן די רייען פון באַוווּסטזיניקע און דיסציפּלינירטע ציוניסטן צווישן דער יוגנט און עס איז צוגעקומען אַ גרויסע צאָל סימפּאַטיקער פון צווישן דעם עלטערן דור לאַנצוטער יידן. די ראַמען פונעם „אהבת ציון“ פאַראיין זענען שוין געווען צו ענג און עס איז אַנטשטאַנען די נייטווענדיקייט צו שאַפן אַ נייע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרעם, וואָס זאָל אַרומנעמען דעם עלטערן דור פון אויסגעפּרוּווטע ציוניסטישע עסקנים, ווי אויך דעם גרויסן רעזערוואַר פון יינגערע כוחות, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון ציוניסטישער אַרבעט. דערפאַר האָבן די אָנפירער פון ציוניסטישן לאָקאַל־קאָמיטעט, לייגנדיק גרויס געוויכט אויף דער נויטווענדיקייט אָרגאַניזאַציאָנעל און אידעיש צו פאַרפעסטיקן דעם גרויסן צופלוס פון יונגע און עלטערע ציוניסטן — געשאַפן דעם ציוניסטישן פאַראיין „השחר“, אין וועלכן עס האָט זיך קאָנצענטרירט אַ חוץ די פאַרדינסטפולע ציוניסטישע עסקנים פון „אהבת ציון“, אַ שטאַרקער אַקטיוו פון עלטערע ציוניסטישע יוגנט און דערמיט איז געשאַפן געוואָרן אַ פעסטער פונדאַמענט, אַ דאַנק וועלכן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסן און געוואונען דעם דאָמינירנדיקן איינפלוס אויף דער יידישער גאַס אין דער שטאָט.

צו די ערשטע אָנפירער פון „השחר“ האָבן געהערט אהרן היטער אַלס פרעזעס, חיים טרוירינג אלס סעקרעטאַר און די חברים: אליעזר סטעמפּל, שמואל זאַוואַדע, חיים לאָקסענבורג, קלמן טראָמפּעטער, צבי קעשטעכער, בערל גאָלדשטיין, מנחם סטעמפּל און נחמן קעסטענבוים. אַ הערלעכער ביישפּיל פאַר אומדערמידלעכער ציוניסטישער טעטיקייט איז געווען דער פאָרזיצער פונם פאַראיין „השחר“, אהרון היטער, וועלכער איז אין משך פון אַ לענגערער צייט געווען דער פאַקטישער און גייסטיקער אָנפירער פון די יינגערע ציוניסטישע קאַדרען. זיין קראַנקהייט, וועלכע ער האָט באַקומען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט אים נישט אָפּגעהאַלטן פון זיין קרבנותפולער ארבעט פאר דער ציוניסטישער באַוועגונג אין לאַנצוט. זיינע קורסן פון יידישער געשיכטע פלעגן תמיד צוציען אַ גרויסע צאָל צוהערער און זיינע רעפעראַטן אויף פארשידענע טעמען האָבן אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע פאַראינטערעסירונג ביי די ברייטסטע קרייזן פון דער ציוניסטישער יוגנט. לײדער האָט זיין שוואַכער געזונטצושטאַנד געצוווּנגען אים אָפּצוזאָגן זיך פון דער פירונג מיטן „השחר“ און אויך זיין אָרט האָט די אָנפירונג מיטן דאָזיקן פאַראיין איבערגענומען שמואל זאַוואַדע, וועמען עס האָט אין דער שווערער אויפגאַבע באַדייטנד געהאָלפן נחמן

קעסטענבוים. די אָפטע פאַרזאַמלונגען, שמועסן און דיסקוסיעס אויף פאַרשידענע טעמען, מיט וועלכע עס האָבן אויך אָנגעפירט מנחם סטעמפעל, ד״ר דאָלעק דרוקער און ד״ר ראובן ראָזענבליט, האָבן אַריינגעבראַכט לעבן אינעם „השחר״, דערביי איז ביים פאַראיין רעאָרגאַניזירט געוואָרן דער אָרקעסטער „הזמיר״, וועלכן עס האָט פאַר יאָרן געגרינדעט דער אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טוער הערש ראמער. דער „הזמיר״ מיט זיין אָרקעסטער, אין וועלכן די עיקר־ראָלע האָבן געשפּילט בערל און שמעון וואלקענפעלד, משה פיילשוס און אברהם שענמאַן, האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט אויף דער יידישער גאַס אין לאַנצוט.

באַדייטנד אַנטוויקלט האָט זיך דער „השחר״ אונטער דער לייטונג פון נחמן קעסטענבוים, וועמען עס איז געלונגען צו אָרגאַניזירן ביים פאַראיין אַ גוט פונקציאָנירנדע דראַמאַטישע סעקציע, וועלכע האָט אויסגעפירט אָפטע פאָרשטעלונגען פון יידישער דראַמאַטישער ליטעראַטור.


בכלל איז אינעם פאַראיין „השחר״ אויף אַ הויכן ניוואָ געשטאַנען די קולטורעלע טעטיקייט און באַזונדערס האָבן אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג אַרויסגערופן די רעפעראַטן פון ד״ר אידא לאַטרינגער, איבער אַלגעמיינע ליטעראַטור און פון נחמן קעסטענבוים, איבער העברעישע ליטעראַטור, דערביי זענען אין לאָקאַל פון „השחר״ איינגעאָרדנט געוואָרן אָפטע טיי־אָוונטן מיט ליטעראַריש־הומאָריסטישע פּראָגראַמען און אַנדערע פאַרווייַלונגען.

חלוציזם און „הגשמה עצמית״ אין לאַנצוט

איצט — ווען די ציוניסטישע באַוועגונג אין לאַנצוט האָט שוין געוואונען די יידישע יוגנט, האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון חלוציזם, פון דער באַוועגונג, וואָס האָט אָנגעשריבן אויף איר פאָן „הגשמה עצמית״. מיט דער ערשטער חלוצישער גרופּע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט, האָבן אָנגעפירט די תמיד אַקטיווע און ענערגישע חברים אהרון היטער, אליעזר סטעמפּל, קלמן טראמפּעטער, יוסף זייפערט און שמואל זאַוואדע. און הגם עס איז נישט לייכט געווען צו דערשלאָגן זיך צו אַ סערטיפיקאַט, האָבן די ערשטע לאַנצוטער חלוצים אין דער תקופה 1919—1924 טראָץ אַלע שוועריקייטן און שטערונגען אָנטיילגענומען אין דער גרויסער כוואַליע פון עליה קיין ארץ־ישראל. די ערשטע דריי חברים פון דער לאַנצוטער חלוצים־גרופּע: מנחם בוימאייל, מיכאל ראָזמאַרין און דער פאַרדינסטפולער און אומדערמידלעכער סעקרעטאַר פון ציוניסטישן לאָקאַל־קאָמיטעט אין לאַנצוט — אליעזר סטעמפּל, זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל, וואו זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די, וואָס האָבן שוין מיט שווייס און מיט ענטוזיאַזם און עקשנות געאַרבעט אין די קבוצים, אויף די שאָסייען און אין די זומפּן. עס איז שווער אויסצורעכנען די אַלע לאַנצוטער קינדער, וואָס האָבן אָפטמאָל קעגן דעם ווילן פון זייערע עלטערן פאַרלאָזט זייערע היימען, כדי איינצוגלידערן זיך אין דער מחנה פון פּיאָנערן, וואָס האָבן רעאַליזירט דעם ציוניסטישן אידעאַל.

דער דראַנג צו חלוצישער אויסוואַנדערונג האָט אויך דערגרייכט צו די קרייזן פון מיטלשטאַנד, וועלכער האָט אַמייסטנס געליטן פון שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט אַרומגענומען גאַנץ פּוילן און האָט נאָך דערצו, אַ דאַנק דעם דרוק פון גראַבסקיס שטייער־מאַשין, פאַרלוירן יעדע עקזיסטענץ־מעגלעכקייט אין אומאָפּהענגיקן פּוילן.

דער לאָקאַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט איז איצט געשטאַנען פאַר נייע אויפגאַבן אויפן געביט צו טראָגן הילף די חלוצים און בפרט צוצוגרייטן די חלוצים צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. צו דעם צוועק האָט דער לאָקאַל־קאָמיטעט מיט דער הילף פון „דזשוינט״ געשאַפן אין לאַנצוט אַ סטאָלער־וואַרשטאַט אונטער דער לייטונג פון געניטן סטאָלער־מייסטער און איבערגעגעבענעם ציוניסטישן עסקן, מרדכי פאַסטער, וואו חלוצים האָבן באַקומען די נייטיקע פאַכאויסבילדונג אין שפּעטער. ווען דער לייטער פון דאָזיקן סטאָלער־וואַרשטאַט איז אין יאָר 1925 עולה געווען



פאַמיליע פאַסטער — משפחת פסטר
ערשטע ריי פון רעכטס (שורה א׳ מימין): פייגע, מרדכי, מרגלית, חיים; צווייטע ריי פון רעכטס (שורה ב׳ מימין): צבי, בנציון.

קיין ארץ־ישראל, האָבן דאָס זעלבע געטאָן עטלעכע זיינע שילער און צווישן זיי, איינער פון די בעסטע און אַקטיווסטע ציוניסטישע עסקנים אין לאַנצוט, מנחם סטעמפּל. שוין אין לאַנצוט האָט ער זיך קונה־שם געמאַכט מיט זיינע לידער און זייענדיק אין ארץ־ישראל פלעגט ער נאָך דער טאָגטעגלעכער שווערער אַרבעט, אויספילן זיין פרייע צייט מיט פּאָעטישע שאַפונגען. זיין האַרציקע צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל און דער דראַנג צו דער אויפבוי־אַרבעט אינעם לאַנד פון זיינע חלומות, האָבן באַקומען זייער אויסדרוק אין זיינע לידער, וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבן אין אַ זאַמלבוך: „אויפן שוועל פון ליכטיקן טאָג״, וואָס איז מיט גרויס אָנערקענונג אָנגענומען געוואָרן אין די ליטעראַרישע קרייזן אין ארץ־ישראל. מנחם סטעמפּל איז היינט טעטיק אַלס סעקרעטאַר פון דער מועצה מקומית אין כפר־יונה. כמעט אַלע שילער פון מרדכי פאַסטערס סטאָלער־וואַרשטאַט זענען אַריבער קיין ארץ־ישראל, וואו זיי האָבן געפונען הילף און אַרבעט ביי אים...

ביי זייער אָנפירער און לערער, וועלכער האָט אויך אין ארץ־ישראל געעפנט אַ סטאָלעריי.

אין יאָר 1925 איז אויך עולה געווען קיין ארץ־ישראל דב ראָזמאַרין, איינער פון די אַקטיווסטע חלוצישע פּיאָנירן אין לאַנצוט. היינט אַ הקלאי אויף אַן אייגענעם משק אין כפר־יונה.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען דער דראַנג נאָך עליה קיין ארץ־ישראל האָט אַרומגענומען וואָס אַמאָל גרעסערע רייען פון דער ציוניסטישער יוגנט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נויטיק אײַנצונעמען די עליה אין אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען, און כדי צוצוגרייטן די יונגע חלוצים אין גלות צו פיזישער אַרבעט, איז געשאַפן געוואָרן אין גאַליציע, אַזוי ווי אין גאַנץ פּוילן, דער סתם־חלוצישער פאַרבאַנד, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו גרינדן הכשרה־פּונקטן און אָנווענדן אַלע מעגלעכע מיטלען, כדי צו פאַרלייכטערן די חלוצישע עליה. אויך אין לאַנצוט איז געגרינדעט געוואָרן אַן אָפּטיילונג פון סתם־חלוצישן פאַרבאַנד אין גאַליציע, און אַ דאַנק זיינע באַמיאונגען איז אין חודש מאי 1933 אָרגאַניזירט געוואָרן אַ הכשרה־פּונקט אין לאַנצוט, וואו עס האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ גרעסערע צאָל חלוצים, וועלכע זענען נאָכן פאַרענדיקן הכשרה עולה געווען קיין ארץ־ישראל. ביי דעם לאָקאַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט איז געשאַפן געוואָרן אַ באַזונדערע קאָמיסיע פון עלטערע חברים, וועלכע האָבן געבראַכט גרויסע הילף דעם הכשרה־פּונקט, דורך פאַרשאַפן אַרבעט און אָפט מיט מאַטעריעלער הילף אויפן אָרט, ווי אויך ביים שאַפן מיטלען צו דער עליה.

די דאָזיקע ערנסטע און אידעישע איינשטעלונג צום ציוניסטישן רעאַליזירונגס־פּראָצעס האָט די ציוניסטישע יוגנט אין לאַנצוט באַקומען אין די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, פון וועלכע די ציוניסטישע באַוועגונג האָט געשעפּט נייע כוחות, נייע אַקטיוויסטן. די אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר” אין לאַנצוט איז ביז צום יאָר 1930 געווען די איינציקע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין דער שטאָט און האָט ווי אַן אמתער פּיאָנער דערפילט אירע אויפגאַבן, פּראָפּאַגאַנדירנדיק דעם ציוניסטישן אידעאַל צווישן דער לאַנצוטער יידישער יוגנט. פון „השומר הצעיר” איז אַרויס דער יונגער חלוץ מיכאל וואלצער, אַ טיכטיקער און איבערגעגעבענער אַקטיוויסט, וועלכער איז אַ לענגערע צייט געווען טעטיק אין ציוניסטישן לאָקאַל־קאָמיטעט אַלס דעלעגירטער פון דער „השומר הצעיר” אָרגאַניזאַציע, ביז ער איז אין יאָר 1929 עולה געווען קיין ארץ־ישראל און דאָרט אָנהויבנדיק פון דער אַרבעט אין דעם קיבוץ פון „השומר־הצעיר” אין נס־ציונה — האָט ער דורכגעמאַכט די שווערע נסיונות פון דער דעמאָלטיקער התישבות און אַ דאַנק זיין שטאַרקן כאַראַקטער, עקשנותדיקן אויסדויער און ליבשאַפט צום לאַנד, האָט ער גובר געווען אַלע שוועריקייטן, אויף וועלכע ער האָט אָנגעטראָפן אין די ערשטע יאָרן פון זיינע אָנשטרענגונגען זיך איינצוואָרצלען אין דער ארץ־ישראל ערד. נאָך בעת זיין אויפנטהאַלט אין לאַנצוט, האָט מיכאל וואלצער באַטייליקט זיך אין אַלע אַרבעטן פון ציוניסטישן לאָקאַל־קאָמיטעט אין לאַנצוט און מיט אַ באַזונדערער איבערגעבנקייט און אידעאַליסטישן ברען האָט ער זיינע יונגע כוחות און פרייע צייט אָפּגעגעבן פאַר דער דערציאונג פון יונגע, געטרייע, קרבנות־גרייטע ציוניסטן, לייגנדיק דאָס הויפּטגעוויכט אויף דער נויטווענדיקייט צו דינען דעם ציוניסטישן אידעאַל דורך ציוניסטישע מעשים. מיכאל וואלצער איז געבליבן געטריי זיינע לאָזונגען. ער איז אַוועק אויפן חלוצישן וועג. אין ישראל האָט ער נישט אָפּגעריסן די פעדים מיט זיין אַלטער היים און האָט אָנגעהאַלטן אַ וואַרעמע פאַרבינדונג מיט זיינע חברים און פריינט. אין זיינע בריוו צו די דאָזיקע חברים, וואָס זענען נאָך געבליבן אין לאַנצוט, האָט ער תמיד געמאָנט און געוואָרנט, הלמאי עס זאָל נישט זיין צו שפּעט... אַ שנעלע, אַ באַלדיקע עליה אויף אַלע לעגאַלע אָדער אומלעגאַלע וועגן. זיין גרעסטע זאָרג איז געווען זיין ייִנגערער ברודער שמעון, וועלכן ער האָט געמוזט איבערלאָזן אין דער היים אויף אַ געוויסע צייט. אַ הערלעכער, פעאיקער בחור, דערצויגן אין דער אָרגאַניזאַציע פון „השומר הצעיר” — האָט ער מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם רוף פון זיין ברודער עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל... דער גורל האָט געוואָלט, אַז דער יונגער שמעון וואלצער האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט



פאַרוואַלטונג פון לאַנצוטער „החלוץ” — הנהגת „החלוץ”
ערשטע ריי פון רעכטס (שורה א׳ מימין): יעקב באָט, יהודה זאַואר, משה ליפשיץ. צווייטע ריי פון רעכטס (שורה ב׳ מימין): לייב שטעכער, יוסף זייפערט, אליעזר סטעמפל, שמואל גרייזמאַן. דריטע ריי פון רעכטס (שורה ג׳ מימין): לייביש ווינער, דוב ראָזמאַרין, ישראל בירנבוים, אליעזר ראָזמאַרין, משה ראָזענבלום.

אַזוי שנעל צו פאַרווירקלעכן זיינע חלומות... דערווייל איז אויסגעבראָכן די שרעקלעכע וועלט־מלחמה און ער איז צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפחה זיינער פאַרפייניקט געוואָרן דורך היטלעריסטישע רוצחים.

נאָך דעם חורבן, ווען פון לאַנצוטער יידנטום איז געבליבן נאָך אַ קליין הייפעלע לאַנדסלייט אין ישראל און אין די תפוצות, האָט מיכאל וואַלצער געשטעלט זיך פאַר אַ אויפגאַבע צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די לאַנצוטער יידן, וואָס זענען געפאַלן על קידוש השם. זיין שטרעבונג איז געווען צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון לאַנצוטער יידנטום אין פאָרעם פון אַ יזכור־בוך, וואָס זאָל געבן אַ בילד פונעם לעבן און שאַפן, פון די בענקשאַפטן און דערגרייכונגען פון זיינע לאַנצוטער ברידער, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַן אכזריותדיקן אופן. און אַ דאַנק דעם עקשנות פון מיכאל וואלצער, אַ דאַנק זיין מיפולער אַרבעט, איז געשאַפן געוואָרן דאָס דאָזיקע יזכור־בוך — אַן אייביקער מאָנומענט לכבוד דעם אומגעקומענעם לאַנצוטער יידנטום.

אָבער דעם ציוניזם דורך עליה האָבן פאַרווירקלעכט נישט נאָר די יונגע חלוצים, וואָס האָבן זייער ציוניסטישן באַוווסטזיין אויסגעשמידט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אין „השומר הצעיר" אָדער אין דער „פועלי־ציון"־פאַרטיי. אין יאָר 1926 איז אויף שטענדיק אַרויסגעפאָרן פון לאַנצוט קיין ארץ־ישראל דוד האר, דער גרינדער און אָנפירער פון דער פועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט. זינט די יינגסטע יאָרן האָט דוד האר מיט איבערגעבנקייט און טריישאַפט געדינט דעם פועלי־ציוניסטישן געדאַנק און איז געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען פון פאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אויף דער יידישער גאַס אין לאַנצוט און האָט זיך דערפאַר דערוואָרבן פיל ליבשאַפט און פאָפּולאַריטעט צווישן די אָרעמע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט. צוזאַמען מיט זיין פרוי פייגע (פון הויז גוטמאַן) און צוויי זין איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל. אַ שווערן קרבן האָט דוד האר געבראַכט אויפן מזבח פון יידישן פאָטערלאַנד, ווען זיין זון שרגא ז"ל איז ביים פאַרטיידיקן דעם ישוב געפאַלן אין שרונה פון אַ פיינטלעכער קויל. די פרוי פון דוד האר — פייגע — וואָס האָט נאָך אין לאַנצוט אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער „פועלי־ציון"־באַוועגונג, האָט אויך אין ארץ־ישראל זיך נישט אָפּגעשטעלט פון איר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און איז ביזן היינטיקן טאָג טעטיק אין דער „בנות־ברית"־געזעלשאַפט, ווי אויך אין אַנדערע סאָציאַלע אינסטיטוציעס. דוד און פייגע האר געהערן צו די אַקטיווע טוער אין דער לאַנדסמאַנשאַפט פון לאַנצוטער יידן אין ארץ־ישראל און האָט אויך אַ סך ביי־געטראָגן צום דערשיינען פונעם דאָזיקן יזכור־בוך.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע פאר נייע און שווערע אויפגאבן

נאָך דעם פילסודסקי איבערקערעניש אין פוילן אין יאָר 1926, ווען די מאַכט אין פוילן איז אַריבער אין די הענט פון דער סאַנאַציע, איז אַ שווערער עקאָנאָמישער קריזיס אויסגעבראָכן אין דער פוילישער מדינה. אַמשווערסטנס האָט דער קריזיס געטראָפן די יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט דערצו געמוזט אויסשטיין דעם פיסקאַלישן שטייער־דרוק און די אַנטי־יידישע באַיקאָט אַגיטאַציע מצד די אַנטיסעמיטישע קרייזן, וואָס זענען געווען שטאַרק פאַרטראָטן אין אַלע כמעט פוילישע פאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

די ציוניסטישע אָנפירערס אין די שטעט און שטעטלעך אין פוילן זענען געשטאַנען איצט פאַר נייע אויפגאַבן צו שטעלן זיך אָן דער שפיץ פון אַ הילפס־און רעטונגס־אַקציע, און בפרט צו אָרגאַניזירן די יידישע מאַסן צום קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט און רעכט צום לעבן. און כדי נאָכצוקומען אין אונזער שטאָט לאַנצוט די דאָזיקע אויפגאַבן, איז אין חודש יאַנואַר 1928 פאָרגעקומען אַ גענעראַל פאַרזאַמלונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויף וועלכער ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייער לאָקאַל־קאָמיטעט פון פאָלגנדע חברים: ד"ר דאָלעק דרוקער אַלס פרעזעס, ד"ר מאַרקעל לעאָן אַלס פאַרטרעטער, צבי זאווערהאַפט אלס סעקרעטאַר און די מיטגלידער: אינזש. אברהם שפאַץ, יחיאל נוסבאום, שלמה גרינבאום, ד"ר לאטרינגער, אליעזר פאַס, נחמן קעסטענבאום. אַלס רעפּרעזענטאַנטן פון דער יוגנט צוויי דעלעגאַטן פון דער איינציקער דעמאָלט ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט „השומר הצעיר" — משה ראָזענבליטה און מיכאל וואלצער. דער דאָזיקער נייער לאָקאַל־קאָמיטעט איז געווען אַן אמתער אַרבעטס־קאָמיטעט, וואָס האָט מיט מסירות־נפש אויסגעפירט אַלע אויפגאַבן פון דער טאָגטעגלעכער ציוניסטישער אַרבעט. דער פרעזעס פון לאָקאַל־קאָמיטעט, ד"ר דאָלעק דרוקער, האָט געשטעלט זיינע אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן אַלס אָרגאַניזאַטאָר און רעדנער צום דינסט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. פון די יונגסטע יאָרן איז ער געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אַ דאַנק זיין קרישטאָלריינעם כאַראַקטער און זיין איידל האַרץ האָט ער געוואונען אַלגעמיינע פאָפּולאַריטעט צווישן די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט. מיט טריישאַפט און איבערגעבנקייט האָט ער געדינט דעם ציוניסטישן אידעאַל און תמיד גרייט אויסצופירן די שווערסטע אויפגאַבן, איז ער געשטאַנען אויף דער פאָדערשטער פראָנט, ווי אַ מוטיקער און אַנטשלאָסענער קעמפער פאַר אַ בעסערן מאָרגן פון לאַנצוטער יידנטום. ד"ר דאָלעק דרוקער ז"ל איז געווען געשעצט און פאַרערט אין לאַנצוט נישט בלויז דורך אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר אויך דורך דער פוילישער אינטעליגענץ און די פוילישע פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין דער שטאָט. נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער צוזאַמען מיט אַלע לאַנצוטער יידן פאַרטריבן געוואָרן דורך די געסטאַפּאָ מערדער פון דער שטאָט און נישט לאַנג דערנאָך האָט ער אויסגעהויכט זיין איידעלע נשמה, פאַרפייניקט דורך די היטלעריסטישע רוצחים. כבוד זיין אָנדענק!

דער זעלבער טראַגישער גורל האָט אויך געטראָפן (אַ חוץ

דעם שרייבער פון די שורות, וואָס האָט זיך בעת דער מלחמה אויפגעהאַלטן אין סאָוויעט־רוסלאַנד און אַ חוץ דעם פריינט מיכאל וואלצער, וואָס איז, ווי מיר האָבן שוין פריער דער־מאָנט אין יאָר 1929 עולה געווען קיין ארץ־ישראל) אַלע אַנדערע חברים פון ציוניסטישן לאָקאַל־קאָמיטעט אין לאַנצוט. פאַרטריבן פון דער שטאָט תיכף נאָכן אַריינמאַרש פון די געסטאַפּאָ־אָפּטיילונגען זענען זיי אומגעקומען אין די געטאָס און אין די טויטנלאַגערן, פאַרפייניקט אויף אַן אכזריותדיקן אופן דורך די נאַצישע מערדער.

דער ניי־געוויילטער לאָקאַל־קאָמיטעט איז געווען טעטיק אויף אַלע פראָנטן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן, קולטורעלן און סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן אין לאַנצוט. אין יאָר 1929 האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט אַקטיוו זיך באַטייליקט אין וואַלקאַמף צו דער יידישער קהילה און שפּעטער צום שטאָטראַט און צום פּוילישן סיים. עס זענען געמאַכט געוואָרן אָנשטרענגונגען צו פאַרגרעסערן די הכנסות פונעם קרן קימת לישראל און קרן היסוד און ווען עס איז אין יאָר 1931 פּראָקלאַמירט געוואָרן אין גאַליציע דער „סאָקאָלאָוו־חודש" פאַרן צוועק פון ציוניסטישער פּראָ־פּאַגאַנדע, האָט דער ציוניסטישער לאָקאַל־קאָמיטעט אין לאַנ־צוט אַדורכגעפירט אַן אימפּאָזאַנטע אויפקלערונגס־אַקציע לטובת דעם ציוניסטישן אידעאַל און אַראָפּגעבראַכט קיין לאַנ־צוט דעם דעמאָלטיקן פּרעזעס פון דער קראָקעווער ציוניסטי־שער עקזעקוטיוו, דעם אַלגעמיין באַליבטן און געשעצטן מגר. לעאָן סאלפעטער. ווײַלכער האָט פאַר אַ גרויסן עולם אין בית־עם רעפערירט וועגן די אַלגעמיינע יסודות פון הערצליאַנישן ציוניזם און די וועגן פון זיין רעאַליזאַציע.

אויף דעם דאָזיקן לאָקאַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט איז אויך געלעגן דער עול צו שאַפן און צו אַנטוויקלען אין דער שטאָט אַ העברעאיש שולוועזן, צו עפענען און אויסצוהאַלטן אַ יידישע עפנטלעכע ביבליאָטעק, אָנצופירן מיט דער אַקציע פאַר אויפשטעלן אַ פאָלקס־הויז, אַ בית־עם אין לאַנצוט, צו אָרגאַניזירן שוץ און הילף פאַר חלוצים, צו זאָרגן פאַר ציוניסטישער קולטור־טעטיקייט אויף דער יידישער גאַס, צו וועקן דאָס פאַרשטענ־דעניש פאַר פיזישער אַנטוויקלונג פון דער יידישער יוגנט דורך גרינדונג פון גימנאַסטישע ספּאָרט־פאַראיינען, וואָס זאָלן זיין טעטיק בהתאם מיטן ציוניסטישן געדאַנק, און בכלל ביי יעדער געלעגנהייט, אויף יעדן אָרט פון יידישער געזעלשאַפט־לעכער און פּאָליטישער טעטיקייט באַוווסטזיניק צו מאַכן די יידישע באַפעלקערונג דורך ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע און מעשים.

די אַלע אויפגאַבן האָבן די ציוניסטישע מנהיגים אין לאַנצוט אַדורכגעפירט מיט התלהבות און גרעסטער קרבנות־גרייטקייט. אין דעם לעצטן צענדליק יאָר פאַר דעם אויס־ברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען טאַקע אין לאַנ־



פרויען סעקציע (סקציית נשים) פון ספּאָרט־קלוב טרומפּעלדאָר

זיצן פון רעכטס (יושבות מימין): שושנה פּאָפּיאָל, ביילע גרינער, הדסה גוטמאַן, מאַנקע מעכלאָוויטש, רחל גוטמאַן, חיה וואַלצער. שטייען פון רעכטס (עומדות מימין): מאַכטשע אַדלער, רחל שוסהיים, נעכאַ רייף, אסתר פלאַשן, העלאַ שטיצל, שרה טורקעלטויב, רוחמה שטעכער, נעכאַ זאַוארהאַפט, רבקה פּאָפּיאָל, רעגינאַ זאואר, בלימה טוכפעלד.



פינג־פאָנג סעקציע פון ספּאָרט פאַריין טרומפּעלדאָר אין בית־עם — סקציית פינג־פונג באגודת הספורט טרומפלדור.

צוט געווען טעטיק אין האָבן זיך אַנטוויקלט די ציוניסטישע ביבליאָטעק „ציון", די העברעאישע שול, דער מוזיק־פאַראיין „הזמיר", דער ציוניסטישער ספּאָרט־פאַראיין „טרומפּעלדאָר", דאָס פאָלקסהויז „בית־עם". עס האָבן אין דער דאָזיקער תקופה געווירקט אויך און עס זענען טעטיק געווען אויף אַלע געביטן פון ציוניסטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אַ חוץ דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — דער מזרחי, די פּועלי־ציון, די רעוויזיאָניסטן און די פרויען־אָרגאַניזאַציע „וויצאָ". אַ ברויזנדיק ציוניסטיש לעבן האָבן געפירט די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ווי „השומר־הצעיר", פרייהייט, עקיבא, די בני־ציון, הנוער הציוני, ברוריה, בית"ר. אין די לאָקאַלן פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָט געהילכט דער געזאַנג פון העברעאישע לידער, אין וועלכע עס איז געווען פאַרבאָרגן די בענקשאַפט נאָך ציוניסטישער טאַט, נאָך פאַרווירקלעכונג פונעם ציוניסטישן אידעאַל דורך עליה קיין ארץ־ישראל.

דער חורבן

אין חידש סעפּטעמבער 1939, ווען די היטלעריסטישע רוצחים האָבן אויף אַן אכזריותדיקן אופן פאַרטריבן די יידן פון לאַנצוט, איז צוזאַמען מיטן יידישן לעבן אָפּגעשטאָרבן אויך יעדע יידישע געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע און פּאָליטישע טעטיקייט אין דער שטאָט. דער ערשטער קרבן זענען געווען די ציוניסטישע אינסטיטוציעס און צוזאַמען מיט די יידן איז פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנצוט יעדער ציוניסטישער געדאַנק, יעדער סימן פון אַמאָליקער אַזוי רייכער און פולפאַרביקער ציוניסטישער טעטיקייט אין לאַנצוט.

אין קוואַלן פון יסורים און פּיין איז אומגעקומען דאָס לאַנצוטער יידנטום.

די שארית הפליטה, דאָס ביים לעבן איבערגעבליבענע הייפעלע לאַנצוטער יידן, האָט אָנגעקניפּט אין דער הערלעכער טראַדיציע פון אַמאָליקן „אהבת ציון" נאָך פון פאַרן יאָר 1894, און יעדער פון די לאַנצוטער יידן, וואו ער זאָל זיך נישט הייַנט געפינען — אין דער פרייער יידישער מדינה ישראל, צי אין די תפוצות — איז געבליבן טריי זיין ציוניסטישן גלויבן פון די יונגע יאָרן אין לאַנצוט. יעדער איינער פון דער לאַנצוטער שארית הפליטה לייגט צו לויט זיינע מעגלעכקייטן און כיחות אַ ציגל צו דער אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל, אָפּגעבנדיק דערמיט כבוד די ציוניסטן פון לאַנצוט, וואָס זענען געפאַלן על קדוש השם.

דוד האר תל־אביב

„פועלי ציון" אין לאַנצוט

1918 – 1926

אין לאַנצוט האָט דער ציוניזם זייער פרי געשלאָגן זיינע וואָרצלען. שוין אין יאָר 1894 האָט דאָרט עקזיסטירט אַ ציוניסטישער פאַראיין „אהבת ציון", וואָס האָט געציילט, ווי עס גיט איבער דער באַקאַנטער היסטאָריקער ד"ר נ. מ. געלבער,* 45 אַקטיווע מיטגלידער. ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז די צאָל יידן אין לאַנצוט אין דאַן געווען אַ קליינע און אַז צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט האָט זיך דאָרט דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן קאָנצענטרירט אין בית־המדרש און איז נאָך געווען אונטער דער שטאַרקער השפעה פון די חסידישע קרייזן, מוז דער פאַקט, אַז שוין דעמאָלט איז אין לאַנצוט טעטיק געווען אַ ציוניסטישער פאַראיין, באַטראַכט ווערן ווי אַן אויסדרוק פון אַ גאָר הויכער מדרגה פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און פאָליטישער רייפקייט.

איז דאָך דאָס רוב גאַליצישע שטעטלעך געווען אין די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט און אין די ערשטע יאָרן פון 20־טן יאָרהונדערט איינגעזונקען נישט בלויז אין עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט, נאָר אויך אין פאָליטישער קנעכטשאַפט ביי די דעמאָלטיקע קהילה־פאַרזאָרגערס, וואָס האָבן זיך געשטיצט אויף דער פּראָטעקציע פון פריץ אָדער סטאַראָסטע — בעת אין לאַנצוט האָט שוין דער ציוניסטישער אידעאַל אַרויסגעפירט די יידישע פאַראָרעמטע מאַסע אויפן ברייטן שליאַך פון נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַשטרעבונגען.

אין דערזעלבער צייט אָבער האָבן זיך שוין ביי די אַרבעטס־מענטשן, וואָס האָבן זיך געפינען אין די ציוניסטישע פאַראיינען, אָנגעהויבן צו מערקן די ערשטע שוואַכע נאָך סימנים פון קלאַסן־באַוואוסטזיין; עס האָט נאָך דעמאָלט, — בפרט אין די קליינע אָרטשאַפטן, — נישט עקזיסטירט דער טיפּ פון יידישן קלאַסן־באַוואוסטן פּראָלעטאַריער, ווייל יידן האָבן צו דער דאָזיקער צייט געאַרבעט כמעט אויסשליסלעך אין קליינע וואַרשטאַטן אָדער קלייטן, וואו עס האָט נישט עקזיסטירט קיין גרענעץ פון דער אַרבעטסצייט און עקספּלאָטאַציע מצד די איבעריקנס אויך נישט זייער פאַרמעגלעכע אַרבעטס־געבער. די דאָזיקע יידישע אַרבעטס־מענטשן, בפרט די האַנדלס־אָנגעשטעלטע, האָבן אינסטינקטיוו פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט פון אַן אָרגאַניזירטן קאַמף פאַר בעסערע מענטשלעכע אַרבעטס־און לעבנס־באַדינגונגען און אין די ערשטע יאָרן פון 20־טן יאָרהונדערט זענען אַנטשטאַנען סטיכיש, פון זיך אַליין, אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אין גאַליציע יידיש־נאַציאָנאַלע פאַראיינען פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע. דערביי זענען געווען אָרטשאַפטן, וואו די יידישע האַנדלס־אָנגעשטעלטע אָדער אפילו אַרבעטער האָבן אין דער ערשטער צייט אָרגאַניזירט אַזעלכע קרייזן פון אַרבעטס־מענטשן, אין די אַלגעמיינע ציוניסטישע פאַראיינען. מיט דער צייט האָט זיך פון די דאָזיקע האַנדלס־אָנגעשטעלטע פאַראיינען אויסקריסטאַליזירט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס איר פּרינציפּ איז געווען די באַזונדערקייט פון די קלאַסן־אינטערעסן פון יידישן אַרבעטער און האַנדלס־אָנגעשטעלטן און די נויטווענדיקייט צו בילדן אַ גינסטיקן באָדן פאַר אַן אייגענער אַרבעטס־אָדער האַנדלס־אָנגעשטעלטע אָרגאַניזאַציע.

אָבער, בעת למשל אין שכנותדיקן יאַראָסלאַוו האָט שוין אין יאָר 1901 עקזיסטירט אַ ציוניסטישער האַנדלס־אָנגעשטעלטער־פאַראיין „העברי" — האָט דער לאַנצוטער „אהבת־ציון" פון יאָר 1894 געטראָגן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער שוין צוליב דעם, ווייל דער געראַנגל מיט דער הערשנדיקער דעמאָלט אין דער שטאָט חסידישער מחנה, האָט געצוואונגען די קליינע גרופּע ציוניסטישע פּיאָנערן צו סאָלידאַרישער און געמיינשאַפטלעכער האַלטונג. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז ביז צום יאָר 1918 געווען דער איינציקער יידישער פּאָליטישער כוח אויף דער יידישער גאַס אין לאַנצוט.

מיט אַ גאָר גרויסער פּערספּעקטיקונג איז קיין לאַנצוט אַריינגעדרונגען דער פּועלי־ציוניסטישער געדאַנק. אין דער שכנותדיקער רײשע האָט מען שוין פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געמערקט די השפעה פון דער פּועלי־ציון־טעטיקייט, און ווען איך בין אין יאָר 1910 אַריבער פון לאַנצוט קיין ריישע, האָב איך שוין דאָרט אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרק פאַרצווייגטע פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אונטער דער אָנפירונג פון אַזעלכע איבערגעגעבענע געזעלשאַפטלעכע טוער ווי פיש, משולם דודזאָן און נחום שטערנהיים אַנטוויקלט אַ דערפאָלגרייכע אַלזייטיקע טעטיקייט אויפן פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן און ארץ־ישראלדיקן געביט. איך בין טאַקע באַלד נאָך מיין אָנקומען קיין ריישע אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם ברויזנדיקן פּועלי־ציוניסטישן פּאַרטיי־לעבן און געווען טעטיק אין דער פּועלי־ציון באַוועגונג אויך דערנאָך, ווען איך בין אין יאָר 1914, נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, צוזאַמען מיט דער כוואַליע פּליטים אַריבער קיין ווין, וואו עס האָט עקזיסטירט אַ רירעוודיקע פּ. צ. אָרגאַניזאַציע.

אין לאַנצוט איז אין דער דאָזיקער תקופה נאָך אָנגעגאַנגען אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן דעם איינפלוסרייכן לאַגער פון חסידים פון איין זייט און די השכלהשע און ציוניסטישע רייען פון דער צווייטער זייט. און די ערשטע ציוניסטישע אָנפירער אין לאַנצוט, וואָס זענען אַרויס פון דער השכלה־שול זענען אין דעם ערשטן צענדליק יאָר פון 20־טן יאָרהונדערט און דערנאָך ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געווען פאַרנומען אויסשליסלעך מיט

* פרקי גליציה — ד"ר נ. מ. גלבר: „אהבת ציון".

דער שטרעבונג אַריינצודרינגען גענצלעך אין לאַנצוטער בית־המדרש און צו געווינען די יידישע עפנטלעכקייט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַחוץ דעם איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט געצויגן איר יניקה פון אויספירן פאַרשידענע באַשטעלונגען לטובת דעם שלאָס פון די פּאָטאָצקיס, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט יידן ביי זייערע וואַלד־אָדער ערד־געשעפטן, ביים פאַרקויפן פּרוכט פון זייערע פּאָלוואַרקן, משקאות פון זייערע ספּירט־ראַפינעריעס און בראָווארן אָדער בכלל ביי פאַרשידענע באַשעפטיקונגען, וואָס זענען געווען נויטיק פאַר דער ווירטשאַפט פונעם פּריצישן הויף. יידישע אַרענדאַרן, שענקער, פאַרמיטלער אָדער קרעמער און דאָרפס־אויפקויפער — דאָס איז געווען דעמאָלט דער סאָציאַלער רוב מנין ובנין פון דער לאַנצוטער יידישער באַפעלקערונג — האָבן נישט באַשעפטיקט קיין אָנגעשטעלטע, און יידישע בעלי־מלאכות אין לאַנצוט האָבן געאַרבעט אָן וועלכער עס איז הילף, ווייל זיי זענען געווען צופרידן, אויב זיי האָבן פון אייגענער אַרבעט פאַרדינט אויף פרנסה.

דער יונגער דור, וועלכער האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דער השפעה פון דער חסידישער סביבה, איז אַוועק פון לאַנצוט, מייסטנס אין ריישע, אַ מרחק פון 17 קילאָמעטער, און געזוכט דאָרט אַרבעט. עס האָבן דערפאַר געפעלט אין לאַנצוט אין דער דאָזיקער תקופה די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר דער אַנשטייאונג און אַנטוויקלונג פון אַ וועלכער ס'איז יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. אַ פּרווו צו גרינדן אַ זש. פּ. ס. (אַנטיציוניסטישע יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי) אָרגאַניזאַציע נאָך עטלעכע יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געבליבן אָן רעזולטאַטן.

ערשט ווען עס האָט זיך פאַרענדיקט די ערשטע וועלט־מלחמה און פון די פראָנטן און פון דער רוסישער געפאַנגענשאַפט, זענען צוריקגעקומען לאַנצוטער יידישע סאָלדאַטן און צווישן זיי אַ סך געוועזענע אַקטיווע פירנדע מיטגלידער פון „אהבת־ציון”, וועלכע זענען געווען עדות פון דער שוידערלעכער וועלט־שחיטה, — האָבן זיך אין לאַנצוט אַריינגעריסן שטראַלן פון סאָציאַליסטישע אידעאַלן. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען עס זענען געוואַקסן די ראַדיקאַלע שטימונגען אויף דער יידישער גאַס, און אויך אין לאַנצוט איז איינגעטראָטן אַן ענדערונג אין דער שטימונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן ביי דער יידישער באַפעלקערונג. אָבער דערווייל זענען דאָס געווען נאָר שטימונגען, וועלכע האָבן אויך אין די ציוניסטישע רייען אין לאַנצוט אַרויסגערופן אַ פערמענט, וואָס האָט געהאָלפן אויסקריסטאַליזירן אַן אידעאישע דערנענטערונג צום סאָציאַליסטישן פליגל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און עס האָט נאָר געפעלט דער אימפּולס, וואָס זאָל העלפן צונויפזאַמלען די פּראָ־סאָציאַליסטישע עלעמענטן אין ציוניסטישן לאַגער אין לאַנצוט.

און ווען איך בין דעם 15.11.1918 צוריקגעקומען פון עסטרייכישן מיליטער קיין לאַנצוט, האָב איך טאַקע באַלד אָנגעטראָפן אויף אַ גינסטיקן באָדן פאַר דער גרינדונג פון אַ פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער איך האָב געהערט זינט מיינע יינגסטע יאָרן, אַרבעטענדיק נאָך אין ריישע פאַר דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס איז געווען גראָד אַ טאָג נאָך די אַנטיסעמיטישע עקסצעסן אין לאַנצוט און ערב דער ערשטער יאָרצייט נאָך דעם שווערן פאַרלוסט פון אומפאַרגעסלעכן פּועלי־ציון פירער ב. באָראָכאָוו. ווען איך האָב זיך פאַרשטענדיקט מיט עטלעכע אינטעליגענטע, שוין איבערצייגטע אָנהענגער פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל און מיר האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אין לאַנצוט אַ סניף פון דער פּועלי־ציון־פאַרטיי אין גאַליציע, האָבן מיר באַלד אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסער סימפּאַטיע ביי דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אויף דער ערשטער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז אויסגעוויילט געוואָרן דער ערשטער לאָקאַל־קאָמיטעט פון דער פּועלי־ציון־פאַרטיי אין לאַנצוט, צו וועלכן עס האָבן געהערט די חברים: הערש יאסעם אַלס פאָרזיצער, דער שרייבער פון די שורות אַלס סעקרעטאַר און צווישן אַנדערע נפתלי לאופּבאַן און משה צוקער. מיר האָבן זיך תיכף פאַרבונדן מיט דעם פּועלי־ציון־ראַיאָן־קאָמיטעט אין קראָקע און מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער טעטיקייט מיט דער אַרבעט פאַר דעם פּאַלעסטינאַ־אַרבעטער־פאָנד, דערביי האָבן מיר געלייגט גרויס געוויכט אויף די סאָציאַליסטישע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן דער יוגנט .אין אונזער טאָגטעגלעכער ציוניסטישער טעטיקייט האָבן מיר נישט פאַרגעסן אונטערצושטרייכן אונדזער באַזונדערן פּועלי־ציון־שטאַנדפּונקט, רעאַגירנדיק זעלבסטשטענדיק אויף פאַרשידענע אַקטועלע דערשיינונגען פון יידישן פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין לאַנצוט.

די טרויעריקע ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט, ווען די פּאָטאָצקיס האָבן אויפגעהערט צו זיין דער עיקרדיקער מקור פון דער פרנסה פון לאַנצוטער יידן, — האָט אונדז געצוואונגען צו זוכן מיטלען און וועגן, כדי צו לינדערן די נויט אויף דער יידישער גאַס. דאָס איז געווען אויך אַ צייט, ווען עס האָט — ווי אַ פּועל־יוצא פון דער מלחמה — געהערשט נאָך אין גאַליציע, ווי אין גאַנץ פּוילן, אַ תוהו־ובוהו אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט און עס האָבן נאָך עקזיסטירט גרויסע שוועריקייטן ביים פאַרזאָרגן די באַפעלקערונג מיט די נויטיקסטע פּראָדוקטן, ווי ברויט, צוקער, קאַרטאָפל וכדומה.

פאַרשטייט זיך, אַז אממייסטנס האָבן געליטן די אָרעמע יידישע שיכטן. דערפאַר האָבן מיר באַלד געגרינדעט אַ פאַרברויכס־קאָאָפּעראַטיוו (קאָנסום), צו וועלכן עס האָבן געהערט 180 יידישע משפחות מיט אַן ערך 500 נפשות, וועלכע האָבן איצט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקומען פאַר ביליקע פּרייזן אַלע נויטיקסטע טאָג־טעגלעכע געברויכס־אַרטיקלען, דערביי האָט די פאַרוואַלטונג זיך פאַרבונדן מיט די צענטראַלע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין קראָקע ווי אויך מיט אָרטיקע שטאָטישע מאַכט־אָרגאַנען, וואָס האָט אונדז דערמעגלעכט צו פאַרזאָרגן אונדזערע מיטגלידער מיט קוילן, קאַרטאָפל און לעדער. גרויס דערפאָלג האָט געהאַט אונדזערע ווענדונג צום „רויטן קרייץ”. אין ווען עמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען


די לאַנצוטער גרעפין פּאָטאָצקאַ און אַ דאַנק איר האָבן מיר באַקומען הילף אין פאָרעם פון פּראָדוקטן פאַר הונדערטער אָרעמע יידישע קינדער אין לאַנצוט. צו דער פאַרוואַלטונג פון קאָנסום האָבן געהערט: דער שרייבער פון די שורות אַלס פאָרזיצער און די חברים א. טורטעלטויב, ישראל טוכפעלד, אליהו אויגענבראון, יעקב לאַנגזאם, לייב אנמוט. אַלס דירעקטאָרן זענען געווען באַשעפטיקט הירש יאסעם, פנחס טשופער, מלך קעסטען און לאָזער מארדער.

מיר האָבן אויך נישט פאַרנאַכלעסיקט די קולטור־אַרבעט אויף דער יידישער גאַס אין לאנצוט. מיר האָבן פאַראַנשטאַלטעט פאָרלעזונגען און רעפעראַטן אויף פאַרשידענע טעמעס און מיר האָבן נישט געשפּאָרט קיין מי אויף אַראָפּצוברענגען קיין לאַנצוט פון קראקע אָדער אפילו פון וואַרשע אָדער לעמבערג, אָנגעזעענע פּרעלעגענטן און פ.צ. פירער, וועלכע האָבן רעפערירט איבער יידישע שרייבער ווי שלום עליכם און אַנדערע. אַזוי, למשל, געפינען מיר אַ ידיעה, אין דער וואַרשעווער „ארבעטער־צייטונג״, אָרגאַן פון דער פּ. צ. פּאַרטיי אין פּוילין, אַז זונטיק, דעם 12.10.1919 איז פאָרגעקומען אין לאַנצוט אַ פאָרלעזונג פון שאַכנע זאגאַן פון קראָקע אויפן טעמע: „קולטור־אויפגאַבן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט״.

אַ וויכטיקער ביישטייער ביים פאַרשפּרייטן די יידישע קולטור אין לאַנצוט איז געווען די גרינדונג פון דער ערשטער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון ד״ר מאַקס ראָזענפעלד, וועלכע האָט זיך שוין אַנטוויקלט און איז מיט אירע קנאַפּע 800 ביכער אונטער דער אָנפירונג פון דער איבערגעגעבענער פייגע גוטמאַן געוואָרן אַ צענטער פון בילדונג און וויסן פאַר דער יידישער יוגנט אין לאַנצוט.

די דאָזיקע פרוכטבאַרע און נוצלעכע טעטיקייט פון די ערשטע פועלי־ציון אַקטיוויסטן אין לאַנצוט איז איבערגעריסן געוואָרן מיטן אויסברוך פון סאָוויעטיש־פּוילישער מלחמה און אַ נייע כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם האָט זיך צעגאָסן אין פּוילן. דאָס מאָל האָט מען באַשולדיקט די יידישע באַפעלקערונג אין סימפּאַטיעס צו די באָלשעוויקעס און דערפאַר זענען אַחוץ אונטערנירונג פון יידישע מיליטער־פליכטיקע יידן אין דעם לאַגער אין יאַבלאָננע, דורכגעפירט געוואָרן אַרעסטן פון סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטלעכע טוער. אויך לאַנצוט איז נישט געבליבן פאַרשוינט, און אונדזער חבר הירש יאסעם, איינער פון אונדזערע בעסטע אַקטיוויסטן, איז אַרעסטירט געוואָרן און אַ דאַנק די באַמיאונגען פון דעם באַרימטן אַדוואָקאַט ד״ר לייב לאַנדאו פון פשעמישל איז ער באַפרייט געוואָרן פון דער תפיסה.

באַלד נאָכדעם, ווי עס האָבן זיך באַרואיקט די געמיטער, האָבן מיר זיך גענומען צו אונדזער נאָרמאַלער טעטיקייט. און אַזוי ווי אונטער אונדזער השפעה האָט זיך שוין געפונען אַ גרעסערע צאָל יוגנטלעכע פון די אָרעמע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, האָט אַ גרופּע יינגערע חברים און חברות, ווי פייגע גוטמאַן, ישראל צוקער, וואָלף טוכפעלד, וואָלף יאסעם, יוסף קעסטן — געגרינדעט אַ באַזונדערן „יוגנט״ פאַראיין,



„פועלי־ציון״ אין יאָר 1923, ערשטע ריי פון רעכטס (שורה א׳ מימין): שלמה יאַסס, לייזער־איציק גוטמאַן, שמואל קעשטעכער, משה האַר, שמעון זאואר. צווייטע ריי פון רעכטס (שורה ב׳ מימין): הערץ יאַסס, זישע האַר, ישראל צוקער, דוד האַר, אפרים זיסאַפּל, אליעזר געלבער, וואָלף טוכפעלד. דריטע ריי פון רעכטס (שורה ג׳ מימין): משה מילראַד, שמואל ראַט, אברהם מילראַד, יוסף האַר, לייזער קאַלטער, משה־יוסף מאָנדשיין, זלמן היטער. פערטע ריי פון רעכטס (שורה ד׳ מימין): אהרן מאָנדשיין, זאַלקע קאַלטער, אליהו איינהאָרן, אליעזר קעשטעכער, לייזער פּאָפּיאָל, ישראל מילראַד.

וועלכער האָט באַלד אין די ערשטע חדשים געוווּנען אַ גרויסע השפעה ביי דעם יידישן יונגן דור אין לאַנצוט. אין דעם דאָזיקן „יוגנט" פאַראיין האָט זיך געפירט אַ לעבהאַפטע קולטור־אַרבעט מיט קורסן, פאָרלעזונגען און רעפעראַטן, און דערצו איז אין די ווינטער־חדשים טעטיק געווען אין לאָקאַל פון פאַראיין אַ בופעט, וואו מען האָט געקאָנט באַקומען אומזיסט טיי און ברויט. דער „יוגנט" פאַראיין האָט אויך באַלד געפונען אַ קאָנטאַקט מיט דער צענטראַלע פון דער פועלי־ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

אונדזערע דערפאָלגרייכע, קאָנסטרוקטיווע טעטיקייט, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע סאָציאַלע און נאַציאָנאַל־קולטורעלע באַדערפענישן פון דער אַרבעטנדיקער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט, האָט אויסגעברייטערט די השפעה פון דער פ. צ. פאַרטיי און פאַרשאַפט איר פיל פּאָפּולאַריטעט אויך צווישן די יידישע קרייזן, וואָס האָבן געהאַט אַ פאַרשטענדעניש און פאַר־אינטערעסירונג פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דערפאַר איז מיט אַזאַ התלהבות אויפגענומען געוואָרן אין יאָר 1919 דער רוף פון דער לאַנצוטער פּ. צ. אָרגאַניזאַציע צו די יידישע פרויען העלפן די אָרעמע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט און גרינדן אַ באַזונדערן פרויען־קרייז, וואָס זאָל רעאַליזירן די לאָזונגען פון סאָציאַליסטישן ציוניזם. צו דעם קרייז פון איבערגעגעבענע טוערינס האָבן געהערט: פייגע האר חנה מילראַד, אסתר טוכפעלד. לאה ערנפריינד, טילא צוקער, רחל לאופּבאַן, פייגע מילראד רייזל גוטמאַן, שרה און מינדל יאסעם, וועלכע האָבן אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע טעטיקייט, מיטהעלפנדיק אין דער טאָגטעגלעכער פועלי־ציון אַרבעט. בפרט האָט זיך דער פרויען־קרייז אויסגעצייכנט אויפן געביט פון קולטור אַרבעט. זיי האָבן געשאַפן אַן אַמאַטאָרן־קרייז, וואָס האָט געגעבן גוטע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. אויסער די חברות, וועלכע זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל נאָך פאַרן חורבן פון פוילישן יידנטום אָדער האָבן זיך אויפגעהאַלטן בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה אין רוסלאַנד און זענען נאָך דער רעפּאַטריאַציע פון רוסלאַנד געקומען קיין ישראל — ווי פייגע האר, וואָס לעבט היינט אין תל־אביב, חנה מילראד (היינט לאַשטשאָווער) וואָס וואוינט איצט אין עכו, לאה ערנפריינד (היינט אשעראווסקא), וואָס וואוינט היינט אין תל־אביב, פייגע מילראד, וואָס לעבט היינט אין אַמעריקע — איז קיין איינציקע פון דעם פרויען־קרייז נישט געבליבן ביים לעבן. זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיטן גאַנצן לאַנצוטער יידנטום דורך די היטלעריסטישע רוצחים. כבוד זייער אָנדענק!

די פועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט, וועלכע איז אין יאָר 1920 שוין געווען אַן ערנסטער פּאָליטישער פאַקטאָר און האָט זיך דעראָבערט עקזיסטענץ־רעכט אויף דער יידישער גאַס אין לאַנצוט האָט גליקלעך איבערגעקומען דעם קריזיס אין דער פועלי־ציון וועלט־באַוועגונג. אַ דאַנק דעם, וואָס מיר האָבן אין אונדזער פּ. צ. טעטיקייט געלייגט גרויס געוויכט אויף דער פּראַקטישער אַרבעט פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, אונטערשטרייכנדיק תמיד די וויכטיקייט פון ארץ־ישראל־אַרבעט (ק. ק. ל., קרן היסוד, פּאַל. אַרבעטער פאָנד, הילף פאַר חלוצים וכדומה) זענען מיר געווען פאַרבונדן מיט די פּראָבלעמען פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל און די שטעלונג פון די חברים אין ארץ־ישראל, וואָס זענען געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען פון דער אויפבוי־אַרבעט אין לאַנד פון אונדזערע הלומות — איז פאַר אונדז געווען דער אידעאישער וועגווייזער. דערפאַר האָבן מיר נישט געקענט האָבן אַ וועלכע עס איז פאַראינטערעסירונג פאַרן פּראָבלעם וועגן דער באַציאונג פון דער פועלי־ציון באַוועגונג צום דריטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט געפאָדערט פולע ליקווידאַציע פון באָראָכאָוויסטישן ציוניסטישן אינהאַלט אין דער פועלי־ציון אידעאָלאָגיע. די פאַרטיי אין לאַנצוט האָט טאַקע נישט געליטן פון דער שפּאַלטונג און מיר זענען צוגעשטאַנען צו דער ניי־געגרינדעטער „אומאָפּהענגיקער יידיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פועלי־ציון אין מערב־גאַליציע", וועלכע איז געווען אַ באַשטאַנדטייל פון רעכטן וועלט־פאַרבאַנד אין דער פועלי־ציון וועלט־באַוועגונג, צו וועלכער עס האָט געהערט די פועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל די „אחדות עבודה".

די פועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט האָט געהערט צו די וויכטיקע פונקטן אין דער פועלי־ציון באַוועגונג, וואָס האָט נאָך דער שפּאַלטונג אַרויסגעוויזן די פולסטע אַקטיוויטעט און איניציאַטיוו אויף אַלע געביטן פון סאָציאַל־פּאָליטישן יידישן לעבן. להיפך — אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט זיך איצט פונאַנדערגעוואַקסן און מיר האָבן געדונגען אַ נייעם גרויסן לאָקאַל, וואו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע צווייגן פון אונדזער טעטיקייט. דער גאַנצער עול פון דער אַרבעט איז געלעגן אויף אַ גרופּע דיסציפּלינירטע חברים, וואָס האָבן אומדערמידלעך און מיט פולער מי און אחריות דערפילט זייערע אויפגאַבן. אַ דאַנק טאַקע אַזעלכע איבערגעגעבענע אַקטיוויסטן ווי ישראל צוקער, ישראל מילראד, לייזער פּאָפּיאל, לוזער געלבער, זישע האַר — זענען מיר געווען בכוח צו איבערוווינדן די אַלע שוועריקייטן, מיט וועלכע עס איז געווען פאַרבונדן די אָנפירונג מיט דער איינציקער אין דער שטאָט יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע „פועלי־ציון" אין אַ שטאָט ווי לאַנצוט, וואָס איז נאָך פאַר אַ צענדליק יאָר געווען אַ פעסטונג פון חסידיזם און עקסטרעם־קלעריקאַלער תקיפות.

כדי צו דערמעגלעכן די פיזישע אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטער־יוגנט האָבן מיר איצט געגרינדעט דעם ספּאָרט־גימנאַסטישן פאַראיין „שמשון" (דעם שפּעטערדיקן „הפועל"), וועלכער האָט אָרגאַניזירט פאַרמעסטונגען מיט יידישע גימנאַסטישע פאַראיינען אין די שכנותדיקע שטעט.

מיר האָבן אויך געגרינדעט ביי אונדזער פאַראיין אַ דראַמאַטישע סעקציע, וואו די משפחה טוכפעלד, אסתר, וואָלף און ראובן — האָבן אַרויסגעוויזן גרויס טאַלענט און צוזאַמען מיט זיי האָבן די אַמאַטאָרן: קלמן טייטלבאום, דבורה זאוער, פייגע האַר, וואָלף גוטמאַן, יוסף און זישע האַר — האָבן מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט די בעסטע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור, דערביי האָט די דאָזיקע סעקציע מיטגעאַרבעט מיטן דראַמאַטישן קרייז ביי דער פּ. צ. פרויען־גרופּע.

אין שייכות מיט אונדזער קולטור־טעטיקייט איז נאָך כדאי צו דערמאָנען דעם גרויסן דערפאָלג, וועלכן מיר האָבן געהאַט מיט די רעפעראַטן פון אַזעלכע געסט, ווי ד"ר יצחק שיפּער,

ד״ר יחיאל האַלפּערן, היים העניג, שלמה וועלנער, לאופּבאַן, אינזש. אנשיל רייס און חיים גרינבערג.

מיר האָבן נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט צו נעמען שטעלונג אין יעדער אַלגעמיין־יידישער אָדער סאָציאַלער פראַגע. מיר האָבן אַנטיילגענומען אין דער אַקציע פאַרן אויפשטעלן און אויסענדיקן דעם „בית־עם" אין לאַנצוט, און בעת די וואַלן צום שטאָטראַט אין לאַנצוט אין יאָר 1923 — נאָך אויפן סמך פון דעם קוריען־סיסטעם — האָבן מיר געשאַפן אַ בלאָק מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן אין דער 4־ער קוריע, און צווישן אַנדערע איז דאַן אויסגעוויילט געוואָרן אונדזער חבר אלתר טורטעלטויב. אויך אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג האָבן מיר געהאַט אונדזערן רעפּרעזענטאַנט, חבר לייזער פּאָפּיאָל.

אַלע אויבן־דערמאָנטע דערגרייכונגען זענען געווען אַ פּועל־יוצא פון דער פּועלי־ציון טעטיקייט אין לאַנצוט במשך דער ערשטער תקופה פון איר עקזיסטענץ זינט דעם יאָר 1918 ביז צום טאָג, ווען דער שרייבער פון די שורות, וואָס האָט כמעט די גאַנצע צייט אָנגעפירט מיט דער פּ. צ. אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט, האָט רעאַליזירט זיין חלום און איז אין יאָר 1926 עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

דער בילאַנס פון דער דאָזיקער טעטיקייט איז געווען: א) דער אָנטייל פון דער פּ. צ. פּאַרטיי אין לאַנצוט אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אַרבעט; ב) די סאָציאַליסטישע אויפקלערונגס־ארבעט און די השפּעה אויף דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנצוט; ג) דאָס דעראָבערן פאַר דער פּ. צ. אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער פּ. צ. באַוועגונג אין לאַנד־מאַסשטאב; ד) דער באַדייטנדער צושטייער צום קולטורעלן לעבן אינעם יידישן לאַנצוט; ה) דער וואוקס פון דער השפּעה פון דער פּ. צ. אָרגאַניזאַציע אויפן אַלגעמיין־פּאָליטישן און יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנצוט.

די דאָזיקע דערגרייכונגען פון מיין 7־יאָריקער טעטיקייט אין דער פּ. צ. אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט האָט מיר געגעבן דעם גלויבן און זיכערקייט, אַז מיט מיין פאַרלאָזן מיין געבורטסשטאָט לאַנצוט — וועט זיך נישט אָפּשטעלן די פּאָזיטיווע און נוצלעכע ראָל פון דער פּ. צ. אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט און איבערגעבנדיק די אָנפירונג מיט דער לאַנצוטער פּועלי־ציון מיין נאָכפאָלגער: דעם חבר ישראל צוקער, האָב איך געוואוסט, אַז איך האָב איבערגעלאָזט די אָרגאַניזאַציע אין זיכערע און אחריותפולע הענט.

גאָר ווינציק איז די צאָל חברות און חברים מיינע, מיט וועלכע איך האָב געהאַט די זכיה צוזאַמען צו אַרבעטן אין דער פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט, געבליבן ביים לעבן. זייער געביין ליגט אין די מאַסן־קברים, אומגעבראַכט דורך די היטלעריסטישע רוצחים אָדער אומגעקומען מיט אַ טראַגישן טויט — ווערנדיק פאַרפּייניקט אין די נאַצישע טויט־לאַגערס.



יוגנט־באַוועגונג „פרייהייט" — „דרור" אין יאָר 1930.

משה קנעלער אַנטווערפּן

„מזרחי" און „צעירי־מזרחי"

לאַנצוט איז געווען איינע פון די פעסטונגען פון חסידות, וואָס האָט געלייגט דעם גייסטיק־רעליגיעזן שטעמפּל אויפן שטעטל, ביזן אָנפאַנג פון 20־טן יאָרהונדערט.

דאָס דערשיינען פון די ערשטע ציוניסטישע אַגודה „אהבת ציון" אין לאַנצוטביים סוף פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, האָט געשאַפן ווי אַן אַקס, וואָס זיינע צוויי עקן זענען געווען — חסידות און ציוניזם. דער ענטפער פון רעליגיעזן יידנטום, פון דעם טייל וואָס האָט נישט געפונען איר פּלאַץ אין דער פאָלקס־חסידישער באַוועגונג און נישט אין די נאַציאָנאַל־ציוניסטישע רייען — האָט נישט פאַרשפּעטיקט צו קומען.

דאָס רעליגיעזע־תורה־יידנטום וואָס האָט נישט אָנגענומען דעם ציוניזם ווי אַ נאַציאָנאַלע לייזונג פאַר די יידישע פּראָבלעמען אין גלות, האָט אויפגעשטעלט איר אייגענע אָרגאַניזאַציע, די „אגודת ישראל". צו אונדזער גרויסן צער, האָט נאָך דער חורבן פון אייראָפּעישן יידנטום באַוויגן די „אגודת ישראל" צו גיין אין די וועגן פון די רבנים, די גרינדער פון „מזרחי" מיט 50 יאָר צוריק. אָבער די גרויסע לומדי־תורה און יראי־שמים, וועלכע האָבן נישט געזען קיין שום סתירה צווישן תורת־משה, די גרונט־געזעצן פון אמונה און טראַדיציע און צווישן דעם רוף פון ציוניזם צו שיבת־ציון, צו בויען דאָס לאַנד אין אונדזער צייט — האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צום אויפשטעלן די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע באַוועגונג, דעם „מזרחי".

דער ציוניסטישער געדאַנק פון אויסלייזן דאָס פאָלק, האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען צווישן די דריי און אַ האַלבן מיליאָן יידן, וואָס האָבן געלעבט אינעם פינצטערן פּוילישן גלות, ווו זיי זענען דיסקרימינירט געוואָרן פון אַלע שטאַנדפּונקטן.

אונטער דער השפעה און אָנפירערשאַפט פון באַוווסטע רבנים גייסטיקע מנהיגים פון פּוילישן יידנטום, איז דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער געדאַנק אַריינגעדרינגען אין די הערצער און באַוווסטזיין פון בית־מדרש־בחורים, תלמידי־חכמים, יראי־שמים און רעליגיעזע משכילים אין די פּוילישע שטעט און שטעטלעך, וועלכע זענען אַריינגעטרעטן אין די רייען פון „מזרחי". כדאי אונטערצושטרייכן, אַז נאָך די בית־המדרש־בחורים — אין וועלכע ס'איז געווען דער גייסט פון ווידערשטאַנד און מוטיקייט — זענען געווען מסוגל זיך אָפּצורייסן פון דעם בית־המדרש־פאַנאַטיזם און זיך אָנשליסן אין דער רעליגיעז־ציוניסטישער באַפרייאונגס־באַוועגונג — אין „מזרחי".

אויב די דאָזיקע אייגנשאַפטן זענען געווען בולטיק פאַר בית־המדרש־יינגעלייט אין יעדן שטעטל, איז פאַר לאַנצוט אוודאי און אַוודאי — איז דאָך לאַנצוט געווען די פעסטונג פון חסידות, וועלכע האָט אַוועקגעשטעלט אַ וואַנט צווישן בית־המדרש און צווישן די לעבנס־פּראָבלעמען פון יידנטום.

ר' אַנשיל כ"ץ, אַ שטאַרקע און פּיליטיקע פּערזענלעכקייט צו יענער צייט דערשינען אין אונדזער שטעטל — האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה ביים גרינדן די אָרגאַניזאַציע „מזרחי" אין לאַנצוט. ר' אַנשיל, אַ תלמיד־חכם, דער בקי אין ש"ס און פּוסקים פון איין זייט, און אין השכלה, ליטעראַטור, פילאָזאָפיע פון דער אַנדערער זייט, האָט פאָרויס זעענדיק די צוקונפט, זיך דערנענטערט צו די רבנישע קרייזן, וועלכע זענען געקומען אין דער נייער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער מחנה, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז דאָס פולע מקיים זיין תורת־משה און אירע מצוות איז מעגלעך אך ורק אין ארץ־ישראל. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער וועלט־אָרגאַניזאַציע „מזרחי".

אין יאָר 1919 האָט הרב ראַפּאַפּאָרט פון אַנדזשעיעוו באַזוכט לאַנצוט, און אין זיין רעפעראַט אין בית־המדרש, האָט ער גערופן אָנצושליסן זיך אין „מזרחי". זיין רוף האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין שטעטל און איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס־סימפּאַטיע צווישן בכבודיקע און חשובע לאַנצוטער יידן. און אַזוי איז געגרינדעט געוואָרן דער „מזרחי", אין וועלכן דער אינספּירנדיקער גייסט און מורה־דרך איז געווען ר' אַנשיל כ"ץ, דער ערשטער סעקרעטאַר פון סניף „מזרחי" אין לאַנצוט. אַלס פאָרזיצער איז געוויילט געוואָרן ר' געצל דרוקער. חברים אין ועד זענען געווען: אֶלימלך פּערלמוטער, חיים וואָלקנפעלד, בנימין גרייזמאַן און משה האַלפּערן.

דאָס יאָר 1930 וועט דערמאָנט ווערן ווי אַ יאָר פון התעוררות אין דער „מזרחי"־באַוועגונג אין פּוילן, וועלכע האָט געשאַפן אַ מערב־גאַליצישע צענטראַלע אין קראָקע. דער גענעראַל־סעקרעטאַר הרב האַלפּערן, האָט באַזוכט לאַנצוט און רעאָרגאַניזירט דעם סניף. אַ נייער ועד איז געוויילט געוואָרן מיט ר' אַנשיל כ"ץ בראש, און די חברים: יחיאל נוסבאַום, וויצע־פאָרזיצער, אהרן מושל, אַ באַוווסטע פיגור אין לאַנצוטער קהילה־לעבן, אַלס סעקרעטאַר, און יהושע פריי גדליה ענגלבערג, לייביש מעלאָן, גדליהו עסטליין, אליהו רייך, אהרן וואָלקנפעלד.

דער „מזרחי" האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער רעליגיעזער יוגנט, און אַ סך פון די חסידישע רייען, בית־המדרש־תלמידים, זענען צוגעשטאַנען צו די רייען פון חובבי־ציון. און דאָס אין זכות פון ר' אַנשיל כ"ץ, וועלכער האָט געווירקט מיט זיין אויפקלערונגס־קראַפט און אָראַטאָרישע פעיקייטן. זיינע אונטעריכטס־מעגלעכקייטן האָבן זיך אַנטפּלעקט ביים געבן אַ שיעור אין דזשיקאָווער קלויז, וועלכער איז געווען פאַרפולט. ער האָט געלערנט משניות, גמרא, און די יוגנט — תנ"ך. פאַר די בעסערע, די קענערס, פלעגט ר' אַנשיל מקדיש זיין אַ סך פון זיין צייט אַריינדרינגענדיק מיטן רעליגיעז־נאַציאָנאַלן געדאַנק.

ר' אַנשיל האָט געשאַפן דעם סניף „תורה־ועבודה" פאַר דער „צעירי־מזרחי" און האָט יעדן אָוונט געגעבן לעקציעס פון תורה און ליטעראַטור. אונטער זיין השפעה זענען אַרויס אויף חלוצישער הכשרה: משה פרידמאַן קיין גאָרליץ, און אליהו רייך קיין סאָקאָלאָוו.

די יוגנט האָט זיך אָרגאַניזירט אין „צעירי־מזרחי". במשך

פון אַ באַשטימטער צייט זענען, יהושע פריי און אליהו רייך געווען וויצע־פאָרזיצערס. צווישן די אַקטיוויסטן פון „צעירי־מזרחי" האָט אויך געהערט דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות ר' אַנשילס געטרייער תלמיד, איצט דער וויצע־יושב־ראש און אַלגעמיינער סעקרעטאַר פון „מזרחי" און „הפועל־המזרחי" אין בעלגיע, דעלעגאַט אויפן לעצטן ציוניס־טישן קאָנגרעס אין ירושלים. צווישן די אַקטיווע חברים פון „צעירי־מזרחי" דאַרפן דערמאָנט ווערן: שמואל קאַלטער, געווען דער סעקרעטאַר, משה פרידמאַן — קאַסירער, געפינט זיך היינט אין בעלגיע, אויך זיין ברודער יצחק פרידמאַן און שמעון צוויבל, וועלכע לעבן אויך אין בעלגיע.

דער לעבעדיקער גייסט אין „צעירי־מזרחי" איז געווען דער זון פון ר' אַנשיל כ"ץ — יצחק, אַ חבר אין „כפר־עציון", וועלכער איז געפאַלן מיט גיבורים־טויט אויף קידוש־השם והמדינה, מיט די העלדן פון גוש־עציון, פאַרטיידיקנדיק דאָס לאַנד.

יצחק, נאָך אין זיינע יונגע יאָרן, האָט מיט זיין חלוצישן ברען מיט דער מיטהילף פון דעם שרייבער פון די שורות, געשאַפן דעם „השומר־הדתי" אין לאַנצוט, געשטאַנען אין שפיץ פון אים און מיט מסירות־נפש זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, דינענדיק אַלס ביישפיל פאַר זיינע חברים מיט דעם חלוצישן גייסט וואָס האָט געברויזט אין אים.

דער „מזרחי"־לאָקאַל האָט זיך געפונען אין הויז פון יהושע וואַסערשטיין, שפּעטער אין „בית־העם", אין וועלכן מ'האָט איינגעפירט סטאַבילע לעקציעס פון תלמוד, תנ"ך און יידישע געשיכטע.

עס דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן, אַז פאַר דער פאַרשטאַר־קונג פון „מזרחי" אין לאַנצוט, האָט אַ סך געלייסטעט מיט זיינע אָפּטע באַזוכן, דער חבר פון מערב־גאַליצישן מרכז — פנחס שיינמאַן פון קראָקע, דער היינטיקער ראש פון רעלי־גיעזן ראַט אין תל־אביב. אַלס בית־מדרשניק און טאַלאַנט־פולער רעדנער האָט ער אַ סך באַווירקט די חסידישע קרייזן.

צווישן די עסקנים און מנהיגים פון „מזרחי"־באַוועגונג, וואָס האָבן באַזוכט לאַנצוט, דאַרף דערמאָנט ווערן דער תל־מיד־חכם און גלייכצייטיק אָראַטאָר, ד"ר אברהם גאָטעסדינער און דער גייסטיקער מנהיג פון „מזרחי" הרב יהודה לייב הכהן מימון, וועמענס באַזוך האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן רושם אויפן חסידישן ציבור. אָבער זיין באַזוך איז אויך געווען פאַר־בונדן מיט דער עליה פון ר' אַנשיל כ"ץ קיין ארץ־ישראל, און ער האָט זוכה געווען עולה צו זיין האַרט פאַר פסח תרצ"ז.

נאָך דער עליה פון ר' אַנשיל כ"ץ, האָט ר' יחיאל נוסבאום איבערגענומען די אָנפירערשאַפט פון סניף און דער שרייבער פון די שפאַלטן דעם סעקרעטאַריאַט. צוזאַמען מיט יהושע פריי, דער יושב־ראש פון „תורה ועבודה", און נאָך חברים האָבן זיי ממשיך געווען די טעטיקייט פון „מזרחי", וועלכער איז געוואָרן אַ אָנגעזעענער פאַקטאָר אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אונדזער שטעטל, און דעריבער אויך אַ רינג אין דער קייט פון טעטיקייטן און געשעענישן אינעם פאַרנעם פון רעליגיעז־נאַציאָנאַלער ווידער־אויפלעבונג, וואָס אַלע אירע וועגן האָבן געפירט אין דער ריכטונג פון בויען ארץ־ישראל.

דער גרויסער חורבן פון פוילישן יידנטום, האָט געברענגט פאַרטיליקונג אויך אויף אונדזערע חברים, די אָנטיילנעמער אין דער הייליקער אַרבעט פון בנין־הארץ.

זאָל דער אַרטיקל זיין אַ דענקמאָל פאַר אָט־די קדושים.



אַ גרופּע אַקטיוויסטן פון „צעירי־מזרחי" — זיצן פון רעכטס (יושבים מימין): אליעזר קאַרפּיאָל, יהושע פריי, בנציון. שטייען פון רעכטס (עומדים מימין): יצחק כ"ץ, מלך ווייכסלבוים, מרדכי ווענגער, וואָלף קלאַריסטנ־פעלד, יחזקאל ווענגער.



שטייען פון רעכטס (עומדים מימין): פייוול אַדאָלף, בנו יואל אַדאָלף, זעליק פעלדשטיין, פרץ וואַסער, ——, שלמה קנעלער, אברהם קאַרפּיאַל, יחיאל וויינרעב ——, ——, בנימין איינהאָרן.

בנימין איינהאָרן הדר רמתיים

„אגודת ישראל"

לאַנצוט איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן חסידיש שטעטל. זייער אָפּזעעוודיק איז געווען אין איר די השפּעה פון רבנים און צדיקים. באַזונדערס האָבן דאָרט געוועלטיקט די בעלזער חסידים. די חסידישע יוגנט האָט געלערנט אין ישיבות און בתי־מדרשים. דער קאָנטאַקט צווישן די מאַסן חסידים מיט זייערע רבנים און צדיקים, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין אָרגאַניזירטע ראַם פון דער חסידים־באַוועגונג.

אָבער, גענוי ווי אין אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך, האָבן זיך אין לאַנצוט געפונען גענוג יידן אויסער די מחנה פון חסידים. ס'איז געווען אַ רעליגיעזע יוגנט, וואָס איז נישט מיטגעצויגן געוואָרן מיטן חסידות, און צוליב פאַרשידענע סיבות, דער עיקר עקאָנאָמישע, האָבן זיי זיך נישט געקאָנט איבערגעבן דעם לערנען אין די ישיבות און בתי־מדרשים, און זענען געווען געצוווּנגען צו אַרבעטן. די אַלע זענען געווען אויסער דער אָרגאַניזירטער רעליגיעזער ראַם.

„אגודת ישראל" האָט אין די קרייזן געפונען דאָס פּאַסיקע מענטשן־מאַטעריאַל פאַר איר פאַרטיי. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אַנטשטאַנען אַ סניף פון „אגודת־ישראל" אין לאַנצוט, וואָס האָט געציילט, אין לויף פון דער צייט, עטלעכע הונדערט חברים.

דער יושב־ראש פון סניף, פון די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלטקריג, איז געווען ר' פייביש אַדאָלף, וואָס האָט געשטעלט אַ צימער פון זיין דירה צו דיספּאָזיציע פון דער פאַרטיי. יעדן אָוונט זענען זיך די חברים פון „אגודה" צוזאַמענגעקומען צו לערנען אַ שיעור גמרא, שולחן־ערוך, עין־יעקב און האָבן מעיין געווען אין מוסר־ספרים. דאָרט האָבן זיך געפונען בעיקר די יוגנט פון „אַגודת־ישראל" וואָס זענען אין משך פון טאָג געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע אַרבעטן. די טעטיקייט האָט געהאַט אַ השפּעה אויף די אַלע רעליגיעזע יידן אין שטעטל, וועלכע האָבן זיך געפונען אויסער דער חסידישער באַוועגונג און האָבן אויך נישט געקאָנט זיך אָנשליסן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

„אַגודת ישראל" האָט זיך געשטעלט נאָך טעטיקייטס־צילן אויף פאַרשידענע שטחים: אין צדקה־אַנשטאַלטן — גמילות־חסדים־קאַסע, ביקור־חולים, אין באַזאָרגן פאַר אָרעמע לייט טאָג־טעגלעכע צרכים. די יוגנט פון „אגודת־יש־

ראל" האָט געטראָגן מיט אבערגעבנקייט דעם עול־המצוות פון ברענגען הילף פאַר נויטבאַדערפטיקע. אונטער די אָנפי־רערשאַפט פון חיים פאַדערבייטל. ער האָט זיך מיט דער גאַנצער נשמה איבערגעגעבן דער פּאַרטיי, אַ סך מאָל ביז צו צוזאַמענשטויסן מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אויסער דער „אגודת־ישראל"־יוגנט, איז געגרינדעט גע־וואָרן נאָך אַ דערציערישער שיכט, אַ מער יינגערער: „פּרחי־אגודה" — קינדער און יוגנטלעכע פון 10—15 יאָר, די קינפ־טיקע פאַרשטאַרקונג פאַר די רייען פון „צעירי־אגודת־ישראל". וועגן זייער טעטיקייט וועט עדות זאָגן דער פאַקט, וואָס אין די יאָרן 1934—1935, (תרצ"ד—תרצ"ה) איז אויפגעשטעלט גע־וואָרן אַ חלוצישער הכשרה־פּונקט ביי דער „אגודת־ישראל".

דער יושב־ראש ר' פייביש אַדאַלף און אַ סך אַנדערע בעלי־בתים אין שטעטל האָבן געהאָלפן ביים דערגרייכן די הכשרה־פּלעצער. האָבן צוגעשטעלט די חלוצים עטלעכע אַר־בעטס־טעג אין דער וואָך. געווען זיינען דאָס: ר' זעליק קער־נער, ר' מאיר עסטליין, ר' אפרים קראַנצלער און אַנדערע, וואָס האָבן געהאָלפן דער אַגודישער, חלוצישער יוגנט, זיך צו־צוגרייטן צו בנין־הארץ.

אגודת־ישראל האָט געשאַפן אַ פאָנד „קרן היישוב" צו פינאַנסירן די אַקציע פון ישוב ארץ־ישראל. דער שרייבער פון די שורות איז דער מורשה (באַפולמעכטיקטער) פון דעם פאָנד אין לאַנצוט, וועלכער האָט דערפילט די אויפגאַבע, וואָס איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן.

זאָלן די נשמות פון די חברי „אגודת־ישראל", די אומ־געקומענע אין חורבן קהילת־לאַנצוט, זיין איינגעפלאָכטן אי־נעם אייביקן לעבן פון די קדושי עם ישראל, אמן.

אהרן קערנער פּאריז

„השומר הצעיר"

1918—1921



פאַר דער ערשטער וועלט־קריג האָט זיך דאָס לעבן פון דער לאַנצוטער יידישער באַפעלקערונג געפירט אָן שטערונגען און אויפטרייסלונגען, און אָן וועלכער עס איז פּראָבלעמען. אַביסל אויפלעבונג האָבן אַריינגעברענגט די קהילה־וואַלן, אָדער דאָס אויסוועלן אַ שטאָט־רב. די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט, ווי דער רעזערוואַט פון פאָלק, איז זיך געגאַנגען אין די וועגן פון זייערע עלטערן.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט געברענגט דאָס פונאַנדער־פאַלן פון עסטרייכישן קייזערטום, האָט דערוועקט נאַציאָנאַלע אורפרודערונגען, און באַפרייט אַ סך פעלקער, צוריקגעבנדיק זיי זייער פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט. אויך פאַר יידן איז קלאָר **געוואָרן, אַז זיי זענען נישט די אייניקלעך און אוראייניקלעך** פון פּאַפּיעל און פּיאַסט — די בויער פון מדינת פוילן. די אַסי־מילאַציע האָט אָנטוישט. דער גורם דערצו איז געווען די גיפ־טיקע ראַסן־שנאה פון די שכנים לגבי די יידן. דאָס נאַציאָ־נאַלע דערקענטעניש האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין באַ־וווסטזיין פון דער יוגנט, וואָס האָט אויסגעגלייכט זיין רוקן און אויפגעהויבן דעם פאָן פון יידיש־נאַציאָנאַלער ווידעראויפ־לעבונג.

באַשיידן איז געווען דער אָנפאַנג אין אונדזער שטעטל: בלויז אַ ציוניסטישער קלוב עקזיסטירט. אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָבן אַרויסגעשפּראָצט און אויפגעגאַנגען פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. און ביים סוף פון דער מלחמה האָט זיך די יוגנט איינגעשפּאַנט מיט התלהבות אין דער נאַציאָנאַלער אַרבעט. ווען ס'האָט אונדז דערגרייכט דער אָפּקלאַנג פון עקסצעסן קעגן די לעמבערגער יידן און פון דער סביבה, האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשוץ אין שטאָט. און איך, צוזאַמען מיטן פּראָפעסאָר בלאַשקעוויטש, האָבן אָרגאַניזירט אין שטאָט־טייל אַ 4 פּערזאָניקע נאַכט־שמירה, באַוואָפנט מיט ביקסן, אַריינבאַקומענע פון דער זשאַנדאַמעריע.

אין יאָר 1919 האָט זיך באַוויזן אין לאַנצוט: ישׂשכר רייס, אַ לעמבערגער, דער שוואָגער פון אַדוואָקאַט לעאָן מאַרקל. ער איז געקומען פון ווין, וווּ ער האָט געלערנט אין סעמינאַר פאַר העברעאישע לערער, און איז געווען איינער פון די גרינדער פון „השומר הצעיר". אַ וווּנדערלעכער בחור, פול, ווי אַ מילגרוים, מיט תורה און מערב־אייראָפּעישע לי־טעראַטור. אונטער זיין השפּעה און אָנפירערשאַפט האָבן מיר געגרינדעט אונדזער „השומר־הצעיר"־נעסט. זיינע געשפּרעכן און לעקציעס אויף פאַרשידענע טעמעס, זענען שטענדיק אינ־טערעסאַנט און אינהאַלטסרייך, וואָס האָבן געגעבן דעם שטויס צום לערנען און פאַרטיפונג אין פאַרשידענע **פּראָבלעמען.**

ס׳איז אים געלונגען צו שאַפן אַ ברידער־אַטמאָספערע צווישן אונדז, צוזאַמעבונדן און מאַכן פון אַלע איין גרויסע פאַרפעסטיקטע משפחה. זיין השפעה אויף אונדז איז געווען אַ קאָלאָסאַלע. די אַרבעט וואָס איז געפירט געוואָרן מיט דער פולער ערנסטקייט איז פון גרונט־אויס געווען אַ נאַציאָנאַלע — ווי ס׳איז געווען די גאַנצע שומרישע באַוועגונג. מיר האָבן געצילט צו שאַפן אַ פאַרפולקאָמטן טיפּ ייד. ס׳איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אַ שטענדיקער קאָנטאַקט מיטן קן אין ריישע, און אַ רעגולערן בריוו־אויסטויש מיט חיים אָרמיאַן, דעם סעקרעטאַר פון קן אין טאָרנע. אין נאָמען פון אונדזער קן, האָב איך אָנטיילגענומען אינעם צוזאַמענפאָר פין „השומר הצעיר״ אין לעמבערג, אין יאָר 1920, וועלכער האָט איבערגעלאָזט אויף אונדז אַלע אַן אומפאַרגעסלעכן רושם. ביי מיין פאַרלאָזן לאַנצוט, אין יאָר 1921, איז דאָרט געווען אַ קן פון טייערע חברים, פון וועלכע דער רוב האָט אויסגעקליבן און געפונען זייער ריכטיקן וועג — דעם וועג אין אונדזער היימלאַנד.

אין קראָקע האָב איך געוויילט אַנדערטהאַלבן יאָר. האָב דאָרט אינסטרואירט אַ קבוצה פון עלטערע בחורים, וועלכע זענען שפּעטער אַליין געוואָרן ראשי־קבוצות. דאָרט האָב איך אויך געפירט דעם סעקרעטאַריאַט פון קרייז־קן.

אין יאָר 1923 בין איך געווען טעטיק 6 חדשים אין ברענאָס־איירעס. דער מענטשן־מאַטעריאַל איז דאָרט געווען זייער אַ גוטער, אָבער די אַרבעט האָט זיך געפירט מיט שוועריקייט, אָן וועלכע ס׳איז ריכטונג. כ׳האָב זיך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט, וואָס האָט אין רעזולטאַט געבראַכט גוטע פּרוכט. מיין אויסוואַל איז געפאַלן אויף טיכטיקע און רידעוודיקע בחורים פון ארץ־ישראל, פון בעסאַראַביע, פּוילן און גאַליציע. איך האָב געגרינדעט אַן עקסטראַ־קבוצה, וועלכע האָט זיך מיט ערנסטקייט און ענערגיע איבערגעגעבן דער אַרבעט אין די קבוצה האָט שפּעטער איבערגענומען די אָנפירערשאַפט אין אירע הענט, אַוועקשטעלענדיק אַ שטאַרקע שומרישע באַוועגונג אויף נאַציאָנאַלע יסודות.

אויך אין פּאַריז, אין יאָר 1925, האָב איך געמאַכט אָנשטרענגונגען אויפצושטעלן אַ שומרישע תנועה — געזאַמלט אַרום זיך שומרים און שומרות פון פּוילן, רומעניע און ליטע, וועלכע זענען געקומען לערנען אין פּאַריז. אין משך פון עטלעכע חדשים זיך צוזאַמענגטראָפן, ס׳איז געווען אַן אויפריכטיקער ווילן ממשיך צו זיין דעם שומרישן פאָדעם, אָבער די שווערע עקזיסטענץ־באַדינגונגען האָבן צו נישט געמאַכט אונדזער טעטיקייט און די גרופּע איז זיך צעפאַלן.



ערשטע ריי פון רעכטס (שורה א׳ מימין): האחיות לאָלאַ, שרה, איווה ודבורה פייער, העלאַ זייגער. צווייטע ריי (שורה ב׳ מימין): האחיות שפרה ומרים קערנער, האחיות שושנה, שרה ודבורה ליפשיץ.

מיכאל וואלצער

אגודת „נעורים"

א.

די ביבליאָטעק „נעורים" איז אויסגעטראָגן און געבוירן געוואָרן אין דער העברעישער שולע אין לאַנצוט, און די פּרשה פון מיין אַריינטרעטן אין „נעורים" איז פאַרבונדן מיטן גמרא־מלמד, דוד־יונה, וואָס האָט געהאַלטן זיין „חדר" אין דער געגנט פון „חדרים" וואָס נעבן שפּיטאָל.

ווי לעבעדיק שטייט פאַר מיינע אויגן דוד־יונה, מיט דער רויטלעכער באָרד, פון וועלכער ס'האָבן אַרויסגעשיינט גראָע פעדעמלעך געציילטע. פון נערוועזקייט פלעגט ער אָפּט מאָל אַ ביסל אונטערהיקן מיט דער פּלייצע.

צוויי מאָל אין וואָך האָט ער פאַרלאָזן דעם „חדר" און איז אַוועק אין מאַרק כדי צו שטיין ביים צעלניק־קרעמל פון זיינע צוויי טעכטער. אין געוועגלעכע וואָכן־טעג האָט ער זיך געקאָנט פאַרלאָזן אויף זיינע צוויי בוגרות'ן אין „געשעפט", אָבער נישט אין די דינסטיקן און פרייטיקן, ווען דער מאַרק איז פול געווען מיט דאָרפסלייט פון דער סביבה, און דער סטראַגאַן איז געווען אַרומגערינגלט מיט קונים. מיר, אַ 20־30 גמרא־יינגלעך, האָבן זיך אין די יריד־טעג געפילט ווי פרייע פייגעלעך אין „חדר" וואָס איז געווען אַ טייל פון אונדזער מלמד'ס צוויי שטוביקער דירה. דוד־יונה מיט זיין בני־בית האָבן זיך באַנוגנט מיט איין שטוב, אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען זייער גאַנץ ביסל באַוועגלעכע פאַרמעג. אין דער שטוב וווּ מיר האָבן געלערנט, איז געהאָנגען אַ וואַנט־זייגער מיט וואָנקעס און קייטעלעך, וועלכער איז דורך אונדז רעגו־לירט געוואָרן... אַנטשפּרעכיק צום גייסט פון דער צייט...


דעם „חדר" האָב איך פאַרלאָזן ווען איך בין אַריין אין דער העברעישער שולע. דאָ איז פאַר מיר געעפנט געוואָרן אַ נייע וועלט, נייע לערער, נייע אַנשויונגען. אָט די שולע איז פאַר מיר געווען דער שאַפונגס־טיגל פאַר דער העברעישער שפּראַך און ציוניסטישן גייסט; פון אים זענען אַרויס אין לויף פון דער צייט, די חלוצים פאַר ציון. דער לייטער פון דער שולע, דער לערער און דערציער נתן וואַרהאַפטיק, דער תלמיד־חכם און משכיל, וואָס האָט גערעדט אך ורק העברעיש און מיט דעם אופן אויפגעשטעלט אַ העברעיש־רעדנדיקן דור אין לאַנצוט. דאָרט האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט חברים, מיט וועלכע איך האָב דורכגעמאַכט אַ לאַנגן „נעורים"־וועג אין לאַנצוט: משה ראָזענבליט, יצחק גרינבוים, צבי זאַוער־האַפּט, מענדל גערסטן, ישראל יוסט, אברהם און שמעון שטרום, מונעק און בענעק קעשטעכער, שלום ראָזמאַרין אַברהם עסטליין און אַנדערע. זיי האָבן געלערנט אין אַ העכערע כיתה פון מיינער, אָבער זיי זענען מיר געווען נאָענט אין גייסט און פאַרשטאַנד, און מיר האָבן זיך באַפריינדעט.

דאָס לעבן אין דער העברעישער שולע האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז אויף לימודים — גאַנץ שנעל זענען מיר געוואָרן אַ קבוצה וואָס האָט געזוכט איר וועג, בעיקר פון



קינדער פאַריין — ערשטע ריי פון רעכטס (שורה א׳ מימין): בענעק קעשטעכער, משה טראַמפּעטער, שלום ראָזמאַרין. צווייטע ריי פון רעכטס (שורה ב׳ מימין): ישעיהו סטעמפּל, יצחק צעלנער, דוד טראַמפּעטער, מונעק קעשטעכער, מיכאל וואַלצער.

שטאַנדפונקט פון דענקנדיקער און העברעיש־רעדנדיקער יוגנט, וואָס פאָרשט און לערנט די אַלטע העברעישע מקורות און נייצייטלעכע העברעישע ליטעראַטור. מיר זענען געקומען צום אויספיר, אַז אויב מיר האָבן טאַקע בדעה צו זיין, ווען־עס־איז אַמאָל, געהעריקע העברעער און קענער פון אונדזערע מקורות — דאַרפן מיר לייענען ביכער אין דער שפּראַך. אין דער דאָזיקער איבערצייגונג, און ווי ס'ווייזט אויס, אונטער דער השפעה פון מחנך נתן וואַרהאַפטיק — זענען מיר צוגעטרעטן גרינדן אָט־יענע ביבליאָטעק, וואָס האָט אַזוי סטימולירט צום שאַפן ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונגען אין אונדזער שטאָט. אוןווירקלעך, דאָס שאַפן די ביבליאָטעק „נעורים" איז געווען



אַ גרופּע שומרים — קבוצת חברי „השומר־הצעיר" — ערשטע ריי פון רעכטס (שורה א' מימין): משה ראָזענבליט, שלום ראָזמאַרין, דוב טורקלטויב, ישראל יוסט. צווייטע ריי פון רעכטס (שורה ב' מימין): פסחיה כ"ץ, יוסף שענמאַן, מיכאל וואַלצער, איטשע־לאָזער קנעלער. דריטע ריי פון רעכטס (שורה ג', מימין): יצחק שטיינדלינג, משה טראָמפּעטער, דוד טראָמפּעטער, אליעזר ראָזמאַרין, ישעיה סטעמפּל.

דער מקור פון התלהבות פאַר אונדזער יוגנט אין משך פון אַ סך יאָרן. דער־אָ רעיון האָט געשלעפּט נאָך זיך נייע רעיונות. אויפן וועג פון אויפשטעלן די ביבליאָטעק זענען מיר דערגאַנגען צו אַ נייעם ענין, וועלכער האָט אויך געלייגט זיין שטעמפּל אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יוגנט. דאָס איז דאָך דאָס העברעישע טעאַטער אין שטעטל וואָס האָט פון אונדז געמאַכט שוישפּילער אין דער העברעישער שפּראַך.

איז טאַקע דער ערשטער געלט־יסוד פאַר שאַפן די ביבליאָטעק, געקומען פון די איינקונפטן פון דער העברעישער פאָרשטעלונג „התמורה", וועלכע איז איינרעזשיסירט געוואָרן דורך נחמן קעסטנבוים און די אַקטיאָרן זענען געווען: העניע גרייזמאַן, דער שרייבער פון די שורות, דויד טראָמפּעטער, ישראל און אסתר יוסט און אַנדערע. די פאָרשטעלונג, איינגעאָרדנט אין קהילה־זאַל, האָט זייער מצליח געווען און דערמוטיקט אירע איניציאַטאָרן. מיר האָבן ממשיך געווען און פאָרגעשטעלט די פּיעסן: „אחשורוש", „משה" און אַנד.

עס דערמאָנט זיך מיר מיין אויפטריט אין מאָנאָלאָג: „הנסיעה בכיסי בגדי" פון מיפּעלעוו, אַ העברעישער לערער פון קראָקע, וואָס האָט בייגעוווינט די פאָרשטעלונג. איך האָב געשפּילט די ראָל פון אַ יינגל מיט די פול־אויסגעשטאָפּטע ברייטע טאַשן. איך שלעפּ אַרויס פון די טאַשן איין חפץ נאָכן צווייטן און דערקלער, אין אַ פיינעם העברעיש, דעם ווערט פאַר מיר פון יעדן חפץ באַזונדער. און די חפצים־זאַכן שטראָמען אַרויס פון מיינע ברייטע טאַשן אָן אַ סוף, ביי שטורמישע געלעכטערן פון די צושויער... איך דערמאָן זיך וואָס דער מחבר, ה' מיפּעלעוו, האָט נאָך דער פאָרשטעלונג מיר געזאָגט: „איצט ווייס איך נישט, צי איך האָב דעם מאָנאָלאָג געשאַפן ספּעציעל פאַר דיר, אָדער דו ביסט געבוירן געוואָרן פאַר דעם דאָזיקן מאָנאָלאָג"...

מיטן דערפאָלג פון די פאָרשטעלונגען האָבן אָנגעהויבן שטראָמען פּאַקעטן מיט העברעישע ביכער פאַר דער „נעורים״־ביבליאָטעק. מיר האָבן אויך איינגעהאַנדלט ביכער אויף קרעדיס, אויפן רווחים־חשבון פון די קומענדיקע פאָרשטעלונגען. פאַרלאַגן האָבן אונדז צוגעטיילט אַ גרויסע הנחה פון די ביכער, בקיצור, מיר זענען רייך געוואָרן... די ערשטע ביכער־שראַנק האָט אונדז צוגעשטעלט דער שטאָט־סטאָליאַר, מרדכי פּאָסטער (געשטאָרבן אין ישראל). גאַנץ שנעל זענען מיר דערגאַנגען צו אַ ביבליאָטעק, וואָס האָט געציילט 500 העברעישע ביכער. צוויי מאָל אין וואָך האָבן מיר געליגן ביכער. אויך דערוואַקסענע האָבן זיך פאַרשריבן אין דער ספריה. פון צייט־צו־צייט זענען געגעבן געוואָרן העברעישע רעפעראַטן אויף פאַרשידענע טעמעס, די לעקטאָרן זענען געווען: נתן וואַרהאַפטיק און נחמן קעסטנבוים.

די ביבליאָטעק און די העברעישע פאָרשטעלונגען זענען געווען דער סטימול פאַר אויפשטעלן דעם „בית־העם״. דערווייל האָט זיך אָבער, נאָך די ערשטע פאָרשטעלונגען אין קהילה־בנין, אויפגעהויבן אַ שטורעם מצד די רעליגיעזע קרייזן קעגן אונדז. דער שטאָט־רב האָט אויסגערופן אַ חרם אויף אונדז, און די פאָרשטעלונגען אין קהילה־זאַל זענען איבערגעריסן געוואָרן. דער רב האָט געטענהט, אַז דאָס קהילה־הויז געפינט זיך איבער דער מקווה, זענען די פאָרשטעלונגען אַ שטערונג פאַר די פרויען וואָס גייען אויף טבילה אין די אָוונטן. קלאָר, אַז מיר האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט די דאָזיקע „אייזערנע אַרגומענטן״... נאָך מער: צוליב אונדז האָט די קהילה נישט געקאָנט אָנהאַלטן נאָרמאַל זייערע זיצונגען אין זייער אייגענעם בנין, און אַזוי זענען מיר געצוווּנגען געוואָרן מיט אונדזער טעאַטער צו וואַנדערן, וואָס האָט גורם געווען ענערגיש צוצוטרעטן צום אויפשטעלן דעם „בית־העם״.

און נאָך אַן ענלעכער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט אונדזער נצחון. געווען איז דאָס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער העברעישער שולע, וועלכע איז צו ערשט געווען איינקוואַרטירט אין הויז פון בערל וואַסער. די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער שולע, האָבן באַשטימט, אַז עס איז געקומען די צייט אַריבערצוגיין אין אַ מער פּאַסיקערן און ברייטערן בנין. דער אויסוואַל איז געפאַלן אויפן שטאָטס־„הקדש״, וואָס האָט געדינט אַלס נאַכט־אַזיל פאַר וואַנדערנדיקע גייער — און איז געווען זייער פּאַסיק פאַר דער שולע.

די אַקציע פון איבערפירן די שולע אין „הקדש״ אַריין, איז געווען פאַרבונדן מיט „קרבנות״, נישט, חלילה, מיט קרבנות־מענטשן, נאָר מיט ליידן, וואָס מיר האָבן, געצוווּנגענערהייט, גורם געווען צו איינעם פון די רעליגיעז־פרומע יידן. און אַ פינצטער־קאַלטער ווינטערנאַכט, האָבן מיר דורכגעפירט די „הקדש״־אַקציע, זייענדיק אין דער מורא, אַז עס קאָן פּלוצים ווער דערשיינען און אונדז שטערן אין איבערפירן די שול־חפצים. געוווּסט האָבן מיר — ווען עס וועט אונדז געלונגען איבערצוטראַנספּאָרטירן, אין משך פון דער נאַכט, דאָס ביסל שול־מעבל און שטערונג — וועלן מיר מנצח זיין, און אַלע טומלערייען צו מאָרגנס, וועלן נישט ענדערן דעם געשעענעם פאַקט. און אָט האָט זיך באַוויזן אַ שטרויכלונג אין אונדזער אַרבעט: דער פאַנאַטיש־פרומער, קליינוואַקסיקער, יומצ׳יעלע בראַנד, איז אומגעריכט אַריינגעפאַלן אין דעם „קעסל״ און... עס האָט געקאָנט צערשטערט ווערן אַ שטיק „היסטאָריע״. מיר האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט — עטלעכע פון דער „חברה״, האָבן, הינטערווײַלעכץ, אים אַרויפגעוואָרפן אַ זאַק אויפן קאָפּ און געגאָסן אויף אים קאַלט וואַסער... ער האָט אין שרעק און געשרייען אָנגעהויבן לויפן, זייענדיק זיכער, אַז עשיו׳ס האַנט איז אין דעם ענין. ער איז אַפילו עטלעכע וואָכן קראַנק געווען נאָך דער מעשה... דער פאַקט האָט אונדז זייער וויי־געטאָן, אָבער ס׳איז געווען אָפּגעטאָן. דאָס אַריבערפירן די העברעישע שולע אויף איר סטאַבילן פּלאַץ, איז געווען אַ פאַקט.

פאַרשטייט זיך, אַז צומאָרגנס האָט דאָס שטעטל געקאָכט און געברויזט. די זאַך איז גלאַטיק נישט אַריבער — ס׳איז דערלאַנגט געוואָרן קעגן אונדז אַן אָנקלאַגע אין געריכט, מיט דער פאָדערונג אָפּצורייניקן דעם „הקדש״־בנין. דער משפּט האָט אַרויסגערופן גרויס נייגער און אינטערעס אין שטאָט. אין נאָמען פון די חרדים איז אַרויסגעטראָטן דער פּוילישער אַדוואָקאַט, ליזאַק, און אין אונדזער נאָמען — דער דעמאָלט יונגער אַדוואָקאַט, באַוווּסטער ציוניסטישער מנהיג ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט. דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן מנצח געווען, די שולע איז געבליבן אין „הקדש״.

צווישן די בולטע געשטאַלטן אין „נעורים״ שטייען פאַר מיינע אויגן אידעאַליסטן, וואָס האָבן געווידמעט זייער גאַנצע צייט דער אויפלעבונג פון דער העברעישער שפּראַך אין לאַנצוט. קרישטאָל־ריינע געשטאַלטן, וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו זען ווי אַזוי העברעיש איז געוואָרן די לעבעדיקע שפּראַך אין דער ניי־אַנטשטאַנענער מדינת ישראל. מיר געדענקען די עסקנים פון „נעורים״: יצחק גרינבוים, דאָס אייניקל פון עם משכיל און העברעישן שרייבער, יצחק ווייסמאַן, דעם מיטאַרבעטער אין „השחר״. יצחק גרינבוים איז דערמאָרדעט געוואָרן אין לעמבערג בעת דער מלחמה. ער האָט אין אָנהויב קריג אַנטרינען, אָבער פאַרלאָזן די משפּחה האָט אים דאָס האַרץ נישט דערלויבט. געווען אַן איידעלע נשמה, אַ מענטש פון דערהויבענעם גייסט. צבי זאווערהאַפּט, דער יושב־ראש פון „נעורים״ איז אויך אומגעקומען אין דער מלחמה. זיין עסקנות האָט זיך אויסגעדריקט אין ספּעציעלע פאַראַנשטאַלטונגען אויפן געביט פון העברעישער קולטור און פאַר קרן הקימת לישראל.

מיט אַרויפברענגען דעם זכר פון אגודת „נעורים״ וועלכע איז געווען דער אייגנטלעכער גרונטשטיין פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון אונדזער יוגנט — זאָלן דערמאָנט ווערן די ראשונים, וואָס זענען געשטאַנען ביי איר וויגל און האָבן נישט זוכה געווען צו זען אירע רייף געוואָרענע פּירות.



אַ גרופּע חלוצים אויף הכשרה אין לאַנצוט אין יאָר 1933 — קבוצת הכשרה חלוצית בלאַנצוט, בשנת 1933.

זיצן פון רעכטס ערשטע ריי (יושבים מימין): יוסף בערגלאַס, פוקס, פיניע שפּרינגער, יצחק באַנק. צווייטע ריי זיצן: משה אַלטשילער, הדסה האַכמאַן, שמעון הירש, בעלאַ אַדלער, עובדיה האופטמאַן, שמחה שפּרונג. דריטע ריי פון רעכטס שטייען: ......, שלמה יאַסם, (לבדי), יעקב, צבי דערפלער, צבי שרייבער.

יוגנט און עליה

(„החלוץ־הצעיר" און ה„שומר־הצעיר")

ב.

די לאַנצוטער עליה־באַוועגונג איז ענג פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין אונדזער שטאָט — איינס האָט משלים געווען דאָס צווייטע: דאָס האָט די יוגנט פאַרוואַנדלט די לאָזונגען וועגן ציוניזם און ארץ־ישראל אין קאָנקרעטע מעשים. אמת, אויך עלטערע זענען אין אַלע צייטן עולה געווען פון לאַנצוט קיין ישראל, אָבער די אַנט־וויקלונג פון די ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונגען האָט געעפנט דעם עליה־שטראָם, ווי אַ נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע וויזיע אינעם יוגנט־לעבן אין שטעטל.

איך געדענק די „מהומה" וואָס איז אַנטשטאַנען אין די יוגנט־רייען נאָך דער פאַראייניקונג צווישן „החלוץ־הצעיר" און „השומר הצעיר" אין גאַליציע. דער קן וואָס האָט געציילט בערך 120 יוגנטלעכע, האָט געקאָכט און געשפּרודלט מיט לעבן. זומער־קאָלאָניעס, קרייז־צוזאַמענפאָרן, אַ שליח פון דער הויפּט־קאָמענדע פון „השומר־הצעיר" האָט זיך באַוויזן — געקומען איז שלמה לאַנדקאָטש, כדי צו רעאַליזירן די לאָזונג פון זעלבסט־הגשמה: איבערצורייסן דאָס לערנען אין די גימנאַזיעס, פאַרלאָזן די חלומות וועגן מאַטורע־צייגנישן און אַקאַדעמישן טיטל, און אַרויסגיין אויף הכשרה לשם עליה קיין ארץ־ישראל.

די לאָזונג איז געווען: „עלו!" — „זייט עולה!" אונטער יעדן תנאי. עולה זיין און מער נישט וואַרטן. דער באַפעל איז געווען, צו באַזייטיקן פון דער באַוועגונג יעדן חבר, וואָס וועט נישט אָננעמען די אָנווייזונגען פון דער אָנפירערשאַפט, אין די ענינים פון זעלבסט־רעאַליזאַציע. די רעזולטאַטן זענען געווען שווערע: פון צווישן 120 חברים פון קן איז בלויז געבליבן אַ העלפט; אָבער די הויפּט־קאָמענדע האָט זיך נישט צוריקגעצויגן. מיטן פאַרענדיקן זיין שליחות, האָט שלמה לאַנד־קאָטש איבערגעלאָזט די פולמאַכטן פון דער צענטראַלע אין די הענט פון אַן אָרטיקער קאָמענדע: דער שרייבער פון די דאָ־זיקע שורות איז געוואָרן סעקרעטאַר און פאַראַנטוואָרטלעכער לגבי דער צענטראַלע, און העניע גרייזמאַן, יוסף טוכפעלד, טראָמפּעטער און משה ראָזענבליט זענען אַריין אין דער לאָקאַ־לער הנהגה. איך אַליין האָב אָנגעהויבן רעאַליזירן דעם הג־שמה־באַפעל. אין יאָר 1928 בין איך אַרויס אויף הכשרה קיין דזבינאָגראָד, בראָשניאָווער קרייז. מיט מיר זענען אַוועק נאָך

דריי פון דער קבוצה „אחוה״: שלום ראָזמאַרין (היינט אין ענגלאַנד), ישעיה סטעמפּל (אין דזשאמאַיקע), דוב טורטעלטויב (אין אַמעריקע).

די כפירים (יונגע לייבן) האבן ממשיך געווען

איך האָב פאָרגעזעצט מיין הכשרה אין נאַדוואָרנע און בין עולה געווען קיין א״י. פאַר מיין עולה זיין האָט זיך אין דער קן־טעט־קייט אָנגעשלאָסן די קבוצה: „כפירי־אריות״ צווישן זיי: צבי דערפלער, יואל פּערלמוטער, העניע אַלטער יצחק סטעמפּל, צבי רעגנבויגן און אַנדערע.

„איר וועט פאָרזעצן אין דער ריכטונג פון עליה קיין ארץ־ישראל און דעם וועג ווי אַזוי דאָס רעאַליזירן וועט איר שוין אליין געפינען״ — דאָס זענען געווען מיינע אָפשידסרייד פאַר זיי. האָבן טאַקע אַ סך פון זיי ממשיך געווען מיטן וועג פון עליה.



אַ קבוצה שומרים — קבוצת שומרים בשנת 1930
זיצן פון רעכטס (יושבים מימין): יהודה גרינפעלד, יואל ליפשיץ, יהודה שטיצל. שטייען פון רעכטס (עומדים מימין): מאָטל לאַנדאו, צבי דערפלער, צבי ווייכסלבוים, לייביש דערפלער, אבא פּערלמוטער, אַריה קאַנער.

יוגנט־ארגאניזאציע פאר סאציאלע הילף

די אַנטוויקלונג פון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין לאַנצוט, האָט נאָך געשלאָגן וואָרצלען אין די לעצטע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. נאָך אַ סך יאָרן פאַרן פּאָליטישן ציוניזם, איז די יוגנט נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, זי האָט געזוכט טעטיקייטס־געביטן כדי צו העלפן און זיין אַ ביישפּיל פאַר די עלטערע. פאַרשטייט זיך, אַז די טעטיקייט איז געווען, דאָס טראָגן סאָציאַלע הילף, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיטן מצב פון די יידן אין יענער תקופה.

אין יאָר 1896 האָבן יידישע סטודענטן אין לאַנצוט געגרינדעט אַ „יידישע קנאַבן־אונטערשטיצונגס־פאַריין״. צווישן די איניציאַטאָרן געפינען מיר: איגנאַץ פריד, ברוך און יוליוס ווייסמאַן, דאָלעק דרוקער, צבי ראַמער און אַנד. שוין דעמאָלט איז יוליוס ווייסמאַן אויפגעטרעטן מיט דעקלאַמאַציעס אויף אַ פּורים־אָוונט אין „הקדש״, פון וועלכן די הכנסות זענען געווען באַשטימט פאַר הילף און צדקה. די אויפגאַבע פון פאַריין איז געווען צו העלפן די לאַנצוטער אָרעמעלייט. דער פאַריין האָט געצאָלט חודש־געלט און געזאָרגט פאַר וווינונגס־פלעצער און אַנדערע געברויכן.

ציוניסטישע יוגנט־באוועגונג

אין אָנפאַנג פון איצטיקן יאָרהונדערט, מיט די ערשטע ציוניסטישע שפּראָצן, איז געוואָרן אַן אויפרודערונג צווישן דער יוגנט, און נאָך פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט שוין עקזיסטירט אין לאַנצוט אַ שטאַרקע אָרגאַניזירטע יוגנט. אירע ערשטע מיטגלידער זענען געווען: דער זון פון ראש־הקהילה — יהושע טאַנענבוים. מלך פּערלמוטער, משה גלאַנצער, יוסף קאַלטער, משה שפּירא, ישראל הערצבערג, ברוך ווייסמאַן, מרדכי היטער, גדליהו עסטליין, פייביש אַדאָלף, רחצ׳ע דרוקער, מינצ׳יע פּערלמוטער און וואָלף כ״ץ. אין יאָר 1918 איז געגרינדעט געוואָרן דער „השומר־הצעיר״. זיינע ערשטע חברים זענען געווען: מונדעק לאַנדאו, מנחם סטעמפּל, ראובן ראָזענבליט, פייגע פאַסט, גיזעלאַ גליקסמאַן, שיינדל סטעמפּל, הדסה מילראַד, חיה האַלפּערן, ביילע פלאַשין, רבקה באָט, מינדל און שמואל גרייזמאַן, דוד בוימל און אהרון קערנער. דער העברעישער לערער איז דעמאָלט געווען ישׂשכר רייז — דער שוואָגער פון ד״ר מאַרקל.

די ערשטע טעטיקייטן פון „השומר הצעיר״ האָבן זיך קאָנצענטרירט אין קינדערהיימען. דאָרט זענען זיי אַריינגעדרינגען מיט דער העברעישער שפּראַך, איינגעאָרדנט שפּילערייען און אויספלוגן. צווישן משה האַלפּערינס גאָרטןביימער, האָבן די קינדער פאַרבראַכט זייער צייט אין געזאַנג פון העברעישע לידער — אין אַן אַטמאָספער פון שפּיל און קינדער־פרייד.

החלוץ הצעיר

ווען אליעזר סטעמפּל איז צוריקגעקומען פון ארץ־ישראל (ר׳איז עולה געווען אין 1920), האָט ער געגרינדעט אין 1924 דעם „החלוץ״. צוזאַמען מיט יוסף זייפערט האָט ער פאַרגרונטעוועט זיינע יסודות, און אַ סך האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום זיי. נאָך אַ קורצער צייט, זענען עטלעכע קבוצות אַוועק אויף אַגראַר־הכשרה אין די דערפער קאָשינאָ און ראַנזשיוו. אליעזר סטעמפּל האָט זיך צו מיר געווענדעט וועגן שאַפן דעם „החלוץ״ הצעיר״ — און די אגודת־„נעורים״ איז טאַקע שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „החלוץ הצעיר״. אַ חוץ דעם האָט אויך עקזיסטירט אַ יוגנט־גרופּע: „יידישע קינדער־פאַריין״.

אַזוי זענען אַנטשטאַנען און געווען טעטיק די עיקרדיקע יוגנט־באַוועגונגען, אין יענע טעג אין לאַנצוט: „החלוץ הצעיר״ און „השומר הצעיר״. יעדע איינע האָט געווירקט אין דער ריכטונג פון הכשרה און עליה, ביז ס׳איז פאָרגעקומען די צוזאַ־

מענגיסונג פון די תנועות אין גאַליציע — אַ פאַרייניקונג, וואָס האָט געברענגט צו אַ פאַרצווייגטע און לעבהאַפטע טעטיקייט.

זומער־קאלאניעס

איינע פון די צענטראַלע אַרבעטן פון די תנועות־נוער אין לאַנצוט איז געווען: דאָס אָרגאַניזירן זומער־קאָלאָניעס — עפּעס פון כאַראַקטער פון אַ גרויסן „יריד", וואָס האָט אין זיך קאָנצענטרירט הונדערטער יוגנטלעכע פון אַ סך שטעט אין גאַליציע, דאָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די זומער־קאָלאָניעס, די צוזאַמענטרעפן אויף גרינע פעלדער, אויף פרישער לופט — דאָרט איז געפלעגט געוואָרן דער אידעאַל פון הכשרה און עליה קיין ארץ־ישראל.

אין דאָרף האָסאָוו, עטלעכע קילאָמעטער פון לאַנצוט, האָט אונדזער יוגנט פאַרברענגט איין חודש אין יאָר, אין דער אַנגענעמסטער אַטמאָספער — אַ לעבן פון סקויטן, אין גע־צעלטן, וועלדער, וואַסער, מיט זיין שטייגער און אָרדענונג. אין דער קאָלאָניע זענען געקומען יוגנט פון ראָזוואַדאָוו, ריישע, סענדישעוו, יאַראָסלאַוו, פשעמישל, גאָרליץ, דעמביץ און אַנד. איך געדענק איין פרימאָרגן פון חודש אויגוסט 1928: אין דער דאָזיקער זומער־קאָלאָניע האָט דער שרייבער דניאל פערסקי געהאַלטן אַ פלאַמיקן רעפעראַט אין העברעיש, און אונטער דעם אוממיטלבאַרן איינפלוס פון דער יוגנט אויף הכשרה, וואָס האָט שוין פאַרשטאַנען עברית, האָט ער אויס־גערופן:

— „איך פיל דאָ ביי אייך די ארץ־ישראל אַטמאָספער".

בריוו פון יוגנט

„יואל פערלמוטער און איך זענען געווען די גרינדער פון „השומר הצעיר". מיר האָבן געהאַט צו אונדזער רשות אַ צימער, אָבער קיין געלט פאַר טעטיקייט איז נישט געווען" — ווערט געזאָגט אינעם בריוו פון צבי דערפלער אין יאָר 1930. ער דערציילט, אַז 20 חברים זענען געווען אין קן, און אַנדערע חברים זענען אַריבער צו „אגודת הנוער". די קאָנקורענץ פאַר דעראָבערן די יוגנט איז געווען אַזוי גרויס, ביז איינער האָט דענונציאירט אין דער פּאָליציי, אַז אין צימער פון „השומר הצעיר" קומט פאָר אַן אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג. די חברים איז, בדרך נס, געלונגען צו אַנטרינען פון פּאָליצייאישע הענט.

אין די בריוו פון דער דאָזיקער תקופה פילט זיך דער ציטער וואָס האָט באַגייסטערט און צעשטורעמט דאָס האַרץ פון דער יוגנט אין לאַנצוט — דער ציטער פון אַלץ, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל.



אַ גרופּע פונעם לאַנצוטער „השומר־הצעיר" אין יאָר 1931.

ערשטע ריי פון רעכטס (שורה א׳ מימין): שמחה היטער, אריה גראַד, משה באָדעק. צווייטע ריי פון רעכטס קניען (שורה ב׳ מימין): חיה היטער, רחל גולדמאַן, נפתלי רייך, אסתר לאָרבערפעלד, יענטע קאַנער. דריטע ריי פון רעכטס שטייען (שורה ג׳ עומדים): מלכה אוסט, שרה פרידריך, גיטל קאַנער, פעסל קאָרנבלוי, מינה פרידריך. פערטע ריי פון רעכטס (שורה ד׳ מימין): מנחם בינדער, צבי ווייכסלבוים, הענה קאַנער, רויזע מיזעס, רוחמה ווײדן, רבקה שטיינדלינג, זעלדע קאַנער, חיה אַנפאַנג. לעצטע ריי אויבן פון רעכטס: שלום באָדעק, צבי דערפלער, יואל פּערלמוטער, אַברהם מילראַד.

משה הר הדר־רמתיים

יוגנט באַוועגונג „פרייהייט"

לזכר בני ישראל ז"ל, אשר נספה
בחזית העבודה בהרי הגליל.

די אָרגאַניזירונגס־אַרבעט פון ציוניסטישע אַרבעטער־יוגנט אין מיין געבורטסשטאָט לאַנצוט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סך פריער פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיין כוונה איז צו שרייבן פון מיין תקופה, ד"ה, נאָך דער וועלט־מלחמה 1918, ווי איך האָב מיטגעלעבט דעם אימפּולסיוון אָנהויב פון אַוועקלייגן די יסודות פון דער יידישער אַרבעטער פאַרטיי „פּועלי־ציון" און איר יוגנט — „פרייהייט" — פון וועלכע עס זענען אויסגעוואַקסן די אַקטיווע אָרגאַניזאַטאָרן און עסקנים, וואָס האָבן אָנגעפירט דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן אין שטעטל.

ווען די יידישע סאָלדאַטן זענען צוריקגעקומען פון די פראָנטן און אויסגעביטן זייערע מיליטערישע קליידער, האָבן זיי אויך געענדערט דעם אויסזען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטעטל.

הונדערטער קינדער האָבן 4 יאָר געלעבט אָן השגחה פון עלטערן (דער שרייבער פון די שורות, איז געווען איינער פון אַזעלכע קינדער — זיין פאָטער פייוול האַר איז געווען מאָביליזירט אין עסטרייכישן מיליטער) און האָבן מיטגעמאַכט די שרעק פון דער מלחמה, הונגער, קרענק, די גרויסע טיפוס עפּידעמיע, וואָס האָט נישט געשוינט קיין איין הויז. בפרט האָבן געליטן די קינדער פון נישט פאַרמעגלעכע עלטערן, ווי מאַרקזיצער, אויפקויפער, דאָרפגייער און בעלי־מלאכהס און אויךּ משפחות, וואָס די מענער זענען 4 יאָר געווען אין מיליטער.

אַלס רעזולטאַט פון דער פּסיכאָלאָגישע דערשיטערונג, האָבן זיך די קינדער פון מיין עלטער בערך, אָרגאַניזירט כמעט אַליין, ספּאָנטאַן. עפּעס האָט אונדז געשטויסן צו מעשים. נישט קלאָר פאַר זיך אַליין, האָבן מיר געוואָלט זיין אַנדערש, נישט ענלעך צום נעכטן.

מיר האָבן איינגעאָרדנט פאָרשטעלונגען פאַר הונדערטער קינדער. אין הויף ביים חבר מיכאל וואלצער, אין אַ ווינקל צווישן צוויי געמויערטע ווענט האָבן מיר מיט נאָך אַ צאָל קינדער צוגעבויט נאָך צוויי ווענט (די ציגל האָבן מיר גענומען פון משה חיה איידלס חרוב־געוואָרענע בעקעריי).

מיט שווערע אָנשטרענגונגען האָבן מיר אַליין אויסגעבויט אַ פלאַץ, וואָס האָט געדינט פאַר אונדזער זאַמלפּונקט, און מיר האָבן זיך גערופן „יידישער קינדער פאַריין", לויטן פאָרשלאַג פון ד"ר אהרן היטער. אָנגעפירט מיט די קינדער פאָרמאַציע האָט דער שרייבער פון די שורות און מיכאל וואלצער, עלטערע עסקנים, וואָס האָבן שוין געהאַט אַ געוויסן סטאַזש פון געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. אויף דער יידישער גאַס האָט אונדזער דערשיינען געמאַכט אַ טיפן איינדרוק.

דער פאָרזיצנדער פון יידישן הילפס־קאָמיטעט, געצל דרוקער, איינער פון די בכבודיקע יידן אין שטעטל און פון די ערשטע ציוניסטישע עסקנים, פאָרשטייער פון די אָרטיקע באַפעלקערונג כלפּי די רעגירונגס־אינסטאַנצן, האָט מיר צו־געגעבן מוט און צוגעזאָגט צו העלפן. איך בין דעמאָלט אַלט געווען ס"ה 12 יאָר.

אונדזער טעטיקייט איז געוואָרן מער ממשותדיק. חוץ פאָרשטעלונגען און שפּילערייען, וואָס אין גרעסטן טייל זענען מיר געווען אַליין די מחברים און רעזשיסאָרן און אויך די אַקטיאָרן, האָבן מיר אויך אָנגעהויבן צוזאַמען צו לעזן. די ערשטע ביכלעך, אייגנטלעך בראָשורן, האָבן מיר באַקומען אַ מתנה פון מיין ברודער דוד האַר און לייזער פאָס, ווען די פירער און גרינדער פון „פּועלי־ציון" אין לאַנצוט האָבן באַקומען דעם ערשטן טראַנספּאָרט ביכער פאַר די געגרינדעטע מאַקס ראָזנפעלדס ביבליאָטעק.

מיר זענען געווען אַליין איבעררעאַשט פון אונדזער אויפטו אין ענדערונג אין אונדזער אַרט לעבן, עפּעס ווי מיר זענען געבוירן פון דאָס ניי.

די עלטערע בחורים, וואָס איך רעכן זיי פאַר די צווייטע גענעראַציע, נאָך די וואָס האָבן זיך נאָך דער מלחמה דע־מאָביליזירט, זענען אין גרעסטן טייל געגאַנגען אָנגעטאָן אין ברייטע אומגעלומפּערטע שטיוול, אין אויסגעוואַקסענע ווי מען האָט עס דעמאָלט גערופן בורניסן — אָבערעק, מיט אַ־געקראָכענע שוואַרצע און גראַנאַטענע פאַרבן פון אַלט־קייט, — די קעפּ געשאָרן ווי, ביי אַרעסטאַנטן, די מיידלעך איינגעהילט אין שאַלן ווי אַלטע פרויען. די מלבושים האָבן אויסגעזען ווי געירשנטע חפצים פון באָבעס און זיידעס. מיט נישט זיכערע באַנעמונגען, פאַרדאגהטע פּנימער מיט בליקן אין וועלכע עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט נעכטיקע און היינ־טיקע צרות פון דער מלחמה, פּאָגראָמען, און אַזוי ווייטער.

פאַר הונדערטער קינדער איז דער הויף געווען דער הויפּט־צענטער און דער מלמד... דער דערציער און עיקר מקור פון בילדונג און וויסן. אין חדר אָדער אין שולע, האָט דאָס קינד פון אַרבעטער הייזער געפילט, אַז ער געהערט צו נישט באַ־מיטלטע עלטערן לויט די בגדים, עסן, ווי אויך אין באַציאונג פון מלמד אָדער לערער.

בכלל האָט זיך דאָס גרוילעכע בילד פון אַ גרויסן טייל פון דער אַרבעטער באַפעלקערונג אין שטעטל אַרויסגעוויזן אין געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן אינהאַלט, אין אויסערלעכן אויסזען... אַ גרוי טרויעריק בילד.

שניידער, שוסטער, טאָקער, גלעזער, בלעכער און בעקער האָבן געאַרבעט אין ענגע דירות אַ שווערן טאָג אַרבעט ביים וואַרשטאַט, אָדער אַרומגעלאָפן אין די דערפער עפּעס איינצו־



אַ גרופּע מיטגלידער פון „פּועלי ציון" אין לאַנצוט.
זיצן פון רעכטס: אַברהם מילראַד, ישראל צוקער, מלכה יאָקל, גיטשע יאַסם (הר), משה הר, וויטל גוטמאַן, דוד הר, שיינדל איינהאָרן, ישראל מילראַד, זישע הר, צפּורה יאַסם, גיזאַ יאַסם, שמואל קעשטעכער.

קויפן. טראָץ דעם אייביקן געיעג און אימפּעט האָבן די ייִדן יעדן פאַרנאַכט געלאָפן אין בית־המדרש אַריינצוכאַפּן אַ מנחה־מעריב אָדער סתם כאַפּן אַ שמועס איבער פאַרשידענע ענינים.

דער אַרבעטער קלאַס האָט זיך נישט געמישט אין אַלגעמיינע פּראָבלעמען. דאָס האָט געהערט צו אַנדערע ייִדן, שבתדיקע, אויסגעפּוצטע, וואָס זייער ווירטשאַפטלעכע לאַגע האָט זיי דאָס דערלויבט.

עס איז אין יענער צייט נאָך נישט געווען קיין צענטראַלע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל געבן דירעקטיוון פאַר אַ רעגעלמעסיקע אַרבעט פאַר יוגנט פון אונדזער יאָר־גאַנג. אונדזער אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן אין די יוגנטלעכע רייען 9—8 יאָר פריער פאַרן „פרייען־סקויט", וואָס זייער צענטר איז געווען אין וואַרשע. „פּועלי־ציון" האָט אַריינגענומען אין אירע רייען יוגנטלעכע פון 15 יאָר. מיר האָבן זיך געהאַלטן אונטער די פליגל פון די עלטערע אין דעם געזעלשאַפטלעכן טומל.

אויף דער 6־טער וועלט־קאָנפערענץ פון די „פּועלי־ציון" אין יאָר 1920, ווען עס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג, האָט אויך אונדזער שטעטל געליטן דורכדעם אַ שווערן קלאַפּ, און אפילו אין אונדזער קינדער־גרופּע האָט זיך עס געלאָזט פילן.

איין חלק פון אָרטיקן סניף „פּועלי־ציון" האָט זיך צוליב אידעאָלאָגישע סיבות דערווייטערט. כמעט 90% פון זיי האָבן עמיגרירט קיין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיען און אַמעריקע. דער גרעסטער טייל איז געבליבן טריי די גרופּע פון ד"ר יצחק שיפּער און חיים העניג.

אַ טייל פון די חברים פון דעם „קינדער־פאַריין" איז מיטגעגאַנגען מיט זייערע עלטערע ברידער, אַ צווייטער טייל איז אַריבער אין „השומר הצעיר" — דער גרעסטער טייל איז געבליבן אונטער די השפּעה פון דעם שרייבער פון די שורות און האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם ייִנגסטן טייל פון דער יוגנט אין די „פּועלי־ציון".

מיר האָבן אָנגעהויבן אַ ווערבירונגס־אַקציע און ציגעצויגן אַ גרויסן טייל יוגנטלעכע פון די אַרבעטער שיכטן.

גרופּן פון שול קינדער האָבן יעדן אָוונט אָנגעפילט דעם לאָקאַל. מיר האָבן איינגעאָרדנט ספּעציעלע הילפס־קורסן, כדי צו פאַרלייכטערן די שול קינדער ביים צוגרייטן זייערע אויפגאַבן פאַר די שולע. ביי דעם האָט פיל מיטגעהאָלפן אפרים זיסאַפּפעל, אַ סטודענט פון לאַנצוטער גימנאַזיע, וועלכער האָט געווידמעט פיל אָוונטן פאַר די קורסן, ווי אויך פאַר די עלטערע פון דער זעלבסט־בילדונגס גרופּע.

די יוגנטלעכע גרופּן האָבן באַקומען אַן ערנסטן פאַרנעם.

עס זענען פאַרשוואונדן די אונטערשידן צווישן גרויסע און קליינע, יינגערע און עלטערע. עס האָט זיך אַנגעהויבן קריס־טאַליזירן אַ שותפותדיקער וועג. עס האָט זיך געפּאַרמט אַ נייער מענטש מיט אַן אַנדערער מענטאַליטעט, מיט נאַציאָ־נאַלן שטאָלץ און ארבעטער באַוואוסטזיין.

די פאַרייניקונג פון די צוויי יוגנט באַוועגונגען, די יוגנט פון „פועלי־ציון" מיט די יוגנט פון „צ. ס.", וואָס איז פאָר־געקומען אין יאָר 1922 אונטער דעם נייעם נאָמען „יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער יוגנט", האָט געגעבן אַ שטויס פאָרויס. ביי אונדז אין שטעטל זענען נישט געווען קיין אידעאָלאָגישע ויכוחים צווישן צוויי יוגנט לאַגערן מיט צוויי באַזונדערע אידעאָלאָגישע באַשטרעבונגען. אָבער עס זענען פאַרשוואונדן די נעפּלען און מען איז געפירט געוואָרן צו ציר־ניסטישע פאָלקאָמענהייט.

דער דראַנג נאָך עליה איז געוואָרן דער חלום פון אַלע־מען. מען האָט אָנגעהויבן לערנען עברית און שטודירן אַלע ידיעות פון ארץ־ישראל, געאָגראַפיע, היסטאָריע פונעם ציוניזם. און אַלע ידיעות וואָס דער פּאַלעסטינע־אַמט האָט געפאָדערט פון אַ קאַנדידאַט צו עליה.

די צווייטע און דריטע גענעראַציע, חברים פון 17—21 יאָר, זענען געווען אַרבעטס מענטשן, וואָס זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין שויס פון עקאָנאָמישע ראַנגלענישן. איך וועל דאָ דערמאָנען אַ טייל פון זיי: הערץ יאסעס, אַן איבערגעגעבענער חבר אומגעקומען אין קריג; לאַזער קעש־טעכער, אולי מילראַד, אַן אַקטיווער טוער פון דער יוגנט און ממשיך געווען אַלס איינער פון די אַקטיוונסטע חברים אין „פועלי־ציון" ביז 1939, איז אומגעקומען דורך די דייטשן; ישראל צוקער, פרעזעס פון „פועלי ציון" נאָך דוד הארס עולה זיין קיין ארץ־ישראל אין 1926 האָט ישראל צוקער גע־טראָגן דעם פינאַנציעלן עול פון דער פּאַרטיי. קיין רעדנער איז ער נישט געווען, אָבער זיינע מעשים האָבן פאַר אים גע־רעדט. אומגעקומען פון דייטשן; זישע האר, פון די עלטערע גוואַרדיע אין די יוגנט, געווען אַ צייט סעקרעטאַר און שפּע־טער אַקטיוו אין פועלי־ציון ביז 1939; יאשע האר, היינט אין ארץ־ישראל, האָט געגרינדעט אין יאָר 1919 דעם ערשטן אַר־בעטער ספּאָרט־קלוב „שמשון" און אויך אָנגעפירט אַ גרופּע פון אַטלעטיק. יאָשע האר האָט אויך מיטגעשפּילט אין „הזמיר". ביי 16 יאָר האָט ער זיך פרייוויליק געמאָלדן אין דעם עסטרייכישן פלאָט, זיך באַטייליקט אין אונגאַרן ביי דער רעוואָלוציע פון בעלא־קאָן, און דאַן אַנטלאָפן דורך סטרי ביים אויסברוך פון פּויליש־רוסישן קריג. קומענדיק צו־ריק אין לאַנצוט האָט ער זיך גלייך פאַרנומען מיט פּאַרטיי אַרבעט און אָנגעפירט מיט אַלע ספּאָרט און לייכט אַטלע־טישע סעקציעס; בנימין יאסעס, מלך קעשטעכער, זלמן היטער, און נאָך אַ סך חברים — אַלע געווען גרייט צו עליה.

ארץ־ישראל איז געווען די הויפּט־טעמע און דער הויפּט־ציל. די נייע חלוצישע שטימונג אין די יינגערע גרופּן און דער געוואָלטיקער דראַנג צו הכשרה און עליה האָט געענ־דערט די גאַזעלשאַפטלעכע סטרוקטור גייסטיק און עקאָנאָ־מיש. עס איז שוין געווען איבעריק צו רעדן פון אַקטיוון ציר־ניזם און הגשמה עצמית.

די פאַרייניקונג פון די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער יוגנט מיט די יוגנט „צ. ס.", וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1926, און זיך אָנגערופן אונטער דעם נייעם נאָמען „פריי־הייט", מיט איר צענטראַלע אין וואַרשע, איז געווען אַ דער־גענצונג און מיר האָבן מיט פרייד אויפגענומען דעם היסטאָ־רישן מאָמענט, אַלס אָנהויב פון אַ זעלבסטשטענדיקע פּלאַנ־מעסיקע יוגנט־טעטיקייט.

מיר האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם צענטראַל קאָמיטעט מיט אַן אַקטיוו פון 70 חברים. דער געוויילטער קאָמיטעט פון „פרייהייט" איז באַשטאַנען פון 9 חברים: יושב־ראש און סעקרעטאַר — משה האר, רחל גוטמאַן — געהילף־סעקרע־טאַרן, אולי מילראַד, גיטשע יאסעס, שלמה יאסעס, בינעק סאַלפּעטער, זאַנוול יאסעס, שיינדל קעשטעכער, דבורה קעשטעכער.

מיר זענען שוין דעמאָלט געווען דער לעבעדיקער רע־זערוו פאַר די „פועלי־ציון" פּאַרטיי אין לאַנצוט.

אַ גרויסע מיטהילף האָט בייגעשטייערט ח' בינעק סאַל־פּעטער, אַ סטודענט מיט גרויסע פּעדאַגאָגישע, אַ שאַרפער פאַ־לעמיקער, אַנגעזאַפּט מיט הויכע בילדונג און וויסן אויף אַלע געביטן.

אונדזער דערציערישע טעטיקייט האָט די יוגנט צוגע־בונדן צו זייערע אויפגאַבן. עס איז אויסגעוואַקסן אַ נייע גענעראַציע פון יוגנט־טוער: וואָלף קנעלער און דבורה קעש־טעכער האָבן אָנגעפירט מיט די ייִנגסטע קבוצות אין דער „פרייהייט". יונגע שול קינדער זענען געווען דער פּאָטענציאַל פון „פרייען־סקויט" מיט אַ יאָר שפּעטער (1928) מיט אַ גאַנצן דערציערישן מעכאַניזם פאַרבונדן מיט די צענטראַלע פון „פרייען סקויט" מיט באַזונדערע אוניפאָרמען און אייגענע באַגריסונג „פריינטשאַפט" און מיט אַן אייגענע צייטונג — „פרייער סקויט". מיט די חלוצישע גרופּע האָט אָנגעפירט זיינוול יאסעס און משה מערזל. אַ סך פון אונדזערע חברים האָבן מיר געשיקט אויף הכשרה. ביידע חברים זענען גע־בליבן טריי זייערע אידעאַלן — זיינוול יאסעס געפינט זיך אין קיבוץ גבעת־השלושה און משה מערזל איז אַ חבר אין קיבוץ יגור.

זיינוול יאסעס איז אויך געווען אַקטיוו אין ספּאָרט־קלוב „שמשון", וועלכן מיר האָבן שפּעטער געענדערט דעם נאָמען אויף „הפועל".

אין יאָר 1927 איז די „פועלי־ציון" אָרגאַניזאַציע געווען געצוואונגען צו בייטן דעם לאָקאַל אויף אַ גרעסערן זאַל אין דער געביידע פון דער אַלטער גימנאַזיע, צוליב דעם שנעלן אויפוואַקסן און דורך איר עקשנותדיקן אַריינדרינגען אין אַלע פּראָבלעמען פונם יידישן אַרבעטער לעבן.

די „פרייהייט" מיט אַלע אירע גרופּן און סעקציעס זע־נען געבליבן אין אַ זעלבסטשטענדיקן אייגענעם לאָקאַל. דער סקויט, די חלוצישע קבוצות און די „פרייהייט" האָבן געפירט אַלע פּעולות אין פּאַרטיילטע שעהן, אַזוי אַז איין קבוצה זאָל נישט שטערן די צווייטע.



די פוטבאַל מאַנשאַפט פונעם ספּאָרט־קלוב „שמשון" — קבוצת כדור־רגל „שמשון".

ערשטע ריי פון רעכטס (שורה א׳ מימין): ישראל מילראַד, קלמן טייטלבוים (תמרי), יוסף הר. צווייטע ריי פון רעכטס (שורה ב׳ מימין): אלעזר געלבער, וואָלף גוטמאַן, יהודה זאַואר, הערץ יאַסס, ישעיהו זאַנענבליק. דריטע ריי פון רעכטס (שורה ג׳ מימין): לייזער בעזמשטאַק, מאָטל זאווּאר, שמואל קעשטעכער, בנימין צוקער, שמואל קעשטעכער.

די ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, איז געווען דער יסוד פאַר אַ שותפותדיקע צוזאַמענאַרבעט צווישן די אָרטיקע יוגנט־פאָרמאַציע, וואָס האָבן זיך אָריענטירט אַרום די וועגן פון דער הסתדרות, דהיינו: „פועלי־ציון", „פרייהייט", „החלוץ הצעיר", ה„חלוץ" און „השומר הצעיר".

מיר האָבן פאָרגעלייגט אַלע יוגנט אָרגאַניזאַציעס איינצואָרדענען שותפותדיקע שמועסן אַלע פרייטיק אין אָוונט איבער פאַרשידענע פראַגן, אויפן יסוד פון אַ פרייער דיסקוסיע.

דער ערשטער שמועס איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון „השומר הצעיר" אין הויז פון מלך פערלמוטער. עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע חלוצישע גרופּן: „השומר הצעיר", „עקיבא" און „פרייהייט". די קאָלעקטיווע שמועסן האָבן גורם געווען צו פּסיכאָלאָגישע דערנענטערונג, און חברישע באַציאונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

עס איז כדאי צו באַמערקן אַז אַ גרויסן אַנטייל אינם דערפאָלג פון דער אַקציע האָט געהאַט ח׳ צבי דערפלער, אַ חבר אין „השומר הצעיר", איינער פון די אַקטיווע טוער אין געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון דער לאַנצוטער יוגנט, וואוינט היינט אין יקנעם.

אין 1928 איז פאָרגעקומען אין לאַנצוט אַ צוזאַמענפלי, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט חברים פון ריישע, ליזענסק און לאַנצוט. חוץ דעם געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן ווערט פון צוזאַמענפלי האָט אויך אונדזער ספּאָרט־סעקציע דעמאָנסטרירט דערגרייכונגען אין ספּאָרט אויפטרעטונגען.

די קולטור קאָמיסיע האָט אויך געפירט אַ פרוכטבאַרע אַרבעט. „פרייהייט" האָט שוין באַוויזן צו דערווערבן אַן אייגענע ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך גערופן „יוגנט ביבליאָטעק פרייהייט", און געציילט 600 ביכער. אָנגעפירט מיט דער ביבליאָטעק האָט ח׳ רחל גוטמאַן.

די יוגנטלעכע איבער 18 יאָר האָבן מיר איבערגעפירט אין גאַנצע גרופּן אין דער פּאַרטיי. דאָס איז געווען אַ יום־טוב פאַר אַלעמען, מיט אַ קונסט־פּראָגראַם, וועלכער איז אויסגעפירט געוואָרן מיט אייגענע כוחות פונם דראַמאַטישן קרייז.

עס האָבן אונדז באַזוכט חברים פון „מרכז" (מ. הורביץ, פנחס קוזלובסקי, בן־אשר פון ארץ־ישראל און נאָך אַנדערע חברים). ח׳ יהודה קופּלוביץ (יהודה אלמוג) האָט אונדז באַזוכט אין יאָר 1931 צום 5 יאָריקן יובל פון דער „פרייהייט". די פייערונג איז פאָרגעקומען אין בית עם. דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט מיט חברים און געסט פון אַלע ריכטונגען. די דערעפענונגס־רעדע האָט געהאַלטן דער שרייבער פון די שורות. דער רעפעראַט פון ח׳ קופּלוביץ איז אַריבער מיט גרויס הצלחה און דער פולגעפּאַקטער עולם פון חברים, פריינט און אפילו קעגנער האָבן אויפגענומען דעם ארץ־ישראלדיקן שליח מיט התלהבות.

ווען מיין ברודער דוד האר איז געקומען פון ארץ־ישראל אין יאָר 1933 אויף אַ באַזוך אין לאַנצוט, האָט ער געטראָפן אַ צעמענטירטע און דערצויגענע יוגנט אין אַ גרויסן פאַרנעם. דער „סקויט" אין זיינע אוניפאָרמען, די „פרייהייט" אין בלויע חולצות, דער „החלוץ" אין שווערע בערג־שטייגער־שיך און אין לעדערנע קורטקעס. ער האָט געזען וואָס פאַראַ קפיצת הדרך מיר האָבן דורכגעמאַכט אין די 7 יאָר. די חדר־יינגלעך זענען פאַרשוואונדן. אויף זייער פּלאַץ האָט ער געטראָפן דעם „סקויט", זייערע מדריכים זע־

נען געוועז באַוואוסטזיניקע יונגע חברים פֿון דער „פֿרייהייט״, אַ טייל צוריקגעקומענע פֿון הכשרה, סעמינאַרן, צווישן זיי אָרגאַניזירטע חברים אין פּראָפֿעסיאָנעלע סעקציעס.

דער ערשטער מאַי איז געפֿייערט געוואָרן ווי אַ טראַדי־ציאָנעלער יום־טוב. אַלע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע זענען דעם טאָג נישט דערשינען צו דער אַרבעט. די גאַסן דעמאָנ־סטראַציע איז פֿאָרגעקומען צוזאַמען מיט די פּ. פּ. ס. אין אָוונט איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאַרזאַמלונג און מען האָט אַרומגע־רעדט די באַדייטונג פֿונעם ערשטן מאַי.

„פּועלי־ציון״ און איר יוגנט „פֿרייהייט״ זענען געוועזן אַ ממשותדיקער געזעלשאַפֿטלעכער און פּאָליטישער כוח, אויך לגבי דער פּוילישער אַרבעטער פּאַרטיי פּ. פּ. ס., מיט וועלכער מיר זענען געשטאַנען אין ענגער פֿאַרבינדונג.

דער אימפּעט פֿון אונדזער אָרגאַניזיר אַרבעט איז גע־גאַנגען שנעלער פֿון דעם נאַטירלעכן צווואוקס פֿון פֿרישע רעזערוון. אַ אומדערמידלעכע און פּערמאַנענטע אָרגאַניזירונג און אויפֿקלערונגס־אַרבעט איז געפֿירט געוואָרן דורך די פּע־איקסטע זין פֿון לאַנצוטער אַרבעטער משפּחות, וועלכע האָבן געווידמעט זייער פֿרייער צייט דערצו.

אין יאָר 1933 איז פֿאָרגעקומען אין קראָקע אַ קאָנפֿערענץ מיט דער באַטייליקונג פֿונם גאַנצן קראָקעווער ראַיאָן. פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע האָט זיך באַטייליקט ח׳ נוי־שטאַט ז״ל און ח׳ ד״ר הרצל ברגר ז״ל. דער שרייבער פֿון די שורות האָט פֿאַרטרעטן דעם לאַנצוטער סניף אויף די קאָנפֿערענץ.

*

אין אונדזער געזעלשאַפֿטלעכער און פּאָליטישער טעטי־קייט האָבן מיר ממשיך געוועזן דעם חסידיזם, מיט התלהבות און דבקות, די שטעטלדיקע ירושה פֿון דורות, אויף אונדזער אופֿן, און אונדזערע וועגן. 15 יאָר זענען אַריבער ווי מיר זענען אַליין אַריין אין דער געזעלשאַפֿטלעכער וויג; מיר האָבן זיך אַליין אויסגעוויגט, אַליין זיך דאָס קינדער־ליד געזונגען. ביז אויף היינטיקן טאָג דערנערן מיר זיך פֿון די דאָזיקע טיפֿע פּאָזיטיווע מענטשלעכע ווערטן און געפֿילן סיי פֿאַרן יחיד סיי פֿאַר דער חברה, פֿאַרן קלאַס און פֿאַרן פֿאָלק.

מיט אַ ריין געוויסן און מיט מאָראַלישע דערהויבנקייט קענען מיר דערציילן אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט די קומענדיקע דורות אין דער צוקונפֿט. מיר האָבן געבויט אונדזער געזעל־שאַפֿטלעכן לעבן. פּאָליטיש און קולטורעל אָן הילף פֿון אַקאַ־דעמישער פֿילאַנטראָפּיע. מיר האָבן נישט גענומען — מיר



„העובד״ אָרגאַניזאַציע ביי דער לאַנצוטער „פּועלי־ציון״.

זיצן פֿון רעכטס (יושבים מימין): יהושע היטער, פּסח גאָטליב, דוב טורקלטויב, ישראל יהושע מילראַד, זישע הר, וואָלף קנעלער, חיים וואָלפֿמאַן, שלמה אַדלער, חנן אויסאיבל.



אַ גרופּע „פרייהייט“ אַקטיוויסטן אין לאַנצוט.
זיצן פון רעכטס (יושבים מימין): ישראל מילראַד שיינדל קעשטעכער (פרידער), הדס גוטמאַן, דוב זאָנענבליק, רחל גוטמאַן, לייזער פּאָפּיאַל. שטייען פון רעכטס (עומדים מימין): לוי געלבער, חיה זאָנענבליק, מלכה יאָקל, גיטשע זאַואר.

האָבן געגעבן. אַלס טייל פון אַ געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, וואָס ווייזט אַ וועג.

אויפן געביט פון טעאַטער, זענען מיר אויך נישט געבליבן הינטערשטעליק. איך וועל דאָ דערמאָנען נאָר דעם טייל פון „פּועלי־ציון“, און דערנאָך „פרייהייט“ אויף דעם קולטור־רעלן געביט אין אונדזער שטעטל.

אין אַ הילצערנע געביידע, קעגנאיבער דעם שלאָס פון גראַף פּאָטאָצקי, האָט דער פירער פון „פּועלי־ציון“ דוד האר ז״ל מיט זיין פרוי צפורה האר, געמאַכט דעם דרייסטן פּרווו צו פאַרוואַנדלען די אַלטע געביידע אין אַ טעאַטער זאַל, מיט אַ געבויטע בינע.

די געביידע האָט געהערט צו יעקב יהושע גוטמאַן ז״ל, און אַזוי ווי זיינע 5 טעכטער און זון זענען געווען חברים פון „פּועלי־ציון“, האָט דער פאָטער דערלויבט צו ענדערן די געביידע צו דעם צוועק.

„דער ווילדער מענטש“ איז געווען די ערשטע יידישע פּיעסע, וואָס עס איז אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע פונעם נייעם טעאַטער זאַל. רעזשיסירט און געשפּילט די הויפּט־ראָלע האָט דוד פּאַסטערנאַק, מיט פאָלגענדן אַנסאַמבל: צפורה האר, אסתר טוכפעלד, קלמן טייטעלבוים, דוד האר, דער ברודער און פרוי פונעם רעזשיסאָר פּאַסטערנאַק, ווינ־טערגרין, פעניכל פון ריישע און צביה טוכפעלד. די ערשטע פאָרשטעלונג האָט געמאַכט אַ טיפן רושם אינעם שטעטל. מיט נאָך אַ גרעסערן דערפאָלג איז אויסגעפירט געוואָרן די צווייטע פאָרשטעלונג „די שחיטה“. די הויפּט־ראָלע האָט געשפּילט אסתר טוכפעלד. נאָך דעם ווי די משפחה פּאַסטער־נאַק האָבן פאַרלאָזן לאַנצוט האָט מיטגעשפּילט אין אַלע וויכטיקע ראָלן מ. חורגעל, דער באַוואוסטער אַרטיסט פונעם „אהל“ טעאַטער אין תל־אביב.

היות די הכנסות האָבן נישט געדעקט די חובות און הוצאות, איז די פאַרוואַלטונג געווען געצוואונגען צו פאַר־דינגען דעם זאַל דעם לאַנצוטער טאַנץ־לערער און מוזיקער משה שטיצל, און ער האָט באַנוצט דעם זאַל פאַר אַ טאַנץ־זאַל. די בינע איז געבליבן אין רשות פון די „פּועלי־ציון“.

דער ערשטער יידישער טעאַטער־זאַל, וועלכער איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן פון אַ חורבה אין אַ קולטורעלן ווינקל, האָט געשפּייזט די אָרטיקע יידישע באַפעלקערונג מיט פאַר־לעזונגען, טעאַטער־פאָרשטעלונגען און פאַרשידענע פאַרוויי־לונגען נאָך דער וועלט מלחמה, ביזן יאָר 1926—1927. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג האָט זיך געפונען דאַן אין דעם ציוניסטישן, סאָציאַליסטישן איבערבויאונגס־פּראָצעס. אַ גרויסער טייל חברים און חברות האָבן געשאַפן אַ משפחה לעבן און היימען און אויטאָמאַטיש איבערגעגעבן די סאָציאַלע, פּאָליטישע און קולטורעלע פונקציעס דער צווייטער און דריטער גענעראַציע, וואָס האָבן ממשיך געווען די שיינע טראַדיציע און ווייטער געשפּונען דעם שיינעם געזעלשאַפט־ליכן געוועב, מיט פרישע יונגע כוחות און מער התלהבות.

דער דראַמאַטישער קרייז פון דער צווייטער און דריטער

גענעראַציע, איז אָנגעפירט געוואָרן פון באַקאַנטן יידישן אַקטיאָר צ. ראָזענצווייג, אַ חבר פון יידישן וואַרשעווער אַרטיסטן־פאַראיין. אַ דאַנק ראָזענצווייג׳ס ענערגישער רעזשי איז אויסגעבילדעט געוואָרן אין אַ קורצער צייט אַ גרופּע יונגע חברים און חברות, וואָס האָבן דערפילט די קולטורעלע שליחות מיט טאַלענט און איבערגעגעבנהייט אויף דעם געביט.

מיר האָבן אויפגעפירט פאַרשידענע דראַמען און פּיעסן, פון באַוואוסטע יידישע שרייבער און דראַמאַטורגן. און צווישן זיי אויך „די זיבן געהאָנגענע" פון אַנדרייעוו. אויך יידישע אַמעריקאַנער פּיעסן, ווי „אויף דעם שוועל פון גליק". מיר האָבן מיט אונדזער דראַמאַטישן קרייז גאַסטראָלירט אין די אַרומיקע שטעטלעך און געשפּייזט די באַפעלקערונג מיט יידיש טעאַטער, פאָרלעזונגען און רעציטאַציעס.

באַטייליקט אין דעם דראַמאַטישן קרייז האָבן זיך אַ באַדייטנדע צאָל יינגערע און עלטערע חברים. איך וועל ערשט אויסרעכענען די אומגעקומענע אין דער שוידערלעכער פאַר־ניכטונגס־אַקציע, און שפּעטער די שארית הפליטה, און אויך די וואָס האָבן אַ סך יאָרן פאַרן קריג פאַרלאָזן פּוילן און עולה געווען אין ארץ־ישראל.

וואָלף טוכפעלד, אַ בארופס קאָמיקער, זיין קלענסטע באַוועגונג אויף דער בינע האָט אַרויסגערופן שטורמדיקע געלעכטער. צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער אומגעקומען פון די היטלעריסטישע רוצחים. וויטל גוטמאַן — אַ שיין געשטאַלט, פול מיט לעבן, תמיד מיט אַ זאַפטיקן געלעכטער אויפן פנים, האָט זיך דווקא אויסגעצייכנט אין טראַגישע ראָלן, פון אַן אומגליקלעכע מוטער וואָס פאַרלירט אירע קינדער. איר נאַטירלעכער געוויין אויף דער בינע, האָט ביים קהל טרערן אַרויסגערופן, און אירע מאָנאָלאָגן, האָט מען אויסגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. אומגעקומען צוזאַמען מיט אירע קינדער. זישע האר — אַן ערלעכער בחור, דער־שינען אין ראָלן פון אַ געטרייען פאָטער, געשטאָרבן פון טיפוס אין וויטן רוסלאַנד.

שיינדל איינהאָרן (דערנאָך מילראַד), אַ האַרציקע שיין צאַרט מיידל, האָט געשפּילט ראָלן פון אַ פאַרלאָזטע כלה. אומגעקומען מיט איר מאַן און קינדער פון די נאַצישע רוצחים. לייזער יצחק גוטמאַן, וואָלף גוטמאַן אומגעקומען פון די דייטשן. רחל גוטמאַן (היינט גרינער), פלעגט שפּילן קאָמישע ראָלן, היינט אין ארץ־ישראל. אַלטע יאסעם, די פאַרטנערן פון וואָלף טוכפעלד, — גיטשע יאסעם (היינט האַר), האָט געשפּילט אין אירע אַלע ראָלן דאָס קינד. איר ערלעכער און אויפריכטיקער כאַראַקטער האָט זיך איינגע־פלאָכטן אינעם שפּיל. משה האר, דער פאַרטנער פון גיטשע יאסעם אויף דער בינע, האָט זיך באַקאַנט מיט גיטשע יאסעם



„טאַטע מאַמע צרות" אויפגעפירט דורך אַמאַטאָרן שווישפּילער — המשתתפים בהצגת: „טאַטע מאַמע צרות" ע"י להקת חובבים דרמטית בשנת 1932.

נאָך אין דער „פרייהייט", און צוזאַמען געטראָגן דעם חלר־צישן ציוניסטישן עול, צוזאַמען געקומען אין לאַנד אין 1935 און זענען ממשיך זייער לעבנסגאַנג ביז היינט. זיי בשותפות טראָגן די אייגענע אַזוי פרישע פאַרבלוטיקטע וואונד.

✶

דאָס בינטל לויטערע פערל, פונעם צוריסענעם שנירל, וואָס האָט באַצירט און באַשיינט, דעם שטערן פון ידישן פאָלק. נאָך אַ מאָל וויל איך זיי געדענקען. יזכור! נאָך אַ מאָל פילן די שותפותדיקע ליידנשאַפט נאָך גרויסע קרבנות־פולע פאָלקס מעשים... דאָס ליכטיקע פייער, פון זייערע שיינע אויגן און גליענדע התלהבות פון זייערע נשמות — איז אויסגעלאָשן... אַפילו אַ פאַרבלאָנדזשעט יתומל, האָט אין די חורבות פון די פאַרברענטע הייזער דאָרטן זיך נישט באַהאַלטן...

איך שרייב פאַר די, וואָס קענען מער נישט זייערע הענט אין שרייב־טיש אָנשפאַרן און זייערע אויגן זעען מער נישט קיין געשריבענע זכרונות...

מיין גרויסע בקשה איז, אַז מיין כוח הזיכרון זאָל מיר דינען און נישט אָפנאַרן ביז מיין לעצטער געשריבענער שורה. אַ חסד של אמת פאַר די אויסגעטריקנטע ביינער וואָס וואַלגערן זיך צושפרייט און צוזייט אויף גאָר דער וועלט. דאָס זענען זיי... די שפּראָדלדיקע מענטשן לעבנס. די בעסטע זין און טעכטער... די רעדנער, די ראשי־התנועות, די סעקרעטאַרן, די אָרגאַניזאַטאָרן, די שפילער די ספּאָרטלער, די מדריכים, וואָס האָבן געבאַנט די וועגן פאַרן ידישן פאָלק. היינט הערשט אַ טויטע שטילקייט דאָרטן, אַ געדיכטע פינצטערניש, פאַרנעפּלט זענען אַלע וועגן... עס רוישט אין די אויערן דער רעש פון שדים טאַנץ אַרום דעם עגל הזהב, פאַרשיכור׳ט יתומים און אלמנות, מיט חלומות נאָך פרעמדע ירושה... אייזן, קאַלטער אייזן ווייזט די ריכטונג אין דער פינצטער... מרחקים פאַרשווינדן פאַר די רעדער פון מאַשין... און דער אימפּעט לעשט די יאָר־צייט ליכט... ווען און ווער וועט קדיש זאָגן?... כדי צודערמאָנען די קדושים און זייער גבורה, און וויינען זייער געזאַנג — שטעלט אַ מענטש זיך זיין מצבה... און מיט פאַרשטיקטע טרערן, דאַרף ער זאָגן צוויי מאָל „יתגדל ויתקדש" — איין מאָל פאַר די וואָס קיין זכר איז פון זיי נישט פאַרבליבן, און דאָס צווייטע מאָל — אין דער לאַנגער נאַכט, נאָך זיך אַליין...



יוגנט אָרגאַניזאַציע „פרייהייט" ביי רעכטע „פועלי־ציון". ערשטע ריי פון רעכטס: יעקב געלבער, יאַסם, וואָלף געלבער; צווייטע ריי פון רעכטס: ישראל־יהושע מילראד, זלאַטע מילראַד, הדס גוטמאַן, אלעזר געלבער, יצחק פאָפּיאָל, רחל גוטמאַן, מלכה יאָקל; דריטע ריי פון רעכטס: אלעזר שטערנהיים, חיה זאָנענבליק, מיכאל שיפמאַן, משה האַר, שיינדל זויער, משה ראַט, שלמה יאַסם (לבדי); פערטע ריי פון רעכטס: יצחק שטערנהיים, בן־זיינוול, וואָלף זאָנענבליק, אַליהו פאָפּיאָל, לוי געלבער, פנחס מילראַד, יהושע היטער.

חיה כ״ץ־שטיימן תל־אביב

אגודת הנוער העברי „עקיבא"

בדחילו ורחימו הנני נגשת להעלות פרטי זכרון לקן של „הנוער העברי — **עקיבא**" בלאנצוט, שהיה בשביל רבים מבני הנוער שבעיר מסגרת חברתית־ארגונית, שקבעה את דרכו בחינוך ואת אורח חייו. מרחק הזמן עשוי להרתיע את הכותב. היתכן לתת ביטוי נאמן לחויות נעורים באיבן ולחלומות עלומים בפריחתם שזועזעו ועורפלו בסערת התקופה?

ראשיתו של הקן — במסגרת „הנוער הציוני" בשנת 1929. הרוח החיה שבו, מראשית היווסדו ובמשך כל שנות קיומו, היה נחמן קסטנבאום. תוך פעולתו הארגונית בתחום ההסתדרות הציונית־כללית צצה בלבו דאגה לדור ממשיכים. כך קרה שאדם זה, שבגילו חרג ממסגרת תנועת־נוער, נעשה „משוגע לדבר אחד", פעל והפעיל. בהשפעתו הצטרפו לקן מראשיתו כמה חברים קשישים לשם פעולת הדרכה, וביזמתו סייעו כמה מחברי ההסתדרות הציונית במקום (ד״ר אדוארד מאורר ומגר׳ יהושע קנפל) בעבודה התרבותית של הקן בצעדיו הראשונים.

הקן, שמנה בהיווסדו כ־50 חברים, אשר שכן בראשונה בתנאים קשים ביותר בביתה של שרה כ״ץ, רווח לו עם עברו לשני חדרים בביתו של אלי אויגנבראון. שני החדרים שבקומת הקרקע של „בית־העם" (1934), שופצו ביזמת החברים, כשפסח גוטליב משמש בתפקיד „קבלן" הבניה. לא היה כאן אמנם מרחב פשוטו כמשמעו, אבל פסקה התלות בבעל־בית.

בערבים היתה אפשרות לנצל את החדרים הסמוכים של ביה״ס העברי, ובמאורעות חגיגיים או כינוסים נהגו לפלוש לאולם הגדול של „בית־העם".

מספר החברים גדל (כ־150) והקיף נוער לומד ועובד. צעירים, וביחוד צעירות בני הורים חרדים קנאים, הצליחו במשך הזמן לזכות בהכרת הוריהם בדרכם החדשה בעקביותם ובעיקר בשל התנהגותם ומידותיהם הטובות. הצטרפו גם בני חוגים, שזיקתם „לפרייהייט" ול„פועלי־ציון" היתה מסורת משפחתית ממש, ואף מבני הכפרים שבסביבת העיר, שהיו מופיעים בשבתות לפעולות הקן.

הקבוצות שהתארגנו בראשונה היו: „התקוה" — ראש קבוצה נחמן; „דבורה" — ר״ק קלמן וולקנפלד; „שושנה" — ר״ק רחל ספיר (המזכירה הראשונה של הקן). מספר הקבוצות גדל ובשנים האחרונות לקיומו של הקן מלאו כבר תפקידי הדרכה מינה פיילשוס ומניה אנגלברג מקבוצת „יהודית" ולאה לנגסם מקבוצת „חבצלת" שבהדרכת דבורה ליפשיץ. הבנות היו רוב מכריע בקן בראשיתו. הבנים שנוספו הצטרפו לקבוצות הקיימות בהתאם לגיל. כך הצטרף לקבוצת „התקוה" החבר המסור, אחד מ„ענוי עולם", יעקב דרפלר, שנספה אחר־כך ע״י הנאצים.

הקן היה שוקק חיים, ערך פעולות במסגרת הקבוצות וגם בהיקף כללי. כאן יש להזכיר חוגים, שהתנהלו בזמנים שונים: חוג לתולדות הציונות ע״י ד״ר מאורר, לתולדות ישראל ע״י יצחק גרינבאום, לעזרה ראשונה ע״י דוד פאַסט, ידיעת א״י ע״י



חברים מהקבוצה „יהודית" — יושבים מימין (זיצן פון רעכטס): אסתר אַמענט, חיה כ״ץ, בתיה קעסטן; עומדים מימין (שטייען פון רעכטס): מינה פיילשוס, חיים סטעמפל, גניה מערזל, מניה אַנגלבערג.

חיה כ"ץ. מענין היה החוג לתנ"ך בהדרכתו של שמואל גרייזמן. שעת בוקר מוקדמת, צעירים וצעירות רכונים על פרקי נבואה. חוט נסתר משתזר ומתקשר עם דורות של אבות מש־כימי שחרית לבית־הכנסת. שירי ביאליק בהדרכתו של נחמן מעבירים את הלומדים במגע רב חסד לעולמם של ה„מתמי־דים", „שואבי תעצומות" ממעיין רוח ישראל.

החוג לדוברי עברית משך אליו משתתפים גם מבחוץ. נתקיי־מו בקביעות מסיבות „עונג שבת", חגיגות או טכסים לציון מאורעות לאומיים. לעיני הנכנס לקן הצטיירו קבוצות־קבוצות של נוער, העסוקות בפעולותיהן, כאן נערך שיעור בעברית, לוצים: שמואל גרייזמן, דוד פאַסט, פנינה יוסט, בלומה קורנ־בלוי, גדליה אסטליין ויוסף מאַגנהים. נוצרו קשרים ישירים עם הארץ. בעיותיה הפכו מציאות קרובה יותר.

בינתים נמשכה הפעילות הארגונית של הקן. ביוזמתו נוסד הקן בגרודז'יסק, שהיווה שם למעשה הסתדרות ציונית יחידה וכן סייע לא במעט ביסוד הקן ברײשה. לא פעם שימש החומר העיוני של החוגים כמקור לעזרתם של קנים אחרים. הודפסו והופצו הרצאות בתולדות ישראל. מאמרי אחד־העם תורגמו לפולנית ע"י פסל זֶגֶל וחיה כ"ץ ונשלחו לקנים, שבהם לא רבתה ידיעת העברית.



חברים מהקבוצה „דבורה" — שורה א' מימין (ערשטע ריי פון רעכטס): מאָטל פאַסט, אַבע פערלמוטער, גדליה עסטליין; שורה ב' מימין (צווייטע ריי פון רעכטס): מלך גוטמאַן, שמואל גרייזמאַן, מרדכי מיזעס, שורה ג' מימין (דריטע ריי פון רעכטס): פנינה יוסט, איטאַ אַדלער, שבע וואַקסמאַן, אסתר אַנמוט, מַניה פיילשוס.

כאן חוג לתולדות הציונות, ובחדר הסמוך קוראת קבוצה בוגרת ב„על פרשת־דרכים" של אחד־העם.

העמיקה ההתענינות במתרחש בתנועה. החברים השתתפו בקביעות במחנות־קיץ המרכזיים בבנסקה־ויז'נה ובמחוזיים, ואף מילאו שם תפקידים בהתאם ליכולתם. כאן גובשו דפוסי־החיים של התנועה, כאן נערכו למרומי הטאטרה טיולים בעלי־ערך צופי־חינוכי, שרשמם בל־ימחה, כאן בא נוער העיירה במגע עם בני גילו ממקומות שונים; הרחיב אפקים. רב יחסית, היה מספר המשתתפים במושבות החורף שבאלביגובה הסמוכה ללאנצוט, בשנים 1932 ו־1933. הקן שלנו ערך מסיבות סיום למשתתפים ב„מושבות" ולחברי הועד המרכזי, שישיבתו הת־קיימה עם נעילת המושבה.

ההגשמה החלוצית היתה מחוייבת המציאות החינוכית והחברתית. חברים יצאו לפלוגות הכשרה שבבילסק, ז'יויץ, קטוביץ, כז'נוב, קראקוב ורײשה. ב־1933 — עלו ראשוני הח־

בשנות השלושים תפש הקן של „עקיבא" את המקום הראשון בין תנועות הנוער, לא רק בזכות פעולותיו כלפי פנים, אלא גם בזכות החותם, שהטביע על הפעולה הלאומית־חברתית שבעיר בכלל. הוא הצטיין בהפצת שקלים ובאיסוף כספים למען הק.ק.ל. שמר במשך כל אותן השנים על המקום הראשון. חברים השתתפו בעבודת „החלוץ" שבעיר, בויכוחים שבין תנועות הנוער, לעתים בהשתתפות שליחים מארץ־ישראל. כינוסים מחוזיים של „עקיבא", שהתקימו בעיר, נתנו הזדמנות לראשי התנועה לנאום לפני הצבור הרחב על בעיות ציוניות אקטואליות.

לא תמיד הצליח הקן לעורר ענין אצל ציבור המבוגרים, אך לעתים קרובות ידע לשתף חוגים רחבים בארגון מופעים ציבוריים חשובים, כמו אספת האבל לזכרו של ביאליק בשנת 1934.

את ה„אקדמיה" החגיגית לזכרו של הרמב"ם, במלאת 800



יושבות מימין (זיצן פון רעכטס): גולדה סטמפל, לוטקה אנגלברג, איטקה אַדלר, מניה פיילשוס, דבורה ליפשיץ, בלהה באָט; עומדים מימין (שטייען): אסתר אַמאָנט, שרה הבנשטרייט, מאַשה זאָננבליק, בלומה זאוארהאָפּט, אַבע פרלמוטר, נחמן קסטנבאום, חיה כ״ץ, רחל ספיר, מניה אנגלברג, ברכה לאָופר.



שורה א׳ מימין (ערשטע ריי פון רעכטס): דינה קאָרנבלאָו, שבע וואַקסמאַן, דוב רגנבויגן, מאָטל פאַסט, בתיה קסטן, אטל קאָרנבלאָו; עומדים מימין (שטייען פון רעכטס); נחמן קסטנבאַום, הדס קסטן, רות הילינגר, איטאַ אַדלר, אֶטל מילראַד, הניה שטיינרייך, בלומה קאָרנבלאָו, רחל ספיר, אַבע פרלמוטר, לאה ספיר, פנינה יוסט, שמואל גרייזמאַן, מניה פיילשוס, חיה כ״ץ, הנה קאַלכהיים, אסתר אַנמוט, אֶטל קנלר, דוד פאַסט.

שנה להולדתו, קיים הקן בכוחות עצמו. נכּחו מוזמנים, אוהדים והוריהם של חברי הקן.

כשאירגן הקן (1934) בסיסמת „ילדים לילדים״, איסוף בגדים לילדים עניים, הצטרפו למבצע כל הארגונים שבעיר מה„שומר־הצעיר״ ועד „השומר הדתי״.

קשה לתת ביטוי להשפעת התנועה על אורח חייו של הפרט והשקפת עולמו. הזיקה לערכי העבר היתה בשביל רבים המשך מסורת הבית, בשביל אחרים פנים חדשות וטעם חדש ליהדות.

ומבחינה חברתית הרי היה במסגרת הקבוצה שבקן ובנוסח החיים שבמחנות של התנועה משום הטבעת חותם על חיי

הפרט, החברה דרשה ויתור על נוחיות ואנוכיות וכל זה תוך עבודת יום־יום שקטה, בחינת הצנע לכת.

זכור לי מקרה כשחברה, ששימשה באותה תקופה בתפקיד של מזכירה וגם גזברית של הקן, החלה לשלוח למזכירות התנועה מעשר ממשכורתה החדשית. או מקרה אחר: חברים נהגו ללכת להצגות בצותא. נאסף כסף לכרטיסים. והנה הציע מישהו לותר על ההצגה ולתרום את הכסף לכיסוי הגרעון של הקן, שהעיק מאז שיפוץ החדרים ב„בית־העם"; החברים ויתרו כמובן.

במקומות שונים בארץ פזורים חברי „עקיבא" מלאנצוט, שזכו לעלות לפני השואה או הגיעו לאחר תמורות וטלטולי דרך. יחסי ידידות מקשרים את כולם. בשבילם הרי היו השנים ההן אותו עבר רומנטי של תקופת הנעורים, שלמרות חליפות הזמן ותמורותיו עדיין נשמר זכרו כנר־אלהים המהבהב בלב.

בהעלותנו זכר הימים ההם מה דואב הלב על כל אלה, שנספו ע"י הצורר הנאצי או מתו ברחבי רוסיה ולא זכו להגשים את משאת־נפשם בארצנו.



„עקיבא" גדוד ג׳ — אין יאָר 1930, — ערשטע ריי פון רעכטס (מימין שורה א׳): מניה וואַקסמאַן, אסתר דרפלר, הנה אנמוס, בתיה קסטן, הניה דאָמב; צווייטע ריי פון רעכטס (שורה ב׳ מימין): אוטשקאַ מאַרדר, מאַנקאַ קשטכר, שאַשאַ קאַרנבלאָו, טעמאַ איינהאָרן, מניה אנגלברג; דריטע ריי פון רעכטס (שורה ג׳ מימין): מרים ווינר, חיה קשטכר, שפרינצה שינדלר, מינה פיילשוס, העלקאַ מאַרדר, אסתר אַמנט, גיזאַ ספיר.

ד״ר נתן קודיש

די אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך



פון רעכטס: ד״ר נתן קודיש, רבקה פּאָס (באָט), אליעזר פּאָס.

ווי באַוואוסט זענען משכילים און ציוניסטן געווען די פּיאָנירן פון ווידעראויפלעבן די העברעאישע שפּראַך אין גאַליציען. אויפן שוועל פון 20־סטן יאָרהונדערט זענען געגרינדעט געוואָרן קרייזלעך, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרשפּרייטן העברעאיש אין די מזרח און מערב־גאַליצישע שטעטלעך.

נאָך דער ערשטער וועלטקריג, נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע אין 1917, האָט זיך געשטאַרקט דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין ביי די אייראָפּעאישע יידן, און דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויסדרוק דערפון האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער באַנייטער העברעאישער שפּראַך צווישן דער יידישער יוגנט אין מזרח־אייראָפּע. אין גאַליציען האָבן זיך געפונען שרייבער, געלערנטע און קולטור־טוער, וואָס האָבן נאָך פאַר דער ערשטער וועלטקריג געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע צו אָרגאַניזירן אגודות, וועלכע זאָלן איינפירן די העברעאישע שפּראַך אין טאָג־טעגלעכן לעבן (א. מ. ליפשיץ, ד״ר יהושע טהאָן, ד״ר ערנפּרייז, ד״ר מ. ברודע, צבי קרול א.א.). דעמאָלט זענען געגרינדעט געוואָרן די „עבריה״־קרייזלעך. אָבער די ערשטע וועלטקריג האָט געמאַכט אַן ענדע צו דער דאָזיקער באַוועגונג. אין די צוואַנציקער יאָרן זענען די „עבריה״־קרייזן אויפגעשטעלט געוואָרן אויפדאָסניי אין כמעט אַלע גאַליצישע שטעט, וועלכע עס האָבן באַוואוינט ברייטערע יידישע מאַסן.

ווי גרויס איז געווען דער אַנטייל פון לאַנצוט אין אָט דער באַנייטער באַוועגונג פאַר העברעאיש?

לאַנצוט איז געווען פאַרוואָרצלט אין קהילה־לעבן פון דורות יידישער קולטור, חכמה און פאָלקסטימלעכן יידישן שטייגער. נאָך פאַרן באַווייזן זיך פון ד״ר הערצל, נאָך איידער עס האָט זיך געגרינדעט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, האָט פון יאָר 1894 עקזיסטירט אין לאַנצוט אַ ציוניסטישע אגודה מיטן נאָמען „אהבת־ציון״, אין וועלכער עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן צענדליקער חברים. אין יענע יאָרן געפינען מיר אויך אינעם שטעטל אַ קרייז פון העברעאישע משכילים, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום די באַקאַנטע משכילים יצחק ווייסמאַן און יוסף מאיר ראָזמאַרין.

אין ערשטן צענדליק פון 20־טן יאָרהונדערט האָט דער ציוניזם געשלאָגן וואָרצלען אין לאַנצוט, עס זענען אַנטשטאַנען ציוניסטישע אַנשטאַלטן און די צאָל משכילים פון די בית־המדרש קרייזן האָט זיך פאַרגרעסערט. צווישן זיי איז כדאי צו דערמאָנען געצל דרוקער פון די ותיקים, און פון דער יוגנט: דוד יוסט, שלמה גרינבוים, יחיאל נוסבוים, שמעון רוזנבליט מיט דעם באַקאַנטן תלמיד־חכם און משכיל אנשיל כ״ץ אין דער שפּיץ.

די העברעאישע שפּראַך האָט זיך צעזונגען אין די גאַסן פון לאַנצוט. עס האָבן געשמועסט אין העברעאיש סטודירנדיקע און פאָלקס־יוגנט, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום „השומר־הצעיר״, וואו אהרן קערנער איז געווען איינער פון די מנהיגים.

אָבער דער שטאַרקערער קוואַל פון דער העברעאישער מחנה אין לאַנצוט איז געקומען פון דער ישיבה און בית־המדרש. אָנגעזאַפּט פון די אוראַלטע קוואַלן, זענען זיי באַווירקט געוואָרן פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור. די דאָזיקע יוגנטלעכע קבוצה האָט טאַקי זוכה געווען צו לייגן דעם גרונדשטיין פאַרן פאַרשפּרייטן העברעאיש צווישן יונגן דור. זיי האָבן געגרינדעט די ערשטע העברעאישע שולע פאַר לאַנצוטער קינדער. זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן לזכר־עולם די לערער פון דער שולע: אלתר גראובאַרט, נתן וואַרהאַפטיק, באדנער, לעדערמאַן און זיינוול האמערספעלד. ס׳איז דאַן געגרינדעט געוואָרן די ערשטע העברעאישע פאָלקס־ביבליאָטעק. עס זענען געשאַפן געוואָרן קרייזלעך פאַר דער יוגנט, וועלכע האָבן געשטרעבט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און אויפלעבן די העברעאישע שפּראַך.

צו דער התלהבותדיקער יוגנט האָבן געהערט: **נחמן** קעסטנבוים, שמואל גרייזמאַן, געצל עסטליין, דוד בוימעל, צבי בירנבאום, חיים העבנשטרייט, גיזעלא גליקסמאַן, שיינדל סטעמפּעל, רבקה באָט, רבקה צוויבל, חוה שטעלצער, בתיה וואלקנפעלד שרה ליפשיץ, שמעון וואלקנפעלד, מיכאל וואַלצער, משה ראָזענבליט און יצחק גרינבוים.

אין דער „עבריה״ זענען אַלע טעטיקייטן געפירט געוואָרן אין העברעאיש: געשפּרעכן, רעפעראַטן, פאַרזאַמלונגען. פון צייט־צו־צייט איז אויך אויפגעפירט געוואָרן אַ העברעאישע פאַרשטעלונג.

די יוגנט, וועלכע פלעגט באַזוכן דעם באַשיידענעם צימער פון דער „עבריה״, וואָס האָט זיך געפונען אונטער איין דאַך מיט דער ביבליאָטעק „ציון״, איז געקומען פון פאַרשי־

דענע קרייזן און שיכטן. ישיבה־בחורים, וואָס האָבן זיך אײַ־בערגעבויגן איבער דער גמרא אין בית־המדרש, האָבן גע־כאַפּט אַ בליק אין די שאַפונגען פון מאַפּו, סמאָלענסקין, אחד־העם און ביאַליק... „פאַראַן וואָס האָבן אַרייגעבליקט און באַשעדיקט געוואָרן, און פאַראַן וואָס האָבן אַרייגעבליקט און גאַנץ געבליבן"... אַ יינג מיידל פון אַ פרומער שטוב, פלעגט לייענען אין געהיים אַ טריף־פסול... יוגנטלעכע חלוצים, וואָס האָבן אויף זיך גענומען דעם עול פון העברעאישער הכשרה, תלמידים פון דער פוילישער גימנאַזיע האָבן געטרונקן מיט דורשט פון די ספר הספרים קוואַלן און הנאה געהאַט פון ביאַליקס און טשערניכאָווסקיס רענעסאַנס־פּאָעזיע.

פילפאַרביק איז געווען דער לייענער־ציבור. ס׳האָבן נישט געפעלט אויך קיין סתם משכילים, וואָס האָבן פאַרבונדן יהדות און וועלטלעכקייט. ווי אויך „זיידענע יונגעלייט", וואָס האָבן זיך געוויינלעך פאַרנומען מיט מסחר און זייער נשמה האָט געלעכצט נאָך דער וועלט פון גייסט און עסטעטיק פון דער באַנייטער העברעאישער ליטעראַטור.

די שילער פון דער העברעאישער שולע: צבי און פנינה זאווערהאפט, משה ראָזענבליט, מיכאל וואלצער, יצחק גרינ־באום, דוז׳ טראמפעטער, ישראל יוסט, שלום ראזמארין, העניה גרייזמאן, פנינה מארגעל און טאָבע שטעלצער, האָבן אָרגאַניזירט אַ יוגנט־פאַריין „נעורים" מיט אַ ביבליאָטעק, און דערמיט צוגעלייגט אַ נייעם ציגל צום העברעאישן קולטור־בנין אין שטעטל.

אָט די אַלע האָבן געחלומט וועגן אַ גאולה שלמה פון דער העברעאישער קולטור אין דעם אַלט־נייעם פאָטערלאַנד. נישט אַלע האָבן זוכה געווען צו זען די פאַרווירקלעכונג פון זייער חלום — די פולע אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך. זיי זענען אומגעקומען דורך נאַצישע רוצחים.

זאָל זייער אָנדענק זיין איינגעקריצט אין די הערצער פון די יוצאי־לאַנצוט און געבונדן אין אַ אייביקייט־בונד מיט די נשמות פון די טרוימער וועגן העברעאישן רענעסאַנס.



קינדער יאָרן אין שטעטל — געמאָלן פון מאָלער יאָסל בערגנער.

מיכאל וואלצער

דער חינוך אין לאַנצוט

אין לאַנצוט האָט זיך געגרינדעט אַ ספּעציעלע רעדאַקציע כדי צו אַרויסגעבן אַ בוך וועגן דער שטאָטישער גימנאַזיע. איך האָב געשיקט אַ מאמר פאַר דער אויסגאַבע, וועגן דעם יידישן טייל אין דער דאָזיקער גימנאַזיע, וועלכע האָט דערפילט אַ בכבודיקע און דערציִענדיקע אויפגאַבע צווישן דער לאַנצוטער יוגנט און ספּעציעל צווישן דער יידישער יוגנט אין גימנאַזיע וואָס האָבן אויסגעמאַכט ביי 6 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל תלמידים.

אויב מיר ווילן מאַכן אַן איבערבליק איבער חינוך אין יידישע שולן אין לאַנצוט, דאַרפן מיר צוריקקומען צו דער תקופה פון פאַר דער טאָטאַלער פּאַרטיליקונג, ביזן אַכצנטן יאָרהונדערט.

לאַנצוט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע משכילים אין משך פון אַ סך יאָרן און דאָס פפלעגן דעם חינוך אין שטאָט איז געווען זייער גרעסטע זאָרג.



ר׳ בעריש מלמד (איינהאָרן)

די שאַטירונגען אין חינוך

ווען מיר רעדן וועגן חינוך פון יידישער יוגנט, דאַרף איך דערמאָנען אַלע זיינע שאַטירונגען: דער „חדר", וואָס האָט פּאַקטיש געדינט אַלע יידישע קינדער; אַ טייל אַלס אָנהויב און איבערגאַנגס פּאַזע, און אַ טייל אַלס פּאָלקאָמער און אויסשליסלעכער חינוך. גענוג אַז איך וועל דערמאָנען די געשטאַלט פון דעם „רבין" ר׳ בעריש איינהאָרן, אַ מלמד אין לאַנצוט, וועלכער האָט אין משך פון יאָרן מחנך געווען עטלעכע דורות. זיינע לעצטע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט ביי זיין זון שמואל אין ריישע, וואו ער האָט פון יאָר 1928 ממשיך געווען אין זיין „מלמדות". דער „חדר" פון ר׳ בעריש אין ריישע האָט זיך געפונען אַ מהלך רב פון זיין וואוינונג. טראָץ זיין טיפן עלטער פלעגט ער טאָג־טעגלעך גיין אַהין, אפילו אין גרויסע קעלטן. ער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 85 יאָר אין יאָר 1935. זיין ווייב, הינדע איז געשטאָרבן עטלעכע יאָר פאַר אים.

אביסל היסטאָריע

אין יאָר 1788, איז מיט דער איניציאַטיוו פון הערץ האָמבערג, געגרינדעט געוואָרן אין לאַנצוט אַ יידישע פאָלקסשולע. אַלס לערער איז אַנגאַזשירט געוואָרן שלמה עסטרייכער, מיט אַ געהאַלט פון 200 קראָן אַ יאָר.

אין אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט האָט גראַף אַלפרעד פּאָטאָצקי אויפגעשטעלט אַ נעץ פון פאָלקסשולן אין דער גאַנצער ברייט פון גאַליציע. אַליין אַ לאַנצוטער איינוואוינער, האָט ער ספּעציעל געזאָרגט און זיך איבערגעגעבן דער קינדער און יוגנט דערציאונג פון זיין שטאָט. ער האָט געשיקט לאַנצוטער תלמידים לערנען אויף זיין חשבון אין אויסלאַנד. ער האָט אונטערשטיצט און דערמוטיקט פאַכמענישע אויסשולונג, און אויף אַזאַ אופן פאַרגעברייט פאַבריקס־לייטער און פאַכמענישע מומחים, אָנפירער פון אַגראַר ווירטשאַפטן און וואַרשטאַטן — דערפירנדיק די מער טאַלאַנטפולע צו אַ קינסטלער־מדרגה, וועלכע האָבן געענדיקט, מיט זיין מיטהילף, פאַרשידענע קונסט־שולן.

זיין זון, אַלפרעד יוזעף פּאָטאָצקי, אין יאָר 1868 אַגראַר־מיניסטער פון עסטרייך, האָט איינגעפירט אויסבעסערונגען אין זיין גוט — אין זיין לאַנצוטער אַגריקולטורעלער ווירטשאַפט האָט ער שוין דעמאָלט באַשעפטיקט אַן אַגראָנאָם מיט אַ נאָמען. אין לויף פון יאָרן האָט ער אויך געגרינדעט אַן אַגראַר שולע אין דער סביבה.

אַלס פאַקטאָרן פון השכלה־פּראָגרעס אין לאַנצוט און פון איר דערנענטערן זיך, שוין דעמאָלט, צו דער מאָדערנער וועלט, דאַרפן דערמאָנט ווערן צווישן אַנדערע, אויך פאָלגנדיקע סיבות: אין יאָר 1831, נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, זענען קיין לאַנצוט געקומען פליטים און אימיגראַנטן אָפּשטאַמיקע פון פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטישע משפחות; אויך דער דורכגעפאַלענער אויפשטאַנד אין 19־טן יאָרהונדערט אין פּוילן, האָט אַריינגעבראַכט אַ סך פון די אויפשטענדלער קיין לאַנצוט, וואו זיי האָבן זיך באַזעצט מיט דער הילף פון גראַף פּאָטאָצקי.

אָט דער פליטים שטראָם האָט משפיע געווען אויף דער גייסטיקער געשטאַלט פון לאַנצוט. אין געאָגראַפישן ווערטערבוך פון פּוילן (5־טער טייל, זייט 579 וואַרשע 1884) ווערט דערמאָנט צווישן אַנדערן: „לאַנצוט טיילט זיך אויס פון אַנדערע שטעטלעך אין גאַליציע מיט איר ריינקייט און מיט דער גרויסער צאָל איינוואוינער פון הויכער אינטעליגענץ".

אָט זענען אַ פּאָר כראָנאָלאָגישע פּרטים וועגן דעם חינוך־וועג אין לאַנצוט אין יענע טעג: אין דער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט איז די אונטעריכטס־שפּראַך אין די שטאָטישע

שולן געווען — דייטש; די צאָל שול־תלמידים איז געווען אַ קליינע, און קיין חינוך פליכט האָט נישט עקזיסטירט.

אין יאָר 1864 איז דורך מאָנאַכן אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שולע, וועלכע איז אין לויף פון יאָרן, געוואָרן די אַלגעמיינע פאָלקסשולע. פון דעמאָלט אָן און ווייטער געפינען מיר אין צענטער פון שטאָטישן בודזשעט, אויסגאַבן פאַר שולן און דערציאונג. אין 1876 איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן איינשטאָקיקער שול־בנין; צוליב דער ענגשאַפט און גרויסער צאָל תלמידים, האָבן עטלעכע שול קלאַסן געלערנט אין די שטאָטישע אַמט־לאָקאַלן. אין דער דאָזיקער תקופה טרעפן מיר אָן אין דער געשטאַלט פון באָלעסלאַוו זשאַרדעצקי, אַ פּוילישער דערציאונגס־טוער, וועלכער האָט אַ סך אויפגעטאָן פאַרן פאָרשריט פון חינוך אין שטאָט.

די פאָלקסשול איז געווען געטיילט אין צווייען: אַ באַזונדערע פאַר ייִנגלעך און אַ באַזונדערע פאַר מיידלעך. אין לויף פון דער צייט האָט דאָס שולוועזן געמאַכט באַדייטנדיקן פאָרשריט און ווידער זענען די איניציאַטאָרן געווען די מאָנאַכן, וועלכע האָבן אויך אָרגאַניזירט אַ לערער שולע מיט אַן אינטערנאַט אין לאַנצוט.

ביים סוף פון 19־טן יאָרהונדערט געפינען מיר בשכנות פון לאַנצוט אין דאָרף אַלביגאָווע, אַן אַגראַר שולע, וועלכע איז געווען באַקאַנט און זייער פּאָפּולער אין גאַנץ פּוילן; אין דאָרף ראַקשעווע געפינט זיך נאָך פון דעמאָלט, אַ טעקסטיל שולע מיט אַן אינטערנאַט אין אַ גרויסן צוויי שטאָקיקן בנין. אין וועלכן עס לערנען 250—300 תלמידים.

די גימנאַזיע א. נ. פון שענקעוויטש

אויך זי איז פאַרבונדן מיט דעם אויבנדערמאָנטן פּוילישן דערציאונגס־טוער באָלעסלאַוו זשאַרדעצקי, וועלכער האָט, זייענדיק אַ מיטגליד אין עסטרייכישן פאַרלאַמענט, אויסגענוצט זיין השפעה און באַקומען פון דער רעגירונג שטיצע און אַנערקענונג פאַר דער גימנאַזיע. די באַדינגונגען פון דער צענטראַלער רעגירונג פאַר אַנערקענען און שטיצן די גימנאַזיע, זענען געווען אַז דער לאַנצוטער שטאָטראַט זאָל זיך באַטייליקן מיט אַ סומע פון 55.000 זלאָטעס ביים אויפבויען דעם בנין, און זי זאָל אויסהאַלטן די שולע. דער בנין איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן שטח פון די שטאָטישע קאַזאַרמעס. דאָס נעמען אויף זיך דעם עול פון אויסהאַלטן די גימנאַזיע, איז באַגריסונגס־ווערט, נעמענדיק אין אַכט די ספּעציעלע שטאָטישע בודזשעט שוועריקייטן אין יענע צייטן.

דאָס העברעאישע דערציונגס וועזן אין לאַנצוט

מיט הייליקן ציטער דערמאָן איך דעם העברעאישן חינוך אין לאַנצוט. דאָס מסירות־נפש פון אַ צאָל משכילים־ציונים, ביים אויפשטעלן די העברעאישע „„יבנה" שולע, די יידישע יוגנט אינעם בילד פון דערציונג און השכלה.

ווער פון אונדזער היינטיקער יוגנט קען זיך פאָרשטעלן די נשמה פון דעמאָלטיקן יידישן ייִנגל, וואָס האָט געדורשט נאָך וויסן, וועמענס לימודים זענען צעברעקלט געוואָרן אויף אַזויפיל שטחים. די־אָ תקופה איז גאָרנישט אַזוי ווייט, דאָס איז נישט קיין מעשהלע פון פאָריקן יאָרהונדערט, און דאָך — ווי אין חלום געדענקט זיך דער חינוך פון דער יידישער יוגנט.

די איניציאַטאָרן פון אויפשטעלן די העברעאישע שולע זענען געווען די עלטערן, וועלכע האָבן געשיקט זייערע קינדער אין דער שטאָטישער גימנאַזיע, און האָבן דערביי געוואָלט, אַלס צוגאָב צו די לימודי־קודש, אַריינברענגען אין זיי דעם מאָדערנעם העברעאישן חינוך, דורך איבערגעגעבענע העברעאישע לערער, צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן געפירט זייערע לימודים אין אַ ריינעם העברעאיש. און די



ערשטע ריי פון רעכטס: רות דרוקער, טשינקאַ מאַרקל, ראָמעק זיגל, בלומה זאַוואַרהאַפט; צווייטע ריי פון רעכטס: געניע מערזל, געניע סטעמפּל, באַשאַ זאַוואַר, אָטקאַ קנעלער, נושקאַ קאָבאַק, דבורה ליפשיץ.

יוגנט! אָט די יוגנטלעכע צו וועלכע מיר האָבן געהערט האָבן ממשיך געווען אין דער מסורה פון זייערע אבות אבותיהם און פלעגן אויפשטיין כעלות, אין די פרימאָרגן שעה'ן אין בית המדרש אַריין, צו לערנען ש"ס ופוסקים, און פון בית המדרש אַוועק צוזאַמען מיט דער קאַטוילישער יוגנט, אין דער שטאָטישער גימנאַזיע. נאָך מיטאָג ווידער, געאיילט אין דער העברעאישער שולע צו עברית, תנ"ך, יידישער געשיכטע. און מיטן צופאַלן פון דער נאַכט, צוריק אין בית־המדרש אַריין, אָדער מעיין צו זיין אין ציוניסטישע און השכלה ספרים.

די העברעאישע שולן אין לאַנצוט

צווישן די 25 העברעאישע שולן אין מערב גאַליציע, סובווענציאָנירטע דורך „תרבות", איז די לאַנצוטער שולע געווען פאַרעכנט אַלס איינע פון די בעסטע. די לימודים זענען פאָרגעקומען נאָך מיטאָג, ווי אַ דערגענצונג צו די לימודים אין דער אַלגעמיין שטאַטישער שולע.

זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן די קאָמיטעט חברים, פון דער העברעאישער שולע, וועלכע האָבן מיט קליינע געלט מיטלען און מיט גרויסער התלהבות געבויט די שולע. יושב־ראש שמעון ראָזענבליט — דער פאָטער פון מיין חבר משה, דוד יוסט, שלמה גרינבאום, יחיאל נוסבאום און אַנשיל כ"ץ. פון צווישן די העברעאישע לערער אין „יבנה" שולע, זע איך פאַר מיינע אויגן: נתן וואַרהאַפטיק פון דינאָוו — די שיין פון די לערער אין שטאָט, דער למדן און ענוו, אויסגעצייכנטער פעדאַגאָג, וועלכער האָט גערעדט נאָר עברית. אַלע העברעאישע לערער זענען געווען בקי אין די העברעאישע שפּראַך־אוצרות און אין אירער אַלטער און נייער ליטעראַטור. עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די שול אונטערנעמונג איז געווען דער אויסקונפט פון אומשטרייטבאַרן ווילן פון אַ גרופּע איבערגעגעבענע לערער און עסקנים. דער נאָמען „יבנה" איז געגעבן געוואָרן דער שולע, לזכר דעם גייסטיקן צענטער פון דער ישיבה פון רבי יוחנן בן זכאי אין יבנה.

געשטאַלטן פון דער העברעאישער שולע און גימנאַזיע

עס שווימען אַרויף כאַראַקטעריסטישע געשטאַלטן פון לערער, וואָס זייער אומגעוויינלעכער לעבנס־וועג, שטרויכלונגען פון צייט און גורל, האָבן זיי אַרויפגעפירט אויף פאַרשידענע און משונהדיקע טראַקטן.

דער לערער כהנא איז געווען דער ערשטער העברעאישער לערער נאָך אין יאָר 1913, אין דער שול־ראַם פון „מורה לעברית".

אלתר גראובאַרט, אַ בן־יחיד פון רייכע עלטערן האָט צו 16 יאָר באַקומען סמיכה אויף רבנות. צוליבן טויט פון זיינע עלטערן און נאָך דער שריפה אין זייערע גרויסע ווייןמאַגאַזינען, איז דער יונגער און איידעלער למדן געווען געצוואונגען צו פאַרדינען אויף פּרנסה. ער איז געוואָרן אַ לערער פון גמרא און תוספות, תנ"ך, ליטעראַטור און יידישע געשיכטע.

אין יאָר 1928 איז געקומען קיין לאַנצוט דער לערער אברהם לעדרמאַן, פון טשאָרטקאָוו. אויסער דאָס לערנען מיט תלמידים, האָט ער געווידמעט אַ סך צייט פאַר קולטור־טעטיקייט. געווען אַן אַקטיווער חבר אין דער „עבריה" געהאַלטן רעפעראַטן, אנטיילגענומען אויף קאָנפערענצן פאַר קולטור און חינוך. אין יאָר 1935, ביזן אויסברוך פון דער וועלטקריג, האָט אין דער העברעאישער שולע געאַרבעט דער לערער זיינוול האַמערספעלד פון ראָזוואַדאָוו. ווי דערמאָנט, איז די העברעאישע שולע געווען נאָר אַ דערגענצונגס חינוך. די הויפּט דערציונג פון דער פאָרגעשריטענער יוגנט איז געווען אין מלוכה'שע שולן. צווישן 1400 שילער אין דער פאָלקס שולע, זענען 30% געווען יידן. אין דער שטאָטישער גימנאַזיע זענען יידן געווען גאָר אַ קליינע מינדערהייט. מיט שוועריקייטן האָבן זיי זיך אַריינגעפּאַסט אין די לערן באַדינגונגען דאָרט — ווייל די לימודים זענען פאָרגעקומען אויך אום שבת, אין דער צייט פון די תפילות אין בית־המדרש.

פון צווישן די ערשטע לערער אין גימנאַזיע ווילן מיר דערמאָנען פּראָפ' שמידער און פּראָפ' מלינעק מיט דער לאַנגער באָרד (איך שטיי אין בריוולעכן קאָנטאַקט מיט זיין קרוב, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן אַרויסגעבן אַ בוך לזכר די גימנאַזיע). ד"ר אַלכסאַנדער קאלער, אַ לערער אין גימנאַזיע, געדענקלעך פאַר די לאַנצוטער אין זכות פון זיין באַשלוס עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. ווען בעת'ן פּאָגראָם אין לאַנצוט (1918), אין די באַפרייאונגס טעג פון פּוילן זענען אויסגעהאַקט געוואָרן זיינע פענצטער־שויבן, האָט ער קיין נייע נישט אַריינגעשטעלט, נאָר פאַרלאַטעט די פענצטער מיט צייטונגען, ווי אַ „זכר לחורבן", און דערפון געצויגן קאָנסעקווענצן — נאָך אַ קורצער צייט איז ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אין תל־אביב האָט ער אויפגעשטעלט אַ מיטל־שולע, אין איז געווען פון די חינוך־חלוצים אין די מיטל־שולן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין ארץ־ישראל. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1955. זיין זון, ד"ר דוב קאָלער, איז איצט לעקטאָר אין ירושלימער אוניווערסיטעט.

ד"ר נתן קודיש, אַ חבר אין דער „עבריה" האָט אַלס עקסטערן, געמאַכט די עקזאַמענס אין דער שענקעוויטש גימנאַזיע אין לאַנצוט. אין דער צייט פון לערנען אין גימנאַזיע איז ער געווען „פּריוואַט"־לערער פאַר העברעאיש. עולה געווען אין יאָר 1934, היינט צו טאָג איז ער מנהל פון דער מלוכהשער שולע „בר־כוכבא" אין תל־אביב. פאַרעפנטלעכט כסדר מאמרים אויף חינוך און אונטעריכט טעמעס אין צייטשריפטן פאַר פעדאַגאָגיע.

די לערער שטערן (מאַטעמאַטיק) און פאַביאַן עבנער (רעליגיע), זענען אומגעקומען אינעם פאָלקס־חורבן.

זאָלן דערמאָנט ווערן די ערשטע תלמידים: משה שטעכער און לעאָן רובין פון קאלבישעוו (היינט אין אַמעריקע), דוד און איטשע ראָזענבאַך, יהושע קעסטן און עטלעכע סטודענטן פון בארשטשעוו און בוטשאַטש.

אַזוי שטעלט זיך פאָר, אין אַלגעמיינע שטריכן דער חינוך פון דער יידישער יוגנט אין לאַנצוט, אָנהויבנדיק מיט דער תקופה פון צושטורמטע אַריסטאָקראַטישע זינדלעך, אַנטרינענע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע קיין לאַנצוט, וועלכע האָבן געלייגט דעם יסוד פון דערציונגס־אינסטיטוציעס אין שטעטל פאַר אַ יוגנט, וואָס האָט געעפנט פאַר זיך ווייטער נייע וועגן פון חינוך און פאָרשריט.

פאַר דער יידישער יוגנט איז די תקופה געווען אַ ספּעציעלע היסטאָרישע געלעגנהייט. אַלץ האָט זי מקריב געווען, כדי צו דערווערבן וויסן און חכמה.

אָבער נאָך דער אינטעליגענטער השכלה־עפּאָכע, איז געקומען די מוראדיקע פאָלקס־קאַטאַסטראָפע, און האָט אויסגעריסן אַלץ, אויסער אַ פּאָר קנאָספּן, עטלעכע איינזאַמע, איידעלע זאַנגען, וואָס גיבן זייער גערעטעניש און פרוכט אויף דער אייגענער יידישער ערד.

נחמן קעסטנבאום

דער אמאטאָרן פאריין

אַ גרויסע מניעה פאַר דעם יידישן קולטורעלן לעבן אין לאַנצוט איז געווען דאָס פעלן פון אַן אַנטשפּרעכנדיקן זאַל פאַר טעאַטער־פאָרשטעלונגען, פאָרלעזונגען און אַנדערע אימ־פּרעזיעס. צוליב דעם טאַקע זענען קיין לאַנצוט נישט געקומען קיין ערנסטע יידישע טעאַטער־טרופּן און נאָר פון צייט צו צייט האָבן באַזוכט לאַנצוט יידישע וואַנדער־טרופּן פון צווייט־ראַנגיקער באַדייטונג.

די קולטור־טוער ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן די ערשטע באַשלאָסן בויען אין לאַנצוט אַ יידיש פאָלקס־הויז, אַ „בית־עם”, וואו עס זאָל זיך קאָנצענטרירן דאָס יידישע קולטורעלע לעבן. און כדי צו שאַפן פאַר דעם דאָזיקן צוועק די נויטיקע געלט־מיטלען, איז ביי דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע געשאַפן געוואָרן אַ דראַמאַטישע סעקציע, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע קודם כל צו באַקענען די יידישע באַפעלקערונג מיט די שאַפונגען פון דער יידישער דראַמאַטישער ליטעראַטור און גלייכצייטיק צו שאַפן פון די הכנסות פון די טעאַטער־פאָרשטעלונגען דעם יסוד פאַר אַ פאָנד פאַר דעם „בית־עם” מיט אַ טעאַטער־זאַל.

אַזוי איז אַנטשטאַנען דער אַמאַטאָרן־קלוב, צו וועלכן עס האָבן געהערט נישט בלויז יוגנטלעכע, וואָס האָבן פאַר־מאָגט געוויסע פעאיקייטן צו שפּילן טעאַטער, נאָר אויך סתם אַקטיווע קולטור־טוער, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַטייליקן אין דער אַקציע פאַרן אויפשטעלן דאָס פאָלקס־הויז.

פאַרשידענע גלגולים האָט דורכגעמאַכט דער אַמאַטאָרן־פאַריין און עס האָט געקאָסט גענוג מי און אַרבעט, ביז עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ וואָגיקער אַקטיוו פון טעאַטער־אַמאַטאָרן, וואָס זענען געווען בכוח אין גאָר שווערע באַדינ־גונגען צו געבן אַ פאַרהעלטענישמעסיק גוט יידיש טעאַטער.

אָנגעהויבן די פאָרשטעלונגען האָט מען צוערשט אין קליינעם זאַל פון דער קהילה־געביידע. דער דאָזיקער לאָקאַל האָט זיך אָבער געפונען איבער דער שטאָטישער מקוה און די אָרטאָדאָקסישע קרייזן האָבן איינגעלייגט וועלטן און אויך



אַמאַטאָרן שוישפּילער אויפגעפירט „טאָג און נאַכט” — קניען פון רעכטס: מילראַד, מאָטל לאַנדאו, מאַניעק מעכלאָוויטש; זיצן פון רעכטס: משה און יעקב טראָמפּעטער, עקיבא לאַנדאו, ישעיהו גערסטן, משה פיילשוס, מיכאל וואַלצער, לייב שטעכער, משה־יאָסל מאָנדשיין, משה ראָזמאַרין, ישעיהו לאַנדאו; דריטע ריי פון רעכטס: דוד טראָמפּעטער, לייביש ווינער, זיינוול יאָסם; פערטע ריי פון רעכטס: מנחם שענמאַן, מאיר מילראַד, יצחק צעלנער, לייביש באָט, נחמן קעסטנבאָום, סאַבינאַ פריד, צבי זאוואַרהאַפט, גיטקאַ קרעמער, לייזער פאָס, שמעון וואָלקנפעלד, אהרן קרויט, שמעון וואַלצער, יהושע־מענדל וואָלפמאַן.

באַווירקט, אַז דער רב זאָל אויסרופן אַ חרם אויף דעם אימ־פּראָוויזירטן טעאַטער־זאַל אַזוי אַז מען האָט געמוזט זוכן אַן אַנדער אָרט פאַר די פאָרשטעלונגען. באין ברירה האָט מען געדונגען אַ שאָפּ, וואָס האָט געדינט פאַר די פערד פון סאָלדאַטן. די מיטגלידער פונעם אַמאַטאָרן־קלוב האָבן געמוזט פאַר יעדער פאָרשטעלונג מיט אייגענע הענט אויסרייניקן די שטאַל און אויפשטעלן אַ פּראָוויזאָרישע בינע. שפּעטער האָט מען ווידער געשפּילט אין לאָקאַל פון דער פּועלי־ציון און נאָכער אין לאָקאַל פון פּוילישן פאַריין „גוויאַזדא", וועלכער האָט דעם זאַל פאַרדונגען פאַר טייער געלט, דערפאַר אָבער איז שוין דאָרט געווען אַ קליינע סטאַבילע בינע. בענק צום זיצן, דעקאָראַציעס און פאַרשידענע רעקוויזיטן האָבן די אַמאַ־טאָרן געמוזט אַליין צונויפשטעלן — צומייסטנס האָבן זיי אויסגעבאָרגט די נייטיקע זאַכן ביי זייערע משפּחות. אַ סך מיטגעהאָלפן האָט דער מוזיק־פאַריין „הזמיר", וועמענס אָרקעסטער האָט געשפּילט ביי יעדער פאָרשטעלונג בשעת די הפסקות.

נישט צו די לייכטע זאַכן האָט געהערט אַדורכצופירן אַ פאָרשטעלונג. מען האָט אָנגעהויבן מיט פּיעסן פון משה ריכטער, לאַטיינער און מיט אַנדערע פּאָפּולערע לייכטערע דראַמען. ערשט מיט דער צייט, ווען עס האָט זיך פון די אַמאַטאָרן אויסגעבילדעט אַ גרופּע גוטע שפּילער, איז מען איבערגעגאַנגען צו אַן ערנסטן רעפּערטואַר.

באַזונדערס אויסגעצייכנט האָבן זיך די שפּילער: פרוי גיטל שענמאַן (פּיילשוס), וועלכע האָט אַרויסגעוויזן אַ סך פעאיקייטן אין קאָמישע ראָלן. די פרוי פּיילשוס, וואָס האָט געשפּילט אפילו שפּעטער, ווען זי איז שוין געווען אַ מוטער פון צוויי קינדער, האָט געהאַט אַ גאָר פעאיקן פאַרטנער, שלמה ראָזענבלום און ביידע האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי גוטע, געניטע זינגער און האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים עולם. עס האָבן נאָך מיטגעשפּילט צווישן אַנדערע צבי קעשטעכער, הערש זאַוואַדע, די ברידער האַלפּערן, פריד סאַבינע, די געשוועסטער פעסל און רחל אנמוט — היינט פרוי קעסטען — לייזער פאַס און רבקה באַט.

פון די ערנסטע פּיעסן זענען מיט גרויס דערפאָלג אויפ־געפירט געוואָרן גאָרדינס „מירעלע אפרת", קאָברינס „דער דאָרפסיונג", אנסקיס „טאָג און נאַכט" און אַנדערע קלאַסישע דראַמען, אין וועלכע עס האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט



המשתתפים בהצגת „מירעלע־אפרת" — ערשטע ריי פון רעכטס (שורה א' מימין): דוד טראָמפּעטער, משה ראָזענבלום, יעקב טראָמפּעטער, עקיבא לאַנדאו, משה פּיילשוס, מיכאל וואַלצער, משה און שלום ראָזמאַרין, משה טראָמפּעטער, זיינוול יאַסם, מאָטל לאַנדאו; צווייטע ריי: דאָלעק טראָמפּעטער; דריטע ריי פון רעכטס: נחמן קעסטנבאום, פעסל אַנמוט, מענדל שענמאַן, לייזער פאַס, רחל אַנמוט, שמעון וואָלקנפעלד, העניאַ גרייזמאַן, סאַבינאַ פריד, הערש שטיצל, אברהם שפּאַץ; אויבן: מאַנקאַ מעכלאָוויטש, מיכאל ראָזמאַרין, יהושע מענדל וואָלפמאַן.

די פרוי רחל אנמוט, לייזער פאס, נתן קדיש, אהרון קרויט און פרוי טוכפעלד.

עס איז כדאי צו דערמאָנען מיט וואָס פאַראַ גרויסן דערפאָלג ס'איז אויפגעפירט געוואָרן שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער", און דאָס אַ דאַנק דער טאַלאַנטירטער שפּילערין הניה גרייזמאַן און נאָך אַנדערע יינגערע אַמאַטאָרן ווי שלום ראָזמאַרין, נפתלי רייך און מאַנקע מעכלאָביץ. אַחוץ דעם ערנסטן רעפּערטואַר האָט מען אויך געשפּילט לייכטערע זאַכן ווי אָפּערעטעס און פּיעסן מיט געזאַנג און מוזיק. אויף דעם געביט האָט פיל מיטגעהאָלפן און מיטגעווירקט משה פיילשוס, דוד לייב טראָמפּעטער און אברהם עסטליין.

און ווען לאַנצוטער יידן האָבן באַקומען אַן אייגן פאָלקסהויז, אַ הערלעכן בנין — דעם „בית־עם" מיט אַ געמיטלעכן טעאַטער־זאַל, מיט אַ בינע, אויף וועלכער עס פלעגן שוין אויפטרעטן נאָר ערנסטע יידישע אַקטיאָרן פון יידישן וואַרשעווער צענטער, האָט אויך אונדזער אַמאַטאָרן־פאַריין געמוזט זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען און געבן אויסשליסלעך נאָר גוטע און זאָרגפעליקע איינשטודירטע דראַמען. דער שרייבער פון די שורות האָט כמעט די גאַנצע צייט דערפילט די אויפגאַבע פון רעזשיסער און נאָר צייטנווייז האָבן אויך מיטגעווירקט אַלס רעזשיסערן יוסף זייפערט און נתן קדיש. אין די לעצטע יאָרן פאַרן חורבן לאַנצוט האָט מען זיך אפילו דערלויבט אין איינצעלנע פאַלן צו אַנגאַזשירן אַ פּראָפעסיאָנעלן רעזשיסער.

לאָמיר נאָך דערמאָנען דעם לאַנגיאָריקן סופלער, דעם חבר לוקסענבורג, וועלכן ס'האָט שפּעטער פאַרטרעטן שלמה רעגענבויגן. דער אַמאַטאָרן־פאַריין האָט אויך געהאַט אַ באַזונדערן דעקאָראַטאָר. די דאָזיקע פונקציע האָט מען איבערגעגעבן דעם חבר געצל עסטליין, ווייל ער איז געווען אַן אייגנטימער פון אַ גרויסן האָלץ־לאַגער. ערשט שפּעטער האָט צוגעגרייט די דעקאָראַציעס דער חבר רעגענבויגן, וועלכער האָט געהאַט אַ נייגונג צו מאָלעריי און מיט געשמאַק און טאַלענט האָט ער געמאָלן די נויטיקע דעקאָראַציעס. און צום סוף זאָל נאָך דערמאָנט ווערן דער חבר מענדל שענמאַן, וועלכער האָט מיט גרויס פאַרשטענדעניש פאַרנומען זיך מיט כאַראַקטעריזירן די שפּילער.

אַזוי איז פון אונדזער באַשיידענעם אַמאַטאָרן־קלוב אַנטשטאַנען אַ וויכטיקער קולטור־צענטער, וואָס האָט פון איין זייט מיט דערפאָלג דערפילט די אויפגאַבע צו באַקענען די יידן פון לאַנצוט מיט די בעסטע דראַמאַטישע שאַפונגען פון דער יידישער ליטעראַטור — און פון דער אַנדער זייט האָט דער דאָזיקער אַמאַטאָרן־פאַריין פון די הכנסות פון די פאָרשטעלונגען פינאַנסיעל פיל געהאָלפן די אָרטיקע קולטור־אינסטיטוציעס, און בפרט האָט דער פאַריין געזאָרגט, אַז די פאַרוואַלטונג פון ניי־אויפגעבויטן „בית־עם" זאָל קענען דערפילן זיינע פינאַנסיעלע התחייבותן.

אַ דאַנק דעם הויכן קולטורעלן ניוואָ פונעם אַמאַטאָרן־פאַריין, האָט ער זיך דערוואָרבן די אַלגעמיינע אָנערקענונג אין דער שטאָט און אַפילו ביי יידן פון דער סביבה פון לאַנצוט און אַרום אים האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע אַמאַטאָרישע כוחות, וואָס האָבן דורך זייער אויסדויער, זייער איבערגעבנקייט און טיפער פאַרשטענדעניש פאַר דער נויטוועגדיקייט צו פאַרשפּרייטן יידישע קולטור אויף דער יידישער גאַס, געשאַפן אַ וויכטיקע קולטור־אינסטיטוציע, וואָס האָט מיט דערפאָלג אין משך פון לאַנגע יאָרן דערפילט איר וואָגיקע אויפגאַבע.

מיטן אומקום פונעם לאַנצוטער יידנטום, זענען כמעט אַלע אַמאַטאָרן, טאַלענטירטע, איבערגעגעבענע, באַשיידענע קולטור־טוער דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע רוצחים.



נשף חנוכה לנוער — מאורגן ע"י הקרן הקיימת לישראל.

מיכאל וואלצער

א. די געשיכטע פון „הזמיר“

די לאַנצוטער לאַנדסלייט גרויסן זיך מיט זייער „הזמיר“ — די אָרקעסטער וואָס האָט באַגלייט די יוגנט אין שטאָט, אין די יאָרן פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות. דער אָרקעסטער אין אַלע זיינע פאַרשידענע פאַזן און וואַנדלונגען — צוערשט פון סטרונ־יקע מוזיק־אינסטרומענטן און דערנאָך פון בלאָז־אינסטרומענטן, איז געקניפּט און געפלאָכטן מיט אונדזער שטאָט־געשיכטע אין דער תקופה. זי האָט באַזוכט און אויפגעטרעטן אין גאַליציש שטעט. אירע מנגנים און באַגלייטער אין זייער ספּעציעלער, פייערלעכער קליידונג — בלאָ־ווייסע פאַסן ארום די היטלען — האָבן געשאַפן א שטימונג א ציוניסטישע, אַן ארץ־ישראלדיקע, אויף אַלע ערטער ווו זיי האָבן נאָר דערגרייכט. געווען אַ פּעריאָד, ווען די אָרקעס־טער פון סטרונע־אינסטרומענטן האָט געציילט 40 מענטשן, און דער בלאָז־אָרקעסטער — 37 מענטשן, און אַלס צוגאָב אַן אָנגעזעענע צאָל פון תלמידים. דער אָרקעסטער איז פאַרעכנט געוואָרן אַלס פאַרבינדעטער מיט דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע „השחר“, און אין איר דירה זענען איינגעאָרדנט געוואָרן די רעפּעטיציעס.

די אַלע וואָס האָבן אַריינגעלייגט זייער מי אין אָרקעסטער און זענען געווען אין אירע רייען וועלן זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן. די ריכטונג פון „הזמיר“ האָט געהאַט אַ דערהויבענעם ציל — אריינדרינגען מיט די מוזיק קונסט צווישן די יוגנט, און צו אָט דער שטרעבונג איז ער געווען געטריי אין משך פון זיין גאַנצן קיום. ער האָט נישט באַקומען קיין שום אָפּצאָל פאַר זיינע ארויסטריטן, אָבער אין פאַלן פון געוויסע הכנסות זענען זיי געווען הייליק פאַר קויפן נאָטן און אינסטרומענטן — אויסצוברייטערן דעם פאַרנעם פון אָרקעסטער.

דער „הזמיר“ האָט אויך געהויבן דעם פּרעסטיזש פון לאַנצוטער יידן אין די אויגן פון קריסטן. נישט איינמאָל איז די אָרקעסטער אויפגעטרעטן אויף פּוילישע און מיליטע־רישע פייערונגען, ביי וועלכע זיי זענען דערשינען אין פולער מיליטערישער אויסשטאַטונג, אריינגערעכנט די געהע־ריקע אָפיציר־ראַנגען, אין איינקלאַנג מיטן רעגולאמין. זייער קונסט־ניוואָ איז געווען זייער אַ הויכער. מוזיק אַמאַטאָרן, קינסטלער וואָס האָבן ארויסגעוויזן מעגלעכקייטן און טאַלאַנט, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין „הזמיר“. ס׳איז זעלבסט פאַרשטענדלעך, אז אָן „משוגעים“ פאַר דער זאַך, וואָלט די אונטערנעמונג נישט געקאָנט ממשיך זיין און נאָרמאַל עקזיסטירן.

און פאַר די דאָזיקע, פאַר די חברים פון „הזמיר“ וואָס זענען נישטאָ מיט אונדז, וואָס זענען געפאַלן אין די יאָרן פון חורבן זאָל די פאַרצייכענונג זיין אַ זיכרון־מצבה פאַר דער קונסט־אינסטיטוציע פון ציוניסטישע יוגנט אין לאַנצוט.

דאָס מוזיקאַלישע לאַנצוט

ביים איבערבליק איבער דער געשיכטע פון „הזמיר“ איז אַ חוב צו דערמאַנען דאָס „אָרקעסטרישע“ לאַנצוט, וואָס האָט גורם געווען דאָס גאַסטראָלירן פון די לאַנצוטער אין די גאַליצישע שטעטלעך, ביי פאַרשידענע אָנגעלעגנהייטן. מענטשן פון אונדזער דור געדענקען פיר (4) אָרקעסטערס אין אונדזער שטאָט. די מיליטערישע, פון די פייערלעשער, פון גראַף פּאָטאָצקי און די פערטע — די אָרקעסטער פון „הזמיר“. אַ חוץ די פיר איז כדאַי צו דערמאָנען די אָרקעסטער פון גימנאזיע שילער, וואָס האָט נישט לאַנג עקזיסטירט. די כאָרן פון עלטערע און קינדער, מיט די דיריגענטן אבא מייער און גיטל שענמאַן.

דאָס אָרגאַניזירן דעם „הזמיר“ האָט אָנגעפאַנגען דעם 15־טן מאי 1914 דורך צבי ראַמער, בערעק לאַנדוי, אריה שטיצל, משה שטיצל, דוד הר, אליהו בעלפער און אברהם שענמאַן. דער איינציקער אויפטריט, אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אין כ׳ תמוז, ביי דער טרויער פאַרזאַמלונג נאָך ד״ר הערצל. די לעבנגעבליבענע געדענקען נאָך זיכער מיט וואָס פאַר אַ שוועריקייטן זיי האָבן דעמאָלט אויסגעפירט די שירים: „על אָם הדרך“, „חושו אחים חושו“ און די „התקווה“. דער שטאָט רב, הרב ר׳ אלעזר שפירא, האָט געזאָלט אויסרופן אַ חרם אויפן אָרקעסטער, ווייל עס זענען זיך צוזאַמענגע־קומען יונגלעך מיט מיידלעך אויף איין אָרט. די ערשטע וועלט קריג האָט איבערגעריסן די „הזמיר“ טעטיקייט. אין יאָר 1919 איז זי, מיטן אויפנעמען נייע חברים, באַנייט געוואָרן.

דאָס שטאַרקן דעם קינסטלערישן כוח

אין יענעם יאָר איז געקומען פון פראַנקרייך משה פּײַלשוס, אַ טאַלאַנטירטער שפּילער אויף אַ קאָרנעט. געווען איז ער דער ערשטער סאָליסט אינעם אָרקעסטער פון דער פאַריזער אָפּערע. דער זכות איז אים בייגעשטאַנען און מען האָט איבּ באַפרייט פון מלחמה געפענגעניש. ער האָט זיך מיט גרויס אינטערעס איבערגעגעבן דער ארבעט אין „הזמיר“, געווען איר דיריגענט אין משך פון אַ סך יאָרן און האָט אויפגעשטעלט אַ דור פון תלמידים: די ברידער יעקב און דוד טראָמפּעטער, זיי שפּילן אין אָרקעסטערס אין ישראל, שמעון אַנפאַנג, אריה ווינער, אברהם מאַרגעל, מארסעל שפּאַץ און אנדערע. ביז 1921 איז די קאַפּעליע באַשטאַנען פון בלויז סטרונע־אינסטרומענטן. אין יאָר 1921 איז אַ דאַנק די איניצי־אַטיוו פון משה פּיילשוס און שמעון וואָלקענפעלד הי״ד געגרינדעט געוואָרן די בלאָז־אָרקעסטער. זיי האָבן אָנגעהויבן מיט זיבן מוזיקאַנטן, און אין יאָר 1924 האָט זי שוין געציילט 27 שפּילערס, אויסער צענדליקער תלמידים.

דאָס דערוועקן אינסטרומענטן אין טשעכן

אַ ספּעציעלע פּרשה איז דאָס דערגרייכן אינסטרומענטן פון טשעכן אין יאָר 1923. אונדזערע אָרקעסטער־מענטשן האָבן זיך געווענדעט צום פּראָפ. מאַסאַריק — דעם טשעכישן פּרעזידענט, וועגן אַ הנחה ביים ווערבירן מוזיק אינסטרומענטן. דער ענטפער איז געווען זייער אַ וואַרעמער: מיר האָבן באַקומען 33 פּראָצענט הנחה און באַצאָלט בסך־הכל 1.700 דאָלאַר פאַר די כלים. טשעכן האָט זיי געשיקט מיט די באַן בחינם. דאַקעגן אין פּוילן האָבן מיר געמוזט באַצאָלן דעם גאַנצן צאָל אָפּצאָל.

דאָך האָבן מיר געדינט פּוילן מיט אַלעם מעגלעכן. מיר זענען דערשינען אויף פּויליש נאַציאָנאַלע פייערונגען און געענטפערט אויף יעדן רוף.

מוזיקאַנטן פאַר מיליטערישע אָרקעסטערס

מיליטער־פּליכטיקע פון צווישן די חברי „הזמיר" זענען אַנגעשלאָסן געוואָרן אין מיליטערישע קאַפּעליעס, אין וועלכע זיי זענען דערגאַנגען צו דער מדרגה פון וויצע־דיריגענטן.

איינער פון די ערשטע „הזמיר"־אויפטריטן איז פאָרגעקומען אין בערגער־טעאַטער אין ריישע. ס'איז פאָרגעשטעלט געוואָרן די פּיעסע „דריי מתנות" פון יצחק לייבוש פּרץ.

אין זאַל איז געווען אַנוועזנד דער מחבר. פלאַמיקע אַפּלאָדיסמענטן האָט באַקומען דער „הזמיר" און איז גערופן געוואָרן עטלעכע מאָל אויף ביס. י. ל. פּרץ האָט געדריקט די הענט פון „הזמיר" חברים. זיין פּנים האָט געלויכטן פון גליקזאָגנדיק: „דאָס איז אַ גליקלעכער טאָג אין מיין לעבן צו זען אַזאַ געלונגענע אָרקעסטער אין לאַנצוט. זייט געשטאַרקט און זייט ממשיך אין אייער פאַרשפּרייטן מוזיק צווישן יידן."

דער „הזמיר" איז אויפגעטרעטן אין רוב פון גאַליציש שטעט אונטער דעם דיריזשיר שטעקעלע פון משה פיילשוס, שמעון וואַלקנפעלד, הערש ראָמער און אברהם שענמאַן.

פון אָרקעסטער פאָלקלאָר

אַט דער פאַרמעג אין אַ יידיש שטעטל האָט אַ סך מאָל גורם געווען אַנגענעמע סיורפּריזן. אַזעלכע סיורפּריזן האָט געהאַט דער „הזמיר" עטלעכע מאָל, און זיי גייען אָן אַלס שיינע „פאָלקלאָר"־קאַפּיטלען. איין פאַל איז פאַרבונדן מיט אַ קאַוואַלעריע־באַטאַליאָן וואָס האָט סטאַציאָנירט אין לאַנצוט. זייער מיליטערישע אָרקעסטער האָט זיך געגרייט אויפצוטרעטן פאַר פּוילישע אַדל־לייט, וויסנדיק וועגן די גוטע מוזיקאַלישע כוחות אינעם ציוניסטישן „הזמיר", האָבן זיי ביי אונדז „אויסגעבאָרגט" עטלעכע שפּילערס, זיי באַקליידט



מוזיק אָרקעסטער „הזמיר" נעבן גרויסן בית המדרש, — תזמורת „הזמיר" על־יד בית המדרש הגדול.

אין מיליטערישע מלבושים מיט די געהעריקע אָפּצייכענונגען. זיי זענען דערשינען צוזאַמען און איינגעזאַמלט אַ פולע זשמעניע מיט אַפּלאָדיסמענטן.

אין אַ צווייטן פאַל — געווען איז דאָס אין 1921 — האָט די זעלבע מיליטערישע אָרקעסטער געזאָלט דערשיינען ביי פערד־געיעגן פון דער קאַוואַלעריע אין ריישע. אין דעמזעלבן טאָג איז אוועקגעשטאָרבן דער קאָמענדאַנט פון ריישער באַטאַליאָן, און די מיליטערישע מאַכט האָט זיך געוואָנדן צום פאָרזיצענדער פון „הזמיר". אין פארלויף פון עטלעכע שעה זענען מאָביליזירט געוואָרן אַלע מוזיקאַנטן — בערך 20 מענטשן. אונדזער אָרקעסטער איז אויפגעטרעטן אין די געיעגן און אויך אין אָוונט, אויף אַ טאַנץ־באַל אין מיליטערישן קאַסינאָ. די „הזמיר" מענטשן זענען אוניפאָרמירט געוואָרן אין מיליטערישע בגדים, און גענעראַל ראָזוואַדאָווסקי האָט זיי געדאַנקט אין האַרציקע ווערטער.

און נאָך אַ פאַל וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ טאַנץ אָוונט אין „גוויאַזדאַ" דאָרט האָט געזאָלט אויפטרעטן דער מיליטערישער אָרקעסטער פון יאַראָסלאַוו. אַלע אַנדערע קאַפּעליעס זענען אין יענערצייט געווען פאַרנומען. פלוצים איז באַקאַנט געוואָרן אַז די מוזיקאַנטן פון יאַראָסלאַוו קומען נישט. אויך אין דעם פאַל האָט מען זיך געווענדט אין דער לעצטער רגע צו „הזמיר". מ'האָט הענדום־פּענדום מאָביליזירט אונדזער חברה, און דער אָרקעסטער האָט אַנטייל־גענומען מיט גרויס דערפאָלג אינעם טאַנץ־אָוונט פון „גוויאַזדאַ", נישט פאַרלאַנגענדיק קיין שום באַצאָלונג פאַר דעם אויפטריט. אָבער דער פאַל און פיל אַנדערע, האָבן נישט געענדערט די באַציאונג פון פאָליאַקן צו יידן. ס'האָט געטראָפן, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געבעטן פון „סאָקול" זייער לאָקאַל איינצואָרדענען אַ שלום־עליכם אָוונט, האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ קאַטעגאָרישן אָפּזאָג: „מיר פאַרדינגען נישט דעם לאָקאַל צו קיין יידן..."

„הזמיר" איז געווען געטריי זיין וועג און באַשטימונג — ער איז געשאַפן געוואָרן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. פאַר זיי איז ער אויפגעטרעטן ווי ס'איז נאָר נויטיק געווען, אָן וועלכן ס'איז אָפּצאָל. בלויז כדי צו ברענגען נוצן און הילף צו נויטבאַדערפטיקע, איינשליסלעך צדקה־אינסטיטוציעס.

אלע חברים פון אָרקעסטער און אירע תלמידים האָבן געצאָלט חבר געלט — 1 זלאָטע אַ חודש.

אין אָנדענק פון די פאָרגייער

נאָכדעם ווי צבי ראַמער איז אוועקגעפאָרן קיין דייטש־לאַנד, איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרבינדן דעם „הזמיר" מיט זיין נאָמען. אויף דער דאָזיקער זיצונג איז דער אינזשינער אברהם שפּאַץ געוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער, אַלס וויצע פאָרזיצער און קאַסירער דוב וואָלקנפעלד, וועלכער האָט אַ סך געלייסטעט פאַר באַזירן דעם בודזשעט פון דער אינסטיטוציע.

די רעפּעטיציעס פון אָרקעסטער פלעגן צוערשט איינגע־אָרדנט ווערן אין לאָקאַל פון „השחר" און אויך אין דער העברעאישער שולע. ווען ס'איז צוריקגעקומען הערש ראַמער פון דייטשלאַנד נאָכן פאַרטריבן ווערן פון דאָרט מיטן אַנשטיין פון היטלעריזם, זענען די רעפּעטיציעס געמאַכט געוואָרן ביי אים אין הויז. ער האָט געדונגען אַ קליינעם בופעט און זיך ביי דעם מפרנס געווען. מיט דער צייט זענען די רעפּעטיציעס איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ ספּעציעלן צימער אין „בית־העם".



שטעמפּל פונעם אָרקעסטער „הזמיר".

ביי דעם „הזמיר" האָט זיך געפונען אַ נאָטן ביבליאָטעק, אַ רייכע אין קוואַנטום און אין קוואַליטעט, און אויך אין זעלטענע נאָטן־מאַנוסקריפּטן. הערש ראַמער וואָס האָט זייענ־דיק אין דייטשלאַנד אויפגעשטעלט דאָרט אַ לאַנצוטער לאַנדס־מאַנשאַפט, האָט געפלעגט זיין וואַרעמע פאַרבינדונג מיט דער אָרקעסטער און געשיקט ווערטפולע נאָטן.

די אָרקעסטער איז, ווי געזאָגט, אויפגעטרעטן אויף יידישע און נישט יידישע פייערלעכקייטן, אין די געבוירן טעג פון גראַף פּאָטאָצקי, אויף קאָנצערטן, פאַרשידענע אָוונטן און טעאַטער פאָרשטעלונגען. די לעבעדיקע באַטייליגונג פון שטאָט־מענטשן אין „הזמיר" האָט גורם געווען אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען איינגעטונקען אין יידישע נגינה, וועלכע האָט זיך אַרויסגעריסן פון יעדער טיר און פענצטער. חברים פון אָרקעסטער, תלמידים, לערניינגלעך און די אַלע וואָס האָבן געחלומט אָנצושליסן זיך אין „הזמיר" — האָבן איינגעאיבט מיט די שפּיל כלים אין זייערע היימען. דער שטאָט־רוים איז געווען דורכגעזאַפּט מיט נגינה.

אין מוצאי־יום־כיפור פלעגן די „הזמיר" חברים זיך צוזאַמענקלייבן אין הויז פון רבין אהרן משה לאַופער, וועל־כער האָט געקענט שפּילן. דער רבי האָט אַרויסגעצויגן די פידל פון דער שייד, די אָרקעסטער־מענטשן האָבן רעגולירט זייערע אינסטרומענטן — און די וואַרעמע טראַדיציאָנעלע נגינה פון מוצאי־יום־כיפור, האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

דער עכאָ פון דער נגינה, ווי ער וואָלט זיך דורכגעריסן צו אונדז פון מרחקים — פון אונדזער לאַנצוט, פון אלע יידישע הייזער אינעם שטעטל. אָט די אָפּקלאַנגען קלינגען אין אונדזערע אויערן און וועקן אין אונדז חלומות... און האָפענונג.

מיטן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג איז דאָס אייגנטום פון „הזמיר" איבערגעגעבן געוואָרן דעם פּוילישן מיליטער.

די גרונטלייגער פון „הזמיר": הערש ראַמער, אינזשיניער אברהם שפּאַץ, משה פיילשוס, די ברידער דוב, שמעון און קלמן וואָלקנפעלד, משה ראָזמאַרין, חיים מילראַד און לייב

שטעכער — אלע זענען אומגעקומען אינעם חורבן, צוזאמען מיט אַלע קדושים פון דער קהילה.

דער „הזמיר" איז געווען דער גרונטשטיין פאַר אויס־קריסטאַליזירן די יוגנט אין לאַנצוט. געווען איז דאָס אַ צוציענ־דיקע קונסט־אינסטיטוציע אין וועלכער אונדזער יוגנט האָט געפונען אַ בשותפותדיקע שפּראַך, זי איז געווען די געלייטערטע נאַציאָנאַל קולטורעלע אינסטיטוציע. אַלע האָבן מיר געפילט דעם כבוד און געשעצטקייט וואָס אָט דער יידישער אַנשטאַלט האָט אונדז פאַרשאַפט. דערפאַר איז ער אונדז איינגעקריצט טיף־טיף אין אונדזערע הערצער.

ב. „בית־העם"

ווי אין נעפּל זע איך אין מיין דמיון דאָס הויז — דער שטאָלץ פון דער ציוניסטישער יוגנט אין לאַנצוט, אין אלע אירע אַפּצווייגונגען און שאַטירונגען. דעם „בית־העם", וועל־כער האָט פאַרקערפּערט די ציוניסטישע געשיכטע און לאַנצוט אין דעם לעצטן יאָרצענדליק פון זיין עקזיסטענץ, זע איך נאָך היינט ווי אַ ליכט־טורעם וואָס פאַרשפּרייט זיין ליכט אין די ווייטקייטן. איך, וואָס האָב אַהינגעבליקט צו אים פונדערווייטנס, פון ארץ־ישראל, האָב מיטגעלעבט און באַגלייט דעם אַנהויב וועג, די פּלאַנירונג ביז זיין אַנטשטיין, און האָב אפילו זוכה געווען, פאַר מיין עולה זיין, צו שטיין ביי זיין וויגל און צו שפּענדן „ארבעטס־טעג" פאַר זיין אויפבוי צוזאַמען מיט ישראל בירנבוים און שלום ראַזמאַרין.

די דערעפענונגס־פייערלעכקייט פון „בית־העם" איז פאַר־געקומען אין אַ נאָכמיטאָג פון אַ שיינעם זונטיקדיקן טאָג, אין סוף חודש דעצעמבער 1930. אויב איך וועל דערציילן וועגן דער פייערלעכקייט ווי זי איז געשילדערט געוואָרן אין בריוו צו מיר, דאַרף איך אונטערשטרייכן די פרייד וואָס האָט באַהערשט אַלעמען, דער עיקר די יוגנט, וועלכע האָט אין „בית־העם" געזען זייער הויז.



בעת די דערעפענונג פון „בית־העם" אין יאָר 1930 — ערשטע ריי פון רעכטס: סטאַראָסטע קזשאַנאָווסקי, גראַף אַלפרעד פּאָטאָצקי, אינז. אברהם שפּאַץ.

„געווען אַ שלוה'דיקער חנוכה־טאָג, ווען ס'איז אויף אַ יום־טובדיקן אופן, געעפנט געוואָרן דער „בית־העם", ביי דער אָנוועזנהייט פון פאָרשטייער פון ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע אין לעמבערג און אין קראָקע, פון גראַף אַלפרעד פּאָטאָצקי, פון דעם סטאַראָסטע און בירגערמייסטער, דעלעגאַטן פון צענטן מיליטערישן פּולק און דעם שטאַטישן געריכט, פּאָסט־אַמט און פון דער יידישער קהילה" — האָט מיר געשריבן אין „זשורנאַליסטישן" סטיל ישראל בירנבוים אין אַ בריוו פון לאַנצוט אַ פּאָר מאָנאַטן נאָך דער פייערליכער דערעפענונג. און ער איז ממשיך זיין שילדערן דעם טאָג ווי אַ יום־טוב פאַר דער יוגנט פון אונדזער שטאָט: „דער איבערפולטער „בית־העם" זאַל איז געווען באַצירט און באַלויכטן מיט אַ סך ליכט. דער „הזמיר" האָט אָנגעפאַנגען די צערעמאָניע מיטן פּוילישן הימן און זי געשלאָסן מיט דער „התקוה". די באַגריסונגען זענען געווען דערהויבענע פייער־לעכע און האָבן אויסגעדריקט די געפילן פון דער ציוניסטישער געזעלשאַפט אין גאַנץ גאַליציע. די דערעפענונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ גרויסן באַל..." — און ער ענדיקט מיט דער באַמערקונג, אַז די הכנסה פון דעם פייערלעכן אָוונט איז דערגאַנגען ביז 1000 זלאָטעס, און אַז דער „בית העם" הויבט אָן צו זיין: „אַ פאַקטאָר פון הכנסות און נישט פון בלויז הוצאות"...

און אָט איז אַ צווייטע שילדערונג פון דעם געשעעניש אין אַ בריוו פון דוד טראַמפּעטער צו מיר: „זונטיק איז אין אונדזער שטאָט געווען יום־טוב — דער יום־טוב פון עפענען דעם „בית־העם". עפּעס פייערלעכס האָט אויסגעפילט יעדנס האַרץ אין דעם טאָג, ס'איז אויך קיין וואונדער נישט: „אונדזער־הויז". דאָס הויז, אין וועלכן מיר האָבן אריינגעלייגט חלומות און מי. דאָס הויז פאַר וועלכן מיר האָבן צוזאַמענגעלייגט אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה. שוין באַלד איינדערפרי איז דער שטח אַרום דעם הויז פאַרפולט געוואָרן מיט מענטשן. די קינדער זענען נישט אַפּגעטרעטן פון אָרט. אַ זייגער עלף הויבן זיך צוזאַמענקומען די „הזמיר"־מענטשן, מיט יעקב טראַמפּעטער בראש. 12 אַ זייגער איז געקומען דער סטאַראָסטע אין באַגליי־טונג פון: געריכטס־ראַט, פּאָסט־נאַטשאַלניק, גראַף פּאָטאָצקי,

פאָרשטייער פון גימנאַזיע און פאַרבאַנד „סאָקול". דער זאַל איז געפּאַקט, די אָרקעסטער לאָזט זיך הערן. די קלאַנגען פון פוילישן הימן צעגיסן זיך אינעם חלל. די ערשטע רייען פאַרנעמען די פוילישע דעלעגאַציעס און הינטער זיי — די יידן. קהל אין טונקעלער יום־טובדיקער קליידונג. אינזשיניער שפּאַק, דער ראש פון „בית־העם", דערעפנט די פייערונג מיט אַן איבערבליק איבער דעם „אָנהייב" פון דער אונטערנעמונג: ווי אַזוי אַ הייפל מענטשן האָט אויף זיך גענומען די דערהויבענע אויפגאַבע פון בויען דאָס דאָזיקע הויז. ער דערמאנט נישט קיין שום נעמען, אויסער דעם גראַף פּאָטאָצקי וועמען די פאַרזאַמלטע אַפּלאָדירן שטאַרק. דער צווייטער באַגריסט דער סטאַראָסטע, וועלכער זאָגט „אייער יום־טוב איז אונדזער יום־טוב". עס קומען באַגריסונגען פון אויסערלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס; ד"ר רייכמאַן און ה' קליינמאַן פון פּשעמישל האַלטן רעפעראַטן אין דער פּוילישער שפּראַך."

דוד יוסט באַגריסט אין נאָמען פון דער לאַנצוטער קהילה. דער „הזמיר" שפּילט. די פייערונג און איר צערעמאָניאַל איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין חנוכה, און אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַן אימפּאָזאַנטער חנוכה־אָוונט. ד"ר רייכמאַן האָט רעפערירט וועגן די באַדייטונג פון נס חנוכה פאַר אונדזערע צייטן, ס'זענען פאָרגעלייענט געוואָרן ברכות, צוגעשיקטע פון ציוניסטישע מנהיגים אין פוילן.

נישט קיין קלענערע התלהבות, ווי ביי דער דערעפנונג פון „בית־העם", האָט אונדז באַהערשט, במשך אַ גאַנץ יאָר, פון טאָג אין וועלכן ס'איז געחתמעט געוואָרן דער אָפּמאַך פון קויפן דעם פּלאַץ ביים „הקדש", פאַר אויפשטעלן דעם „בית־העם", די גאַנצע צייט איז נישט אָפּגעטרעטן די שפּאַנונג ביי דער יוגנט, און דער עיקר ביי די, וואָס האָבן געווידמעט דעם רוב פון זייער צייט און ענערגיע פאַר דער גרויסער אונטערנעמונג. די פּרשה פון די ערשטע טעג, ווען יעדער האָט אינוועסטירט „ארבעטס־טעג" אינעם בוי פון „בית־העם". די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען אין דער מאָס פון די געלט מעגלעכקייטן וועלכע זענען נישט געווען איבעריק גרויסע; דער דאַך, די שפּענדונג פון גראַף פּאָטאָצקי, און אַלע אַנדערע זאַכן — האָבן זיך גוט איינגעקריצט אינעם לעבן פון דער ציוניסטישער יוגנט אין לאַנצוט.

„דער „בית־העם" וועט אין פיר וואָכן אַרום זיין פאַרטיק" — האָט צו מיר געשריבן לייזער פּאַס. — „מ'אַרבעט יעדן טאָג. היינט לייגט מען די פּאָדלאָגע. ס'ווערן געמאַכט פאָרבערייטונגען פאַר אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אינעם פאַרטיקן בנין. גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס וועט זיין אַ פּיעסע פון שלום אַש" — איז ער ממשיך...

חרם, ענגשאַפּט און טעטיקייט

וואָס האָט באַוויליגן די טרוימער און קעמפער פון לאַנצוט אַדורכצופירן דאָס „אוממעגלעכע" — צו בויען אַ הויז, וואָס האָט אָנגעקאָסט צען טויזנט דאָלאַר, אין דער צייט, ווען זיי האָבן אפילו קיין קליינגעלט נישט געהאַט? זעט אויס, אַז די גורמים אין דער ציוניסטישער ווירקלעכקייט אין לאַנצוט אין יענע יאָרן, זיי זענען דאָס געווען די סיבות פון מחוץ אויפשטעלן אַ „בית־עם" — „אונדזער־הויז" פאַר ציוניסטישער טעטיקייט; אַ הויז, אויף וועלכן די רבנים זאָלן נישט קאָנען לייגן קיין חרם; אַ הויז כדי מיר זאָלן נישט זיין אונטערגעאָרדנט די פאַרשידענע פוילישע אינסטיטוציעס, קורץ — אַ הויז וואָס זאָל דערמעגלעכן די אויסברייטערונג פון ציוניסטישער טעטיקייט.

אין יענע יאָרן איז געווען דערוואַכונג אינעם ציוניסטישן לעבן אין גאַנץ פוילן, וועלכע האָט אָנגעהויבן שלאָגן וואָרצלען באַלד מיטן פאַרענדיקן די ערשטע וועלט־מלחמה. התעוררות און לעבעדיקייט ביי דער יוגנט פאַר טיפער שטרעבונג צו פלעגן ארץ־ישראל־שטייגער אין יעדער שטאָט און שטעטל אין פוילן. מיר, די לאַנצוטער, האָבן זיך געפונען אריינגעטאָן אין פאַרצווייגטער טעטיקייט. קרן קימת לישראל, קרן היסוד, העברעישע שולע, פאָרשטעלונגען, ביבליאָטעק, די אַלע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין זייערע באַזעס, צעזייעט אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט. דער לאָקאַל פון דער קהילה פאַרוואַלטונג, וואָס האָט אונדז געניצט פאַר פאַרזאַמלונגען און אפילו פאַר פאָרשטעלונגען איז, צוליבן חרם וואָס דער רב האָט מכריז געווען, פאַר אונדז געשלאָסן געוואָרן. דאָס איז געווען דער איינציקער מעגלעכער זאַל אין שטאָט, פון וועלכן מיר האָבן געהאַט באַשטימטע נוצן, און מיטן שליסן אים, איז אויף אונדז נגזר געוואָרן אַ שטיקעניש — און מיר האָבן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דער לאַגע. דאָס פּאַנאַדעררייסן די רינג פון שטיקעניש ארום דעם געזעלשאַפטלעכן און ציוניסטישן לעבן, דאָס האָט געברענגט מיט זיך צו ברייט־פאַרצווייגטע אונטערנעמונג — דעם „בית־העם".

פאַראַן געווען נאָך עטלעכע זאַלן אין שטאָט: דער סאָקול־זאַל, געבויט נאָך אין יאָר 1896 און דווקא דורך אַ ייד, אָבער דאָס איז געווען פויליש אייגנטום, און אין די הויז־פאָרשריפטן האָט זיך געפונען אַ פּאַראַגראַף: נישט צו פאַרדינגען דעם לאָקאַל צו יידן... אָט דער לאָקאַל איז אויסגעברייטערט און פאַרגרעסערט געוואָרן אויף געשאָנקענער ערד דורך גראַף פּאָטאָצקי, אָבער פאַר אונדז איז ער געווען געשלאָסן. געווען אויך אַ זאַל פון פאַריין „גוויאַזדאַ" — אַ קליינער, אַן ענגער, וועלכן מ'האָט יאָ געקאָנט דינגען. אָבער זיי האָבן זיך געהייסן גוט באַצאָלן, פאַראַן געווען עפּעס אַ לאָקאַל וואָס איז געווען מער „סקלאַד" ווי זאַל, מ'האָט אים גערופן די שאָפּע, פון וועלכן אַ טייל האָט געהערט צו די „פּועלי־ציון", די בינע איז געווען זייערע, דער לאָקאַל אליין איז געווען אין די הענט פון משה שטיצל, ער האָט דאָרט איינגעאָרדנט אַן אָרט פאַר טענץ, אָבער צייטנווייז האָט מען אים פאַרדינגען אויף פאָרשטעלונגען פאַר געלט.

געווען איז דאָס אַלץ אין אַ צייט, ווען ציוניסטישע טעטיקייט האָט זיך כסדר געשטאַרקט אין לאַנצוט. ס'זענען אויפגעטרעטן פאַרשידענע פּרעלעגענטן, געסט, פאַר וועלכע ס'האָט פילמאָל געפעלט אַ טריבונע ווו אָפּצוהאַלטן דעם רעפעראַט.

די שול און דאָס ארויסגיין פון איר

אין באַגינען פון ציוניזם אין לאַנצוט, פלעגן מיר אָפּהאַלטן די פאָרטראַגן און רעפעראַטן אין דער שול. ס'איז געווען

גאַנץ נאַטירלעך, וואָס ארץ־ישראל ענינים זענען רעפּערירט געוואָרן אין דער שול. אָבער אנדערש האָבן געטראַכט די חרדים. זיי האָבן זיך געזען אַלס אַפּוטרופּסים איבער דער שול, און דער רוב פון זיי איז געווען קעגנער פון ציוניזם און ארץ־ישראל. האָבן זיי געפונען פאַר אַ חוב צו שטערן דעם גאַנג פון די פאַרזאַמלונגען, וואָס האָט גורם געווען צו קריגערייען, מ׳פלעגט אויסלעשן די עלעקטרע און אַרומשלאָגן זיך אין דער פינצטער.



צוריקגעקומענע פּליטים פון רוסלאַנד ביי פאַרמאַכטע טויערן פון „בית־העם" אין יאָר 1946.

ערשטע ריי פון רעכטס: משה העלמאַן, ראָזענבערג, עדה פניק, לאָלאַ לאַנזאַם, שבע וואַקסמאַן, צבי באַואר צווייטע ריי פון רעכטס: בראַווער, משה שלייפשטיין, נחמן קעסטנבאַום; דריטע ריי פון רעכטס: יוסף רינגעל, אברהם מאַרגל, שלמה מאָל, יצחק פּאָפּיאָל, יצחק ווייסמאַן.

דאָס אויפגעצווונגענע פאַרלאָזן די שול און דער מאנגל אין אַ פּאַסנדיקן לאָקאַל פאַר ציוניסטישער טעטיקייט — זיי זענען געווען די גורמים און דער דראַנג אויפצושטעלן דעם „בית־העם".

די ערשטע 500 דאָלאַר

ווען מיר זענען איבערצייגט געוואָרן אין דער נויטווענדיקייט פון דער אונטערנעמונג איז געווען קלאָר אַז די זאַך מוז און וועט אַנטשטיין, און ווי געוויינלעך אַנטפּלעקן זיך מיטהעלפער צו מענטשן פון שטאַרקן ווילן. אָט אַזאַ מיטהילף איז געקומען אין דער געשטאַלט פון ה׳ פרידריך אונדזער לאַנדסמאַן פון אמעריקע, וואָס האָט באַזוכט לאַנצוט. מיר האָבן איינגעאָרדנט לכבוד דעם גאַסט אַ פייערלעכן באַזוך אין דער העברעישער שולע, און דאָס עקזאַמינירן די שילער, האָט געמאַכט אַ טיפן רושם אויפן גאַסט. די לאַנצוטער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע האָט נאָך פרידריכס אהיימקומען, געשיקט 500 דאָלאַר פאַר דער העברעישער שולע.

אין דער זעלבער צייט האָט שוין עקזיסטירט דער קאָמיטעט פאַרן אויפשטעלן דעם „בית־העם", מיטן אינזשיניער אברהם שפּאַץ בראש, לייזער פּאס — סעקרעטאַר און אדמיניסטראַטאָר, פנחס צוויבל — קאַסירער און די חברים: ד״ר לאָטרינגער און זיין פרוי אידאַ, אַנשיל כ״ץ (פון שולע), ד״ר לעאָן מאַרקל. אָסטער, משה פיילשוס, גיטל שענמאַן און רחל אנמוט. מיטן אָנקומען פון געלט פאַר דער שולע, האָט זיך דער „בית־העם" קאָמיטעט געווענדעט צום שול־קאָמיטעט, צו די חברים: שמעון ראָזענבליט, דוד יוסט און אנשיל כ״ץ, מיט אַ פאָרשלאַג, איבערצוגעבן דאָס דערהאַלטענע געלט פאַרן בוי פון „בית־העם" אין וועלכן ס׳וועט פאַרזיכערט ווערן דריי צימערן פאַר דער שולע. דער משא־ומתן איז געקרוינט געוואָרן מיט הצלחה, און די סומע פון 500 דאָלאַר איז געווען דער ערשטער יסוד פאַרן אויפבוי פון „בית־העם".

די ווענדונג צו דער „גאַנצער וועלט"

דערנאָך האָט דער קאָמיטעט אָפּגעדרוקט שפּענדונג קופּאָנען און אָנגעפאַנגען מיט אַ פאַרקויף פון „ציגל" לטובת דעם „בית־העם". דער קאָמיטעט איז געווען פול מיט התלהבות אַזוי ווייט, אַז ער איז געווען איבערצייגט, אז יעדער ייד אויף דער גאָרער וועלט וועט מיט שמחה זיך באַטייליקן אין דער אַקציע. יעדעס אַדרעסן־בוך איז אויסגענוצט געוואָרן, כדי פאַנאַנדערצושיקן בריוו אין אַלע וועלט־טיילן... פאַרשטענדלעך אַז די רעזולטאַטן זענען נישט געווען אַזוי „התלהבות׳דיק", און ס׳איז נויטיק געווען גאָר אַ סך אַרבעט, כדי צוצוקומען צו אַ געוויסע געלט־סומע פאַרן המשך פון בויען דעם „בית־העם".

די בוי־ארבעט האָט זיך אָנגעהויבן אין חודש אויגוסט 1929. דער בוי־אויפזעער איז געווען דער באַקאַנטער בוימייסטער דער גוי פעלץ. דער בנין איז באַשטאַנען פון צוויי שטאָק מיט אַ גרויסן זאַל, אַ בינע פאַר פאָרשטעלונגען און 12 צימערן.

שטיצע פון גראַף פּאָטאָצקי

מיטן פּראָבלעם פון מאָביליזירן געלט מיטלען פאַרן „בית העם" האָבן זיך מטפל געווען די כלל־טוער נישט בלויז בעת דעם בויען, נאָר אַ שטיק צייט אויך נאָך דער ארבעט. דער „בית־העם" בנין האָט אָפּגעקאָסט ביז 10.000 דאָלאַר און די חובות צו באַצאָלן האָבן באַטראָפן 4.500 דאָלאַר. בלויז פּראָצענט איז באַצאָלט געוואָרן 50 דאָלאר אַ חודש. דער קרייז, דער פאַראינטעריסירטער אין „בית־העם", איז געווען אַ

באַשרענקטער. די רעליגיעזע זענען געווען קעגן דער אונטער־באַוועגונג, אין אַלע אירע אָפּצווייגונגען. עס דאַרף אָבער באַצייכנט ווערן, אַז די הילף פאַרן „בית־העם" איז נישט געקומען בלויז פון די קרייזן. דער גראַף פּאָטאָצקי, די דאָזיקע לעגענדארע געשטאַלט, וואָס איז פאַרבונדן כמעט מיט יעדער געשעעניש אין אונדזער שטעטל, האָט געשפּענדעט אַ דאַך פאַרן „בית־העם" וועלכער האָט געקאָסט 1,300 דאָלאַר.

מיטן דערעפענען דעם „בית־העם" איז געקומען אַן אויפ־וואַכונג אין שטאָט. די יוגנט — ווי זי וואָלט אויפגעלעבט. אין „בית־העם" זענען איינגעאָרדנט געוואָרן פאָרשטעלונגען און פאַרוויילונגס־אָוונטן. אָבער דאָס התלהבות האָט זיך ליידער נישט פאַרצויגן קיין לאנגע יאָרן. גאנץ שנעל האָט זי זיך אָפּגעקילט און איבערגעלאָזט דעם פלאַץ פאַר דער גראָער ווירקלעכקייט...


פון דעמאָלט ביז היינט זענען פאַרלאָפן אַ סך יאָרן, יאָרן פון אימה און חורבן, אָבער אויך דעצעדירנדיקע יאָרן פון נעמונג, ווי זיי האָבן קעגנגעשטעלט יעדער ציוניסטישער אַקציע. די „פּועלי־ציון" האָבן נישט נויטיק געהאַט דעם לאָקאַל, זענען דעריבער געבליבן די אַלגעמיין ציוניסטישע רעאליזירן דעם גרויסן געדאנק, פאַר וועלכן ס'האָט געלעבט אונדזער יוגנט אין לאַנצוט — דעם ציוניסטישן געדאַנק. די „ראָמאַנטישע" ענינים, דער ווייטער העברעישער חינוך, העב־רעישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, העברעישע לידער — זעען איצט אויס מיניאַטור־מעסיק אַנטקעגן די גרויסע נאַציאָנאַלע דערגרייכונגען אין אונדזער צייט.

דאָך, אויך היינט, אין די טעג פון מדינת־ישראל און דעם רומרייכן צבא־הגנה־לישראל — טרעפט, אז עס זעט זיך אַרויס פון צווישן אַ געדיכטן נעפּל, דער בנין פון „בית־העם" אין לאַנצוט, און אויף זיין פאָן פאַרקערפּערן זיך טייערע געשטאַלטן, צעפלאַמטע געזיכטן פון אַלט און יונג, אין וועלכע עס ברויזט דער חלום וועגן ציון, און זייערע אויגן ברענען פון באַגער צום לעכצנדיקן בנין, וועלכער איז אין משך פון יאָרן באַקאַנט געווען מיט זיין רומפילן נאָמען: לאַנצוטער „בית־העם".



נשף חג־הביכורים לילדים ב„בית־העם". ערשטע ריי פון רעכטס (שורה א׳ מימין): אטקאַ קנעלער, סאַלקאַ פייער, נושקאַ קאָבאַק, געניע מערזל, באַשקאַ זאואר, רות דרוקער, גולדה סטעמפּל, לעדערמאַן; צווייטע ריי פון רעכטס, שטייען (שורה ב׳ מימין): בלומה זאוראהאַפּט, שרה העבנשטרייט, טשינקא מאַרקל, דבורה ליפשיץ, מינה פּיילשוס, דינה גרינבאום.

ספארט־קלוב „טרומפעלדאר"




ספּאָרט־קלוב „טרומפּלדור". א. פון רעכטס (מימין): משה קאָרנבלאו, הערש גוטמאַן, דוד קערנער; שטייען פון רעכטס (עומדים מימין): שלמה פּאָפּיאָל, מיכאל שיפּמאַן, ישראל יוסט, אלעזר דישה, עקיבא לאַנדאַו




ב. די פוטבאַל מאַנשאַפטן „טרומפּעלדאָר" לאַנצוט — „בר־כוכבא" ריישע. ערשטע ריי פון רעכטס: אברהם מאַרגל, יוסף טוכפעלד, יעקב טראַמבעטער, חיים מילראַד, קלמן וואָלקנפעלד, אלעזר ראָזמאַרין; צווייטע ריי פון רעכטס: לייב ווינער, יצחק פּאָפּיאָל, לייב שטעכער, ראובן נאַדל, משה ראָזענבלום.



ג. פון רעכטס: — דוב טורטעל־טויב, אלעזר דישה, מרדכי מיזעס, יצחק צעלנער, דוב רעגנבויגן, — משה ראָזמאַרין, שלמה אַדלער, עקיבא לאַנדאו.



טרומפּעלדאָר־מאַנשאַפט, פון רעכטס (מימין): אברהם מאַרגל, משה קאָרנבלאָו, מנחם פּאָפּיאָל, שלמה אַדלער, קלמן וואָלקענפעלד, פּנחס פאַסט, רייך (פון ריישע), לייב שטעכער, דוד קערנער, מולעק פּאָפּיאָל, לייביש ווינער, יעקב טראָמפּעטער, יצחק פּאָפּיאָל.



„טרומפּעלדאָר" לאַנצוט — „בר־כוכבא" ריישע (3 : 0).

אליעזר סטעמפל בוענאָס־איירעס (אַרגענטינע)

ווי אזוי בין איך געווארן א ציוניסט?

געוועזן איז דאָס אין לאַנצוט, אין יאָר 1908, עס הייסט, מיט פיר און פופציק יאָר צוריק. יידישע באָבעס און מאַמעס פלעגן צווישן זיך שמועסן — און דערביי פלעגט אַ לאַכעדיקער שיין זיך באַווייזן אויף זייערע פון דאגות־צעאַקערטע פנימער — אַז די יינגעלייט פון שטעטל, וועלכע רופן זיך „ציוניסטן" און קלייבן געלט אויף חתונות און ברית'ן, ווילן אָפּקויפן ביים טערק גאַנץ פּאַלעסטינע און יידן וועלן האָבן אַן אייגן לאַנד, מיט אַן אייגענעם קייזער, אַן אייגענעם כהן גדול, מיט אייגענע גאַסן־קערערס להבדיל, און אָנשטאָט טשאַרנאָטי וועט אַ ייד מיט באָרד און פאות זיין דער שטאָטפּאָליציאַנט... מ'וועט שוין ביי יידן נישט רייסן די בערד, און די פּאַראָבקעס פון גראַף פּאָטאָצקי וועלן שוין נישט האָבן אויף וועמען אָנצורייצן זייערע בייזע הינט, ווי זייער שטייגער ווען יידן גייען קיין סאָנינע, וואו ס'האָט זיך געפונען דער טשעשניק, כדי מקיים זיין די מצווה פון בורא פרי העץ...

אָט אַזוי האָבן געשמועסט באָבעס און מאַמעס אין ווינטערדיקע שבת־צונאַכטסן, צווישן הבדלה און מלווה־מלכה, זיצנדיק ביים וואַרעמען פּיעקאַליק און פליקנדיק שניי ווייסע געגנזענע פעדערן. די בערגלעך פוך האָבן אויסגעזען ווי די קאַרפּאַטן־בערג אין ווינטער. אַזוי האָבן זיי געטרוימט וועגן אַ יידישער מדינה, נאָר איין פראַגע האָבן זיי נישט געקענט פאַרענטפערן: ווער וועט אין יידישן לאַנד אַראָפּנעמען די זילבערנע לייכטער פון טיש שבת אין דער פרי...

אַלס קינד פלעג איך הערן זייערע שמועסן און מיין יינג האַרץ פלעגט פלאַטערן פון נייגעריקייט. כ'האָב געשלונגען יעדעס וואָרט פון זייערע ליפּן און מיין פאַנטאַזיע האָט געאַרבעט מעשים... ווערטער ווי ציון, ירושלים, בית־המקדש, האָבן געקלונגען אין מיינע אויערן. ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז די ווערטער פון טאַטנס דיקן סידור ווערן צוריק לעבעדיק.

אָבער אין שטעטל זענען געווען נישט נאָר בעלי־חלומות. עס איז שוין דאַן געווען אַ ציוניסטישער פאַראיין. קיין יינגלעך לאָבוזעס האָבן אויך נישט געפעלט, און ווי זייער שטייגער איז, האָבן זיי אַריינגעוואָרפן שטיינער אין די פענצטער פון פאַראיין.

מיין פאַנטאַזיע, וואָס איז צערייצט געוואָרן פון די באָבישע שמועסן, האָט מיר געשטויסן צו באַזוכן דעם ציוניסטישן פאַריין. אָבער אַלס שטראָף פאר די מעשים טובים פון די לאָבוזעס, האָט מען מיר נישט אַריינגעלאָזט. מיר האָט זיך דאַן געדאַכט, אַז די יינגעלייט וועלן אָפּקויפן ביים טערק דאָס יידיש לאַנד, און איך וועל, חלילה, נישט זיין דערביי...

יינגעלייט, וואָס האָבן געטראָגן אונטערן אָרעם ביכלעך און צייטונגען, זענען געגאַנגען אין פאַריין. ס'איז דאַן פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג, כדי אויסצוקלייבן אַ נייע פאַרוואַלטונג. שטייענדיק אין דרויסן האָב איך באַמערקט, אַז אין פאַריין איז געווען זייער טומלדיק. פון קנויל דיסקוטירנדיקע האָבן זיך אויסגעשיילט צוויי צדדים, און יעדער צד האָט געהאַלטן, אַז ער איז גערעכט. ס'איז דאָרט אָנגעגאַנגען אויף טיש און אויף בענק. מ'האָט דיסקוטירט שאַרף, קיינער האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן. געדענק איך, אַז אַממיינסטן האָבן זיך געטומלט און געהיצט: דאלעק דרוקער, אברהם שמעונס זון, לייב ראָזמאַרין, זיסאַפּפעל, דער שפּעטערדיקער ד"ר ראובן ראָזענבליט און אהרן היטער.

נאַאיווע טרוימערישע שמועסן פון באָבעס און מאַמעס האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ ציוניסט, און די אויבנדערמאָנטע חברים האָבן מיר געדינט אַלס פאָרבילד. מיט גרויס כבוד געדענק איך זייערע נעמען!



פון רעכטס (מימין): שוואַרצמאַן, ליבאַני, חיים לבנון, אליעזר סטעמפל, מיכאל וואַלצער, ד"ר נתן קודיש, דבורה סוכפעלד, מרים לבנון, אינגאַ סטעמפל.

נחמן קעסטנבאום

די יידישע זעלבסטשוץ

אין נאָוועמבער 1918 איז זיך צעפאַלן די עסטרייכיש־אונגאַרישע מאָנאַרכיע און עס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרמירן דאָס אומאָפּהענגיקע פּוילן. פון די פראָנטן האָבן זיך צוריקגעקערט די אויסגעמאַטערטע סאָלדאַטן. אין אַלע גאַליצישע שטעט און שטעטלעך האָט די באַפעלקערונג מאַניפעסטירט איר פרייד איבערן צעפאַל פון עסטרייך און פּראָקלאַמירט איר צוגעהעריקייט צו דעם ניי אויפגעקומענעם אומאָפּהענגיקן פּוילן.

צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן זענען אויך צוריקגעקומען פון די פראָנטן יידישע סאָלדאַטן, לאַנצוטער יידן. פון אָנהויב אָן איז די יידישע באַפעלקערונג געווען שטאַרק באַאומרואיקט, ווייל אין די לעצטע חדשים פאַר עסטרייכס צוזאַמענברוך זענען געוואַקסן די אַנטיסעמיטישע שטימונגען צווישן די פּוילישע איינוואוינער.

די ערשטע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט אַנטקעגנצושטעלן זיך דער בהלה אויף דער יידישער גאַס, זענען געווען די ציוניסטן, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער עסטרייכישער אַרמיי. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע סאָלדאַטן און ציוניסטישער יוגנט, האָט ד"ר דרוקער דאָלעק, נאָך אין מיליטער־מונדיר, גערופן די יידישע איינוואוינער מיטצוהעלפן ביים אויפבוי פונעם נייעם פּוילן, ווי פרייע בירגער. תיכף נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט זיך פאָרמירט אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר דרוקער אַ גרעסערע גרופּע יידישע סאָלדאַטן און יוגנטלעכע און מאַרשירנדיק דורך די גאַסן ביז צו דער געביידע פונעם פּוילישן מיליטער, וואו זיי האָבן זיך געשטעלט צו פאַרפיגונג דעם פּוילישן מיליטער־קאָמענדאַנט. ער האָט טאַקע די יעניקע יידישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון דעם פראָנט, צוגעטיילט צו מיליטערישע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן געהאַט צו דערפילן וויכטיקע אויפגאַבן אין דער' שטאָט.

כדי צו היטן די אָרדנונג אין דער שטאָט, איז געשאַפן געוואָרן אַ שטעטישע באַוואָפנטע בירגער־מיליץ מיט אַ באַזונדערער יידישער אָפּטיילונג, מיט אָפיציאַל אוסטער אַלס אָנפירער און הערש ראַמער אַלס קאָמענדאַנט.

פון אָנהויב איז די שטימונג אין דער שטאָט געווען אַ געהויבענע. עס איז געווען די צייט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, יידן האָבן געלעבט מיט האָפענונגען, די חלוצישע יוגנט האָט זיך געגרייט צו דער עליה קיין ארץ־ישראל. אויף די גאַסן פון לאַנצוט האָבן פּאַטראָלירט יידישע באַוואָפנטע מיליציאַנטן, וואָס האָבן מיט שטאָלץ געטראָגן אַ באַזונדערן מיליציאַנטן־אָפּצייכן אָן אַרמבאַנד מיט אַ קליינעם מגן דוד. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי היטן דאָס לעבן פון די יידישע איינוואוינער, זייער האָב און גוטס.

אין דער פּוילישער געזעלשאַפט האָבן זיך אָבער דאַן געשטאַרקט די אַנטיסעמיטישע שטימונגען און אונטער דער השפעה פון דער פּוילישער ענדעציע (פּוילישע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי) האָבן אָנגעהויבן צו בושעווען אין גאַליצישע שטעט און שטעטלעך פינצטערע כוחות. אַ כוואַליע פון אַנטי־יידישע עקסצעסן און פּאָגראָמען האָט פאַרפלייצט גאַנץ גאַליציע.

אין לאַנצוט איז די יידישע מיליץ געשטאַנען אויף דער וואַך און געגרייט זיך צום ווידערשטאַנד קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס, וועלכע האָבן לויט אָנגעקומענע ידיעות באַשלאָסן אָרגאַניזירן אַן איבערפאַל איבער די יידישע געשעפטן אין לאַנצוט

אויף עטלעכע פאַרזאַמלונגען אינעם בית המדרש האָט דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער מיליץ גערופן די יידישע באַפעלקערונג צו וואַכזאַמקייט און גרייטקייט אָפּצושלאָגן יעדן אָנגריף אויף יידישן כבוד, יידיש לעבן און פאַרמעגן.

באַלד זענען אָנגעקומען ידיעות, אַז אין לאַנצוט איז דער איבערפאַל אויף יידן פּלאַנירט אויף זונטיק, דעם 13.11.1918, ווען די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער זאַמלען זיך צונויף אין דער לאַנצוטער קירכע. די יידישע פאַרטיידיקונגס כוחות האָבן זיך קאָנצענטרירט אין באָד, וואו ס'האָט זיך דעמאָלט אויך געפונען די קהלה־קאַנצעלאַריע. אַלע קאַמפס־פעאיקע יידן פון דער שטאָט האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט. די בענק אין שוויץ־באָד זענען געווען דאָסמאָל באַזעצט מיט יידן, באַוואָפנטע, ווער מיט אַ ביקס, ווער מיט אַ רעוואָלווער אָדער אַנדער קאַמפס־מכשיר, — דאָס רוב אין מיליטערישע מונדירן.

דער זונטיק איז צום גליק אַדורך רואיק. דער אַלאַרם איז געווען אַ פאַלשער... אפשר האָבן די פּאָגראָמטשיקעס זיך דערוואוסט, אַז דער יידישער זעלבסשוץ שטייט אויף דער וואַך. די מיטגלידער פון זעלבסשוץ האָבן זיך צוריקגעקערט אין זייערע היימען, איבערלאָזנדיק אין דער קהלה־קאַנצעלאַריע נאָר עטלעכע חברים אויף שמירה. דעם אַנדערן טאָג, מאָנטיק, אַ טאָג, דווקא ווען מען האָט זיך אַמווייניקסטנס געריכט, האָט זיך אין דער רייטשול פאַרזאַמלט אַ גרויסער המון פון פּויערים און דעמאָבליזירטע פּוילישע סאָלדאַטן און פון דאָרט אַרויס אויף די גאַסן און אָנגעפאַלן און געראַבעוועט יידישע געשעפטן. אומגעשטערט האָבן די פּאָגראָמטשיקעס באַהערשט די גאַסן, ביז זיי זענען צוגעקומען צום מאַרק. די פּוילישע מיליציאַנטן, וועלכע האָבן פּאַטראָלירט אויף די דאָזיקע גאַסן, האָבן זיך דיסקרעט אָפּגעטראָגן אין די הינטער־געסלעך, און דערמיט פאַרשפּאָרט צו שטערן די אָנפאַלער אין זייער צערשטערערישער מלאכה.

די לאַגע איז געווען קריטיש, ווייל עס איז געווען שווער צונויפצורופן אַלע מיטגלידער פון יידישן זעלבשוץ, וועלכער האָט זיך צוליב דעם נישט געקאָנט וואַגן אָפּן אַרויסצוטרעטן צום קאַמף קעגן דעם גרויסן המון באַנדיטן. דער קאָמענדאַנט פונעם יידישן זעלבסשוץ — ראַמער, האָט אין ערשטן מאָמענט געעצהט צו באַזעצן די דעכער פון די שכנותדיקע הייזער, כדי פון דאָרט צו באַשיסן און צו פאַרטרייבן דעם המון פון די גאַסן. אָבער ווען אַנדערע האָבן פאָרגעשלאָגן, מען זאָל טראָץ

דער קליינער צאָל, אָנגרייפן דעם המון און אַדורכרייסן זיך, כדי צו באַשיצן די יידישע איינוואוינער (צו דעם האָט זיך אממייסטן געריסן דער גאָר יונגער זון פון ד״ר לאַנעס, אַן איניקל פון דוזשע טאַנענבאַוים), האָט ראַמער באַשלאָסן אַליין דורכצורייסן זיך מיטן געווער אין דער האַנט צו די קאָשאַרן, כדי צו פאַרלאַנגען פון קאָמענדאַנט פון שטעטישן מיליטער־גאַרניזאָן הילף און צו פועלן ביי אים, ער זאָל אַרויסשיקן אַן אָפּטיילונג סאָלדאַטן וואָס זאָלן פאַרטרייבן די באַנדיטן פונעם מאַרק.

דער רעשט יידישע מיליציאַנטן האָט געוואַרט אויף ראַמערס צוריקקער. אינצווישן איז די לאַגע געוואָרן וואָס אַמאָל ערנסטער. עס זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן אויסרויבן יידישע געשעפטן. דאָס קליינע הייפעלע יידישע מיליציאַנטן האָט דערפאַר באַשלאָסן נישט מער צו וואַרטן, נאָר איבערצוגיין צום אָנגריף און פאַרטרייבן די באַנדיטן. און כדי צו פאַרנעמען אַ בעסערע פּאָזיציע, האָט זיך די קליינע אָפּטיילונג יידן געלאָזט לויפן דורך דעם דרוקער־געסל (באָד־גאַס) און איז צוגעקומען צו דער ענגעלבערג־גאַס. אויף ראַמערס אָרט איז איצט באַשטימט געוואָרן אַן אַנדערער אָנפירער. איך געדענק, ווי איינער פון דער גרופּע יידישע מיליציאַנטן, אַ חסידישער בחור, יהושע פעניג, האָט אַ געשריי געטאָן צום צווייטן חסידישן ייד, וואָס איז נעבן אים געשטאַנען: „ר׳ אַריש! (קעסטנבאַום) נעמט איבער די קאָמאַנדע!“...

אינצווישן זענען אָנגעקומען צו לויפן אַנדערע מיטגלידער פון יידישן זעלבסשוץ, וועלכער האָט זיך אויף אַזאַ אופן פאַרשטאַרקט און געקאָנט איבערגיין צום אָנגריף. מיט אַ געשריי „הורא“ האָבן זיך די יידישע מיליציאַנטן געלאָזט לויפן צום מאַרק, וואו עס האָט זיך געפונען אַ גרויסער המון פון פויערים און סתם דעמאָביליזירטע פּוילישע סאָלדאַטן. אָנקומענדיק צום מאַרק, האָט איינער פון דער יידישער מיליץ, — נתן מארדער, — אויסגעשאָסן פון זיין ביקס אין דער לופט. צווישן די פויערים איז אַנטשטאַנען אַ שרעקלעכע בהלה. מיט אַ געשריי Żydzi strzelają („יידן שיסן“), האָבן די פויערים אָנגעהויבן אַנטלויפן אין פּאַנישן שרעק אין פאַרשידענע ריכטונגען, מאַכנדיק פריי דעם וועג פאַר די יידישע מיליציאַנטן, וועלכע האָבן זיך מיט אַרויפגעזעצטע ביאָנעטן צוגעשלאָגן צו דער גאַס, וואו עס האָבן זיך געפונען יידישע געשעפטן, פון וועלכע אַ גרויסער טייל איז שוין געווען אויסגערויבט. די יידישע מיליציאַנטן זענען אָבער נאָך אָנגעקומען צו דער צייט, און האָבן פון אַ סך יידישע געשעפטן פאַרטריבן די פויערים. דעם יידישן זעלבסשוץ זענען געקומען צו הילף איניקע פּוילישע בירגער, אויס מורא מען זאָל נישט רויבן אויך זייערע געשעפטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דערזעלבער גאַס.

עס איז כדאי צו דערמאָנען אַז אַ פּוילישער אָפיציר, ד״ר לאַך, האָט זיך אַקעגנגעשטעלט דעם פויערים־המון און איז איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון דער יידישער מיליץ, און געוואָרן דער פּאַקטישער אָנפירער מיט דער ווייטערדיקער אַקציע פון די יידישע מיליציאַנטן קעגן די באַנדיטישע אָנפאַלער. די פויערים האָבן אָנגעהויבן זיך פונאַנדערצוגיין. מיר זענען געווען זיכער, אַז עס וועט שוין זיין רואיק.

באַלד אָבער האָט זיך דער המון פויערים, אויפגעהעצט דורך אַנטיסעמיטישע אַגיטאַטאָרן, אויפסניי אָרגאַניזירט און ווידער אָנגעהויבן צו פאַרפולן דעם מאַרק און טריט ביי טריט דערנענטערט זיך צו די רייען פון דער יידישער מיליץ. ווען איינער פון די אָנפירער פון די פּאָגראָמטשיקעס האָט זיך פאַרמאָסטן אויף דעם יידישן מיליציאַנט, דעם עלטסטן זון פון ר׳ אפרים אשר קנר ז״ל, וואָס איז געשטאַנען גרייט מיטן געווער און אַרויפגעזעצטן באַיאָנעט — האָט דער קאָמענדאַנט, ד״ר לאַך, געדראָט דעם אָנפאַלער, אַז אויב ער וועט מאַכן נאָך איין שריט, וועט מען אים דערשטעכן! דאָס פויערים פאָלק האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן און אויף אַ ווילע אויפגעהערט צו רויבן, אָבער באַלד אונטערגעהעצט דורך די פּוילישע דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס אויפרייסן יידישע געשעפטן. עס איז אפילו אָנגעקומען צו רייטן אַ פּוילישער מאַיאָר, וועלכער האָט זיך באַגניגנט מיט באַגריסן זיינע „ברידער פּאָליאַקן“ און איז גלייך אַוועק... עס האָט אויך נישט געהאָלפן דאָס אָנקומען פון דער רייטער וואַך פון גראַף פּאָטאָצקי. די אָנגרייפער האָבן אָנגענומען וואָס אַמאָל אַ מער אַגרעסיווע שטעלונג. און אַפילו ווען ראַמערן איז געלונגען צו קומען פון די קאָשאַרן מיט אַן אָפּטיילונג פון פּוילישע סאָלדאַטן, האָבן די אָנפאַלער נישט אָפּגעשטעלט זייער באַנדיטישע אַרבעט, ווייל דאָס פּוילישע מיליטער האָט פון אָנפאַנגס איבערהויפּט נישט אינטערוועניִרט און געהאַלטן זיך לגמרי פון דער ווייטנס.

דער קאָמענדאַנט פון דער פּוילישער מיליטער־אָפּטיילונג האָט קודם כל פאַרלאַנגט, דער יידישער זעלבסשוץ זאָל איבערגעבן דאָס געווער און זיך דערווייטערן, פאַרזיכערנדיק, אַז ערשט נאָכן דערפילן די באַדינגונגען, וועט דאָס פּוילישע מיליטער צוריקשטעלן די אָרדנונג אין די גאַסן און נישט צולאָזן צו ווייטערע רויבערייען. די יידישע מיליציאַנטן זענען געשטאַנען פאַר אַ שווערן נסיון: פון איין זייט אַ צעיושעטער המון אויפגעהעצטע, טיילווייז באַוואָפנטע פויערים און פון דער צווייטער זייט אַ גוט באַוואָפנטע רעגולערע מיליטער־אָפּטיילונג, וואָס האָט געקאָנט מיט כוח צווינגען דעם יידישן זעלבסשוץ אָפּצוגעבן דאָס געווער. באין ברירה האָבן די יידישע מיליציאַנטן מיט אַ שווער געמיט פאַרלאָזט זיך אויפן חסד פון פּוילישן מיליטער און אָפּגעליפערט דאָס געווער...

תיכף נאָכן אָפּגעבן דאָס געווער האָבן די פויערים אויפסניי אָנגעהויבן צו רויבן יידישע געשעפטן און דאָס פּוילישע מיליטער האָט דאַרויף נישט רעאַגירט. ערשט די ענערגישע אינטערווענץ פון עטלעכע פּוילישע אָנגעזעענע בירגער ביים הויפּטקאָמענדאַנט פונעם שטעטישן מיליטער־גאַרניזאָן האָט געווירקט, די פּוילישע בירגער, אַליין אייגנטימער פון געשעפטן, האָבן מורא באַקומען פאַר זייערע אייגענע מאַגאַזינען און באַנוצט זיך אויך מיטן אַרגומענט, אַז די פויערים האָבן שוין גענוג גערויבט און אָנגעפילט זייערע זעק מיט יידישע סחורות. איצט האָט דאָס מיליטער ערשט באַקומען דעם באַפעל צו פאַרטרייבן די פויערים און באַנדיטן און אָפּשטעלן

דאָס רויבן. איין ביקסן־סאַלווע אין דער לופט האָט געווירקט, אַז דער המון איז זיך שנעל צעלאָפן און די שטאָט איז ענדלעך אָפּגעריייניקט געוואָרן פון רויבערישע באַנדעס.

די אָנפירער פון יידישן זעלבסשוץ האָבן נישט געהאַט דאָס פולע פאַרטרויען צום פוילישן מיליטער. אויף אַ באַראַטונג, וואָס איז פאָרגעקומען תיכף נאָכן אָפּגעבן דאָס געווער אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען: אויסטער הענריק, ראַמער הענריק, קעסטנבוים אהרן, קעסטן יהושע און פאַסט יעקב, איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן דעמזעלבן טאָג אויף ביי נאַכט אין בית המדרש אַ פאַרזאַמלונג, כדי צו באַראַטן זיך וועגן די פאָרמען און דעם אופן פון ווייטערער פאַרטיידיקונג די יידישע באַפעלקערונג אין לאַנצוט.

צום גליק איז דינסטיק אין דער פרי אָנגעקומען פון קראָקע אַ מיליטערישע פּאָליציי אָפּטיילונג, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פּאַטראָלירן אין די גאַסן און געהיטן, אַז עס זאָלן נישט אַריינקומען קיין לאַנצוט פויערים פון די אַרומיקע דערפער. ביסלעכווייז האָבן זיך באַרואיקט די געמיטער, די פוילישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך כסדר וואָס אַמאָל מער פאַרפעסטיקט און אָנגענומען די געהעריקע מיטלען, כדי אָפּצוהיטן די אָרדנונג און רו אין שטאָט, הגם עס האָט גענוג לאַנג געדויערט, ביז די לאַנצוטער יידן זענען געקומען צו זיך נאָך די עקסצעסן און רויבערייען.

ב. געשטאַלטן

געצל דרוקער

איינע פון די שענסטע געשטאַלטן אין לאַנצוטער יידנטום איז בלי ספק געווען געצל דרוקער ז״ל. אויפגעוואַקסן איז ער אין דער תקופה פון השכלה, ווען אין גאַליציע איז אויף דער יידישער גאַס געווען פּאָפּולער דער געבילדעטער ייד, וואָס האָט פאַרשטאַנען צו פאַראייניקן אמונה און פרומקייט מיט וועלטלעכער בילדונג. און הגם געצל דרוקער ז״ל האָט באַלד נאָך זיין חתונה אויסגעטאָן דאָס שטריימל און אומגעטוישט עס אויף אַ „דייטשמערישן" האַרטן הוט, און אין די שפּעטערע יאָרן אפילו פטור געוואָרן פון זיין זיידענער בעקעשע — איז ער טראָץ דעם געבליבן דער זעלבער ערלעכער, פרומער ייד, וואָס האָט ליב געהאַט צו דאַווענען פאַרן עמוד און האָט נישט פאַרפעלט קיין שבת צו גיין אין דער שול, וואו ער האָט שוין געהאַט אַ חזקה צו זאָגן יעדעס יאָר צו תשעה באב קינות.

געצל דרוקער ז״ל האָט אָבער שוין געלייענט די ערשטע העברעאישע צייטונג פון דער השכלה־תקופה און אָבאָנירט די ווינער „נייע פרייע פרעסע", דאָס בלאַט פון יידישע געבילדעטע קרייזן. ער האָט אויך ליב געהאַט צו פאַרטיפן זיך אין אַ ספר פון יידישע לומדים און אויך געפינען צייט צו באַקענען זיך מיט דער השכלה־ליטעראַטור און מיט די ווערק פון יידישע קלאַסיקער.

געצל דרוקער ז״ל איז אָבער געווען אויך אַ כלל־טוער, אַ געזעלשאַפטלעכער שטעטישער עסקן. זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט אַרומגענומען צוויי געביטן: די אַלגעמיין שטעטישע און ספּעציפיש יידישע ענינים. אַ סך האָט ער געלייסטעט פאַר דער שטאָט לאַנצוט אַלס לאַנגיעריקער ראַטמאַן אין געמיינדעראַט, וואו ער איז אַ לאַנגע צייט געווען דער איינציקער רעפּרעזענטאַנט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט. ערשט מיטן וואוקס פון ציוניסטישן כוח אויף דער יידישער גאַס, זענען דערשינען אין געמיינדעראַט ציוניסטישע ראַטמענער, וואָס האָבן פאַרגעזעצט דרוקערס באַמיאונגען צו זאָרגן פאַר די אַלגעמיינע שטאָטישע אינטערעסן, קעמפנדיק גלייכצייטיק פאַר די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַדערפענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט. דרוקערס פּאָזיציע אין שטאָטראַט איז געווען אַ גאַר שטאַרקע און הגם ער איז נישט געווען זייער באַהאַוונט אין דער פוילישער שפּראַך, האָבן זיך די פוילישע ראַטמענער תמיד צוגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט צו זיינע אויספירונגען, וואָס זענען געווען זאַכלעך און לאָגיש. פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן לטובת דער שטאָט לאַנצוט, איז די לאַזיענקאַ־גאַס (באָד־גאַס) אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען פון ר׳ געצל דרוקער ז״ל.

דרוקער איז אויך געווען טעטיק אין דער יידישער קהילה, וואו ער איז לאַנגע יאָרן געווען מיטגליד פון קהילה־ראַט. און הגם ער האָט פאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפטן צו זיין דער פאָרזיצער פון דער לאַנצוטער קהילה־פאַרוואַלטונג, האָט ער דעם דאָזיקן פּלאַץ איבערגעלאָזט פאַר אַנדערע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען צו באַנוצן זיך מיט אינטריגעס, מיט חסד און כוח פון פּריץ — כדי צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין דער יידישער קהילה. דרוקער ז״ל איז געווען ווייט פון די אַלע מאַכינאַציעס. אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז ער געווען קודם כל ערלעך, באַשיידן און אָפּגעהיט דעם יידישן כבוד.

אויך אויף דעם געביט פון ציוניסטישער טעטיקייט איז געצל דרוקער ז״ל געווען אַקטיוו. ער איז געווען דער ערשטער פּרעזעס פון קרן־היסוד קאָמיטעט אין לאַנצוט, האָט אָנטיילגענומען אין אַלע נאַציאָנאַל־יידישע קולטורעלע פאַראַנשטאַלטונגען און מיטגעהאָלפן ביי דער אַרבעט פאַר כמעט אַלע געזעלשאַפטלעכע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס אין לאַנצוט. דערצויגן אין דער השכלה־תקופה, האָט ער מיט איבערגעבנקייט געהאָלפן גרינדן און אויסהאַלטן אַ העברעאישע שול אין לאַנצוט.

אַ דאַנק זיין פשטות און געמיטלעכן כאַראַקטער האָט זיך דרוקער דערוואָרבן דאָס פולע פאַרטרויען פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנצוט. אין אַלע

שטרייטפראַגן, אין אַלע מחלוקתן צווישן די ציוניסטישע און
אָרטאָדאָקסישע קרייזן, איז ער געווען דער בורר. און ווען
עס איז אים אפילו אויסגעקומען צו באַקעמפן פּאָליטישע
קעגנער, האָט ער זיך קיינמאָל נישט באַנוצט מיט אַ שאַרף
וואָרט. תמיד האָט ער זיך מיט געדולד צוגעהערט צום קעג־
נערס ארגומענט און רואיק און זאַכלעך געענטפערט. ער איז
געווען אַ מוסטער פון אַ כלל־טוער, וואָס האָט אַליין געפירט
אַ באַשיידן לעבן און נישט אויסגענוצט זיינע געזעלשאַפט־
לעכע פּאָזיציע פאַר פּריוואַטע אינטערעסן. תמיד געאַרבעט
לטובת הכלל, און גרייט געווען צו העלפן דעם נויטבאַדערפ־
טיקן.

נישט קיין וואונדער, וואָס די גאַנצע באַפעלקערונג אין
לאַנצוט און בפרט דאָס לאַנצוטער יידנטום האָט טיף געטרוי־
ערט נאָך געצל דרוקערס טויט. די עפנטלעכע אזכרה, וועלכע
איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער לאַנצוטער שול צו די
שלושים, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גראַנדיעזע טרויער־
מאַניפעסטאַציע, אויף וועלכער דער פּרעזעס פון דער ציוניס־
טישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט אינזש. שפּאַץ ז״ל און דער
פאָרשטייער פון דער מזרחי אָרגאַניזאַציע אַנשיל כ״ץ האָבן
מספּיד געווען דעם פאַרשטאָרבענעם געצל דרוקער ז״ל. —
דעם פאַרדינסטפולן און איידעלן זון פון לאַנצוטער יידנטום.

אינזשיניער אברהם שפּאַץ



„בין איך אַ ציוניסט — בין איך עס וואו איך קום״! —
דאָס זענען געווען זיינע ווערטער, וועלכע איך האָב געהערט
בעת מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אינזשיניער אברהם שפּאַץ
אויף אַ ציוניסטישער פאַרזאַמלונג. ער איז דעמאָלט נאָך
געווען אין מונדיר פון אַן עסטרייכישן אָפיציר.

די דאָזיקע ווערטער האָבן אַמבעסטנס כאַראַקטעריזירט
דעם אינזשיניער שפּאַץ. דעם לאַנגיעריקן, פאַרדינסטפולן
פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט,
מיטגליד און צייטווייליקער פאָרזיצער פון דער לאַנצוטער
קהילה־פאַרוואַלטונג, פּרעזעס פון מוזיק־פאַריין „הזמיר״,
פון פאָלקס־הויז „בית העם״ און אָנפירער פון אַנדערע אָרטיקע
געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַלע יידישע אינסטיטוציעס.

מיט זיין ערנסטקייט, התלהבות און קרבנות־גרייטקייט
האָט ער אין יעדער ציוניסטישער, פילאַנטראָפּישער אָדער
קולטורעלער אַקציע — משפיע געווען אויף זיינע חברים און
מיטאַרבעטער און געפירט זיי צו אַ פולשטענדיקן דערפאָלג.

אַליין געבוירן און דערצויגן אין אַן אַסימילירטער סביבה,
איז זיין גאַנץ דענקען און פילן געווען דורך און דורך יידיש.
אין זיין ציוניסטישער טעטיקייט איז ער געווען פשוט און
פאָלקסטימלעך. גרויס איז טאַקע געווען זיין שמחה, ווען ער
האָט עס געבראַכט דערצו, אַז אויף פאַרזאַמלונגען און זיצונ־
גען האָט ער זיך געקאָנט באַנוצן מיט דער יידישער שפּראַך
און נישט ווי פריער מיט דער דייטשער אָדער פּוילישער
שפּראַך. מיט דער צייט איז אמתע יידישקייט געוואָרן ביי אים
דער יסוד פון זיין גאַנץ דענקען און ווירקן. ער האָט זיך
דערנענטערט צו די רעליגיעזע קרייזן און געפונען אַ בשות־
פותדיקן לשון מיט דער „מזרחי״, מיט וועלכער ער האָט
שטאַרק סימפּאַטיזירט.

באַליבט איז אינזשינער שפּאַץ ז״ל געווען ביי דער
ציוניסטישער יוגנט, וועלכע האָט אים געשעצט און געערט
פאַר זיין אידעאַליזם, זיין קרישטאָלריינעם כאַראַקטער, פאַר
זיין האַרציקער באַציאונג צו אַלע אַנגעווייטיקטע פּראָבלעמען,
וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער חלוצישער באַוועגונג
און פאַר זיין גרייטקייט צו יעדער צייט צו העלפן דער
ציוניסטישער יוגנט אין זייער שטרעבן און קאַמף פאַר רעאַלי־
זאַציע פון זייערע ציוניסטישע חלומות.

במשך לאַנגע יאָרן איז אינזש. שפּאַץ געווען ראַטמאַן
אין לאַנצוטער שטאָטראַט, וואו ער האָט פאַרנומען אַ בכבודיקן
פּלאַץ און מוטיק געקעמפט לטובת דער יידישער באַפעלקע־
רונג. פאַר דער פּוילישער אינטעליגענץ האָט זיך אַנטפּלעקט
אַ נייער טיפּ פון אַ יידישן ראַטמאַן, וואָס האָט — אַזוי ווי
אינזש. שפּאַץ — מיט שטאָלץ מאַניפעסטירט זיין צוגעהערי־
קייט צום יידישן פאָלק און נישט געשעמט זיך מיט זיינע
ציוניסטישע אידעאַלן און שטרעבונגען. און הגם די פּוילישע
ראַטמענער האָבן נישט איינמאָל געהערט פון אינזש. שפּאַץ
ביטערע ווערטער, האָבן זיי אים אַלע געאַכטעט און געשעצט.

אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון מערב־גאַליציע
און שלעזיע האָט אינזשינער שפּאַץ ז״ל געהערט צו די אָנגע־
זעענסטע אַקטיוויסטן, געווען תמיד דעלעגאַט צו די פּאַרטיי־
קאָנפערענצן, מיטגליד פון פּאַרטיי־ראַט און דעלעגאַט צו
עטלעכע ציוניסטישע קאָנגרעסן.

אינזשינער שפּאַץ ז״ל, דער מוטיקער און ערלעכער קעמ־
פער פאַר יידישע רעכט און יידישן כבוד, דער איבערגעגע־
בענער ציוניסטישער אַקטיוויסט, דער אומדערמידלעכער, שטי־
לער און באַשיידענער כלל־טוער אויף אַלע געביטן פון יידישן
לעבן אין לאַנצוט, טעטיק אין כמעט אַלע ווירטשאַפטלעכע,
קולטורעלע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן
— איז צוזאַמען מיטן לאַנצוטער יידנטום פאַרפייניקט געוואָרן
דורך די היטלעריסטישע רוצחים.

הערש צבי ראַמער

וואונדערלעכע זאַכן האָט מען דערציילט אין לאַנצוט וועגן דער משפחה ראַמער. פרומע יידן האָבן פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן גויאישקייט און נישט יידישע מידות, וואָס האָבן גע־הערשט אין דעם הויז, וואו עס האָבן געוואוינט די ראַמערס.

דער ראש פון דער משפחה, אברהם ראַמער, האָט געפירט אַן עמיגראַציע־ביוראָ, וואָס האָט זיך אין די צייטן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה באַשעפטיקט מיט אָרגאַניזירן טראַנספּאָרטן פון גאַליצישע דאָרפסלייט פאַר לאַנדווירטשאַפט־לעכע אַרבעטן אין פרייסן. אין הויז פון די ראַמערס פלעגן זיך די אָנגאַזשירטע סעזאָן־אַרבעטער אויפהאַלטן אַ געוויסע צייט, ביז עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גרעסערע צאָל עמיגראַנטן.

אברהם ראַמער, אַן ענערגישער און אונטערנעמונגספולער מענטש, האָט אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער אַרבעט מיט דער הילף פון זיינע צוויי ענערגישע זין. ער איז געווען כמעט דער איינציקער ייד אין לאַנצוט, וואָס האָט זיך פאַרשטאַנען אויסצולעבן אין דער סביבה פון דער פּוילישער געזעלשאַפט און זיך נישט רעכענען אויך מיט דער יידישער עפנטלעכער מיינונג. האָט ער אַזוי זיך, צום ביישפּיל, דערוואַגט אין אַזאַ פאַרהעלטנישמעסיק קליינע שטאָט ווי לאַנצוט זיצן שבת אויף דער וועראַנדע פון באַקאַנטן פּוילישן רעסטאָראַן, וואו ס'פלעגן קומען פּוילישע אינטעליגענטן און עסטרייכישע אָפּי־צירן... אברהם ראַמער האָט דאָרט געלייענט די ווינער „נייע פרייע פּרעסע".

אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט אין די יום־טובים און ימים־נוראים צו קומען אָנגעטאָן יומטובדיק אין אַ פּראַק און צילינדער אין שול אַריין, און פאַרנעמען זיין בכבודיקן מזרח־פּלאַץ. ווייל טראָץ זיין מכלומרשט „גוישן שטייגער אין דער היים, איז אברהם ראַמער געווען אַ שטאָלצער ייד, אַ פאַלקסמענטש, וואָס פלעגט תמיד זיין גרייט צו העלפן אַ נויטבאַדערפטיקן. די לאַנצוטער יידישע אָרעמקייט האָט געזען אין אים איר באַשיצער און ראַטגעבער אין אַלע אירע טאָג־טעגלעכע ענינים, ווייל זיין הויז איז געווען אָפן פאַר יעדן, ווער עס האָט זיך נאָר גענויטיקט אין הילף.

אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָט צבי ראַמער נישט געשפּאָרט קיין ענערגיע און באַמיאונגען. דער אונטער־שטיצונגס־פאַריין „תומכי־עניים", וועלכן ער האָט געגרינדעט, איז אונטער זיין אָנפירונג געוואָרן אַ מוסטערהאַפטע, גוט פונקציאָנירנדיקע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע. אַ דאַנק זיין אָרגאַניזאַציאָנס־טאַלאַנט האָט ראַמער פאַרשטאַנען צו גרופּירן אַרום זיך אַ קרייז פון מיטאַרבעטער, וועלכע ער האָט דורך זיין ענערגישער פירונג און אומגעוויינלעכער איבערגעבנקייט דערצויגן צו גוטע און ערלעכע געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן פיל צייט און מי פאַר דעם דאָזיקן פאַריין. דער „תומכי־עניים" פאַריין האָט זיך טאַקע באַלד דערוואָרבן אין דער שטאָט די אַלגעמיינע אָנערקענונג און איז געוואָרן אין לאַנצוט די פּאָפּולערסטע אונטערשטיצונגס־אינסטיטוציע, וואָס האָט בהדרגה אויסגעברייטערט איר טעטיקייטס־פעלד און האָט מיט דער צייט כמעט ווי איבערגענומען די סאָציאַלע



פאַמיליע הערש ראַמער.
פון רעכטס: הערש ראַמער, עליזאַבעט, בענעק, גיטשע, אַלפרעד, לענאַ, דאָראַ.

אויפגאַבן פון דער אָפּגעשטאַנענער און פאַרגליווערטער קהילה־פאַרוואַלטונג אין לאַנצוט.

צבי ראַמער האָט געהערט נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה צו די אַקטיוווסטע מיטגלידער פון דעמאָלטיקן ציו־ניסטישן פאַריין „אהבת־ציון". ער האָט דאָס געשאַפן ביי דעם דאָזיקן פאַריין אַ באַזונדערן מוזיק־קרייז, וועלכער איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן צו דעם באַליבטן און אַזוי פּאָפּולערן אין לאַנצוט מוזיק־פאַריין „הזמיר".

נישט לייכט איז געווען צבי ראַמערס לעבן בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. פון דער עסטרייכישער אַרמיי אַריינ־געפאַלן אין רוסישער געפאַנגענשאַפט, האָט ער זיך געראַנגלט מיט די שווערע באַדינגונגען, ביז עס איז אים געלונגען אַרויס־צורייסן זיך פון רוסישן געפאַנגען־לאַגער, כדי ווידער צו אָרגאַ־ניזירן עסטרייכישע סאָלדאַטן, אַנטלאָפענע פון דער רוסישער געפאַנגענשאַפט און צו קעמפן קעגן קליינע רוסישע אָפּטיי־לונגען.

שפּעטער שוין אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, ווען עס האָט זיך אין לאַנצוט, אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע שטעט, געשאַפן אַ שטאָטישע בירגער־מיליץ, איז אונדזער צבי ראַמער באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדאַנט פון דער יידישער אָפּטיי־לונג. אָבער באַלד האָבן זיך אין נייעם פּוילן אָנגעהויבן אַנטי־סעמיטישע עקסצעסן און ראַבירונגען. אין אַלע שטעט האָבן זיך געשאַפן יידישע זעלבסשוץ־אָפּטיילונגען. אין לאַנצוט האָט צבי ראַמער איבערגענומען די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן דעם יידישן זעלבסשוץ. אויף פאַרזאַמלונגען אין דער שול און אין בית המדרש רופט ער די יידישע באַפעלקערונג צו אָרגאַניזירן זיך, כדי צו שיצן דאָס יידישע לעבן און פאַרמעגן. מיט כוח פון זיין אָרגאַניזאַטאָרישן־טאַלאַנט און זיין ענערגישן

אויפטרעטן, שאַפט ער אין לאַנצוט אַ שטאַרקן ידישן זעלבסטשוץ, מיט וועלכן ער האָט אַליין אָנגעפירט. זיין מוט און קרבנותגרייטקייט האָט ער טאַקע אַרויסגעוויזן אין קריטישן טאָג, ווען דער אויפגעהעצטער המון האָט זיך געוואָרפן אויף די יידישע הייזער און געשעפטן. אונטער צבי ראַמערס אָנפירונג האָט דער יידישער זעלבסשוץ העלדיש פאַרטיידיקט די לאַנצוטער יידישע באַפעלקערונג און זייער ביסל האָב און גוטס.

באַלד נאָך די דאָזיקע געשעענישן פאַרלאָזט ראַמער פוילן און איבערזידלט קיין דייטשלאַנד. און ערשט ווען דייטשלאַנד ווערט פאַרפלייצט פון היטלעריזם, קערט ער זיך צוריק קיין לאַנצוט אין זיין היימשטאָט. אָבער אויך איצט, הגם אָפּגעשוואַכט פון קאַמף פאַרן טאָגטעגלעכן ברויט און פון די שווערע איבערלעבענישן אין נאַציסטישן דייטשלאַנד, האַלט ער זיך מוטיק און ווייזט אַרויס זיין אייגעבוירענעם אונטערנעמונגס־גייסט. זיין געראַנגל מיט מאַטעריעלע דאגות, דער קאַמף פאַר שאַפן עקזיסטענצמעגלעכקייטן שטערט אים נישט ווייטער אָפּצוגעבן זיך דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער באַטייליקט זיך אין דער אַקציע פאַר אויסענדיקן דעם „בית עם“. ער ווערט אַן אַקטיווער מיטגליד פון ציוניסטישן לאָקאַל־קאָמיטעט שוין ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון די דייטשע מערדער און איז אַנטלאָפן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. דאָ איז ער פאַרשיקט געוואָרן אין די ווייטע מקומות און געענדיקט זיין לעבן ערגעץ וואו אין די סיבירער טייגעס.

אכט חברים זענען מיר געווען...

אַכט חברים זענען מיר געווען. אַכט יוגנטלעכע בחורים, יעדער פון אַ באַזונדערער סביבה, אויף אַ פאַרשידנאַרטיקן שטייגער דערצויגן, האָבן מיר זיך צונויפגעטראָפן אין דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „השחר“ אין לאַנצוט. און הגם מיר האָבן זיך שוין געקענט פון פריער, ווער פון חדר, ווער פון דער שול און ווער סתם פון קינדערישע שפילערייען, האָט אונדז ערשט די ציוניסטישע טעטיקייט ענגער צונויפגעבונדן, און דורך ליידן און פריידן האָט זיך צווישן אונדז, יוגנטלעכע טרוימער, פאַרטיפט אַן אמתע, וואַרעמע, האַרציקע פריינטשאַפט. און מיט דער צייט האָט זיך ביי אונדז געשאַפן אַ נוצלעכע, האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט, ווייל יעדער האָט געפונען זיין טעטיקייטס־געביט, לויט יעדענס פעאיקייטן און מעגלעכקייטן.

און ווען עס האָט זיך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אָנגעהויבן די חלוצישע עליה, זענען טאַקע צוויי חברים פון דער דאָזיקער גרופע, מנחם בוימעל און מיכאל ראָזמאַרין, עולה געווען קיין ארץ־ישראל. ליידער האָבן זיי נישט געקענט זיך צופאַסן צו די דעמאָלטיקע שווערע באַדינגונגען אין ארץ און זענען צוריקגעקומען קיין לאַנצוט. מנחם בוימעל האָט אין דער אַלטער היים זיך ווייטער באַטייליקט אין ציוניסטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און בפרט האָט ער אַ סך מיטגעהאָלפן ביי דער אַקציע פאַרן אויפשטעלן דעם „בית־עם“.


ער איז אָבער צוריקגעקומען שוין אַ קראַנקער און נאָך שווערע ליידן האָט דער טויט אים צוגענומען פון אונדזערע רייען.

טראַגישער איז געווען דער גורל פון מיכאל ראָזמאַרין, וועמען ס'איז נישט באַשערט געווען צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. צוריקגעקומען פון ארץ־ישראל האָט ער זיך מיטן גאַנצן ברען גענומען צו דער ציוניסטישער אַרבעט און האָט געהערט צו די אַקטיוויסטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנצוט. מיט גרויס פאַראינטערעסירונג און איבערגעבנקייט האָט ער זיך באַטייליקט אין די פאָרשטעלונגען פון אַמאַטאָרן־פאַראיין. צוזאַמען מיטן גאַנצן לאַנצוטער יידנטום איז ער אומגעקומען, דערמאָרדעט דורך די היטלעריסטישע רוצחים.

דער דריטער פון אונדזער חברה, מאָריץ פיילשוס, איז נישט געבוירן געוואָרן אין לאַנצוט. ער האָט זיך באַזעצט אין לאַנצוט ערשט בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָט זיך זייער שנעל איינגעלעבט אין דער לאַנצוטער יידישער סביבה.

מיט באַזונדערער איבערגעבנקייט איז ער געווען טעטיק אין מוזיק־פאַראיין „הזמיר“ אלס דיריגענט פון אָרקעסטער. טראָץ דעם וואָס ער האָט זיך נישט געפונען אין גוטע מאַטעריעלע באַדינגונגען, האָט ער זיין גאַנצע פרייע צייט געווידמעט דעם דאָזיקן פאַריין און אויסערדעם האָט ער געהערט צו די אַקטיווסטע מיטאַרבעטער ביים שאַפן פינאַנסיעלע מיטלען פאַרן בוי פונעם „בית־עם“. האָט ער זיך אויך שטאַרק באַטייליקט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואו ער איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער פון לאַנצוטער לאָקאַל־קאָמיטעט. בעת איינער פון די היטלעריסטישע אַקציעס אין זשאָלקיעוו איז ער אומגעקומען מיט זיינע צוויי הערלעכע און פעיקע קינדער און מיט זיין פרוי ג׳יטל (פון הויז שענמאַן), וועלכע האָט זיך תמיד גאָר אַקטיוו באַטייליקט אין די ציוניסטישע אַקציעס, און בפרט האָט זי זיך אויסגעצייכנט ביי דער אַרבעט פאַרן קרן קיימת לישראל. די פרוי גיטל פיילשוס ז״ל האָט אויך געהערט צו די אַמייסטנס טאַלענטירטע און באַליבטע שפילערינס ביי דעם אַמאַטאָרן־פאַריין.

און ווער פון אונדז געדענקט נישט דעם חבר שמעון וואָלקנפעלד מיט זיינע צוויי ברידער? ער איז געווען איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון „הזמיר“, פאַר וועלכן ער האָט נישט געשפאָרט קיין צייט און געלט. זיין אויפגאַבע איז געווען צו פאַרזאָרגן דעם אָרקעסטער מיט אינסטרומענטן, אויפזוכן יונגע חברים, וואָס האָבן פאַרמאָגט טאַלאַנט און פאַרשטענדעניש פאַר מוזיק און דערציען פרישע רעזערוועןן, שפילער פאַר יעדן מין אינסטרומענט. אליין שטאַרק מוזיקאַליש, האָט ער לאַנגע יאָרן געווירקט אַלס פאַרטרעטער פון אָרקעסטער דיריגענט און האָט אַפילו קאָמפּאַנירט אַ יידישן מאַרש א.נ. „דער קאַפּצאַנסקי־מאַרש“. שמעון וואָלקנפעלד איז אויך פון די יינגסטע יאָרן געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און נאָכן אַרויסטריט פון זשאַבאָטינסקי פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, האָט וואָלקנפעלד געשאַפן אין לאַנצוט אַ רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציע, מיט



זיצן פון רעכטס (יושבים מימין): מנחם בוימעל, מיכאל ראָזמאַרין, נחמן קעסטנבאום; שטייען פון רעכטס (עומדים מימין): שמעון וואָלקנפעלד, לייזער פאַס, משה פיילשוס, חיים העבנשטרייט, געצל עסטליין.

וועלכער ער האָט אָנגעפירט ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

שמעון וואָלקנפעלד איז געווען אַ הייסער אָנהענגער און ליבהאָבער פון דער העברעאישער שפּראַך. ער האָט גע־הערט צו די אַקטיווסטע מיטגלידער פון דער „עבריה". פאַר־שניטן איז געוואָרן דאָס לעבן פון אָט דעם אינטעליגענטן, ווערטפולן חבר אונדזערן, וואָס האָט געהאַט פאַר זיך אַזאַ הערלעכע צוקונפט. ער איז געפאַלן בעת איינער פון די היטלעריסטישע אַקציעס אין לאַנצוט.

דערזעלבער טראַגישער גורל האָט געטראָפן אונדזער האַרציקן, ליבן חבר לייזער פאַס, דעם לאַנגיעריקן אַקטיוון מיטגליד פון ציוניסטישן לאָקאַל־קאָמיטעט אין לאַנצוט. אין יעדער ציוניסטישער אָדער געזעלשאַפטלעכער אַקציע האָט ער זיך באַטייליקט און איז תמיד געשטאַנען אין די ערשטע רייען, אויספירנדיק דיסציפּלינירט, קרבנות־גרייט, אַלע אויפ־גאַבן. אַלס סעקרעטאַר פון „בית־עם" האָט ער זיך אויסגע־צייכנט מיט אומדערמידלעכער אַקטיוויטעט. אין זיין ציוניס־טיש־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָט אים פיל געהאָלפן זיין פרוי רבקה (פון הויז באָט), איינע פון די לאַנצוטער גוטע קענערינס פון דער העברעאישער שפּראַך, וואָס האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די אַרבעטן פון דער „עבריה". זי איז צוזאַמען מיט איר מאַן לייזער פאַס טראַגיש אומגעקו־מען בעת די היטלעריסטישע אַקציעס.

און צום סוף דער אַמייסטנס פון אונדז אַלע באַליבטער, דער אַקטיווסטער און רירעווודיקער פון אונדז, דער חבר מיט דעם קרישטאַל ריינעם כאַראַקטער, אַן אמתער, האַרציקער ברודער און פריינד — חיים העבנשטרייט. ער האָט תמיד טריי געדינט דעם ציוניסטישן אידעאַל, פאַר וועלכן ער האָט געאָפּפערט צייט און מי. אַ געטרייער חסיד פון דער העברע־אישער שפּראַך, האָט ער געהערט צו די טעטיקסטע מיט־גלידער פון דער „עבריה". דיסציפּלינירט און באַשיידן האָט ער אין זיין ציוניסטישער און געזעלשאַפטלעכער טעטי־קייט נישט געזוכט קיין כבוד. ער איז געווען טעטיק אינעם דראַמאַטישן קרייז, איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער פון „הזמיר", תמיד מיטגעווירקט ביים אָרגאַניזירן פאַראַנשטאַל־טונגען אָדער פאַרווייליונגען, ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אינעם „בית־עם" קאָמיטעט, געווען לאַנגיעריק אַקטיוו אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און בפרט האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט פאַרן ק. ק. ל. און האָט פיל געהאָלפן דער תרבות־באַוועגונג אין לאַנצוט דורך פאַר־שפּרייטן די העברעאישע פּרעסע און ליטעראַטור.

אַזאַ איז געווען אונזער חיים העבנשטרייט. ווען ער איז עולה געווען קיין ישראל — איז ער אויך דאָ געווען דער אַדרעס פאַר אַלע לאַנצוטער לאַנדסלייט. לאַנצוטער עולים האָבן געהאַט צו אים אַן אָפענעם וועג. מיט אַ וואָרעם האַרץ און מיט אַ גוט וואָרט תמיד גרייט צו העלפן, האָט ער אויפ־גענומען יעדן לאַנצוטער ייד, וואָס האָט געזוכט ביי אים הילף אָדער אַן עצה.

אַכט חברים זענען מיר געווען — אַכט פאַרשידענע כאַ־ראַקטערן מיט פאַרשידענע אייגנשאַפטן און שטרעבונגען.

אָבער ער, אונדזער ליבער, האַרציקער חיים האָט אונדז אַלע צעטוישט: ער איז געווען ווי אַן עלטערער, האַרציקער ברודער, צו וועלכן מיר האָבן געהאַט אַזוי פיל צוטרוי און וועלכער איז געווען פאַר אונדז אַן אמתער, פעסטער מאָראַלישער אָנשפּאַר. זיין פּלוצימדיקער טויט (געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק אויף דער אַלענבי־גאַס אין תל־אביב) האָט פאַריתומט די שארית הפליטה, די ביים לעבן איבערגעבליבענע רעשטלעך פונעם לאַנצוטער יידנטום.

עס האָבן נאָך אים געטרויערט לאַנצוטער יידן אין ישראל און אין די תפוצות.

אַדורכגעהאַלטן דעם שטורעם און צוריקגעקומען פון דער סאָוויעטישער תפיסה איז געצל עסטליין, אויך איינער פון די אכט חברים אונדזערע, מיט וועלכן מיר האָבן צוזאַמענגעאַרבעט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין דער „עבריה”. ער איז אַ לאַנגע צייט געווען מיטגליד פון ציוניסטישן לאָקאַל־קאָמיטעט און אָפּגעגעבן פיל צייט און מי פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דער העברעאישער שפּראַך צווישן דער יידישער יוגנט אין לאַנצוט.

די מלחמה־איבערלעבענישן, דער טראַגישער אומקום פון זיינע עלטערן זיין פרוי שרה (פון הויז ליפשיץ) און פון זיינע צוויי ליבע קינדער, האָבן אַזוי טיף משפּיע געווען אויף זיין געמיט, אַז ער האָט נישט געפונען גענוג כוח צו רעאַליזירן דעם הייליקן ציל, צו וועלכן ער האָט תמיד געשטרעבט און פאַר וועלכן ער האָט פון די יונגסטע יאָרן געאַרבעט. פאַראייניזאַמט און פאַריתומט האָט ער געפונען אַן אָנשפּאַר ביי זיין ביים לעבן איבערגעבליבענער משפּחה.

מאַריאַן בראַנדייס פּוילן

600 יאָר לאַנצוט *



ד״ר וולאַדיסלאַוו באַליצקי.

ווען איך בין אָנגעקומען אין לאַנצוט צו די פייערונגען פון זעקס־הונדערט יאָריקן יובילעאום פון דעם שטעטל, האָט מען מיר אָנגעוויזן, אין איינעם אַ יאַריד־טאָג, אויף דעם ד״ר וולאַדיסלאַוו באַליצקי, וועלכער איז געשטאַנען אויפן מאַרק אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע דאָרפישע בעלי עגלות, פאַרטיפט מיט זיי אין אַ שמועס. אויפן ערשטן בליק איז געווען שווער אים אונטערשיידן פון זיי: ער האָט געטראָגן דיזעלבע פורמאַנסקע קליידונג, דיזעלבע קורצע קורטקע, אונטערגעשלאָגן מיט פעל, גראָבע געזיכטסשטריכן, די הויט אָפּגעברענט פון ווינט. קיינער וואָלט נישט געגלויבט, אַז דער מאַן מיט דעם בעלי עגלה׳שן אויסזען איז דער באַקאַנטער אינטעלעקטואַל און קולטור־טוער ד״ר וולאַדיסלאַוו באַליצקי, דער פּאָפּולערער דאָקטאָר אין לאַנצוט און אומגעבונג.

דער באמת אויסערגעוויינלעכער מענטש איז אַן אַמאַטאָר קאָלעקציאָנער. זייט יאָרן זאַמלט ער ביכער, אַלטע דאָקומענטן, פאָלקס־אַנטיקן און היסטאָרישע דערינערונגען וועלכע זענען פאַרבונדן מיטן געבורטסשטעטל און סביבה. זיין ליידנשאַפטלעכע ליבע צו קאָלעקציעס איז געווען באַקאַנט אין שטעטל, און דעריבער ווען עס איז געקומען צו פייערן 600 יאָר לאַנצוט, האָט דער שטאָטישער פאָלקס־ראַט באַלד אָנפאַרטרויט ד״ר באַליצקין די לייטונג פון דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט. דאַן איז אויפגעשוואומען דער פּראָבלעם פון דער אַלטער סינאַגאָגע.

אין לאַנצוט געפינט זיך אַן אַלטע, אָנגעזעענע סינאַגאָגע פון 18־טן יאָרהונדערט, געגרינדעט נאָך דורך די פירסטן לובאָמירסקיס. נאָך דער ליקווידאַציע פון די לאַנצוטער יידן, האָבן די היטלעריסטן זי פאַרוואַנדלט אין אַ מאַגאַזין פאַר תבואה. אין דעם מצב איז זי פאַרבליבן ביז פאַר אַ יאָרן. פאַר אַ פּאָר חדשים האָט דער שטאָטישער פאָלקס־ראַט באַשלאָסן צעשטערן די אַלטע בכבודיקע שול און זי איבערבויען אויף געביידעס. דעמאָלט האָט זיך אָנגענומען דער פריערישער דאָקטאָר פאַר דער אַלטער סינאַגאָגע. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט. קורץ און אַנטשלאָסן האָט ער געשטעלט די ראַטמענער פאַר אַן אולטימאַטום — אָדער איר לאָזט צו רו די שול, — אָדער ס׳וועט קיין זעקס הונדערט יאָריקע פייערונג נישט זיין! דער ראַט האָט געמוזט נאָכגעבן, די שול איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, און דער דאָקטאָר האָט אין איר איינגעאָרדנט די אויסשטעלונג פון 600 יאָר לאַנצוט.

איך בין געווען אין דער דאָזיקער שול און באַטראַכט די אויסשטעלונג. מען קען אויספאָרן אַ שטיק וועלט און עפּעס ענלעכעס וועט מען נישט באַקומען צו זען. אַ דאַנק דער אַלזייטיקייט פון דעם ענערגישן דאָקטאָר, האָט מען דעם אינערן פון דער פאַרשוועכטער הייליגקייט צוריקגעגעבן טיילווייז זיין פריערדיקן גלאַנץ. ס׳זענען אויפגעדעקט געוואָרן

* פון דעם אַרטיקל „לאַנצוצקא עטיודא”, געדרוקט אין וואַרשעווער „נאָוואַ קולטורא”, דעם 13־טן אַפּריל 1958.


די פּרעכטיקע געוועלבטע באַלקנס פון סופיט, מען זעט ווידער די רייכע געשניצטע קאָלומנעס מיט אויסגעקריצטע פרעסקעס. אויפן פריערדיקן ארון קודש, וואו מען האָט באַהאַלטן די פאַרברענטע ספר תורהס דורך די היטלעריסטן, האָבן זיך געשוואַרצט גרויסע אותיות פון תנ״כישע פסוקים. אין דער מיט — צוויי ווייסע הענט צעשפּרייטן די פינגער אין ריטראַלן בענטשן. פון גאָטספּאַרכטיקע הענט ווייעט אַן ערנסטקייט און דראונג, ווי מאָנענדיק אַ דין־וחשבון פאַר די נישט לאַנג אָפּגעטויטע פאַרברעכנס...

און אונטן, לענג אויס די ווענט פון דער שול, אין אומיטלבאַרער שכנהשאַפט מיט די העברעאישע אויפשריפטן — רייכע אָלטערטימלעכקייטן פון פּוילישע דערפער: שיינע, אויסגעשניצטע פּויערישע מכשירים. מאלערישע שפּינרעדער, געהאָפּטענע שפּיצערייען, איינדרוקספולע הילצערנע געטשקעס, פּויערישע טראַכטן, פערגאַמינען פון זיבנצענטן יאָרהונדערט — אַלץ קונסטווערק פון פאָלקס שאַפונגען. אָט די אַלע חפצים, וועמענס עקזיסטענץ אין לאַנצוט האָט קיינער אַפילו נישט געאַנט, האָט דער צויבערער אין דעם פורמאַנסקן הילוך אויסגעפונען בשעת זיינע דאָקטאָרישע באַזוכן ביי קראַנקע. ער האָט זיי אויסגענישטערט אויף נישט צוטרעטלעכע פויערישע קעמערלעך, אויסגעדלובעט פון אָפּגעשיילטע שטעטלשע סטריכעס.

אויף דער אויסשטעלונג האָט אונדז אַרומגעפירט ד״ר באַליצקי אַליין, אַלס ענטפער אויף אונדזער באַוואונדערונג האָט ער נאָר געגעבן אַ צי מיט די אַקסלען און פאַרלעגן אָפּגעהוסט. קיין אויפקלערונגען זענען נישט געווען נויטיק, ווייל די אויסגעשטעלטע זאַכן זענען געווען פּערפעקט קוואַליפיצירט און פאַרזען מיט אויסשעפנדע קאָמענטאַרן. אָבער אין צוויי פאַלן האָט ער געפונען פאַר נויטיק צוצוגעבן אייניקע באַמערקונגען. אָט דעם זעלטענעם חתונה־זשופאַן האָט ער אויסגעבאָרגט פאַר דער אויסשטעלונג ביי אַ קראַנקער אַלטעטשקע, פאַר וועלכער ער טראָגט נאָך ביז היינט לימענעס אין שפּיטאָל. פאַרן באַקומען יענעם געשניצטן מיסטעריעזן קרוציפיקס, האָט ער געמוזט מיט זיין אייגנטימער אויסטרינקען אַ גאַנצן ים מיט ספּירט, וואָס איז נישט געווען לייכט, ווייל מען האָט געטרונקען פון גאַנצע גלעזער... אויף דער פראַגע פון דער אָפּשטאַמונג פון אַנדערע געגענשטאַנדן, האָט ער אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט: — די הילצערנע פיגור? אַ האָנאָראַר פאַר אויסהיילן פון אַ בראָנכיט; די שטיקעריי? פאַר אַ געבורט; דער אַלטער חתונה־באַס? דאָסגלייכן. מיר האָבן איבערגערעכנט אין געדאַנק די האָנאָראַרן אויף דער לויפענדער וואַלוטע און זיך איבערצייגט, אַז אַ היפּש ביסל ערלעך פאַרדינטע גראָשנס האָט דער דאָקטאָר אַריינגעשטעקט אין דער אויסשטעלונג.

די אויסשטעלונג פון 600 יאָר לאַנצוט איז איינגעאָרדנט געוואָרן ווי אַ פאָרריבערגייענדע אימפּרעזע. אָבער וואָס אָנבעלאַנגט דער שול, האָט דער „פויערישער" דאָקטאָר ברייטערע פּלענער, מער אַנטשפּרעכענדע פאַר איר כבוד. ער קלערט איינצואָרדנען אין איר אַ פּויליש מוזייאום פאַר „יודאיזם און תלמודיזם". ער האָט שוין מיט דער זאַך פאַראינטערעסירט אַנטשפּרעכענדע טוער אין וואַרשע און אויך פאַרבונדן אַ קאָנטאַקט מיט דעם לאַנדסמאַנשאַפט־קרייז פון לאַנצוט אין ישראל, צו וועלכע עס געהערן אייניקע פון זיינע געוועזענע שול־חברים.

איך בין אויפגעצויגן געוואָרן צווישן די דאָזיקע באַוועגלעכע, רירעוודיקע לייט, — האָט ער מיר געזאָגט ביים געזעגנען — זיי זענען פאַרבונדן מיט דעם פאָלקלאָר פון אונדזער שטאָט. און אַצינד — איז נאָך זיי פאַרבליבן נאָר אַ דערינערונג... אַ ווייטע און נישט רעאַלע... ווי דער מיטאס אטלאַנטידא.



אויסזען פון צעשטערטן לאַנצוטער בית־הקברות אין יאָר 1955.



הָרִאשׁוֹנִים לְכִלָּיוֹן — הַתִּינוֹקוֹת הָיוּ, יְתוֹמִים פְּעוּטִים, הֶפְקֵר עַל אֲדָמָה.
הֵם הֵם הַטּוֹב שֶׁבָּעוֹלָם, מֵיטַב הַחֵן לָאָרֶץ הַחֲשֵׁכָה !

מְשִׁיחִים קְדוֹשִׁים, מְקֻדָּשִׁים בַּיִּסּוּרִים... אִמְרוּ נָא, אֵלֶּה מֶה חָטְאוּ, הַצֹּאן ?
מַדּוּעַ זֶה בִּימֵי הַכִּלָּיוֹן הֵם רִאשׁוֹנִים הֶפְקֵר לָרֶשַׁע, רִאשׁוֹנִים בַּכַּף הִנָּם ?

מתוך הראשונים : יצחק קצנלסון






קינדער פון דער „בית־יעקב" שול אין יאָר 1938.



לעצטע קינדער פייערונג אין לאַנצוטער „בית־עם", יאָר 1939.

ערב־חורבן



(אַ פאָטאָקאָפּיע פון דיכטער האַלפּערן לייוויקס אַבריוו).

ד. דער חורבן

מלך ראוויטש

אין די טעג פון דין

נישטאָ אַזויפיל בלוט אין מיין גוף,
וואָס זאָל אין טרערן מגולגל ווערן,
טרערן — מיט פייער געזאַלצן,
צו קענען אויסוויינען ביזן סאַמע דנאָ,
דעם צער און די שאַנד,
יאָ, די מענטשלעכע שאַנד און פאַרשעמונג,
פון דיין אַלטן גוף, דיינע אַלטע יאָרן,
וואָס דער נאַצי־דייטש האָט דיר געטאָן
אין דער בעלזשעץ־קרעמאַטאָריע,
אַלטע מאַמע מיינע.

ער האָט אויף דיר געטראָטן ווי אַ בער,
מיט שווערע שטיוול, געקאָוועט מיט טשוועקעס,
ווי אויף אַ זאַק מיט שמאַטעס געטראָטן,
און אַז דו ביסט שוין געווען צעטראָטן גענוג,
האָט ער דיך געטריבן מיט הינט צום גאַז.

דיין שטום און אַלט געשריי
האָט נאָר די אַלטע, די טויבע מאַמע ערד,
דער דומם — געהערט.
נאָר וואָס האָט זי מער געקענט טאָן פאַר דיר,
ווי זיין דער הפקר־קבר אויף פאַר דיין ביסל אַש.

ניין, נישטאָ אַזויפיל בלוט אין מיין גוף,
וואָס זאָל אין טרערן פאַרוואַנדלט ווערן
דיין צער צו באַוויינען, אַלטע מאַמע.

און ס'איז אויך נישטאָ אַזאַ שטראָף אויף דער וועלט,
נישטאָ אין הימל און נישט אויף דער ערד,
נישטאָ און וועט נישט זיין — אין גיהנום אפילו,
וואָס אַנגעמאָסטן זאָל זיין אויף דער מאָס
פון דיין פאַרברעכן — דייטשער נאַצי.

אפילו ווען אַלע פאַרברעכנס פון דער וועלט,
פון מזרח ביז מערב פון כדור הארץ,
און פון צייטנס אָנהייב ביז צייטנס עק,
און פון חללס איין ברעג ביזן אַנדערן ברעג,
וועלן זיין שוין מיט מחילה־וואַסער פאַרמעקט
וועט בלייבן הענגען אין וועלטן־חלל
אַלע וועלטנס פינצטערסטער פלעק,
דיין פאַרברעכן — נאַצי.

אפילו ווען ס'איז קיין מאָל קיין פאַרברעכן נישט געווען
אין גאַרן שטח און אין גאַרן זמן,
איז דיין פאַרברעכן געווען דאָס ערשטע
און וועט אייביק בלייבן דאָס לעצטע;
ווייל נאָך מער פינצטער קען שוין נישט זיין,
אפילו ווען די ערד וועט ווערן
ווידער אַש פונעם אוניווערס
און ווידער אַריין אין די שטראַלן פון אַלע שטערן
דיין פאַרברעכן וועט בלייבן,
עס וועט קיין מאָל, קיין מאָל נישט ליכטיק מער ווערן.

נישטאָ קיין שטראָף פאַר דיין פאַרברעכן,
עס איז אויף יענער זייט מענטש און אויף יענער זייט שטראָף,
אויך אַלע ארבע מיתות בית דין
צוזאַמען אַנגעווענדטע —
שטיין און בליי און קייט און שווערד
מיט פייער דורכגעברענטע —
וואָלטן געלאַכט, ווען זיי וואָלטן הערן און פאַרשטיין געקענט,
אַז זיי דאַרפן זיין דער אינסטרומענט
פון דער שטראָף פאַר דיין פאַרברעכן,
נאַצי.

נישטאָ אַזאַ אייזן, וואָס גליט אַזעלכע אויגן אויס,
נישטאָ אַזאַ קייט, וואָס ציט אַזאַ נשמה אַרויס,
נישטאָ אַזאַ שטיין, וואָס אַזאַ מין געביין צעפּלעט,
נישטאָ אַזאַ שווערד, וואָס אַזאַ מין נאַקן קעפּט — — — —

און זיין שטיוול אויף דיר געטראָטן,
מאַמע מיינע,
גוטע צווישן גוטע,
צווישן בעסטע — בעסטע,
אויף דיר געטראָטן אויף דיר.

און אויף דיינע מיליאָנען שוועסטערן,
און שוועסטערס שוועסטערן און ברידערס ברידערן;
דו ביסט דאָך מאַמע אַזוי גוט געווען,
דו האָסט דאָך מיר געלערנט פון פרידריך שילערס סידור,
אַז אַלע מענטשן זענען ברידער,
און אויך פון יאָהאַן וואָלפגאַנג געטהעס לידער,
אַז איידל זאָל זיין דער מענטש,
און העלף — גרייט און גוט.

זיי האָבן איבער דיר געטראָטן
מיט שטיוול, ווי איבער אַ קופּע שמאַטעס,
און ווי טויטן ליים דיין לעבעדיק לייב געקנאָטן
מיט דרענגער,
און שפּעטער געטריבן מיט הינט
צום גאַז.
באַגלייט האָט דיך נאָר דער אָנגופיקער ווינט,
דיין איינציקער באַגלייטער.
ער האָט דיך אויפגעזוכט אויף דער שוועל
פון פייער־שייטער,
געוואָלט דיר צום לעצטן מאָל געבן אַ גלעט
אויף די אַלטע, די לאַנגע, די שניי־ווייסע האָר.
אָבער דיינע האָר האָט שוין דער נאַצי
אויסגעריסן און אויסגעגאָלט,
מאַטראַצן מיט זיי צו שטאָפּן,
און אויסצושנאָרכן זיך גוט.
ווען ער וועט זיין שיכור פון עמערס מיט יידישן בלוט.

האָט דער ווינט נאָר געגלעט
דיין נאַקעטן שאַרבן —
און איז צו מיט דיר צו דער שוועל
פון דער קאַמער פון גאַז,
און געשעפּטשעט אין אויער דיר שנעל:
אַ גרינגן שטאַרבן.


גוט, אַלט קינד מיינס! —
און אויך דער ווינט איז אַנטלאָפן
פון שרעק,
אָבער דו, מאַמע, מיט אַלע דיינע שוועסטערן און שוועסטערס שוועסטערן,
ביסט צו דיין יידישן גורל אַוועק.
נישטאָ אַזוי פיל בלוט אין מיין גוף,
וואָס זאָל אין טרערן מגולגל ווערן
טרערן מיט פייער געזאַלצן,
צו קענען אויסוויינען ביזן סאַמע דנאָ
דעם צער, וואָס דער נאַצי־דייטש האָט דיר געטאָן
אין דער בעלזשעץ־קרעמאַטאָריע,
אַלטע מאַמע מיינע.

נישטאָ אַזאַ אייזן — דעם נאַציס אויגן פון אים אַרויסצוגליען,
נישטאָ אַזאַ קייט — פון זיין האַלדז די נשמה אים אַרויס־צוציען,
נישטאָ אַזאַ שטיין — זיין געביין צו צעפּלעטן,
נישטאָ אַזאַ שווערד — זיין קאָפּ פון זיין נאַקן צו קעפּן.

און נישטאָ אַזאַ חיה,
וואָס זאָל פון מיין זכרון,
אפילו נאָך צוויי־מאָל צען ביטערע יאָרן
פון יעדן טאָג דיך מיט ווי געדענקען
אַלטע, דערשטיקטע מאַמע,
קענען אַרויס פון מיין האַרצן פּרעסן,
מיט שטיקער האַרץ צוזאַמען
די מראה פון דיינע לעצטע רגעס
אין דער בעלזשעץ־קרעמאַטאָריע.

איידל וועט זיין דער מענטש,
און העלף־גרייט און גוט,
און אַלע מענטשן וועלן זיין ברידער,
אָבער פריער מוז פון דער וועלט אַוועק,
אין תהום פון פאַרגעסן
דער לעצטער, לעצטער, לעצטער
טראָפּן פון נאַצי־פאַרסמטן בלוט.

און ביז צו דער דאָזיקער שעה
נישטאָ קיין פאַרגעסן,
נישטאָ, נישטאָ!



כ״א מנחם אב תש״ב זענען ארויסגעפירט געווארן 5000 יידן פון לאנצוט און פון די שכנות׳דיקע שטעטלעך אין פעלקינער וועלדער — צום אומקום.

כ״א אב איז באשטימט געווארן דורך די איבערגעבליבענע פון לאנצוט אין ישראל און די תפוצות אלס א טרויער־טאג צום אנדענקן פון דער לאנצוטער געמיינדע.

ווער קען אויסדריקן און דערציילן די ליידן און פארצווייפלונג פון די קדושים אין זייערע לעצטע מינוטן?..

ווער קען ציילן זייערע טרערן? איז דען פאראן א מענטשלעך אויסדרוק, צו א שריפה־טויט, און וועלכעס ווארט קען איבערגעבן דעם גרויל פון געקעפטע קינדער אין די אויגן פון זייערע עלטערן?

יזכור

זאלן געדענקען לאנצוטער יידן און זייערע קינדער און קינדס־קינדער, די טויזנטער יידן פון זייער קהילה, וואס זענען אויסגעמארדעט געווארן אומשולדיק...

זאלן זיי געדענקען דעם טרויער־טאג לזכר זייער הייליקער קהילה, וואס איז אפגעמעקט געווארן פון דער ערד און אויך זייער גייסטיקע און מאטעריעלע גיטער, וואס זענען צעשטערט געווארן, צעטרימערט און צערויבט...

זאלן זיי געדענקען דעם ברידער־קבר אין פעלקיניע, ווו עס ליגן באהאלטן מענער, פרויען, גרייז גרויע קינד און קייט - ריינע און הייליקע, וואס זענען געשטארבן פון אלערליי מיתות משונות, און זייער אש איז פארשפרייט איבער גאנץ פוילן...

זאלן זיי געדענקען די נשמות פון די שוכני־עפר, וועלכע זענען באהאלטן אין לאנצוטער בית־עלמין פון דורי־דורות, וואס די נאצישע מערדער האבן געשטערט זייער הייליקער רו...

זאלן זיי געדענקען די לאנצוטער יוגנט, וואס איז געפאלן אויף אלע פראנטן אין זייער קאמף מיטן צורר־ישראל.

זאלן זיי געדענקען די לאנצוטער יוגנט וואס האט זיך מוסר נפש געווען און אוועקגעגעבן זייער לעבן אין דעם באפרייאונגס־קריג און אנטשטיין פון מדינת ישראל.

תהיינה נשמות כל הקדושים צרורות בצרור החיים...

יתגדל ויתקדש...

מלך ראוויטש תל־אביב

אויף א לאנצוטער אזכרה

פיל צענדליקער — זיכער, און אפשר טאקע גוטע עטלעכע הונדערט לאנדסמאנשאפטן עקזיסטירן שוין היינט אין מדינת ישראל. איז צווישן די פיל צענדליקער, אפשר הונדערטער לאנדסמאנשאפטן — פאראנען א בני לאנצוט־פארבאנד. און לאנצוט איז א שטעטל — העלפט וועג צווישן מיין שטעטל רעדים און ריישע. און פאראנען א גירטא, אז דער פינצטערער גורל האט כ״א אין חודש אב, אין יאר 1942, צונויפגעטריבן די יידישע באפעלקערונגען פון לאנצוט און רעדים אין אן ארטשאפט מיט דעם נאמען פעלקיניע און דארט האבן זיי עולה געווען אין געמיינזאמען קדושים־קבר אראפ, און באלד ווידער ארויף, ארויף אין די הימלען פון יידישער גבורה דורך קדושה. — — האט א לאנצוטער לאנדסמאן מיכאל וואלצער, זיך דערמאנט אן מיר און אן מיין גורלדיקער בלוט־און אש־קרובהשאפט מיט זיין שטעטל און מיך גערופן אויף דער אזכרה אין תל־אביב, דינסטיק, דעם 9־טן אויגוסט. און מען האט מיך אפילו אויפגערופן צום רעדן. און אזוי ווי איך גלויב אין השארת הנפש (צוזאמען מיט מיין פילאזאף ברוך בר מיכאל דע עספינאזא). האב איך גערעדט וועגן די קדושים. וואס זייערע נשמות זענען באפליגלט מיט די פליגלען פון אליהו הנביא און וואס קענען מיט פיר פליגל־פאך דערגרייכן אלע ארבע פינות העולם, און וואס האבן זיי דען מער צו טון אין די הימלען — זענען זיי אוודאי דא מיט אונז ביי דער אזכרה. מיר גדענקען זיי און בענקען נאך זיי. אוודאי. אבער זיי גדענקען אויך אונז און בענקען נאך אונז... שוין נישט דאס ערשטע מאל רעד איך ענלעך אויף אזכרות, אבער אנדערע זענען פארגעקומען אין אלערליי טיילן פון דער וועלט, אין אלערליי תפוצות. און אט די אזכרה איז אין לאנד פון גילגול מחילות, תחיית המתים. און אז איך האב גערעדט וועגן די אושפיזין־נשמות דא — אויף דער אזכרה — דא — דא — איז פלוצלונג געווארן אזוי שטיל אין מיר און אזוי שטיל אין זאל — אזא שטילקייט האב איך נאך קיינמאל אין מיר נישט געהערט... האט מיך אויף אן אמת מיין מאמע אנגערירט און מיינע מומעס, פעטערס, שוועסטערקינדער פון אונזער צאלרייכער משפחה? אפשר יא — און טייטשט עס ווי אירווילט.

ד״ר נתן קודיש

געווען אמאל א קהילה לאנצוט...

געווען אמאל און איז מער נישטא. דורך דייטשישע רוצחים פארשניטן געווארן, צוזאמען מיטן ברייט־פארצווייגטן בוים — דאס פוילישע יידנטום. אבער איר גדעכעניש וועט אייביק נישט צורו לאזן די הערצער פון דער שארית הפליטה, פון עטלעכע הונדערט לעבנגעבליבענע לאנצוטער יידן, צע־שפרייטע איבער דער גארער וועלט, וואס דער רוב פון זיי געפינט זיך אין אונדזער היימלאנד — אין מדינת ישראל.

וואו איז די שטיק ערד, וואס האט אין זיך איינגע־זאפט דאס בלוט פון די לאנצוטער יידן, און באהאלטן אין זיך זייער הייליקן אש? וואו איז זייער מצבה מיטן פ״נ (פה נטמן)? צי וועט זי, לגבי דעם היסטאריקער פון אונדזער געשיכטע, בלויז פארגרעסערן די צאל פון די פארטיליקטע הייליקע קהילות, אין דער מארטירער־געשיכטע פון יידישן פאלק?

צי וועט דער זכר פון אט דעם יידישן שטעטל לעבן און פארשווינדן מיטן לעצטן לאנצוטער, ווען מען וועט דאס דארט געשטאנען, און ער איז ערגעצוואו אויף דער וועלט פארגאנגען?

זאלן אט די ווייניקע ווערטער זיין דער גרונט צו דער מצבה, וועלכע איז אויפגעשטעלט געווארן אין דעם ספר־הזכרון פאר די קדושי לאנצוט.

אט זע איך די צוויי קוואדראטן פון צוזאמענגעדריקטע הייזער, אויפגעהויבענע און איינגעבויגענע, ארומגערינגלטע דורך צוויי פלעצער — די מערק, און א צאל גאסן און געס־לעך, וואס פארצווייגן זיך ביי די זייטן — דאס איז דאס שטעטל, וואס איז אין לויף פון הונדערטער יארן פאמעלעך אויסגעוואקסן פון א קליינעם ישוב אין מיטלאלטער, וואס האט גערוט צופוסנס ביים פאלאץ פון א מעכטיקן פריץ.

א יידישער ישוב, איינער פון א סך, וואס האט זיך פארווארצלט אין דעם דרומדיקן נידער־פוילן, ארומגערינגלט מיט דערפער און פויערן. דורשטיקע נאך יידיש בלוט און אייגנטום.

אין די לעצטע צענדליקער יאָרן, פאַרן חורבן און אומקום איז די יידישע קהילה אין לאַנצוט דערגאַנגען צום הויכפּונקט פון נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכן אויפשטייג. אינעם ליכט און שאָטן וואָס אין אים, מיט דעם פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו וואָס האָבן זיך פאַרקערפּערט אין דעם געראַנגל פאַר יידיש לעבן אין גלות, אויף פרעמדער ערד.

דאָס דאָזיקע יידישע שטעטל, אויסערלעך אַ דרימלדיקס און אַ רואיקס, איז געווען ווי אַ וואַכזאַם קעמערל אינעם גרויסן גוף פון פּוילישן יידנטום, און עס האָבן זיך אין אים אָפּגעשפּיגלט אַלע לעבנס־דערשיינונגען פון פאָלק אין דער פאַר־חורבן־תקופה.

אין אָט דעם יובל פון יאָרן, ביזן חורבן פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, האָבן זיך געשטויסן און צונויפגעפלאָכטן אַ תקופה אין אַ תקופה, און זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין קאָנצענטרירטער היסטאָרישער תקופה פון יידישן שטייגער, פון קולטורעל־גייסטיקע ווערטן, פון נאַציאָנאַל־סאָציאַלע לעבנס־פאָרמען, וועמענס וואָרצלען שטעקן אין די הונדערטער יאָרן יידישע געשיכטע אין פּוילן.

און אָט איז די וואונדערלעכע געשטאַלט פון אַ ייד, אַ מקובל, וואָס זיינסגלייכן האָט מען געקאָנט זען מיט הונדערטער יאָרן צוריק, אין דעם צענטער פון יידישער קהילה, אין ספרד, אין צפת. און דאָ דער התלהבותדיקער חסיד, וואָס אין זיין שטייגער לעבן און טרוימען, איז ער דער פּראָטאָטיפּ פון דעם חסיד פון בעל־שם־טובס צייטן. אין דער שאַרפער מתנגד, דער בקי בש״ס ופוסקים — איז ממש אַ קאָפּיע פון ווילנער גאונ׳ס תקופה.

און דער זיידענער יינגערמאַן, דער העברעאישער משכיל, מיט זיינע וויכוחים אויף די לאַנצוטער גאַסן — ווי פאַר 100 יאָר צוריק, אין די צייטן פון פּרץ סמאָלענסקין און יהודה לייב גאָרדאָן. ווי אָפּגעזונדערט פון דעם קליינעם קאָלירפולן ציבור, גייט ער זיך אַרום דער האַלב־און־פערטל אַסימילירטער ייד, פּונקט ווי ס׳איז געשען מיט אונדזערע אבות־אבותינו אין די מערב־אייראָפּעישע אַסימילאַציע צענטערן, מיט 200 יאָר צוריק.

אין די לעצטע צענדליקער יאָרן איז די לאַנצוטער יידישע באַפעלקערונג צעשטורעמט געוואָרן דורך אַלע שטרעמונגען, וואָס האָבן געשטראָמט מיט דעם ברייטן טייך פון עפנטלעכן יידישן לעבן אין פּוילן. אָט דער מעכטיקער שטראָם פון נאַציאָנאַלע, געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַוועגונגען, האָט אין קליינע שטראָמעלעך אַריינגעבראַכט פון יעדער תנועה קיין לאַנצוט, אָנהויבנדיק פון פאַנאַטיש רעליגיעזע און ענדיקנדיק ביי קולטורעל־פּאָליטישע אַסימילאַטראָן.

פאַר אונדזערע אויגן גייט פאַרביי אַ ריי טיפּן און געשטאַלטן, אין קליינעם פּילפּאַרביקן ציבור: קהילה־פּרנסים, כלל־טוער, רבנים און דיינים, „חובבי־ציון״, ציונים און זייערע שאַטירונגען, בית־המדרש לערנער פון איין זייט און שילער אין דער פּוילישער גימנאַזיע פון דער אַנדערער זייט. דער מלמד און זיין חדר, דער העברעאישער לערער אין זיין מאָדערניזירטן חדר, תלמידים פון נייעם העברעאיש אין די קרייזלעך פון פאַרשידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אויך דער סאָציאַליסט און דער קאָמוניסט — די וועלט־דערלייזער — אין זייער פאַר אונדז פרעמדער וועלט, האָבן אויך נישט געפעלט. אַזוי האָט געברויזט דאָס שטעטל מיט חלוצים און ציוניסטן־עולים וואָס לעכצן נאָך גאולה אין זייער היימלאַנד — ארץ־ישראל.

און ווי די לאַנצוטער געשטאַלטן, אַזוי אויך אירע אינסטיטוציעס: דער גראָער הקדש, דאָס מרחץ, די קלויז, דעם רב׳ס מנין, דאָס בית־המדרש און די פּרעכטיקע אוראַלטע שול, צדקה־חברות, גמילות־חסדים קאַסע, נייע קהילה, ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און אַלע אירע אָפּצווייגונגען, קאָמיטעטן און קאָמיטעטלעך, יוגנט־גרופּן — פאַרווירקלעכער פון אידייען, נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע, רענעסאַנס־אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן פון קולטור, קונסט און ספּאָרט א.אַ.וו.

אָט די וואונדערבאַרע פאַרבנרייכע גאַלעריע פון געשטאַלטן און אינסטיטוציעס, קומען פון אַלע קהילה־שיכטן — פון פאָלקס־אָרעמקייט, בעלי־מלאכה, קרעמער, סוחרים, בעלי בתים און פרייע פּראָפעסיעס.

אַזוי איז געווען דאָס שטעטלדיקע לעבן, דאָס קאָכנדיקע און בענקנדיקע נאָך מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער דערלייזונג.

זאָל דער ספר־הזכרון זיין אַ מצבה פון דערהויבענע בלעטער, אין וועלכע ס׳זענען איינגעקריצט לעבן און געראַנגל פון דער הייליקער קהילה לאַנצוט — פאַר לאַנצוטער לאַנדסלייט צום געדענקן, פאַר זייערע קינדער און קינדסקינדער.



נפתלי רייך בת־ים

חורבן לאַנצוט

פרייטיק דעם 8־טן סעפּטעמבער 1939 אין אָוונט, האָב איך דורך דעם פענצטער פון מיין שטוב דערזען דעם ערשטן דייטשן פּאַטראָל אין לאַנצוט. ביים סטאַראָסטווע־בנין האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ריזיקער מיליטער טאַנק. פינצטער, אָן ליכט, שטיל. עס עפנט זיך אַ שווער טירל און מען הערט רעדן דייטש. בליץ שנעל פאַרמאַכט זיך די קלאַפּע. מען הערט אַ באַפעל: „פייער!״ עס איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ פּויליש פּאַטראָל. דער דזשיפּ מיט די פּוילישע סאָלדאַטן איז פאַרברענט געוואָרן. דעם צווייטן טאָג האָבן די גלחים צונויפגעזאַמלט אין זעק די פאַרברענטע קערפּערס. דער טאַנק האָט געגעבן ראַקעטן־סיגנאַלן.

מאָנטיק פרי, דעם 11־טן סעפּטעמבער 1939, זענען די דייטשע חילות אַריינגעקומען אין שטעטל. זיי זענען אָנגעקומען פון ריישער וועג נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַריכט די ריישער בריק, וואָס איז געוואָרן אויפגעריסן דורך דייטשע עראָפּלאַן־באָמבעס.

ערב סוכות, 8 אַזייגער פרי, האָבן די דייטשן פאַרזאַמלט די יידן אין הויף פון פּאָליציי־פּאָסטערונעק און אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז ביז 4 נאָכמיטיק, דאַרפן אַלע יידן פאַרלאָזן לאַנצוט. ביים אַרויסגאַנג דורך אַ שמאָל טירל, זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן ס.ס.־לייט מיט שטעקנס און אייזנס און האָבן מערדערלעך געשלאָגן די יידן. נעבן מיר זענען געגאַנגען צובלוטיקטע ד״ר מאַרקעל, לאַנגיאָריקער פּרעזעס פון ק.ק.ל. און פּראָפ. עבנער פּאַביאַן.

אָן אימה איז באַפאַלן די יידן. דאָס רוב מענטשן פון שטעטל זענען אַנטלאָפן צו דער רוסישער גרעניץ איבער דעם סאַן און בוג, אַ טייל זענען פאַרבליבן אין די נאָענטע דערפער. אויף דעם וועג זענען אומגעקומען אַ טייל פון די פּליטים. מען האָט געשאָסן אויף זיי פון נידריק פליענדע עראָפּלאַנען. דער לאַנצוטער מאַגיסטראַט האָט אויף אַ ספּעציעל גערופענער זיצונג באַשטעטיקט דעם גרוש. נאָר דער ראַטמאַן גראַף אַלפרעד פּאָטאָצקי, האָט ניט מסכים געווען דערויף. אַ דעלעגאַציע פון יידישע פרויען האָט זיך געווענדעט צו פּאָטאָצקין און געבעטן הילף. ער האָט זיך באַמיט צו העלפן, אָבער זיין אינטערווענץ האָט גאָרנישט געפּועלט. פאַרבליבן זענען אין לאַנצוט נאָר אַלטע, קראַנקע פרויען און קינדער. דעם דריטן טאָג פון גרוש האָבן די פאַרבליבענע לויט אַ געסטאַפּאָ־פאַראָרדנונג זיך רעגיסטרירט. פון בקרוב 3000 יידן, וואָס האָבן געוווינט אין לאַנצוט פאַרן אויסברוך פון קריג, זענען פאַררעגיסטרירט געוואָרן בסך הכל 300 יידן. פון די אַנטלאָפענע זענען אַ טייל פאַרבליבן אין דער אַרומיקער געגנט ווי קאַנטשיגע, ליזשענסק זשילין, א. א. וו.

די וואָס האָבן געוואַנדערט און זיך אַויסבאַהאַלטן אַרום דעם שטעטל אין דער דאָרפישער אומגעגנט, האָבן זיך צעשפּרייט אין אַלע ריכטונגען — מורא האָבנדיק זיך צו דערווייטערן פון דער היים. דערנאָך האָבן זיי זיך ביסלעכווייז צוריק אַריינגעכאַפּט קיין לאַנצוט, אַזוי אַז דער צאָל יידן איז ווידער געווען בערך 1000 נפשות. אַזוי זענען פאַרלאָפן די ערשטע 6 וואָכן פון קריג. די געסטאַפּאָ האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל און אויף איר אָרט איז אָנגעקומען דייטשע זשאַנדערמעריע. דאָס רוב יידן אין שטאָט האָבן פאַרמאָגט אייגענע הייזער בירושה פון דור דורות, וואו אין זייערע קעלערן האָבן זיך געפונען געהיימע באַהעלטענישן, אין וועלכע מען האָט אויסבאַהאַלטן דאָס ביסל פאַרמעגן, סחורה און אַנדערע ווערטזאַכן. פון אָט די באַהאַלטענע סחורות האָבן פיל געשעפט חיונה אין דער שפּעטערדיקער שווערער צייט. מען האָט פאַרקויפט באַהאַלטענע סחורה, כאָטש דער האַנדל איז געווען פאַרבאָטן.

אין די ערשטע טעג, ווען די דייטשן האָבן אַריינמאַרשירט קיין לאַנצוט, האָבן זיי אונטערגעצונדן די אַלטע שול, דאָס פייער האָט זיך אָנגעהויבן פון צפון זייט פון דער צוגעבויטער ווייבער־שול.

— יידן די שול ברענט — די ידיעה האָט זיך בליץ שנעל פונאַנדערגעשפּרייט צווישן די באַהאַלטענע יידן. מיט מסירות נפש איז די שול אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. דעם פאַרברענטן חלק האָט מען גלייך צוריק אויפגעבויט. נאָך אַ זאַמלונג פון געלט און בוי־מאַטעריאַלן. אַנטקעגן ר׳ הערשל קרזשעמיניצערס הויז, וואו דער חזן יהושע׳לע האָט געוואוינט, איז געשטאַנען אַן אַלטע חורבה, דאָס אייגנטום פון באַסעכעס. האָט מען פון דאָרט גענומען ציגל און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן. דער הויפּט־בנין פון שול איז ווייניק באַשעדיקט געוואָרן.

דערנאָך איז געשאַפן געוואָרן אַ יידנראַט.

צום ערשטן יידנראַט האָבן געהערט: ד״ר פּאַהאָרילע, שלמה גרינבוים, אליעזר מארדער, יצחק וויינבאַך, לייזער פּאַס, שמואל קעשטעכער, ראָזענבלום, לייזער פּאַפּיאָל, ישראל גערסטן. אַ חוץ וואָס דער יידנראַט האָט צוגעשטעלט אַרבעטס כוחות פאַר די דייטשן, האָט ער באַזאָרגט די געסטאַפּאָ מיט מעבל און מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געפאָדערט. צו דעם צוועק האָט מען געזאַמלט געלט ביי די יידן. אין די קעלערן פון די אַנטלאָפענע לאַנצוטער יידן האָט דער שטאָט־ראַט געמאַכט רעוויזיעס, געזוכט און געפונען באַהאַלטענע סחורות. די בעסטע און טייערסטע זאַכן, צירונג, ירושה פון דורות, האָבן די שוץ־פּאָליציי געראַבעט פאַר זייערע פּריוואַטע צוועקן. דאָס וואָס איז פאַרבליבן, האָט דער מאַגיסטראַט פאַרקויפט, כלומרשט געפירט חשבונות, רשימות, פאַרשריבן אין ביכער. דאָס געלט פאַר די פאַרקויפטע זאַכן, האָט געדינט צו קויפן מתנות וואָס די דייטשן האָבן געפאָדערט.

קיין לאַנצוט זענען דאַן אָנגעקומען יידישע פּליטים פון לאָדזש און קאַליש — 600 נפשות. ס׳רוב אָרעמע, צעבראָכענע, דערשראָקענע, מיד און מוטלאָז. דער יידנראַט האָט דורכגעפירט אַ הילפס־אַקציע. מען האָט פאַרגעסן אייגענע צרות און געזאַמלט געלט ביי יידן. פון די פּאָליאַקן, אַמאָליקע יידישע שכנים, האָט אַנטייל גענומען אין דער הילפס־אַקציע

נאָר גראַף פאָטאָצקי. וועלכער האָט געשענקט קאַרטאָפל און האָלץ. אויך האָט ער זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט גראַף אָקאָן וועלכער האָט אין נאָמען פון אויסלענדישן רויטן קרייץ איבערגעשיקט 1000 זל׳ פאַר די יידישע פליטים.

אַזוי האָט מען געשאַפן אַ פאָלקס־קיך אין דזיקעווער קלויז, קעגנאיבער פון דער שול. די פליטים ווי אויך לאַנצוטער אָרעמע לייט האָבן דאָרט געקראָגן וואַרעם עסן דריימאָל אין טאָג. אַ חוץ דעם האָט מען געטיילט האָלץ און קוילן. די נויטבאַדערפטיקע לאַנצוטער יידן, וועלכע זענען נישט אָנגעקומען צו דער פאָלקסקיך, האָבן געקריגן צוגעטיילט פראָדוקטן. אַזוי ווי דאָס קויפן ביי די גויים איז געווען פאַרבאָטן, האָט דער יידנראַט געעפנט אַ בעקעריי אין יהושע פלאַשנס הויז. אָנגעפירט מיט דער בעקעריי האָט לייזער פאָס. אַ חוץ דעם איז געווען אַ קאָלאָניאַל געשעפט אָנגעפירט דורך יעקב דערפלער. דער יידנראַט גופא האָט פאַרקויפט צוגעטיילטע ציגאַרעטן. אין פאָסטאַמט איז יידן געווען פאַרבאָטן צו קומען, האָט דער יידנראַט געעפנט אַ פיליע.

דער ערשטער יידנראַט אין לאַנצוט איז אין זיין טעטיקייט און כאַראַקטער געבליבן טריי דער טראַדיציע פון איבערגעגעבענער כלל־טעטיקייט. כדי אויסצופירן זיין אַרבעט האָט דער יידנראַט געזאַמלט שטייערן. פון קולטורעלער אַרבעט האָט מען דאַן ניט געקענט אפילו טראַכטן. דער יידנראַט האָט געקריגן אַ דערלויבעניש, אַז מען מעג דאַווענען אין שול, נאָר מען האָט ניט אויסגענוצט די דערלויבעניש, ווייל אין די שכנותדיקע שטעטלעך דינאָוו און מיעליץ האָבן די ס. ס. אויסגעשאָסן די יידן אין שול ווי אויך אין באָד, מיט אַ תירוץ, אַז דאָרט זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען.

אין ערשטן מלחמה־פעריאָד האָבן די דייטשן געברענגט קיין לאַנצוט געפאַנגענע פוילישע סאָלדאַטן, „איינגעאָרדנט" זיי אין דער רייט־שולע פון גראַף פאָטאָצקי. צווישן די געפאַנגענע זענען געווען אַ צאָל יידן. ביים העלפן אַנטלויפן יידישע סאָלדאַטן און ביים באַהאַלטן זיי, געבן זיי קליידער, כדי זיך צו באַפרייען פון די מונדירן, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אמתדיקער מסירות נפש די פאַרבליבענע יוגנט פון אַמאָליקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

מיטן אויסברוך פון דייטש־רוסישן קריג איז די לאַגע פון די יידן געוואָרן וואָס אַ מאָל ערגער. מען לעבט אין שטענדיקן פחד, איין גזרה יאָגט די צווייטע. פאַר יעדער קלייניקייט ווערט מען געשאָסן.

די געסטאַפּאָ פון שטעטל האָבן געפאָדערט פאַר זיך גאָלד, זילבער, קליידער און ווערטפולע זאַכן. ביי יעדן באַזוך פון פאָדערן „מתנות" האָבן די דייטשן איבערגעלאָזט קרבנות. פון די ערשטע קרבנות זענען געווען: יעקב דערפלער, וואָלף יאַסעם (בלעכנער). אהרן קרויט (צושניידער). מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. נאָך זיי האָט מען געכאַפּט לייזער איציק גוטמאַן מיט זיין קוזין וואָלף גוטמאַן. זיי האָט מען געשאָסן אין געריכט. אין טאָג ווען עס פלעגן קומען אויף אַ „באַזוך" אין שטעטל די יאַראָסלאַווער געסטאַפּאָ, פלעגט אַן אומבאַשרייבלעכער פחד באַהערשן די יידן. וואו מען האָט נאָר געקענט האָט מען זיך אויסבאַהאַלטן. מיט משה רב יוסף רוקחס זון האָבן די מערדער זיך געשפילט, געהייסן ער זאָל זיי זינגען, קריכן אויף אַלע פיר, טאַנצן. אָנגעזעטיקט דעם סאַדיזם, האָבן זיי אים געשאָסן. אַזוי האָט מען אויסגעהרגעט צענדליקער יידן, צווישן זיי לייביש קערן, לאזער קעשטעכער, אליהו רייך, שמעון וואלצער, ישראל אנמוט, יעקב און לייביש באָט, אַ משפחה פון קראָקע — קרובים ביי לעזער קרעש. אויף דער שוועל פון איר היים האָט מען געשאָסן די פרוי עסטליין מאיר, די סטודענטין סטעמפל פון זשילין. די מערדער האָבן געשטעלט אַ פאָר ציינישע פראַגן די קרבנות, זיי געזאָגט אַז זיי קענען גיין, דאַן האָט מען זיי געשאָסן. דעם ערשטן מאַסן־מאָרד האָט מען אויסגעפירט איבער די צוריק געקערענע פון רוסישן אָקופּאַציע געביט. מען האָט זיי צונויפגעזאַמלט אין געריכט פון שטעטל. אַזייגער איינס ביינאַכט האָט מען זיי אַרויסגעפירט אויף דעם בית־הקברות און דאָרט זיי דערשאָסן. צווישן זיי אַ פאַמיליע פון 9 מענטשן אברהם פעכטער, פייערס אַ שוואָגער פון דאָרף ווישעלוווקע, מלכה וואַסערס איידעם און טאָכטער פון פשעוואָרסק, ברוך וויינבאַך, מאיר ראזמאַרין, שמואל פאפיאל מיט דער פרוי, פרץ וואַסער, יהושע פריי און נאָך צענדליקער אַנדערע.

איינעם פון די קרבנות, וואַסערס איידעם, האָט די קויל געטראָפן אין אויער. פאַר שרעק איז ער געפאַלן ווי טויט. פרוי פעכטער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער האַנט. זיי זענען אַ גאַנצע נאַכט געלעגן צווישן די טויטע אין אַ טייך בלוט. שפעט ביי נאַכט זענען זיי צוריק געקומען אין שטעטל. ד״ר יאַדלינסקי האָט געגעבן דער פרוי פעכטער די ערשטע הילף. דער בירגערמייסטער, אַ פאָלקס־דויטש באָנק האָט איר אַרויסגעגעבן אַ דערלויבניש און אַזוי האָט מען זי אַריינגענומען אין ריישער שפיטאָל. ווען די שוץ־פאָליציי פון יאַראָסלאַוו האָט זיך דערוואוסט פון דעם פאַל, האָבן זיי געכאַפּט די לאַנצוטער יידן זעליג קערנער פון דער צעגעלניע, אַלטער ווייס און משה גאָלדאלעס איידעם, אַ שניידער. זיי האָבן אויפגעגראָבן דעם גרויסן ברודער־קבר און איבערגעציילט די קדושים, דאַן זענען זיי אַוועק אין ריישער שפיטאָל, אַרויסגעשלעפט פון דאָרט די פאַרוואונדעטע און זיי דערשאָסן.

די ווענגערס, אַ קאַליקע, מיט קרומע הענט און פיס, איז געלעגן אַ לענגערע צייט אַ האַלב דערשאָסענע אויף דעם בית־הקברות, יאָמערלעך געקרעכצט, געשאָלטן די דייטשן. אַן אימה איז באַפאַלן די קריסטלעכע פאַרבייגייער, האָבן זיי איבערגעגעבן דער דייטשער פאָליציי און זיי האָבן פאַרענדיקט מיט איר פיינלעכן לעבן.

מיטן אַרעסטירן דעם ערשטן יידנראַט אָנהייב יולי 1942, אויף אַ באַראַטונג צונויפגערופן דורך די יאַראָסלאַווער ס.ס.־לייט, האָט זיך אָנגעהויבן דער שנעלער סוף פון דער לאַנצוטער קהילה. שלמה גרינבוים, לאזער מארדער, יצחק וויינבאַך, שמואל קעשטעכער, אַ שוסטער (דעם בעדערס זון), חיים ערטל, האָט מען אַוועקגעפירט קיין יאַראָסלאַוו, אַ קורצע צייט זיך „געשפילט" מיט זיי, זיי אָנגעטאָן פאַרשידענע עינויים, ביז מען האָט זיי דערשאָסן (דעם 16.7, ב׳ אב, 1942)

אויף די פעלדער ביים אַלטן קלויסטער פון די אַננאַ־קאַסערן. פאַר דעם זענען מיר געשטאַנען אין אַ בריוולעכן קאָנטאַקט מיט זיי, פאַר געלט האָט אַ פוילישע פרוי, בלייערס טאָכטער, זיי געבראַכט עסן, ביז מען האָט זיי געצוואונגען זיך אויס־גראָבן דעם אייגענעם קבר און מען האָט זיי אלע דער־הרגעט.

דער בירגערמייסטער באָנק האָט איבערגעגעבן ד״ר פּאַ־האָרילע, ער זאָל נישט גיין צו דער באַראַטונג. אַזויערנאָך האָבן זיך געראַטעוועט לייזער פּאַס, ראָזענבלום, ישראל גערסטן, ד״ר פּאַהאָרילע, לייזער פאפיאל, זאלפין, קערן יאָסל, קאָרנבלוי.

אין צווייטן יידנראַט איז אַריין אויך ראובן נאַדל, יו״ר, פערלמוטער יואל, משה זיגל, פּאַס, ישראל מילראד. פאַר די לעצטע אַקציעס איז אַרויס אַ פאַראָרדנונג, אַז די פאַרבלי־בענע מוזן באַצאָלן אַלע שטייערן־חובות אויך פאַר די יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן און פאַר די דערהרגעטע. צו קריגן אַ שטיקל ברויט איז אָנגעקומען מיט סכנות נפשות. פאַר קויפן אַביסל מילך פאַר אַ צוויי יעריק קינד, האָט מען נחמן וואל־צער אַרעסטירט אין טאָג פון דער אויסזידלונג, פאר דער „עבירה״ האָט מען אים אין געריכט דערשאָסן. אין די גע־ציילטע טעג פאַרן גרוש אין פעלקיניע צו דער מאַסן־שחיטה, ווען מען האָט זיך געגרייט צום נאָענטן טויט, האָט זיך דערוועקט אַ קעגנזייטיקע, רירענדע הילף.

עס איז אַרויס דער באַפעל פון איבערזידלען די פאַר־בליבענע לאַנצוטער יידן אין דאָרף פעלקיניע. אין אַ טויט־שטימונג האָבן די יידן אויף גיך גענומען דאָס לעצטע ביסל אָרעמקייט און דעם 3.8.1942, כ״א אב, פאַרלאָזט דאָס שטעטל. אויף דעם לעצטן וועג זענען די לאַנצוטער יידן געגאַנגען ווי אַ געטריבענע סטאַדע, אָן אָפּרו, אויסגעמאַטערט, אין א וואָלקן שטויב. ווען זיי זענען שוין אָנגעקומען אין פעלקיניע, האָבן זיי באַגעגנט צוזאמענגעטריבענע יידן פון אַרומיקע שטעטלעך רעדים, פשעוואָרסק, זשילין, דינאָוו און נאָך. ביי די קלאַנגען פון פאַטעפאָן־מוזיק און דייטשע געלעכטערס, האָבן זיי געזאָגט וידוי און קדיש ביים גרויסן, צוגעגרייטן אָפענעם קבר.

לויט אַ רשימה פון לאַנצוט האָט מען 50 יונגע מענטשן אַרויסגענומען פון די רייען און צוריקגעשיקט אין שטעטל, אַלטע, פרויען און קינדער — 5000 יידן — האָט מען אויס־געשאָסן אין משך פון דער נאַכט. פאַרבליבן איז נאָר איין פרוי, וועלכע איז אַרויס שפעט ביינאַכט פון קבר. בשעת דער אַקציע זענען 100 יידן זיך צעלאָפן און אויסבאַהאַלטן אין אַרומיקע דערפער.

די צוריק געקומענע 50 יידן האָבן געקראָגן פאַפירן און מען האָט זיי אַריינגעזעצט אין אַ ניי געשאַפענעם קלענערן געטאָ אין די הייזער פון קארנבלוי, פייער, צעלנער

אַ גרויסער טייל פון די 100 אַנטלאָפענע האָבן זיך דאַן צוריקגעקערט קיין לאַנצוט. ווען די דייטשע חיות האָבן זיך וועגן דעם דערוואוסט, האָבן זיי צוזאַמען מיט פוילישע פּאַ־ליציאַנטן און שקצים (צווישן זיי שליווינסקי) אַדורכגעפירט סיסטעמאַטישע אָבלאַוועס אין געטאָ, צונויפגעטריבן גרופּנ־ווייז געכאַפּטע יידן. אין גאָרטן ביי רייף און צעלנער האָט מען זיי מערדערלעך געשלאָגן און דערנאָך דערשאָסן. „שמע ישראל״־געשרייען בציבור פון פרויען און מענער, אַלטע און קינדער, האָבן אָנגעפילט די לופט...

דעם 17 אָקטאָבער, 1942, מיטן אַרויסשיקן די לעצטע 50 פאַרבליבענע יידן אין געטאָ שיניעווע, איז געקומען דער סוף פון דער יידישער קהילה לאַנצוט. דאָרט האָט זיך פאַר־ענדיקט דער וועג פון יסורים און קידוש השם פון אונדזער שטעטל לאַנצוט.



פון רעכטס זיצן (יושבים מימין): רוזשקאַ מעכלאָוויטש, לייזער פּאַס, מאַניע שטערנהיים; פון רעכטס שטייען (מימין עומדים): שמעון וואָלקנפעלד, שרה וויינבאַך, רוזשקאַ ליפשיץ, חנה העלזינגער

גראַף פּאָטאָצקי און עד־ראיה צו דער פאַרניכטונג פון לאַנצוטער יידן דורך די נאַציס

אין זיינע זכרונות, וואָס גראַף פּאָטאָצקי האָט פאַרעפנטלעכט אין לאָנדאָן אין יאָר 1959, (Master of Lancut), דערציילט דער לעצטער זון פון דער באַוואוסטער אַריסטאָקראַטישער דינאַסטיע, ווי אַזוי לאַנצוט איז אָקופּירט געוואָרן דורך די היטלעריסטן, זייער אכזריות׳דיקע באַציאונג צו די יידן, זייער פאַרטרייבן פון לאַנצוט א. א. וו. עס איז אַלזאָ אינטערעסאַנט צו ברענגען דאָ עטלעכע אויסצוגן פון דעם דערמאָנטן בוך, וועלכע באַרירן דעם חורבן פון לאַנצוט און דעם אומקום פון אירע יידן, ווייל זיי זענען געשריבן דורך אַ נאָבעלן מענטשן, וועלכער האָט געהאָלפן די אומגליקלעכע און די געפייניקטע אין יענער שרעקלעכער צייט.

1. לאַנצוט ווערט אקופּירט דורך די נאַציס

זיי זענען אַריינמאַרשירט 5 אַזייגער אין דער פרי. ביים פרימאָרגן־שיין האָב איך באַמערקט דאָס פאַרבייגיין פון די קאָמפּאַקטע שורות פון דייטשע סאָלדאַטן ביים פּאַלאַץ אין דער ריכטונג צו מזרח זייט. אַ סך אָפּטיילונגען זענען געווען מעכאַניזירט. מיט פאַרצווייפלונג ממש האָב איך איינגעזען, אַז זייער אויסריכטונג איז פיל בעסער ווי ביי אונדזער פּויּלישן מיליטער. אַ גאַנצן טאָג זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען רייענווייז, אין אַן אונענדליכן שטראָם. געווען איז עס זונטיק, און איך מיט מיין מוטער זענען געגאַנגען אין קלויסטער: מיר האָבן געבעטן גאָט פאַר אונדז און פאַר דער שטאָט לאַנצוט, און אונדזער געבעט איז יענעם פרימאָרגן געווען אויפריכטיקער ווי געוויינלעך. באַלד נאָך דעם גאָטעסדינסט האָט מיין מוטער צוזאַמען מיט די נאָנעס און מיטן ד״ר יעדלינסקי געעפנט אַ שפּיטאָל פאַר פאַרוואונדעטע.

נאָכמיטאָג האָט מען מיר געמאָלדן אַז דייטשע אָפיצירן זענען געקומען אין פּאַלץ. איך האָב גלייך באַמערקט, אַז דאָס זענען ס. א. לייט, נאַצעס; זיי זענען געקומען אין באַגלייטונג פון צוויי דאָקטורים, און מיר געמאָלדן אַז זיי האָבן בדעה איינקוואַרטירן אָפיצירן אין פּאַלאַץ.

2. די יידן ווערן פאַרטריבן פון לאַנצוט

די נויט און פּיין פון דער יידישער באַפעלקערונג איז ממש געווען האַרצרייסנד. דעם 26־טן סעפּטעמבער אין דער פרי 1939 האָבן די דייטשן באַפוילן, אַז אַלע יידן מוזן פאַרלאָזן די שטאָט אין משך פון 6 שעה און אַריבערגיין דעם טייך סאַן. די אכזריותדיקייט פון באַפעל האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק אויף די ראַטמענער, און זיי האָבן זיך באַמיט ביי די דייטשן מבטל זיין די גזירה. אָבער — אָן רעזולטאַטן. גאַנצע משפחות, צווישן זיי פיל וואָס זענען געווען איינגעוואָרצלטע איינוואוינער פון לאַנצוט זייט דורי דורות, זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע הייזער ווי בהמות. אַ טייל פון די פאַרטריבענע האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן און נאָכהער געקומען אין פּאַלאַץ בעטן ביי מיר הילף. איך האָב געטאָן וואָס עס איז געווען מעגלעך זיי העלפן אַנטרינען פון זייערע פּייניקער.

3. הילף פאַר די נויטבאַדערפטיקע

ווי נאָר איין דייטשער גענעראַל איז אַרויס פון פּאַלאַץ, איז באַלד געקומען אויף זיין פּלאַץ אַ צווייטער. מען האָט יעדעס מאָל איינקוואַרטירט נייע אָפּטיילונגען. די דייטשן האָבן זיך צעוויסגעלאָזן איבערן לאַנד ווי אַ היישעריק, קאָנפיסקירט עסנוואַרג ביי די פּויערים, און די לאַגע פון די דאָרפישע באַפעלקערונג איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג.

כדי זיי צו העלפן האָב איך געשאַפן אַ „הילפס־קאָמיטעט” און פאַרטיילט אומזיסטע מאָלצייטן פאַר די נויטבאַדערפטיקע. מיין מוטער האָט פיל געהאָלפן די אָרעמע משפחות, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר די דייטשן. עס איז געווען אַ פינסטערע עפּאָכע פאַר אונדז אַלעמען, אָבער אין דער אַלגעמיינער אונזיכערהייט האָב איך דאָך געפונען אַ וועג ווי אַזוי געבן שוץ די אַלע, וואָס איך האָב געפילט פאַר מיין חוב צו העלפן.

דער „הילפס־קאָמיטעט” האָט פאַרטיילט מער ווי 400 מאָלצייטן אַ טאָג.* מיין מוטער האָט געאַרבעט 8 שעה אַ טאָג אין שפּיטאָל און פלעגט קומען אינגאַנצן דערשעפּט אַהיים. איך האָב איר געבעטן זי זאָל זיך ניט אַזוי פיל אָנשטרענגען, אָבער זי האָט מיר נישט געפאָלגט.

4. אַרעסטן אין פּאַלאַץ

דעם 2־טן נאָוועמבער 1941 האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער וואַלד היטער און זיינע צוויי זין זענען פאַרשוואונדן געוואָרן. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי די דייטשן און זיי האָבן מיר געענטפערט, אַז זיי זענען אַרעסטירט. קומענדיק צוריק אין פּאַלאַץ, האָב איך באַמערקט דייטשע פּאָסטנס אין דרויסן און אויך אין פּאַלאַץ גופא. איך האָב געפאָדערט אַן דערקלערונג. די דייטשן האָבן מיר געענטפערט קאַלטבלוטיק: „דער פּאַלאַץ איז אַרומגערינגלט” עטלעכע שעה נאָכדעם האָב איך אַוועקגעשיקט מיין מוטער אין לובאָמירסקיס הויף טירט געוואָרן און אָפּגעשיקט אין אַן אומבאַוואוסטער ריכטונג, און די גיטער פון גראַף טשאַרטאָריסקי זענען קאָנפיסקירט געוואָרן דורך די דייטשן. מורא האָבנדיק אַז קירצלעך וועלן די דייטשן אָנווענדן צו מיר די זעלבע מיטלען, האָב איך אַוועקגעשיקט מיין מוטער אין לובאָמירסקיס הויף אין פּשעוואָרסק, כדי פאַרמיידן פון איר עגמת־נפש.

5. יידישע פליטים אין לאַנצוט

מאַסן יידן אין אַ טרויעריקן צושטאַנד, וועלכע זענען פאַרטריבן געוואָרן פון דייטשלאַנד און מערב פּוילן, האָבן

* ...אַזוי אַרום האָבן די יידישע פאָלקסקיכן אין לאַנצוט באַקומען קאַרטאָפל פון בעסטן סאָרט — דעמאָלט ממש אַן אוצר (ד״ר מיכאל ווייכערט, יידישער אליינהילף).

אַנגעהויבן זיך באַוויזן אין לאַנצוט פאַר ניי־יאָר. זייער נויט איז אוממעגלעך צו באַשרייבן, און עס איז נישט צו פאַרשטיין מיטן שכל דאָס מענטשלעכע שיפלות פון זייערע פייניקער. זייער בעסטיאַליטעט איז אַריבערגעגאַנגען יעדער פאַנטאַזיע, און איז פשוט אומגלויבלעך — אויסער די וואָס האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען די יסורים פון די אומשולדיקע מענטשן, מענער, פרויען און קינדער.

6. דאָס פאַרניכטן פון די לאַנצוטער יידן

דער גרויזאַמער ווינטער 1942, האָט פאַרשטאַרקט די ליידן פון פוילישן פאָלק און זיינע ליידן. מענטשן האָבן געליטן פון הונגער אין אַ קאַלטן ווינטער, וואָס האָט זיך פאַרצויגן אויך אין פרילינג. זומערצייט האָבן די נאַציס פאַרשטאַרקט זייערע „אַקציעס" קעגן די יידן. אין מאַנאַט אויגוסט, ווען די דייטשן זענען דערגאַנגען ביז דער וואָלגע, צפון זייט פון סטאַלינגראַד, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פאַרניכטן פון די לאַנצוטער יידן.

עטלעכע יידישע מענער און פרויען, מער ענערגישע, זענען אַנטרונען פון די „אַקציעס" און אַנטלאָפן אין די וועלדער, און דאָרט באַקומען הילף ביי די פויערים און פאַרטיזאַנער וועלכע זענען געווען טעטיק אין לאַנצוטער קרייז און געוואוינט אין די דערפער. איך האָב באַפוילן מיינע אַגענטן אין אונטערגרונד, אַז זיי זאָלן העלפן די דערמאָנטע יידן און שטערן די „אַקציעס" פון די דייטשן.

מיין באַציאונג צו די פליטים פון נאַצישן טעראָר און צו די פאַרטיזאַנער איז געווען באַקאַנט, און פיל פלעגן קומען ביינאַכט אין פּאַלאַץ בעטן שפּייז, טראָץ דער געפאַר וואָס איז געווען פאַרבונדן דערביי. נישט אַלע זענען געווען פּאַטריאָטן און געיאָגטע דורך די נאַצעס. דאָך פלעגן מיר זיי געבן הילף און שפּייז. איך האָב פאַרגרעסערט די צאָל אַרבעטער אין פּאַלאַץ פון 60 ביז 100, וועלכע האָבן געזאָלט, כלומרשט, רייניקן עפּעטער פאַר די דייטשע סאָלדאַטן. אויף אַזאַ אופן האָב איך געגעבן אַן אויפהאַלט־פּלאַץ פאַר פיל פליטים,** וועלכע וואָלטן אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט און אַוועקגעשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערן.

** ד"ר מיכאל וויכערט אין זיין בוך יידישע אליינהילף, 1939—1945, ז' 292 שרייבט: ...אין לאנצוט האָט גראף פּאָטאָצקיס גיטער פאַרוואַלטונג אָפּגעזאָגט אָנצונעמען יידן, פאַררופנדיק זיך איפן פאַרווער פון אַרבעט־אַמט.

א גרוס פון רוסלאנד

(א בריוו פון משה ראזענבליט הי"ד)

ליבער מיכאל!

דו ווייסט אַוודאי אַז איך בין אין סאָוויעט־רוסלאַנד, פאַרטריבן פון לאַנצוט. איך בין אַוועק פון לאַנצוט (געדענקסטו נאָך אונדזער שטעטל?) דעם 7/9, דעם זיבעטן טאָג פון דער מלחמה. מיר האָבן געמאַכט 510 ק"מ צופוס. מיר זענען דערגאַנגען ביז צו דער רוסישער גרענעץ. כ'בין געלעגן אונטער באָמבעס, אונטער פייער פון מאַשין־געווער. איך ווייס נישט ווי בין איך אַרויס גאַנץ פון דעם גיהינום.

דאָ איז אַ מדינה פון האַרטע מענטשן, אַ וועלט פון האַרטע פנימער, אָפענע פנימער, שטאַרקע שטערנס, זעלטן ווער עס לאַכט. איך לערן די שפּראַך, זי איז מיר פרעמד, ווייל כ'האָב זי קיינמאָל נישט געהערט. אין קינדערס מיילעכלעך קלינגט עס אַזוי ווייך אַרויס דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי.

די גרויסקייט פון דער מדינה און די פילפאַרביקייט פאַרדרייט דעם קאָפּ. עפּעס איז מען פיל מיט האָפנונג און מיט פחד פאַר דעם בייעם. וואָס פאַר אַ וועלט גרייט זיך פאַר אונדז? זיי זענען גאָר גוטע מענטשן, זיי טרייבן ניט, יאָגן ניט, דערמאָנען דיך נאָר, אַז מ'דאַרף אַרבעטן, אַרבעטן, אַרבעטן. און דו זעסט ווי פאַר דיינע אויגן ענדערט זיך אַ שטיק לעבן, עס קנוילט זיך עפּעס אַרויס.

אין דרויסן — אַ שטורעם, אַ פייער, אַ גיהינום: די וועלט־מלחמה. אין דער היים דער דייטש, דו ווייסט וואָס עס הייסט נאַצי דייטשלאַנד. 610 יידן דערשאָסן אין פשעמישל, 70 אין דינאָוו, 37 סענדישעוו. און גלאַט דאָס רחמנות געפיל מיט דעם „גוטסקייט" וואָס קוקט זיי אַרויס פון די אויגן... כ'זאָג דיר אַז יידן דאַרפן ווערן לעת־מצוא מערדער, בלוטיקע גואל־הדמ'ס. איך אַליין האָב קיין גרויסע זאַכן ניט געזען, נאָר כ'וואָלט אַזאַ יונגן דייטש מיט אייגענע הענט געשאָסן. דו ווייסט וואָס עס מיינט שיסן צו קינדער און פרויען פון אַ מאַשין געווער, פון אַעראָפּלאַן? ניין, כ'ווינטש דיר ניט, זאָלסט זען ווי מענטשן וועלכע זענען אַנטלאָפן 200 ק"מ פון דער היים, ווערן אויפן וועג דערשאָסן, נישט חלילה פון אַ באָמבע, אַ ערד ציטערניש, ניין, נאָר פון אַ מערדערישע קויל, פון אַ דייטשער ביקס, פון אַעראָפּלאַן. אוי, נקמה! יוסט איז אין באַלעכאָוו, איציק פּאַפּיאַל, איציק גרינבוים אין לעמבערג. 90% לאַנצוטער מענער זענען דאָ. יאָסעק טוכפעלד איז אין קרים. פיל, פיל אין דאָנבאַס.

סאַנדאָוער איז געשטאָרבן אין דאָנבאַס. יאָסל זייפערט איז אין לעמבערג, שיק מיין בריוו צו אַנשיל כ"ץ. גריס אפרים זיסאַפּל (זיין פאָטער איז אין קאַליש). קיין איין לאַנצוטער זאָלסט נישט פאַרפעלן צו גריסן. און שרייב מיר באַלד אַ בריוו גענוי וואָס טוט זיך, דו ווייסט דאָך וואָס און ווען. מיין ווייב און מאַמע, שוועסטער און ברידער מיט די קינדער גריסן דיך.

אויב דו קענסט, שרייב מיין משפחה קיין אַמעריקע, אַז איך לעב און ווינטש זיי אַלעס בעסטע.

זיי געזונט און שטאַרק

דיין משה

3.5.1940

שיינדל קעשטעכער (פרידער) ניו־יאָרק

ווונדן וואס קאנען זיך נישט פארהיילן



איך ווייס נאָך אַליין נישט פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר, אַ שוואַכע פרוי, גענומען אַזאַ כוח און עקשנות צו וועלן לעבן, איבערלעבן די שוואַרצע טעג און זען וואָס שפּעטער וועט זיין. אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז וואָס מער די פּעטלע האָט זיך גענומען צוציען ביים האַלדז, אַלץ מער האָט באַהערשט אַ געפיל זיך אַליין צו ראַטעווען. מיין מוח האָט געאַרבעט און געוועבט פאַרשידענע פּלענער, מ׳קאָן זאָגן פּרימיטיווע איינפאַלן, וואָס יעדער פאַרנינפטיקער מענטש וואָלט אין זיי געזען אַ דורכפאַל, און דאָך האָב איך גענומען דעם גורל אין מיין האַנט אַריין.

געווען איז דאָס אין סעפּטעמבער 1942, ווען די דייטשן האָבן ענטגילטיק אַרויסגעטריבן די לאַנצוטער יידן. אַ גרופּע פון 50 לאַנצוטער יידן זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין שיניוועך געטאָ. דאָס זענען געווען געזונטע מענטשן, וואָס מ׳האָט צוריקגעשיקט פון פעלקינער זאַמל־צענטער (לייען, פאַרניכטונגס־לאַגער). האָב איך זיך אַיינגעשפּאַרט און פּרובירט זיך צו ראַטעווען. געוואוסט האָב איך, אַז דער קאַמף איז אַ שווערער. איך בין געווען אָן געלט, אָן מיטלען צו לעבן, און דער עיקר אָן דאָקומענטן! אָבער מיין אינטואיציע האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז דאָס שטאַרקסטע געווער, מיט וועלכן כ׳וועל זיך קענען פאַרטיידיקן איז — דרייסטקייט. איך האָב דעריבער באַלד אונטערגענומען אַ ריזיקאַלישן שריט און זיך אַריינגעשוואַרצט קיין קראָקע, אין אַן אַרבעטסלאַגער פון פּאָליאַקן, דאָרט איז געווען אַ זאַמל־פּונקט פאַר פּאָליאַקן, וואָס זענען פרייוויליק געפאָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. דאָרט בין איך אָנגעגאַנגען אַלס שיקסל און מיט דעם זעלבן טראַנספּאָרט, וואָס די דייטשן האָבן אַרויסגעשיקט די פּאָליאַקן, בין איך געוואָרן מיטגעשיקט און כ׳בין אָנגעקומען קיין בערלין.

אַזוי האָב איך געלעבט צוויי מיט אַ האַלב יאָר אַלס שיקסל אין אַ פּוילישן לאַגער ביז כ׳האָב דערלעבט די באַפרייאונג.

עס זאָגט זיך נאָר אַזוי לייכט „איבערגעלעבט”, אין דעראמת׳ן זענען די צוויי און האַלב יאָר צווישן די „ליבע” פּאָליאַקן געווען אַן אייביקייט פון שרעק און פּיינונגען. יעדער טאָג איז פאַר מיר געווען אַ געראַנגל צווישן לעבן און טויט. איך האָב קיין איין סעקונדע נישט געטאָרט פאַרגעסן זיך צו מאַסקירן. אויף יעדן טריט און שריט האָב איך געמוזט געדענקען ווער איך בין, און וואָס פאַר אַ ראָלע איך דאַרף שפּילן. איך האָב געהאַט דעם פּוילישן נאָמען, וואָס כ׳האָב אָנגענומען און מיין גאַנצע סביבה, צווישן וועלכער איך האָב זיך געמוטשעט. איך האָב גייסטיק פיל געליטן, אָבער אַלץ דערשטיקט אין זיך. ווען עס האָט ווער זיך דערנענטערט צו מיר און אָנגעהויבן פירן מיט מיר אַ געשפּרעך, האָב איך תמיד אַ ציטער געטאָן, טראַכטנדיק — „אוי זי גייט שוין מיר זאָגן ווער איך בין...”. קיין אויסוועג אויף גיין צוריק האָב איך שוין נישט געהאַט. אָבער דאָס אַלץ, וואָס ס׳איז מיט מיר פאָרגעקומען האָט מיר אויסגעזען ווי ס׳וואָלט געווען אַ בייזער חלום. איך האָב אַליין נישט געגלויבט, אין דער ריכטיקייט, אַז כ׳בין דאָ אַהערגעקומען לויט מיין אייגענעם ווילן און דרייסטקייט. און וואָס איז דאָס אייגנטלעך? פּחדנות, אָדער אַ קוואַל פון גבורה, וואָס לאָזט דיך נישט צוליב טאָן דעם שונא? איך האָב נישט מורא געהאַט פאַרן טויט. כ׳האָב אָבער נישט געוואָלט אומקומען דורך די דייטשע מערדער. אַזוי זייענדיק אַליין מיט מיינע געדאנקען, איז מיר ווידער געוואָרן טרויעריק אויפן האַרצן, ווען כ׳האָב אַ טראַכט געטאָן: „פאַר וואָס זאָל איך לעבן און זיי אַלע נישט? פאַר וואָס האָב איך זיך אָפּגעריסן ווי אַ חיה אין פעלד, און פון זיי אַנטלאָפן?” און דאָ האָבן ווי שפּיציקע שפּיזן געשטאָכן מיין האַרץ די ווערטער, וואָס עס האָט מיר געזאָגט אַן אינטעליגענטער פּאָליאַק: „דו דאַרפסט גיין צוזאַמען מיט אַלע. דאָס איז דער גורל פון אייך, יידן!, און קעגן גורל דאַרף מען נישט קעמפן”! איך האָב זיינע ווערטער געדענקט. אָפּטמאָל האָב איך געטראַכט דער דאָקטער איז גערעכט געווען איך האָב באַדויערט דאָס גאַנצע שפּיל, וואָס כ׳האָב זיך אונטערגענומען, און געטראַכט, „ווי ווויל וואָלט מיר געווען, ווען כוואָלט געגאַנגען מיט זיי צוזאַמען”. אָבער דאָס זענען אַלץ געווען געדאַנקען, וועלכע האָבן אויפגעלעבט אין פינצטערע שלאָפלאָזע נעכט, ווען כ׳האָב געמאַכט אַ חשבון הנפש אויפן האַרטן געלעגער. ווי נאָר עס איז געקומען דער טאָג האָב איך ווייטער געמוזט אויפנעמען דעם „בעל כרחך את חיה” און אָנגיין אַלס פּויליש שיקסל... אַזוי פאַרטאָן אין געדאַנקען, האָב איך מיר תמיד פאָרגעשטעלט די זיסע האָפענונג, „ווי גוט וועט מיר זיין ווען איך וועל הויך דאָ צווישן די אַלע פּאָליאַקן קענען אויס־

שרייען: „איך בין אַ זשידאָווקע״ אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן האָב איך ווידער אַ ציטער געטאָן: „האָט ווער מיינע געדאַנקען נישט געהערט?״. כ׳האָב קלאָר פאַרשטאַנען אַז אַזאַ אויסגעשריי אין איצטיקן מאָמענט וואָלט אַלץ פאַרענדיקט...

מיט איינמאָל האָט זיך דער בייזער חלום אויסגעוועפּט. די באַפרייאונג איז געקומען!

ערשט איצט האָב איך זיך דערפילט עלנט און שוואַך. דערזעענדיק די דייטשע מפלה, האָב איך אַלץ געצווייפלט: האָב איך טאַקע איבערגעלעבט? אָבער די פרייד איז מיר נישט באַקומען. מיין האַרץ האָט געשניטן, ווען כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אַלע מיינע נאָענטע זענען אומגעקומען. און ווער בין איך? וואו איז מיין היים? בערלין איז נאָך געווען אַ גרויס שלאַכט פעלד, אין שטאָט זענען געווען טויזנטער צוואַנגס־אַרבעטער, וואָס די דייטשן האָבן געכאַפּט אין די אָקופּירטע לענדער און פאַרשיקט אויף אַרבעט. די רויטע אַרמיי האָט פאַראָרדנט די מענטשן זאָלן פאַרלאָזן בערלין און גיין אין זייערע היימען. מיר זענען געגאַנגען צופוס פון בערלין, אָבער שוין אָן מורא. אויפן וועג האָב איך געטראָפן נאָך אַ יידיש מיידל און איך האָב איר דערציילט מיינע איבערלעבונגען.

...אין אַ רואיקן טאָג זענען פלוצים אַריינגעקומען אין אונדזער לאַגער צוויי געסטאַפּאָ־לייט, זיך געפרעגט אויף מיר און מיך מיטגענומען מיט זיך. איך האָב געטראַכט, אַז דאָס איז די ענדע. זיי האָבן מיך אַריינגעזעצט אין אַ יידישן אַרעסט לאַגער, וואו ס׳זענען געווען יידן, געכאַפּטע אין דער געגנט אַרום בערלין. פון דאָרט האָט מען אַלע אַוועקגעשיקט אין די פאַרניכטונגס לאַגערן. שפּעטער האָבן זיי מיך גענומען אויף אַן אויספאָרשונג. די געסטאַפּאָ לייט האָבן מיר גלייך געזאָגט, אַז אַ פּאָליאַק האָט זיי געמאָלדן, אַז איך בין אַ יידישע, און געהער נישט אין זייער לאַגער. די אויספאָרשונג איז געווען אַ לאַנגע און שווערע. די געסטאַפּאָווצעס האָבן מיר געשטעלט קרייץ־פראַגן, און נישט אַראָפּגעלאָזט פון מיר קיין אויג. זיי האָבן געפאָרשט יעדע באַוועגונג מיינע. ווייזט אויס אַז דאָס האַרץ איז ביי מיר געווען פאַרגליווערט, דאָס פּנים אָן אויסדרוק. איך האָב קאַלט און נאַכלעסיק געענטפערט אויף זייערע פראַגן, ווי נישט מיך מיינט מען... אַזוי האָבן זיי מיך געמוטשעט צוויי טעג, און צום סוף מיך צוריקגעשיקט אין דעם לאַגער פון פּאָליאַקן.

צוריקקומענדיק אין לאַגער האָבן די פּאָליאַקן אויפגעשטעלט די אויגן: „ווי קאָן דאָס אַזאַ פאַל פּאַסירן — אַרויסצוקומען לעבעדיק פון די געסטאַפּאָ?״ דאָס האָט מיר צוגעגעבן מער חשיבות, און זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז איך בין נישט קיין „זשידאָווקע״. אויף מיר האָבן אָבער די צוויי טעג אין די געסטאַפּאָס הענט שרעקלעך געווירקט. איך בין זייער ערנסט קראַנק געוואָרן.

אָבער דאָס איז נישט געווען דער איינציקער פאַל פון אַ פאַרדאַכט אויף מיר, אַז כ׳בין אַ יידישע. מיט אַ צייט שפּעטער האָבן מיך עטלעכע פּאָליאַקן פון לאַנצוטער אומגעגנט דערקענט און אָנגעהויבן שרייען אויף מיר „זשידאָווקאַ״! איך האָב מיך דאַמאָלסט קוים אַרויסגעדרייט מיטן לעבן.

בעת די שווערסטע באָמבאַרדירונגען האָב איך געוואוינט אין בערלין. נישט געווען קיין הויז, וואָס איז איבערגעבליבן גאַנץ. ביי טאָג האָבן באָמבאַרדירט די אַמעריקאַנער און ביי נאַכט די ענגלישע עראָפּלאַנען. די ענגלישע באָמבאַרדירער עסקאַדרעס זענען אָנגעקומען אַזוי פּינקטלעך, 10 אין אָוונט, אַז מהאָט געקענט לויט זיי אָנשטעלן דעם זייגער. הייזער זענען איינגעפאַלן און מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן. איך בין צוויי מאָל געווען פאַרשיט אונטער די רואינען פון אַ באָמבאַרדירט הויז. ביים ענדע פון די קאַמפן זענען די רוסן געווען פון איין זייט און די דייטשן פון דער אַנדערער, און מיר אין דערמיט. דאָס פייער האָט זיך געשאָטן פון אַלע זייטן. ווי נאָר די ערשטע קאַמפן האָבן זיך איינגעשטעלט, האָט מען גענומט די שטאָט פאַרלאָזן. דעם 15־טן מאי 1945 האָב איך אָנגעהויבן גיין צופוס פון מערב ביז פּאָזען און פון דאָרט זיך דערשלעפּט ביז לאַנצוט.

אַן אויסגעמוטשעטע, אָן אַ גראָשן געלט, אָן אַ היים, איינע אַליין, בין איך געבליבן שטיין אין מיטן מאַרק און זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע יידישע הייזער, געוואַרט אפשר וועט זיך עפענען אַ טיר און ס׳וועט זיך באַווייזן אַ באַקאַנט יידיש פּנים. אָבער קיין איין באַקאַנט יידיש פּנים האָט זיך נישט באַוויזן! קיין איין ייד האָב איך נישט געזען! אַ ווייטיק האָט געריסן אין מיין האַרץ. איך האָב געפילט, אַז עס פעלט מיר אויס אָטעם. אפשר איז די גאַנצע לופט פאַרגאַזט? אפשר פיל איך די גאַז־לופט פון די אומגעקומענע לאַנצוטער יידן? ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז כ׳טרעט אויפן אַש פון די פאַרברענטע קדושים. און איך אַליין בין דען אינגאַנצן געבליבן? עפּעס איז דאָך מיין אייגנס אויך פאַרברענט געוואָרן. געפינט זיך דען נישט אַ ביסעלע פון דעם זעלבן גאַז אויך אין מיינע לונגען? ווי קאָן דאָס מעגלעך זיין איך זאָל האָבן מיט מיין אייגענעם נפש אַזוי טרוקן אַרויס? צי וועל איך דען דאָס אַלץ קענען פאַרגעסן?

איך האָב געזוכט אַ מענטש, איך בין געלאָפן אין אַלע לאַנצוטער גאַסן זוכן אַ פריינד, הערן אַ גוט מענטשלעך וואָרט. אַ סך פּאָליאַקן האָבן מיך דערקענט, אָנגעשטעלט מויל און אויערן, צו הערן ווי אַזוי כ׳בין ניצול געוואָרן, אָבער אַנשטאָט אַרויסצוווייזן מיטלייד און גאַסטפריינדלעכקייט, האָבן זיי מיר גאָר געראָטן נישט צו נעכטיקן אין לאַנצוט. „דאָ איז אַ געפאַר פאַר דיר צו נעכטיקן״. „די ייִנגלעך (געמיינט די א־קא באַנדעס) „רייניקן״ אויס די יידן, וואָס באַווייזן זיך פון זייערע באַהעלטענישן״... און אַז איך האָב געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג: וואָס? פּאָליאַקן טוען דאָס זעלבע וואָס די דייטשן? האָבן זיי מיר געלאַכט אין די אויגן אַריין און ציניש געענטפערט: „וואָס פאַר אַ זשידאָווקע ביסטו, אַז דו ביסט נישט מיטגעגאַנגען מיט אַלע יידן?״ זיי האָבן געקוקט אויף מיר ווי אויף אַן איבעריקן מענטשן, וואָס האָט נישט קיין רעכט צו לעבן. איך האָב אָבער געזען, אַז דאָס איז נישט קיין שפּאַס. בין איך דעם זעלבן טאָג אַוועק קיין ריישע.

אין ריישע האָב איך געטראָפן אַ ביסל יידן, וואָס האָבן איבערגעלעבט. זיי האָבן זייער לעבן געראַטעוועט אויף פאַרשידענע אופנים. אָבער אויך אין ריישע האָב איך נישט

געקענט לאַנג פֿאַרבלייבן. דעם 16־טן יוני 1945 האָבן די פּאָליאַקן געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף יידן. דאָס איז געווען אַ פּאָגראָם, אָרגאַניזירט מיט אַלע אויסגעפּרוווטע מיטלען. זיי האָבן אונטערגעוואָרפֿן אַ טויט קריסטלעך פּויליש קינד אין דער געגנט, ווו יידן האָבן געוווינט און געמאַכט אַן אַלאַרם, אַז יידן האָבן דאָס קינד דערמאָרדעט. גאַנצע באַנדעס פּאָליאַקן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין יידישע הייזער און אָנגעהויבן צו שלאָגן יידן. די פּאָליציי האָט קוים מיט שווערע אָנשטרענגונגען באַרואיקט דעם צעבושעוועטן המון. אָבער זייער ציל האָבן די פּאָליאַקן דערגרייכט. די יידן האָבן שוין מורא געהאַט צו בלייבן אין ריישע, און ווייטער געוואַנדערט... איך בין דאַמאָלס אַוועק פֿון ריישע, און געווען אַ קורצע צייט אין קאַטאָוויץ, און פֿון דאָרט צוריק קיין בערלין. דעם 31.12.1947 בין איך אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

דער פֿאַרביקער קאַליידיסקאָפּ פֿון אַמעריקאַנער לעבן, די פֿרייהייט און מענטשלעכע באַגריפֿן, זענען אָבער אויך נישט אימשטאַנד מיך צו מאַכן פֿאַרגעסן אין דאָס אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיינע נאָענטע, מיט מיין געבוירן שטעטל, און מיטן אייראָפּעישן יידנטום. איך הער נאָך היינט דאָס געוויין און די תּפֿילות פֿון די מאַמעס מיט די קליינע קינדער אויף די הענט, וואָס זענען געגאַנגען זייער לעצטן וועג קיין פּעלקין. פֿון פֿאָרנט איז דעמאָלט געווען אַן אָפּגרונט, אויף צוריק איז נישט געווען קיין וועג, און אַרום זענען געשטאַנען ווילדע בלוטדאָרשטיקע חיות. אַזוי זענען פֿאַרניכטעט געוואָרן די יידן פֿון לאַנצוט און אומעטום.

נאָר נאַיווע מענטשן קענען זיך וווּנדערן: פֿאַר וואָס מ'האָט נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד? אין אָנהויב 1942 איז שוין אין לאַנצוט נישט געווען קיין איין פֿאַמיליע, אין וועלכע עס זאָלן נישט האָבן אַוועקגעריסן געוואָרן קרבנות. דער מוט איז געפֿאַלן, און יעדער האָט שוין געוואָלט טיילן דעם גורל מיט אַנדערע. נישט געווען דער כּוח זיך אַקעגנצושטעלן. מען האָט געוווּסט, אַז די פּאָליאַקן וועלן נישט צוהעלפֿן די יידן. פֿאַרקערט, זיי האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט, רייך צו ווערן פֿון יידיש פֿאַרמעגן.

אין לאַנצוט זענען געווען יידישע פּליטים פֿון לאָדזש. און צוזאַמען מיט אַ סך לאַנצוטער יידן זענען זיי אַריבער אויף יענער זייט סאַן. דאָס אומגליק איז אָבער געווען, וואָס אַ סך זענען צוריקגעקומען.

נאָך מער פֿון אַלע יידן האָט געהאַט אויסצושטיין די יידישע קהילה. דער אַזויגערופֿענער „יודנראַט" איז געווען פֿאַר אַלעם פֿאַראַנטוואָרטלעך. די לעצטע מיטגלידער פֿון דער לאַנצוטער קהילה (יודנראַט) האָבן די דייטשן געטריבן קיין יאַראָסלאַוו און זיי דאָרט אַריינגעזעצט אין תּפֿיסה. אַזוי האָט מען זיי געמאַטערט מיט הונגער 6 חדשים און דעם 20־טן יולי 1942 אַלע דערשאָסן. איך געדענק גענוי דעם דאַטום, ווייל צווישן די אַרעסטירטע איז געווען מיין ברודער שמואל קעשטעכער איך געדענק אויך אַז עס איז דאָרט אומגעקומען שלמה גרינבוים, לאַזער מאַרדער און טולעק רייכס שוואָגער (איך האָב געשיקט צו זיי אין תּפֿיסה גאַנצע פּעק עסן, ווייל זיי האָבן געליטן הונגער)...

נאָך דעם ווי די מיטגלידער פֿון יודנראַט זענען דערשאָסן געוואָרן, האָט שוין מער קיין יידישע קהילה נישט עקזיסטירט. קיין סך יידן זענען שוין אין לאַנצוט נישט געבליבן, און די וואָס זענען געווען, האָבן אויסגעזען ווי שאָטנס פֿון מענטשן.

אין לאַנצוט האָבן זיך די דייטשע זשאַנדאַרמעריע און געסטאַפּאָ אָפּט מאָל געביטן. אַלע מאָל זענען אָנגעקומען אַנדערע מערדער־ספּעציאַליסטן. עס זענען געווען אַ פּאָר גוט באַקאַנטע רוצחים. איינער פֿון זיי שטייט מיר נאָך היינט פֿאַר די אויגן. דאָס איז געווען אַ רויטהאָריקער דייטש, מיט אַן אָנגעגאָסן פּנים און תּמיד שיכּורע אויגן. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ גרויסן „וואָלף" וואָס האָט אים צוגעהאָלפֿן צו זיינע בלוטיקע פֿאַרברעכנס. דער „רויטער" איז געווען אַ ווילדער מערדער. ווו נאָר ער האָט געזען אַ ייד, האָט ער גלייך אָנגערייצט דעם הונט. דער הונט האָט זיך געוואָרפֿן אויפֿן קרבן, געביסן און אַרויסגעריסן פֿון אים שטיקער פֿלייש, און ער, דער בעל הבית פֿון הונט, איז געשטאַנען און מיט פֿאַרגעניגן זיך צוגעקוקט. אַז דער קרבן זיינער איז שוין געווען האַלב צעריסן, האָט דער זשאַנדאַרם פֿאַמעלעך אַרויסגעצויגן דעם לאַנגן רעוואָלווער און פֿאַרענדיקט דעם יידנס לעבן מיט אַריינשיסן אים אַ קויל אין קאָפּ. איך געדענק נאָך נעמען פֿון די יידן וואָס דער רויטער דייטש האָט דערמאָרדעט: אליהו רייך, יעקב באָט, מיין קוזין אליעזר קעשטעכער, ליפּע קאָרנבלומס פֿרוי און אַנדערע. אין דער זעלבער צייט איז אויך דערשאָסן געוואָרן שמעון וואַלצער, דער ברודער פֿון מיכאל וואַלצער. מיכאל וואַלצערס שוועסטער חייטשע האָט זיך געפּרוּווט ראַטעווען. זי האָט זיך איבערגעטאָן פֿאַר אַ נאָנע, און אַוועק צו אירס אַ פֿעטער. אין אַן אַנדערע שטאָט. אָבער דאָרט האָט זי אויך נישט אויסגעמיטן דער גורל און זי איז צוזאַמען מיט די דאָרטיקע יידן אומגעקומען.

נאָך איין סאַדיסטישער מערדער האָט געבושעוועט אין לאַנצוט. זיין טרייפֿענער נאָמען איז געווען יוזעף קאָקאָט (אַזוי האָט מען אים גערופֿן). אָבער אים האָט מען געכאַפּט נאָך דער באַפֿרייאונג, און ער האָט זיכער באַקומען זיין פֿאַרדינטן אורטייל.

עס איז אמת, אַז עס זענען געווען געציילטע פֿאַלן, ווען פּאָליאַקן האָבן געהאָלפֿן יידן זיך אויסבאַהאַלטן, אָבער עס זענען געווען אַ סך פּאָליאַקן וואָס האָבן צוגעהאָלפֿן די דייטשן אויסצוגעפֿינען די באַהאַלטענע יידן.

איך וויל אויך דערמאָנען די צענדליקער לאַנצוטער יידישע פֿאַמיליעס, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין קיין פּעלקיניע, און געפּרוּווט אַנטלויפֿן אין די דערפֿער, זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן.

עדה פניק־קאָרנבלאָו־באָט קרית־חיים

אין געטאָס און לאַגערן



די מאַמע (עדה פעניק) מיטן קינד (שלמה באָט)

איך בין געבוירן געוואָרן אין לאַנצוט, דעם 6־טן אָקטאָבער 1916, אַלס טאָכטער פון שמואל הערש קאָרנבלוי און אַמאַליא (פון צוהויז — לייענער). פון מיינע לעבן געבליבענע שוועסטער בלומה וואוינט אין ישראל, פרידא אין אַמעריקע, און פעסיע איז אומגעקומען אין דער צייט פון דער היטלער אָקופּאַציע. פון מיינע אומגעקומענע ברידער, איז חיים דערהרגעט געוואָרן דורך אַ גוי אין מאַרקאָווע. יוסף ישראל, אפרים און שלמה לייב זענען אומגעקומען פון היטלעריסטישע הענט.

איך האָב באַזוכט די האַנדלסשול אין לאַנצוט און דאָרט געווען ביים אויסברוך פון קריג. נאָך דער מלחמה האָב איך צוריקגעקערט אין יאָר 1945 קיין פוילן. אין יאָר 1951 בין איך געקומען מיט מיין פאַמיליע קיין ישראל.

לאַנצוט — די ערשטע אויסזידלונג

לאַנצוט האָט געציילט פאַרן קריג 8 טויזנט מענטשן. ס׳רוב יידן זענען געווען סוחרים און אינהאַבער פון געשעפטן. די יוגנט איז געווען אָרגאַניזירט אין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, פון וועלכע די שטאַרקסטע זענען געווען די אַלגעמיינע ציוניסטן. די יידן האָבן זיך אויך באַשעפטיקט אַלס מעקלער און ליפעראַנטן ביים גוט פון גראַף פּאָטאָצקי, צו וועמען עס האָבן געהערט די צעגעלניע, מילן, בראַוואַרניעס, ליקער־פאַבריקן. איך בין געווען אַ מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע „עקיבא". ס׳זיינען אויך געווען אין לאַנצוט יידישע ספּאָרטקלובן, אַ יידישע ביבליאָטעק, אַן אָרקעסטער.

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין לאַנצוט אין סעפּטעמבער 1939 איז אַ שרעק באַפאַלן די יידישע באַפעלקערונג, אָבער מען האָט זיך געטרייסט, אַז די דייטשן זענען דאָך אַ פאָלק פון קולטור, ווער ס׳וועט זיין לאָיאַל צו זיי, דעם וועט גאָרניט געשען.

וואָס אַן אמת — די ערשטע טעג זענען אַריבער אָן עקסצעסן. מיין שוועגערין איז גראָד געשטאָרבן ביים אַריינקומען פון די דייטשן. איר לויה איז אַריבער רואיק אָן געוואַלטאַקטן.

באַלד אָבער האָבן די דייטשן אָנגעהויבן נעמען יידן צו גראָבן ראָוועס. ביים פאַרשיטן די ראָוועס אויפן רינעק, האָבן די דייטשן געהייסן די יידן טאַנצן. מען האָט זיי גענויט אויספירן פאַרשידענע דערנידערנדיקע אַרבעטן, זיי אויסגעלאַכט און געמוטשעט. חוץ דעם האָבן די דייטשן באַפוילן אָפּגעבן די שליסלען פון יידישע געשעפטן, אַרויפגעלייגט קאָנטריבוציעס און פאַראָרדנט טראָגן אַ באַנד מיטן „מגן דוד".

האַרבסט 1939 איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע יידן דאַרפן פאַרלאָזן תיכף לאַנצוט מיטן טייך סאַן קיין רוסלאַנד. דורך דער פּראָטעקציע פון גראַף פּאָטאָצקי זענען פאַרבליבן עטלעכע יידישע פאַמיליעס, צווישן זיי, אויך אונדזער משפחה. מיין פאָטער איז געווען פון באַרוף אַ שוסטער. צוזאַמען מיט אים איז פאַרבליבן די מאַמע און מיר, זעקס געשוויסטער. די יידן איז דערלויבט געווען מיטנעמען זייערע זאַכן אויף פורן, אָבער די גויים האָבן פאַרלאַנגט זייער אַ סך געלט פאַר די פורן, און נישט אַלע האָבן געקאָנט באַצאָלן.

אַ טייל יידן האָבן זיך באַהאַלטן און דערנאָך זענען זיי אַרויס פון די באַהעלטענישן און זיך אויסגעמישט מיט די וועלכע עס איז דערלויבט געווען צו בלייבן. נאָך אַ געוויסער צייט האָבן די דייטשן אַריבערגעפירט קיין לאַנצוט עטלעכע הונדערט יידן פון לאָדזש און קאַליש. אַ טייל פון זיי זענען געקומען מיט זאַכן, אָבער ס׳רוב זענען געווען אָרעם. די פאַרלאָזטע וואוינונגען, וועלכע מען האָט זיי צוגעטיילט, זענען געווען אויסגערויבט שוין פון פריער דורך די היטלעריסטן און פאָליאַקן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער הונגער.

אין 1940 האָבן די יידן נאָך געוואוינט אין זייערע וואוינונגען, אָבער זיי אַליין האָבן זיך צוזאַמענגעדריינגט אויף איין פלאַץ, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט צו וואוינען אין אָפּגעלעגענע פערטלען פון דער שטאָט. אַרויסגיין אין גאַס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות: די דייטשן האָבן אָנגעהויבן כאַפּן יידן און ס׳איז געווען גלייכער נישט אַריינצופאַלן צו די היטלעריסטן אין די הענט. אייגנטלעך איז נישט געווען אפילו נאָך וואָס אַרויסצוגיין פון די הייזער, ווייל עס איז שוין סיי ווי סיי פאַרבאָטן געווען צו האַנדלען.

די געסטאַפּאָ

נאָך אַ שטיקל צייט האָבן זיך אומגעקערט אַ גרופּע יידן, וועלכע זענען אַריבערגעפאָרן מיטן סאַן. די היטלעריסטן האָבן זיי גלייך פאַרנומען אויפן בית הקברות און זיי דאָרט דערשאָסן. פון 48 קרבנות האָבן זיך געראַטעוועט נאָר אַ פרוי (פערטער) און אַ מאַן (וואַסער), וועלכע זענען געווען

פֿאַרוואונדעט און די געסטאַפּאָ־לייט האָבן געמיינט אַז זיי לעבן נישט מער. ביינאַכט האָבן זיי זיך אַרויסבאַקומען פֿון דעם באַרג מתים און זענען אַנטלאָפֿן. די פֿרוי האָט געהאַט אַ דורכגעשאָסענע האַנט. אַ פּוילישער דאָקטאָר (ד״ר יעדלינסקי) האָט איר געמאַכט אַ באַנדאַזש און זי אָפּגעשיקט קיין זשעשאָוו אין שפּיטאָל. אָבער עמיצער האָט איר געמסר׳ט אין דער געסטאַפּאָ אין לאַנצוט און מען האָט זי דערשאָסן.

אין לאַנצוט האָבן זיך דעמאָלט אויסבאַהאַלטן צווישן די געוויקסן 11 יידן פֿון הינטער סאַן. פּוילישע גויים האָבן זיי דערזען און געמסר׳ט. מען האָט זיי אַלע אויסגעשאָסן. געטאָן האָט עס אַ געסטאַפּאָ־מאַן קאָקאָט. נאָכן שיסן האָט ער די טויטע געטאָפּט דעם פּולס, כדי זיך איבערצייגן, אַז זיינע קרבנות לעבן ניט מער. דער דאָזיקער האַננעמאַן איז געווען די שרעק פֿון די יידן אין לאַנצוט. ווען ער פֿלעגט אַרויסגיין אין גאַס, איז יעדער פֿאַר אים אַנטלאָפֿן. יעדן טאָג האָט ער געמוזט עמעצן דערשיסן.

איינמאָל, געווען איז עס אין יאָר 1942, איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז קאָקאָט גייט מיט צוויי געסטאַפּאָ־לייט. מיין מומע מיט די טעכטער זענען אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער וואוינונג. אויף דער גאַס האָבן זיי באַמערקט, אַז די מומע האָט אין איילעניש פֿאַרגעסן אָנצוטאָן דעם באַנד אויפֿן אָרעם. די טעכטער האָבן זי גענומען אונטערן אָרעם, כדי מען זאָל נישט באַמערקן, אַז עס פֿעלט דער באַנד. אָבער קאָקאָט האָט דאָס באַמערקט. ער איז זיי נאָכגעלאָפֿן און דערשאָסן די מאַמע אויף די הענט פֿון אירע טעכטער.

איך בין אויך איינמאָל אַנטלאָפֿן פֿון קאָקאָטן, איך האָב מיך באַהאַלטן אין דער אַפּטייק. פֿון פֿענצטער האָב איך באַמערקט ווי קאָקאָט פֿירט אַרויס פֿון שכנהתדיקן הויז טראָמפּעטערן און זיין פֿרוי, ער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און זיי ביידע אויפֿן אָרט דערשאָסן. איך געדענק אַז אויף דעם אָרט איז געוואַקסן אַ באַרנע־בוים. קאָקאָט האָט מיט דערזעלבער האַנט מיט וועלכער ער האָט נאָר וואָס דערשאָסן צוויי מענטשן, אַראָפּגעריסן אַ באַרנע פֿון בוים און זי מיט אַפּעטיט אויפֿגעגעסן. קאָקאָט האָט אויך געהרג׳עט פּאָליאַקן.

אַן ענלעכער אויסוואורף איז געווען דער היטלעריס־טישער זשאַנדאַרמעריע־קאָמענדאַנט, זיין נאָמען געדענק איך נישט. ער איז געווען אַ געלער און די יידן האָבן אים גערופֿן „דער געלער״. הרג׳ענען יידן איז ביי אים געווען אַ ספּאָרט. ער האָט געהרגעט אין ווייסע הענטשקעס. אָן די הענטשקעס איז ער נישט אַרויסגעגאַנגען אויף זיינע בלוטיקע פּאָלאָוואַ־ניעס. ער האָט אויף זיך אַליין געזאָגט: איך בין אַ פֿאַר־ברעכער און האָב יעצט די געלעגנהייט זיך אויסצולעבן.

איינער פֿון די ערשטע קרבנות פֿון דער געסטאַפּאָ איז געווען מיין מאַן יעקב באָט און זיין ברודער לעאָן. פֿאַר דער מלחמה זענען מיר געווען פֿאַרמעגלעכע מענטשן. מיר האָבן געהאַט אַ מיל און אַ טאַרטאַק און געוואוינט אויף פּאָדוויעזשיניעץ, דריי קילאָמעטער פֿון לאַנצוט. ווען די דייטשן האָבן פֿאַרנומען אונדזער געגענט האָבן זיי אָפּגעגעבן די מיל און דעם טאַרטאַק אונטער דער פֿאַרוואַלטונג פֿון „טרויהאַנדל״, יאַן דעלאַנג, אַ פֿאָלקסדויטשער. עס איז דאָרט געווען אַ גרויס פֿאַרמעגן: בוימאַטעריאַלן, אַ סך תבואות. מיין מאַן און דער שוואָגער האָבן דאָרט באַקומען אַ באַשעפֿטיגונג. דעלאַנג האָט פֿאַרקויפֿט אַ סך סחורה און פֿאַרן צוגענומענעם געלט זיך אָנגעקויפֿט גאָלד. מיין מאַן און דער שוואָגער האָבן געוואוסט דערפֿון, און דעלאַנג האָט מורא געהאַט זיי זאָלן אים נישט אויסגעבן.

שבת הגדול 1942 זענען געקומען צו דעלאַנגען די געסטאַפּאָ־לייט קאָקאָט, שמידטקע, קריטצינגער און געטרונ־קען אַ גאַנצן טאָג. אויפֿדערנאַכט בין איך געווען מיטן מאַן ביים שוואָגער. זענען געקומען די געסטאַפּאָ־לייט און געפֿרעגט צו דאָס זענען די ברידער באָט. דערנאָך האָבן זיי שרעקלעך געשלאָגן מיין מאַן און דעם שוואָגער. אין אַ געוויסן מאָמענט איז מיין מאַן אַרויסגעשפּרונגען דורכן פֿענסטער. איך האָב דערהערט אַ שאָס. דער שוואָגער איז נאָכגעשפּרונגען דעם ברודער. איך האָב דערהערט אַ צווייטן שאָס. איך בין אַנטלאָפֿן צו די עלטערן. צוזאַמען מיט אַנדערע און מיט די ברידער האָבן מיר אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעזוכט מיין מאַן און דעם שוואָגער. מיר האָבן אָבער אפֿילו ניט געפֿונען אַ שפּור פֿון זיי. איך בין אַוועק אַ פֿאַרצווייפֿלטע צו דעם קאָמענדאַנט און ער האָט מיר געזאָגט — „זוכן זי איינען פֿרישן גראַב נעבן דער זעגעמיהלע״.

מיר האָבן אויסגעגראָבן זייערע טויטע קערפּערס און געבראַכט צו פֿירן אויפֿן היילִיקן אָרט. אויך אויף דערצו האָט מען באַדאַרפֿט אויסנוצן פּראָטעקציע. דערנאָך האָבן מיר דערציילט די גויים, אַז די געסטאַפּאָ־לייט האָבן געכאַפּט מיין מאַן אַ לעבעדיקן. זיי האָבן אים געהייסן אויסגראָבן אַ גרוב פֿאַרן ברודער. ער האָט אָפּגעזאָגט און זיך געוואָרפֿן אויף די מערדער. זיי האָבן אים אַוועקגעלייגט אויפֿן טויטן קערפּער פֿון זיין ברודער, און אַזוי דערשאָסן.

אין פּעלקינער וואַלד

אין 1941 האָט זיך שוין די סיטואַציע פֿון די יידן זייער פֿאַרערגערט, אָבער אין יאָר 1942 האָבן זיך אָנגעהויבן די אמת׳ע שחיטות. מען האָט אַרויסגעטריבן די יידן פֿון די שטעט און פֿון די דערפֿער און זיי אויסגעהרגעט אין פּעל־קינער וואַלד.

איך געדענק דעם רב פֿון מיעליץ. געווען איז ער נאָך אַ יונגער מענטש, געוואוינט אויפֿ׳ן רינעק. ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די „אויסזידלונג״, האָט ער זיך אָנגעטאָן דעם קיטל און איז אַרומגעגאַנגען די גאַנצע נאַכט און געקלאַפּט אין די פֿענצטער:

— יידן דאַוונט! יידן זאָגט וידוי!

ווען אין דער פֿרי זענען צו אים אַריינגעקומען די מער־דער, האָט ער אַראָפּגענומען דעם הוט און דערנאָך זיך געוואָרפֿן אויפֿן ס. ס. מאַן און אים געשליידערט צו דער ערד: — אַצינד קענט איר מיך דערהרגענען — האָט ער געזאָגט.

אויף איין אויסזידלונג האָט מען געהייסן אַלע יידן זיך פֿאַרזאַמלען אויפֿן גימנאַזיע־הויף. די זאַכן האָט מען באַדאַרפֿט

מיט זיך מיטנעמען. די יידן האָט מען דערנאָך פאַרלאָדן אויף לאַסט־אויטאָס און אָפּגעפירט קיין פעלקין וואו מען האָט זיי דערנאָך אין וואַלד אויסגעשאָסן. 50 יונגע יידן האָט מען דערלויבט זיך אומקערן קיין לאַנצוט. נישט אַלע האָבן געוואוסט אַז זיי פאָרן צום טויט. ווער עס וויל האָט געקאָנט זיך דינגען אַ בריטשקע און אַליין פאָרן אין וואַלד. די פאַרוואונדעטע מאנדשיין איז געלעגן אונטער אַ באַרג מתים. ווען די היטלעריסטן זענען אַוועק פון דאָרט, איז זי אַרויסגעקראָכן און אַזוי איז זי געבליבן לעבן.

נאָך די צוויי לעצטע „אויסזידלונגען" האָבן די דייטשן פּראָקלאַמירט לאַנצוט אַלס „יודנריין".

געטאָ אין שיניווע

די רעשט יידן פון לאַנצוט, קאַנטשיגע, לעזשאַנסק, פּשעוואָרסק, און יאַראָסלאַוו האָבן זיך גרופּירט אין שיניווע. דער געטאָ איז געווען אָפּגעצוימט, ס'האָבן אים געהיט פּוילישע פּאָליציאַנטן. די דייטשן האָבן פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף, אַז אין שיניווע איז איינגעפירט געוואָרן אַ געטאָ און אַלע יידן קענען אַרויסגיין פון זייערע באַהעלטענישן און זיך דאָרט באַזעצן. די אויסבאַהאַלטענע האָבן געגלויבט דעם אויפרוף און זענען אַריבער אין שיניווע. נאָך עטלעכע טעג זענען אין געטאָ אַריינגעקומען היטלעריסטן און אויפן אָרט אויסגעשאָסן די מיטגלידער פון יודנראַט. דער לעצטער פּרעזידענט פון יודנראַט איז געווען מג' נאַדל. די יוגנט האָט מען איבערגעפירט קיין יאַראָסלאַוו. מען האָט זיי געהייסן דאָרט רייניקן די שטאַלן און טאָן פאַרשידענע אַנדערע אַרבעטן, דערנאָך האָט מען זיי אַלע אויסגעשאָסן.

אויף דער אַרישער זייט

אין דער צייט פון דער ליקווידאַציע פון געטאָ אין שיניווע, איז מיין שוועסטער אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד, און איך מיט אַ דריי־יאָריק קינד — קיין קראָקע. מיין פאָטער האָט באַצאָלט אַ פירער, וועלכער האָט מיך באַדאַרפט באַגלייטן אַהינצו. אויפן וועג האָט מיין באַגלייטער זיך אָנגעטרונקען און מיר געדראָט, אַז ער וועט מיך אויסגעבן. איך האָב געהאַט מיט אים אַ סך צרות.

פאָרענדיק פון שיניווע קיין קראָקע, בין איך דורכגעפאָרן דורך סאנדאָמיערז. אויף אַ זייטיקע ליניע זענען דאָרט געשטאַנען פאַרמאַכטע וואַגאָנען, פון וועלכע עס האָבן זיך געהערט קרעכצן און געשרייען אויף יידיש. יידן האָבן געשריען: וואַסער! מיר ווערן דערשטיקט! און די פּאָליאַקן האָבן געלאַכט און געזאָגט: יידן פאָרן קיין פּאַלעסטינע

איך האָב געהערט אַז אַלע יידן פון שיניווע האָט מען ליקווידירט.

איך האָב שוין ניט געקענט מער אויסהאַלטן פון די דראָאונגען און שיקאַנעס פון שיכורן באַגלייטער, און אויף איינע פון די סטאַנציעס בין איך פון אים אַנטלאָפן. ווי ס'איז בין איך דערפאָרן ביז קראָקע. איך האָב געהאַט דעם אַדרעס פון דעם אַרטיסט מיאַרקי, וועלכן עס האָט מיר געגעבן אין לאַנצוט דער ד"ר זיס. איך בין אַלזאָ געגאַנגען צו מיאַרקין, אָבער ער האָט מיר געזאָגט אַז אין דעם הויז געפינט זיך אַ פאָלקסדויטש, און דער אָרט איז נישט זיכער. צו דעם אַלעמען איז מיין קינד קראַנק געוואָרן. דעמאָלט האָט מיר אַרויסגעהאָלפן אַ געוויסע פרוי אירענע. זי האָט מיר פאָרגעלייגט פאַרבלייבן ביי איר אין וואוינונג, ביז דאָס קינד וועט געזונט ווערן. די פרוי אירענע איז געווען די פרוי (אָדער די געליבטע) פון דעם אַרטיסט־מאַלער זיגמונד קרול. ער האָט מיך אויפגענומען גאַסטפריינטלעך, ער האָט אפילו געוואָלט מאָלן מיין בילד („די מאַמע מיטן קינד"). אָבער ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך בין אַ יידישקע, האָט ער זיך דערשראָקן און אַנטלאָפן צוזאַמען מיט זיין שוועסטער.

— איך וועל די פאַני ניט אַרויסוואַרפן מיטן קינד אויף דער גאַס — האָט מיר געזאָגט די פרוי אירענע. זי האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר און ער האָט מיר אויסגעהיילט דאָס קינד. דערנאָך האָט זי אויסגעזוכט עפּעס אַ פרוי, מיט וועלכער איך בין אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע, צו אירער אַ באַקאַנטער. דער באַקאַנטער אין וואַרשע איז געווען קאָמענדאַנט ביי דער פּאָליציי, געוואוינט אויף פעלצאָוו. איך האָב מיך ביי אים אויסבאַהאַלטן אַ וואָך צייט. דערנאָך אָבער האָב איך געמוזט פאַרלאָזן זיין וואוינונג. איך האָב מיך אומגעקערט צו די מיאַרקי'ס קיין קראָקע.

רוזשאַ מיאַרקאָוואַ האָט מיך אַרויסגעפירט קיין וויאַטראָוויץ (פּאָוויאַט נאָווי סאָנדז). דאָרט האָט געוואוינט איר מוטער. קיינער אין דאָרף, אפילו נישט רוזשעס מאַמע, האָבן געוואוסט אַז איך בין אַ יידין. ס'האָט געהייסן אַז איך בין די פרוי פון אַ אָפיציר און איך וואוין צוליב דעם קינדס געזונטהייט אויפן דאָרף. אין וויאַטראָוויץ האָב איך פאַרבראַכט אַ חודש. מען האָט מיך גערופן די „פאַני" פון דער שטאָט. אַזוי ווי עס האָט נישט געפּאַסט, אַז די פרוי פון אַ אָפיציר אין דער געפאַנגענשאַפט זאָל האָבן געלט. האָב איך געדרייט שטריק. רוזשע איז געקומען, האָט זיי גענומען קיין קראָקע און זיי דאָרט פאַרקויפט, און פאַר דעם באַקומענעם געלט געקויפט פאַר מיר פּראָוויאַנט. איך בין דאָרט געגאַנגען אין קלויסטער, אויף גאָטעסדינסטן און קאָמונע. איך האָב געהאַט מיט דעם צרות, ווייל אָפּט האָב איך נישט געוואוסט ווי אַזוי זיך אויפצופירן. איינמאָל איז צו מיר צוגעקומען דער גלח און מיר געגעבן אַ טעלערל. איך האָב עס צוגענומען און דערנאָך ביים אַרויסגיין, פרעגט מיך פאַרוואונדערט מיין באַלעבאָסטע: די פאַני האָט צוגענומען די הייליגע קאָמונע, צי האָט איר זיך פריער מתודה געווען? איך האָב נישט געזען איר זאָלט האָבן פריער געגאַנגען מתודה זיין. איך האָב איר געענטפערט שנעל אַז איך האָב מיך נאָך אין קראָקע מתודה געווען. איינמאָל האָט מען באַדאַרפט גיין קיין טראַפּיע אין קלויסטער. איך האָב נישט געקאָנט איבערלאָזן דאָס קינד, ווייל מען וואָלט געוועזן דערקענט אַז עס איז אַ ייד. האָב איך עס מיטגענומען, כאָטש אַלע האָבן זיך געוואונדערט.

אין וויאַטראָוויעץ האָט געהערשט אַ שרעקלעכע אָרעמקייט. כאָטש איך האָב אַכטונג געגעבן די גויים זאָלן זיך נישט דערוויסן אַז איך האָב געלט, דאָך האָב איך געפילט אַז זיי אָבסערווירן מיך. איינמאָל האָב איך געגעבן אַ צו גרויסע

נדבה אויפֿן קלויסטער. אַן אַנדערש מאָל האָט אַרויסגערופֿן אַ פֿאַרדאַכט, אַז איך נעם יעדן טאָג פֿאַרן קינד אַ האַלבן ליטער מילך. דאָס האָט מען באַטראַכט דאָרט פֿאַר אַ לוקסוס. — נאָר די ייִדן האָבן ליב גוט צו עסן — האָבן געזאָגט די גויים. מײַן האַנטוך האָט די מיאַרקאָווע געבעטן איך זאָל איר שענקען פֿאַר אַ שאַל אַזוי אָרעם זענען זיי געווען.

איינמאָל האָב איך באַקומען אַ אויפֿפֿאָדערונג פֿון דער געמיינדע, איך זאָל מיך דאָרטן מעלדן, אין דער אַנגעלעגנהייט פֿון מײַנע פּאַפּירן. איך האָב דעמאָלט געהאַט אַ דאָקומענט אויפֿן נאָמען מאַריאַ נאָוואַק, מײַן זון — אַנדזשיי. איך האָב גלײַך געשריבן צו רוזשע מיאַרקאָ, זי זאָל קומען צופֿאָרן זי איז געבליבן מיטן קינד און איך בין געגאַנגען אין דער געמיינדע. דאָרט האָט מען געבראַכט מײַן קענקאַרט און זי אָפּגעשיקט קיין נאָווי סאָנדז צו דער געסטאַפּאָ אויף קאָנטראָל. רוזשע האָט מיר געראַטן אַז איך זאָל צוריק אומקערן קיין קראָקע. דאָרט האָב איך מיך געוואַלגערט אין פֿאַרשידענע וואוינונגען, אויפֿן רינעק קלעפּאַרסקי ביי די שידלאָווסקי, דערנאָך אויף קאַלוואַריסקי. מער ווי אַ פּאָר טעג האָב איך אין ערגעץ ניט געקענט פֿאַרבלייבן. אויף קאַלוואַריסקי האָט מען מיך אַרײַנגעפֿירט צו אַ געוויסן פֿריזירער. איך האָב געצאָלט 5 טויזנט זל. מאָנאַטלעך. אַזוי איז געווען דער פּרייז פֿאַר אויסבאַהאַלטן ייִדן — 3 טויזנט פֿאַר אַ דערוואַקסענעם און 2 טויזנט פֿאַר אַ קינד. דער פֿריזיער סטעפֿאַן ציטקאַ האָט זיך געהייסן באַצאָלן אין פֿאָראויס פֿאַר אַ חודש. נאָך עטלעכע טעג האָט ער דערציילט, אַז עס דראָט אים פֿאַרשיקט צו ווערן קיין דײַטשלאַנד, ווען ער וואָלט געהאַט מער געלט און זיך געקאָנט קויפֿן אַ קלאַסן־לאָטעריע, וואָלט ער געקאָנט אויסמײַדן פֿאַרשיקט צו ווערן קיין דײַטשלאַנד. צו דעם צוועק האָב איך אים באַדאַרפֿט באַצאָלן אין פֿאָראויס פֿאַר דרײַ חדשים. איך האָב אים געענטפֿערט, אַז אַזוי אינגאַנצן „טרפֿה" בין איך נישט. איך קום טאַקע אַרויס פֿון ייִדן, אָבער מײַן מאַן איז אַ פּאָליאַק, אַן אָפֿיציר אין דער פּוילישער אַרמיי, אַז איך האָב פּוילישע פֿאַמיליע אין ריישע וועלכע שיקט מיר געלט אויף אויסהאַלטונג. כדי צו געווינען צײַט, האָב איך געזאָגט אַז זשעלינסקי (אין אמתן איז דאָס געווען דער ייִד פֿאַוסט) וועלכער ברענגט דאָס געלט פֿון ריישע, וועט שוין דאָס ערלעדיקן. זשעלינסקי האָט מיר געראַטן, אַז איך זאָל פּרובן געבן ציטקען נאָר פֿאַר איין מאָנאַט. — גוט, — האָט געזאָגט ציטקאַ, ווען איך האָב אים געגעבן פֿאַר איין מאָנאַט, — אויב די פּאַני קען מיר נישט באַצאָלן, וועט מען מיר געבן אַן אַנדערן ייִד.

ס'איז נישט געווען קיין אַנדערע עצה, איך האָב אים געמוזט געבן וויפֿיל ער האָט פֿאַרלאַנגט. אין צען טעג אַרום איז אַרײַנגעקומען צו מיר די פֿרוי פֿון פֿריזיער. איך זע ווי זי פּרובירט צו מאַכן אַ טרויעריקע מינע, אָבער עס געלינגט איר נישט. זי לאַכט כמעט. וואָס איז געשען? — פֿרעג איך. — מײַן מאַן האָט מען אַרעסטירט — ענטפֿערט זי, און איר מוזט פֿון דאַנען אַוועקגיין, ווייל באַלד וועט זײַן אַ רעוויזיע. און דאָס געלט? — האָב איך געשריען — וואו איז מײַן געלט? — דאָס געלט איז נישטאָ, דער מאַן האָט עס געהאַט ביי זיך. — וועל איך פֿון דאַנען נישט אַוועקגיין, איך פֿאַרמאָג גאָרנישט, גיט מיר אָפּ אַ טייל פֿון געלט! — ס'איז אַרײַנגעקומען איר מאַמע. זי האָט זיך געווענדעט צו מיר: — דו גייסט פֿון דאַנען נישט אַרויס? וועט מען דיך אַרויסשלעפּן! איך וועל שוין געבן צו וויסן וואו מען דאַרף! ס'איז נישט געווען קיין אויסוועג. איך האָב גענומען דאָס קינד און בין אַרויסגעגאַנגען.

איך האָב מיך אומגעקערט צו דער שידלאָווסקי. — איך בין געבליבן אָן געלט, — האָב איך איר געזאָגט — אַזוי לאַנג איך וועל נישט באַקומען קיין געלט פֿון מײַן משפּחה, בעט איך אײַך מיך צו האַלטן ביי זיך.

די דאָזיקע פֿרוי האָט געהאַנדלט מיט ייִדן, וועלכע פֿלעגן אַרויסגיין אויסער דער געטאָ־מויער צו דער אַרבעט. זי האָט מיר געגעבן אַן עצה. — מ'קען גאָרנישט טאָן, נאָר אַוועקגעבן עמעצן דאָס קינד אויפֿצוציען, און אַליין זאָלט איר אַוועקפֿאָרן קיין דײַטשלאַנד אויף אַרבעט.

אויף דער טאַרנאָווסקי גאַס אין קראָקע האָב איך געפֿונען אַן איינזאַמע פֿרוי, אַ פּענסיאָנירטע לערערן, זייער אַ פֿרומע און פּאַטריאָטישע, וועלכע האָט מסכּים געווען פֿאַר אַן אָפּצאָל האַלטן דאָס קינד. דאָס קינד האָט באַדאַרפֿט זײַן ביי דער לערערן נאָר צוויי חדשים, דערנאָך האָט באַדאַרפֿט נאָך אים קומען צו פֿאָרן מײַן שוועסטער פֿרידאַ, וועלכע אַרבעט אין דײַטשלאַנד. איך האָב מיך מיט איר קאָרעספּאָנדירט, און זי האָט מיר געשריבן, אַז זי קען אויך פֿאַר מיר אויסזוכן אַ פּלאַץ, און אַז דער דאָרטיקער אַרבעטסאַמט וועט שיקן אויף מײַן נאָמען אַן אויפֿפֿאָדערונג. איך האָב אָבער באַדאַרפֿט אַן אַדרעס וואו מען וואָלט געקאָנט די אויפֿפֿאָדערונג שיקן. חוץ דעם האָב איך באַדאַרפֿט זײַן ערגעץ אײַנגעמאָלדן. אין דער צײַט האָב איך שוין געהאַט אַ נײַע קענקאַרט, וועלכע איך האָב מיר אויסגעאַרבעט נאָכן אַנטלויפֿן פֿונעם פֿריזיער ציטקאַ. די קענקאַרטע איז געווען אויסגעשטעלט אויפֿן נאָמען מאַריאַ לאָרענץ.

זשעלינסקי, וועלכער איז נישט געווען ענלעך אויף אַ ייִדן און האָט זיך גאַנץ פֿרײַ באַוועגן, האָט מיר געראַטן אַז איך זאָל מיך אײַנמעלדן אין קראָקע אויף דער באָסאַצקיע גאַס ביי דער הויז־אויפֿזעערן ביעניאַשאַווא. אַזוי האָב איך געטאָן. איך האָב די סטרוזשן באַצאָלט און געוואַרט אויף דער אויפֿפֿאָדערונג צו אַן אַרבעט קיין פֿראַנקפֿורט, ביי דער אָדער. אויפֿן אַנדערן טאָג האָב איך מיך באַדאַרפֿט מעלדן אויפֿן אַרבעטסאַמט צו אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג. ס'האָט זיך געדאַכט אַז אַלץ איז שוין אויפֿן גוטן וועג. דעמאָלט אָבער בין איך באַגאַנגען אַ נישט פֿאָרזיכטיקן שריט וועלכער האָט געהאַט פֿאַטאַלע פֿאָלגן. דערפֿרייט מיט דער האָפֿנונג אַז באַלד וועל איך אָפּפֿאָרן און עס וועט נעמען אַן ענדע צו מײַנע לײַדן — בין איך אַוועק צו דער ביעניאַשאַווא און איר געזאָגט: — איך פֿאָר אַוועק אין דײַטשלאַנד. דאָ האָט איר אין פֿאָראויס די 500 זלאָטעס, אַ דאַנק פֿאַר אַלעמען און איך בעט אײַך מיך אויסצומעלדן!

די מעדיצינישע אונטערזוכונג איז אַדורכגעגאַנגען גוט. ווען זי האָט זיך געענדיקט, האָט מען מיר געזאָגט: — די

וועלכע זענען פון קראָקע, דאַרפן היינט אויפדערנאַכט ברענגען זייער באַגאַזש אויף דער סלאַנעטשנא גאַס, און מאָרגן פרי פאָרן זיי אָפּ.

אויפדערנאַכט ברענג איך דעם באַגאַזש. ס'איז צוגעקומען דער באַאַמטער אין דער באַגלייטונג פון אַ פּאָליציאַנט און רופט אויס — „מאריא לארענץ"! דאָס האַרץ איז מיר איינגעפאַלן, איך האָב באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַטיק. דער פּאָליציאַנט האָט מיך פאַרנומען מיט זיך. איך האָב מיך געוועהרט. איך האָב געזאָגט אַז עס איז געשען אַ מיספאַרשטענדעניש.

— „דאָס וועט זיך דיר נישט איינגעבן — האָט געענטפערט דער פּאָליציאַנט — דו ביסט אַ יידישקע און ווילסט פאָרן קיין דייטשלאַנד".

— איך שווער אייך, אַז איך בין נישט קיין יידישקע!

— ס'איז דאָ געווען די ביעניאַשאָווע און דערציילט, אַז דו ביסט געווען ביי איר געמאָלדן און דו ביסט אַ יידישקע!

איך האָב אים אָנגעהויבן צו בעטן: — איר זענט דאָך אַ פּאָליאַק. זעט, איך האָב אַ קינד, איך בעט אייך זייער, לאָזט מיך אָפּ!

— איך בין נישט קיין פּאָליאַק — האָט ער געענטפערט — איך בין אַן אוקראַאינער, און וואָס אָנבאַלאַנגט דאָס קינד — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שלעכטן שמייכל — מיר וועלן זיך אויך מיטן קינד פאַראינטערעסירן.

ער האָט מיך אָנגענומען אונטערן אָרעם און אָפּגעפירט צום טראַמוויי. — ווען איך וועל פּרובן אַנטלויפן — האָט ער געוואָרנט — וועט ער שיסן.

כדי נישט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכט אויף דער שוועסטער, האָב איך באַשלאָסן צו פאַרווישן אַלע שפּורן. אין טראַמוויי האָב איך אויפגעגעסן דאָס גאַנצע פּאַפּיר פון דער אויפפאָדערונג, וואָס באַוויליגט מיין פאָרן קיין דייטשלאַנד. דער פּאָליציאַנט האָט מיך אָפּגעפירט אויף דער גראָדסקא גאַס צום אַרבעטסאַמט.

— וואו איז די באַוויליגונג? — האָט מען מיך געפרעגט.

— איך האָב זי נישט. גוט, דו וועסט ענטפערן ערגעץ אַנדערש. מען האָט מיך אָפּגעפירט אויף דער מיליטערישער פּאָליציי־סטאַציע. דאָרטן האָט מען מיר געהייסן ווייזן די קענקאַרט. דער פּאָליציאַנט האָט זי קאָנטראָלירט און געזאָגט — דאָס איז ריכטיג.

אָבער צום אומגליק זענען אַריינגעקומען צוויי געסטאַפּאָלייט, וועלכע האָבן שוין געוואוסט די גאַנצע זאַך. מיט די אויסגעשרייען — וואָס מאַכט דאָ די יידין? האָט מען מיך אַרויסגעפירט פון פּאָסטערונעק און געבראַכט אויף דער מאַנטעלופּע גאַס.

אויף מאַנטעלופּע גאַס

ס. ס. מענער האָבן מיך אָנגעהויבן צו פאָרשן. זיי האָבן מיר צוגעלייגט אַ רעוואָלווער צו די שלייפן: — צי ווייסטו וואָס דיך דערוואַרט? — האָבן זיי געפרעגט. דערנאָך האָט מען מיך פאַרשלאָסן אין אַ „איינצעלצעלע". מען האָט דאָ נאָר געקאָנט שטיין. איך האָב אַזוי דורגעמאַכט אַ גאַנצע נאַכט. אויף די ווענט זענען געווען פאַרשידענע אויפשריפטן. צווישן אַנדערע — „איך גיי צום טויט" און פאַרשידענע נעמען. אין דער הויך פון דער צעל איז געווען אַ קליינטשיק פענצטערל. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז דאָס געדויערט אַן אייביקייט. אפילו וויינען האָב איך נישט געקאָנט. אין דער פרי האָט מען מיך אַרויסגעפירט פון דער צעל.

אויפן דריטן שטאָק פון דער געביידע האָט מען מיך פאַרהאַלטן פאַר עפּעס אַ טיר. אויפן שילדל איז געווען דער נאָמען ראָטענבערג. דאָס איז געווען אַ העכערער געסטאַפּאָ־אָפיציר. געלאַסן האָט ער פון מיר צוזאַמענגעשטעלט דעם פּראָטאָקאָל. ער האָט געהייסן אָפּגעבן די ווערטזאַכן. איך האָב אַראָפּגענומען פון פינגער דאָס חופּה־קידושין רינגל, פון די אויערן די אויערינגלעך און פון בייטעלע אַ רינגל מיט אַ בריליאַנט: — דאָס רינגל גיב איך אייך צום אָנדענקן — האָב איך געזאָגט.

— איזט דאָס עכט? האָט ער געפרעגט באַטראַכטנדיק דעם דריי־קאַראַט בריליאַנט. דערנאָך האָט ער אים באַהאַלטן אין קעשענע. ער האָט מיך אָנגעהויבן אויספרעגן אויף מיין פאַמיליע. איך האָב מיך דערמאָנט אין מיין קינד און צעוויינט. אויף זיין ביוראָ־טיש האָב איך באַמערקט אַן אויפנאַמע פון אים, זיין פרוי און צוויי טעכטער. איך האָב געוויזן אויף דער פאָטאָגראַפיע און געבעטן: —— דערמאָן דיך אין דיינע טעכטער, איך בין געזונט, יונג, ראַטעווע מיך, איך וויל אַרבעטן! איך ווייס נישט פון וואַנען עס האָבן זיך מיר גענומען די ווערטער און אַזוי פיל מוט, אָבער איך בין געווען אַנטשלאָסן צו קעמפן פאַר מיין לעבן.

— איך וועל טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך — האָט ער געענטפערט.

דערנאָך זענען מיר אַראָפּגעגאַנגען אונטן, און דאָרט האָט מען מיך אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט און געהייסן וואַרטן. ווי שטילע שאָטנס האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים אויפרוימען. איך האָב איינעם פון זיי שטיל געפרעגט: — צי ווערט מען דאָ דערשאָסן?

— ער זָבער האָט מיר גאָרנישט געענטפערט. נאָך אַ ווייל איז געקומען ראָטענבערג, ער האָט מיר געהייסן ארויסגיין, ער האָט גענומען די שליסל פון אויטאָ און מיר זענען ביידע איינגעשטיגן אין אויטאָ. — פּראָביר נישט צו אַנטלויפן, — האָט ער געזאָגט — ווייל איך וועל דיך דערשיסן. איך וועל טאָן וואָס אין מיין מעגליכקייט.

פאָרגעקומען איז דאָס אָנהייב יוני 1943. דער געסטאַפּאָמאַן האָט מיך אַוועקגעפירט אין קראָקעווער געטאָ. ס'האָט דאָרט נאָך געאַרבעט די „אויפרוימונג־קאָלאָנע". ראָטענבערג האָט מיך איבערגעלאָזט אונטער וואַך און אַוועקגעגאַנגען. ס'האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסן אַ ספּאַזמאַטיש געוויין. דער מיליציאַנט ד"ר אַרמער האָט מיך געטרייסט: — דו וועסט לעבן — איך האָב אים דאַרויף געענטפערט: — זאָגט בעסער מיט מיר וידוי און זאָגט מיר ווען וועל איך דערשאָסן ווערן.

דערנאָך האָט מען מיך אָפּגעפירט אין געפענגעניש. ס'זענען דאָרט געווען געכאַפּטע יידן, וועלכע מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון באַהעלטענישן, פּראָסטיטוטקעס, און פּוילישע גנב'טעס. אין קאַמער זענען געווען אויפגעהאָנגען פּריטשעס

צום שלאָפן. איך האָב דאָרט געטראָפן די פאַמיליע פריילין פון קראָקע, די מוטער, די שנור און אַ דריי־יאָריק ייִנגעלע. מען האָט זיי געכאַפּט אויף דער אַרישער זייט. ווען מען האָט געפרעגט דאָס קינד ווי אַזוי ס׳הייסט, האָט עס ערנסט געענטפערט: — יאַן קאַזשימיעזש מלעטשקאָ — אַזוי האָט מען עס געלערנט אויף דער אַרישער זייט. איך האָב געוואָלט רעדן מיט דער משפחה פריילין, זיי דערציילן מיינע איבערלעבונגען, אָבער מען האָט מיך געוואָרנט: — די קאַמער איז פול מיט אונטערהערערס, אַניאַ וועלכע זיצט מיט מיר, גיט אויס די חבר׳טעס.

די געסטאַפּאָ־לייט האָבן געמוטשעט די געפאַנגענע, זיי האָבן אונז געהייסן שטיין מיטן פּנים צו דער וואַנט און רעפּיטירט דאָס געווער, דערנאָך מיט אַ געלעכטער אונז צוריק אָפּגעשיקט אין קאַמער. איינמאָל האָט איינער פון דער געסטאַפּאָ זיך צוגעקוקט צו דעם קליינעם פריילין: — „דאָס קינד האָט איינען רעכט אַרישן שעדל״ האָט ער פאַרוואונדערט אויסגערופן. דאָס קינד האָט מען דערנאָך אַוועקגעפירט קיין פּלאַשאָוו אין לאַגער און עס דאָרט דערשאָסן.

אין דעם קרימינאַל בין איך געזעסן 14 טעג. ווען מען האָט אַוועקגעפירט אַ טראַנספּאָרט מענטשן קיין פּלאַשאָוו, האָט מען מיך צוקאָפּטירט צו זיי. מיר זענען געווען אַ 40 מענטשן. מיר זענען געגאַנגען צופוס ביז צום פּלאַשאָווער לאַגער.

מיטן טראַנספּאָרט קיין פּלאַשאָוו

באַלד נאָך אונזער אָנקומען אין פּלאַשאָוו, האָט מען דורכגעפירט אַ סעלעקציע. נעבן מיר איז געשטאַנען דער בעקער בייגל פון קראָקע. ער האָט די גאַנצע צייט געזאָגט וידוי. ווען מען איז צו אים צוגעקומען און געפרעגט וואָס איז זיין פאַך, האָט ער געענטפערט — בעקער און בוכבינדער. מען האָט אים אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט. מען איז צוגעקומען צו מיר. — וואָס ביסטו? — שניידערין. — מען האָט מיך אוועקגעשטעלט נעבן דעם בעקער. אַנטקעגן אונז איז געשטאַנען אַן אַנדערע גרופּע. ס׳איז נישט געווען באַוואוסט וועלכע גייען צום טויט און וועלכע צום לעבן. בייגעל האָט געקלערט אַזוי ווי ער איז אַן עלטערער, האָט מען אים צוגעטיילט צום טויט: — אַנטלויף אויף דער אַנדערער זייט — האָט ער מיר געעצה׳ט, איך האָב אַזוי געטאָן, אָבער דער געסטאַפּאָ־מאַן האָט עס באַמערקט און אַ ריטשע געטאָן: — צוריק!

און אַזוי איז עס געשען, אַז יענע גרופּע אין וועלכער ס׳זענען געווען אַזוי פיל יונגע און געזונטע מענטשן, האָט מען אָפּגעפירט קיין נעוגעלאַנדע און זיי דאָרט אויסגעשאָסן, און אונז האָט מען אָפּגעפירט אין באָד אויף „ענטלאוזונג״. אין לאַגער האָב איך געאַרבעט ביי „בינדפאַדענפלעכטעריי״, דערנאָך אין דער שניידערווערקשטאַט. מיר האָבן פאַריכט מיליטערישע וועש. די וועלכע זענען געקומען פון דער גאַס מאַנטעלופּע האָבן געהאַט אויף דער ברוסט און אויפן רוקן געלע לאַטעס. פון זיי האָט מען די ערשטע גענומען צום טויט, ווען עס האָט אויסגעפעלט מענטשן צום קאָנטיגענט. יום כּיפּור האָט מען צונויפגענומען 100 מענטשן און זיי דערשאָסן.

מיר האָבן געמוזט זיין עדות ביי דער עקזעקוציע ווי אַזוי מען הענגט מענטשן. אין דער צייט פון מיין אויפענטהאַלט אין לאַגער האָט מען אויפגעהאָנגען אינזש. קראָוטווירט און קובאַ האַבענשטאָק פון קראָקע. אינזש. קראָוטווירט האָט זיך איבערגעשניטן די אָדערן און אַ האַלבטויטן האָט מען אים געבראַכט און אויפגעהאָנגען. קובען האָט מען אויפגעהאָנגען ווייל מען האָט געהערט אַז ביי דער אַרבעט האָט ער זיך אונטערגעפייפט די מאַרסעליאַנקע. צוויי מאָל האָט זיך דער שטריק איבערגעריסן ווען מען האָט געהאַנגען קובען. ער האָט געוויינט און זיך געבעטן אַז מען זאָל אים לאָזן לעבן. ס׳איז אפילו דאָ אַ אינטערנאַציאָנאַל געזעץ, לויט וועלכן מען באַגנעדיקט דעם געהאָנגענעם ווען דער שטריק רייסט זיך איבער. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. ס׳האָט זיי אויפגעהאָנגען דער אַד־מאַן (אָרדנונגסמאַן) סאַלג. צום דריטן מאָל האָט איינער פון דער געסטאַפּאָ געשאָסן קובאַן אין קאַרק.

איינמאָל איז צו אונז געקומען דער קאָמענדאַנט פון דער ייִדישער מיליץ הילעוויטש און געשריען: — „אַלע קורוועס פון מאַנטעלופּע גאַס זאָלן אויפשטיין!״ קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. הילעוויטש האָט אַליין אויסגעקליבן. מיין אַד־מאַן האָט געוואוסט אַז מיך האָט מען געשיקט פון מאַנטעלופּע, און ער האָט מיר געהייסן מיטגיין.

מען האָט אונז אַריינגעפירט אין מאַגאַזין וואו מען האָט געהאַלטן די וועש. ווי נאָר זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, האָב איך מיך פאַרגראָבן אונטער אַ שטויס שמוציקע וועש און זיך דאָרט באַהאַלטן. אָבער דער אַד־מאַן פינקילשטיין האָט מיך געפונען, און מיך פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט. פון דעם לאַגער האָט מען אונז אָפּטראַנספּאָרטירט קיין סקאַרזשיסק־קאַמיען.

אין דער סקאַרזשיסק־קאַמיענער אַמוניציע פאַבריק

אין סקאַרזשיסק־קאַמיען האָט זיך געפונען אין וואַלד אַן אַמוניציע־פאַבריק. די פאַבריק האָט געהערט צו דער „הוגאַ שניידער־געזעלשאַפט״. איך בין געווען באַשעפטיגט אין „ווערק Z״. די מענטשן האָבן געאַרבעט ביי די שווערסטע באַדינגונגען. זיי זענען געווען שרעקלעך אויסגעמאָגערט. די הויט זייערע איז געווען געל, אפילו די ווייסלעך פון די אויגן זענען געווען געל. זיי זענען געווען אַרומגעהילט מיט זעק. מיר האָבן געוואוינט אין באַראַקן, ס׳האָבן זיך געמערט פאַרשידענע קראַנקהייטן.

„ווערק Z״ איז געווען אַ שטראָף־אָרט און די אַרבעט איז דאָרט געווען זייער שווער. דערנאָך האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין דער האַליע 12. דאָרט האָב איך געפּאַקט גראַנאַטן אין קעסטלעך.

דאָס עסן אין סקאַרזשיסק איז געווען זייער שלעכט. די זופּ איז געווען פון פאַרפוילטע פערדישע קעפּ, און דערגלייכן. מענטשן זענען קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. אויפדערנאַכט, ווען מען איז געגאַנגען אין די לאַטרינעס, האָט מען געטרעטן אויף טויטע קערפּערס. די געפאַנגענע זענען געפאַלן אויף יעדן שריט. ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט דער מוח־טיפוס, באַקאַנט אונטערן נאָמען „משוגעים־טיפוס״. ס׳איז אויך געווען אַ „האָסאַגאַווקאַ״ — אַ מין שטאַרקע היץ קראַנקייט וועלכע האָט

געדויערט אַ 11—10 טעג. קיין דאָקטאָר איז נישט געווען, די באַדינגונגען זענען געווען אומענטשלעכע.

איך בין געווען אַן עדות ווי מען האָט געפירט קראַנקע צום דערשיסן. מען האָט זיי אָנגעטאָן אין שוואַרצע בעקעשעס (איך ווייס נישט וואו די פאַרוואַלטונג פון לאַגער האָט אויסגעפונען די בעקעשעס). זיי האָבן אויסגעזען שרעקליך. די וועלכע האָבן נישט געקאָנט גיין, האָט מען געפירט אויף וועגעלעך און טאַטשקעס. מען האָט אַלע קראַנקע אויסגעשאָסן, — אָט דאָס איז געווען די קוראַציע!

די העפטלינגע אין לאַגער זענען געווען בלויז יידן. אויפזעער זענען געווען נאָר דייטשן און פאָליאַקן. זייער פאַרהאַלטן זיך צו די העפטלינגע איז געווען פאַרשידן. ס'זענען געווען אַזעלכע וועלכע האָבן זיך דערבאַרמט אויף אונז, אָבער ס'זענען געווען אַנדערע, וועלכע האָבן געקאָנט שלאָגן אַ יידן ביז טויט. דאָס איז געווען אַ לאַנגזאַם אויסגיין.

איך געדענק ווי איינמאָל האָט מען געבראַכט קראַנקע. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין קיך. פון צווישן די קראַנקע האָט זיך אַרויסגעריסן דער ייד ווינער (אַ בוכהאַלטער פון קראָקע), ער איז צוגעפאַלן צום פעסל וועלכעס איז געשטאַנען אין קיך און גיריק אויסגעשקראָבעט פון דנאָ דאָס רעשט עסן. די מענטשן זענען פון דער שרעקליכער נויט און קראַנקהייט געוואָרן ווי חיות.

נאָכן דורכפירן אין לאַגער אַ סעלעקציע, האָט מען אַ טייל העפטלינגע אָפּגעשיקט קיין דייטשלאַנד אין אַ לאַגער.

ביי דער בארמאשין אין ליפסק

אין ליפסק האָט מען אונז איינקוואַרטירט אין אַ גרויסער געביידע. מען האָט אונז געהייסן איבערלאָזן אַלע זאַכן, און נאַקעטע געטריבן זיך באָדן. דערנאָך האָט מען אונז געגעבן וועש און צוגעטיילט פריטשעס. די געביידעס זענען געווען ריינע. ס'האָט זיך דאָ געפונען דער „האסאגער" לאַגער פאַר צוואַנגסאַרבעטער. איך האָב באַקומען אַרבעט ביי דער באַרמאַשין. די געפאַנגענע האָבן געאַרבעט 10 שעה טעגלעך. די דערנערונג איז געווען אַ מיזערנע. מען האָט געאַרבעט אין צוויי שיכטן — בייטאָג און ביינאַכט. דער לאַגער איז געווען אַ אינטערנאַציאָנאַלער פון בלויז פרויען, דאָרט זענען געווען אפילו דייטשע קאָמוניסטקעס. אַמבעסטן האָבן זיך פאַרהאַלטן די פראַנצויזינס. די רוסישע מיידלעך, וועלכע מען האָט גענומען אין געפאַנגענשאַפט בשעת אַ קאַמף, האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן אין אַמוניציע פאַבריקן, זענען זיי געגאַנגען אַרבעטן אין קיך.

די וואַך אויפן לאַגער האָבן געהאַלטן ס. ס. פרויען. די פאַרוואַלטונג האָבן געהאַט צוויי פוילישע פרויען, יאַהאַנא און צינא. יאַהאַנא איז געווען אַ שלעכטע, זי האָט געשלאָגן די געפאַנגענע. צינא איז געווען בעסער, מען האָט געשמועסט אַז זי איז אַ יידישקע. די פוילישע פרויען פון בלאָק האָבן זיך פאַרשידן באַצויגן צו די יידן. טראָץ דער ריינקייט וואָס האָט געהערשט אין לאַגער, האָט מען אונז נישט געגעבן קיין האַנטיכער. פון דעם מאַטעריאַל וואָס מען האָט אונז געגעבן צו דער אַרבעט, האָבן מיר אָפּגעריסן שמאַטקעלעך און געמאַכט דערפון האַנטיכער.

די דייטשן האָבן נאָכן קריג אָפט געזאָגט אַז זיי האָבן גאָרנישט געוואוסט פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן מיט די צוואַנגס־אַרבעטן פאַר די אַרעסטירטע פון אַנדערע לענדער, אָבער צו דער אַרבעט האָט אונז געפירט אַ עסקוואַדראָן ס. ס. מענער און הינט דורך דער גאַנצער שטאָט. אַלע האָבן אונז געקאָנט זען, אפילו הערן, ווייל אונזערע הילצערנע שקראַבעס האָבן געקלאַפּט הילכיק אויפן שאָסיי.

איינמאָל זענען מיר פאַרבייגעגאַנגען אַ פעלד אויף וועלכן מען האָט געקליבן קאַרטאָפּעל: — צי מעג איך צוגיין? — האָט איינע פון די מיידלעך געפרעגט דעם ס. ס. מאַן. דער ס. ס. מאַן האָט דערלויבט. דאָס מיידל איז צוגעגאַנגען צו די קלויבער און זיי האָבן איר אָנגעשיט אין פאַרטוך אַביסל קאַרטאָפּל. זעענדיק דאָס, זענען אַנדערע אויך צוגעלאָפן, אויפשטעלנדיק זייערע פאַרטוכער. דער ס. ס. מאַן האָט אויפגעהויבן דעם רעוואָלווער, און דערשאָסן אַכט מיידלעך. מיר זענען געבליבן פאַרשטאַרט. ער האָט אונדז אָנגעקוקט, געמאַכט אַ פאַרוואונדערטע מינע, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געפרעגט: — וואָס וואַר דאָס? איין פליגעראַנגריף? מיר האָבן געשוויגן, אָבער ביז צום סוף פון מיין לעבן וועט מיר שטיין פאַר די אויגן דאָס בילד, ווי אַ געטראָפן מיידל האָט זיך מיט די לעצטע כוחות אויפגעהויבן און אַ שרעקלעך געשריי געגעבן און דאַן צוריק געפאַלן...

אויפזעערנס זענען, ווי שוין געזאָגט, געווען פאַרשידענע. איינע פון זיי, אַ קליינע, האָרבאַטע דייטשקע, האָט ספּעציעל מיך פיינט געהאַט. איינמאָל, ווען איך האָב פאַרגעסן די זופּנקאַרט, האָט זי געהייסן זיך דערלאַנגען אַ ביינקל, זיך אויף אים אַרויפגעשטעלט (זי איז געווען אַ נידעריקע) און מיך אויסגעפּאַטשט. אין אַלגעמיין האָבן די דייטשקעס נישט געוואוסט וואָס עס האָט געבראַכט די יידישקעס אין לאַגער. זיי האָבן געקלערט אַז מען האָט זיי פאַרשפּאַרט פאַר פּראָסטיטוציע אָדער גנבות. איינע אַ אויפזעערן, וועלכע האָט סימפּאַטיזירט מיט איינער פון די יידישע פרויען, האָט זי געפרעגט צוטרוילעך: — זאָג מיר, וואָס האָט דיך געבראַכט אויפן שלעכטן וועג? פאַרוואָס געפינסטו זיך דאָ?

„טויטנמאַרש"

אין אַפּריל 1944 האָט מען ליקווידירט דעם לאַגער אין ליפסק. 14 טעג האָט מען אונדז געטריבן צופוס אין דער ריכטונג פון לאַבי, כדי מיר זאָלן זיין וואָס ווייטער פון פראָנט. מיר זענען געגאַנגען דורך שטעט און דערפער. די ס. ס.־מענער האָבן זיך געביטן, און מיר זענען אַלץ געגאַנגען. אַלעמאָל איז עמעצער געפאַלן, דער וועג איז געווען פאַרזייט מיט הרוגים, דאָס איז געווען אַן אמת'ער „טויטנמאַרש", — אַזוי ווי מיר האָבן אים גערופן. די מענער זענען געווען ווייניקער ווידערשטאַנדס פעאיק ווי די פרויען, דעריבער זענען געפאַלן מער מענער ווי פרויען. אויפן וועג האָט מען געגעבן אויף פיר פּערזאָן איין פּושקע פלייש. דריי טעג האָבן מיר נישט באַקומען קיין עסן. ערשט נאָך דריי טעג האָט אַ

יעדער באַקומען אַ זשמעניע רויען רייז און צוויי קאַרטאָפל. ביי נאַכט זענען געווען געשרייען ווייל ציגיינערקעס האָבן געגנבעט קאַצן.

ענדלעך זענען מיר דערגאַנגען ביז לאָבי. די ס. ס. פרויען זענען זיך צעלאָפן, ווייל דעם פיינטס מיליטער איז געווען נאָענט. אין מאַי 1945 זענען מיר געוואָרן באַפרייט. מען האָט אונדז דערלויבט צו גיין אין די דייטשע וואוינונגען — ווייל די דייטשן זענען אנטלאָפן — און זיך נעמען וואָס מיר דאַרפן.

פאַני גייסעראָוואַ

עטלעכע ווערטער וועגן דער איידעלער פרוי גייסעראָוואַ. איך האָב שוין דערמאָנט אַז דאָס איז געווען אַ פּענסיאָנירטע לערערן, וועלכע האָט מסכים געווען אויסבאַהאַלטן מיין זון. ווען איך האָב מיך אומגעקערט פון דייטשלאַנד, און אָנגעהויבן זיך נאָכפרעגן אויף מיין זון, זענען אַלע געווען זיכער, אַז איך האָב מער נישט קיין קינד. מיט האַרצקלאַפּן האָב איך אָנגעקלינגען אין דער טיר פון דער פרוי גייסעראָוועס וואוינונג. ס'האָט מיר געעפנט מיין 5־יעריק זונדל.

— קינד מיינס! — האָב איך אויסגעשריען און אים באַדעקט מיט מיינע קושן און טרערן.

ציאָציו! — האָט דאָס קינד גערופן די פרוי גייסעראָוואַ — עפּעס איז געקומען אַ פאַני און זי האַלט מיך אין איין קושן...

פון דער פרוי גייסעראָוועס דערציילן און אויך פון אירע שכנים, האָב איך מיך דערוואוסט, אַז עטלעכע מאָל האָט זי באַדאַרפט מיטן קינד אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן. אַ געוויסע צייט איז זי געווען מיט אים אין ספּיטקאָוויץ, וואו זי האָט אים געלאָזט אָפּשמדן און זי האָט אים דערצויגן אין אַ פרומען קאַטאָלישן גייסט, קלערנדיק אַז איך בין אומגעקומען און דאָס קינד וועט פאַרבלייבן ביי איר. דערנאָך האָט מען זי אָנגערעדט אַז זי זאָל דאָס קינד מיר נישט אָפּגעבן.

אָבער זי האָט געענפערט: — ס'וואָלט געווען פון מיר אַ פאַרברעך, נישט אָפּצוגעבן דער מאַמען איר קינד...

מיט מסירות נפש, אַליין ליידנדיק מאַטעריעלע נויט, האָט זי אויפגעכאָוועט מיין קינד. איך וועל איר אידעלע טאַט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, זי האָט פאַרדינט מיין אייביקן דאַנק..

שושנה אטלאסאוויטש גבעתיים

א וועג פון יסורים



איך בין געבוירן געוואָרן דעם 8.4.1931 אין קראָקע ביי מיין פאָטער פנחס ראָטפעלד, און מוטער אידא פון דער היים לאַנגזאַם. איך האָב געהאַט פינף עלטערע ברידער — נחומקה, צבי, נפתלי, יוסף און העשעק, און איין קלענערן ברודערל — אפרים.

מיין פאָטער האָט געהאַט די פאַרטרעטונג פון די צוקערפּראָדוקציעס פּיאַסעצקי און פישינגער. די מאַטעריעלע פאַרהעלטנישן פון מיינע עלטערן זענען געווען גוטע. מיר האָבן געוואוינט אין קראקעווער שטאָטטייל דאבניק, מאדאלינסקי גאַס, נר׳ 8. מיר האָבן געהאַט אַ גערוימע וואוינונג, צוויי גרויסע צימערן און אַ קיך. איין צימער איז געווען פאַרנומען — עס האָט זיך דאָרט געפונען עפּעס אַ מאַגאַזין אָדער אונטערנעמונג. איך געדענק אויך אַז איין שטיקל צייט האָט די מאַמע געהאַנדלט, דאַכט זיך מיט זיסקייטן. אין שטוב איז תמיד געווען אַ דינסט, וועלכע די מאַמע האָט מיט זיך געבראַכט פון דאָרף הינטער לאַנצוט. כאָטש מיין פאָטער איז געווען פרום און געטראָגן אַ באָרד, האָט מען אין דער היים גערעדט פויליש און כאָטש מען האָט אָפּגעהיט כשרות, האָבן אַלע עלטערע ברידער געלערנט אין גימנאַזיע.

דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט מיך געטראָפן אין הויז פון מיינע עלטערן אין קראָקע. מיין פאָטער, צוזאַמען מיט אַנדערע דערוואַקסענע מענער, זענען באַלד אַנטלאָפן פון שטוב. נאָך עטלעכע טעג איז ער צוריקגעקומען. שפּעטער אַ פּאָר וואָכן זענען מיר שוין אַלע צוזאַמען אַנטלאָפן. איך געדענק אַז מיר זענען געפאָרן מיט דער באַן, די דערוואַקסענע האָבן שוין געטראָגן אַרמבענדער. מיר זענען געפאָרן קיין לאַנצוט, און פאַרפאָרן צו מיין מוטערס שוועסטער, חנה שלייפשטיין, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויס הויז מיט אַ ווירטשאַפט.

אין אָנהייב זענען מיר נאָך געגאַנגען אין שול. דער פאָטער האָט נישט געאַרבעט, מיר האָבן געלעבט פון דעם וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט.

אין אַ יאָר אַרום האָט מען אַרעסטירט דעם עלטערן

ברודער און אַרויסגעשיקט אין אַ לאַגער קיין פשעמישל. מיר האָבן פון אים מער גאָרנישט געהערט. מיר האָבן געוואוסט אַז דאָס האָט אָפּגעטאָן דער געסטאַפּאָ־מאַן יאָזעף קאָקאָט, וועלכער האָט פאַרפאָלגט מיין פאַמיליע באַזונדערס. ספּעציעל האָט ער געהאַסט מיין זיידן, זעליג לאַנגזאַם. ער האָט שטענדיק געדראָט, אַז ער וועט דעם אַלטן יידן דערשיסן. ביז אין איין טאָג איז ער אַריינגעפאַלן אין שטוב און אים אָנגעהויבן צו יאָגן, אָבער דער זיידע איז אַנטלאָפן אויפן הויף. דעמאָלט האָט קאָקאָט געכאַפּט אַ לייכטער פון שטוב און אים נאָכגעיאָגט. ער האָט אים דערלאַנגט מיטן לייכטער אין קאָפּ און נאַכהער דערשאָסן. שפּעטער האָבן מיר אים באַגראָבן אויפן לאַנצוטער בית עלמין. דאָס איז געווען אין פרילינג, 1941. באַלד נאָכן דערמאָרדן מיין זיידן, האָט מען אַרעסטירט און אַרויסגעפירט מיין ברודער נחומקע.

דערווייל האָבן זיך די פאַרהעלטנישן פאַרערגערט, און מען האָט געהאַלטן אין איין אַרויספירן די יידן. איך געדענק, אַז אַלס קליינע מיידעלע אין דער פאַמיליע בין איך געווען די איינציקע פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט. מיין אויפגאַבע איז געווען צו באַקומען שפּייז. נישט ווייט פון אונדז איז געווען אַ שול, רעקווירירט דורך די דייטשן. דאָרט בין איך געגאַנגען אין קיך. מען האָט מיך דאָרט ליב געהאַט און אַמאָל געגעבן אַביסל קאַרטאָפל אָדער ברויט.

מיר האָבן געוואוינט אין לאַנצוט אויף דעם פאָדוויעזשיניעץ. איך געדענק נישט וואָס איז פאָרגעקומען אין צענטער פון שטאָט. אין אונדזער געגענד זענען נאָר געווען עטלעכע יידן און אַ לאַנגע צייט איז געווען שטיל, ביז מען האָט פלורצים דערהרגעט די אייגנטימער פון דער מיל אויף פאָדוויעזשיניעץ, צוויי ברידער, לייביש און יעקב באָט. שפּעטער אַ שטיקל צייט האָב איך באַגעגנט אויפן וועג מיין קוזינע, וועלכע האָט געוואוינט אין צענטער פון לאַנצוט — זי האָט מיר דערציילט אַז זי גייט זיך באַהאַלטן. דעמאָלט האָבן מיר דערפילט אַז די געפאַר דערנענטערט זיך און מען דאַרף פאַרלאָזן דאָס הויז. מיר האָבן אָבער נישט געהאַט וואו זיך אַהינצוטאָן האָבן מיר איינפאַך געוואָגלט איבער די פעלדער און געוויקסן. מיין מאַמע האָט פּרובירט אונדז ראַטעווען דורך איינקוואַרטירן ביי גויים. דאָס זעלבע האָט געטאָן די מומע מיט אירע קינדער. דער מאַמען איז געלונגען נאָך לאַנגע זוכענישן און אַרומוואָגלען צייטווייליק אָוועקצוגעבן די קלענערע קינדער. פאַרשטייט זיך, פאַר אַ גרויסן אָפּצאָל, און צו דעם צוועק האָט מען געמוזט אָוועקגעבן די נייטיגסטע און ווערטפולסטע זאַכן. אין אַלגעמיין האָבן די „קוואַרטירן" לאַנג נישט געדויערט. נאָך דעם ווי זיי האָבן באַקומען דעם אָפּצאָל האָבן אונדז די גויים אַרויסגעוואָרפן, און די פאַמיליע האָט זיך ווידער ערגעץ באַהאַלטן אין די געוויקסן. ווען די נעכט זענען געווען קאַלטע, האָבן מיר זיך אויף נאַכטלעגער אַריינגעגנבעט ערגעץ אין גוישע סטאָדאָלעס אָדער אין שטאַלן.

איך געדענק ווי איינמאָל האָב איך געמוזט פון אַזאַ סטאָדאָלע, וואו איך האָב מיך באַהאַלטן מיט מיין ברודערל, אַנטלויפן, ווייל די פויערן האָבן אונדז געזוכט און אויסגענישטערט. דער ברודער האָט זיך פאַרגראָבן אין היי, און איך בין אַרויסגעשפּרונגען אויפן הויף. איך האָב געחלעשט, און ווען איך האָב מיך דערמונטערט, איז איבער מיר געשטאַנען דער פויער מיט ווידלעס. דער אינסטינקט און דער שרעק האָבן מיך אויפגעריסן — ס'איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן, איך האָב מיך דערשלאָגן צו דער מאַמען, וועלכע איז געלעגן באַהאַלטן אין אַן אַנדער גרוב...

איך געדענק אויך אַז דעם זעלבן הארבסט, ווען מיר זענען געווען אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן שום מיטלען צום לעבן, איז געווען מיין שטענדיקע אויפגאַבע צוצושטעלן דער פאַמיליע שפּייז. איך האָב מיך געלאָזט אויף דער „יאַגד" אין דאָרף אַריין צוזאַמען מיט מיין ברודער יוסף. געוויינלעך האָט מיך אויף די דאָזיקע גענג באַגלייט איינער פון מיינע ברידער. ער פלעגט מיך אָפּוואַרטן אין אַ באַהעלטעניש, כדי מיר דערנאָך צו העלפן שלעפּן. איך האָב שוין געהאַט אַ גרויסע „פּראַקטיקע" ווי אַזוי זיך צוצושלאָגן צו גוישע קעלערס, און אויך אין „פאַרבינדן פאַרשידענע אַנגעלעגנהייטן" מיט די פויערן.

אין איין פאַל איז יוסף געבליבן אין דעם הויכן קאָרן, פאַרן שניט, און איך בין אַריינגעגאַנגען אין די נאָענסטע כאַלופּעס. אויפן הויף האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ גרופּע פויערן, וועלכע האָבן זיך באַלד אָריענטירט ווער איך בין, און איידער איך האָב באַוויזן צו אַנטלויפן, האָבן זיי מיך אָנגעהויבן צו יאָגן, ביז זיי האָבן מיך געכאַפּט. זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט אין אַ ראָד און געדראָט, אַז אַצינד וועלן זיי מיך פאַרשליסן אין אַ קעלער און אָפּגעבן די נאַציס. ווי אַן אַריינגעפאַלענע חיה האָב איך געזוכט אַן אויסגאַנג. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך מוז גיין אויף דער זייט. זיי האָבן פון מיר געלאַכט וואָס איך שעם זיך, אָבער צום סוף האָבן זיי מיר דערלויבט איך זאָל מיך אַביסל דערווייטערן. און ווידער, מיט דעם אינסטינקט פון אַ געיאָגטער חיה און אַ פלינקייט וועלכע איך קען ביז היינט נישט באַגרייפן, איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן. ווידער אַמאָל האָב איך מיך דערשלאָגן צו מיינע עלטערן, וועלכע האָבן אויף אונדז געוואַרט אין די געוויקסן. אויך מיין ברודער האָט זיך געראַטעוועט.

מיר האָבן אַזוי אַרומגעוואָגלט ביז ווינטער. דערנאָך האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו באַהאַלטן אין דער סטאָדאָלע פון מיין מומע. די סטאָדאָלע האָט זיך געפונען אויפן הויף הינטערן הויז. מיר האָבן פון אונדזער פאַרמעגן אויסגעקליבן די נויטיקסטע זאַכן; די מומע האָט געטאָן דאָסזעלבע. זי האָט פאַרשלאָסן דאָס הויז און אָפּגעגעבן די שליסלען צו איינעם פון די שכנים, צו וועלכן זי האָט געהאַט דעם גרעסטן צוטרויען. דער דאָזיקער פּאָלאַק, מיטן נאָמען קוניש, האָט באַקומען אויף אויסבאַהאַלטן אַלע אונדזערע און דער מומעס זאַכן וועלכע מיר האָבן נישט געקאָנט מיטנעמען מיט זיך. איך געדענק אַז אין דער סטאָדאָלע זענען מיר אַריינגעגאַנגען ווינטער. מיר זענען געווען אַכט פּערזאָן. מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אויפן בוידעם פון דער סטאָדאָלע. ס'איז דאָרטן געווען היי און שטרוי און מיר זענען אויף דעם געשלאָפן. נאָך פּראָוויאַנט זענען מיר געגאַנגען נאָר ביינאַכט. עס זענען

געגאַנגען די קינדער, הויפּטזעכלעך איך און יוסף. אין אָנהויב האָט מען אונדז נאָך ביינאַכט אַריינגעלאָזט אין די שטיבער. מיר האָבן פאַרביטן אַ טייל פון אונדזערע קליידער און אַנדערע חפצים אויף לעבנסמיטלען. שפּעטער האָבן די פּאָלאַקן זיך געשראָקן פאַר אַ יידן ווי פאַר אַ נישט גוטן, זיי האָבן פאַר אונדז פאַרקלאַפּט די טיר. זענען מיר געווען געצוואונגען צו גנבענען פון קעלערס, ספּיזשאַרקעס, אָדער פעלדער און גריבער. הויפּטזעכלעך, קרויט, מייערן און קאַרטאָפל, וועלכע מיר האָבן געבראַכט אין אונדזער באַהעלטעניש. ווער האָט געקלערט פון קאָכן, אַלץ האָט מען אויפגעגעסן רויערהייט.

דאָס אַרויסלאָזן זיך נאָך שפּייז, אפילו ביינאַכט, איז געווען זייער געפערלעך. די ערד איז געווען באַדעקט מיט שניי, און אונדזערע שפּורן וואָלטן לייכט געקאָנט אָנווייזן אויף אונדזער נאָרע. האָבן מיר דאָס איינגעאָרדנט אויף אַזאַ מין אופן: די דערוואַקסענע האָבן אונדז אַרויסגעוואָרפן מיט כוח דורכן פענצטער, דאָס הייסט דורך דער שפּאַרע וואָס האָט אַרויסגעפירט אויף דער אַנדערער זייט סטאָדאָלע. דאַן זענען מיר אַוועק אין די געוויקסן ביים וועג. דאָרט האָבן די שפּורן נישט געקאָנט אונדז אַזוי פאַראַטן. ערשט פון דאָרט האָב איך אָנגעהויבן, מייסטנס אין דער באַגלייטונג פון איינעם פון די ברידער, מיין געפערלעכן גאַנג איבער פויערישע ווירטשאַפטן זוכענדיק עפּעס צום עסן.

נאָך עטלעכע וואָכן, איז איינמאָל אין דער פרי געקומען קוניש, אויפגעמאַכט די סטאָדאָלע און געזאָגט צו די עלטערן, אַז באַלד וועט אָנקומען די געסטאַפּאָ — ס׳איז נישט געווען קיין צווייפל אַז ער אַליין האָט אונדז פאַראַטן. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק. מיר האָבן אויסגעבראָכן עטלעכע ברעטער פון דער סטאָדאָלע און אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. די מומע איז געלאָפן אין איין ריכטונג, מיר אין אַן אַנדערער. די פאַרפאָלגער נאָך אונדז. מיר זענען געלאָפן זייער ווייט, ביז צו פּאָטאָצקיס פאָלוואַרק. מיר האָבן געזוכט געוויקסן וואו זיך צו באַהאַלטן. בשעת דעם אַנטלויפן איז די פאַמיליע זיך צעפלויגן — נישט אַלע האָבן געקענט לויפן אין זעלבן טעמפּאָ. איך האָב געזען איינער פון מיינע ברידער האָט זיך באַהאַלטן אין ראָוו. איך בין געלאָפן מיטן ברודער יאָסקע און מיר זענען ענדלעך צוגעפאַלן צו די קוסטן ביי דער ריקע נאָענט פון פאָלוואַרק. דאָרט האָב איך באַהאַלטן דעם ברודער טיף אין די געוויקסן, און אַליין בין איך געגאַנגען אויפזוכן דאָס רעשט פון דער פאַמיליע.

איך בין געקראָכן אויפן בויך און איך האָב געזען אַ גרויסע באַוועגונג צווישן די פּאָליאַקן. כאָטש ס׳איז געווען אין די פרייע מאָרגנשעה׳ן, זענען אַלע געווען אויף די פיס און געלאָפן אין פאַרשידענע ריכטונגען. איך האָב מיך באַהאַלטן אין אַ קלאָזעט, און נאָך אַ פּאָר מינוט האָב איך דערזען דורך אַ שפּאַרע אַז צוויי גוים פירן מיין ייִנגסט ברידערל אפרים׳ל. ער איז אַלט געווען דעמאָלט זעקס יאָר. איין פויער האָט אים געפירט אויף אַ פערד, און דער צווייטער איז געגאַנגען נעבן אים. איך האָב געהערט ווי אַפרים׳ל זאָגט צו איין גוי:

— זאָל מיך דער פּאַן אָפּלאָזן, וואָס וועט שאַדן דעם פּאָן אַז איך זאָל לעבן.

נאָך אַ פּאָר מינוט האָב איך דערזען ווי עטלעכע פירן פירן יאָסקין. באַלד דערנאָך האָב איך דערהערט שיסן.

אַ האַלב באַוואוסטלאָזע בין איך אַרויס פון קלאָזעט, איך האָב מיר געריסן די האָר פון קאָפּ. די אייגנטימערין פון קלאָזעט, אַ באַקאַנטע פויערטע, האָט מיך דערזען און אַריינגעפירט מיט געוואַלט אין שטאַל, און כאָטש איך האָב געשריען אַז איך וויל גיין מיט די ברידער, האָט זי מיך מיט כוח געהאַלטן דאָרט ביז נאַכט. אין אָוונט האָט זי מיר געהייסן גיין זיך עפּעס אויסזוכן.

איך בין געגאַנגען אין אַ אַנדערער כאַטע, צו איר שוועסטער, אַ פאַנאַטיש פרומע גויע. זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט מיך האַלטן און אָפּשמדן. זי האָט מיר אויך דערציילט אַז מיינע עלטערן און ברידער האָט מען געכאַפּט און אויסגעשאָסן.

אָבער דעם זעלבן אויפדערנאַכט זענען געקומען אין מיין באַהעלטעניש צוויי מיינע ברידער, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט, העשעק און טולעק. זיי האָבן מיר דערציילט אַז די פּאָליאַקן מיט דער הילף פון דער געסטאַפּאָ האָבן געכאַפּט די עלטערן און דריי ברידער. די פּאָליאַקן האָבן זיי פאַרשלאָסן ערגעץ אין אַ קעמערל און האָבן געבראַכט די געסטאַפּאָ, וועלכע האָט אויסגעפירט דעם מאָרד. די ברידער אַליין האָבן זיך געראַטעוועט ווייל זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין ראָוו. און ווען עס האָט זיך איינגעשטילט דאָס שיסן זענען זיי אַרויסגעקראָכן, און פון די פויערן האָבן זיי זיך דערוואוסט אַז איך בין נישט אומגעקומען און וואו איך געפין זיך.

די ברידער האָבן זיך דערוואוסט פון דער דוביעלאווע, אַזוי האָט געהייסן די פויערטע ביי וועלכער איך האָב מיך אויפגעהאַלטן, אַז זי וויל מיך באַהאַלטן ביי זיך; האָבן זיי באַשלאָסן מיך איבערלאָזן ביי איר און נישט מיטנעמען מיט זיך. זיי זענען אַליין אַוועק עפּעס אויסזוכן פאַר זיך. נאָך אונדזער קורצן געשפּרעך האָב איך פון זיי מער קיינמאָל נישט געהערט, און נישט געזען... עס איז מיר נישט באַוואוסט ווען און אונטער וועלכע אומשטענדן זיי זענען אומגעקומען.

די דוביעלאָווא האָט מיך אויסבאַהאַלטן פאַר די מייסטע מענטשן פון דאָרף, אָבער עס זענען געווען אויך פאַרטרויענע מענטשן וועלכע האָבן מיך געזען. זי האָט מיך אָנגעהויבן פאָרצובערייטן צום שמד. און ווען איך האָב שוין געקענט דעם גאַנצן קאַטעכיזם, האָט זי מיט אַ וואַסער מיך אָפּגעשמדט. זי האָט מיך גוט באַהאַנדלט, געגעבן מיר עסן. איך האָב געאַרבעט אין דער ווירטשאַפט ווי די אַנדערע אַנגעהעריקע.

איז אַ געוויסן טאָג, ווען איך בין מיט דער לאַמטערן אַריינגעגאַנגען אין שטאַל צו די בהמות, האָב איך געטראָפן דאָרט אין אַ באַהעלטעניש וואַרטן אויף מיר מיין קוזין, פון דער פאַמיליע מיט וועלכע מיר זענען געווען צוזאַמען אין דער סטאָדאָלע. זיי זענען אַנטלאָפן אין אַן אַנטקעגנגעזעצטער ריכטונג ווי מיר. איך האָב מיך דערוואוסט פון אים, אַז זיי האָבן זיך אַלע געראַטעוועט און באַהאַלטן זיך אין אַ שטאַל ביי אַן אַנדערן פויער פון דעם זעלבן דאָרף. אַ פּאָר מאָל האָב

איך מיך צו זיי פאַרגנבעט און זיך געזען מיט זיי. מיר איז נישט באַקאַנט ווען זיי זענען אומגעקומען, און אונטער וועלכע אומשטענדן.

נאָך עטלעכע וואָכן איז מיך געקומען באַזוכן ביי דער דוביעלאָווא מיין מוטערס אַ ווייטע קוזינע, חנה צעלערקרויט. זי האָט געלעבט ערגעץ אין דער געגענד אַלס אַ פוילישע. זי איז געווען זייער פאַרגויִשט און „נישט קענטלעך" — דורכדעם איז איר לייכטער געווען צו לעבן.

דערווייל האָט די דוביעלאָוואַ מיך אָנגעהויבן פאָרצר־ברייטן אויפן מאַרטירער־טויט. זי האָט מיר דערציילט, אַז די געסטאַפּאָ וועט זיך באַלד דערוויסן פון מיר, און איך זאָל מיך נישט פאַרטיידיקן בשעת איך וועל אַריינפאַלן אין זייערע הענט, ווייל ווי אַ קריסטן וועל איך מיט מיין מאַרטירער־טויט נישט נאָר ראַטעווען מיין נשמה, נאָר אויך די נישט ריינע נשמות פון מיינע עלטערן. אירע רייד האָבן מיך נישט איבערצייגט, דעריבער האָב איך געבעטן די אויבן דערמאָנטע קוזינע אַז זי זאָל מיך אַרויסגנבנען. איך האָב אָנגעהויבן צו „אָרגאַניזירן" געלט און צוזאַמענגעשלאָגן צוויי זלאָטעס. איך האָב מיך אויך פאַרזען מיט אַרישע פאַפירן: איך האָב אַרויס־געגנבעט ביי דוביעלאָוועס שוועסטער די פאַפירן פון איר געשטאָרבענער וויכאָוואַנקע. אַזוי אויסגעשטאַטעט האָב איך מיך געטראָפן אויפן אָפגערעדטן פלאַץ מיט מיין קוזינע. איך האָב מיט מיר קיין שום זאַכן נישט געהאַט, ווייל איך האָב מיך אַרויסגעשלייכט בגנבה פון הויז און איך האָב נישט געוואָלט אַרויסרופן קיין פאַרדאַכט.

די קוזינקע האָט מיט זיך געהאַט אַ 13־יעריקן זון מעכל און אַ פיצל זייג־קינד, אַ יינגעלע. מיר זענען צוזאַמען גע־גאַנגען ביז ערגעץ אַ קליינע באַן־סטאַציע און אַוועקגעפאָרן אין דער וועלט אַריין... אַזוי זענען מיר פאַרפאָרן ביז צו דעם אוקראַינישן דאָרף קאָשיצע ביים סאַן. דאָרט האָט מיך חנה איינגעאָרדנט אויף אַ שטעלע אַלס דינסט ביי פּאָליאַקן. מיר האָבן זיי דערציילט אַז איך בין אַ פוילישע, איך הייס העלענאַ בראָניסלאַוואַ, מיין פאָטער איז אַ שיכור, און איז אַוועק אַרבעטן קיין דייטשלאַנד, מיין מוטער לעבט נישט און צוויי ברידער מיינע דינען אין „יונאַקא". חנה אַליין איז אַוועק אין אַנדערן דאָרף, דאָרט האָט זי זיך איינגעאָרדנט צייט־ווייליק מיטן זייג־קינד אויף אַ שטעלע. דאָס יינגל האָט זי אָפּגעגעבן אין דינסט. דערנאָך איז געשטאָרבן איר זייג־קינד. זי האָט עס אַליין באַהאַלטן און אַוועק אויף אַ סטאַבילן דינסט.

איך האָב אויף מיין ערשטער שטעלע לאַנג נישט געקענט אויסהאַלטן. איך האָב נישט געקענט אָניאָגן די אַרבעטן וועלכע מען האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט. חנה האָט זיי פאַרזיכערט אַז איך קען טאָן אַלע אַרבעטן אין דער ווירט־שאַפט, און לויט די אַרישע פאַפירן בין איך טאַקע עלטער געווען מיט צוויי יאָר ווי איך בין אין אמתן אַלט געווען. (איך האָב דעמאָלט נאָך נישט געהאַט קיין פולע צוועלף יאָר).

חוץ דעם איז מיר שווערער געווען אָנצוגיין פאַר אַ פוילישע צווישן פּאָליאַקן ווי צווישן אוקראַינער. איך האָב זייער לייכט מיך געקאָנט פאַראַטן סיי דורך דער שפּראַך, אָדער נישט קענענדיק עפּעס אַ מנהג. דעריבער האָב איך געזוכט אַ שטעלע ביי די אוקראַינער. אויך זיי האָב איך געזאָגט, אַז איך קען טאָן אַלע אַרבעטן אין דער ווירטשאַפט. אין אָנהויב איז מיר געווען זייער שווער, נישט קענענדיק די אַרבעטן ווי, צום ביישפּיל, מעלקן בהמות אָדער איינשפּאַנען פערד. אַ דאַנק מיין שטאַרקן ווילן און עקשנות, האָב איך מיך אין אַ קורצער צייט אַלץ אויסגעלערנט. איך האָב געהאָ־רעוועט ווי אַ דערוואַקסענער פּויער, כאָטש אין דער אמתן בין איך נאָך געווען אַ קליין מיידעלע, וועלכע האָט זיך שטאַרק געשראָקן פאַר שדים און פערד...

איך געדענק אַז איינמאָל איז דער „שיוועק" אַנטלאָפן פון שטאַל און די באַלעבאַטים האָבן מיר באַפוילן צו גיין כאַפּן דאָס פערד. ווען איך בין אים נאָכגעלאָפן האָב איך מיך צו מיין שרעק איבערצייגט אַז ער לויפט אין דער ריכטונג צום טייך, וואו לויט דער אַלגעמיינער מיינונג אין דאָרף טרייבן דאָרט אַרום ביינאַכט שדים. כאָטש איך בין געווען זייער איבערגעשראָקן, האָב איך געפאָלגט דעם באַפעל, ווייל אַז ווען נישט וואָלט מען מיר נישט געגעבן צו עסן, און איך האָב שטענדיק געהאַט אַ כראָנישן הונגער. ס'איז מיר גע־לונגען צו כאַפּן דאָס פערד אויפן שרעקלעכן אָרט, און דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך מיך אַרויפגעזעצט רייטן אויפן „שיוועק" און גאַלאָפּירנדיק אַהיימגעקומען. ווינ־טיקער ווי דער שרעק איז געווען דאָס עסן. די באַלעבאַטים האָבן פאַרן קלענסטן פאַרזען מיר נישט געגעבן קיין אָוונט־ברויט, דאָס הייסט ברויט, וואָס איך האָב באַקומען נאָר איינמאָל אין טאָג, און מילך. באָרוועס בין איך געגאַנגען אפילו אין ווינטער, און חוץ אַ לאַנגע קלייד האָב איך גאָר־נישט געהאַט אויף מיר. געשלאָפן בין איך אויפן ליימענעם פּיעקעליק.

מיינע באַלעבאַטים, ווי אויך די איינוואוינער פון דאָרף, האָבן ווייניק געגלויבט אין מיין אַרישקייט. געוויינלעך האָט מען מיך גערופן מיט די צונעמען שרה, רבקה, חיה. מען האָט מיך דערקוטשעט און פאַרפאָלגט אויף שריט און טריט.

איינמאָל איז צו מיין באַלעבאָס געקומען אַ מונדירטער פּאָליציאַנט. ווי די איינוואוינער פון דאָרף האָבן אים נאָר דערזען אין אַנדערן עק דאָרף, איז באַלד געקומען צו לויפן אַ שטאַפעט אין אונדזער כאַטע. זיי האָבן באַלד באַשלאָסן, אַז די פּאָליציי האָט זיך נאָר געקענט באַווייזן צוליב מיר. די באַלעבאָסטע האָט אפילו אין דעם טראַגישן מאָמענט געקלערט נאָר פון זיך. זי האָט מיר געהייסן איבערלאָזן דעם חלק שינקען. איך האָב געכאַפּט דאָס שטיק שינקען און בין מיט אים אַנטלאָפן אין קאָרן.

נאָך אַ ווייל האָב איך געהערט רופן די באַלעבאָסטע:

— העלענקאַ, העלענקאַ!

איך בין אַרויסגעקראָכן פון קאָרן און געקומען אויפן הויף. אויף דער מיט הויף איז געשטאַנען דער פּאָליציאַנט. מיט אַ שאַרף קול האָט ער מיך אָנגעהויבן אויספרעגן, — ווי אַזוי איך הייס, צי איך האָב פאַפירן, ווער זענען מיינע על־טערן און וואו זיי זענען.

איך האָב דערציילט מיין געשיכטע, געוויזן די דאָקומענטן, איך האָב מיך זייער געהיט, כדי מיט גאָרנישט זיך פאַרראַטן. אָבער איך האָב מיך זייער געשראָקן — דאָס גאַנצע דאָרף, אַלטע און יונגע און קינדער זענען געשטאַנען אין אַ ראָד און זיך צוגעקוקט צו דעם ספּעקטאַקל. צום סוף האָט דער פּאָליציאַנט צוריק באַהאַלטן דעם רעוואָלווער און מיר געהייסן גיין מיט אים.

אויפן וועג האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער גלויבט נישט אין מיינע רייד און ער איז זיכער אַז איך בין אַ יידישקע. אָבער ער וויל מיר נישט טויטן ווייל ער האָט אויף מיר רחמנות. ער האָט מיר אפילו דערקלערט, אַז ער וויל מיר העלפן און מיר צונעמען פון די כאַמעס, וועלכע באַוועלען מיך. איך וואָלט געקאָנט ביי אים וואוינען, העלפן זיין פרוי אין אַ לייכטער ווירטשאַפט און היטן דאָס קינד. איך האָב מיך ענערגיש אַנטקעגנגעשטעלט און אים פאַרזיכערט, אַז עס איז מיר גוט ביי מיינע באַלעבאַטים און אַז איך האָב דאָ חברטעס. איך האָב נישט געהאַט קיין צוטרויען צו זיינע פאָרשלאָגן און מורא געהאַט אַריינצוגיין אין גרוב פון לייב. צום סוף האָט דער פּאָליציאַנט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און מיר דערלויבט זיך אומצוקערן. איך האָב מורא געהאַט זיך אויסצודרייען צו אים מיט דער פּלייצע, כדי נישט צו באַקומען קיין קויל פון הינטן האָב איך מיך געמאַכט אַז איך דאַנק אים כלומרשט האַרציק, און מאַכנדיק צו אים מיט דער האַנט אויף געזעגנען זיך, בין איך הינטערווײילעכץ געגאַנגען ביז איך בין צוגעקומען צו די געוויקסן, דאָרט האָב איך מיך פאַרבאַהאַלטן אין די קוסטן און דערנאָך אַנטלאָפן מיט מיין גאַנצן כוח.

אינטערעסאַנט אַז זייט דעם טאָג האָט מען אין דאָרף אויפגעהערט מיך צו רופן „חיה" און דערקוטשען, קען זיין אַז זיי האָבן זיך איבערצייגט אין מיין אַרישקייט אָדער געמיינט אַז איך האָב אַן אויסערגעוויינלעכע פּראָטעקציע — מיין לאַגע האָט זיך פאַרבעסערט. איך האָב אפילו באַקומען פון דער באַלעבאָסטע צוויי לינקע האָלץ־שיך און אַ לאַנג קלייד. נאָר מיין אַרבעט האָט זיך נישט פאַרקלענערט. אויסער מיינע געוויינלעכע אַרבעטן, וועלכע זענען געווען איבער מיינע כוחות, בין איך אויך געגאַנגען, אַנשטאָט דעם באַלעבאָס גראָבן אָקאָפּעס ביים סאַן, צו וועלכן די דייטשן האָבן געצוואונגען די פּויערן.

דערווייל זענען אין דאָרף פאָרגעקומען שרעקלעכע זאַכן. צווישן די פּאָליאַקן און אוקראַינער זענען אויסגעבראָכן רייסענישן און קריגערייען. די פּאָליאַקן האָבן פאַרברענט די צערקווע. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע עמפּערונג ביי די אוקראַינער און מען האָט זיך אָנגעהויבן געגענזייטיק שעכטן און מאָרדן. איינמאָל האָב איך מיך דערוואוסט, אַז ערגעץ אויף אַ בוידעם האָט מען אַנטדעקט פאַרבאַהאַלטענע יידן. דאָס אַלץ האָט אויף מיר שרעקלעך געווירקט. באַלד דאַרויף האָבן די דייטשן עוואַקואירט אַ טייל פון די אוקראַינישע באַפעלקערונג פון דאָרף. ס'זענען אויך אַרויסגעפאָרן מיינע באַלעבאַטים, אַזוי אַז איך בין געווען געצוואונגען מיר צו זוכן אַ שטעלע ביי אַנדערע. איך האָב זי געפונען ביי שכנים, וועלכע זענען געווען אַ געמישט פּאָרפאָלק: ער אַ פּאָליאַק און זי אַ אוקראַינקע. די באַדינגונגען פון מיין לעבן און די אַרבעט האָבן זיך אָבער נישט געענדערט. מיין פּחד איז נאָר געוואַקסן, איך האָב מיך געמוזט זייער אויסהיטן פאַרן נייעם פּוילישן באַלעבאָס, ער זאָל נישט דערקענען אַז איך בין אַ יידישע.

ווען זומער 1944 זענען אָנגעקומען די סאָוויעטן, האָט זיך מיין לאַגע אַ סך נישט געביטן. איך האָב נישט געהאַט קיינעם, צו וועמען צו גיין, חוץ דעם האָב איך מורא געהאַט מיך צו רירן פון אָרט. חנה צעלערקרויט איז מיטן זון אַרויסגעפאָרן. האָב איך ווייטער פאַרבאַהאַלטן מיין אָפּשטאַם און געבליבן ווייטער דינען ביי די פּויערן.

8 חדשים נאָך דער באַפרייאונג איז צו מיר געקומען אַ יונגער מענטש. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַז ער איז מיין ברודער פון יאנאַק, און ער איז געקומען מיך פאַרבעטן אויף יום־טוב. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט חנה אים געשיקט נאָך מיר.

די באַלעבאָסטע האָט מיר דערלויבט מיט אים אַרויסצוגיין. אין אָנהויב זענען מיר געגאַנגען פּאַוואָליע, סטימולירנדיק אַ געשפּרעך, נאָר ווען מיר זענען אָנגעקומען אין וואַלד, האָבן מיר אָנגעהויבן צו לויפן ווי משוגעים, מורא האָבנדיק אַז מיין באַלעבאָס וועלכער טראָגט שטענדיק מיט זיך געווער, זאָל אונדז נישט דעריאָגן. מיר זענען דערלאָפן ביז צו עפּעס אַ קליינער באַן־סטאַציע, וואו עס האָט מיך אָפּגעוואַרט מיין קוזינע לאלא לאַנגזאם. זי האָט עס טאַקע, דערוויסנדיק זיך פון חנהן וואו איך האַלט מיך אויף, אָרגאַניזירט די רעטונגסעקספּעדיציע. זי האָט איבערגערעדט טולעק פאַוסט ער זאָל נאָך מיר פאָרן און מיך אַרויסגנבענען. די פאַרהעלטנישן פאַר יידן זענען נאָך אַלץ געווען געפערלעכע, בפרט אין שטעטלעך און דערפער. דעריבער האָט מען זיך נישט געאיילט זיך אידענטיפיצירן.

לאַלאַ לאַנגזאַם האָט מיך גענומען מיט זיך קיין ריישע, וואו זי האָט געלעבט מיט אירע עלטערן. די פאַמיליע האָט אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ פאַרזעעניש. אין דעם לאַנגן הילוך, די הילצערנע שיך און די פאַרגרעבטע אויסשפּראַך, האָב איך אויסגעזען ווי נישט פון דער וועלט.

קורץ נאָך מיין אָנקומען קיין ריישע איז דאָרט אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם אויף יידן. איך בין געווען אַזוי דערשיטערט פון מיינע איבערלעבונגען און געווען געוואוינט זיך צו ראַטעווען אויף אייגענער האַנט דורך מיין ספּריטנעקייט, אַז אין דער צעמישונג האָב איך מיך נישט אומגעקוקט אויף דער פאַמיליע און איך בין אַנטלאָפן קיין קראָקע. איך האָב שוין געוואוסט אַז אין קראָקע האָב איך קוזינען און איך האָב מיך ביי זיי אויסבאַהאַלטן. נאָך עטלעכע טעג זענען געקומען די קרובים פון ריישע און איך האָב ווידער מיט זיי צוזאַמען געוואוינט.

אין קראָקע בין איך געגאַנגען אויף דער דלוגא גאַס, אין יידישן קאָמיטעט, איך האָב דאָרט געלערנט אין דער פאָלקסשול, פּערטע קלאַס. איך האָב מיך נישט גוט געפילט ביי דער

פֿאַמיליע, האָב איך קיין סך נישט איבערגעקלערט און בין אַנטלאָפֿן צו אַנדערע קרובים קיין וורראָצלאַוו און פֿון זיי ווייטער קיין יעלענע גאָרן. דאָרט בין איך ווייטער געגאַנגען אין דער פֿאָלקסשול און האָב זי טאַקע דאָרט פֿאַרענדיקט אין יאָר 1946. אין יעלענע־גאָר בין איך אָנגעגאַנגען פֿאַר אַ קריסטן. איך בין געגאַנגען אין קלויסטער. אין שול האָט קיינער נישט געוואוסט אַז איך בין אַ יידיש קינד. איך בין געווען עלטער ווי מיינע מיטשילערנס. דער אונטעריכט האָט מיר נישט פֿאַרשאַפֿט קיין שוועריקייטן און איך האָב איבערגעהיפּט קלאַסן.

נאָכן ענדיקן די שולע האָב איך זיך אומגעקערט קיין קראָקע. די קרובים האָבן מיך דורכאויס געוואָלט אַוועקשיקן קיין ענגלאַנד, איך האָב אָבער באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין ישראל. אַ פֿעטער, זייער אַ פֿרומער, האָט מיך אָפּגעגעבן צו דער גרופּע „אגודת ישראל" און צוזאַמען מיט בערך 35 קינדער בין איך אַרויסגעפֿאָרן קיין טשעכאָסלאָוואַקיי און דערנאָך קיין דייטשלאַנד. דאָרט בין איך געווען גענוג לאַנג אין אַ בית־יתומים אין אולם.

אין אַ געוויסער נאַכט זענען מיר געוואָרן אַרויסגעשמוגלט מיט אויטאָס איבער דער גרענעץ קיין מאַרסייל. דאָרט האָט מען אונדז פֿאַרלאָדן אויף דער שיף „טעאָדאָר הערצל" צוגעפֿירט ביז צו די ברעגן פֿון חיפה. דאָ האָבן אונדז געכאַפּט די ענגלענדער. ס'איז אויסגעבראָכן ממש אַ שלאַכט, אין וועלכער מיר האָבן געקעמפֿט מיט פֿלעשער און מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, און די ענגלענדער — מיט גאַז־באָמבעס. עס זענען געפֿאַלן טויטע און פֿאַרוואונדעטע און מיר האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן. אין חיפה האָבן אונדז די ענגלענדער איבערטראַנספּאָרטירט אויף אַ ענגלישע שיף און אַוועקגעפֿירט קיין קאַפּריסין, וואו מיר זענען אָפּגעווען 8 מאָנאַטן.

אין דעצעמבער 1947 נאָכן באַפֿרייאונגס־קריג, בין איך אָנגעקומען קיין ישראל.

איך האָב מיך איינגעלעבט אין ישראל און האָב ליב באַקומען מיין היימלאַנד.

רבקה לאנדאו (מאנדשיין) חיפה

אין שאטן פון טויט

אין סעפּטעמבער 1939 האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל אַז אונטער טויט־שטראָף מוזן די יידן פֿאַרלאָזן די שטאָט און גיין אין דער ריכטונג פֿון דעם טייך „סאַן".

ס'איז דערלויבט געוואָרן מיטצונעמען 100 זלאָטעס און אַ קליין פּעקל. די יידן זענען אַוועק צופֿוס און אויף וועגענער אין דער ריכטונג פֿון יאַראָסלאַוו.

דער אופֿן פֿון אַרויסגעבן די באַפֿעלן

6 אַזייגער אין דער פֿרי האָבן אַלע יידן זיך געמוזט מעלדן אויפֿן פּלאַץ. די בעסער געקליידעטע, מייסטנס די אינטעליגענץ, האָבן די געסטאַפּאָ־לייט געשלאָגן. איבערגעשראָקענע יידן זענען זיך צעלאָפֿן. דאָרט האָט מען געמאָלדן די פֿאַרזאַמלטע, אַז ביז איינס אַזייגער מוזן זיי פֿאַרלאָזן די שטאָט. פּאָליאַקן האָבן אָנגעוויזן אויף יידן אין די גאַסן און געפֿירט די דייטשן צו יידישע וואוינונגען. די קהלה האָט באַקומען אַ באַפֿעל, אַז אויף די טויערן פֿון יידישע הייזער זאָלן באַצייכנט ווערן מיט אַ מגן־דוד. אייניקע זענען טאַקע געגאַנגען אין דער ריכטונג פֿון „סאַן", אַנדערע האָבן זיך צעשיט איבער די דערפֿער, קלערנדיק, אַז דער שטורם וועט פֿאַראיבערגיין.

איך מיט מיין פֿאַמיליע האָבן באַשלאָסן צו פֿאַרבלייבן אין דערהיים. אויפֿן צווייטן טאָג זענען געקומען 3 געסטאַפּאָ־לייט און איין פּאָליאַק און האָבן געדראָט אַז זיי וועלן אַלע אויסשיסן, אויב זיי וועלן אין משך פֿון אַ שעה נישט פֿאַרלאָזן דאָס הויז. די פֿאַמיליע האָט געדונגען אַ פֿור ביי אַ פּויער און מיר זענען אַרויסגעפֿאָרן קיין הוסאוו. אויפֿן וועג זענען אונדז באַפֿאַלן גויים וועלכע האָבן אונדז געוואָלט באַראַבעווען. מיר האָבן אָבער געשריען און ניצל געוואָרן.

אין הוסאוו האָבן מיר אָנגעטראָפֿן נאָך אַנדערע באַקאַנטע יידן. מיר האָבן באַצאָלט דעם גוי און זענען פֿאַרבליבן אין דאָרף.

נאָך אַכט טעג האָבן די גויים אַרויסגערופֿן די געסטאַפּאָ, וועלכע איז אָנגעקומען ביי נאַכט. די געסטאַפּאָ לייט האָבן צעשלאָגן אַלע יידישע מענער און געהייסן תיכף פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף. די פֿאַמיליע, צוזאַמען מיט אַנדערע יידן, האָבן זיך אומגעקערט קיין לאַנצוט. אין דערהיים האָבן זיי געטראָפֿן אַלץ אויסגעראַבעוועט.

אין דעם זעלבן טאָג איז אַרויס אַ באַפֿעל אַז די איבערגעבליבענע יידן איז דערלויבט צו זיין אין שטאָט, אָבער זיי דאַרפֿן זיך מעלדן.

צוואַנגס־אַרבעט

צוערשט איז געקומען אַ אויפֿאָדערונג פֿון מאַגיסטראַט, דערנאָך אויך דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון דער יידישער קהלה, אַז פֿון יעדן הויז דאַרף איינמאָל אין דער וואָך גיין איין מענטש צו דער אַרבעט. ווי, צום ביישפּיל, קערן די גאַסן, שאַרעווען פּאָלן, וואַשן אין די מיליטער־לאַגערן אָדער רעגירונגס־ביוראָען. ווינטער איז מען געגאַנגען אָפּקערן די שנייען פֿון די גאַסן. אויפֿזעערס איבער די יידן ביי דער אַרבעט זענען געווען די פֿריערדיקע שטעטישע גאַסנקערערס. אַ סך פֿון זיי האָבן געפּייניקט די יידן, ספּעציעל האָבן זיי געשלאָגן די מענער. ווינטער האָט מען דורכגעפֿירט אָבלאַוועס.

נאָכן אויסברוך פֿון דעם דייטש־רוסישן קריג האָבן זיך

אַ סך יידן אומגעקערט פון דער אַנדערער זייט „סאַן”. זיי האָבן זיך אַלע געמוזט מעלדן און איינלייגן 100 זלאָטעס קאוציע פאַר אַ פערזאָן. דער בירגערמייסטער באַנק האָט זיי געפרעגט וואָס פאַר אַ פּאַסטנס זיי האָבן פאַרנומען ביי די רוסן און צי זיי זענען געווען „קאָמיסאַרן”. די דאָזיקע מענטשן האָבן געאַרבעט באַזונדער.

אין איינעם אַ פראָסטיקן ווינטער־טאָג זענען אָנגעקומען געסטאַפּאָ־לייט פון יאַראָסלאוו. זיי האָבן אַרעסטירט יידן אויף די גאַסן און אַראָפּגענומען פון די אַרבעטס־פּלעצער. פון זיי האָבן זיי אויסגעקליבן 24 מענטשן, פרויען און מענער, געהאַלטן פאַרשפּאַרט עטלעכע חדשים, דערנאָך זיי אַרויסגעפירט 12 ביינאַכט אויפן בית־הקבורות און זיי דאָרט איינציקווייז אויסגעשאָסן. איין מאַן און איין פרוי איז געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען. פאַרוואונדעטערהייט זענען זיי אַנטלאָפן פון עקזעקוציע־פּלאַץ. די פאַרוואונדעטע פרוי האָט זיך געהיילט אין זשעזשאווער שפּיטאָל. די געסטאַפּאָ־לייט האָבן זי דאָרט געפונען און זי דערשאָסן אויפן זשעשאווער בית־הקבורות. דער מאַן האָט זיך געראַטעוועט. די געסטאַפּאָ־לייט האָט זיי אַרומגעזוכט אין לאַנצוט. זיי האָבן באַפוילן אויסצוגראָבן די געשאָסענע, אָבער די רעכנונג האָט געשטימט, ווייל אין צווישן זענען צוגעקומען נאָך צוויי קרבנות, אויך אַ מאַן און אַ פרוי.

די יידן אין לאַנצוט האָבן די גאַנצע צייט פון דער אָקופּאַציע, ביז צו זייער ליקווידאַציע, געוווינט אין זייערע הייזער, אַ געטאָ האָט מען נישט געהאַט איינגעפירט. ס׳איז געווען פאַרבאָטן אַרויסצוגיין פון דער שטאָט. צו האַנדלען איז געווען פאַרבאָטן אונטער טויט־שטראָף. אָפט זענען זיי איבערפאַלן יידישע הייזער און ס׳זענען געפאַלן קרבנות.

מיינער אַ שוואָגער איז אַרעסטירט געוואָרן, ווייל מען האָט ביי אים געפונען אַ רעוואָלווער, וואָס דער פּאָליאַק נאָוואַק האָט אים אונטערגעוואָרפן. דער פּאָליאַק האָט אים דערנאָך פאַרמסרט ביי דער געסטאַפּאָ. דער אמת איז אַרויס און מען האָט דעם שוואָגער באַפרייט. דערנאָך האָט מען אים געצוואונגען ער זאָל מאַכן אַ רעוויזיע אין הויז פון פּאָליאַק צי ער באַזיצט נישט מער קיין געווער. מען האָט אונטערגעקויפט די געסטאַפּאָ און די זאַך איז ווי עס איז דערליידיקט געוואָרן.

יאָר — 1942.

עס איז אַרויס אַ באַפעל אַז אַלע איבער 18 יאָר אַלט מוזן גיין אַרבעטן. מען האָט געכאַפּט צו דער אַרבעט אויפן מאַרק און אויף די וועגן. מען האָט געאַרבעט פאַר דייטשע פירמעס. די דייטשע אויפזעער האָבן געשלאָגן די יידישע אַרבעטער און ספּעציעל די אויף וועלכע זיי האָבן זיך פאַרלייגט.

ווייטערדיקע אַקציעס, קען־קאַרטן, קאָנטריבוציעס

דעם 25־טן יולי 1942 האָט מען געשטעמפּלט אויפן גימנאַזיע־פּלאַץ אין לאַנצוט די „קען־קאַרטן”. ביים טיש זענען געזעסן געסטאַפּאָ־לייט, באַאַמטע און יודנראַטער. ס׳איז געווען אַ ביפעט.

דער פּרעזעס פון יודנראַט ראובן נאַדעל, האָט געבראַכט אַ באַפעל פון יאַראָסלאוו אַז מאָנטיק דעם 3־טן אויגוסט 1942, דאַרפן די יידן זיך פאַרזאַמלען אויפן גימנאַזיע־פּלאַץ און פון דאָרט גיין קיין פּעלקיניע, צווישן יאַראָסלאוו און פּשעוואָרסק. כמעט אַלע יידן פון שטעטל האָבן זיך געלאָזט אין וועג מיט זייער באַגאַזש, ווער צו פוס, ווער מיט אַ פור. מיין מוטער האָט זיך צוגעשטעלט אויפן פּלאַץ. די איבעריקע פאַמיליע האָט באַשלאָסן זיך צו ראַטעווען אויף אייגענער האַנט.

נאָך עטלעכע טעג האָבן די דייטשן געמאָלדן, אַז ווער עס איז נישט אַרויסגעפאָרן דעם 3־טן אויגוסט קיין פּעלקיניע, קען עס טאָן דעם 7־טן אויגוסט. אין פּעלקיניע האָט מען די וועלכע זענען געקומען פריער אויפגעלאָדן אויף לאַסט־אויטאָס און אָפּגעפירט אין וואַלד, וואו עס איז שוין געווען גרייט פאַר זיי גריבער. מען האָט זיי לעבעדיקערהייט דאָרט אַריינגעוואָרפן, זיי פאַרשאָטן מיט קאַלך און אַרויפגעשיט ערד, אַזוי אַז „די ערד האָט זיך געהויבן”. אַ טייל מענטשן האָט מען אויסגעשאָסן, און אַ טייל האָט מען אַוועקגעשיקט. מיין מוטער האָט מען דערשאָסן. אַן עדות פון דער סצענע איז געווען מיינער אַ קוזין — אַלעק האוזערמאַן.

50 יונגע געזונטע יידן האָט מען אָפּגעשיקט קיין לאַנצוט, צווישן זיי א. האוזערמאַן. מען האָט זיי דערלויבט דאָ פריי צו לעבן. זיי זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט. דערמוטיקט פון זייער צוריק קומען, זענען אַנדערע יידן אַרויסגעקראָכן פון זייערע באַהעלטענישן. אָבער ס׳זענען געווען פּאָליאַקן, וואָס האָבן פאַרמסרט, און אַ סך יידן האָט מען געשאָסן אויף דער גאַס.

איך בין אַוועק אין אַ דאָרף. איין נאַכט האָב איך איבערגענעכטיקט ביי אַ באַקאַנטן פּויער. בייטאָג האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן אין קאַרטאָפל־קוסטן, די נאַכט ביי אַן אייגנטימערן פון אַ הויף און אַ פּאָר טעג געלעגן באַהאַלטן אין די קוקורוזע געוויקסן. 12 טעג האָב איך פאַרבראַכט אויפן הויף פון דער פרוי. ווען איך האָב געהערט אַז מען מאַכט רעוויזיעס, האָב איך פאַרלאָזט דעם הויף און זיך באַהאַלטן אויף זייער פעלד, אין קאָרן. דאָ האָב איך געהערט, אַז מען שיסט אויפן נאָענטן בית־הקבורות. ביינאַכט בין איך געלעגן אין פעלד פון די קאַרטאָפל. צום סוף האָב איך געמוזט זיך אומקערן אויפן הויף. אָבער דער באַלעבאָס האָט מיר געהייסן צוערשט ברענגען מיינע זאַכן.

איך האָב זיך אומגעקערט קיין לאַנצוט. דאָ האָב איך געטראָפן מיין שוועסטער מיט צוויי קינדער פון דער אַנדערער שוועסטער. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קאַמער פון אַ געוויסער פרוי פון אַ ראַטמאַן, וועלכע האָט שוין פון לאַנג געהאַלטן זייערע זאַכן. דערנאָך האָב איך זיך אומגעקערט אין דאָרף. אָבער איך בין באַלד צוריקגעקומען אין שטאָט, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די געסטאַפּאָ האָט צוגענומען די קינדער.

דעם אמת האָב איך זיך דערוואוסט אין הויז פון דער פרוי פון ראַטמאַן. דאָס איז געשען אָקטאָבער 1942. דעמאָלט

פונקט האָט אונדזער דינסט, ריבאקאווא, אַרויסגערופן די געסטאַפּאָ־לייט צו מיר, ווייל איך האָב איר אָפּגעזאָגט צו שענקען מיינע זאַכן, אָבער עס איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן.

מיין שוועסטערס קינדער, נוניא קליינבערג 9 יאָר אַלט און מאַנוסיא קליינבערג 7 יאָר אַלט, האָט מען דערמאָרדעט דעם 12.10.1942. די קינדער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער אָפּענער שטאַל פון זייער פריערדיק הויז. זיי האָבן געהונגערט. זייער טאַנטע, אסתר לאנדאו, האָט זיי געבראַכט אַמאָל עפּעס צו עסן, וואָס זי האָט געפונען אין די גערטנער. זי איז פּונקט דעמאָלט אַרויסגעגאַנגען זוכן שפּייז.

די דינסט ריבאקאווא האָט געשיקט איר 12־יעריקן זון און דעם בעקערס 12־יעריקן זון, זיי זאָלן רופן די געסטאַפּאָ לייט צו דער באַהעלטעניש פון די קינדער.

ווי עס האָט איבערגעגעבן אַ באַגלויבטער עדות (וועלכער לעבט שוין נישט מער), וואָס איז געווען אָנוועזנד ביים פאָרשן די קינדער, האָט עס געדויערט פון 4 פאַרטאָג ביז איינס בייטאָג. די קינדער האָבן נישט פאַראַטן די טאַנטע, נישט קיין אַנדערע יידן. מען האָט זיי אַרויסגעפירט אויפן בית־הקברות. אויפן וועג האָט דער געסטאַפּאָ־מאַן געטרייסט דאָס מיידעלע — זי זאָל נישט וויינען, ווייל זי גייט גלייך אין הימל. דאָרט וועט זי טרעפן דעם „טאַטוש” און די „מאַמוסיא” און אויך די „ציאָצי”. ער האָט זיי געטיילט צוקערלעך. ווען די קינדער האָבן נישט געוואָלט אַריינגיין אין טויער פון בית עלמין, האָט ער זיי נאָכאַמאָל געהייסן דערציילן דעם אמת. די קינדער האָבן געשוויגן. דאַן האָט ער זיי געשלאָגן און געקאָפּעט. אויפן בית־הקברות האָט ער זיי געהייסן גיין צו די געוויקסן און זיי דאָרט געשאָסן, צוערשט דאָס מיידעלע, וועלכע האָט באַקומען 4 קוילן, און דאָס יינגעלע — דריי. זייערע רעשטן האָבן זיי געוואָרפן פאַר די ווילדע חיות אין אַ צירק, וואָס איז דעמאָלט פּונקט אויפגעטראָטן אין לאַנצוט.

די ריבאקאווא, איר זון און דעם בעקערס זון לעבן ווייטער אין לאַנצוט. זיי זענען געווען באַקאַנט, אַז פאר אַ קאָפּ פון אַ יידן האָבן זיי באַקומען 50 זלאָטעס.



מיט די מגן־דודס אויף די אָרעמס — אין יאָר 1942.
פֿון רעכטס: אַנמוט, הינדה גערסטן, זאַוואַדאַ, — בראָניה שוסהיים.

משה שלייפשטיין צפת

דער אומקום פון מיין משפחה אין לאנצוט

ערב סוכות 1939, האָבן די דייטשן באַפוילן אַז אַלע יידן, מענער, זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין הויף פון דער סטאַראָסטווע, 8 אַ זייגער אין דער פרי.

די פאַרזאַמלטע יידן זענען אויפגענומען געוואָרן דורך מערדערלעכע קלעפּ. די דייטשן האָבן געמאָלדן, אַז ביז 4 אזייגער פאַרנאַכט מוזן אַלע יידן פאַרלאָזן לאַנצוט און מען טאָר נישט מיטנעמען מיט זיך מער ווי 100 זלאָטעס. די יידן האָבן געמוזט אַרויסקריכן אויף אַלע פיר, דורך דעם שמאָלן טויערל.

געסטאַפּאָווצעס און היטלער־יוגנט מיט נאַהייקעס און שטעקנס אין די הענט, האָבן אויף אַ מערדערלעכן אופן גע־טראָטן און געשלאָגן. דער רעשט פון די אויטאָמאָבילן האָט פאַרטויבט די האַרצרייסנדיקע געשרייען פון די געשלאָגענע.

נאָך דעם איז געקומען צו מיר אין הויז מיין פרויס פעטער, לייביש ווינער מיט זיין שוואָגער וואָלף קנעלער, אַ צעבלוטיקטער, אַ צעשראָקענער, און פאַרגעלייגט אַז מיר זאָלן ווי אַמגיכסטן צוזאַמען נעמען די משפחות און אַנטלויפן אויף דער אַנדערער זייט סאַן, וואָס דאָרט האָט דאַן געזאָלט זיין די גרעניץ מיט די רוסן. מיר האָבן באַלד באַקומען פערד און וואָגן און גענומען מיט זיך מיין משפחה און מיין פרויס משפחה.



לאה ווינער

אין דער לעצטער מינוט האָט זיך באַרעכנט דער זיידע מיינער, זעליג לאַנגזאַם, וועלכער איז שוין געווען נאָענט צו נײַנציק יאָר, ער וועט נישט פאָרן אויף די אַלטע יאָרן. מיין מוטער איז אויך נישט געפאָרן און פאַרבליבן מיט פינף ברידער און מיין פרויס באָבע, לאה ווינער. איך מיט מיין פאָטער און שוועסטער און פרוי און משפחה ווינער און לייביש שיפּערס פרוי און קינדער זענען אַוועקגעפאָרן.

דער טאָג איז געווען אַ רעגנדיקער, עס האָט זיך געדאַכט אַז די הימלען וויינען מיט אונז. די טאַטעס און די מאַמעס מיט די קליינע קינדערלעך אויף די פּלייצעס האָבן זיך געשלעפּט צופוס מיט שווער קראַנקע. קיין וואָגן און קיין פורמאַן איז נישט געווען צו קריגן, ווייל די פּאָליאַקן האָבן זיך געגרייט צו ראַבעווען דאָס יידישע פאַרמעגן. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס געוויין פון די קינדערלעך און דעם גע־יאָמער פון די קראַנקע.

מיר זענען אַלזאָ אַריבער דעם סאַן, און די מוטער מיט די ברידערלעך זענען געבליבן אין לאַנצוט.

ענדע יאַר 1939 האָב איך דורכגעשוואַרצט די גרעניץ צוריק קיין לאַנצוט, זיך געזעגענען מיט דער מוטער און ברי־דער, ווייל ווען איך בין אַרויס פון שטוב האָב איך פון גרויס צער פאַרגעסן זיך צו געזעגענען מיט זיי.

איך האָב זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן מיטפאָרן, האָבן זיי מיר געענטפערט: „ווען עס וועט עפּעס פּאַרקומען, וועלן מיר אַריבערפאָרן". איך האָב זיך געקליבן דאַן חתונה צו האָבן, און ווייל מיין פרוי, — דאַמאָלט מיין כלה — איז אויך געווען אויף דער צווייטער זייט, האָב איך געוואָלט, אַז מיינע ליבע מוטער און ברידער זאָלן מיך בענטשן פאַר דער חופּה.

ביינאַכט בין איך דורכגעגאַנגען דעם מאַרק. די שטאָט איז געווען ווי אָפּגעשטאָרבן. עס האָט אויסגעזען ווי אַ בית־עולם. עס זענען נאָר פאַרבליבן דאָרט אַ פּאָר יידישע פאַמי־ליעס.

עס דערמאָנט זיך מיר נאָך אַ זאַך: איך און מיין שוואָגער יהושע זענען געגאַנגען אין אַוונט אַהיים. אַ דרייסיק מעטער פאַר אונדז איז געגאַנגען מיין ברודער יוסף, וועלכער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ 12 יאָר — לויפט צו אים צו אַ קליי־נער שגץ, און וואַרפט אים אויף דער ערד, שלאָגט אים און זוכט אים, פּרוווט צונעמען ביי אים, וואָס ער האָט. זענען מיר צוגעלאָפן און אָנגעשריען אויף אים. דער שגץ האָט זיך פאַרוואונדערט און געפרעגט: איר נעמט זיך אָן פאַר אַ זשיד? אין דעם הער איך ווי מען שרייט פון אַ פענצטער: „האָב נישט קיין מורא פאַר זיי, זיי זענען אויך יידן". דער שרייער איז געווען לאַסאָטאַ, אַן אָנפירער פון „סאָקאָל".

מיין ברודער האָט מפרנס געווען די משפחה דערפון, וואָס ער האָט געפירט מעל פון ריישע קיין לאַנצוט, ביז איינמאָל האָט מען אים געמסרט און מען האָט אים אַריינגעזעצט אין לאַנצוטער טורמע. פון דאַן אָן הויבט זיך אָן דאָס פאַרניכטן פון מיין נאָענטסטע משפחה דורך די דייטשע מערדער.

מיינע צוויי קלענערע ברידערלעך, לייביש און יצחק, האָבן געטראָגן עסן צו מיין ברודער אין טורמע. האָט מען זיי גענומען אין הויז פון געריכט און זיי דערשאָסן. דאָס האָט מיר דערציילט אַ באַאַמטער און אויך אַ ריכטער, וואָס האָבן דאָס געזען מיט זייערע אייגענע אויגן.

נאָך דעם ווי מיין ברודער איז אַרויס פון קרימינאַל, האָט ער געמאַכט אַ בונקער נעבן אונדזער שטוב און מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן דאָרט מיט מיין משפחה ראַטפעלד פון קראָקע, אַ פעטער מיט זיין פרוי און זיבן קינדער. דער זיידע איז

איינמאָל אַרויסגעגאַנגען און ווען דער פּאָלקסדייטש קאַקאָט האָט אים דערזען, האָט דער זיידע אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. ער האָט זיך באַהאַלטן, און מען האָט אים נישט געקאָנט גע־פינען, דאַן איז געקומען אַ פּוילישע פרוי און אָנגעוויזן, וואו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן און מען האָט אים דערשאָסן.

דערווייל האָט די מוטער אָוועקגעגעבן דאָס הויז אַ שכן מיטן נאָמען קוניש, אַז ער זאָל זיי אויסהאַלטן דערפאַר מיט עסן אין בונקער. אַ צייט האָט ער זיי געהאָלפן, אָבער דערנאָך האָט ער חרטה געקריגן, האָט פאַרקלאַפּט דעם בונקער און געלאָפן מעלדן דער פּאָליציי. ווען די אויסבאַהאַלטענע האָבן דערזען, אַז דער בונקער איז פאַרקלאַפּט, האָבן זיי אָוועקגע־שלעפּט די ברעטער און אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. דערווייל האָט די פּאָליציי אָרגאַניזירט די פאַראַבקעס פון פּאָטאָצקיס הויף און אַרומגערינגלט די געגנט און אָנגעהויבן זיי נאָכצו־יאָגן. עס האָט אויסגעזען ווי אַ יאַגד אויף חיות. דעמאָלט האָט מען אויסגעהרגעט די קראָקאָווער משפחה ראָטפעלד. עס האָט זיך נאָר אָפּגעראַטעוועט אַ טאָכטער, רויזעלע (זי איז לעבן געבליבן און געפינט זיך אין ישראל). אויך האָבן זיך געראַ־טעוועט מיין מוטער מיט דריי ברידער.

פון דאָרט זענען זיי אַנטלאָפן אין דאָמבראָווקער וואַלד. דאָרט האָבן זיי זיך פאַרבונדן מיט די פּאַרטיזאַנער און געווען מיט זיי ביזן 1944 יאָר. דערווייל זענען די פּאַרטיזאַנער אָוועק און זיי זענען געבליבן ווייטער אין וואַלד. זיי זענען אַלע מאָל צוגעגאַנגען אין דאָרף און דאָס וואָס זיי האָבן נאָך פאַרמאָגט, אויסגעטוישט אויף אַ ביסל עסן.

אין אַפּריל 1944, אַ קורצע צייט איידער די רוסן זענען אַריין קיין לאַנצוט, זענען זיי אַרויס פון וואַלד און זיך באַ־האַלטן אין אַ סטאָדאָלע פון היי. דאָרט האָט אַ גאַנז דערפילט זייער אָנוועזנהייט, אָנגעהויבן צו שרייען און אַ פּוילישע פרוי האָט זיי דערזען. זי איז גלייך געלאָפן צום סאָלטיס און אים דערציילט. האָט ער איר געזאָגט, אַז ער איז נישט פון דער געסטאַפּאָ, נאָר ער ראָט איר, אַז זי זאָל צוריק גיין און זיי זאָגן, אַז זיי זאָלן אַוועקגיין.

דערווייל האָט זי געטראָפן דעם קאָמענדאַנט פון די אָרטיקע היטערס באבקא פון דאָמבראָווקע און אים דערציילט. האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ וואַך ביז אין דער פרי.

פאַרטאָג איז געקומען די געסטאַפּאָ בראש מיטן מערדער קאַקאַט און האָבן צום ערשט אַרויסגעשלעפּט מיין מוטער. און ביי איר געפונען שטיקלעך פלעצליך. האָבן זיי אָנגעהויבן זי צו שלאָגן מערדערלעך, אַז זי זאָל זאָגן ווער האָט איר דאָס געגעבן. (די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז ווער עס וועט געבן הילף אַ ייד, וועט מען אים מיט דער גאַנצער פאַמיליע אויסהרגענען).

מיין מוטער האָט נישט געוואָלט אויסזאָגן, דער ברו־דער דוד האָט נישט געקאָנט צוקוקן ווי מען דערמאָרדעט די מאַמע דורך מערדערליכע קלעפּ, איז ער אַרויסגעשפּרונגען און זיך געוואָרפן אויף דעם מערדער קאַקאַט און אים אומגע־וואָרפן און אים אָנגעהויבן צו ווערגן, איז צוגעלאָפן אַן אַנדע־רער געסטאַפּאָ־מאַן און האָט אים צעשמעטערט דעם קאָפּ.

דערנאָך האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט דעם צווייטן ברודער יוסף און דערשאָסן אים און דערנאָך די מוטער.

ווען זיי האָבן שוין געוואָלט אָוועקגיין, איז אַרויסגעגאַנ־גען דער יינגסטער ברודער שמואל. ער האָט צוגעזען ווי מען האָט אויסגעהרגעט אַלע איז ער אַרויס און געזאָגט צו די מערדער:

„ווען איר האָט אָוועקגעהרגעט מיין טייערע מוטער און ברידער — שיסט מיך אויך".

האָבן זיי אים געלאָזן לויפן און האָבן אים געגעבן אַ סעריע קוילן אין די פּיסלעך, האָט ער זיך נאָך געריסן מיט די הענטלעך. האָבן זיי אים געגעבן אַ צווייטע סעריע, האָט ער נאָך געוואָרפן מיט דעם קעפּעלע, דאַן האָבן זיי אים געגעבן אַ דריטע סעריע. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען ביי דעם הויז און פאַר די אויגן פון די פּאָליאַקן.

ווען איך בין צוריק געקומען פון רוסלאַנד האָט מען מיר דערציילט דאָס אַלץ. זיי ליגן אין איין ברודער־קבר לעבן דעם הויז פון פּאַטשאָשינאָ.

איך האָב מיר גענומען פאַר אַ הייליקן חוב אַז איך מוז זיי ברענגען צו קבר ישראל. נאָר דעמאָלט איז די לאַגע גע־ווען, אַז קיין ייד האָט ניט געטאָרט קומען אין דער געגנט. די פּאָליציי האָט מיך געוואָרנט, ווייל די פּאָליאַקן פלעגן הרגענען יעדן ייד.

נישט קוקנדיק אויף דעם האָב איך גענומען אַ לאַסט־אויטאָ פון קראָקע, וואו איך האָב געוואוינט, און מיטגענומען שמואל פעלבער און געוואָר. (שמואל פעלבער געפינט זיך אין ישראל, בני־ברק).

מיר זענען געקומען אין דעם דאָרף אַריין, איך האָב דאָרט געקענט פיל פּאָליאַקן, נאָר זיי האָבן מיר אפילו נישט געוואָלט ענטפערן. איך האָב ביי זיי אויסגעזען ווי אַן אָנשי־קעניש פון יענער וועלט, ווייל זיי האָבן שוין געמיינט, אַז קיין ייד איז נישט געבליבן, זיי זענען פון מיר אַנטלאָפן ווי פון אַן אָנשטעקנדיקן קראַנקן.

ענדליך בין איך געוואָר געוואָרן דאָס אומגלויבליכסטע.



עקסהומאַציע פון יידישע קדושים — וועלכע זענען בעת דער נאַצי צייט דערשאָסן און באַגראָבן געוואָרן אין פאַרשידענע ערטער.

כ'האָב געטראָפן די אייגנטימערין פון הויז און האָב פאַרלאַנגט פון איר, אַז זי זאָל מיר זאָגן, וואו דער קבר איז. נאָך דראָאונגען און געשרייען האָט זי מיר געוויזן: דאָ ביי דעם הויז, וואו דאָס קאָרן וואַקסט, דאָרט איז געלעגן דאָס טייערסטע פון מיין לעבן, מיין הייליקע יידישע מאַמע און ברידער.

דערווייל האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַרום דעם הויז די אָרטיקע פּאָליאַקן, מיט בייזע פּנימער ווי ווילדע חיות. מיר איז שוין געווען אַלץ איינס און כ'האָב אָנגעהויבן אויפצוגראָבן דאָס קבר.

דערווייל איז צו מיר צוגעגאַנגען איינער פון די דאָרפישע גרעסטע באַנדיטן. ער איז געווען באַקאַנט אין לאַנצוט, זיין נאָמען איז יאַנצטשוראַ, און ער פרעגט מיך פאַרוואָס איך מאַך אַ תל און צעטרעט דאָס קאָרן. איך האָב אים געפרעגט צי ער איז געקומען מיר העלפן, אָדער ער וויל ליגן דאָ מיט זיי צוזאַמען. ער האָט אַביסל געטראַכט און געענטפערט, אַז ער וויל מיר העלפן.

ער האָט מיר אָנגעוויזן פינקטלעך אויף וועלכן פּלאַץ זיי ליגן, ווייל ער אַליין האָט זיי באַגראָבן. דאָס גרוב איז טיף געווען ביי דריי מעטער.

ווען איך האָב אויפגעעפנט דאָס קבר האָב איך געפונען די טייערע הייליגע מוטער מיינע — זי איז געלעגן די ערשטע, אויבן, מיט צעשפרייטע הענט. זי האָט געשיצט אירע קינדערלעך אויך נאָך דעם טויט. אָנגעטון איז זי געווען אין דעם פּאָטערס שבתדיקע בעקעשע. דערנאָך איז געלעגן דער יינגסטער ברודער שמואל, דער קערפּער גאַנץ, נאָר דאָרט וואו ער האָט באַקומען די קוילן איז ער געווען פאַרפּאַליעט. דער דריטער איז געווען דער צווייטער ברודער יוסף, און הינטן איז געלעגן דער ברודער דוד, מיט אַ צעשמעטערטן קאָפּ. די קערפּערס זענען געווען אין אַ גוטן צושטאַנד, ווייל דאָס קבר איז געווען אין זאַמדיקן באָדן. איך האָב זיי געבראַכט צו קבר ישראל אין קראָקע. נאָך דעם האָט מען געבראַכט אויך זעליג קערנער און באַגראָבן נעבן זיי. אַזוי זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם דורך די דייטשע מערדער מיינע נאָענטסטע.

משה פרידער ניו־יאָרק

זייער לעצטער וועג

צוזאַמען מיט אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן איז אויך דאָס יידישע לאַנצוט פאַרניכטעט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחישע הענט. דאָס איינציקע, וואָס איז איבערגעבליבן, וואָס באַווייזט, אַז „אַמאָל" האָט דאָרט געקלאַפּט אַ יידיש לעבן, איז די שול און דער בית המדרש, וועלכע זענען על פּי נס געבליבן גאַנץ. ווי נאָר די דייטשע אַרמיי איז אַריין קיין לאַנצוט, האָט זיך באַלד אָנגעהויבן דער גהינום פאַר יידן. ערב סוכות 1939 האָבן די דייטשע רוצחים אַרויסגעהאָנגען פּלאַקאַטן, מיט אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע יידן, מענער, זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין הויף פון סטאַראָסטווע. מיט שווערע הערצער און געבויגענע קעפּ זענען די יידן אַוועק צום זאַמלפּונקט, פאָרויספילנדיק וואָס עס דערוואַרט זיי. זיי האָבן טאַקע נישט באַדאַרפט לאַנג וואַרטן. אין מיטן וועג האָבן זיי שוין מקבל פּנים געווען באַוואָפנטע דייטשע מערדער און געשלאָגן יעדן ייד מכות רצח. אַזוי האָבן די דייטשן געבושעוועט עטלעכע שעה און באַוויזן זייער סאַדיסטישע ווילדקייט אויף פאַרשידענע עקלדיקע אופנים.

אָבער באַלד דעם זעלבן טאָג, ווען מען האָט נאָך נישט געהאַט קיין צייט אָפּצואָטעמען און זיך באַרואיקן פון דעם ערשטן פּאָגראָם, האָט די דייטשע זשאַנדאַרמעריע אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן זאָלן פאַרלאָזן לאַנצוט ביזן אָוונט. אין דעם באַפעל איז ווייטער געזאָגט געוואָרן, אַז יעדער ייד, וואָס מ'וועט טרעפן אויף צו מאָרגנס אין שטאָט, וועט דערשאָסן ווערן. אין אַ גרויסער בהלה און מיט געוויין האָבן כמעט אַלע יידן פאַרלאָזן דאָס שטעטל און אַוועק אויף דער צווייטער זייט פון טייך סאַן. דאָס איז פאָרגעקומען ערב סוכות פון יאָר ת"ש (1939). אויף דער צווייטער זייט סאַן האָט זיך שוין געפונען די סאָוויעטישע אַרמיי און קיין דייטשן פּרצוף האָט מען שוין מער נישט געזען. לאַנצוטער יידן האָבן זיך צעשפּרייט איבער שטעט און שטעטלעך אין מזרח־גאַליציע און וואָלינער געגנט. ווען מיר וואָלטן דאַן געהאַט נביאים, וואָלטן זיי אונדז געוויס געזאָגט, אַז דאָס איז צום גוטן, און געוועקט, אַז קיינער זאָל נישט טראַכטן צוריקצוגיין קיין לאַנצוט. אָבער צום גרויסן באַדויערן האָבן נישט אַלע לאַנצוטער שלום געמאַכט מיטן גורל פון נע־ונעדניקעס. ווי נאָר די לאַגע האָט זיך אַביסל באַרואיקט, זענען אַ סך לאַנצוטער יידן צוריקגעגאַנגען אין שטעטל אַריין. זיי האָבן זיך שטילערהייט אַריינגעגנבעט אין זייערע אייגענע שטובן, און געהאָפט, אַז מען וועט זיי לאָזן רואיק לעבן. זיי זענען אָבער אַלע אומגעקומען דורך שווערע יסורים. די אַלע לאַנצוטער יידן, וואָס זענען געווען ביי די רוסן אין מזרח־גאַליציע און וואָלין, האָט די רויטע אַרמיי אַרויסגעפירט אין טיף־רוסלאַנד. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז אַרויסגעקומען דערפון אַ ישועה: די יידן זענען געבליבן לעבן. אַזוי אַרום האָבן זיך געראַטעוועט אַ טייל יידן פון לאַנצוט.

דאָס רוב לאַנצוטער יידן זענען אומגעקומען אויף אַ טראַגישן אופן. ווי נאָר די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל האָבן זיי אָנגעהויבן רודפן די יידן, אָבער דאָס ערגסטע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן מיטן אויסברוך פון דער מלחמה מיט סאָוויעט רוסלאַנד. פון 22 יוני 1941 אָן איז דאָס יידישע

לעבן געוואָרן הפקר. די דייטשן האָבן יעדן טאָג געשאָסן ייִדן אין די גאַסן. אַרויסגיין אין גאַס איז געווען לעבנסגעפערלעך. ייִדן האָבן זיך טאַקע נישט געוויזן אין די גאַסן. דאַן האָט מען זיי געשלעפּט פון די שטובן און געמאָרדעט. אַזאַ טראַגישער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן אין לאַנצוט ביז חודש אב פון יאָר תש״ב. דאַמאָלסט האָט מען אַלע ייִדן אַרויסגעפירט פון לאַנצוט קיין פּעלקין, ביי יאַראָסלאַוו וואו זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אויף אַן אכזריותדיקן אופן.


אין לעצטן מאָמענט פון ליקווידירן לאַנצוט זענען אַ סך ייִדן אַנטלאָפן אין די פעלדער און דערפער און זיך אויסבאַהאַלטן ביי די פּויערים. אַ סך זענען אַוועק אין די וועלדער. מען האָט געהאָפט, אַז די וועלט וועט זיך דערוויסן פון די באַרבערייען און דאָס געוויסן פון די פעלקער וועט זיך רירן און זיי וועלן ווירקן אָפּצושטעלן די ווילדע רציחות. אַזוי זענען לאַנצוטער ייִדן געלעגן אין זייערע באַהעלטענישן און געהאָפט איבערצולעבן די שרעקלעכע טעג. אָבער דאָס געוויסן פון דער וועלט איז געבליבן טויב און שטום. אַזוי זענען אַוועק טעג און וואָכן, חדשים און יאָרן. ביסלעכוויַיז זענען די באַהאַלטענע ייִדן אויסגעמאָרדעט געוואָרן. צוערשט האָבן די גויים צוגענומען די געלט ביי די ייִדן, און אַז זיי האָבן שוין מער נישט געהאַט קיין געלט, האָבן זיי דערמאָרדעט די ייִדן. אַרויסלאָזן פון זייערע באַהעלטענישן האָבן זיי אויך מורא געהאַט, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז מען וועט דעם ייִדן כאַפּן, און אפשר וועט ער אויסגעבן וואו ער איז ביז איצט געווען באַהאַלטן. אָבער דאָס רוב באַהאַלטענע ייִדן אַרום לאַנצוט זענען אומגעקומען דורך דעם נאַצישן רוצח קאקאט, — דער הענקער פון די לאַנצוטער ייִדן.

איך וויל דאָ דערמאָנען מיין פאָטער ר׳ צבי שלמה ז״ל, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין קאשין ט״ו מרחשון תרצ״ח. זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער אָנדענק פון מיין מוטער טובה פרידער הי״ד, מיט מיינע צוויי שוועסטערן בראַנדל און איטע, און די אַנדערע ייִדן, וואָס זענען מיט זיי צוזאַמען אומגעקומען.

און אומגעקומען זענען זיי אויף זייער אַ טראַגישן אופן: מיין שוועסטער איטע האָט זיך אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע ייִדן אין אַ וואַלד ביי ראָגאָזשנאָ (ראָגאָזשנער וואַלד). יעדן טאָג זענען אַרויסגעגאַנגען צוויי מענטשן צו פאַרזאָרגן לעבנסמיטל. איינמאָל איז געקומען די ריי אויף מיין שוועסטער איטע: זי איז אַרויסגעגאַנגען פון וואַלד צוזאַמען מיט פנחס מילראד ביים צוריקגיין האָט מען זיי געכאַפּט און דערשאָסן אין דאָרף קאָשין.

ווען די איבעריקע ייִדן, וואָס זענען געווען אין וואַלד האָבן געהערט, אַז מען האָט זיי דערשאָסן, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז די דייטשן וועלן אַרומרינגלען דעם וואַלד. זיי זענען זיך צעלאָפן פון דעם וועלדל. מיין מוטער מיט מיין צווייטע שוועסטער בראַנדל, זענען אויך אַנטלאָפן. מען האָט זיי געכאַפּט אין ביאַלאבזשעג. ערגעץ ביים ווײסלאָק. ווען מיין מאַמע איז שוין געווען ביי די דייטשע זשאַנדאַרמען אין די הענט און געזען אַז מען גייט זיי שיסן, האָט זי זיך געבעטן ביי די רוצחים, אַז מען זאָל זי די ערשטע דערשיסן, כדי זי זאָל נישט צוזען, ווי מען דערשיסט איר קינד. די מערדערס האָבן איר בקשה אָפּגעוואָרפן און דווקא אין אירע אויגן צוערשט דערשאָסן איר טאָכטער, די יונגע בליענדיקע בראַנדל הי״ד. אָבער דאָס האַרץ פון אַ מוטער האָט נישט אויסגעהאַלטן מיין מוטער טובה בת נפתלי הי״ד איז אַוועקגעפאַלן אַ טויטע אויפן קערפּער פון איר טאָכטער, נאָך איידער די מערדער האָבן באַוויזן זי צו דערמאָרדן מיט אַ קויל.

איך וויל אויך דאָ דערמאָנען מיין ליבן ברודער דוד און מיין שוועגערין צפורה און זייערע צוויי קינדער פון ליזענסק. מיין טייערע שוועסטער מאַלי און מיין שוואָגער בערצי בעללער מיט זייערע דריי קינדער פון פּשעוואָרסק, וועלכע זענען אַלע אומגעקומען אויף דעם מזבח פון קידוש־השם אין בעלזיץ.



רבקה מאַנדשיין חיפה

צוויי קליינע יידישע מאַרטירער

> אַזאַ נקמה — די נקמה פון בלוט פון
> אַ קליין קינד האָט נאָך דער שטן
> נישט באַשאַפן.
>
> חיים נחמן ביאַליק

ס׳איז אָנגעקומען דער שרעקלעכער טאָג — 3־טער אויגוסט 1942, ווען אַלע יידן פון לאַנצוט און אומגעבונג זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. קיין פּעדער קען נישט באַשרייבן די פאַרצווייפלונג פון די אומגליקלעכע מאַמעס, וועלכע האָבן געוואוסט אַז מאָרגן דאַרפן זיי זיך צעשיידן אויף אייביק פון זייערע קינדער.

שוין שבת נאָך מיטאָג, דעם 1־טן אויגוסט 1942, האָט באַקומען די לאַנצוטער יידישע געמיינדע פון דער יאַראָסלאַווער געסטאַפּאָ אַ באַפעל אַז מאָנטיק, 7 אַ זייגער אין דער פרי, דאַרפן אַלע יידן זיך פאַרזאַמלען אויפן רינעק, כדי צו פאַרלאָזן זייערע הייזער און די שטאָט און זיך לאָזן אין וועג אַריין, צום גרייטן טויט!... דער פאַרניכטונג פּלאַץ פאַר די לאַנצוטער יידן און אומגעבונג איז געווען פּעלקיניע, צווישן פּשעוואָרסק און יאַראָסלאַוו.

אויפן רינעק זענען שוין געווען צוגעגרייט לאַסט־אויטאָס און פורן. די יידן האָט מען געשלאָגן און געטריבן מיט גומי־שטעקנס זיי זאָלן אויפשטייגן שנעלער אויף די לאַסטאויטאָס און פורן, אַנדערע יידן האָבן פאַר אייגן געלט געדונגען פורן צו פאָרן קיין פּעלקיניע, צום אָרט פון זייער טויט...

אויף די גאַסן אין שטאָט האָט מען געהערט שיסערייען און די געשרייען פון די געסטאַפּאָ־לייט וועלכע זענען אַרומגעריטן אויף פערד. פאַר זיי און אַרום זיי האָבן זיך געיאָגט די הינט און פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אָנגעוויזן אין וועלכע הייזער עס לעבן יידן, כאָטש עס איז גאָרנישט נויטיק געווען, ווייל אויף יעדן יידישן הויז איז געווען אויסגעמאָלן דורך דער יידישער קהילה אַ מגן־דוד. מאַנכע פּאָליאַקן האָבן אַליין אַרויסגעטריבן די יידן, כדי וואָס שנעלער צו געניסן פון יידישן אומגליק, אַנדערע האָבן געבראַכט די געסטאַפּאָ־לייט, באַשולדיגענד די יידן אַז זיי ווילן זיך אויסבאַהאַלטן. די יידן וועלכע מען האָט געכאַפּט, האָט מען געשלאָגן אָן רחמנות אָדער מען האָט זיי געשאָסן און דערהרגעט אויפן אָרט.

אין דאָזיקן אומגליקלעכן טאָג האָט אין איינעם אַ הויז אויף סלאָוואַצקי גאַס געהערשט אַ שרעקלעכע פאַרצווייפלונג. אַלץ אין הויז איז געווען איבערגעדרייט און פאַרווירט. די מאַמע פון דער פאַמיליע האָט נישט געקענט צוזען די ליידן פון איר טאָכטער חנה, דער יונגער מוטער, האָט זי גענומען אויף די הענט איר יינגסט אייניקל אברהמ׳קע, אַן 8־חדשימדיק קינד, און איז מיט אים אַרויס פון דער וואוינונג אין גאָרטן אַריין. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ גרויסן שטיין און צוגעדריקט צו איר האַרצן דעם קליינעם פאַראורטיילטן. חנה האָט נאָך געהאַט צוויי קינדער אַ 9־יעריק יינגעלע נתנקע און אַ 7־יעריק מיידעלע מאַנושיאַ. מאַנושיאַ האָט געהאַט לאַנגע שוואַרצע לאָקן, וועלכע האָבן אַרומגערעמט איר פּנימל און גרויסע שוואַרצע בילד־שיינע אויגן, אַ שטיפעריש נעזל און ליפּעלעך, וועלכע האָבן זיך געעפנט ווי אַ קליינע רויטע רויז. בשעת איר זיסן שמייכלען האָבן זיך באַוויזן צוויי רייען ווייסע ציינדעלעך, קלאָרער ווי פּערל, און אין די בעקלעך פון איין זייט און פון דער אַנדערער זייט האָבן זיך געבילדעט גריבעלעך. די שטריכן פון איר פּנימל זענען געווען דעליקאַטע און שיין, ווי אויסגראַווירטע פון דער האַנט פון אַ גרויסן קינסטלער.

חנה איז געלעגן אויפן בעט, פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און זיך געשטיקט מיט טרערן, ווייל זי האָט נישט געוואָלט ווייזן דער מאַמען און דעם מאַן אירע ליידן. דער אומגליקלעכער מאַן האָט פאַרצווייפלט אויסגערופן:

— זאָלן זיי מיר גלייכער אַ לעבעדיקן אַרויסרייסן דאָס האַרץ פון גוף, אָבער מיין ווייב און קינדער זאָלן זיי מיר לאָזן לעבן!!

ביי די ווערטער האָט ער געקלאַפּט דעם קאָפּ אין דער וואַנט.

און אין דערזעלבער צייט האָבן אין דרויסן די פּוילישע שכנים זיך אַרומגעקריגט, ווייל יעדער פון זיי האָט געוואָלט אַרויסציען פון דעם יידישן אומגליק וואָס אַ גרעסערן פּראָפיט.

אַזוי האָט עס אויסגעזען אין אַ יעדן יידישן הויז.

נישט קענענדיק צוקוקן די ליידן פון דער פאַמיליע האָט נתנקע אָנגענומען זיין שוועסטערל מאַניע ביי דער האַנט און זי אַרויסגעפירט פון דער וואוינונג, זאָגנדיק איר די ווערטער:

— מאַניו! דו ביזט אַזוי בלאַס, צי ביסטו קראַנק? עס טוט דיר עפּעס וויי?

ביי די ווערטער האָט זי אַראָפּגעלאָזן די אויגן פון וועלכע עס זענען גערונען טרערן:

— ניין... איך בין נישט קראַנק — האָט געענטפערט דאָס מיידעלע.

— ווייַן נישט מאַניו — האָט געבעטן דאָס יינגעלע זיין געליבט שוועסטערל און אים אַליין זענען גערונען די טרערן איינס נאָכן אַנדערן ווי די פּערל. אינדעם האָט דאָס מיידעלע אויפגעהויבן דאָס קעפּל און אויסגערופן:

— נתנקע! די מומע אסתר איז שוין געקומען, לאָמיר צוריקגיין אין שטוב אַריין!

נאָך נעכטן איז אסתר אַוועקגעגאַנגען אויפן דאָרף אויסזוכן ערגעץ אַן אָרט ביי אַ לאַנדווירט אויף אויסבאַהאַלטן זיך.

אסתר׳ס מאַמע איז ביי איר דערשיינען אויף אַריינגע־קומען מיטן קינד אין שטוב.

— ליידער! — האָט אסתר אויסגערופן מיט אַ ווייטיק אין איר שטימע — קיין פונק האָפנונג האָב איך נישט; קיינער וויל אונדז נישט צונעמען מיט די קינדער! אָבער מיר איז אַלץ איינס. איך וועל טראָצדעם נישט פאָרן אויפן אָרט פון טויט! איכ׳ל גיין וואו די אויגן וועלן מיך טראָגן, אַבי נישט דאָרט, איין באַלעבאָס האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אויף עטלעכע טעג וועט ער מיך אויסבאַהאַלטן, נו, וועל איך גיין צו אים!

ווען דאָס מיידעלע האָט דערהערט די רייד, האָט זי אויפגעהויבן בעטענדיק אירע שיינע שוואַרצע אויגן און געזאָגט:

— ציאציו!... ציאציו! נעם מיך מיט זיך. וואָס עס וועט געשען מיט דיר, זאָל אויך געשען מיט מיר!... נאָר נעם מיך מיט!

אסתר האָט נישט געקענט קוקן אויף דער קליינער מאַר־טירערן און נאָך אַ ווייל האָט זי זיך אָנגערופן:

— גוט, איך נעם דיך מיט! זאָל זיין אַזוי ווי דו זאָגסט!... וואָס עס וועט געשען מיט מיר, וועט אויך געשען מיט דיר!

ביי די ווערטער האָט אסתר זיך שטאַרק צעוויינט און אַלע אין שטוב האָבן מיט איר ביטער מיטגעוויינט. אסתר האָט זיך צוגעגרייט און אין אַ שעה אַרום איז זי שוין געווען פאַרטיק צו איר שווערן וועג.

— מאַנושיא! — האָט זי געזאָגט צום מיידעלע — גיי געזעגן דיך מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען און מיט אַלע!!

ווען די קליינע האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך אויס־געדרייט צו דער וואַנט און אַרויסנעמענדיק אַ טיכעלע פון מענטעלע, האָט זי מיט ווייטיקלעכער שטימע אויסגערופן:

— ניין... ניין! איך קען מיך נישט צום לעצטן מאָל געזע־גענען!!!

און ווען זי האָט געזען ווי אַלע אין הויז ליידן, איז זי צוגעגאַנגען צום קליינעם ברודערל, וועלכער איז געזעסן אויפן דיל און געשריגן: — באבא! באבא! — אויפהייבנדיק די הענטלעך אין דער הויך, מען זאָל איר נעמען אויף די הענט. דאָס מיידעלע איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט אים אַ קוש געגעבן אין קעפל און זיך אויסגעדרייט צו אסתרן:

— קום ציאציו! — האָט זי אויסגערופן מיט אַ פאַר־שטיקט קול — מיר גייען!

ווען אסתר מיטן מיידעלע זענען אַרויסגעגאַנגען, זענען ביידע מאַמעס צוגעגאַנגען ביז צו דער פורטקע און זיי נאָכ־געקוקט אַזוי לאַנג ביז זייערע סילוועטקעס זענען פאַר־שוואונדן פון זייערע אויגן.

די מאַמע פון דער פאַמיליע האָט באַשלאָסן אַליין צו פאָרן קיין פעלקיניע, ווייל אַן אַנדערער אויסוועג איז נישט געווען. זי האָט זיך צוגעגרייט וועש און אַ קלייד צו איר אייגענער לויה, און אין דער צייט ווען זי איז זיך געגאַנגען אַרומ־וואַשן, האָבן די פוילישע שכנים צוגעגנבעט איר גאַנצע אויס־שטאַטונג. זי האָט שוין נישט געהאַט אין וואָס זיך איבער־צוטאָן, ווייל אַלץ איז שוין געווען צעגנבעט.

חנה מיט איר מאַן און די איבריקע קינדער, צוויי יינגלעך, האָבן באַשלאָסן צו גיין ערגעץ אין וואַלד. אויך די יינגערע טאָכטער רבקה איז אַוועק בגניבה אויפדער־נאַכט מ״ט נאָך עטלעכע יונגע יינגלעך און מיידלעך פון די אויסגעזידלטע פון לאָדז און קאַליש, וועלכע האָבן לעצטנס געוואוינט אין לאַנצוט.

חנה מיטן מאַן און די קינדער האָבן פאַרבראַכט עטלע־כע טעג אין וואַלד, און נאָך עטלעכע טעג פון שווערע איבער־לעבונגען, ווען עס איז זיי צווישן אַנדערע באַפאַלן און באַראַ־בעוועט דער פוילישער לעשניטשע, האָבן זיי געמוזט ביינאַכט אין געהיים זיך אומקערן אין שטאָט.

פרייטיק, דעם 7־טן אויגוסט, האָבן זיי באַשלאָסן צו פאָרן קיין פעלקיניע, ווייל אפילו אָן קינדער איז געווען שווער זיך אויסבאַהאַלטן, און מיט קינדער איז עס געווען איינפאַך אוממעגלעך. זיי האָבן זיך אַלזאָ דעצידירט אויף דעם שווערן וועג. ווען זיי האָבן זיך באַדאַרפט אויפזעצן אויפן וואָגן, וועלכן זיי האָבן פאַר זייער אייגן געלט געדונגען, האָט נתנקע אויפגעהויבן אין דער הויך זיינע הענט און געבעטן:

— מאַמושיאַ! איך האָב שרעקלעך מורא אַהין צו פאָרן. איכ׳ל בלייבן נעבן אונדזער הויז און וועל מיך דאָ אויס־באַהאַלטן. האָסט דאָך אַליין געהערט ווי די שכנים האָבן מיר געזאָגט איך זאָל דאָ בלייבן, זיי וועלן מיר געבן עסן און הילף. די עלטערן האָבן מסכים געווען, אפשר אין אמת׳ן האָבן זיי געקלערט, וועלן די שכנים אים העלפן. די נאָענסטע שכנה, פעלצאָוואַ, וועלכע האָט באַקומען טייערע ווערט־זאַכן, האָט צוגעזאָגט אַכטונג צו געבן אויף אים. ווי שווער האָבן געליטן די אומגליקלעכע עלטערן ווען זיי האָבן זיך צעשייד שוין מיטן צווייטן קינד! דאָס דריטע קינד האָבן זיי מיט זיך מיטגענומען קיין פעלקיניע, אויפן זיכערן טויט...

נאָכן צעשיידן זיך מיט דער פאַמיליע, האָבן אסתר מיטן מיידעלע זיך געלאָזט אין דאָרף אַריין צו איינעם פון די לאַנדווירטן אין קשעמיעניץ, וואו זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן כמעט אַ וואָך צייט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט דער דאָזיקער לאַנדווירט אַרויסגעטריבן אסתרן מיטן מיידעלע. פון פעלקיניע — האָט ער געזאָגט — האָט מען צוריקגעשיקט 50 יידישע בחורים, און זיי לעבן ווייטער רואיק אין די יידישע הייזער. ליידער איז דאָס געווען אַן אויפגעשטעלטע פולאַפקע פון די רוצחים, כדי די באַהאַלטענע יידן זאָלן אַרויסקריכן פון זייערע באַהעלטענישן, קלערנדיק אַז די געפאַר איז שוין אַריבער. דערווייל האָט מען נאָך עטלעכע טעג געכאַפּט די יידן, וועלכע האָבן זיך פון זייערע באַהעלטענישן אומגעקערט אין שטאָט, און זיי געשאָסן אויף דער גאַס אָדער פאַרשלעפּט אויפן בית עלמין און זיי דאָרט דערמאָרדעט.

אסתר מיטן מיידעלע האָבן זיך צוגעשלאָגן פאַרטאָג אין געהיים אין שטאָט אַריין. זיי זענען אַריין אין גאָרטן פון זייער הויז, וואָס איז געשטאַנען אומבאַוואוינט. זיי האָבן זיך אין געהיים אַריינגעגנבעט צו דער שכנה פעלצאָוואַ, און ווען

די פּעלצאָוואַ האָט דערזען אסתרן מיטן מיידעלע, האָט זי פאַרבראָכן די הענט און געקוקט אויף זיי ווי אויף קרעציקע! זי איז געשטאַנען פאַר זיי עטלעכע שריט פון דערווייטן, ווי מורא האָבנדיק זיך אָנצורשטעקן מיט דער דאָזיקער שרעקלעכער קראַנקהייט.

— איר לעבט נאָך? — האָט זיך געוואונדערט די שלויע שלאַנג — נאָר איר האָט מיר אויסגעפּעלט צום רומל! אויב איר גייט נישט אַוועק תיכף פון דאַנען, און איר נעמט נישט מיט דאָס קליינע יידעלע (זי האָט געמיינט נתנקען), וועל איך אייך אָפּגעבן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ!

הערנדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט אסתר געפרעגט:

— און וואו איז אונדזער קינד? — ווייל זי האָט נישט געוואוסט אַז נתנקע איז געבליבן אַליין.

— ער איז אויפן בוידעם פון אייער שטוב — האָט די פּוילישע פּרוי גיפטיק געענטפערט.

דאָס קינד, וואָס איז שטענדיק געווען אַזוי געצערטלט, קעמפט היינט אַליין פאַר זיין לעבן... גאָטעניו!... האָט אסתר געקרעכצט און איז אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם, וואו עס האָט זיך אויסבאַהאַלטן דער קליינער יתום.

ווען אסתר און דאָס מיידעלע זענען אַרויף אויפן בוידעם, האָבן זיי געטראָפן נתנקן, שטיין אויסגעדרייט צו זיי מיט דער פּלייצע, וואַשנדיק מיט זיינע קליינע הענטלעך אַ העמד. ער איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיין אַרבעט, אַז ער האָט נישט געהערט זייער אָנקומען. אסתר האָט אים געגעבן אַ רוף און אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין קעפּל. דאָס קינד האָט אויפגעציטערט פאַר שרעק, דערזעענדיק ווער עס שטייט— פאַר אים, איז ער שיעור נישט אומגעפאַלן פאַר פרייד.

— ציאָציע! ציאָציע! לאָז מיך מער נישט איבער, איך קען מער נישט זיין אַליין!

אסתר האָט אַוועקגעלייגט אירע ביידע הענט אויף די קעפּלעך פון איר שוועסטערס קינדער און זיך געשוואוירן אין האַרצן נישט צו פאַרלאָזן די קינדער, צו קעמפן פאַר זייער לעבן ווי פאַר איר אייגענעם און טיילן מיט זיי זייער גורל, וואָס עס זאָל נישט זיין!

— נתנקע! צו ביסטו הונגעריק? צי האָבן די שכנים דיר געגעבן עפּעס צום עסן? — פרעגט אים אסתר.

— היינט פרי — האָט דערציילט נתן — בין איך געווען זייער הונגעריק, ווייל די שכנים האָבן מיר גאָרנישט געוואָלט געבן. זיי האָבן מיך נאָך געשראָקן, אַז איך זאָל צו זיי נישט צוקומען, ווייל זיי וועלן מיך איבערגעבן די דייטשן. איך בין געווען אַזוי הונגעריק, אַז עס איז מיר שוין געווען אַלץ איינס. אין ווינקל פון בוידעם האָב איך געפונען דער מאַמעס אַ קלייד. איך בין אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס און עס אָפּגעגעבן אַ פרוי פאַר אַ שטיקל ברויט. און די אוגערקע — ווייזט ער אויף אַ פאַרפוילטער אוגערקע — האָב איך געפונען אין גאָרטן. אַ האַלב שטיקל ברויט האָב איך שוין אויפגעגעסן און די רעשט האָב איך באַהאַלטן אויף שפּעטער.

אסתר האָט פאַרנומען די קינדער מיט זיך, ווייל זי האָט מורא געהאַט דאָ ווייטער זיך צו פאַרהאַלטן, די שכנים זאָלן זיי נישט אויסגעבן. זי האָט זיך געלאָזט צוריק אין דאָרף אַריין אויף גאָטס באַראָט...

ווען אסתר איז געגאַנגען מיט די קינדער אויפן פעלד, האָט זי באַמערקט ווי דריי פּוילישע שקצים פאָרן זיי אַקעגן אויף ראָווערס. די שקצים האָבן זיך דערנענטערט און געבליבן פאַר זיי שטיין מיט אַן איראָנישן שמייכל. איינער פון זיי האָט אויסגערופן: — יידן! יידעלעך, איר לעבט נאָך? זיכער האָט איר נאָך דאָלאַרן! איר ווערט דאָך סיי ווי סיי נישט לעבן, נו... גיט־זשע שנעל אַלץ אָפּ, וואָס איר פאַרמאָגט — אויב נישט, וועלן מיר אַייך איבערגעבן די געסטאַפּאָ־לייט.

ווען אסתר האָט דאָס דערהערט, איז זי געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט. זי האָט פאַרשטאַנען אַז עס איז אַ שאָד יעדעס וואָרט צו בעטן רחמים. אסתר האָט געקוקט אויף די קינדער וועלכע זענען געשטאַנען נעבן איר בלאַסע און מיט שטוינונג האָט זי געהערט ווי די קליינע קינדער בעטן ביי די באַנדיטן גנאָד. פון וואַנען האָבן זיך גענומען צו זיי די דאָזיקע הייסע רייד, ווי עפּעס אַ אינערלעכער געדאַנק זאָל זיי אונטערזאָגן. אינדעם זעט אסתר ווי דאָס מיידעלע קנעפּלט אויף דאָס מענטעלע, נעמט אַראָפּ מיט אירע הענטלעך דעם מעדאַליאָן מיטן קייטעלע, וועלכן זי האָט געטראָגן אויפן האַלדז. זי הויבט אויף די קליינע הענטלעך מיטן מעדאַליאָן אין דער הויך:

— נעמט דאָס, נעמט — בעט זי זיי — דאָס איז מיין איינציקע דערינערונג פון מיין מאַמען, וועלכע לעבט שוין נישט מער. איך האָב עס באַקומען צו מיין געבורטסטאָג. מיר האָבן מער גאָרנישט. נעמט עס אייך און לאָזט אונדז גיין! — ביי די רייד זענען איר הייסע טרערן געפלאָסן איבערן פּנימ׳ל.

אין דער מינוט איז אָנגעקומען עפּעס אַ דאָרפישע פרוי און קוקענדיק אויף דער סצענע, האָט זי זיך אָנגערופן:

— ווי אַזוי קענט איר זיין אַזוי אָן אַ האַרץ? לאָזט זיי אָפּ! דאָס זענען דאָך אומשולדיקע קינדער!

די באַנדיטן האָבן אָפּגעלאָזט אסתרן און די קינדער און זענען אַוועקגעגאַנגען, אָבער דעם מעדאַליאָן האָבן זיי מיטגענומען.

ווען זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, איז די פרוי שטיין געבליבן פאַרן מיידעלע, זי איז געווען פאַרבליפט פון איר שיינקייט.

— וואָס פאַר אַ שיין מיידעלע! — האָט זי אויסגערופן — איך האָב נישט קיין קינדער, גערן וואָלט איך דאָס מיידעלע מיטגענומען מיט מיר פאַר מיין קינד. מיין ברודער איז אַ גלח, וואָלט ער עס אָפּגעשמדט — פון איר קען נאָך ווערן אַ גוטע און פרומע קריסטן.

ווען די פרוי האָט אויפגעהערט רעדן, האָבן די קינדער מיט פאַרלאָשענע טרויעריקע אויגן געקוקט אויף זייער ציאָציע.

אסתר האָט געפרעגט: — דו באַשטייסט, מאַניו? גיי, קינד, גיי צו דער פּאַני, דו וועסט לעבן און זיין פריי!

מאַניע האָט אַראָפּגעלאָזט אירע שיינע וויעס, און מיט אַ פאַרשטיקט קול געענטפערט:

— ציאַצעניו! ציאַצעניו... איך וויל נישט... נאָר צו ראַטעווען מיין אייגן לעבן דאַרף איך פון אייך אַוועקגיין? ציאַצעניו, ניין; איך בעט דיך זיי נישט מסכים איך זאָל דאַרפן פון דיר אַוועקגיין! איך וויל גיכער מיט אייך צוזאַמען אומקומען, איידער אַוועקגיין פון אייך!

ווען זי האָט געזען אַז די ציאַציע שווייגט, איז זי צוגעגאַנגען צו איר ברודערל. — נתנקע! בעט דו די ציאַציע זי זאָל מיך נישט אַוועקגעבן;

און די קינדער האָבן אַזוי געבעטן און געוויינט, אַז די פרוי האָט נישט אָפּגעוואַרט קיין ענטפער פון אסתרן און איז אַוועקגעגאַנגען.

אסתר מיט די קינדער האָבן געפונען אַן אויפהאַלטונג אין דאָרף לוקאָווצע ביי איינעם אַ לאַנדווירט. זיי האָבן זיך דאָרט אויסבאַהלטן אין שטרוי אויף דער סטריכע. זיי זענען געווען גליקלעך: שוין דריי וואָכן זענען פאַרגאַנגען און דער באַלעבאָס האָט זיי נאָך נישט אַרויסגעוואָרפן.

איינמאָל איז געקומען צו די קינדער זיך שפּילן דעם באַלעבאָס אַן אייניקל, אַ מיידעלע אין די יאָרן פון מאַניען. די קינדער האָבן זיך געשפּילט, און אסתר, ווי געוויינלעך, האָט אָפּגערוקט אַ שינדל פון דאַך און אַרויסגעקוקט צי עס דערנעענטערט זיך עפּעס נישט קיין געפאַר. אינדעם — גוואַלט! — — צום באַלעבאָס אין שטוב זענען אַריין פיר געסטאַפּאָ־לייט און דריי פוילישע פּאָליציאַנטן.

— קינדער! מיר זענען פאַרלוירן! — האָט אויסגערופן אסתר מיט אַ פאַרצווייפלט קול.

זי האָט באַלד באַהאַלטן אַלע קינדער אין שטרוי, און זיך אַליין האָט זי נאָך באַוויזן צו פאַרדעקן מיט אַ בינטל שטרוי. אָט הערט זי די דערנעענטערנדע שריט, זי זעט שוין דורך די שפּאַרעס פונעם שטרוי דעם העלם אויפן קאָפּ פון דייטש...

ס'איז אָבער געשען „אַ אומגליק מיט אַ גליק". דער גורל האָט געוואָלט אַז אויף דער סטריכע, נעבן איינגעאַנגסטירל אויפן בוידעם, זענען געלעגן באַרנעס און צייטונג וועלכע עס האָבן דאָרט איבערגעלאָזט די זין פונעם באַלעבאָס. דער געסטאַפּאָ־מאַן, דערזעענדיק די באַרנעס, האָט זיי צוגענומען און אַראָפּגעקראָכן פון דער סטריכע כדי מכבד זיין זיינע קאָלעגן. דערווייל איז אסתר געלונגען זיך בעסער צוצודעקן. דער דייטש האָט זיך אומגעקערט אויפן בוידעם, ער האָט שוין אַוועקגעשטעלט איין פוס אויפן בינט שטרוי אונטער וועלכן אסתר איז געלעגן, וואָלט ער אַוועקגעשטעלט דעם צווייטן פוס וואָלט ער געווען זיכער באַמערקט אסתרן. אין דעם מאָמענט האָט אַ רוף געטאָן דער צווייטער דייטש פון הינטן: — קום שנעל אַראָפּ! אויף דער סטריכע איז קיינער נישטאָ! זיי זענען אַצינד אַנטלאָפן דורך די פעלדער אין וואַלד אַריין. דער געסטאַפּאָ־מאַן איז שנעל אַראָפּגעגאַנגען.

די זאַך איז געווען פאָלגענדע: דעם באַלעבאָס זין האָבן געקוילעט אַ חזיר און האָבן זי פאַרקויפט פאַר אַ העכערן פרייז, פאַרוואָס ס'האָט געדראָט טויט־שטראָף. די דייטשן מיט די פּאָליציאַנטן זענען געקומען כדי צו פאַרנעמען דעם באַלעבאָס זין. ווען די זין האָבן באַמערקט פון וויטן דורכן פענצטער אָנקומען די געסטאַפּאָ, זענען זיי אַנטלאָפן אין פעלד און פון דאָרט אין וואַלד אַריין. אַ דאַנק דעם האָט זיך אסתר מיט די קינדער אָפּגעראַטעוועט. אָבער לײדער נאָך עטלעכע שעה האָט דער באַלעבאָס זיי אַרויסגעטריבן, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַז די דייטשן קענען אים נאָך עטלעכע טעג ווידער באַזוכן.

עטלעכע טעג האָט זיך אסתר מיט די קינדער באַהאַלטן אין די געדיכטע קוסטן אויפן ברעג פון דער ווייסלאָק. ביינאַכט האָט זי געלייגט איר מאַנטל אויף דער ערד פאַר די קינדער, זיי זאָלן קענען אָפּרוען און ווען זיי זענען איינגעשלאָפן איז זי נעבן זיי געזעסן, געהיט און אָפּגעטריבן די קאָמאַרעס, די קינדער זאָלן קענען רואיק שלאָפן. נאָך עטלעכע טעג האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס אָרט און זענען אַוועק אין פעלד. די אָרעמע קינדער האָבן זיך געפּלאָגט עטלעכע טעג אָן עסן און טרינקען. זיי האָבן געטרונקען שמוציק וואַסער, זענען געווען אַזוי אויסגעהונגערט און דערשעפּט, אַז זיי זענען נישט געווען אימשטאַנד זיך צו האַלטן אויף די פיס.

נתנקע, זעענדיק ווי דאָס שוועסטערל לייד פון הונגער און איז פאַרשמאַכט, האָט באַשלאָסן אַליין צו גיין ערגעץ און קויפן עפּעס עסן אָדער טרינקען. אסתר האָט אים געגעבן פינף זלאָטעס און דאָס קינד איז אַוועקגעגאַנגען. ס'איז אַוועק אַ שעה און נאָך אַ שעה — און דאָס ייִנגעלע האָט זיך נישט אומגעקערט. די איבערגעשראָקענע אסתר איז געגאַנגען זוכן דאָס ייִנגעלע, איבערלאָזנדיק דאָס מיידעלע אַליין. אינדעם האָט זי דערהערט נתנקען רופן. דאָס איבערגעשראָקענע ייִנגעלע, אנשטאָט גיין גלייך, איז אַוועק מיט דער סטעזשקע אויף לינקס. — ציאַציע, ציאַציע! — האָט ער גערופן פאַרצווייפלט האַלטנדיק אין די הענטלעך אַ פלעשל מילך און אַ פּאָר פאַרשוואַרצטע אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל. ווען דאָס ייִנגעלע האָט דערזען זיין ציאַציע, איז זיין גליק און פרייד געווען אָן אַ גרענעץ. פאַר שמחה איז אים אַרויסגעפאַלן דאָס פלעשל פון די הענט, אָבער עס איז איבערגעבליבן נאָך אין פלעשל מילך פאַר דעם מיידעלע.

אסתר האָט מורא געהאַט, אַז די וועלכע האָבן פאַרקויפט דעם קינד מילך, קענען דערציילן עמעצן, אַז אין דער נאָענט האַלטן זיך אויף יידן און זיי וועלן זיי גיין זוכן. האָט זי מיט די קינדער פאַרלאָזט די געגנט און זיך געלאָזט ווייטער וואַנדערן אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג. ווען זיי זענען אָפּגעגאַנגען עטלעכע שריט, האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג עפּעס אַ פוילישע פרוי און באַטראַכטנדיק זיי מיט אַ פיינטלעכן בליק, האָט זי אויסגערופן:

— יידן... יידן! דו האָסט אויף זיך אַזאַ גוטן מאַנטל! איר וועט דאָך סיי ווי סיי נישט לעבן! די דייטשן וועלן אייך אויסשיסן, איז אַשאַד מען זאָל דיך באַהאַלטן מיט אַזאַ גוטן מאַנטל... גיב מיר דעם מאַנטל און איך וועל דיר געבן עפּעס אַ שמאַטע, וואָס וועט דיר גענוגן ביז צום גרוב!

די ברוטאַלע ווערטער פון דער פוילישער פרוי האָבן זייער אויפגערעגט אסתרן און זי האָט איר בייז געענטפערט:

— אויב איך דאַרף אומקומען מיט די קינדער, זאָל אויך דער מאַנטל אומקומען!

אָבער אסתר האָט מורא געהאַט פאַר דער נקמה פון דער פרוי און האָט זיך ווידער באַהאַלטן מיט די קינדער אויף אַ קאַרטאָפל־פעלד און אויף מאָרגן האָבן זיי זיך געלאָזט מיטן וועג אין שטאָט אַריין. פּלוצים האָט נתנקע אויפגעשריען:

— ציאַציע, זע! מען יאָגט אונדז ווידער נאָך, זיי פאָרן אויף ראָווערן!

אסתר האָט געמוזט די קינדער אַריבערטראָגן איבער דער ריצקע, צוערשט דאָס מיידעלע און דערנאָך דאָס ייִנגעלע. עס זענען דאָרט געווען גרויסע זומפּן, אויף אַזאַ אופן איז זיי געלונגען ווידער צו אַנטלויפן.

ווען זיי זענען אָנגעקומען ביז צו דער פאָרשטאָט, האָט אסתר מיט די קינדער זיך אַריינגעגנבעט אין אַ נישט אויסגעענדיקט צווייסטאָקיק הויז און זיך באַהאַלטן אונטער די באַלקנס אין צווישן־דאַך, — ביז צו דער צייט ווען דער באַלעבאָס פון דעם הויז האָט זיי באַמערקט. אין איינעם אַ טאָג האָט ער זיי געדראָט אַז ער וועט ברענגען די געסטאַפּאָ, אויב זיי וועלן אַליין פון דאַנען נישט אַוועק. אסתר האָט נאָך דיזעלבע נאַכט פאַרלאָזט דאָס הויז.

אין פעלד, נעבן דאָרפישע הייזער, איז געשטאַנען אַ גרויסע סטערטע שטרוי. אסתר האָט געמאַכט אויבן אויפן שטרוי אַ גרויס לאָך און זיי האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן עטלעכע טעג, ביז די פּאַסטוכער האָבן זיי באַמערקט און זיי האָבן געמוזט ווי אַמשנעלסטן פאַרלאָזן דאָס אָרט.

אסתר האָט זיך ווידער אומגעקערט מיט די קינדער אין שטאָט, אַריינשלייכנדיק זיך אין געהיים מיט אַן אומבאַשרייבלעכן פחד. ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט ווען זיי זענען אַוועק צו זייער פריערדיק הויז. זי האָט באַמערקט אַז דאָס הויז איז שוין באַוואוינט, איז, וואוהין זשע גייט מען, וואוהין? — האָט זיך געפרעגט די אומגליקלעכע אסתר... זי האָט זיך אַריינגעגנבעט מיט די קינדער אין שכנותדיקן גאָרטן. דאָרט האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן עטלעכע טעג אין די געדיכטע קוסטן צוזאַמען מיט די קינדער, ביז אַ שכנה, די פרוי פון אַ פּוילישן מאַיאָר, פּעשקאָווסקאַ, האָט זיי באַמערקט און זיי געדראָט. — גייט אַוועק פון דאַנען! ווייל ס׳וועט זיין נאָך ערגער מיט אייך! נו, גייט, איר מוזט אומקומען, און מיר ווילן נישט צוליב אייך אויך אומקומען!! נתנקע האָט פאַרצווייפלט איבערגעחזרט דערנאָך אירע ווערטער: — ציאַציע, האָסט געהערט וואָס זי האָט געזאָגט? — איר מוזט אומקומען און מיר נישט! די פּוילישע פרוי האָט געשיקט איר זון, וועלכער איז געווען אַן אָפיציר אין פּוילישן מיליטער, און ער האָט געזאָגט: — אַ שאָד אייער פּלאַגן זיך, איר וועט סיי ווי סיי נישט לעבן, ס׳איז נישטאָ קיין שום האָפנונג. יעדן טאָג שיסן אויס די דייטשן מאַסן ייִדן. ראַט איך אייך, גייט אַליין צו דער געסטאַפּאָ, זיי זאָלן אייך שיסן.

זיי זענען ווידער געגאַנגען אין אַן אַנדער גאָרטן, וואו זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ אַלטאַנקע. אַ שטיקל צייט האָט אסתר דערנערט די קינדער מיט אויבסט, וועלכע זי האָט געגנבעט ביי נאַכט אין די גערטנער. זי האָט געריסן דאָס אויבסט ביז סוף סעפּטעמבער. די רעגנס האָבן אָנגעהויבן צו גיסן אָן אויפהער, טאָג און נאַכט. אסתר האָט אַראָפּגענומען פון זיך דעם מאַנטל און צוגעדעקט די דורכגעווייקטע, פאַרמוטשעטע קינדער. די קינדער האָבן זיך אַזוי געטרייסלט פון קעלט, אַז זי האָט מורא געהאַט זיי זאָלן נישט ווערן קראַנק.

— וואוהין גיין? — האָט זי פאַרבראָכן די הענט אין שטומער פאַרצווייפלונג. — ציאַציע, איך קען נישט מער אַזוי פיל ליידן! — האָט געקרעכצט דאָס געפרוירענע און הונגעריקע מיידעלע.

אַקעגן זייער פריערדיקן הויז איז געשטאַנען אַ גרויס געמויערט הויז פון דער פּוילישער פאַמיליע שולץ, און אין גאָרטן האָבן זיך געפונען שטאַלן און אַ גרויסע סטאָדאָלע. דאָס הויז איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן גאָרטן פון אויבסטביימער און אַרומגענומען מיט אַ פּלויט פון קוסטן. אין דער צייט פון קריג האָט געוואוינט אין דעם הויז די פרוי פון אַ פּוילישן הויפּטמאַן, וועלכער האָט זיך געפונען ביי די דייטשן אין געפאַנגענשאַפט. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין דעם הויז, וועלכעס איז באַשטאַנען פון זעקס צימערן, אַריינגעצויגן אַ דייטשער אָפיציר. אין גאָרטן אַריין האָבן זיי אָפט אַרויסגעלאָזט זייער וואַכזאַמען הונט. נישט אַכטענדיק אויף דער געפאַר, איז אסתר אַרום האַלבע נאַכט געגאַנגען זוכן אַ אָרט אין שטאַל נעבן דעם הויז. זי האָט אָפּגעריסן אַ ברעט פון דיל, כדי זיך אַריינצובאַקומען מיט די קינדער אויפן בוידעם פון שטאַל. אין דערזעלבער נאַכט האָט זי זיך דאָרט אַריבערגעטראָגן מיט די קינדער.

אַזוי ווי עס זענען מער נישט געווען קיין פרוכטן אויף די ביימער, האָט אסתר נישט געהאַט מיט וואָס צו דערנערן אירע קינדער. איינמאָל האָט זי זיך דעצידירט אויף אַ געפערלעכן שריט. זי האָט באַמערקט אַז דער לופטשיק פון פענצטער, וואו עס וואוינט דער היטלעריסט, איז אָפן. זי האָט באַמערקט אין צימער נעבן טיש אַ גרויסן קאָרב מיט פרוכטן. זי האָט אויך געזען אַז די טיר פון אַנדערן צימער איז אָפן, אויפן בעט איז געשלאָפן דער היטלעריסט און נעבן אים אויפן נאַכטקעסטעלע איז געלעגן גרייט דער רעוואָלווער... זיך אַריינגנבענען, אָדער נישט? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט, אָבער זעענדיק די פילע אויבסטן אין דער צייט ווען אירע קינדער הונגערן, — איז איר אַלץ איינס געווען. דורכן אָפענעם לופטשיק האָט זי שטיל אויפגעמאַכט דאָס פענצטער און זיך אַריינבאַקומען אינעווייניק. זי האָט געכאַפּט די פרוכטן, צוריק אַרויסגעשפרונגען און פאַרמאַכט דאָס פענצטער. אַזוי האָט זי געמאַכט עטלעכע מאָל — כדי צו ראַטעווען די קינדער האָט זי אויף גאָרנישט געקוקט און זיך מיט גאָרנישט גערעכנט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט די הויפּטמאַנאָווע זיי באַמערקט און גאָרנישט געזאָגט, אין אָנהייב האָט זי זיי אפילו געהאָלפן. אסתר האָט זי יעדן טאָג באַדינט, זיך פרייענדיק אַז עס וועט איר זיין לייכטער צו דערנערן די קינדער. איינמאָל, ווען דער דייטשער אָרדינאַנט האָט זי באַמערקט, האָט זי אים דערציילט, אַז אסתר איז אַ איבערגעזידלטע פּוילישע, וועלכע באַדינט זי. צוזאַמען מיט אסתרן האָט אויך באַדינט די הויפּטמאַנאָווע

איר שכנה ריבאַקאָווא, וועלכע האָט געפּאַשעט אירע קאָזעס און געוואַשן די וועש. די דאָזיקע שכנה האָט אויסגעשמעקט, אַז די הויפּטמאַנאָווע באַהאַלט עפּעס פאַר איר אויס. נאָך עטלעכע טעג האָט זי אסתרן אַנטדעקט אויף דער סטריכע פון שטאַל. די דינסט האָט געהאַט אַ זון, וועלכער האָט געהאַט אַ קאָלעגע — אַ מוסר — ער האָט נאָכשפּיאָנירט נאָך באַהעלטענישן, וואו עס האַלטן זיך אויף יידן, און פאַר אַ יעדן יידישן קאָפּ האָט ער באַקומען 50 זלאָטעס און 10 קילאָ צוקער.

די דינסט האָט אָנגעהויבן איינרעדן דער הויפּטמאַנאָווע, זי זאָל אַרויסטרייבן אסתרן מיט די קינדער אויף דער גאַס. ווען אסתר האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט זי ברייטהאַרציק באַלוינט די ריבאקאווא, אַבי זי זאָל שווייגן. אין דעם טאָג ווען אסתר האָט איר געגעבן פאַרשידענע ווערטזאַכן, וועלכע זי האָט אַרויסגענומען פון דאָרט וואו זי האָט זיי געהאַלטן, האָט זי געשוויגן, אָבער אויפן אַנדערן טאָג מיט דער איינפאַרשענדיניש פון דער הויפּטמאַנאָווע, זענען אַלע דריי אַרויסגעטריבן פונעם בוידעם און ווידער האָבן זיי נישט געהאַט אַ ווינקל וואו זיך צו באַהאַלטן.

וואָס האָבן דעמאָלט געקאָנט טאָן די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשנקינדער, וואוהין גיין, אַז פון אַלע זייטן לויערן געפאַרן און שונאים? האָבן זיי זיך ווידער באַהאַלטן עטלעכע טעג אין שכנותדיקע גערטנער, און אַזוי ווי די רעגנס זענען געפאַלן אָן אויפהער, האָבן די אומשולדיקע קרבנות געטראַכט אַז עס איז שוין בעסער דער טויט, איידער זיך ווייטער אַזוי צו מוטשען!

— אפשר וואָלטן מיר געגאַנגען צום קעלער פון אונזער הויז? — פרעגט אסתר די קינדער. אין קעלער איז געווען וואַרם, און דער איינגאַנג אַהין האָט געפירט פונעם גאָרטן. ביי נאַכט האָט אסתר זיך אַריינגעשלייכט אין קעלער פון זייערע אייגענעם הויז, וואו עס האָבן שוין געוואוינט פּאָליאַקן. דאָרט איז געלעגן אַביסל שמוציק שטרוי, אויף וועלכן זי האָט אויסגעבעט די קינדער. עטלעכע טעג זענען זיי דאָרט געלעגן אָן עסן און טרינקען, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט עמיצער פון הויז זאָל זיי נישט באַמערקן.

נאָך עטלעכע טעג האָט אַ פרוי פון אַ שוסטער איינגעוויליגט ברענגען דער פאַמיליע ביינאַכט אַ טעפּל קאַרטאָפל. זי האָט זיי אַריינגעשטעלט אין דער אַלטאַנע פון שמעון וואָלקענפעלדס גאָרטן. אסתר האָט זיך פאַרגנבעט אַהין אַרום האַלבע נאַכט און צוגענומען די קאַרטאָפל.

כמעט אַלע פּאָליאַקן זענען געווען דיזעלבע: — פון אָנפאַנג, ווען זיי האָבן באַקומען אַ באַלוינונג, האָבן זיי נאָך עפּעס צוגעוואָרפן די יידן ווי די הינט, אָבער שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן צו סטראַשען... אַ פּאָר טעג איז אסתר אומזיסט צוגעקומען צו דער אַלטאַנע, קלערנדיק אַז אפשר האָט די שוסטערקע עפּעס פאַר איר דאָרט איבערגעלאָזט, אָבער ליידער — אַ פּוסטע האָפנונג! די קינדער זענען געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז דאָס מיידעלע איז שוין נישט געווען אימשטאַנד אַ וואָרט אַרויסצורעדן. — ציאַציע! ס'איז מיר שוואַרץ פאַר די אויגן! איך האָב אפילו נישט קיין כוח די אויגן אויפצועפענען!...

צובראָכן קערפּערלעך און גייסטיק, נישט קענענדיק זיך צוקוקן צו דעם מוטשען זיך פון די קינדער, האָט אסתר זיי געבעטן: באַרואיקט אייך ביז האַלבע נאַכט, דעמאָלט וועל איך גיין איבער די גערטנער און אָנקלייבן ניס.

די נאַכט האָבן די קינדער פון שוואַכקייט נישט געקענט איינשלאָפן, אַזוי ווי זיי וואָלטן פאָרגעפילט, אַז די דאָזיקע שוואַרצע נאַכט איז זייער לעצטע...

געווען איז דאָס פאַרטאָג, 3 אַ זייגער. אסתר האָט אָנגעטאָן די קינדער און זיך מיט זיי צוגעשלאָגן צו דער שטאַל פון זייער הויז. די שטאַל איז שוין געווען אָן אַ דאַך און פון קיינעם נישט באַנוצט. אסתר האָט אונטערגעלייגט אין ווינקל איר מאַנטל און אַוועקגעזעצט די קינדער, צודעקנדיק זיי מיט אַ דעק. ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זי זיי געבעטן זיי זאָלן זיצן שטיל, כדי קיינער פון די שכנים זאָלן זיי נישט דערהערן. זי האָט זיי געקושט און געזאָגט מיט אַ געבראָכן קול: — פאַרהאַלט אייך שטיל, מיינע טייערע קינדער, איך וועל מיך באַמיען ווי אַמשנעלסטן אומצוקערן. — זי איז אַוועקגעגאַנגען...

ווען אסתר איז אָנגעקומען אין שכנותדיקן גאָרטן, האָט זי געזוכט אפשר אַ האַלבע שעה און נישט געפונען אפילו איין נוס. זי האָט זיך געלאָזט אין צווייטן גאָרטן און ווידער גאָרנישט געפונען. און ווען זי האָט געוואָלט גיין אין אַן אַנדער גאָרטן, — האָט זי פּלוצים דערזען דעם פּוילישן באַנדיט, — דעם קאָלעגע פון דער הויפּמאַנאָוועס דינסט זון, ווי ער גייט איר אַנטקעגן.

— יידישקע, שטיי! — האָט ער אויסגעשריען דער באַנדיט. אסתר איז אַנטלאָפן אין דער ריכטונג צו דער שטאַל, זען וואָס עס איז געשען מיט די קינדער.... ליידער — די קינדער זענען שוין נישט געווען...

— וואו זענען מיינע קינדער? וואו? — האָט זי גערופן פאַרצווייפלט און פאַרווירט ווי אַ משוגענע.

אין אָנהייב האָט זי געקלערט, אַז אפשר דערשפּירנדיק די געפאַר, זענען זיי צוריקגעלאָפן אין קעלער, אָבער אין דעם האָט זי דערהערט אַן עכאָ, ווי שטימען פון ערגעץ אַ זייט — ציאַציע... ציאָציע... דו אַנטלויף... מיר זענען שוין פאַרפאַלענע!....

אסתר האָט זיך נישט געקאָנט אָריענטירן פון וועלכער זייט זענען געקומען די טרויעריקע ווערטער פון די קליינע פאַרמשפּטע, די קלייניקע אומשולדיקע קרבנות... זי האָט געוואָלט גיין נאָך זייערע קולות — גיין צוזאַמען מיט זיי אויפן טויט, צוזאַמען מיט זיי אומקומען...

אין דעם מאָמענט האָט זי באַמערקט ווי יענער פּוילישער באַנדיט דערנענטערט זיך צו איר מיט אַן איראָנישן שמייכל:
— דו יידישקע, וועסט אונדז שוין נישט אַנטרינען ווערן. שטיי!

ווען אסתר האָט דערהערט די ווערטער פון דעם כיטרען פּאָליאַק, איז זי אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט און אויסגערופן:

— גערן וואָלט איך געגאַנגען צוזאַמען מיט די קינדער, אָבער דיר באַנדיט און אייך שונאים, ווייל איך נישט טאָן די געפעליקייט!

אין דער מינוט זעט זי נאָך זיך יאָגענדע הענקערס, זי שפּרינגט דורך אַ צווייטן פּלויט און הערט הינטער זיך שיסן.

צום סוף איז זי פאַרשוואונדן געוואָרן פון זייערע אויגן. זי איז אַנטלאָפן מיט פּוילישע סטעזשקעס אין דאָרף קשעמיניץ.

דער גורל פון די קינדער איז געווען אַ געחתמעטער. ווען דאָס זינדל פון דער דינסט און זיין קאָלעגע דער מוסר האָבן געבראַכט די געסטאַפּאָ אויפן אָרט, וואו עס זענען געזעסן די אומגליקלעכע יתומים אין שטאַל, און זיי אָפּגעגעבן אין די הענט פון די דייטשן. אַליין איז ער אַוועק אויפזוכן אסתרן. די הענקערס האָבן די צוויי קליינע אומשולדיקע באַשעפענישן געבראַכט אויף דער געסטאַפּאָ.

די געסטאַפּאָ אין לאַנצוט האָט זיך געפונען אין נייעם הויז פון ביעניאַש, פאַר דער פּאָסט. אַלע געסטאַפּאָ־לייט זענען געקומען אָנקוקן די צוויי קליינע קינדער און זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן איבער דער שיינקייט פון מיידעלע. איין געסטאַפּאָ־מאַן האָט געקלערט אַז היות דאָס מיידעלע איז יינגער פון יינגעלע, וועט ער זיך פון איר גיכער קענען עפּעס דערוויסן.

— ווי אַזוי הייסטו? — האָט געפרעגט דער געסטאַפּאָ־מאַן, קאָקאָט.

— מאַנושיאַ! — האָט דאָס מיידעלע געענטפערט מיט אַ שרעקעוודיק קול.

— ווער האָט אייך געבראַכט עסן?

— די ציאַציע האָט אונדז געגעבן עסן, ווען זי האָט נאָר געהאַט.

— און וואו האָט די ציאַציע גענומען? — פרעגט ווייטער דער געסטאַפּאָ־מאַן?

— דאָס ווייסן מיר נישט. די ציאַציע האָט אונדז דאָס נישט דערציילט. — האָט געענטפערט דאָס מיידעלע מיט פּחד.

— דו ווייסט נישט, זאָגסטו? — ווידערהאָלט דער געסטאַפּאָ־מאַן מיט דראָונג, און ביי די ווערטער נעמט ער אַרויס אַ שטילעט און ווייזט עס די קינדער:

— איר זעט דאָס מעסער? דאָס וועל איך אייך אַריינשטעכן גלייך אין האַרצן אַריין, אַ סך בלוט וועט רינען, און ס'וועט זייער וויי טאָן! און ווייסט איר וואו עס איז אייער בית עלמין? — פרעגט ווייטער קאָקאָט די קינדער: — דאָרט, אויפן בית עלמין איז שוין אויסגעגראָבן אַ גרוב, און דאָרט וועט מען אייך נאָך לעבעדיקע פאַרגראָבן, אויב איר וועט נישט דערציילן דעם גאַנצן אמת!

די קינדער אָבן געשוויגן, נאָר זייערע פּנימלעך זענען בלאַס געוואָרן פון די שרעקלעכע ווערטער.

— זייט זשע קלוגע און דערציילט אַלץ וואָס איר ווייסט נאָר, וועט איר בלייבן לעבן. דערציילט צו וועלכן לאַנדווירט איז די ציאַציע געגאַנגען און ווער האָט איר באַזאָרגט מיט עסן?

— מיר... מיר ווייסן גאָרנישט, און דורכדעם קענען מיר גאָרנישט דערציילן! — האָט געענטפערט דאָס מיידעלע דערשראָקן.

— דו ווילסט נישט דערציילן, דעריבער וועסטו פּגרן! — און נאָך די ווערטער האָט ער זיך געווענדעט צום יינגעלע — זיי דו קליגער און דערצייל וואוהין איז אַנטלאָפן די ציאַציע ווי אַזוי הייסט דער באַלעבאָס און וואו וואוינט ער. וועלן מיר דיך צו אים אָפּפירן און דו וועסט ווייטער מיט אים זיין. — דערצייל נאָר אַלעס וואָס דו ווייסט, — וועסטו בלייבן לעבן! און דיין שוועסטער וועלן מיר אַצינד דערהרגנען! האָט פאַרענדיקט זיינע רייד דער געסטאַפּאָ־מאַן קאָקאָט.

ביי די ווערטער האָט דאָס יינגעלע אויפגעהויבן זיינע גרויסע טרויריקע שוואַרצע אויגן און געזאָגט: — מאַנושאַ האָט דאָך שוין געזאָגט אַז מיר ווייסן גאָרנישט! אויפן ענטפער פון יינגעלע האָבן די געסטאַפּאָ־לייט געקריצט מיט די ציין פאַר כעס. די דאָזיקע הענקערס האָט אויפגערעגט אַז פון אַזעלכע קליינע קינדער קענען זיי גאָרנישט געוואָר ווערן.

— מיר גיבן אייך צייט ביז 12 אַזייגער, באַקלערט אייך!

— און נאָך די ווערטער האָט מען די קליינע מאַרטירערס אַריינגעפירט אין אַ טונקעלן קעלער.

דער שעף פון דער געסטאַפּאָ האָט נישט געגלויבט, אַז מען קען גאָרנישט זיך דערוויסן פון די קינדער. ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן ביז 12 אַזייגער. נאָך פאַר 11 אַ זייגער איז ער אַליין אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער און האָט זיי אַרויסגעפירט.

— וואָס פאַר שיין יידישקעלע דו ביסט! — האָט ער אָנגעהויבן איבערצורעדן דאָס מיידעלע —— דו קענסט לעבן, אויב דו וועסט זיין קלוג און אונדז אַלץ דערציילן וואָס דו ווייסט. ווער האָט אייך צוגעשטעלט שפּייז, ווי אַזוי הייסן די מענטשן און וואו וואוינען זיי און צו וועמען איז די ציאַציע אַנטלאָפן. — ביי די ווערטער האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן קעפּל פון מיידעלע. ווען זי האָט דערפילט די האַנט פון געסטאַפּאָ־מאַן האָט זי זיך מיט מורא פון אים צוריקגעצויגן.

— האָב נישט קיין מורא — האָט געזאָגט דער קאָמענדאַנט און נאָך אַ ווייל אַרויסגעצויגן פון שופלאָד אַ טעוועלע שאָקאָלאַד. זי, נישט איבערקלערנדיק אפילו, האָט אין דער זעלבער מינוט געגעבן אַ וואָרף דאָס שאָקאָלאַד אויפן שרייבטיש, פאַר וועלכן ס'איז געזעסן דער פאַרברעכער, און מיט אַ פאַרשטיקט קול אויסגערופן:

— איך... איך וויל נישט קיין שאָקאָלאַד! מיר ווילן נאָר... לעבן און זיין פריי! ביי די ווערטער פון דעם מיידעלע האָט איין געסטאַפּאָ־מאַן געקוקט אויפן אַנדערן, און יענער פאַרטרוילעכער פּאָליאַק, וועלכער איז בייגעווען די סצענע, — האָט ווי ער האָט שפּעטער דערציילט, דאָס ערשטע מאָל רחמנות געהאַט אויף יידן. דאָס איז עפּעס געווען אויסערגעוויינלעך, אַזוינע קלוגע ווערטער פון אַ 7־יאָריג מיידעלע.

אין וואָס איז זיי אייגנטלעך געגאַנגען? זיי האָבן געוואָלט אַרויסבאַקומען פון די קינדער עפּעס אַ פּוילישן נאָמען, כדי אַהין גיין און אויסשיסן די גאַנצע פּוילישע פאַמיליע, — אַזוי ווי זיי האָבן אָפט געטאָן — און מיט דעם געבן אַ ביישפּיל אַנדערע פּאָליאַקן, אַז יידן זענען פאַרעטער, זיי זאָלן נישט העלפן די יידן און זיי נישט אויסבאַהאַלטן...

דער געסטאַפּאָ־שעף האָט זיך געבייזערט און געקריצט מיט די ציין, שרייענדיק: — זיי ווילן גאָרנישט דערציילן! זאָלן זיי פּגרן! גייט און מאַכט מיט זיי אַן ענדע! גייט! — שרייט ער צו דעם געסטאַפּאָ־מאַן קאָקאָט און צו צוויי אים ענלעכע באַנדיטן — און דערליידיגט אַזוי, אַז דער טויט זאָל זיי נישט אָנקומען אַזוי לייכט!

מען האָט געפירט די קינדער צום אָרט פון אומקום... פון איין זייט פאַרברעכער איז געגאַנגען דאָס מיידעלע און פון דער אַנדערער זייט דאָס ייִנגעלע. ווען זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר שריט אויף זייער אייגענער לויה, האָט זיך דאָס מיידעלע אָפּגעשטעלט. זי האָט בעטנדיק אויפגעהויבן די הענטלעך צו די מערדער און פון די אויגן זענען איר געפלאָסן הייסע טרערן.

— פאַרוואָס גייסטו נישט ווייטער? פאַרוואָס שטייסטו?
— האָט אויף איר געשריען קאָקאָט.

— איך וויל... איך וויל עפּעס בעטן — זאָגט דאָס מיידעלע און אירע אויגן קוקן אַרויף צום מערדער מיט אַ אומבאַשרייבלעכן פּיין — מיר זענען נאָך קינדער... — זי האָט נישט געקאָנט ענדיקן דעם זאַץ, ווײַל די ווערטער האָבן איר געשטיקט אין האַלדז.

— דער מערדער קאָקאָט פרעגט זי נייגעריק: — וואָס ווילסטו זאָגן?

— איך וויל גאָרנישט זאָגן, איך וויל נאָר בעטן צו קענען פירן מיין ברודערל ביים הענטל!

אַלע פּאָליאַקן וועלכע זענען נאָכגעגאַנגען דער לעבעדיקער לויה, הערנדיק די ווערטער, זענען געוואָרן גערירט. ס׳איז געוואָרן אַ גרויסע באַוועגונג און מען האָט געהערט אויסרופן. די באַנדיטן האָבן געשאָסן אין דער לופטן, כדי צו באַרואיקן די פּאָליאַקן און זיי צעטרייבן. די קליינע קרבנות האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענטלעך, נישט אָפּוואַרטנדיק די הסכמה פון די מערדערס. און אַזוי ווייטער גייענדיק, זיך האַלטענדיק ביי די הענט, האָבן זיי זיך צום ערשטן מאָל אויפן קול הויך צעוויינט. די היטלעריסטישע פאַרברעכער האָבן זיי געטרייסט: — וויינט נישט, איר גייט אין הימל אַריין! צו אייער מאַמען, צו אייער טאַטן, צו אייער גאַנצער פאַמיליע, צו אַלע יידן. אין קורצן וועלן מיר אייך די ציאַציע דאָרטן שיקן! ס׳וועט אייך דאָרט זיין זייער פריילעך! — און די קינדער, זיך האַלטנדיק ביי די הענטלעך, זענען צוגעקומען צום טויער פון בית עלמין.

ביים טויער האָבן זיך די קינדער פאַרהאַלטן, פילנדיק אַז דאָס איז דער טויער צום טויט.

— איז, דערציילט אַלץ, — פּרובירט נאָך אַמאָל איינער פון די מערדער — וועלן מיר אייך גאָרנישט טאָן! — די קינדער האָבן ווידער געענטפערט, אַז זיי ווייסן גאָרנישט כאָטש זיי האָבן אַלעס געוואוסט; דעם נאָמען פון דאָרף, ווי אַזוי עס הייסט דער לאַנדווירט וועלכער האָט זיי אין אָנפאַנג אויסבאַהאַלטן און וועלכער האָט זיי צוגעזאָגט אין צוקונפט צו העלפן. זיי האָבן אויך געוואוסט אַנדערע סודות! די מערדער האָבן געקריצט מיט די ציין פאַר רשעות, זיי זענען געווען זייער צערייצט פון דער בלוטיקער אַרבעט.

און ס׳איז אָנגעקומען די שרעקלעכע מינוט, זייערע לעצטע טראַגישע מינוטן... מיט כוח האָט מען די קינדער אַריינגעוואָרפן דורכן טויער... קאָקאָט דער תלין האָט געזאָגט צוערשט צום מיידעלע עס זאָל לויפן, און זי — ווי אַ קינד — איז געלאָפן אין דער ריכטונג צו די מצבות... און אין דעם מאָמענט ווען זי איז געלאָפן, האָט דער מערדער אויסגעשאָסן און איר געטראָפן אין פּיסל... דאָס קינד איז אומגעפאַלן אויף דער ערד נעבן דער צעקלאַפּטער מצבה, דרייענדיק זיך פאַר ווייטיקן. פון דער אַנדערער זייט שפּרינגט, וויינט דאָס כמעט באַוואוסטלאָזע ייִנגעלע, זעענדיק זיין איינציק געליבט שוועסטערל אין ווייטיקן און קאַלוזשע בלוט. אין דעם זעלבן מאָמענט זעט ער ווי דער מערדער גייט צו צו דעם גוססדיקן מיידעלע און דערהרגעט זי מיטן שטילעט גלייך אין האַרצן אַריין!! דאָס מיידעלע האָט זיך אויסגעצויגן, אַ קרעכץ געטאָן און אויסגעגאַנגען...

דאָס ייִנגעלע, זינלאָז פאַר ווייטיק, זעענדיק ווי זיין געליבט שוועסטערל האָט זיך אויסגעצויגן אַ באַוואוסטלאָזע, איז צו איר צוגעלאָפן, האָט אַוועקגעלייגט איר שוין טויט קערפּערל אויף דער אומגעוואָרפענער מצבה און אָנגעהויבן צו קושן איר פאַרבלוטיקט קעפּל.

די מערדער האָבן שוין געוואָלט ווי אַמשנעלסטן ענדיקן. אין דער מינוט ווען דער ברודערל האָט איבער איר ווייטיקלעך געשלוכצט, האָט זיך אָנגערופן דער הענקער: דו זעסט וואָס עס איז געשען? אויב דו וועסט אונדז גאָרנישט דערציילן, וועט אויך דאָס זעלבע מיט דיר געשען!

דאָס קינד האָט אויסגערופן:

— מיין שוועסטערל לעבט נישט מער! צו וואָס דאַרף איך יעצט רעדן? מיין ציאַציע זאָל אויך דורך מיר אומקומען? אַצינד טוט מיט מיר וואָס איר ווילט, ווייל מיר איז שוין אַלץ איינס!

ביי די ווערטער האָט קאָקאָט אויסגעשאָסן און דערהרגעט נתנקען...

אַקעגן דער שול איז געווען אַ יידישע שענק פון דער פאַמיליע ווײַנבאַך, — און אין דער צייט פון קריג האָט דאָרט געהאַלטן די שענק און אַ רעסטאָראַציע די פּוילישע פאַמיליע קוואַלקאַוו פון פּשעדמיעשציע. אסתר איז אַנטלאָפן פון די הענט פון די פאַרפאָלגער צו דער שוועסטער פון דער קוואַלקאַווע. די קוואַלקאַווע האָט געקענט די קינדער, דעריבער האָט זי געוואָלט געוואויר ווערן צי זיי האָבן עפּעס פאַראַטן. אַזוי ווי אַנדערע פּאָליאַקן איז זי געווען אַן עדות און מיט אירע אייגענע אויגן צוגעזען ווי מען האָט געפירט די קינדער אויפן הייליקן אָרט.

ווען די מערדער האָבן זיך אומגעקערט פון בית עלמין, זענען זייערע מונדירן געווען פאַרפלעקט מיט בלוט פון די קינדער, זענען זיי אַריינגעקומען אין דער רעסטאָראַציע כדי זיך אַרומוואַשן און אויסטרינקען. די קוואַלקאַווע האָט זיי געגעבן פיל צו טרינקען און ווען זיי האָבן זיך אָנגעטרונקען, האָבן זיי אַלץ דערציילט וואָס אויבן איז באַשריבן. אויף דער געסטאַפּאָ איז אויך געווען אָנוועזנד דער פּוילישער פאַרטרויאונגס־מענטש בשעת דער געסטאַפּאָ־שעף האָט גערעדט מיט די קינדער. דער באַגלייביגער פּאָליאַק האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּוואונדערן פון די קינדערס קלוגשאַפט און ער האָט פון זיי דערציילט זיינע שכנים און קומעס אין דער רעסטאָראַציע פון די קוואַלקאַווס.

ווען אסתר און רבקה זענען געוואָרן באַפּרייט אין יאָר 1944, האָבן זיי זיך אַלץ דערוואוסט פון די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן צוגעזען און געהערט, ווי אַזוי ס׳איז פאָרגעקומען דער מאָרד איבער צוויי קליינע אומשולדיקע קינדער...

יואל פודערבייטל פאריז

נאכן גירוש לאנצוט

אשר הראיתני צרות רבות ורעות, תשוב תחייני ומתהומות הארץ תשוב תעלני.
(תהלים, ע״א, כ׳)



„גפרית ומלח שרפה כל ארצה״. טעג ברענענדיקע, נעכט קאַלטע. ווייט, שרעקלעך ווייט פאַרטריבן פון דער היים. דאָס איז דער מאָרגן נאָכן גירוש לאַנצוט.

די נעכט זענען שוואַרץ־סודותדיקע און אַן אומבאַשרייבלעכע אימה באַפאַלט, ווען מען טראַכט וועגן דער צוקונפט. אין מוח קלאַמערט זיך אַ שפּליטער פון אַ בילד פון דער פאַרגאַנגנהייט.

...מחנות קיץ. בית״ר 1933 אין לאַנצוט. דריי הונדערט בית״רים מאַרשירן אַרויס פין דער היסטאָרישער שול; דער בלוי־ווייסער פאָן, באַגלייט פון „הזמיר״ אונטער דער לייטונג פון חבר שמעון וואלקענפעלד הי״ד, שפּילט אַ מיליטער־מאַרש. די אָפיצירן פון דער פוילישער אַרמיי מיט ד״ר נ. טענצער בראש נעמען אָפּ די דעפילאַדע. מען זעט טרערן אין די אויגן פון אַלטן דור, און מיר, די יוגנטלעכע, גייען שטאָלצע אין געשלאָסענע רייען מיט דער פעסטער איבערצייגונג, אַז מיר זענען דאָס מקיים די לערע פון ראש בית״ר, פון נייעם אל״ף־ב״ית: קינדער לערנט אייך שיסן.

באַלד לויפט שנעל אַוועק דער געדאַנק צו די ווערטער פון זעלבן נביא: ליקווידירט דעם גלות, אַז נישט וועט דער גלות אייך ליקווידירן.

אומזיכערקייט און פאַרצווייפלונג.

עס איז קאַלט אויף דער נשמה; מען ווייסט נישט וואָס איז מיט קרובים, חברים. עס לאָזט זיך בשום אופן נישט גלויבן, אָז דאָס איז די ווירקלעכקייט. אין טיפער פאַרצווייפלונג רייסט זיך אַרויס אַ תפילה פון אָנגעווייטיקטן האַרץ: רבונו של עולם, זאָל עס נאָר זיין אַ שרעקלעכער חלום. אָבער ליידער איז עס אַ ווירקלעכקייט.

סיביר מיט זיינע פופציק גראַד פראָסט איז נישט קיין פאַנטאַזיע. דער אוזבעקיסטאַן מיט זיינע פערציק גראַד היץ אין מיט זיינע טויזנטער קברים פון די רעשטלעך פאַרטריבענע איז אַ טרויעריקע ווירקלעכקייט. דער פיבער פין קעלט און היץ שטייגט כסדר און לאָזט נישט רוען, מאַלנדיק מרה־שחורהדיקע בילדער פון צאַפּלנדיקע גופים, וועלכע ראַנגלען זיך אין די פלאַמען פון פייער און ווערן פאַרוואַנדלט אין שניי־ווייסן אַש, אויסהויכנדיק זייערע ריינע נשמות אין שטילן שעפּטשען „שמע ישראל״...

איך טראַכט מיר: רבונא דעלמא כולי, אַזעלכע טייערע און האַרציקע יידן, וואָס זייער לעבן איך דאָך נאָר באַשטאַנען פון תנ״ך, עין יעקב, גמרא, חסידות, חיבת־ציון, חלוציזם, וואָס „געהולטייעט״ האָט ביי זיי געהייסן קויפן אַ שטיקל הערינג... אַזעלכע טיפן יידן ווי: מיין פאָטער, ר׳ טוביה ז״ל, וואָס ביי אים האָט געהייסן אַן ערמה אַריינשטעקן אַ מטבע אין דער טאַבאַק־פושקע פון אַ בכבודיקן אָרעמאַן, כדי אים צו געבן צדקה בסתר, אָבער ווי דאָס גרעסטע גליק ביי מיין מוטער, עליה השלום, איז געווען ווען זי האָט געקענט צוזאַמענשטעלן עטלעכע צענדליק פאַר שיכלעך פאַר אָרעמע קינדער. און אַזאַ יידנטום איז געוואָרן אַזוי אומברחמנותדיק אַוועקגעריסן, איז דאָך ווירקלעך לאו כל מוחא סביל דא. אָבער ניין, אַל ייאוש! דער אייביקער „ואף־על־פי״ וועט זיך נישט לאָזן מנצח זיין. דער גלויבן אין „נצח ישראל לא ישקר״ שטאַרקט די נשמה. עס קומען אויפן געדאַנק די ווערטער פון דער הגדה „שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו והקב״ה מצילנו מידם״...

והיה כי ישאלך בנך מחר...

און ווידער זע איך דאָס בילד אויפן האַלץ־מאַרק: די מיליטערישע רייען פון בית״ר. דאָס איז אונזער ענדלייזונג. אַנדערש וועט עס נישט זיין. אַ שרקעלעך־גרויסן פרייז האָבן מיר באַצאָלט. דאָס שענסטע און דאָס בעסטע וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געהאַט האָבן מיר אַוועקגעגעבן אויפן מזבח פון קיום האומה. אויך אונזער שטעטל לאַנצוט האָט אירע דיאַמאַנטן אין כתר המלכות פאַר דער גאולה צושטייער געגעבן.

והיה כי ישאלך בנך מחר לאמור: ווו ביזטו געווען ווען דאָס פאָלק האָט געליטן, געחלומט און געקעמפט, וועסטו רואיק און מיט שטאָלץ קענען זאָגן: מען האָט גערופן „לאַנצוטער מיוחסים״ און מיר זענען דעם דאָזיקן נאָמען טריי געבליבן, טריי דורך מעשים, דורך קרבנות און דורך אַ מוסטערהאַפטן לעבנס־שטייגער.

הרב ד״ר יצחק לעווין ניו־יאָרק

ר׳ נפתלי שטערנהיים הי״ד



ר׳ נפתלי שטערנהיים

צווישן די קדושים פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, וועמענס לעבן איז פאַרשניטן געוואָרן דורך די דייטשע מערדער, האָט זיך געפינען מיין שווער, ר׳ נפתלי שטערנהיים ז״ל. ווען די זון פון זיין לעבן האָט נאָך העל געלויכטן און די גאָלדענע קייט פון מעשים־טובים, וועלכע ער האָט במשך יאָרן געשמידט, איז נאָך ווייט נישט געווען פאַרענדיקט, איז אַלץ געוואָרן איבערגעריסן דורך דער בלוט־דורשטיקער נאַצי־חיה.

ער איז אַלט געווען קוים 56 יאָר, ווען ער איז אומגעקומען אין אוישוויץ. ווי רייך איז געווען דאָס דאָזיקע יונגע לעבן אין מצוות און מעשים־טובים! אַ זעלטענע קרוין פון „שם טוב" איז געווען יאָרן־לאַנג אויף זיין קאָפּ. פון לאַנצוט קיין אַמסטערדאַם און לאָדזש האָט זיך געצויגן דער קלאַנג פון זיין נאָמען. מענטשן אָן אַ צאָל האָבן אים פאַרערט און געליבט.

געבוירן אין לאַנצוט אין יאָר 1886 ביי ר׳ משה און פעסיל שטערנהיים, אין אַ פיינער יידישער מיטלשטאַנד־שטוב, איז דער יונגער נפתלי אויפגעצויגן געוואָרן על התורה ועל העבודה. טאָג און נאַכט געזעסן, אַלס יונגער בחור, אין בית־המדרש און זיך איינגעזאַפּט מיט תורה און חסידות.

אָנהויב 1911 האָט ער חתונה געהאַט מיט רחל ליבער פון באַליגראַד, אַ פרוי, וואָס האָט אין זיך פאַרקערפּערט די שענסטע מידות און כאַראַקטער־אייגנשאַפטן. באַלד זיך באַזעצט אין ריישע און אָנגעהויבן צו שם׳ען אַלס פיינער יידישער בעל־בית.

ווען דער ערשטער וועלט־קריג איז אויסגעבראָכן, איז ר׳ נפתלי שטערנהיים אַוועק מיטן פּליטים־שטראָם קיין מערב. אַ קורצע צייט געווען אין אונגאַרן. דאַן געקומען קיין האָלאַנד.

אין האָלאַנד האָט ער אָנגעהויבן ריכטיק צו בליען. ער איז געוואָרן אַ גביר. אָבער זיין אָן עושר האָט פאַר אים נישט געמיינט צו געניסן דאָס פאַרדינטע געלט פאַר זיך אַליין. ער האָט אַוועקגעגעבן געלט לצדקה, פאַר נויט־באַדערפטיקע, פאַר מוסדות התורה והחסד, אין אַ טעמפּאָ און מיט אַ פאַרנעם, וואָס האָט געזעצט אין שטוינען די וועלט. פאַר ר׳ נפתלי שטערנהיים איז צדקה געווען אַ שטיק פון זיין אייגענעם לעבן. ער האָט הנאה געהאַט ביים געבן געלט אַן אָרימאַן. ער האָט געגעבן ביד רחבה און קיינמאָל נישט געלאָזט יענעם פילן, אַז ער, דער אָרעמער, נעמט ביים עושר אַ נדבה.



רחל שטערנהיים (ליבער)

מיט דער צייט האָט ער אָנגעהויבן באַקאַנט צו ווערן אַלס דער „נדיב הידוע" צווישן די אַמסטערדאַמער פּוילישע יידן. ווער עס איז פון מזרח געקומען קיין אַמסטערדאַם זאַמלען געלט אויף אַ דבר־טוב אָדער אַ תורה־מוסד, האָט געהאַט ביי זיך אַלס ערשטן אַדרעס: ר׳ נפתלי שטערנהיים. און ער האָט קיינעם נישט אַנטוישט. יעדן אויפגענומען בסבר פנים יפות און אַנטקעגנגעטראָגן אים די שענסטע נדבה.

און לאַנצוט, זיין אַלטע היים, האָט דאָס געוווּסט. און נישט נאָר לאַנצוט. אויך ליזענסק און פּשעוואָרסק, און אַנדערע שטעטלעך. ווו עס איז געווען אַ נויט באַדערפטיקער, האָט ער געשריבן קיין אַמסטערדאַם צו ר׳ נפתלי שטערנהיים און באַלד האָט די פּאָסט געבראַכט דעם ריכטיקן ענטפער. עס זיינען דורך אים אויפגעריכט געוואָרן הונדערטער מענטשן. ער האָט געשטעלט אויף די פיס סוחרים, וואָס האָבן געשפּירט, אַז עס ווערט זיי שווער. מתן בסתר איז געווען ביי אים גאָר באַליבט. אַ סך מאָל האָט ער נישט געוואָרט, ביז יענער האָט פאַרלאַנגט, נאָר אַליין אָריינגעשיקט די הילף.

דאַביי איז ער געווען אַ ייד אין פולסטן זין פון וואָרט. די תורה, וואָס ער האָט אין זיך אויפגענומען אין דער יוגנט, האָט ער כסדר פאַרשטאַרקט דורך לערנען. ער האָט פאַרמאָגט איינע פון די שענסטע פּריוואַטע ביבליאָטעקן און ער האָט זיך געגריבלט מיט ליבשאַפט אין די אַלטע ספרים. ווען אַ רב, אַ גדול איז צו אים געקומען מיט אַ וויזיט, האָט מען גערעדט תורה.

דעם זעלבן אײדעלן ייִדישן לעבנס־שטײגער האָט ער געפירט אין אַנדערע שטעט, װוּ ער האָט געוווינט, אין בערלין, אין לאָדזש, און צום סוף ווידער אין אַמסטערדאַם.

אין דער לובלינער ישיבה איז געווען אַ צימער אויפן נאָמען פון ר׳ נפתלי שטערנהיים. ער האָט דאָס געלט דערפאַר בתשואות־חן געגעבן דעם לובלינער רב, ר׳ מאיר שפּירא זצ״ל, ווען ער האָט אים אַמאָל באַזוכט אין אַמסטערדאַם.

און ווי האָט ער דערצויגן זײַנע קינדער. ער האָט געבראַכט אַן אַלטן יוגנט־פרײַנד, ר׳ מרדכי פרידער פון פּשעוואָרסק, קיין בערלין, כדי ער זאָל לערנען מיט זײַן זון תורה. ר׳ נפתלי שטערנהיים האָט אים אויסגעהאַלטן, כדי דאָס קינד זאָל האָבן אַ גוטן רבי׳ן. און אַזוי איז אויך דער זון, לוי שטערנהיים, אויפגעצויגן געוואָרן ייִדיש און ער וואָלט זיכער געגאַנגען אין זײַן פאָטערס אײדעלע דרכים, ווען זײַן יונג לעבן וואָלט נישט פאַרשניטן געוואָרן, צוליב דער מלחמה, אין דער יאַפּאַנישער געפאַנגענשאַפט, וווּ ער איז געווען אַלס האָלענדישער סאָלדאַט.

זײַן גאַנץ לעבן האָט ר׳ נפתלי שטערנהיים געווידמעט זײַנע צוויי קינדער. ער האָט זיי אויפגעצויגן מיט ליבשאַפט און איבערגעבנקייט. קיין קרבן איז אים נישט געווען צו גרויס, כדי זײַנע קינדער ריכטיק צו ערציִען.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז ער געווען אין אַמסטערדאַם. דער זון האָט געפירט זײַן געשעפט אין לאָדזש. ר׳ נפתלי שטערנהיים האָט זײַן משפחה לײדער מער נישט געזעען, ווײַל ער איז געווען אין אַמסטערדאַם, וואָס איז באַלד באַזעצט געוואָרן פון די נאַציס. די משפחה איז אַוועק פון לאָדזש קיין מזרח און איז אָנגעקומען אין דער האָלענדישער אינזל יאַוואַ, וווּ די פרוי איז געוואָרן



לוי שטערנהיים

אינטערנירט און דער זון איז אומגעקומען אין דער יאַפּאַני־שער געפאַנגענשאַפט. די אײנציקע טאָכטער איז מיט איר מאַן, דער שרײַבער פון די שורות, און קינד, אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

ר׳ נפתלי שטערנהיים האָט געלעבט אין אַמסטערדאַם ביז׳ן יאָר 1943. ער האָט זיך דאַן פּראָבירט אַרויסשמוגלען אין דער שווייץ. ער איז דורכגעגאַנגען קיין בעלגיע און דאַן קיין פראַנקרייך. בײַ דער פראַנצויזיש־שווייצער גרענעץ האָט אים די געסטאַפּאָ געכאַפּט. ער איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין דראַנסי און פון דאָרט קיין אוישוויץ.

זײַן בלוט האָט זיך אויסגעמישט מיטן אומשולדיק פאַר־גאָסענעם בלוט פון מיליאָנען ייִדישע קדושים.

„ועל ידי עבדיך הנביאים כתוב לאמר: ונקיתי דמם לא נקיתי...״



דער לעצטער וועג...

מיכאל וואלצער

דער משפט פון רוצח

אין אָנדענק פון מיין שוועסטער חיה
און מיין ברודער שמעון הי״ד.

מאָנטיק, דעם 14־טן אויגוסט, 1958, איז געעפנט געוואָרן אין קרייז געריכט אין ריישע, דער משפט פון יוזעף קאָקאָט, דער גרויס־מערדער פון די לאַנצוטער יידן. ער איז ארעסטירט געוואָרן דורך דער זיכערהייטס־פּאָליציי אין טשעכן, אין זיין וווינונגס אָרט דראַקאָוויטשקע, ביי אָסטרעווע, און ער איז, אין איינקלאַנג מיטן אָפּמאַך וועגן רוצחים־אויסטויש, איבערגעגעבן געוואָרן פוילן. ביים פּרעזידיום־טיש פון געריכט זענען געזעסן: דער הויפּט־ריכטער — לודביק ריבאַרטשיק און דריי שופטים. דער פּראָקוראָר איז געווען דער פאַרטרעטער פון דער קרייז פּראָקוראַטור — אַנדזשעי גזשיש. די פאַרטיידיקער — מאַגיסטער עמיל בארניצקי און מאַגיסטער יאַן אוכאָל. דער מערדער, יוזעף קאָקאָט, 37 יאָר אַלט מיט ווילד צושויבערטע האָר אין אַ מאָגער פּנים, איז געווען אַרומגערינגלט דורך 4 פּאָליציאַנטן. ער איז באַשולדיקט געוואָרן אין דעם, וואָס בעת דעם נאַצי רעזשים אין לאַנצוט און סביבה, זייענדיק אַ פּאָליציאַנט אין שטאָט — האָט ער זיך באַטייליקט אין מאָרדן אומשולדיקע מענטשן. צווישן זיינע באַשולדיקונגען: 49 מאָרד אַקטן, אין וועלכע עס זענען אומגעקומען 150 יידן און פּאָליאַקן. דער באַשולדיקטער האָט אין זיין דערקלערונג פון וועלכער מ׳האָט געקאָנט מאַכן דעם אויספיר פון זיין סאַדיסטיש מערדערישער מאָס פין רציחות, און אויך וועגן „פאַך״ וואָס ער האָט דערוואָרבן ביי דער היטלער רעגירונג — געפּרוווט צו פאַרטושן דעם ברייטן פאַרנעם פון זיינע רציחות, האָט זיך מודה געווען אין „עפּעס״ אונשטרייכנדיק, אַז ער האָט געטאָן דאָס וואָס ער האָט געטאָן, לויטן באַפעל פון זיינע באַפולמעכטיקטע. אָבער די עדות וואָס האָבן אַרויפגעברענגט פּרטים און די קלענסטע איינצלהייטן פון אַ גאַנצע ריי זיינע מערדערייען, האָבן פאָרגעשטעלט פאַרן געריכט דעם רוצח אין זיין אמת׳דיקן פּרצוף, אין די מוראדיקע טעג פון יאָר 1942 אין לאַנצוט. פאַרכאַפּט פון אַ תאַווה צו מאָרדן, פלעגט ער מיט סאַדיסטישער הנאה הרגענען אלטע לייט, פרויען און קינדער. ווי דאָס וואָלט געווען אַ געווענלעכע טאָג טעגליכע אַרבעט... ער האָט זיך מודה געווען אַז ער האָט געהרגעט צוויי יידישע פרויען אין דער וואַלאָווע־גאַס (מאַרקוס וויינבערגער) לויטן באַפעל פון קרישער, זיין קאָמענדאַנט. דעמזעלבן טאָג, האָט ער ממשיך געווען, זענען אומגעקומען נאָך אַכט יידן, און אויך די יידן גאָלדמאַן און וואָרם, אָבער די זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די פּאָליציאַנטן קרישער און ווילדע. ווייטער האָט ער זיך מודה געווען אין פּאַראַגראַף 21 פון באַשולדיקונגס־אַקט, אַז ער האָט געשאָסן אין ביאַלאָבזשעג אין דער ריכטונג פון אַן אומבאַקאַנטן מענטש, וואָס איז אַנטלאָפן אין וואַלד אריין און האָט מצליח געווען צו פאַרשווינדן. אזוי האָט ער אויך באַשטעטיקט, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין דערשיסן צום טויט צען פּאָליאַקן אין דער דאָמיניקאַנער גאַס. דאַקעגן האָט ער געטענהט אַז אין טאָג ווען ס׳איז דערמאָרדעט געוואָרן וולאַדיסלאַוו יאַראָש, איז ער געווען אין ביאַלאָבזשעג, און דער מערדער איז געווען דער פּאָליציאַנט גלאַנץ. ער האָט זיך מודה געווען אין זיין „מיטאַרבעט״ אין דאָרף מאַרקעווע, ווען די פּאָליציאַנטן, פּאַנקראַנץ ווילדע און דזשעוולסקי האָבן אומגעברענגט צוויי יידישע משפחות און די פוילישע משפחה אולמאַן. און אַז ער האָט אויך אויסגעפילט אַ באַפעל און איז אין פרילינג 1942 ארויס צוזאַמען מיט די פּאָליציאַנטן קרישער און ווילדע, צו ליקווידירן אַ באַהעלטעניש פון יידן אין ווינקל פון וואַלאָווע־גאַס און האָט אויפן אָרט דערהרגעט צוויי יידישקעס וואָס האָבן געפּרוווט אַנטלויפן.

די עדות

דער משפט איבערן רוצח קאָקאָט האָט זיך געצויגן צוואָנציק טעג און איז געווען דורכגענומען מיט גרויסער שפּאַנונג. דער מערדער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. די פוילישע און די יידישע פּרעסע אין דער וועלט, האָט מבשר געווען נאָך אַ גערעכטן פּסק־דין איבער איינעם פון די תליינים פון פוילישן יידנטום.

די עדות פאַרן געריכט האָבן, צווישן אַנדערן, איבערגעגעבן אז אויפן בית־הקברות אין לאַנצוט, האָט קאָקאָט מיט אַ רעוואָלווער אומגעברענגט אַמווייניקסטן צען יידן. איינוווינער פון 1־טן־מאי גאַס האָבן דערציילט, אז זיי האָבן געזען ווי קאָקאָט האָט געפירט יידן אין דער ריכטונג צום בית־הקברות, ס׳האָבן זיך דערנאָך געהערט שאָסן און קאָקאָט איז צוריקגעקומען אליין. איינער פון די עדים, סטעפאַן מיכנאָ, וועלכער האָט געוווינט נעבן בית הקברות, האָט דערציילט, אַז נישט איינמאָל איז ער אויפגעפּאָדערט געוואָרן דורך קאָקאָטן צו באַגראָבן די דערמאָרדעטע, און ער האָט געזען ווי ער האָט דערמאָרדעט די פרוי פון ד״ר פּאָהאָרילע מיט זייערע קינדער. קאָקאָט האָט געטענה׳ט אַז ער האָט טאַקע געפירט די קרבנות צום בית הקברות, אָבער די מאָרד־מלאָכה האָבן אויסגעפירט: ווילדע, קרישער און אָברויל, וועלכע זענען, לויט זיינע רייד, געקומען צום בית הקברות דורך זייטיקע גאַסן אָפּגעטאָן זייער „אַרבעט״ און פאַרשוווּנדן... בסך־הכל, דערציילט ער, האָט ער געפירט דאָרט אַהין עפּעס אַ 10—15 יידן... און ווען ער איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו ענטפערן אויף דער באַשולדיקונג פון קינדער־מאָרד, האָט ער אזוי געזאָגט: „איך האָב קיינמאָל נישט געהרגעט קינדער. קינדער זענען מיין שוואַכע זייט...״ דער אמת איז אָבער, אַז קאָקאָט האָט געמאָרדעט קינדער מיט זיין געוווּנלעכער סאַדיסטישער תאַווה.

אַ ייד וואָס וויל נישט ענטפערן אויף פראַגן

צווישן אָפּלייקענונגען אויף עדות און באַשולדיקונגען וועגן מאַסן מאָרד, פלעגט דער רוצח אַריינפלעכטן פון צייט צו צייט אַ לאַקאָנישע מעלדונג: „איך בין זיך מודה"... אָט די ווערטער „איך בין זיך מודה" האָט ער אויך געלאָזט הערן בײַם מאָרד פאַל אין הויף שטאָט־ראַט, דערציילנדיק אַז ער האָט דאָס אויסגעפירט לויטן באַפעל פון פאָליצײַ קאָמענדאַנט דעקאַן. ער גיט איבער אַז דאָס איז געווען אין יאָר 1942. דער שטאָט ראַט האָט מודיע געווען דער פאָליצײַ אַז אין איר הויף ליגט אַ ייד וואָס וויל נישט ענטפערן אויף קיין שום פראַגן. דער שטאָט באַאַמטער, סקרענט, האָט געבעטן מען זאָל דעם ייד איבערפירן אין דער פאָליצײַ קאָמאַנדע. דער קאָמענדאַנט האָט נישט מסכים געווען און האָט באַפוילן אים צו הרגענען. „איך האָב ארויסגעצויגן דעם רעוואָלווער" דערציילט קאָקאָט, „פון נאָענט האָב איך אַריינגעשאָסן צוויי קוילן אין זיין קאָפּ אַריין און אים דערהרגעט".

צווישן די עדים וואָס זענען אויפגעטרעטן: וואַלענטי וואָש, וועלכער האָט דערציילט, אַז ער האָט מיט זיינע אויגן געזען ווי אַזוי קאָקאָט האָט דערמאָרדעט אַ גרופּע יידן אין גאָרטן אויף דער וואַלאָווע גאַס. אויפן זעלבן פּלאַץ — זאָגט דער עדות — זענען דורך אַנדערע פּאָליציאַנטן דערהרגעט געוואָרן 24 יידן. אַזוי פלעגט מען פון צייט צו צייט זען ווי קאָקאָט האָט געכאַפּט יידן אין מאַרק און זיי אומגעברענגט אויפן אָרט.

דער עדות טאַדעאוש קשאַן האָט געזען ווי קאָקאָט האָט ליקווידירט 4 יידן. פראַנציַשעק טוואָרוג זאָגט אַז אין מלחמה־צייט האָט ער געאַרבעט אין פינאַנס־אַמט נאָענט פון קרימינאַל, און האָט געזען ווי קאָקאָט האָט אויפן הויף פון קרימינאַל דערמאָרדעט פּאָליאַקן, צווישן זיי צוויי קינדער.

קוניש סטאַניסלאַוו זאָגט עדות אַז אין חודש יולי 1942 האָט דער באַשולדיקטער אומגעבראַכט דעם ייד וואָרם און אויך אַ יידישע פרוי. וולאַדיסלאַוו סקרענט גיט איבער אַז אַלס באַאַמטער אין מאַגיסטראַט, פלעגט ער שמועסן מיט קאָקאָטן. אַיינמאָל איז עמעצער אַריינגעקומען און געבעטן אַ נאַכט־לעגער, אין דעם מאָמענט איז אַריין קאָקאָט און האָט דעם מענטש אַרויסגעצויגן פון ביוראָ. מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער איז קאָקאָט צוריקגעקומען און פאַרלאַנגט פון עדות ער זאָל באַגראָבן דעם טויטן קערפּער. אַ צווייטער עדות, יאַן נאָזשיק, דערציילט, אַז אין יאַנואַר 1943 איז ער אַרעסטירט געוואָרן דורך קאָקאָט. זיין צעל איז געווען נאָענט פון אויספאָרשונגס צימער פון וועלכן ס'האָבן זיך געהערט שרעקלעכע געשרייען פון די געפּאָרשטע־געפּייניקטע. אין דער צייט פון זיין אַרעסט זענען דערשאָסן געוואָרן ניין מענטשן. אַנדזשעי אינגלאָט דערציילט ער ווייטער, איז דורך קאָקאָטן דערהרגעט געוואָרן מיט אַ געווענלעכער לאָפּאַטע. אין יאָר 1944 האָט ער געזען ווי דער באַשולדיקטער האָט געפירט צום בית הקברות אַן עלטערן ייד מיט אַ ייִנגל. דער עלטערער איז דערשאָסן געוואָרן, דאָס ייִנגל איז אַנטלאָפן און קאָקאָט האָט אים נאָכגעשאָסן.

דער עדות פראַנציַשעק וואַרכאָל גיט איבער אַז ער האָט געזען ווי קאָקאָט גייט אַריין צו די ווייסמאַנס. באַלד דערנאָך האָט מען געהערט שאָסן און מ'האָט אַרויסגעפירט פון דאָרט טויטע קערפּערס. צייטנווייז — דערציילט וואַרכאָל — פלעגט ער זען ווי אַזוי דער באַשולדיקטער האָט אַוועקגעפירט יידן צו די גריבער וואָס זענען דורך אים אַליין צוגעגרייט געוואָרן, און זיי דאָרט געטויט. און אַזוי ווי אין יענער צייט האָט ער, דער עדות, געהאַט די אויפגאַבע פון נאָכשפּיאָנירן דייטשע אַגענטן, האָט ער דערקענט די פּאָליציאַנטן: קאָקאָט, ווילדע, קרעצינגער און דזשעוווּלסקי. אַ צווייטער עדות, סטאַניסלאַוו צעדשירעלאַ, דערציילט, אַז ער האָט געזען ווי קאָקאָט האָט געהרגעט אויפן בית הקברות אַ מאַן מיט אַ פרוי — „איך האָב קיין שום ספק נישט, אַז דער רוצח איז געווען קאָקאָט". די עדים מיכאַל שמאָלעק, וולאַדיסלאַוו קשיצאַ און יוזעף האַדלאַוו זאָגן עדות וועגן מאָרדן איבער מענער, פרויען און קינדער. צווישן אַנדערע האָט אויך קאָקאָט דערהרגעט אַ פרוי אויפן וועג קיין סאַנינע.

אויגעניוש טשאַצקעוויטש, אַ שלאָסער אין לאַנצוט ווייסט צו דערציילן אַז קאָקאָט האָט דערהרגעט אַ מענטש פון זשילין. איינמאָל האָט מען אים גערופן ער זאָל עפענען די דרוקערײַ פון לאָזער טראָמפּעטער, דאָרט האָט שוין אויף אים געוואַרט דער באַשולדיקטער. דורכן פענצטער פון דער דרוקערײַ איז אַרויסגעשפּרונגען אַ פרוי בעת אַ ייד האָט איר דערבײַ געהאָלפן. קאָקאָט האָט ביידע דערשאָסן. פאָרנדיק איינמאָל אויף אַ ראָווער, האָט ער באַמערקט ווי דער באַשולדיקטער פירט צוויי מיידלעך צו אַ גרוב און שיסט אין זיי.

קאַזשימיעש פּרץ דערציילט אַז דער באַשולדיקטער פלעגט אַרומשפּאַצירן אין באַגלייטונג פון אַ שוואַרצן הונט. די אייַנוווינער פלעגן זיך שרעקן אימת־מות. יאַן פּעלץ, אַ שניידער, גיט איבער, אַז ער האָט גענייט אַ קאָסטיום קאָקאָטס געליבטע און ער האָט אים נישט באַצאָלט פאַר דער אַרבעט. ער האָט געזען ווי דער געמשפּטער האָט אַנטדעקט אין אַ קעלער אַ גרופּע יידן און ער האָט זיי אויסגעשאָסן.

אַ משפּט אָן יידן

דער משפּט פון רוצח־קאָקאָט איז אַ טראַגישע געשעעניש פאַר די לאַנצוטער יידן וואָס זענען שוין נישטאָ און פאַר די שארית־הפליטה. איינער פון די בולטסטע רוצחים, וועמען די יידן האָבן טאָג־טעגלעך געזען, וועלכער האָט גערויבט און געמאָרדעט אָן רחמים — איז געברענגט געוואָרן לדין, און איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, 16 יאָר נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעפירט זיינע מוראדיקע מעשים. זיכער האָט קאָקאָט, אין זיין נייעם וווינונגס־פּלאַץ, געטראַכט, אַז עס דערוואַרט אים נישט קיין שום שטראָף, און אַז קיינער וועט נישט נאָכשפּיאָנירן זיינע פוס טריט. און אָט איז געקומען דער יום־הדין. אָבער גאַנץ טראַגיש איז דער פאַקט וואָס צווישן אַלע אויפגעטרעטענע עדות אין געריכט האָט זיך נישט געפונען אפילו קיין איין ייד, ווייל אין לאַנצוט איז נישט געבליבן קיין איין ייד. און אויב ס'האָבן זיך בעת'ן פּראָצעס געפונען עטלעכע

לאַנצוטער יידן אין פוילן — זענען זיי נישט איינגעלאַדן געוואָרן, אָדער זיי האָבן מורא געהאַט צו דערשיינען.

די געשטאַלט פון רוצח

יוזעף קאָקאָט האָט געטענה'ט, צווישן אנדערן, צו זיין פאַרטיידיקונג, אַז זיינע נערוון זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין יאָר 1942, ווען ער איז שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן אין שפּיטאָל. די טענה האָט ער אויפגעבערענגט, ווען דאָס געריכט האָט פעסטגעשטעלט אומפינקטלעכקייטן אין זיין עדות זאָגן. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1921 אין קאָוולאָוויטשעק אין טשעכן; געענדיקט אַן אַכט־קלאַסיקע פאָלקס־שולע און שפּע־טער געוואָרן אַ שלאָסער. געהאַט אַ פרוי מיט צוויי קינדער. נאָכן אָפּדינען 3 חדשים אין „ווערמאַכט" איז ער איבערגעפירט געוואָרן אין דער דייטשער פּאָליציי אין לאַנצוט, ווו ער האָט געדינט ביז 1944. דערנאָך צוריק געפירט געוואָרן אין דער דייטשער אַרמיי. אין יאָר 1945 איז ער גענומען געוואָרן אין אַ געפאַנגען־לאַגער אין זאַבזשע. אין אַ צייט ארום איז ער באַפרייט געוואָרן אַלס טשעכישער בירגער — ער איז צוריקגעפאָרן קיין טשעכן. זיינע אָפּענע און פאַרבאָרגענע קרבנות האָבן געדופן פון דער ערד. אייניקע האָבן געזוכט די שפּאָרן פון רוצח — און האָבן אים אַנטדעקט. אין אָנפאַנג משפּט אין ריישע, איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו מצד דער פאַרטיידיקונג, צוריקצוקערן דעם מערדער קיין טשעכן, אין איינקלאַנג מיטן אָפּמאַך צווישן פוילן און טשעכן. אָבער דער פּראָקוראָר האָט זיך געשטיצט אויף אַ הסכם מיט לאָנדאָן, פון יאָר 1945, וועלכער זאָגט אַז מלחמה פאַרברעכער דאַרפן געמשפּט ווערן אויפן אָרט פון זייערע פאַרברעכנס.

אין 27־טן אויגוסט, 1958, האָט דער פּראָקוראָר רעסוּ־מירט דאָס עדות זאָגן פון 60 עדים וואָס זענען דערשינען אין געריכט און ער האָט אונטער געשטראָכן, אַז קאָקאָט איז געווען אַ קאַלטער סאַדיסט, ער האָט געמאָרדעט מיט כיטרעקייט און גלייכגילטיקייט. ער האָט אויסגעלאַכט די תחנונים פון זיינע קרבנות, מענער, פרויען און קינדער — ער זאָל זיך אויף זיי מרחם זיין, און האָט סאַדיסטיש געחוזקט פון זיי פאַרן טויט.

דאָס געריכט האָט אין 19־טן אויגוסט, שבת, באַזוכט לאַנצוט דאָס אָרט פון די אויסגעפירטע רציחות און אין 30־טן פון דעם חודש איז ארויסגעגעבן געוואָרן דער טויט־אורטייל.

אין פּסק־דין ווערט אויך אונטערגעשטראָכן, אַז „ער האָט אָרגאַניזירט עקסצעסן מיט קאַלט בלוט, דערהרגעט קינדער אויף די אויגן פון זייערע עלטערן, האָט נישט איבערקליבן די מיטלען, מיט שיסערייען אָדער מיט ביקסן־קאָלבעס, אָנטיילגענומען אין מאַסן־מאָרד איבער יידן אין אַלע עלטער. די אַלע וואָס ער האָט ספּעציעל פיינט געהאַט, האָט ער געפירט אויפן בית־הקברות און זיי דאָרט מיט אכזריות פאַרטיליקט. די רוצחישע אַקציעס פון קאָקאָט האָבן זיך נישט באַגרענעצט בלויז אויפן שטח פון דער שטאָט לאַנצוט. און דער פּראָקוראָר פאַרענדיקט: „אין נאָמען פון אַלע דערמאָרדעטע און פון דער עפנטלעכער מיינונג, פאָדער איך די מאַקסימאַלסטע שטראָף פאַר דעם אַכזריותדיקן תלין — די תליה!!".

נישט פאַרגעסן

אין 28־טן סעפּטעמבער, 1957, האָט דאָס פוילישע לאַנצוט געפייערט די 600־יעריקע עקזיסטענץ פון דער שטאָט. די איינוווינער האָבן זיך אין דעם שטאַנד פאַראייניקט מיטן אָנדענק פון די נאַצישע קרבנות, און דערביי אויך מיטן אַנדענק פון די יידן אין שטעטל וואָס זענען אומגעקומען דורך די טמאים. איך האָב דערהאַלטן פון יובל־קאָמיטעט אַן איינלאַדונג אָנטיילצונעמען אין די פייערלעכקייטן. אין מיין באַגריסונגס־בריוו, וואָס איך האָב געשיקט, האָב איך איבערגעשיקט אַ ברכה צו די איינוווינער, אין נאָמען פון די לאַנצוטער אין ישראל, און האָב זיי געבעטן נישט צו פאַרגעסן און נישט לאָזן פאַרגעסן דאָס וואָס די נאַצים האָבן אָנגעטאָן צו די יידן אין לאַנצוט און אין פוילן בכלל, אין יענער פינצטערער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ווער זענען געווען די יידן מערדער אין לאַנצוט

אין די פאַרחושכטע טעג פון אָקופּירטן לאַנצוט דורך די נאַציס האָבן דאָרט געדינט די פּאָלגענדיקע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן אַנטייל גענומען אין מאָרדן יידן, אין די יאָרן 1939—1944, ביז צו דער אַנטגילטיקער טאָטאַלער פאַרטילי־קונג פון די פוילישע יידן און פון די לאַנצוטער אַריינגערעכנט. די־אָ פּאָליציאַנטן האָבן באַוויזן אויסצומאָרדן מיט זייערע אייגענע הענט דעם גרעסטן טייל פון די יידן. לויט די גביית־עדות וואָס מיר האָבן, האָבן אויסער יוזעף קאָקאָט, אויך געדינט: דעקאַן — פּאָליציי קאָמענדאַנט; קרישער, ווילדע, דזשעוווולסקי, שמידקע, גלאַנץ, פענקראַנץ, גאָקעם, אַברעל, קראוזע (געהיים אַגענט) און אויך די אָרטיקע מיליץ: לעשנאָווסקי, קרול, טאָמאַשעק, אַנדזשעיטשיק און ליסאָווסקי.

יאַן דזשעוווולסקי איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, געאַרבעט אין דער פאַבריק פון האַבערבוש. שמידקע איז פון וועסטפאַליע, גלאַזבאַך, לאָרזן־שטראַסע 23, זיין מוטער הייסט דאָראַ ער שטאַמט פון גוטעקס, ווערנער שטראַסע 40.


די יידן וואָס זענען אומגעקומען פון קאָקאָטס הענט

אין יוני 1941 זענען דערהרגעט געוואָרן 3 יידן, און צווישן זיי: פאַס, בעזעמשטאָך; אין אויגוסט 1942 פאַר־אומגעקומען 6 יידן און צווישן זיי: לייזער פאָפּיאָל און זיין פרוי און משה זאָנענשיין; אין מערץ 1942 דערשאָסן 5 יידן, צווישן זיי: לאָזער קעשטעכער, ישראל וועגנער און מענדל פייער; אין יולי 1942 געפאַלן 24 מענטשן, צווישן זיי: פאַס, בעזעמשטאָק; אין אויגוסט 1942 פאַר־טיליקט געוואָרן 50 יידן צווישן זיי: שרה און פרומע וואָרם און די משפּחה קלמן וואָלקנפעלד. אין סעפּטעמבער 1942, געהרגעט געוואָרן 17 מענטשן, צווישן זיי: מאַרקוס ווייג־

בערגער, שמחה סאַפּיר, גאָלדע גאָלדמאַן, לייב קאָרנבלוי און מענדל ריפּס. אין מערץ 1943 אומגעקומען 3 יידן צווישן זיי ד״ר מארקוס פּאָהאָרילע און נ. וואַלד.

טעג, וואָס וועלן זיך אייביק געדענקן

דער משפט קאָקאָט האָט אַרויפגעברענגט פון די פאַר־באָרגענישן פון עבר — אפילו נאָר אויף אייניקע טעג — די אימה, דאָס פאַריתומטקייט און איינזאַמקייט פון די יידישע קרבנות אין אונדזער שטעטל, וועלכע האָבן געוווּסט אז די מערדערישע האַק איז אויפגעהויבן געוואָרן אויפן גאַנצן כלל ישראל. די דאָזיקע פאָרכטיקע טעג, וואָס אונדזער מיט בלוט אַדורכגעווייקטע מאַרטיראָלאָגיע, האָט נישט געוווּסט זייער גלייכן — זיי באַגלייטן אונדז תמיד; אויף אונדזערע בוי און שאַפונגס וועגן פון טרויער און אומעט, וועלן מיר נישט פאַרגעסן, וואָס עס האָט אונדז אָפּגעטאָן דאָס פאַר־שאָלטענע פאָלק — די נאַציס, פאַרטיליקנדיק אַ משפחה נאָך אַ משפחה, גאַנצע קהילות, ביז ער האָט אויסגעריסן דאָס גאַנצע פּוילישע יידנטום. די פאַראַיינצלטע וואָס זענען פאַר־בליבן בדרך־נס, האָבן זיך געראַטעוועט פון די טמאים׳ס הענט, און האָבן מצליח געווען צו דערגרייכן די גרענעץ פון זיכערקייטס־אַזיל. די אַנטרינענע פון גאַז קאַמערן און פון די טויט־לאַגערן — זענען דער לעבעדיקער געדענק־צייכן קעגן די גרעסטע זינד פון דער מענטשהייט.



לעצטער טאָג אין שטעטל... געמאָלן פון מאָלער יאָסל בערגנער

ה. לאנצוטער יידן אין דער וועלט

משה פרידער ניו־יארק

לאנצוטער לאנדסמאנשאפט אין ניו־יורק

אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט האבן שוין לאנצוטער יידן עמיגרירט קיין אמעריקע. ווי אלע „גרינע" פון יענער צייט זענען זיי אויך געווען פארהארעוועטע אין די „שוויץ־שאפן". דאס רוב פון זיי האט געבענקט נאך דער אלטער היים. קיין געזעלשאפטלעכע טעטיקייט האבן זיי, ווייזט אויס, נישט געפירט, ווייל צו אונדז איז נישט דערגאנגען קיין שום שריפטלעכע דאקומענטן פון יענער צייט.

ערשט אין יאר 1889 זענען זיך עטלעכע לאנצוטער יידן צוזאמענגעקומען אין א ביר־קעלער און דארט אפגעהאלטן די ערשטע ארגאניזיר־זיצונג כדי צו גרינדן א לאנצוטער לאנדסמאנשאפט. צווישן די איניציאטארן זענען געווען: לואיס טאנץ ז"ל און אזוי ארום איז אפיציעל דעם 15־טן יאנואר 1889 געגרינדעט געווארן אין ניו־יארק דער לאנצוטער פאראיין. זיין ערשטער פרעזידענט איז געווען לואיס טאנץ ז"ל. און אין דער פארוואלטונג זענען געוויילט געווארן:

אברהם קאסע — וויצע־פרעזידענט, אייזיק גרינמאן — עקזעקוטיוו־סעקרעטאר, קלמן ראזענבליט — פינאנץ־סעקרעטאר, דוד שלאסבערג — קאסיר, חיים לייב רינגעל און מענדל קאסע — פארוואלטונגס מיטגלידער.

באלד אין אנהויב פון זיין טעטיקייט האט זיך דער נייגעגרינדעטער פאריין אנגעצייכנט די ליניע פון זיין טעטיקייט, אין וועלכער עס זענען בולט געווען: קעגנזייטיקע הילף און א קאנטאקט מיט דער אלטער היים — מיטן שטעטל לאנצוט, ארויסהעלפן די נויטבאדערפטיקטע און העלפן עמיגרירן בני־משפחה.

אין יענער צייט האט דער גרעסטער טייל פון די לאנצוטער אימיגראנטן געוואוינט אין יידישן געגענט, האט געהייסן: The Lower East. קודם כל האבן זיך די לאנצוטער באמיט צו האבן אן אייגענע שול. נאך א קורצער צייט האבן זיי שוין איינגעארדנט א שול, וואו מ'האט געדאוונט שבת און יום־טוב.

אט דאס שולעכל האט א לאנגע צייט געדינט פאר א טרעף־פונקט פאר די לאנצוטער אין ניו־יארק. שבת ביים דאוונען האט מען זיך אויסגעפרעגט איינער אויפן אנדערן. אפילו פון די וואס זענען נישט געקומען צום דאוונען האט מען אויך אפגענומען גרוסן. מ'האט זיך פארבעטן אויף שמחות און דערציילט איינער דעם אנדערן וועגן „ביזנעס".

אין לויף פון יארן האט זיך דער לאנצוטער פאריין וואס אמאל מער פארגרעסערט און זיין טעטיקייט האט זיך אויסגעברייטערט. מען איז שוין געווארן א ביסל אמעריקאניזירט און אנגעהויבן איינצוארדענען צוזאמענטרעפן און „אווענטן", ווי עס פירט זיך ביי לייטן. דעם 19־טן מאי 1901 איז פייערלעך געפראוועט געווארן דער 12־טער יובילעאום פון לאנצוטער רעליעף פאריין. דער פארזיצער פון יובילעאום־קאמיטעט איז געווען סעם פרייז. דער באנקעט איז איינגעארדנט געווארן מיט א ספעציעלן מוזיקאלישן פראגראם. דיריגענט איז געווען פראפ' פעדער.

פון דעמאלט אן איז אנגעהאלטן געווארן א טראדיציע איינצוארדענען פארשידענע יובילעאום באקעטן. דאס אינטערעסאנטע איז אבער דאס, וואס לכבוד אזא פייערלעכקייט האט דער פאראיין ארויסגעגעבן א שיין־אילוסטרירטע בראשור, וואו ס'איז געווען דער פראגראם פונעם אוונט און אינפארמאציעס וועגן דער טעטיקייט, פארענדיקט מיט א סך אנאנסן פון בני לאנצוט. באזונדערס שיין זענען די ארויסגעגעבענע בראשורן צום 35 יובילעאום פון פאראיין, דאטירט 18־טער יאנואר 1925 און צום 40־טן יובילעאום, וואס איז פארגעקומען דעם 6־טן יאנואר 1929.

עס איז א פאקט, אז אין יענע צייט איז אנגעגאנגען א פרוכטבארע טעטיקייט אין דער לאנצוטער לאנדסמאנשאפט. איך וויל דא ברענגען עטלעכע ציפערן, וואס וועלן אילוסטרירן די דאזיקע טעטיקייט:

יאר	צאל פארזאמלונגען אינעם יאר	גענעראל פארזאמלונגען	צאל פארוואלטונגס־מיטגלידער	צאל חברים
1923	25	4	12	307
1949	10	3	10	
1950	21	4	8	
1951	23	4	8	236

די פארוואלטונג אין דער קאדענץ 1949—1951

בערל מערזיל — פרעזידענט, יצחק גרינמאן — ערן־סעקרעטאר, לואיס שטיצל — ערשטער וויצע־פרעזידענט, נתן גאלדשטיין — צווייטער וויצע־פרעזידענט, הערי שעפעל —

וויצע־פּרעזידענט, סעם זאָורהאַפט — טרעסירער, אַרטור זעליגמאַן — סעקרעטאַר.

אין 1926 ווערט געוויילט אַלס פּרעזידענט פֿון פֿאַרבאַנד מיסטער טשאַרלס בוך און מיסטער לואיס שטיצל אַלס וויצע־פּרעזידענט.

אין 1927 עפֿנט דער לאַנצוטער רעליעף אַ גמילות־חסדים־קאַסע א. נ. .Lanzuter Traning Corp די ערשטע קאַפּיטאַלן פֿאַר דער דאָזיקער קאַסע זענען געקומען פֿון אייגענע לאַנדסלייט. די גמילות חסדים־קאַסע איז געווען טעטיק ביז 1920 אין אַרויסגעגעבן הלוואות צו לאַנדסלייט.

כמעט אין דער זעלבער צייט אָרגאַניזירט זיך אַ פֿרויען־סעקציע ביי דער לאַנצוטער לאַנדסמאַנשאַפֿט אונטערן נאָמען .Lanzuter Ladies Benevolent Society אין דעם דאָזיקן פֿאַראיין האָבן אָנגעהערט כמעט אַלע פֿרויען, אָפּשטאַמיקע פֿון לאַנצוט. דער פֿרויען־פֿאַראיין האָט אַריינגעפֿירט אַ אימפּולסיוו געזעלשאַפֿטלעך לעבן צווישן די לאַנצוטער יידן. דעם פֿרויען־פֿאַראיין איז געלונגען אַריינצודרינגען אין די יידישע שטובן און צוציען מער מיטגלידער. גרויסע לייסטונגען האָט דער פֿרויען־פֿאַראיין געבראַכט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ הילפֿס־אַקציע, ווי, למשל, ערב פּסח.

אין דער צייט צווישן ביידע וועלט מלחמות האָט דער לאַנצוטער פֿאַראיין אין ניו־יאָרק אָנגעהאַלטן זיין טראַדיציע צו שיקן יעדעס יאָר אויף פּסח „מעות־חטין" קיין לאַנצוט. עס זענען יעדעס יאָר געשיקט געוואָרן אַ שיינע פּאָר הונדערט דאָלאַר. אויסער דעם האָבן דאָס אויך געטאָן פֿיל יידן אויף אַ פּריוואַטן אופֿן, אַרויסהעלפֿנדיק זייערע קרובים אין דער אַלטער היים.

אין יענע צייטן ביזן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די טעטיקייט פֿונעם לאַנצוטער פֿאַראיין געווען אַ זייער אינטענסיווע. די סיבה דערפֿאַר איז, וואָס די לאַנצוטער יידן אין ניו־יאָרק האָבן געוואוינט אין קאָמפּאַקטע מאַסן אין יידישן קוואַרטאַל אין דער איסט סייד און זיי זענען נישט געווען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט. אַן ענדערונג איז אין דעם פּרט פֿאָרגעקומען, ווען דער עולם האָט זיך אַ ביסל אַרויפֿגעאַרבעט און זיך איבערגעצויגן אין די גויישע און רייכערע קוואַרטאַלן פֿון ניו־יאָרק.

באַזונדערס וויל איך דאָ אויפֿמערקזאַם מאַכן אויף עטלעכע כאַראַקטעריסטישע מנהגים פֿון לאַנצוטער פֿאַראיין: קודם־כל איז פֿון דער ערשטער צייט געלייגט געוואָרן פֿיל אַכט אויף העלפֿן לאַנצוטער לאַנדסלייט, וואָס נויטיקן זיך אין מאַטעריעלע אונטערשטיצונג און אַנדערע הילף. עס איז איינגעפֿירט געוואָרן די ענגלישע שפּראַך. אַזוי זעען מיר אַז די אַלע איינלאַדונגען און בראָשורן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן לאַנצוטער פֿאַראיין זענען אין ענגליש. און אַ דאַנק דעם פֿאַקט, וואָס דער פֿאַראיין האָט ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסגעגעבן שריפֿטלעכע בולעטינען און אַלמאַנאַכן וועגן דער טעטיקייט פֿון פֿאַראיין, איז צו אונז דערגאַנגען די געשיכטע פֿון פֿאַראיין פֿון די ערשטע טעג פֿון זיין אַנטשטיין.

און איצט ווילן מיר אָנווייזן אויף צוויי געשעענישן, וואָס האָבן געווירקט און אויפֿגערודערט יעדן לאַנצוטער ייד אין ניו־יאָרק ווי אין גאָר דער וועלט. דאָס זענען: דער אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און די אַנטשטייאונג פֿון מדינת ישראל.

אינעם זעלבן יאָר פֿון מלחמה אויסברוך, אין יאַנואַר 1939 האָט דער Lanzuter Benevolent Association — L.B.A. געפֿייערט דעם 50־יעריקן יובילעאום פֿון זיין עקזיסטענץ און אַרויסגעגעבן אַ פּרעכטיקן אַלבום מיט אַ רייכן מאַטעריאַל וועגן יובל פֿון דער לאַנצוטער לאַנדסמאַנשאַפֿט אין ניו־יאָרק. אָבער אין סעפּטעמבער פֿון דעם זעלבן יאָר זענען שוין אָנגעקומען די ערשטע ידיעות, אַז די נאַציס האָבן פֿאַרנומען פּוילן און אונזערע ברידער און שוועסטער געפֿינען זיך שוין אין די נעגל פֿון די דייטשן.

אין די מלחמה־יאָרן איז יעדער קאָנטאַקט געווען אָפּגעשלאָסן מיט פּוילן. מען האָט אָבער געהאָפֿט, אַז צוליב די גינסטיקע געאָגראַפֿישע לאַגע, וואָס אויף דער צווייטער זייט פֿון טייך סאַן געפֿינען זיך די רוסישע אַרמייען, וועלן זיך אַ סך יידן פֿון יענעם געגנט און בתוכם לאַנצוטער יידן קענען ראַטעווען. אין די ערשטע מלחמה יאָרן האָט מען גאָרנישט געקאָנט טאָן, אָבער שפּעטער איז געווען אַ מעגלעכקייט צו שיקן דורכן רויטן קרייץ פּעקלעך קיין רוסלאַנד. דאָס איז טאַקע געטאָן געוואָרן סיי דירעקט דורך דער לאַנדסמאַנשאַפֿט און סיי דורך לאַנצוטער יידן אין ניו־יאָרק.

ערשט ביי דער ענדע פֿון דער מלחמה האָט מען זיך דערוואוסט ווי גרויס עס איז דער חורבן. פֿון די 2753 יידן וואָס האָבן געוואוינט אין 1939 אין לאַנצוט גופֿא (אויסער די אומגעגנט) האָבן זיך געראַטעוועט בערך 300 פֿאַמיליעס דורך אַנטלויפֿן קיין ראַטן־פֿאַרבאַנד. דאָס רוב פֿון די פּליטים זענען דורך פֿאַרשידענע אומוועגן אָנגעקומען קיין מדינת ישראל. אַ סך פֿון זיי האָבן נאָך דער מלחמה זיך קאָנצענטרירט אין פּוילן אין דער שטאָט שטשעטשין, אַנדערע ווידער האָבן זיך געפֿינען אין די־פּי קעמפּס אין מערב דייטשלאַנד. שוין אין 1943 האָט דער ארגון יוצאי לאַנצוט בישראל צוגעשיקט ידיעות, אַז די ערשטע לאַנצוטער פּליטים, זענען אָנגעקומען דורכן ווייטן מזרח קיין ישראל (צוזאַמען מיט גענעראַל אַנדערס אַרמיי). שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בעת דער מאַסן־עליה, וואָס אין אָנגעגאַנגען קיין ישראל אין די יאָרן 1951—1949 זענען אַריינגעקומען אין לאַנד בערך 250 פֿאַמיליעס לאַנצוטער יידן. די פּליטים אין ישראל זענען אָנגעקומען אָרעם און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אויסגעמאַטערטע און מידע נאָך אַזוי פֿיל טראַגישע איבערלעבונגען. דער גאַנצער עול איז אין יענער צייט געלעגן אויף אונדזערע ישראל חברים, אויפֿצונעמען זייערע ברידער און שוועסטער און העלפֿן זיי איינאָרדענען.

מיר האָבן אויך באַקומען גרוסן, אַז איינצלנע לאַנצוטער יידן האָבן עמיגרירט אין אַנדערע לענדער, און בעיקר אין די לאַטיין־אַמעריקאַנישע.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז ווידער אַנטשטאַנען דאָס פּראָבלעם פֿון פֿאַראייביקן די קהילה פֿון לאַנצוט.

נאָך אַ ריי ווענדונגען פֿון ארגון יוצאי לאַנצוט בישראל

זיך משתתף צו זיין אין פלאַנצן אַ יער לאַנצוט, האָבן מיר דעם 15־טן דעצעמבער 1957 איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלן מיטינג פאַר דעם צוועק. פאָרזיצער פון קאָמיטעט פאַר „יער לאַנצוט" איז געווען אַברהם שאַנץ און סעקרעטאַר בערנאַרד פריד. עס זענען צוזאַמענגענומען געוואָרן 300 דאָלאַר, און מיר האָבן די סומע איינגעצאָלט צום קרן קימת לישראל אין ניו־יאָרק, כדי צו פלאַנצן אינעם יער הקדושים אין די בערג פון יהודה אַ וועלדל אויפן נאָמען פון די לאַנצוטער פאַרטיליקטער קהילה.

אין דער טרייסט וואָס יעדער ייד פילט אין דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל — האָבן אָבער לאַנצוטער יידן נישט פאַרגעסן אין זייער היימאַטס שטעטל און אין אונדזערע קדושי לאַנצוט. ביי אונדז אין ניו־יאָרק אָרדענען מיר איין אזכרות נאָך די לאַנצוטער קדושים, אויף וועלכע עס טרעט טיילמאָל אַרויס הרב ר' שלום רובין, דער זון פון הרה"ג ר' דוד רובין, מרא דאתרא פון לאַנצוט, און אַנדערע פּערזענלעכקייטן.

אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל האָבן אָבער געשטרעבט צו פאַראייביקן קהילת לאַנצוט אין אַן אָנדענק בוך. פון זיי קומט טאַקע אַרויס די איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן אַ יזכור־בוך. ווי עס ווייזט זיך אַרויס איז שוין לאַנגע יאָרן אָנגעגאַנגען אין ישראל אַ צוגרייטונגס־אַרבעט ביים זאַמלען מאַטעריאַלן, זכרונות, פאָטאָגראַפיעס און וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן פאַר אַ יזכור־בוך. די נשמה פון דער דאָזיקער הייליקער אַרבעט איז אונדזער חבר מיכאל וואלצער. ער האָט פאַרנאַכלעסיקט זיינע אייגענע אינטערעסן און זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט פוילן און מיט פוילישע היסטאָריקער, געזאַמלט און געאַרבעט טאָג און נאַכט ביים שאַפן דאָס מאַטעריאַל פאַרן יזכור־בוך און די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן עס אַרויסצוגעבן. אין רעזולטאַט פון אַ ריי בריוו וואָס מיר האָבן באַקומען פון אים, איז ביי אונדז געשאַפן געוואָרן אַ יזכור־בוך קאָמיטעט, אין וועלכן עס זענען געוויילט געוואָרן די פאָלגענדע חברים: קלמן בוך, אליעזר ראָזענבלום, משה פרידער, בנימין זאוערהאַפּט.

דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט דעם 20־טן מאַי 1960 גערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און געשאַפן די ערשטע געלטער.

אָבער דער ריכטיקער באַשלוס איז ערשט אָנגענומען געוואָרן מיטן פאָרן פון אונדזער פּרעזידענט מיסטער קלמן בוך קיין ישראל. מיסטער בוך האָט מיטגענומען 500 דאָלאַר און זיי איבערגעגעבן פאַרן יזכור־בוך און אויך זיך מתחייב געווען צו שיקן פּאַפּיר פאַר דעם אָנדענק־בוך. דאָס פּאַפּיר איז גלייך אַרויסגעשיקט געוואָרן און באַנוצט געוואָרן פאַר דעם בוך. דער קאָמיטעט האָט אויך אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף צו אַלע לאַנצוטער יידן זיי זאָלן זיך באַשטייערן פאַרן אָנדענק־בוך. אַזוי אַרום זענען מיר געוואָרן גלייכע שותפים צו דער הייליקער אויפגאַבע צו פאַראייביקן די לאַנצוטער קהילה.

אין די לעצטע יאָרן האָבן באַזוכט מדינת ישראל און אויפגענומען געוואָרן דורכן ארגון יוצאי לאַנצוט בישראל:

אונדזער פּרעזידענט מיסטער קלמן בוך און זיין פרוי, לייב בן הרב אליעזר שאַפּירא, אסתר ניסן מאַרדער, אברהם מאָהל און זיין פרוי, משה בן מרדכי פלאַשן און זיין פרוי, הרב שלום רובין אין הרבנית חנה רובין, זיגמונד בליצער און יהושע ווינער און זיין פרוי.

אַלע געסט זענען צוריקגעקומען און אָפּגעגעבן באַגייסטערטע באַריכטן וועגן לעבן אין ישראל בכלל און וועגן דער טעטיקייט פון דער ישראל לאַנדסמאַנשאַפט בפרט.

און איצט, אַז מיר האָבן שוין דאָס לאַנצוטער יזכור־בוך ביי זיך אין שטוב, און אונדזערע געפילן זענען געקומען צום אויסדרוק אין דעם געדרוקטן וואָרט, דאַרפן מיר ממשיך זיין אין דעם זעלבן גייסט פון טראַדיציע און אהבת ישראל. אונדזערע אויפגאַבן דאַרפן זיין:

אַזוי ווי מיר קענען שוין מער נישט האָבן קיין קאָנטאַקט מיט אונדזער געבוירן־שטעטל, מחמת עס איז געבליבן אָן יידן, מוזן מיר אָנהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט ישראל, און דער עיקר מיט אונדזערע בני לאַנצוט פון ישראל. אַלע וואָס האָבן באַזוכט ישראל דערציילן אַז דאָס טרעפן זיך מיט לאַנדסלייט אין דער יידישער מדינה, און זעענדיק ווי לאַנצוטער יידן האָבן אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, ווירקט דאָס ווי אַ טרייסט פאַר דעם טייערסטן, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן.

מיר דאַרפן אויפשטעלן אין ניו־יאָרק אַ גרויסע מצבה פאַר די קדושי לאַנצוט. מיר דאַרפן אָבער אויך זאָרגן פאַר די לעבעדיקע. אַז מען זיצט אין ניו־יאָרק, קאָן מען אפשר דאָס ווייניק פילן, און זיך פאָרשטעלן. נאָך מער איז וויכטיק צו שאַפן אַ קאָנטאַקט מיט אַלע לאַנצוטער אין גאָר דער וועלט.



פּרעזידענט פון לאַנצוטער רעליעף אין יאָר 1963, בנימין זאוארהאַפּט, זיין פרוי סילוויאַ, און זייערע קינדער: שלמה און תהילים.



הערמאַן ב. אָפּנער




זיגמינד בליצער



לואיס שטיצל



יעקב פלאַשין



סעם זאַוארהאַפּט



יעקב שטיצל



אַליאַש רוטער



משה פלאַשין



בערנאַרד פריד



סעם פלאַשין



טשאַרלס ליליען



לואיס גאַרטנהאַוז



שאול בראַנשטיין

מיכאל וואלצער

דער ארגון פון לאנצוטער אין ישראל

הילף פאַר אָפּגעראַטעוועטע, געדענקשאַפט און פאַראייביקונג קאָנטאַקט מיט אונדזערע ברידער אין אויסלאַנד

ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן זיך עולים אין ישראל נישט אָרגאַניזירט אין קיין לאַנדסמאַנשאַפטן לויט זייערע אָפּשטאַם־שטעטלעך. דער באַגריף „לאַנדסמאַנשאַפט״, אַן אויסגעבאָרגטער פון אַמעריקאַנער לעקסיקאָן, איז געווען לגמרי פרעמד אין ישראל. איז דאָך דאָ שטענדיק געפלעגט געוואָרן דער געדאַנק פון קיבוץ־גלויות — פון צוזאַמענגיסן די גלותן, פון פאַרגעסן דעם זשאַרגאָנישן גלות־סלענג אין דעם לעבן פון די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אין אייראָפּע.

פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג פלעגן אין לאַנד עקזיסטירן לאַנדס־אָרגאַניזאַציעס ווי: „ארגון יוצאי פולין״, „ארגון יוצאי אַמריקה״ א.אַ.וו., וואָס זייער ציל איז געווען צו טראָגן הילף די נייע אָנגעקומענע עולים פון זייערע לענדער. טויזנטער — צענער־טויזנטער אין לאַנד, אָפּשטאַמיקע פון פאַרשידענע קליינע שטעטלעך אין פוילן, ליטע אָדער רומעניע, האָבן זעלטן דערמאָנט זייער געבוירן־שטעטל, אויפגעבנדיק נאָר די קרייז־שטאָט פון זייער געגנט. דער מצב האָט זיך אָבער ראַדיקאַל געענדערט מיטן אויסברוך פון צווייטן וועלט־פייער, ווען ס׳ צעשטערערישע פלאַמען האָבן פאַרניכטעט און אויסגעריסן ביז די וואָרצלען דאָס אייראָפּעאישע יידנטום. פוילן איז, אין דער דאָזיקער נאַצישער פאַרטיליקונגס־מלחמה, געווען דער אויס־ראָטונגס צענטער פון די יידן אין גאַנץ אייראָפּע.

פלוצים איז יעדער זכר פון יידישן פוילן, פון יעדן יידישן שטעטל און דאָרף, געוואָרן אונדז טייער, נענטער צום האַרצן. יעדעס אָרט ווו יידן האָבן געלעבט און געשאַפן אין משך פון הונדערטער יאָרן, איז געוואָרן פאַרהייליקט.

איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס אַלע לאַנדסלייט, באַזונדערס די קליינשטעטלדיקע, האָבן מיט יראת־הכבוד און מיט ווייטיקלעכער בענקשאַפט אָנגעהויבן דערמאָנען זייערע שטעטלעך. יעדער לאַנדסמאַן, יעדע דערמאָנונג, יעדער פאָלק־לאָר־אָנדענק, איז געוואָרן הייליק פאַר די בני־העיר וואָס געפינען זיך אין ישראל.

דער כוח פון אָרגאַניזירן זיך

פון איצט אָן, איז די מאָס פון אָרגאַניזירן זיך אין „לאַנדס־מאַנשאַפטן״ אין לאַנד, געווען אָפּהענגיק פון די מעגלעכקייטן און אָרגאַניזיר־פעיקייטן פון די עולים פון די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך. אין זכות פון מענטשן פון געפיל און טאַט זענען אין ישראל אַנטשטאַנען אָרגאַניזירטע לאַנדס־מאַנשאַפטן, וועלכע האָבן נאָך, אין סאַמע גאַנג פון דער מלחמה, זיך פאַראינטערעסירט מיטן גורל פון זייערע שטאָטס־ברידער, די אָפּגעראַטעוועטע גלאָווניעס פון פייער, וועלכע האָבן מיט וועגן־נישט־וועגן דערגרייכט די ברעגעס פון ארץ־ישראל.

לאַנדסלייט וואָס זענען געשטיצט געוואָרן דורך זייערע ברידער פון יענער זייט ים, האָבן זיך דאָ באַזירט און געשאַפן אַ בריק צווישן אַלע שטאָטס־מענטשן אויף דער גאָרער וועלט, און האָבן אויסגעשטרעקט אַ ברודערלעכע האַנט צו אַלע לעבנגעבליבענע וואָס האָבן גערופן נאָך הילף.

לאַנצוטער אין טעטיקייט

אויף די לאַנצוטער אין ישראל קאָן מען דרייסט זאָגן, אַז זיי געהערן צו די סאַמע טעטיקסטע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן. לאַנצוטער זענען נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. מ׳האָט זיי געזען אין די פאָדערשטע רייען פון טראָגן הילף זייערע געשלאָגענע שוועסטער און ברידער.

שוין ביי דער ערשטער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון לאַנצוטער אין לאַנד, האָבן די אָנוועזנדיקע צוגעטראָגן אַ סומע געלט פאַר שיקן פעקלעך מיט שפייז און קליידונג פאַר אונדזערע פליטים אין רוסלאַנד. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן איינצוקאַסירן אַ חודש־אָפּצאָל ביי אַלע לאַנצוטער. ווען ביים שלוס פון דער מלחמה האָבן זיך געפונען לאַנצוטער אין ווראָצלאַוו (פוילן), האָט אונדזער ארגון אין ישראל געאיילט מיט הילף פאַר זיי. מיטן אַנטשטיין פון מדינת־ישראל און דער פאַרשטאַרקונג פון דער עליה אין לאַנד אַריין, האָבן זיך געענדערט די אויפגאַבן פון ארגון: אָנשטאָט סאָציאַלע הילף — זענען דערוועקט געוואָרן פראָבלעמען פון אויפנעמען, באַהאַנדלען פון קאָנסטרוקטיווע הילף פאַר די נייע עולים.

אָן מינדעסטע גוזמא קאָן מען זאָגן, אַז לאַנצוט האָט פון זיך אַרויסגעגעבן, קיין ישראל און אין אַנדערע אימיגראַציעלענדער אויף דער וועלט — אַ פילפאַרביק מענטשן־מאַטעריאַל, תלמידי־חכמים און משכילים מיט אָפענע הערצער, וואָס זענען שטענדיק גרייט צו טראָגן הילף צו נויטבאַדערפטיקע לאַנדסלייט. אין ישראל האָבן זיך געפונען נאָך דער מלחמה, בערך
410 לאַנצוטער משפחות, צווישן זיי: לערערס, לאַנדווירטן, סוחרים, בעלי־מלאכה, באַאַמטע, פאַבריקאַנטן א.אַ.וו. מיטן באַזירן זיך פון ארגון אין לאַנד, איז פאַרבונדן געוואָרן אַ שטענדיקער קאָנטאַקט מיט לאַנצוטער אין אַמעריקע, אַרגענטינע, פראַנקרייך, בעלגיע, בראַזיל, קובאַ, דזשעמאַיקאַ, שווייץ, אויסטראַליע און ענגלאַנד. אין 1943 האָט זיך דער ארגון אין ישראל אָפיציעל קאָנסטיטואירט, און אין קאָמיטעט זענען געוועלט געוואָרן 17 חברים: הרב יצחק האָראָוויץ, ישראל הערצבערג, ד״ר נתן קודיש, ד״ר יוליוס ווייסמאַן, דוד האַר, חיה כ״ץ, משה מילראד, זלמן יאַסעם, חיים קעשטעכער, משה עסטליין־בראַנד, יצחק צעלנער, שמואל קעשטעכער, פנינה פאָפּיאָל, נחמה זאַוערהאַפּט, חיים העבנשטרייט, שמואל גרייזמאַן און מיכאל וואַלצער.

אין לויף פון יאָרן זענען פאָרגעקומען ענדערונגען אין צוזאַמענשטעל פון ארגון־קאָמיטעט. אייניקע פון די ערשטע אַקטיווע חברים זענען במשך פון דער צייט נפטר געוואָרן



אַ גרופּע לאַנצוטער פון דער שארית־הפליטה.

ערשטע ריי פון רעכטס: העניאַ דאָמב, מרים און חנה אַנפאַנג, יוסף רינגעל; צווייטע ריי פון רעכטס: אהרן וואָרם, חנה שטייער, מלך קעסטן, שמואל זאַוואַדאַ, מיכאל שיפער, צבי באַואר, קרעסל אַנפאַנג, חיה קעשטעכער; דריטע ריי פון רעכטס: בנציון וואָרם, סימה לאופער, פסחיה כ״ץ, בערל דאָמב, ישראל ליפשיץ, יצחק ווייסמאַן, אַנטוס. לאָלאַ לאַנגזאַם, פייגה קאַגאַנאָוויץ, יוסף צעלנער, קעשטעכער, עדה קאָרנבלאו, מלך אַנפאַנג, פעלנער, לענאַ ראָמער, ברײַנדל לינדענבליט, אברהם האַלפערן.

און האָבן נישט זוכה געווען צו זען די ווייטערדיקע פּירות פון זייער אינטענסיווער אַרבעט. זייער אָנדענק און טעטיקייט שפּיגלט זיך אָפּ אין „ספר־לאַנצוט״.

די פאַראייביקונג

די אייגנשאַפט פון די ארגונים אין ישראל, איז אַ גאַנץ אַנדערע פון די וואָס אין אַמעריקע, אָדער דרום־אַמעריקע. ישראל־ארגונים האָבן פאַרשטאַנען, אַז די עיקר־אויפגאַבע איז נישט דאָס אויפשטעלן „לאַנדסמאַנשאַפטן״ לויטן אַמעריקאַנעם נוסח, נאָר צו זוכן די געהעריקע און פּאַסיקע וועגן, כדי צו זיכערן די אייביקייט פאַר זייער שטעטל, וואָס איז פאַרטיליקט געוואָרן. אָט די אויפגאַבע ענדיקט זיך נישט מיט דער אָדער יענער פאַראייביקונגס־אַקציע, מען קאָן זאָגן אַז דאָס איז אַן אומאיבערגרייכלעכע און אייביקע אויפגאַבע. ווי ס'וואָלט געלעגן אַ חוב אויפן ארגון צו געבן זיינע בני־העיר אַן עקוויוואַלענט, כדי דאָס שטעטל זאָל לעבן אין אַן אָנגעזעענער ראַם פון געדענקשאַפט. אין דער מדרגה דריקט זיך אויס די טעטיקייט פון אַ לאַנדסלייט־ארגון אין: איינאָרדענען אַ יערלעכן יזכור־אָוונט, אין אויפשטעלן אַ מצבה דער אומגעקומענער שטאָט, אין חורבן־קעלער אויפן הר־ציון אין ירושלים, און אין אַרויסגעבן געדענק־ביכער לזכר עולם.

דער לאַנצוטער ארגון האָט זיך באַצייטנס גענומען צו דער גרויסער פאַראייביקונגס־אַרבעט און ער קאָן דעריבער איצט דערשיינען מיט דעם ווערק: „ספר לאַנצוט״. — די פּרוכט פון איבערגעגעבענער אַרבעט פון צוויי לאַנדסלייט מיט דער מיטהילף פון לאַנצוטער יחידים אין ישראל, פון לאַנצוטער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע און פון אַנדערע שטאָטס־לייט אין דער וועלט.

די פאַראייביקונגס־טעטיקייט פון די בני־לאַנצוט אין ישראל איז געווענדט געוואָרן אין פאַרשידענע ריכטונגען:

אין יאָר 1951 איז באַשלאָסן געוואָרן צו פלאַנצן אַ „יער־לאַנצוט״ פון 1.050 ביימער, אין אַלגעמיינעם „יער־הקדושים״, און דאָרט אויפשטעלן אַ מצבה.

דער טאָג: כ״א אין חודש מנחם־אב, יעדעס יאָר, איז באַשטימט געוואָרן אַלס יאָרצייט־טאָג לזכר קדושי־לאַנצוט, ווייל אין 3־טן אויגוסט 1942 (כ״א באב תש״ב) איז געווען דער גרויסער גירוש אין דאָרף פעלקיניאַ, וווּ ס'איז קאָנצענטרירט און פאַרטיליקט געוואָרן דער גרעסטער טייל פון די לאַנצוטער ייִדן און פון איר סביבה.

צוזאַמען מיטן „יד־ושם״ האָבן מיר דורכגעפירט אויף דפּי־עד (דענקמאָל־בלעטער) אַ רעגיסטראַציע פון די קדושי־לאַנצוט.

דער הויכפּונקט פון פאַראייביקונג איז דאָס „ספר־לאַנצוט״, אונטער דער רעדאַקציע פון מיכאל וואַלצער און ד״ר נתן קודיש. די פינאַנס־קאָמיסיע באַשטייט פון: דוד הר ז״ל (פאַרז.), שלום בוך, מיכאל פאַסט, פנחס גאָלדמאַן און דבורה טוכפעלד. אין דער רעווידיר־קאָמיסיע גייען אַריין: צבי לאַנדוי (פאַרז.), ישראל בירנבוים און פנינה פּאַפּיאַל.

אויף דער פאַרזאַמלונג אין יאָר 1960 איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ לאַנדראַט פון 33 חברים: ד״ר קודיש נתן, מיכאל וואַלצער, דוד הר ז״ל, דבורה טוכפעלד (ליפשיץ), נחמן קעסטנבוים, מיכאל פאַסט, שלום בוך, ישראל בירנבוים, פנחס גאָלדמאַן, משה הר, יהודה ווינער, שמואל קעשטעכער, משה פלאַשן, שלמה לבדי, נחמה בוים. יהושע קעסטן, צבי לאַנדוי, נפתלי רייך, משה מילראַד, יוסף מאַגנהיים, גדליהו עסטליין. אברהם מאַרגעל, דוד נוסבוים, קלמן תמרי, מנחם פּאַפּיאַל, זלמן יאַסעם, אהרון אויגנברוין, חנה אַנפאַנג, אסתר שלייכקאָרן, שמואל פעלבער, יעקב טראָמפּעטער, יצחק צעלנער און מאַניע פיילשוס.

מיט יעדן יאָר וואַקסט דער ארגון יוצאי לאַנצוט אין ישראל. אונדזערע אונטערנעמונגען און אויפגאַבן זענען אויס, אין צוריקבליק, ווי דאָס דערציען אַ קינד. יעדער יאָר פּילט זיך עפּעס נייעס אין דער ראַם פון ארגון־טעטיקייט. יעדעס יאָר, מיט אירע ארבעטס־פאָרמען און פּראָבלעמען. דרינגנדיקע ענינים אין דער אַלגעמיינער מצב שפּיגלען זיך אָפּ אינעם גאַנג פון דער ארגון־אַרבעט. אָט איז אַן אויפרוף וואָס ווענדט זיך צו די בני־העיר; איינער פון די ערשטע אויפרופן, מיט דער דאַטע פון יאַנואַר 1944:

„מיר זענען דיר מודיע, אַז אַ צאָל לאַנדסלייט האָבן אויף אַ צוזאַמענטרעף באַשלאָסן צו אַלאַרמירן די יוצאי־לאַנצוט אין ישראל און זיי רופן צו אַ פאַרזאַמלונג״.

דער אויפרוף איז ממשיך:

„קיין איינער פון אונדז וואָס זיצט זיך זאָרגלאָז אין אונדזער לאַנד, איז נישט פּטור פון אויסשטרעקן אַ האַנט צו די, וואָס טרינקן זיך אין אַ ים, אין דער פרעמד. אויב נישט מיר פאַר זיי, איז ווער פאַר זיי?״

דער אויפרוף ענדיקט מיטן אויפגעבן, אַז די פאַרזאַמלונג קומט פאָר דעם 2־טן יוני 1944, אין לאָקאַל פון „התאחדות עולי פולין״, ליליענבלום 15, תל־אביב.

יאָר־יערלעך דערהערט זיך דאָס קול פון די לאַנצוטער אין לאַנד, און שטענדיק געפינסטו ביי דער זייט פון דער איינלאַדונג אַ בקשה צום חבר: „גיב איבער אָט דעם איינהאַלט צו דיינע באַקאַנטע פון די יוצאי לאַנצוט און סביבה״.

מיר ברענגען דאָ אַן אויפרוף צו אַן אזכרה־פאַרזאַמלונג, אין טאָג פון 15־טן יאָרצייט נאָך די קדושי־לאַנצוט, דעם 18.8.57 אין בית־החלוצות, אין תל־אביב. דאָס איז גלייכצייטיק אַן אויפרוף וואָס וועקט און מוסערט די גלייכגילטיקע חברים. דו געפינסט ביי דער זייט די־אָ דערמאָנונג:

> **די רעגיסטראַציע אויף די** דפּי־עד **גייט צו ענדע** — האָסטו פאַראייביקט דיינע קרובים? ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מצבה אינעם וועלדל פון די קדושי־לאַנצוט — האָסטו געפלאַנצט ביימער? דאָס לאַנצוטער יזכור־בוך איז גרייט צו רעדאַקציע — האָסטו זיך באַטייליקט? לאַנצוטער שארית־הפליטה זענען געקומען אין לאַנד אַריין — האָסטו זיך מיט זיי פאַראינטערעסירט?

אַנדערע קלאַנגען

טיילמאָל שלאָגט זיך דורך אויך אַן אַנדערער קלאַנג אין די איינלאַדונגען און אויפרופן פון ארגון יוצאי לאַנצוט. פאַ־



ערשטע ריי פון רעכטס: דבורה טוכפעלד, מאַניאַ פלינק, פייגע האַר, פייגע פאַסטער, דוד האַר, רחל גרינער, משה מילראַד, קלמן תמרי, ——————, יחזקאל טייטלבאַום, לאה וויינשטיין; צווייטע ריי פון רעכטס: אליעזר דישה, ד"ר נתן קודיש, עדה פניק, בלומה העכט, דבורה צוויבל, מיכאַל וואַלצער, אברהם פעלנער, משה יונה פלאַשן, זלמן היטער.

ראַן אַ סך טרויער־טעג פון וויי און געדענקשאַפט. טעג פין התעוררות און תשובה — אָבער ס'זענען אויך פאַראַן פריידי־קע טעג. דער ארגון לאַדנט איין די חברים צו פייערלעכע צוזאַמענטרעפן. צו באַגעגענישן מיט לאַנדסלייט פון אַמע־ריקע, אַרגענטינע און פון אַנדערע לענדער, וואָס הויבן אָן באַזוכן ישראל. אָט איז פאָרגעקומען אַ קבלת־פנים־באַנקעט פאַר קלמן בוך, דעם פרעזידענט פון די לאַנצוטער אין די פאַרייניקטע־שטאַטן, אין די „גיל"־זאַלן, פסח 1960. פייער־לעכע קבלות־פנים פאַר לאַנדסלייט־געסט פון אַמעריקע, בעלגיע, פראַנקרייך, אַרגענטינע און שווייץ, אויך אין די „גיל"־זאַלן, פסח 1961. עס האָט אויסגעזען ווי ס'וואָלט פאָר־געקומען אַ אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענפלי פון די לאַנצר־טער, אין ישראל. ס'איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ קבלת־פנים־מסיבה לכבוד אליעזר סטעמפל און פרוי, דער פרעזידענט פין די בני־לאַנצוט אין דרום־אַמעריקע — אַן אַקטיווער און טע־טיקער חבר אין דער ספר־לאַנצוט־קאָמיסיע. ער האָט געוווסט פונדערווייטנס צו ראַטן, מסביר צו זיין און וועקן צו דער עבודת־הקודש.

און דערצו די אַלע פייערלעכע צוזאַמענקונפטן אין די חנוכה־טעג און אין אַנדערע יום־טובים, וואָס האָבן אַריינגע־ברענגט שמחה פון שבת־אחים־גם־יחד.


און ווידער אומעט און טרויער: אזכרות פאַר טייערע חב־רים, וואָס זענען אַוועק פון אונדז אינמיטן פון זייער אַקטיווער טעטיקייט, זענען אָפגעריסן געוואָרן ביים שטעלן דעם געמיינ־זאַמען בנין.

עס פליסט דאָס ארגון־לעבן פון די בני־לאַנצוט, וואָס איז געוואָרן פאַר אונדז אַ געזעלשאַפטלעכע איבערלעבונג. אַן ארגון וואָס האָט אויסקריסטאַליזירט אַ סך מענטשן פאַר איין שותפותדיקן און הייליקן ציל, און האָט געברענגט צווישן לאַנ־צוטער אין ישראל און לאַנצוטער אין אויסלאַנד צו דערהוי־בענער געמיינזאַמקייט.

פאַרשידן און קאָלירפול, נאָר ווערטיק און טייער זענען זיי — די ווירדיקע כוחות צווישן אונדז. ווען עס טרעפט עפּעס אַ באַשטימטע געשעעניש, ווי אַ באַזוך פון אַ גאַסט, אָדער, חס וחלילה, ווען אַ חבר שטאַרבט — איז טיילמאָל נויטיק צו ווענדן דאָס ליכט אויף דעם מענטש, צו באַלייכטן אים און פאַרהאַלטן זיך וועגן זיין פערזאָן.

פאָטער און זון

פון צווישן אונדזערע לאַנדסלייט, וועמען מיר זענען פאַר־פליכטעט פאַר זייער אויפמערקזאַמקייט, איבערגעבנקייט און האַרציקייט, דאַרפן מיר דערמאָנען קלמן בוך, דעם פרעזידענט פון לאַנצוטער אין אַמעריקע, און זיין זון האַרי. ער איז דאָס דער, וואָס האָט געגעבן דעם דעצידירנדיקן שטויס פאַר רעאַ־ליזירן דעם מאָנומענט „ספר־לאַנצוט". די מיטהילף פון זיין זון סימבאָליזירט די וואַרעמע פאַראינטערעסירונג פון דעם יונגן דור אין אונדזער שטאָט. קלמן בוך און פרוי האָבן באַזוכט דאָס לאַנד און דערוואָרבן פאַרערונג מצד אַלע לאַנצוטער אין ישראל. דאָס זעען זיך מיט זיי פנים־אל־פנים, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די פאַרבינדונג צווישן אונדז.



ד״ר נתן קודיש באַגריסט די געסט קלמן בוך און זיין פרוי. פון רעכטס: משה מילראַד, יוסף און לייב שפירא, מנחם סטעמפל, ד״ר צבי העלער, אינזשיניער אַנשיל רייס, מיכאל וואַלצער, נחמן קעסטנבאַום, קלמן בוך ד״ר נתן קודיש, ישראל הערצבערג, דוד הר, פרוי הערצבערג, טובה בוך, שרה און מנחם פעלבער.

עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן דער באַזוך פון הרב שלום ראַבין מיט זיין פרוי חנה. הרב ראַבין איז אַן אייניקל פון אַ פאַרצווייגטער רבנים־משפחה אין לאַנצוט. ער איז דער יושב־ראש פון דער רבנים־אָרגאַניזאַציע „ישראל הצעיר״, און די פרוי, די רבנית, איז אַקטיוו טעטיק אויפן געביט פון העבּ־רעישן חינוך און איז די פּרעזידענטין פון די „מזרחי־פרויען״ אין ניו־יאָרק. זייער באַזוך אין לאַנד איז געווען אַן איבערלעב־בעניש — נישט בלויז פאַר די בני־לאַנצוט, נאָר אויך פאַר אַ סך אַנדערע, וואָס זענען געקומען מיט זיי אין באַרירונג.

געטרייע עסקנים

משה קנעלער פון בעלגיע וואָס האָט אונדז באַזוכט, איז דער וויצע־פּרעזידענט פון דער מזרחי־באַוועגונג, געווען אַ דעלעגאַט צום לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ישראל. ער איז אַ טעטיקער חבר פון דער בוך־קאָמיסיע און העלפט צו צום דערשיינען פון „ספר־לאַנצוט״.

שלום ראָזמאַרין פון ענגלאַנד, באַזוכט צוזאַמען מיט דער פרוי און קינדער דאָס לאַנד. אויך ער געהערט צו די געטרייע לאַנצוטער און איז מיט אונדז אין כסדרדיקן קאָנטאַקט.

שמעון בליצער האָט באַזוכט ישראל. געווען דער יושב־ראש פון אונדזער ארגון אין אַמעריקע, האָט אַ סך אויפגעטאָן פאַר דעם פאַראייניקטן באָנדס־קאַמפּיין אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט פאַרלאָזן לאַנצוט אין יאָר 1900.

מיר דענקען, אַז איינע פון אונדזערע סימפּאַטישסטע מיסיעס, וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען, איז געווען דאָס מקבל־פּנים זיין און דאָס איינאָרדענען חברישע צוזאַמענטרעפן לכבוד אונדזערע לאַנצוטער לאַנדסלייט וואָס האָבן באַזוכט ישראל: משה בן מרדכי פלאַשן און זיין פרוי, נתן מאַלטער, לייביש פרילינג, לייביש גאָטעסמאַן, דער זון פון הרב אליעזר שפּירא, אברהם מאָל, אסתר מאַרדער, יהושע ווינער מיט דער פרוי, געצל עסטליין מיט דער פרוי, הערש יאַסעם מיט דער פרוי, משה פרידמאַן מיט דער פרוי, לייב פאָדערבייטל מיט דער פרוי, אברהם וויינבאַך, בצלאל שטערנהיים, לייביש פייגנ־בוים, מאַניע שעכטער־שוואַרצמאַן, די שוועסטער בוך, זלמן היטער, יואל פאָדערבייטל מיט דער פרוי, אברהם עסטליין און אַנד.

אַ ליטעראַטור פון בריוו.

זאָל מיר דערלויבט זיין צו פאַרהאַלטן זיך מיט די פּאָר ווערטער אויף איין געביט פון מיין ארגון־אַרבעט — דער אויסטויש פון הונדערטער בריוו מיט אונדזערע לאַנצוטער ברידער און פריינד. בריוו, וואָס מיט זייער מענטשלעכן און ממש ליטעראַרישן אינהאַלט, זענען זיי ראוי גערופן צו ווערן ליטעראַרישע בריוו. אַ סך טרייסט און דערמוטיקונג האָב איך אין זיי געפונען. דאָס זענען געדאַנקן־קאַפּיטלען פול מיט לעבנס־חכמה.

בריוו פון דעם שטייגער, זענען ביי מיר אויפגעהיטן, פון די חברים: אליעזר סטעמפל פון ב. איירעס, וועלכער האָט אַ סך געטאָן פאַרן יזכור־בוך. זיינע אויספירלעכע און אַלך־אַרומנעמענדיקע בריוו, קאָנען דינען אַלס אָנגענעמע לייען־קאַפּיטלען פאַר מענטשן וואָס אונדזער זאַך איז זיי נאָענט.

אַן ענלעך געפיל באַהערשט דיך, ווען דו לייענסט די

בריוו פון משה פרידער, דער טעטיקער חבר און ווירקנדיקע געשטאַלט אינעם בוך־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק. דורכגעמאַכט מיט זיין שיינדל אַלע גרויליקייטן אין דער לעצטער וועלט־קריג, און דערנאָך געקומען קיין ניו־יאָרק.

די ארגון־טעטיקייט אין לאַנד האָט געברענגט צו אַ פּאַר־ברייטערטן בריוו־אויסטויש מיט חברים אין אייראָפּע, אַמע־ריקע און אויסטראַליע, וועלכער ברענגט מיט זיך אַ שלל מיט געדאַנקען און געפילן פון לאַנצוטער באשר הם שם. ווענענס אויפגאַבע ס'איז צו דערגרייכן דעם הייליקן ציל פון פאַראיי־ביקן אונדזער היימשטאָט. הלוואי זאָל אָט די פאַרבינדונג אָנ־האַלטן נאָך אַ סך יאָרן.

אַן אָנדענק־מצבה פאַר חברים וואָס האָבן נישט זוכה געווען...

ביים שלוס פון אונדזער טעטיקייטס־באַריכט, דאַרף איך דערמאָנען מיט צער די אַלע, וועלכע האָבן אַ לאַנגע תקופה מיט אונדז צוזאַמענגעאַרבעט און נישט זוכה געווען צו זען די דערגרייכונגען: חיים העבנשטרייט, שמואל גרייזמאַן, דוד הר, משה יונה פלאַשן, ד״ר יוליוס וויסמאַן (דער זון פון באַוווסטן משכיל, יצחק וויסמאַן) — די מיטגרינדער און מיטגלידער פון ארגון־פאַרוואַלטונג. און די חברים: הרב יעקב האָראָוויץ, מרדכי פאַסטער, שמיאל זאַוואַדע, גדליהו ענגלבערג, וואָלף כ״ץ, רחל גרייזמאַן, אברהם כ״ץ און זיין פרוי, מלך קעסטן, אברהם פעלנער, מירל גאָטעסמאַן, אברהם בן אַנשיל כ״ץ, מיכאל שיפער, ישראל ליפשיץ, יהושע און רחל קאָרנבלוי, אפרים קאָרנבלאַו, מענדל גאָלדמאַן, פייגע סטעמפל, משה מאָנד, יחזקאל טייטלבאום, יוסף שפונט, גאָלדע שטאָסער, דבורה רעגנבויגן, זלאַטע לאַנגזאַם.

די אַקטיוויסטן פון ארגון יוצאי לאַנצוט אין ישראל, קאָנען מיט באַפרידיקונג צוריקבליקן צו דעם גאַנג פון זייער ביזאיצ־טיקער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט — פאַר זייערע שטעטלדיקע אין לאַנד, פאַרן פאַרפעסטיקן די פאַרבינדונג צווישן אונדזערע רעשטלעך אין דער ברייטער וועלט און פאַרן אויפשטעלן דער פאַרטיליקטער קהילה אַן אייביקייט־מצבה — דאָס דענקמאָל: „ספר לאַנצוט״.

דאָס שליחות און די געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן פון אר־גון האָבן זיך נאָכנישט געענדיקט. און אויב ער וועט ווייטער געפונען דערמוטיקונג ביי די לאַנצוטער אין ישראל און אין אויסלאַנד — שטייען נאָך פאַר אים אויפגאַבן, וואָס זענען לטובת און דעם אוטיליטאַרן נוצן פאַר אַלע בני־לאַנצוט.



קבלת פנים־אָוונט פאַר בצלאל שטערנהיים און לייב פייגנבאום.
ערשטע ריי פון רעכטס: מיכאל פאַסט, אסתר פעלבער, דבורה שטערנהיים, מיכאל וואַלצער, קלמן תמרי. זלמן היטער, מאַשקאָוויטש; צווייטע ריי פון רעכטס: שרה פעלבער, בטי כ״ץ, סימה שטערנהיים, לייביש ווינער, מנחם סטעמפל, בצלאל שטערנהיים, לייב פייגנבאום, קלאַראַ שקולניק, חומה וואָרם, דבורה מובערמאַן; דריטע ריי פון רעכטס: יצחק צעלנער, נעמי און אפרים זיסאַפל, משה מילראַד, יהודה גרינבאום, פאָפיאָל, אברהם מאַרגל, קיילע־אסתר ווינער, רעגינא מאַרגל, אהרן וואָרם, מאַניע ענגלבערג, שלום בוך, עטל שטרייטפעלד, אפרים רוטער, מאַשקאָוויטש; פערטע ריי פון רעכטס: אַבע פערלמוטער, צבי לאַנדאַו, יצחק שטערנהיים, ישראל בירנבאום, נפתלי רייך, שמואל קעשטע־כער, אליהו פאָפיאָל, מאיר בירנבאום, יעקב טראָמפעטער, משה כ״ץ, פסח גאָטליב.

ארגון יוצאי לאנצוט בארץ־ישראל

חשובע לאַנצוטער ברידער!

פאַר 3 חדשים האָבן מיר געגרינדעט אין ארץ־ישראל אַ לאַנצוטער פאַריין, אין וועלכן ס׳זענען אַריין אַלס מיטגלידער אַלע לאַנצוטער, וואָס געפינען זיך אין לאַנד.

וואָס האָט אונדז באַוויגן צו גרינדן דעם פאַראיין און וואָס איז זיין צוועק און ציל? —

אַריינקומענדיק אין אונזער שטעטל לאַנצוט האָבן די נאַציס פאַרטריבן אַלע יידישע איינוואוינער, אַ חוץ אַלטע און שווער קראַנקע. די לאַנצוטער פאַריאָגטע זענען געזעסן אין שטעטל שיניווע ביז די רוסן האָבן זיי אָנפאַנג אָקטאָבער 1941 אַלע עוואַקואירט קיין סיביר. א לאַנגע צייט האָבן אונזערע ברידער אַזוי געוואַנדערט ביז זיי זענען אָנגעקומען אין זייער גלות־אָרט: סאַמאַרקאַנד, טאַשקענט, יאקוטסק, קירגיזיען און נאָך אַנדערע טיילן אין סיביר. פיל פון די פאַרטריבענע זענען אויף זייער וואַנדער־וועג אָדער שוין אין סיביר אויסגעשטאָרבן, פאַרשידענע קרענק, הונגער און קעלט האָבן פיל פון זיי אַנידערגעלייגט. ס׳זענען איבערגעבליבן אלמנות און יתומים (10 פון די יתומים זענען געקומען קיין ארץ־ישראל).

די צרות און לייד פון וואַנדערן און אַוועקלויפן זענען געוואָרן אַ גליק פאַר פיל, דען זיי זענען אין רוסלאַנד געבליבן ביים לעבן, ווייל פון די וועלכע זענען אין גאַליציע געבליבן איז, לויט אונזערע ידיעות זייער ווייניק געבליבן ביים לעבן, אַחוץ די וואָס באַהאַלטן זיך ביי גויים אין וועלדער און ציטערן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

אָנפאַנג פאָריקן ווינטער האָבן מיר דאָ אין ארץ־ישראל אָנגעהויבן באַקומען בקשות פון קרובים און סתם־באַקאַנטע און גוטעפריינד, מיר זאָלן זיך אויף זיי מרחם זיין און שיקן אַ פעקל קליידער אָדער שפייז, כדי דאָס לעבן צו דערהאַלטן. כל זמן ס׳איז געקומען אַזעלכע איינציקע ביטעס, האָט יעדער פון אונז, אַלס איינצלנער, געהאָלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן, קליידער און עסנוואַרג (כאָטש יעדער פעקל קאָסט כמעט 7 פונט) האָבן מיר געשיקט. קיין איינציקע בקשה פון אַ לאַנצוטער ברודער איז נישט אָפּגעזאָגט געוואָרן. אָנהויב ווינטער 1943 האָבן אָנגעפאַנגען אַ סך לאַנצוטער — וועלכע גאָט האָט אין פאַרוואָרפענעם קאַלטן סיביר דאָס לעבן געשענקט — זיך צו ווענדן פון טיפן רוסלאַנד, מיט געוויין, געבעטן, מיר זאָלן רחמנות האָבן און זיי שיקן פעקלעך. מיר האָבן שוין באַקומען באַשטעטיקונגען אויף די אַוועקגעשיקטע פעקלעך מיט פולן דאַנק און מיט אַ אָנדייטונג אַז דאָס ביסל עסן אָדער שטיקל שטאָף האָט זיי אויף אַ לענגערע צייט געראַטעוועט פון אונטערגאַנג.

מיר דאָ זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס איינצלנע מענטשן וועלן דאָ ווייניק אויפטאָן און מיר האָבן געגרינדעט „אַ לאַנצוטער פאַריין אין ארץ־ישראל". אַזוי האָבן זיך דאָ אין לאַנד געגרינדעט אַ סך פאַריינען פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אין פוילן מיט דעם צוועק צו העלפן און ראַטעווען זייערע לאַנדסלייט, מיט הילף פון אונדזערע עפנטלעכע אינסטיטוציעס.

ס׳איז געוויילט געוואָרן אַן אויסשוס פון 17 מענטשן, אַלע לאַנצוטער האָבן געשפענדעט אַ איינמאָליקע גרעסערע שפענדע „איש כפי יכלתו", און צאָלן מאָנאַטס בייטראָג. דער פאַריין האָט שוין איבערגעשיקט קליידונג און פראָוויאַנט פאַקעטן פאַר אַלע לאַנצוטער אין רוסלאַנד, וואָס זייערע אַדרעסן זענען אונז באַקאַנט.

איצט ווענדן מיר זיך צו אייך, לאַנצוטער ברידער!

מיר זענען דאָ טאַקע נאָענט צו דער צרה. דורך אינדיען און פערסיען קען די הילף צו אונזערע ברידער שנעלער דערלאַנגען. אָבער איר זאָלט נישט שטיין פון דער ווייטנס! איר קענט נישט קאַלטבלוטיק און גלייכגילטיק צוקוקן ווי אייערע אייגענע ברידער און קרובים שטאַרבן אויס פאַר הונגער און קעלט. „מבשרך אַל תתעלם"! רופט שנעל צו אַ פאַרזאַמלונג, זאָל איין ברודער דעם צווייטן וועקן צו דער גרויסע מצוה. און די מצוה איז גרויס! איין טראַנספאָרט פון פראָוויאַנט־פּעקלעך פאַר אַלע לאַנצוטער אין רוסלאַנד קאָסט 210 פונט. מיר באַקומען אַ 50% ערמעסיגונג פון אונזערע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. כדי אונזערע ברידער אין רוסלאַנד אַ רעאַלע הילף צו געבן מוז מען 2 מאָל אין מאָנאַט אַזעלכע פאַקעטן שיקן. אין דאָס קענען זיך די לאַנצוטער אין ארץ־ישראל, וועלכע זענען מייסטנס פעלדאַרבעטער און טאָג־לענער בשום אופן נישט לייסטן.

אפשו׳ איז דאָס נישט קיין צופאַל, וואָס דער גורל האָט אייך געברענגט אין די פאַריייניקטע שטאַטן, כדי איר זאָלט קענען ראַטעווען דאָס הייפל לאַנצוטער ברידער, וועלכע זענען היינט אויף דעם ווייטן סיביר, מעגלעך, אַז דאָס זענען חלילה די איינציקע וואָס זענען געבליבן פון די לאַנצוטער יידן, זאָלן מיר זיי העלפן. מיר טוען דאָ אַלעס וואָס ס׳איז אין אונזערער מעגלעכקייט און האָפן אַז אויך איר וועט מאַכן אַ גרויסע אָנשטרענגונג כדי אונז צו דערמעגלעכן אַ דויערנדע הילפסלייסטונג. דען מיר דאָ וועלן אַליין, ביים בעסטן ווילן נישט בכוח זיין אַ לענגערע צייט די הילף צו לייסטן.

פאַר דעם זאָל יעדער פון אייך וואָס איז ניצל געוואָרן פון ביטערן גורל, וואָס האָט געטראָפן אונזערע ברידער, זיין האַרץ און האַנט עפענען און אַזוי לאַנג העלפן ביז קיין איינציקער לאַנצוטער ברודער וועט אויפן סיביר נישט לעכצן נאָך אַ שטיקל ברויט און וואַרעמקייט, ביז ווי מיר האָפן, עס וועט אונז געלונגען, זיי פון דאָרט אַרויסצוציען.

מיר גיבן אייך איבער די נעמען פון די אויסשוס־מיטגלידער:

1. הרב הורוויץ יעקב, 2. הערצבערג ישראל, 3. ד"ר ווייסמאַן יוליוס, 4. ד"ר קודיש נתן, 5. האר דוד, 6. כ"ץ חיה, 7. מילראד משה, 8. יאָסעם זלמן, 9. קעשטעכער חיים, 10. עסטליין־בראַנד משה, 11. צעלנער יצחק, 12. קעשטעכער שמואל, 13. פופיול־מארגעל פנינה, 14. בוים־זויערהאַפט נחה, 15. גרייזמאַן שמואל, 16. וואַלצער מיכאל, 17. העבנשטרייט חיים.

דבורה טוכפלד־ליפשיץ תל־אביב

פרידת נצח - שנה שנה...

מדי שנה בשנה נוהר לו קהל אנשים, שרידי עיירתנו. לאולם בית החלוצות, אשר בעיר תל־אביב הסואנת. כבחוטים נעלמים, סמויים מן העין, נמשכים הם, מי מקרוב ומי מרחוק, אל אותו מקום המפגש של התראות נוספת.

קבוצות קבוצות צובאים הם על פתח הבית, ויש שתופסים את כל המעבר עד קצה המדרכה. עומדים הם צפיפים ומתל־חשים, מין נחשול של זכרונות מציף אותם, בראותם זה את זה, ולהט הדיבור גובר והולך — דומה המקום לכוורת.

נעים לעבור על פני קבוצות אלו, לשהות קמעה פה ושם, להתבונן ולהטות אוזן, ומאותם קטעי דברים ומהמבטים המצ־טלבים במתחות נימים ונרקמים מראות העבר — העריסה, החצר, הרחוב, השוק, לילות שבת, מועדים, עולם ומלואו...

הנה מתקרב זוג קשישים, הוא בעל זקן שיבה, חבוש מגבעת שחורה, נע לאיטו, היא חובשת פאה נכרית.

נימי נפשי נרעדות, חמימות אופפת אותי, הלא רואה אני בהם את הורי ואת כל עדת עיירתנו הקדושה!

האבות עטורי־זקן והאמהות המצועפות — לא בגנים ציבוריים ולא בחוצות העיר ליטפו אותנו. אך אנו ידענו את טעם חיבוקיהם. בעריסות עץ, על מצע קש רענן ישנו. שנת תינוק מתוקה, כשרגלם מנענעת אותנו...

ומי מאתנו לא שיחק להנאתו בסיכות התקועות בפאות הנכריות של אמותינו, היה מחבל ברשת הדקה — המבט הסלחני ומלמול שפתיים סבלני שלימדו אותנו. משחר ילד־תנו, את „מודה אני" ו„שמע ישראל", היו תמיד מעודדים את שובבותנו.

וכעת חומקים מבטי עיניים ממני אלי רבים, ומהם אלי, אל נכדתו של זיסלה הסופר, ומבטי־עיניים אלה, רבי משמעות הם. אור נעורים נדלק בעינינו. כמוהם כמוני — יחד, שוקעים אנחנו בים הזכרונות.

מזדקרת דמותו של אבי עטוף טלית ותפילין, אני רואה את העטרת המשובצת אשר בקצה הטלית והרצועות השחורות המתוחות על זרועו...

מה עמוק נחקק בזכרוני הוד קדומים זה!! אפלס לי דרך אל „האפיקורסים", כפי שכינו אותם האבות. לפי מושגי זמננו היום „הוותיקים המיוחסים". פניהם חרושי קמטים, שנות עמל ומלחמת הקיום הטביעו עליהם את חותמן. הארץ טשטשה בהם את סימני העיירה לאנצוט, ושונים הם בהופעתם, כי אלה מרדו בגולה שנים רבות, לפני שהתחוללה השואה. הם באו כמהים לחיים חדשים, נאבקו קשה, נאחזו והגשימו את יעודם — לבנות ולהיבנות בה...

האם חוננו אלה במין תחושת זמן מיוחדת ועלו, או אולי בחרה בהם יד הגורל לשמש שליחי העיירה!...

הנה חניכי „פועלי ציון", „פרייהייט", „השומר הצעיר" החסונים, אברכי משי של „מזרחי", „הנוער הציוני", „עקיבא", חברות „ויצ"ו" ובנות יעקב...



קבלת־פנים־אָוונט פאַר אליעזר סטעמפל און זיין פרוי אינגאַ, (אַרגענטינע), ישעיהו סטעמפל, (יאַמאַיקאַ) — באַגריסט דבורה טוכפעלד (ליפשיץ).



לאַנצוטער אויף אַ אזכרה נאָך די קדושים.
(תל־אביב, בית־החלוצות)

תשחורת השער איננה עוד, הבלוריות דהו או נעלמו כליל, השער מכסיף בדרך הטבע...

ואנו חוזרים לאותן השנים היפות, עת היינו צעירים, עת חלמנו חלומות, על אף הקדרות שבעיירה. רטט עובר בליבנו בזוכרנו עת הלכה והתפשטה התנועה הציונית, עת טיילנו בשדרות אחוזתו של הגראף פוטוצקי... הנופים הלהיבו את דמיוננו ואנו הרווינו את נפשנו בשיחות אידיאולוגיות...

התווכחנו בלהט עלומים והשכחנו את כל טרדות היום וגילויי שנאת ישראל, שהעיבו את פני העיירה. כיסופי גאולה הדהדו בנו וערים היינו לכל מאורע שבארץ. התחרינו בפעו־לות למען קק״ל, קרן היסוד, „מגדל וחומה" והתבשמנו מהמ־עשה הציוני; את שפת הקודש למדנו, העלינו דמויות ומחזות עבריים. ערכנו אסיפות כינוסים, עונגי שבת נפלאים, וכל אלה נסכו בנו כוח עמידה ורוח איתנה...

ואנחנו אז רק בני 16—17.

תוגה משתפכת בראותנו, כי דלונו מאוד... היכן הם האחים והאחיות הרבים, יפי התואר וישרי הלב?!

גם הם, כמונו, ספגו את ערכי התנועה הציונית, ונשאו את נפשם לארץ. מלאי מרץ והתלהבות היו. זכורים הם לנו עת שזרמו אל תחנות הרכבת ללוות אותנו, את העולים לארץ — עלומיהם בקטפו בטרם עת, חייהם ירדו שאולה...

לשווא אחפש כאן שכן לחצר שלנו, החצר הזו היהודית רבת ההתרחשויות, המוקפת מארבע רוחות בתים צמודים זה לזה כחומה.

קשה להשלים, כי נדם בה הדופק — ועגומה עליך נפשך... הסוכה שבחצר, אור הנרות שנשקף ממנה, האשנבים הצרים מעליית הגג, המרתף, וכן הכתלים המוצקים שבהם הותקנו ארונות ספרים ברוחב של ש״ס מעומד... החלונות רחבי משקוף ואדן, והשער הסגור על בריח ברזל — החצר הזאת נפרצה, טומאה ויושביה הובלו...

אחד מהרחוב נותר. אני מתבוננת בניצולי השואה. אור עמום בעיניהם. על אלה עברו מוראות המלחמה וכן על קדושי משפחתי, אחיותי הענוגות כשתינוקותיהן על זרועו־תיהן שלא זכו...

שנות יסורים וגלגולים שונים עברו עליהם, בשואה נחרב עליהם עולמם. אך, ראו איזה פלא — קמטיהם אינם שונים משל אלה שלא שתו מכוס התרעלה הנאצית. ומה חסונים הם „ילדי טהרן"! הם נשתלבו בחיי הארץ, וזו נסכה בהם מיפיה ומהדרה. שובבות צברית בהם. נקלטו יפה וגם עשו חייל.

כן, תוגה ושמחה משמשות פה בערבוביה. קהל הלאנ־צוטאים הקטן, רב אנפין הוא — וזיק אחד מהבהב בלב כולם — דבקות לעיירה שהיתה ואיננה...

זה דבק בזה, מי באומר ומי במבט, שקוע בזכרונות נעורים, או בזכר מוראות המלחמה, זכר שכנות, פרנסה ועסקנות.

הקהל הרוגש, שצבא קודם לכן על פתח האולם, מתחיל להיכנס פנימה, אל האולם, ופה תרות עינינו אחרי נפש סוערת אחת, זו השוזרת זה שנים את מסכת העיר. הוא מרא־שוני העולים מלאנצוט לארץ ישראל, מישה החולמני, שלשון אהבה ופיוט בפיו. בעלותו נשא את נפשו אל העתיד, כעת הוא נושא את נפשו אל העבר, מחטט ומחטט בו. משתזר בהווי הלאנצוטאי על כל זרמיו וגילוייו ומעלה כל מה שניתן לדלות ולהציל מתהום הנשייה. והוא, אותו בחור, חניך „השומר הצעיר", שוקע דווקא בעולם החסידות. מתייחד עם העיירה בכל רמ״ח אבריו ושס״ה גידיו. סובב בבתים עד לשיכחה עצמית, הוא שרוי במלאכת הקודש ומסור ליעודו, כי ההשגחה

העליונה — היא שבחרה בו לשמש שליח העיר להנצחתה של קהילת לאנצוט הקדושה.

דומיה משתררת, מורגשת איזו תכונת מיסתורין, כאילו אל מסע ההלוויה. דמעות זולגות, העיניים ניתלות לרגע באותיות השחורות... ובנרות זיכרון הדולקים...

אפופי תוגה ורכוני ראש מתייחדים אנו עם בני עיירתנו. קולו של החזן מרטיט את הלב „אל מלא רחמים"...

במעמד זה מרחפות בחלל האולם הנשמות הקדושות של אבותינו, אמותינו, אחיותינו, אחינו, קרובינו וכל בני קהילתנו.

הלבבות הנפעמים הם עם העיירה. ומי יתנה את קרעי הרסס, את שברי אנחותיהם, את המיית בכייתם, את תפילו־תיהם ותקוותיהם של קדושינו, עת התפלץ ליבם בקירבם... אנקתם ולחישתם נישאו למרומים. אומר לי לבי, כי קדושינו נאחזו בנו ברגעיהם האחרונים!

אנו עומדים תוהים — למה עקרה אותם היד הזדונית ולא ניתן להם לקטוף מעץ החיים, ולמה לא ניתן לנו להושיע להם??

וכי אין דמם צועק אלינו?... ארץ אל תכסי דמם!



אַזכרה נאָך די לאַנצוטער קדושים.
פון רעכטס: אברהם כ"ץ, יוסף גאָטעסמאַן־שפּירא, אנשיל כ"ץ (רעדט), שמאל גרייזמאַן, ד"ר נתן קודיש, אַ חזן, קלמן תמרי (טייטלבאום), מיכאל וואַלצער.

טוביה וידן ירושלים

נר נשמה

דומם אעמוד בפני המצבה הכתובה — מצבת עד לזכר עיירתנו לאנצוט שנחרבה ואיננה עוד.

הלב רוטט וכואב, העינים מקור דמעה ודבר אין בפי...

דלו שפתי אנוש מלמצות את כל עומק הכאב והצער.

בידים רועדות, ברטט של קדושה, הנני מעלה בזה נר תמיד לזכר עריסת ילדותי על אדמת נכר, מעיין אהבת הבריות, מקום חיים תוססים, שנחרב ונדם לנצח.

לזכר הורינו היקרים והמסורים שעונו באכזריות איומה בארץ טומאת העמים והשיבו נפשם אל על בקדושה ובטהרה.

ולזכר אחיותינו — הנאהבות והנעימות בחייהן ובמותן לא נפרדו — אשר שתו מכוס התרעלה עד תומה וגוועו אי שם במחנות המות, גלמודות ועזובות.

ולזכר אחינו העמלים והישרים — תמימי דרך, עדיני הנפש, שנשרפו חיים ונשמתם הטהורה עלתה בלהבות השמימה.

ולזכר כל בני משפחותינו, אשר ניספו בגיא ההריגה; נגדעו האילנות רבי הפאר ונעקרו משרשם.

בני לאנצוט היקרים! איככה הלכתם לטבח לפני צר!

לבנו, לבנו עליכם, יקרים וחביבים, מי יתן תמורתכם!!!

נישא את זכרם הקדוש באהבה בלבנו הדווי, ולא נשכחם לנצח ויהיו נא דברים אלה לנר נשמה...

יתגדל ויתקדש...



המצבה לזכר קדושי קהילת לאַנצוט במרתף־השואה, הר־ציון, ירושלים.

ד פ י ־ ה נ צ ח ה

אנדענק־בלעטער

IN MEMORIAM





מ. ליפשיץ תל־אביב

נפש לר' גדליה אנגלברג

אחת הדמויות הבולטות בעירנו היה ר' גדליה אנגלברג ז"ל. הוא עצמו הסתתר בענוותנותו הרבה מאחורי מעשיו. לא רדף אחר כבוד, שנא את הפרסום.

